STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03593

YIDN UN YIDISHKEYT

Abram Menes

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נאַציאָנאַלע ייִדישע ביכער צענטראַלע
National Yiddish Book Exchange

4229

אברהם מענעס

יידן און יידישקייט

יידישקייט — די משיחישע וויזיע פון א פאָלק און א וועג פון לעבן

ערשטער באנד

ירושלים תשל"ד — 1974

Abraham Menes
Yidn un Yidishkeit

©

B. Menes, Givat Shapira (French Hill)
Jerusalem

Printed in Israel 1974
נדפס בדפוס „דרור", ירושלים

אינהאלט

עסייען 1941—1969

מתן תורה און קבלת התורה 7
די עשרת הדברות אין אונדזער צייט 10
די אידעע פון מענטשלעכער חשיבות 14
די הייליקייט פון לעבן 33
ווער איז א ייד און וואָס איז יידישקייט 35
דאָס הייליקע וואָרט 42
שלום 45
דער חשבון פון א מענטשן 47
די שליחות פון יידישקייט 49
דער שבתדיקער ייד 51
גלות און גאולה 63

תורה — דער קנין פון גאַנצן פאָלק 71
די ראָל פון מענטש און ספר אין דער יידישער געשיכטע . 90
די עטיק פון דער תורה 103
אידעען און מעשים 117
זינד און תשובה 126
באַנייונג 142
גערעכטיקייט 148
צדקה 165

דער יידישער וועג (דער יחיד, די מלוכה און די געמיינדע) . 176
די יידישע פאַמיליע 205
יידישע דערציונג 238
קיום האומה 266

יידן און יידישקייט אין אַן אומרויקער צייט 278

קיין אפיקורסים ביי יידן זיינען ניטאָ 291

אַלטע און נייע יידישקייט 312
רעליגיע און יידישקייט 342
יידיש גלויבן אין אונדזער צייט 356
יידישקייט אָדער קולטור 375
יידישקייט ביחידות און יידישקייט בציבור 381
דער וועג צו יידישקייט 386

אונדזערע קינדער און אייניקלעך

מתן תורה און קבלת התורה

עס קען פאַסירן, אַז גראַד מענטשן, וואָס זיינען פול אָנגעזאַפּט מיט יידישקייט, וועלכע האָבן די בעסטע יאָרן פון זייער יוגנט פאַרבראַכט אין בית־מדרש און אין דער ישיבה און וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין אַ הונדערט־פּראָצענטיקער יידישער סביבה, אַז גראַד אַזעלכע מענטשן זיינען אָפּט ניט פעיק צו פאַרשטיין און צו באַגרייפן די אויסערגעוויינטלעכע שיינקייט פון אַ סך יידישע טראַדיציעס. מען האָט זיך אַזוי לאַנג צוגעוווינט צו יידישע מינהגים און צו יידישע טראַדיציעס, אַז מען קען זיך גאַרניט פאָרשטעלן ווי אַזוי עס האָט געקענט זיין אַנדערש. עס איז דערפאַר אָפּט נויטיק אַ געוויסע דיסטאַנץ, כדי צו דערזען זאַכן אין זייער ריכטיקער ליכט. נאָך מער איז נויטיק אַזאַ מער אָביעקטיווע איינשטעלונג, ווען עס האַנדלט זיך וועגן גרויסע היסטאָרישע געשעענישן און וועגן די וויכטיקע טראַדיציעס פון דער יידישער געשיכטע.

אין וואָס באַשטייט דער וווּנדער פון דער סיני־טראַדיציע? דער נס פון מתן־תורה באַשטייט ניט בלויז דערין, וואָס דער האַר פון דער וועלט האָט אַראָפּגע־נידערט צו די קינדער פון ישראל, נאָר דער עיקר דערין, וואָס די קינדער פון ישראל האָבן זיך דערהויבן צו גאָט. עס וואָלט אפשר געווען ריכטיקער צו באַ־צייכענען שבועות ניט ווי דעם יום־טוב פון מתן תורה, נאָר ווי דעם יום־טוב פון קבלת התורה.

צו דער גרויסער וועלט־היסטאָרישער געשעעניש פון מתן־תורה איז דאָס יידישע פאָלק געווען אַ שותף, גאָר אַ וויכטיקער שותף, וואָרים נאָך מער ווי דער רבונו־של־עולם האָט אויסגעקליבן יידן פאַר זיין פאָלק, האָבן די קינדער פון ישראל אויסגעקליבן דעם באַשעפער פון דער וועלט פאַר זייער גאָט. די תלמודישע טראַדיציע דערציילט: ווען גאָט ברוך הוא האָט אַראָפּגענידערט מיט דער תורה אויף דער ערד, האָט ער זיך באַוויזן ניט נאָר צו די יידן, נאָר צו אַלע אומות פון דער וועלט. פריער איז ער געקומען צו די קינדער פון עשו און ער האָט זיי געפרעגט: ווילט איר מקבל זיין די תורה? האָבן זיי אים געענטפערט: וואָס שטייט אין דער תורה געשריבן? האָט זיי גאָט ברוך הוא געזאָגט: לא תרצח — דו זאָלסט ניט מאָרדן! האָבן אים די בני־עשו געענטפערט: האַר פון דער וועלט, דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם טאַטן עשו'ס לעבן איז דאָך געווען רציחה, און זיין פאָטער האָט אים דאָך צוגעזאָגט "אויף דיין שווערד זאָלסט דו לעבן" (ועל חרבך תחיה) — ווי קענען מיר אָננעמען די תורה?! איז דער רבונו של

עולם אזוי ארומגעגאנגען פון פאָלק צו פאָלק: ניט געווען קיין אומה צווישן די אומות, וואָס ער איז ניט געקומען און ניט געקלאַפּט אויף איר טיר: ווילט איר מקבל זיין די תורה? ביז ער איז צום סוף געקומען צו די קינדער פון ישראל און זיי האָבן געענטפערט: נעשה ונשמע.

אַ צווייטע תלמודישע אגדה גיט איבער דעם זעלביקן געדאַנקען אויף אַן אנדערן אופן: ווען גאָט ברוך הוא האָט אַראָפּגענידערט אויפן באַרג סיני און האָט די יידן געגעבן די תורה, איז יעדעס וואָרט, וואָס איז ארויס פון גאָטס מויל, געהערט געוואָרן אין אלע זיבעציק לשונות, כדי אַלע פעלקער און אַלע מענטשן אויף דער וועלט זאָלן הערן און פאַרשטיין גאָטס וואָרט. די תורה איז געגעבן געוואָרן דער גאַנצער וועלט, אָבער נאָר יידן זי אָנגענומען.

אפילו נאָך איצטער — טענהט די יידישע טראַדיציע — איז די תורה אַ תורה פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר אַלע אומות און לשונות. פאַרוואָס איז די תורה געגעבן געוואָרן אין מדבר — פרעגט די אגדה — אין אַ פּלאַץ, וואָס איז הפקר, וואָס געהערט קיינעם ניט? וואָלט די תורה געגעבן געוואָרן אין ארץ ישראל — ענטפערט די אגדה — וואָלטן די אומות העולם געקענט זאָגן: די תורה געהערט בלויז יידן. אָבער איצט, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן אין אַ פּלאַץ וואָס איז הפקר, וואָס געהערט קיינעם ניט, איז ווער עס וויל, קען קומען און נעמען די תורה.

עס איז שווער אין אונדזער אָרעמער מענטשלעכער שפּראַך צו געפינען ווערטער, וואָס זאָלן איבערגעבן די מאַיעסטעטיש-הייליקע דערהויבנקייט פון דעם, וואָס די יידישע טראַדיציע באַצייכנט מיט די ווערטער "מעמד הר סיני". אַ גאַנץ פאָלק פאַרזאַמלט זיך ביים הייליקן באַרג, הערט גאָטס וואָרט און נעמט אויף זיך פרייוויליק אָפּצוהיטן גאָטס תורה; און אַ בונד ווערט געשלאָסן, אַ הייליקער אָפּמאַך צווישן גאָט און פאָלק: "דו האָסט היינט אויסדערוויילט גאָט, ער זאָל זיין דיין גאָט, צו גיין אין זיינע וועגן און צו היטן זיינע געזעצן, זיינע געבאָטן און זיינע משפטים און צו הערן אין זיין קול; און גאָט האָט דיך היינט אויסדערוויילט, דו זאָלסט זיין זיין פאָלק" (את ה׳ האמרת היום להיות לך לאלהים וללכת בדרכיו ולשמר חקיו ומצותיו ומשפטיו ולשמע בקולו, וה׳ האמירך היום להיות לו לעם סגולה).

אזוי רעדט דער באַשעפער פון גאָר דער וועלט צום פאָלק. די קינדער פון ישראל האָבן אים אויסגעקליבן פאַר זייער גאָט, דאָס פאָלק ישראל האָט געשלאָסן אַ בונד מיט גאָט. עס איז אַ הייליקער בונד צווישן גאָט און כנסת ישראל. דאָס וואָרט דעמאָקראַטיע איז צו שוואַך און צו בלאָס כדי צו ברענגען צום אויסדרוק דער אויסערגעוויינטלעכן רעספּעקט, וואָס די יידישע טראַדיציע ווייזט דאָ ארויס פאַר די רעכט פון פאָלק אליין צו באַשטימען זיין וועג און זיין גורל.

איז דערפאַר ניט קיין ווונדער, וואָס די תורה איז געוואָרן דער יסוד פון דער יידישער דעמאָקראַטיע. דורך דער גאַנצער יידישער טראַדיציע גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדים דער גרונט-מאָטיוו: די תורה איז געגעבן געוואָרן פאַר אַלעמען;

ניטאָ קיין פּריווילעגיעס לגבי דער תורה. אין לויף פון דער געשיכטע זיינען וויזט אויס, אַ סך מאָל געמאַכט געוואָרן פּרווון צו ״פאַרכאַפּן״ די תורה, צו מאָנאָפּאָליזירן די תורה פאַר באַשטימטע גרופּעס, דאָס פאָלק זאָל ניט האָבן קיין צוטריט צו דער תורה. אָבער מיט דער גרעסטער עקשנות האָט דאָס פאָלק אָפּגעהיט זיין רעכט אויף דער תורה. אַ מדרש דערציילט: די קינדער פון ישראל זיינען געקומען מיט אַ טענה צו משה רבינו. דו האָסט געגומען די תורה — האָבן זיי צו אים געזאָגט — און דו האָסט עס אַוועקגעגעבן די כהנים! האָט זיי משה רבינו געענטפערט: איר ווילט, מען זאָל מיט אייך שליסן אַ בונד, אַז ווער נאָר עס וועט וועלן לערנען תורה, טאָר אים קיינער דערין ניט שטערן? האָבן זיי געענט־פערט: יע! האָבן זיי אָנגענומען און האָבן געשוואָרן, אַז מען טאָר קיין שום מענטשן ניט אָפּהאַלטן פון לערנען תורה, ווייל עס שטייט געשריבן ״צום גאַנצן פאָלק ישראל״. דעמאָלט האָט משה צו זיי געזאָגט: היינטיקן טאָג ביסטו געוואָרן אַ פאָלק צו ה׳ דיין גאָט (אמר להם משה רצונכם שיכרתו לכם ברית שכל מי שמבקש למוד תורה לא יהא נמנע, אמרו לו הן, עמדו ונשבעו שאין אדם נמנע מלקרות בתורה שנאמר אל כל ישראל לאמר, אמר להם משה היום הזה נהיית לעם).

דריי קרוינען זיינען פאַראַן, זאָגט אַ תלמודישע טראַדיציע: די קרוין פון כהונה, די קרוין פון מלוכה און די קרוין פון תורה. די קרוין פון כהונה האָט אהרן זוכה געווען און ער האָט עס באַקומען; די קרוין פון מלוכה איז דוד זוכה געווען און ער האט עס באקומען; אָבער די קרוין פון דער תורה ליגט פריי פאַר אַלעמען, ווער עס וויל קען קומען און זוכה זיין.

וואָס זיינען די גרונד־אידעען פון דער תורה? די טראַדיציע וועגן די עשרת הדברות גיט אונדז דערויף דעם ענטפער. די צען געבאָט, ווערט דערציילט אין חומש, זיינען געווען אָנגעשריבן אויף צוויי לוחות, פינף אויף איינער פון די לוחות און פינף אויף אַ צווייטער. דאָס ערשטע געבאָט איז ״אנכי ה׳ אלהיך״ — איך בין ה׳ דיין גאָט. עס איז דער פּרינציפּ פון מאָנאָטעיזם, דער גלויבן אין דעם איין און איינציקן גאָט. פאַראַן אַ טיפער זין אין דעם גלויבן פון מאָנאָטעיזם. אויב עס עקזיסטירט ניט מער ווי איין גאָט, דאַן קענען מיר האָפן, אַז דער חלום פון איין וועלט, אַ וועלט פון שלום און ברידערלעכער ליבע צווישן אַלע מענטשן, וועט אַ מאָל פאַרווירקלעכט ווערן.

מיט דעם אידעישן עיקר פון מאָנאָטעיזם איז פאַרבונדן דער צווייטער טייל פון די עשרת הדברות, וואָס האָט צו טאָן מיט די מצוות פון בין אדם לחברו. אָט דער צווייטער טייל הייבט זיך אָן מיט דעם זעקסטן געבאָט — **לא תרצח**, דו זאָלסט ניט מאָרדן! און דאָס ווערט געזאָגט קורץ, קלאָר און קאַטעגאָריש, אָן פּירושים און אויסטייטשונגען — לא תרצח, דו זאָלסט ניט מאָרדן! און עס איז פאַראַן אַ גרויסע שייכות — ווי דאָס איז שוין באַמערקט געוואָרן אין דער טראַדיציע — צווישן אנכי און לא תרצח. וואָרים דער מענטש — לערנט אונדז די יידישע טראַדיציע — איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פאָרם און אין זיין געשטאַלט, בצלמו כדמותו. איז דערפאַר דאָס לעבן פון דעם מענטשן אַזוי הייליק,

מוזן מיר דערפאַר אויך היילִיק האַלטן דעם כבוד פון דער מענטשלעכער פערזענ־לעכקייט.

פאַראַן אַן אגדה: ווען גאָט ברוך הוא האָט אויסגערופן די צען געבאָט, האָט דאָס גאַנצע פאָלק ניט נאָר געהערט, נאָר האָט אויך "געזען" גאָטס וואָרט, וואָרים עס שטייט געשריבן "וכל העם רואים את הקולות" — דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען די קולות. וואָלטן יידן מער ניט ווי געהערט די עשרת הדברות, דאַן וואָלט מען אייניקע געבאָטן געקענט טייטשן אויף פאַרשיידענע אופנים. דעם "לא" וואָלט מען געקענט לייענען מיט אַ וואָו, אנשטאָט אַן אלף. דאָס וואָלט דאַן געהייסן — לו תרצח, פאַר אים, פאַר גאָט, ד.ה. לשם שמים, מעג מען יע הרגענען אַ מענטשן. האָט מען דערפאַר די יידן געדאַרפט ווייזן די עשרת הדברות, געדאַרפט זיי ווייזן מיט פייערדיקע אותיות — לא תרצח, מען טאָר ניט מאָרדן, מען טאָר קיין מאָל קיין בלוט ניט פארגיסן, אפילו ניט לשם שמים. ניטאָ קיין שום אַנטשולדי־קונג פאַר בלוט־פאַרגיסונג, אפילו ניט, ווען מען קען דורך דעם מאָרד פון אַן אומשולדיקן צווייטן מענטשן ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן. ווי זאָגט די גמרא: מאי חזית דדמא דידך סומק טפי — וואָס ווייזט דיר אויס, אַז דיין בלוט איז מער רויט, אפשר איז גאָר דיין חברס בלוט מער רויט?

און די וועלט וואָלט אפשר אַנדערש אויסגעזען, ווען מען וואָלט אויפגעהערט אויסצוטייטשן דעם "לא" פון די עשרת הדברות.

די עשרת הדברות אין אונזער צייט

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אין ענגליש דערשינען אַ זאַמלבוך אונטערן טיטל די "עשרת הדברות". צו די מיטאַרבעטער פון דעם זאַמלבוך האָבן געהערט אַזעלכע שריפטשטעלער ווי טאָמאַס מאַן, פראַנץ ווערפעל, זיגריד אונדסעט, זשול ראָמען און אנדערע. פאַראייניקט האָט די גאַנצע גרופע איין צענטראַלע אידעע: מאָביליזירן די בעסטע כוחות פון דער פראָגרעסיווער וועלט פאַרן אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן היטלעריזם. עס איז דערפאַר פון גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס דער פאַקט, וואָס דער דאָזיקער אידעישער קרייז האָט זיך צוזאַמענגענומען אונטערן סימבאָל פון די לוחות, פון די צען געבאָט. דער היטלעריזם האָט העל באַלויכטן אַ סיטואַציע אין אונזער מאָדערנער קולטור־וועלט, וואָס איז אין תוך שוין געווען געווען קריטיש אַ לענגערע צייט פריער. נאָר אויפן הינטערגרונט פון אַ געוואַלטיקער מאָראַלישער ירידה האָט געקענט אויפקומען און געדייען די ווילדקרויט פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם. איז דערפאַר טאַקע גאָרניט קיין חידוש, וואָס טיף־דענקענדיקע מענטשן האָבן דערשפירט די נויטיקייט צו לאָזן הערן דעם רוף: צוריק צו די עשרת הדברות! צוריק צו די גרונט־פרינציפּן פון אַ ציוויליזירטן לעבן!

אין זיין אַריינפיר צום זאַמלבוך דערציילט הערמאַן רוישנינג, וואָס האָט אַ

געוויסע צייט געאַרבעט צוזאַמען מיט די נאַציס, וועגן זיינער אַ באַגעגעניש מיט היטלערן, ביי וועלכער עס זיינען אויך געווען אַנוועזנד אַ צאָל היטלערס נאָענטסטע מיטאַרבעטער. ה. ראַושנינג גיט איבער דעם אינהאַלט פון אַן אינטימען שמועס אין דעם דאָזיקן העכסטן קרייז פון די נאַצי־פירער בנוגע דער שטעלונג פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג צו דער קריסטלעכער קירך: מיר מוזן זיך באַפרייען פון דעם ידישן סם — האָט היטלער פּאַטעטיש אויסגערופן — וואָס האָט געפירט צו אַ דעגענעראַציע פון די בעסטע מענטשלעכע אינסטינקטן.

"אַלץ וואָס איז קעגן דער נאַטור, איז קעגן לעבן אַליין. דאָס איז די סיבה, וואָס ברענגט צום אונטערגאַנג פון פעלקער. זיי ברענגען זיך אַליין אום דורך דער קללה פון 'דו זאָלסט' און 'דו זאָלסט ניט'".

"גיב אָפּ כבוד דיין פאָטער און מוטער! ניין! רייסט איבער געבעלס. יעדער יונגער מענטש רעוואָלטירט קעגן און האַסט זיין פאָטער, און אַזוי מוז ער טאָן, כדי אַנצוהויבן אַן אייגן לעבן. דאָס איז דאָס אייביקע געזעץ פון דער נאַטור".

"דו זאָלסט ניט גנב'ענען! פאַלש! רופט אויס היטלער... דאָס גאַנצע לעבן איז גנבה... דער טאָג וועט קומען ווען איך וועל אנקעגנשטעלן די דאָזיגע געבאָטן פון די לוחות אַ נייעם געזעץ... דאָס איז עס, קעגן וואָס מיר קעמפן — די קללה פון די אַזוי גערופענע מאָראַלישע פליכטן, פאַר וועלכע מען האָט געשאַפן אַ געטלעכע סאַנקציע, כדי צו שיצן די שוואַכע לגבי די שטאַרקע. אָט די מאָראַל שטייט אין סתירה צום אייביקן געזעץ פון מלחמה, דעם גרויסן געזעץ פון דער געטלעכער נאַטור. קעגן די אַזוי גערופענע צען געבאָט, קעגן זיי קעמפן מיר!"

ערשט אין ליכט פון די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן קענען מיר אָפּשאַצן די אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג פון די עשׂרת הדברות. אין די לפי ערך רואיקע פאַר־היטלער יאָרן האָט אפילו געקענט אויסווייזן, אַז דער דאָזיקער דאָקומענט פון אַלטן ישׂראל האָט אין בעסטן פאַל ניט מער ווי אַ היסטאָרישן ווערט. אַ טייל פון די געבאָטן, האָט מען געקענט טראַכטן, זיינען שוין לאַנג פאַראַלטערט און די אַנדערע חזר'ן איבער אַלגעמיין באַקאַנטע און אַלגעמיין אַנערקענטע אמת'ן. וואָס איז דער גרויסער אויפטו אין פאָרמולירן אַזעלכע אוניווערסאַל אַקצעפּטירטע מאָראַלישע פאָדערונגען ווי, למשל, לא תרצח אָדער לא תגנב?

די טרויעריקע דערפאַרונגען האָבן אונז, ליידער, געלערנט, אַז אפילו אַזעלכע עלעמענטאַרע פּרינציפּן זיינען נאָך ווייט ניט פון אַלעמען אַקצעפּטירט. די גרויסע באַדייטונג פון די עשׂרת הדברות ווערט אָבער ערשט קלאָר, ווען מען באַטראַכט דעם גאַנצן דאָקומענט ווי אַן אָרגאַנישע איינהייט. זיי זיינען וויכטיק ניט נאָר מיט דעם, וואָס זיי זאָגן, נאָר אויך מיט דעם, וואָס זיי פאַרשווייגן, וואָס זיי לאָזן אויס. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס דאָ פעלן אינגאַנצן די אַזוי גערופענע קולטישע פאָדערונגען, ווי קרבנות וכדומה. דאָס איז באַזונדערס וויכטיק צו באַטאָנען, ווייל אויך אין די אַזוי גערופענע פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע קרייזן האָבן די עשׂרת הדברות ניט גאָר קיין סך הייסע חסידים. אַ טייל, למשל, גלויבן, אַז אַזעלכע געבאָטן ווי לא תגנב און לא תחמד שפּיגלען אייגנטלעך אָפּ די מאָראַל

פון דער בעל־הבית׳יש בירגערלעכער וועלט, ווו דאָס רעכט פון פּריוואַטן אייגנס ווערט באַטראַכט פאַר איינעם פון די הייליקסטע עיקרים. דער, וואָס ווייס די געשיכטע פון דוד און אוריה החתי, וועט בעסער פאַרשטיין די באַדייטונג פון לא תחמד אשת רעך — דו זאָלסט ניט גלוסטן דיין חבר׳ס פרוי! עס איז גאָרניט געווען אַזוי איינפאַך אויסצולערנען די הערשער צו רעספּעקטירן די רעכט און די מענטשלעכע ווערדע פון אַ פּשוט׳ן בירגער. די געשיכטע פון אחאב און נבות פירט אונז נאָך אַ טריט ווייטער: דעם קיניג פון ישראל — ווערט דערציילט אין מלכים — איז געפעלן געוואָרן דער וויינגאָרטן פון זיין שכן נבות, און ער ווענדט זיך צו אים: ״גיב מיר דיין וויינגאָרטן, כדי ער זאָל מיר זיין פאַר אַ גאָרטן פון גרינס, ווייל ער איז נאָענט לעבן מיין הויז, און איך וועל דיר געבן אַנשטאָט אים אַ וויינגאָרטן, אַ בעסערן פון אים. אָדער, אויב דיר געפעלט בעסער, וועל איך דיר געבן געלט, וואָס דיין וויינגאָרטן איז ווערט״. האָט נבות געזאָגט צו אחאבן: ״באַהיט מיך גאָט, איך זאָל דיר אָפּגעבן די נחלה פון מיינע עלטערן״. אין דעמאָקראַטישן ישראל האָט זיך דער קעניג אחאב קיין עצה ניט געקענט געבן: אויב דער איינפאַכער פויער נבות וויל ניט פאַרקויפן די נחלה פון זיינע עלטערן, קען אים קיינער דערצו ניט צווינגען. אחאב׳ס ווייב אָבער, די פעניקישע פּרינצעסין איזבל, האָט וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג. זי האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין גאָר אַן אַנדער וועלט און זי פאַרשטייט ניט ווי שטעלט מען זיך אַנקעגן דעם ווילן פון אַ הערשער. די דעספּאָטישע איזבל געפינט אויך דעם וועג דורכצופירן איר ווילן. מען דינגט צוויי פאַלשע עדות, וועלכע דערציילן פאַרן געריכט, אַז נבות האָט געלעסטערט גאָט און דעם קיניג. דער אָרעמער נבות ווערט פאַרמשפּט צום טויט, און אחאב קאָנפיסקירט דעם וויינגאָרטן פון דעם אומשולדיק פאַרמשפּט׳ן. אָבער גראָד אין דעם מאָמענט, ווען אחאב איז געקומען באַטראַכטן זיין נייע נחלה, האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן דער נביא אליהו, וועלכער וואַרפט אים אַנקעגן די גורלדיקע ווערטער: ״דו האָסט דערמאָרדעט און דו ווילסט אויך ירשענען!״ די שטראָף־רייד פון דעם קנאישן קעמפער פאַר גערעכטיקייט זיינען ניט געבליבן אָן אַ ווירקונג. אליהו׳ס אַרויסטריט האָט אויפגערודערט דאָס פאָלקס־געוויסן און האָט סוף כל סוף געפירט צום אונטערגאַנג פון דער גאַנצער אחאב־דינאַסטיע. מיר קענען איצטער בעסער פאַרשטיין, וואָס עס האָט באַדייט די פאָדערונג: דו זאָלסט ניט גלוסטן דיין חבר׳ס הויז און זיין פעלד. די אחאב־נבות געשיכטע דערקלערט אונז אויך די פולע באַדייטונג פון לא תענה ברעך עד שוא — דו זאָלסט ניט זאָגן קעגן דיין חבר קיין פאַלשע עדות.

ביידע טיילן פון די עשרת הדברות, וואָס זיינען געווען געשריבן אויף די צוויי לוחות — זאָגט אַן אַלטע אגדה — בילדן איין אָרגאַנישע איינהייט. יעדער פון די ערשטע פינף געבאָטן האָט אַ דירעקטע שייכות צו איינעם פון די פּאַראַלעלע פינף געבאָטן פון צווייטן טייל: דאָס ערשטע געבאָט — ״אנכי ה׳ אלקיך״ איז דירעקט פאַרבונדן מיטן זעקסטן געבאָט — ״לא תרצח״, וואָרים דער רוצח פאַר־גיסט דאָס בלוט פון דעם, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלקים. מיר דוכט, אַז

אַט דער טראַדיציאָנעלער ענטפער האָט נאָך ניט פאַרלאָרן זיין באַדייטונג אויך אין אונזער צייט. אָן דעם בצלם אלקים ברא אותו, אָן דער הייליקייט פון דער מענטש־לעכער פערזענלעכקייט און פון מענטשלעכן לעבן, איז ניטאָ קיין שום פעסטער יסוד פאַר אַ באמת ציוויליזירטער וועלט. עס איז היינט אַ סך שווערער דערין צו צווייפלען ווי מיט אַ יאָרצענדליק צוריק.

עס האַנדלט זיך דאָ, אגב, גאָר ניט וועגן סתם רעליגיע, נאָר דווקא וועגן דער מאָנאָטעיסטישער פאָרמולירונג פון רעליגיעזן גלויבן. די אידעע פון אחדות הבורא שליסט אין זיך איין די אידעע פון דער איינהייטלעכקייט פון דעם מענטשלעכן מין. "מיר זיינען דאָך אַלע קינדער פון איין פאָטער און מיר האָבן דאָך אַלע איין בורא" (הלא אב אחד לכלנו הלא אל אחד בראנו). כדי צו באַגרינדן זיין נייע מאָראַל האָט זיך היטלער דערפאַר אַזוי שטאַרק געגוויטיקט אין דער ראַסן־טעאָריע און דערפאַר איז אים געווען אַזוי פרעמד דער יידיש־מאָנאָטעיסטישער אוניווערסאַליזם.

דער "אנכי" פון די עשרת הדברות האָט אָבער נאָך אַ באַזונדערע באַדייטונג ווי די איינציקע גאַראַנטיע קעגן דעם מוטווילן און דער הפקרות פון די מענטש־לעכע הערשער. די אַנטוויקלונג פון די לעצטע יאָרן האָט אונז דייטלעך באַוויזן אַלע געפאַרן פון דעם יצר הרע פון מאַכט. עס קען דערפאַר ניט זיין קיין גרעסע־רער אומגליק ווי צו עטאַבלירן די מלוכה אַלס די העכסטע מאָראַלישע אויטאָריטעט. מיר מוזן האָבן אימיצן, וואָס זאָל היטן די "היטער", וואָס זאָל אויך אין אומרואיקע שטורעמדיקע צייטן אָפּהיטן די אייביקע געזעצן פון רעכט און מאָראַל. ווען מיר ריידן וועגן דעם געוויסן פון דער וועלט, וועגן דעם ענדגילטיקן משפט פון דער געשיכטע, דאַן אַפּעלירן מיר אין תוך צו אַ העכערער אויטאָריטעט, פאַר וועלכער מיר געפינען ניט די געהעריקע באַצייכענונג. אַהאָב'ן האָט זיך געקענט אנקעגנ־שטעלן נאָר אַ פערזענלעכקייט פון דעם שניט ווי אליהו הנביא מיט זיין אומדער־שיטערלעכן גלויבן אין דער געטלעכער גערעכטיקייט. די "נאַטור־פילאָזאָפיע" פון אונזערע מאָדערנע פריידענקער איז ניט מסוגל אויפצווועקן נביאים, וואָס זאָלן זיך שטעלן אין וועג פון די מאַכט־אַמביציעס און דעם מאַכט־שיגעון פון די דיקטאַטאָרן. דאָס איז די סיבה, וואָס היטלער איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט קעגן דעם "דו זאָלסט" און "דו זאָלסט ניט" פון די עשרת הדברות, קעגן די "דיקטאַטאָ־רישע" געבאָטן פון דעם "יידישן" גאָט.

די באַיווּע פאַרגעטערונג פון דער נאַטור, ווי דאָס איז נאָך ביז גאָר ניט לאַנג געווען אין מאָדע אין די קרייזן פון אונזערע פריידענקער, איז ווייט ניט קיין פּראָגרעס. מיר האָבן גאָר וויניק דערגרייכט, ווען מיר פאַרבייטן גאָט מיט נאַטור. מיר זיינען דורכדעם אויך ניט געוואָרן קיין סך קליגער. דער וועג פון "הייליק איז די נאַטור!" — ווי מען פלעגט אַמאָל ביי אונז זינגען — פירט דירעקט און אומפאַרמיידלעך צו "הייליק איז די דיקטאַטור!" עס איז גרינגער צו געפינען אין די "אייביקע" געזעצן פון דער נאַטור אַ באַגרינדונג פאַר דער פאַרהייליקונג פון דער ברוטאַלער מאַכט ווי פאַר די פאָדערונגען פון דער נביאישער מאָראַל.

דערפאַר איז עס ווייט ניט קיין אַנאַכראַניזם, ווען מיר הערן איצט פון צייט צו צייט ווידער דעם רוף: צוריק צו די עשרת הדברות!

די אידעע פון מענטשלעכער חשיבות אין דער יידישער טראַדיציע

וואס איז דער מענטש? ווי אַ שאָטן וואָס פאַרגייט און איז מער נישטאָ, אזוי איז דאָס מענטשלעכע לעבן אויף דער ערד. אַש און שטויב איז דער מענטש. פון דער ערד איז ער גענומען געוואָרן און צו דער מאַמע ערד קערט ער זיך אום צוריק. זאָל דער מענטש דעריבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן: ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט, און וווהין זיין לעצטער וועג פירט אים!

די נביאים ווערן ניט מיד צו לערנען דעם מענטשן די תורה פון באשיידנקייט און הכנעה. קיין שום פאָלק האָט ניט געפירט אַזאַ עקשנותדיקע מלחמה קעגן מענטשלעכער גאווה, קעגן דער עבודה זרה פון העלדן און פירער ווי יידן. עס איז גאָרניט מעגלעך קיין גרעסערע זינד, לערנט אונז כסדר די ביבלישע טראַדיציע, ווי צו פאַלן כורעים פאַר אַ מענטשן, פאַר אַ בשר ודם. דער גרענעץ צווישן דעם באַשעפער און זיינע באַשעפענעשן ווערט אַפגעהיט אויפן שטרענג-סטן אופן. אין דערזעלביקער צייט אָבער האָט דער יידישער רעליגיעזער געדאַנק דערהויבן דעם מענטשן, יעדן מענטשן, צו דער העכסטער מדרגה פון חשיבות. ס'איז ריכטיק, אַז דער מענטש איז ניט מער ווי אַ הילפלאָז באַשעפעניש, צו גראָז איז ער געגליכן, צו די בלומען אויפן פעלד: פאַרטריקנט ווערט דאָס גראָז, פאַרוועלקט ווערט די בלום (יבש חציר נבל ציץ); ס'איז אָבער אויך ריכטיק, אַז דער מענטש איז די קרוין פון דער בריאה און אז אין גאָט'ס פאָרם און אין זיין געשטאַלט איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן.

אָט די טאָפּלטע נאַטור פון דעם מענטשן ווערט מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט אַרויסגעבראַכט אין בראשית, אין דער געשיכטע פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט. דורך און דורך אָפּטימיסטיש איז, ווי מיר ווייסן, בראשית א׳. דער מענטש איז דער לעצטער אין דעם סדר פון באַשאַף, אבער אים איז איבערגעגעבן געוואָרן די ממשלה איבער גאַר דער וועלט:

און גאָט האָט זיי געבענטשט, און גאָט האָט צו זיי געזאָגט: פרוכפּערט אייך און מערט אייך, און פילט אָן די ערד, און באַצווינגט זי, און געוועלטיקט איבער די פיש פון ים, און איבער די פויגלען פון הימל, און איבער אַלע באַשעפענעשן וואָס קריכן אויף דער ערד.

די וועלט איז גוט! און מיט גרויס צופרידנקייט באַטראַכט דער בורא אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן אין די זעקס טעג פון מעשי בראשית: ״און גאָט האָט געזען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט באַשאַפן, און עס איז זייער גוט (וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד). די וועלט איז גוט און דער מענטש איז גוט, ווייל באַשאַפן האָט אים גאָט אין זיין פאָרם און אין זיין געשטאַלט.

גאָר אַן אַנדער שטימונג הערשט אין בראשית ב״ג. דאָ באַקענען מיר זיך קודם כל מיט דער ערדישער נאַטור פון דעם מענטשן. סימבאָליש איז די פאַרבינדונג פון **אדם** און **אדמה**, מענטש — ערד. פון דער ערד איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן, די ערד מוז ער באַאַרבעטן און צו דער ערד קערט ער זיך אום צוריק. די גאַנצע געשיכטע פון אדם וחוה איז דורכגעדרונגען מיט אַ שטימונג פון טיפסטן פעסימיזם. און פאַרענדיקן פאַרענדיקט זיך דאָס אַלץ ניט מיט קיין ברכה ווי אין בראשית א׳, נאָר פאַרקערט. דער ערשטער מענטש ווערט פאַרשאָלטן, די מאַמע חוה ווערט פאַרשאָלטן, און פונוועגן דעם מענטשנ׳ס זינד ווערט אפילו די ערד פאַרשאָלטן (ארורה האדמה בעבורך).

די טאָפּלטע נאַטור פון דעם מענטשן ווערט נאָך דייטלעכער ארויסגעבראַכט אין תהילים קאַפּיטל ח׳. דער דיכטער באַטראַכט גאָטס באַשאַף און ער שטעלט זיך די פראַגע: וואָס איז דער מענטש און וואָס פאַר אַ ווערדע קען ער האָבן אין אָט דער גרויסער וועלט?

ווען איך זע דיינע הימלען, דאָס ווערק פון דיינע פינגער, די לבנה און די שטערן וואָס דו האָסט אויפגעריכט — וואָס איז דאַן דער מענטש, אַז דו זאָלסט אים דערמאָנען? האָסט דו דאָך אים געמינערט גאָר ווייניק פון גאָט, מיט פּראַכט און שיינקייט טוסט דו אים באַקרוינען, מאַכסט אים געוועלטיקן איבער די ווערק פון דיינע הענט, אַלצדינג האָסט דו געלייגט אונטער זיינע פיס.

ביידע אידעען — די אידעע פון מענטשלעכער חשיבות און די אידעע פון מענטשלעכער נישטיקייט — זיינען פונדאַמענטאַלע עיקרים פון דער יידישער עטיק. עס איז ניט מעגלעך קיין שום געלייטערטע רעליגיעזע מאָראַל אָן דעם דורכדרינגנ־דיקן געפיל פון הכנעה. גאווה איז דער אָנהויב פון דער געפערלעכסטער עבודה זרה. ווען דער מענטש הויבט זיך אָן צו פאַרגלייכן מיט גאָט, דאַן פאַרטרייבט ער די געטלעכקייט פון דער וועלט. ״ווען אַ מענטש האָט גראָבע גאווה אין זיך, זאָגט גאָט ברוך הוא: איך און ער קענען ניט וווינען צוזאַמען אויף דער וועלט״ (כל אדם שיש בו גסות הרוח אמר הקדוש ברוך הוא: אין אני והוא יכולים לדור בעולם). דער יצר הרע צו זיין גלייך מיט גאָט איז געווען די זינד פון די ערשטע מענטשן, פון אדם און חוה. דאָס איז אויך געווען די זינד פון דעם דור הפלגה, ווען זיי האָבן גענומען בויען דעם טורעם פון בבל.

עס איז אָבער אָפּט ניט קיין קלענערע געפאַר ווען דער מענטש פאַלט ביי זיך אינגאַנצן אַראָפּ און פאַרלירט דעם דרך ארץ צו זיך אַליין און צו זיינע מיט־מענטשן. עס איז פונקט אַזוי ניט מעגלעך קיין עכטע רעליגיעזע מאָראַל אָן דעם געפיל, אַז מענטשלעך לעבן איז הייליק און הייליק איז אויך דער מענטשלעכער כבוד. אָט דעם אַספּעקט פון רעליגיעזער עטיק, דעם געדאַנקען וועגן מענטשלעכער חשיבות, וועלן מיר דאָ באַהאַנדלען אַ ביסל אויספירלעכער.

איין גאָט האָט אונדז באַשאַפן, מיר אַלע זיינען זיינע קינדער, דאָס איז דער סימן מובהק פון דעם יידישן צוגאַנג צום מענטשן: איין גאָט, איין מענטש (אדם הראשון), און ממילא — איין מענטשהייט און איין וועלט. די עטיק פון

די נביאים האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפֿן די אידעע וועגן דער פֿאַרגעטערונג פֿון איינצעלנע העלדן. מיט דער גרעסטער מסירת נפש האָבן זיך אונדזערע עלטערן תמיד אַנקעגנגעשטעלט, בעת מען האָט אויף זיי געפּרוווט אַרויפֿצווינגען די עבודה זרה פֿון מענטשלעכע אָפּגעטער. אין שייכות מיט די אַמביציעס פֿון די מלוכה-פֿירער און וועלט-הערשער, באַטאָנען די נביאים די ערדישע און שטערב-לעכע נאַטור פֿון יעדן מענטשן, אפֿילו פֿון דעם גרעסטן העלד. די יידישע אידעע פֿון מענטשלעכער חשיבות איז דעריבער דורך און דורך דעמאָקראַטיש. אַלע, אפֿילו די אומגליקלעכסטע און שוואַכסטע צווישן אונדז, טראָגן מיר אויף זיך דעם צלם אלקים: מיר אַלע, אפֿילו די מעכטיקסטע צווישן אונדז, גייען מיר דעם זעלביקן וועג. איז במילא דאָס לעבן פֿון יעדן מענטשן הייליק און הייליק איז אויך דער כבוד פֿון יעדן מענטשן, וואָרום ווער עס גיט אָפּ כבוד דעם מענטשן, גיט אָפּ כבוד זיין באַשעפֿער.

דערמיט קומען מיר צום צענטראַלן פּונקט פֿון דער תּלמודיש-ביבלישער מאָראַל. מענטשלעכע חשיבות איז אַ מעטאַפֿיזישע קאַטעגאָריע און האָט גאָרניט צו טאָן מיט די מעשים און דערגרייכונגען פֿון דעם איינצעלנעם מענטשן. אפֿילו דער זינדיקער מענטש פֿאַרלירט ניט אינגאַנצן דעם צלם אלקים; זיינען מיר בכן מחויב אָפּצוהיטן זיין כבוד.

אין העכסטן גראַד כאַראַקטעריסטיש זיינען אין דעם פּרט די געזעצן פֿון חומש וועגן דער באַשטראָפֿונג פֿון פֿאַרברעכער. אפֿילו ווען דער שולדיקער איז באַגאַנגען זייער אַ האַרבע עבירה, טאָר די שטראָף ניט זיין פֿון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס זאָל דעם באַשטראָפֿטן טיף באַליידיקן אין זיין מענטשלעכער ווערדע. מען מוז, נאַטיר-לעך, האָבן אין זינען די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען פֿון דער ביבלישער תּקופֿה. איז עס דעריבער ממש אַן עפּאָכע-מאַכנדיקע דערשיינונג, ווען מיר געפֿינען שוין אין דברים אַ שטאַרקע באַגרענעצונג פֿון קערפּערלעכע שטראָפֿן. לאָמיר ניט פֿאַרגעסן, אַז נאָך גאָר ניט אַזוי לאַנג איז שמיץ נאָך געווען אַ געוויינלעכע שטראָף, אפֿילו אין די לענדער פֿון דער העכסטער קולטור. און שמיץ איז נאָך אָפּט געווען די מילדעסטע שטראָף. ווען מען נעמט עס אַלץ אין חשבון, דאַן באַגרייפֿט מען די היסטאָרישע באַדייטונג פֿון דברים כ״ה, א״ג, די באַשטימונג וועגן דער שטראָף פֿון מלקות:

> כי יהיה ריב בין אנשים ונגשו אל המשפט ושפטום והצדיקו את הצדיק והרשיעו את הרשע. והיה אם בן הכות הרשע והפילו השפט והכהו לפניו כדי רשעתו במספר. ארבעים יכנו לא יסיף פן יסיף להכתו על אלה מכה רבה ונקלה אחיך לעיניך.

פֿערציק מלקות איז דער גרענעץ. מערער טאָר מען דעם שולדיקן ניט שלאָגן: וואָרום טאָמער וועט מען אים שלאָגן מערער, צופֿיל שלעג ״וועט דיין ברודער געשענדט ווערן פֿאַר דיינע אויגן״.

ווער עס קען די קלאַסישע קורצקייט פֿון ביבלישן סטיל, וועט פֿאַרשטיין, וואָס

עס באַדייט די שטאַרקע באַטאָנונג, מ׳זאָל למען השם ניט איבערכאַפּן די מאָס ביים באַשטראָפן: ״ארבעים יכנו לא יסיף פּן יסיף להכתו על אלה מכה רבה״. נאָך מערקווערדיקער איז די מאָטיווירונג: דער שולדיקער, וואָס איז דאָך דיין ברודער, זאָל ניט געשענדט ווערן אין זיין מענטשלעכער ווערדע; אפילו ווען איינער זינדיקט, האָט שיין ריכטיק די תלמודישע טראַדיציע באַמערקט, איז ער נאָך אַלץ דיין ברודער. דאָס איז, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, דאָס ערשטע געזעץ אין דער געשיכטע, וואָס שטעלט זיך בפירוש די אויפגאַבע אָפּצוהיטן דעם מענטשלעכן כבוד.

די זעלביקע אידעע וועגן אָפּהיטן די מענטשלעכע חשיבות ליגט אין יסוד פון אַ צווייטן געזעץ אין דברים. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם מינהג, וואָס איז אויך נאָך פּראַקטיקירט געוואָרן אין אייראָפּע ביז צום אָנהייב פון דער מאָדערנער צייט — אויפצוהענגען עפנטלעך די פאַרמשפּטע צום טויט. דער צוועק איז געווען אַ טאָפּלטער: עס איז קודם כל געווען אַ שטראָף פאַרן פאַרברעכער: אפילו נאָכן טויט איז אים ניט באַשערט אַזוי גיך צו קומען צו זיין רו. דער צווייטער מאָטיוו איז געווען: אָפּצושרעקן די באַפעלקערונג — למען ישמעו וייראו.

ווערט דעריבער אין דברים בפירוש אָנגעזאָגט, אַז אויך בנוגע דעם פאַרמשפּטן צום טויט זיינען מיר ניט באַפרייט פון דער פליכט אים צו טאָן זיין רעכט. דער טעקסט לייענט זיך:

> וכי יהיה באיש חטא משפט מות והומת ותלית אתו על עץ. לא תלין נבלתו על העץ כי קבור תקברנו ביום ההוא כי קללת אל׳ תלוי.

דעם פאַרמשפּטן צום טויט טאָר מען ניט לאָזן הענגען איבער נאַכט. אין דעם זעלביקן טאָג מוז מען אים מקבר זיין, ווייל לאָזן הענגען אַ מענטשן, וואָס איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, איז אַ לעסטערונג פאַר דעם מין מענטש בכלל און קודם כל פאַר זיין באַשעפער. דאָס איז דער זין פון קללת אלק׳ תלוי. אַ לעסטערונג פאַר גאָט איז אַ געהאַנגענער. אַזוי האָט דאָס ריכטיק שוין אויסגעטייטשט די יידישע טראַדיציע (זע, למשל, רש״י: זלזולי של מלך שאדם עשוי בדמות דיוקנו). שענדן דעם מענטשן, הייסט פאַרשוועכן דעם כבוד פון גאָט, חילול האדם איז גלייך צו חילול השם. כאַראַקטעריסטיש איז דערביי דער פאַקט, וואָס די מייסטן קריסטלעכע איבערזעצער האָבן פשוט ניט פאַרשטאַנען דעם זין פון קללת אלק׳ תלוי. זיי האָבן ניט געקענט באַגרייפן, פאַרוואָס די תורה זאָל אַזוי זאָרגן פאַרן כבוד פון א פאַרמשפּטן צום טויט.

געווען אויך אויסנאַמען. אין זיין קלאַסישן ווערק De Jure Belli ac Pacis (דאָס געזעץ וועגן מלחמה און שלום) באַהאַנדלט דער בארימטער האָלענדישער דענקער, הוגאָ גראָציוס, אויך די פראַגע וועגן די פליכטן אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד די געפאַלענע אין מלחמה. ״דער חוב מקבר צו זיין די פאַרשטאַרבענע איז אַן אַלגעמיין מענטשלעך געזעץ״. צווישן אַנדערע ציטירט דאָ הוגא גראַציוס דעם

רוימיש־קריסטלעכן שריפטשטעלער לאַקטאַנציוס, וועלכער באַגרינדעט דאָס געבאָט אָפּצוהיטן דעם כבוד פון די פאַרשטאָרבענע מיט דער ביבלישער אידעע פון צלם אלק׳: מיר טאָרן ניט דערלויבן, אַז דאָס בילד און דאָס ווערק פון גאָט, זאָל איבער־געלאָזן ווערן אויף הפקר פאַר די פויגעלעך און די ווילדע חיות. וואָס איז שייך געמיינע פאַרברעכער, באַמערקט ווייטער דער האָלענדישער דענקער, ״זיינען פאַראַן גרונדן פאַר ספקות. דאָס געטלעכע געזעץ, אמת, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו די יידן, און פון וואַנען מיר לערנען אַלץ, וואָס איז שייך צו מאָראַל און מענטשלעכקייט, האָט בפירוש געבאָטן, אַז אויך פאַרברעכער, וואָס זיינען פאַר־משפּט געוואָרן צום טויט, זאָלן קומען צו זייער אייביקער רו אין דעם זעלביקן טאָג... אָבער אַפילו נאָך היינט צו טאָג זעען מיר פאַלן, ווען די קערפּערס פון די פאַרמשפּטע ווערן איבערגעלאָזן במשך פון אַ לענגערער צייט ניט באַהאַלטן. כדי דער עולם זאָל עס זען״.

דער עצם באַגריף פון אינטערנאַציאָנאַלע רעכט, פון אַלגעמיין מענטשלעכע געזעצן, איז נאַטירלעך פאַרבונדן מיט מלחמה און שלום, מיט די באַציונגען צווישן פעלקער. אויך אויף דעם געביט האָבן די נביאים געוויזן דעם וועג פאָרויס. אין עמוס קאַפּיטל א׳ און ב׳ רעכנט דער נביא אויס אַ ריי זינד פון פעלקער, וועלכע קענען ניט פאַרגעבן ווערן. צווישן אָט די זינד פאַרנעמט אַ באַזונדערן פּלאַץ די ברוטאַלע באַהאַנדלונג פון קריגסגעפאַנגענע און מלחמה־פּליטים. אַזוי, למשל, האָט די שטאָט עזה זיך פאַרזינדיקט דערמיט, וואָס זי האָט ארויסגעגעבן דעם שונא אַ מאַסע פּליטים, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון מלחמה (על הגלותם גלות שלמה להסגיר לאדום). מיט דעם האָבן זיי געזינדיקט קעגן דער הייליקער אינסטיטוציע פון אַזיל־רעכט, פון מקום מקלט. ווען אַ הילפלאָזער אומגליקלעכער קומט צו דיר זיך ראַטעווען, איז עס דיין מענטשלעך חוב אים צו העלפן. בשום אופן אָבער טאָרסט דו אים ניט איבערגעבן אין די הענט פון זיינע שונאים.

די זעלביקע זינד האָט אויף זיך גענומען צור, דער באַרימטער פעניקישער האַנדלס־צענטער. די זינד פון צור איז נאָך שווערער דערפאַר, ווייל זיי האָבן פאַרשוועכט אַ ברודערלעכן אָפּמאַך: ״אַזוי האָט גאָט געזאָגט: פאַר די דריי זינד פון צור, יע, פאַר פיר, וועל איך עס ניט פאַרגעבן, ווייל זיי האָבן איבערגעענטפערט אַ גאַנצע געפאַנגענשאַפט אין די הענט פון אדום און האָבן ניט געדענקט דעם בונד פון ברידער״ (על שלשה פשעי צור ועל ארבעה לא אשיבנו על הסגירם גלות שלמה לאדום ולא זכרו ברית אחים. ושלחתי אש בחומת צר ואכלה ארמנותיה).

באַזונדערס באַלערנדיק אָבער איז די נבואה פון עמוס קעגן מואב: ״אַזוי האָט גאָט געזאָגט: פאַר די דריי זינד פון מואב, יע, פאַר די פיר, וועל איך אים ניט פאַרגעבן, ווייל ער האָט געטאָן פאַרברענען די ביינער פון דעם קיניג פון אדום אויף קאַלך״ (על שרפו עצמות מלך אדום לשיד). אין וואָס איז באַשטאַנען די זינד? דער קיניג פון אדום איז ארייַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט און מען האָט אים ניט געטאָן זיין רעכט! זיינע ביינער האָט מען פאַרברענט אויף קאַלך,

און זיין אייביקע רו האָט ער ניט געפונען. אָט אַזאַ פאַרברעכן קעגן דער הייליקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט קען ניט פאַרגעבן ווערן. אזוי האָט דער נביא עמוס פאַר אונדז און פאַר דער וועלט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פון אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַלישע פאַרפליכטונגען, באזונדערס וואָס איז שייך די הייליקייט פון מענטשלעך לעבן און מענטשלעכער חשיבות.

די פאַרשטעלונג וועגן אַ וועלט־געזעץ, וועגן יסודותדיקע מאָראַלישע פאַרפליכטונגען, וועלכע גייען אַריבער אַלע גרענעצן פון פאָלק, לאַנד און צייט, ליגט אויך אין יסוד פון דעם ביבלישן באַריכט וועגן גאָטס בונד מיט נח׳ן אין בראשית ח־ט. נאָכן מבול, ווערט דערציילט אין חומש, האָט גאָט באַשטימט אייביקע געזעצן סיי פאַר דער נאַטור און סיי פאַר די מענטשן. דער עיקר כל העיקרים וואָס איז שייך דאָס צוזאַמענלעבן פון מענטשן איז דער כלל וועגן דער הייליקייט פון לעבן בכלל און פון מענטשלעך לעבן בפרט. די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע באַשעפענישן ווערן איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם מענטשן: "אַלץ וואָס באַוועגט זיך, וואָס לעבט, זאָל זיין פאַר אייך צום עסן ווי די גרינס פון פעלד". דער מענטש ווערט בכן באַשטימט ווי דער פולער הערשער איבער דער וועלט פון די בעלי חיים. אָבער בלויז איין באַגרענצונג: "נייערט פלייש מיט זיין לעבן, זיין בלוט, זאָלט איר ניט עסן" (אך בשר בנפשו דמו לא תאכלו). בלוט איז לעבן, מוז דער מענטש וויסן זיינע גרענעצן!

דער צענטראַלער מאָטיוו אָבער אין דעם בונד צווישן דעם באַשעפער און נח׳ן איז נאַטירלעך דער כלל וועגן דער אַבסאָלוטער הייליקייט פון מענטשלעך לעבן: דאָס ווערט דאָ דייטלעך פּראָקלאַמירט ווי אַ וועלט־געזעץ פאַר אַלע מענטשן און אויך פאַר אַלע אַנדערע באַשעפענישן אויף דער ערד. אפילו פאַר די חיות פון פעלד גילט דאָס געבאָט וועגן דער הייליקייט פון מענטשלעך לעבן:

> ואך את דמכם לנפשתיכם אדרש מיד כל חיה אדרשנו ומיד האדם מיד איש אחיו אדרש את נפש האדם. שפך דם האדם באדם דמו ישפך כי בצלם אלקים עשה את האדם.

דער באַשעפער פון דער וועלט נעמט אויף זיך אויפצומאָנען דאָס פאַרגאָסענע מענטשלעכע בלוט: "פון דער האַנט פון איטלעכער חיה וועל איך עס אויפמאָנען און פון דער האַנט פון דעם מענטשן... ווארום, אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער דעם מענטשן באַשאַפן".

די אידעע פון צלם אלקים ווערט אַזוי אַרום דער יסוד פון דער גאַנצער מענטשלעכער מאָראַל. דאָס האָבן שוין ריכטיק באַמערקט די בעלי התלמוד, ווען זיי האָבן פאָרמולירט די עיקרים פון די אַלגעמיין מענטשלעכע מאָראַלישע פאַרפליכטונגען. די שבע מצוות בני נח זיינען לויטן תלמוד גילטיק פאַר אַלע פעלקער, קיינער קען זיך פון אָט די גרונדגעבאָטן ניט באַפרייען, קען ממילא אויך קיינעם ניט איבערגעגעבן ווערן דאָס רעכט צו באַשטימען דעם גורל פון זיינע מיטמענטשן.

דער רוימישער באַגריף פון "פּאַטריאַ פּאָטעסטאַס", וואָס גיט דעם פאָטער פון דער פאַמיליע דאָס רעכט צו באַשטימען איבער לעבן און טויט פון זיינע קינדער און שקלאַפן, איז אין דער יידישער רעליגיעזער וועלט אַבסאָלוט אַן אוממעגלעכע פאַרשטעלונג.

שקלאַפעריי איז ביי יידן אין דער צייט פון תנ"ך געווען אַן אלגעמיין אָנגענומענע אינסטיטוציע. דאָס לעבן פון דעם קנעכט איז אָבער ניט געווען הפקר. דער בעל הבית האָט, אמת, דאָס רעכט אים צו באַשטראָפן, ער מעג אים שלאָגן. דאָס דאָזיקע רעכט איז פונדעסטוועגן באַגרענעצט. אויב די שטרענגע באַהאַנדלונג פון דעם קנעכט פירט דערצו, אז ער פאַרלירט אַ צאָן אָדער אַן אויג, דאַן מוז דער בעל הבית אים לאָזן פריי:

> וכי יכה איש את עין עבדו או את עין עמתו ושחתה לחפשי ישלחנו תחת עינו (שמות כ"א, כו־כז).

די בעלי התלמוד האָבן דערפון אָפּגעלערנט, אַז אין יעדן פאַל ווען דער קנעכט ווערט קערפּערלעך באַשעדיקט אויף אַ דויערנדיקן אופן, ווי אַ רעזולטאַט פון ברוטאַלער באַהאַנדלונג, מוז דער בעל הבית אים לאָזן אינגאַנצן פריי.

איז די באַהאַנדלונג פון דעם קנעכט אַזוי ברוטאַל, אַז עס פּאַסירט אַן אומגליק: דער קנעכט שטאַרבט אונטער די הענט פון זיין האַר, דאַן איז עס מאָרד און דער בעל הבית ווערט באַשטראָפט ווי אַ מערדער (וכי יכה איש את עבדו או את אמתו בשבט ומת תחת ידו נקם ינקם, שמות כ"א, כא).

עס האַנדלט זיך דאָ, ווי מיר ווייסן, ניט וועגן יידישע קנעכט, נאָר וועגן די אַזוי גערופענע עבדים כנענים. אַזאַ תלמודישע אויטאָריטעט ווי דער אמורא שמואל גייט אפילו נאָך ווייטער. דער בעל הבית איז מחויב, דערקלערט שמואל אויסדריקלעך, אָפּצוהיטן דעם כבוד פון זיינע קנעכט; ער טאָר זיי ניט באַליידיקן אָדער פאַרשעמען. האָט אימיצער מבייש געווען א מענטשן וואָס אַרבעט ביי אים, אפילו ווען דאָס איז אַ עבד כנעני, מוז ער באַצאָלן שטראָף. עס שטייט געשריבן אין דער תורה, לערנט אונדז שמואל, לעולם בהם תעבודו, דאָס מיינט: ארבעטן מעגט איר מיט זיי, איר טאָרט זיי אָבער ניט מבייש זיין (לעבודה נתתים ולא לבושה, נדה מ"ז).

די הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן און די חשיבות פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט זיינען קאַטעגאָרישע פּאָדערונגען, אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון די מעלות אָדער חסרונות פון דער געגעבענער פערזאָן. איטלעכער יחיד רעפּרעזענטירט מיט זיך דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. איין מענטש איז גענליכן צו אַ גאַנצער וועלט, דעריבער לערנט אונדז די תלמודישע אגדה, איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן איינער, דיך צו לערנען, אז ווער עס ברענגט אום איין נפש, איז געגליכן ווי ער וואָלט אומגעבראַכט אַ גאַנצע וועלט, און ווער עס האַלט אויף איין נפש, איז געגליכן ווי ער וואָלט אויפגעהאַלטן א גאַנצע וועלט (לפיכך נברא האדם יחידי ללמדך,

שכל המאבד נפש אחת מעלה עליו הכתוב כאלו אבד עולם מלא, וכל המקיים נפש אחת מעלה עליו הכתוב כאלו קיים עולם מלא).

דער יידישער מוסר האָט דעריבער קיינמאָל ניט געקענט שלום מאַכן מיט אַזאַ מינהג ווי דאָס באַזייטיקן פון ניט־געוווּנטשענע ניי־געבוירענע קינדער; אַ פּראַקטיק, וואָס איז, אַגב, געווען גאַר שטאַרק פאַרשפּרייט אין דער אַלטער וועלט. אויך דאָס לעבן פון אַ קינד איז הייליק. ניטאָ לויטן יידיש־רעליגיעזן וועלטבאַנעם אַזאַ מעגלעכקייט ווי רחמנות־מאָרד. מהאי טעמא איז אויך זעלבסט־מאָרד אַ שווערע זינד קעגן דער הייליקייט פון מענטשלעך לעבן.

די אומגליקלעכע, די קראַנקע, די קאַליקעס, זיי אַלע זיינען גאָטס קינדער און זיי אַלע טראָגן אויף זיך דעם צלם אלק׳ פאַרדינען זיי דעם זעלביקן דרך ארץ ווי אַלע מענטשן, טאָרן מיר פון זיי ניט אָפּלאַכן. ווארום, ווער עס מאַכט צו שפּאָט דעם אומגליקלעכן, דער לעסטערט זיין באַשעפער (לועג לרש חרף עושהו).

אָט די אידעע פון לועג לרש חרף עושהו איז אויף אַ קלאַסישן אופן אַרויס־געבראַכט געוואָרן אין דער תלמודישער אגדה וועגן רבי אלעזר ברבי שמעון:

די מעשה איז געשען מיט ר׳ אלעזרן, דעם זון פון ר׳ שמעון. ער איז אַ מאָל געפאָרן צוריק פון זיין רבין אַהיים אַ שטאַרק צופרידענער. ער איז געווען האָפערדיק ביי זיך, ווייל ער האָט געלערנט אַ סך תורה, איז אים געקומען אנקעגן אליהו הנביא אין דער געשטאַלט פון אַ זייער מאוסן מענטשן. זאָגט ער צו אים: שלום עליכם, רבי! האָט ר׳ אלעזר אים ניט געענטפערט עליכם שלום, ווי דער שטייגער איז, נאָר האָט צו אים געזאָגט מיט גרויס כעס: דו קאַליקע, ווי העסלעך זעסטו אויס! זיינען אַלע לייט פון דיין שטאָט אזוי היסלעך? איך ווייס ניט, האָט אליהו צו אים געזאָגט, אָבער גיי צו דעם מייסטער, וואָס האָט מיך באַשאַפן און זאָג אים: ווי העסלעך איז די כ׳לי וואָס דו האָסט באַשאַפן! האָט ר׳ אלעזר פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געזינדיקט מיט זיינע רייד. איז ער אַראָפּ פון זיין אייזל, איז דעם מאַן געפאַלן צו די פיס און האָט צו אים געזאָגט: איך ווייס, איך האָב אַנקעגן אייך געזינדיקט. זייט מיר מוחל!״

איין מענטש איז אַ גאַנצע וועלט. איז ממילא איטלעכער מחויב זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון, ווי גרויס עס איז זיין מאָראַלישע אַחריות. אויב איין מענטש איז אַ גאַנצע וועלט, ווי וויכטיק זיינען דאַן אַלע מעשים וואָס דער מענטש טוט! און דאָס מיינט דרך ארץ צו זיך אַליין, צום אייגענעם לעבן און צו דער אייגענער שליחות. יעדער מענטש מוז ביי זיך טראַכטן — ״בשבילי נברא העולם״, פון מיינעטוועגן איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן! מוז מען בכן אַכטונג געבן אויפן אייגענעם קערפּער, אויפן צלם אל׳ וואָס דער באַשעפער האָט אונדז געשענקט.

אזוי ווערט דערציילט וועגן הלל הזקן: זיינע תלמידים האָבן אים אַ מאָל געפרעגט, ווען ער האָט זיך מיט זיי געזעגנט: רבי, וווהין גייט איר? האָט ער זיי געענטפערט: איך גיי טאָן אַ מיצווה. פרעגן זיי אים: וואָס פאַר אַ מיצווה גייט איר טאָן? זאָגט הלל צו זיי: איך גיי אין מרחץ זיך אַרומצוואַשן. פרעגן זיי אים ווייטער: וואָס פאַר אַ מיצווה איז עס? האָט הלל צו זיי געזאָגט: מה דאָך די

בילדער פון די מלכים, וואָס זײַנען אויסגעשטעלט אין די טעאַטערן און צירקן, ווערן געהאַלטן ריין, על אחת כמה וכמה דאַרף אַ מענטש אַכטונג געבן אויף זיך, וואָרום ער איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט.

עס איז אָבער נאַטירלעך איבעריק צו באַווייזן, אַז קודם כל מוז מען אָפּהיטן דעם חברס כבוד: יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך, די אייגענע אינטערעסן און דעם אייגענעם כבוד היט מען געוויינטלעך אָפּ, מען פאַרגעסט נאָר א מאָל, אַז דער חבר איז אויך אַ מענטש.

פאַרנעמט דעריבער דער ענין פון אָפּהיטן דעם חברס כבוד גאָר אַ וויכטיקן פּלאַץ סיי אין דער הלכה און סיי אין דער אגדה־ליטעראַטור. פאַרשעמען דעם חבר פאַר מענטשן איז געגליכן צו שפיכת דמים (כל המלבין פני חברו ברבים כאלו שופך דמים), און ווער עס פאַרשאַפט זיך אַליין כבוד אויפן חשבון פון זיין חברס שאַנד, פאַרלירט זיין חלק עולם הבא (כל המתכבד בקלון חברו אין לו חלק לעולם הבא).

די תלמודישע הלכה האָט גענויע באַשטימונגען וועגן שטראָפן און קאָמפּענ־סאַציעס אין די פאַלן, ווען מען רירט אָן אַ מענטשנס ווערדע. די משנה שטעלט פעסט דעם כלל, אַז וואָס איז שייך די שטראָפן פאַר באַליידיקונג מוז זיך דער ריכטער רעכענען מיט דער סאָציאַלער פּאָזיציע פון ביידע צדדים: הכל לפי המבייש ומתבייש. רבי עקיבא אָבער האַלט זיך ביים כלל, אַז אפילו דער גרעסטער אָרעמאַן דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ מענטש פון גרויסן יחוס, וואָס האָט פאַרלוירן זיין פאַרמעגן. זיינען מיר דאָך אַלע די קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב (אמר רבי עקיבא: אפילו עניים שבישראל רואין אותם כאלו הם בני חורין שירדו מנכסיהם, שהם בני אברהם יצחק ויעקב).

די זינד פון פאַרשעמען דעם חבר קען מחמת דעם ניט אויסגעקויפט ווערן בלויז מיט אַ געלט־שטראָף. דער שולדיקער איז מחויב צו גיין איבערבעטן דעם באַ'עוולה'טן. דער כבוד פון אַ מענטשן לאָזט זיך ניט אָפּוועגן אין געלט!

ניט ווייניקער באַלערנדיק זיינען די הלכות און אגדות אין שייכות מיט אָפּהיטן דעם כבוד פון ארעמע און נויטבאַדערפטיקע. עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן בייזוויליקע באַליידיקונגען. אָפט גראָד פאַרקערט. די כוונות זיינען דווקא גוטע, מען באַמיט זיך צו העלפן דעם חבר. דער רעזולטאַט אָבער איז, אַז דער חבר, דער נויטבאַדערפטיקער, ווערט דערביי פאַרשעמט און דערנידעריקט. ער ווערט פאַרשעמט און פילט זיך דערשלאָגן, ווייל ער דאַרף אָנקומען צו מענטשן, לידי מתנת בשר ודם.

עס קען גריילעך פּאַסירן, אַז העלפנדיק דעם עלנטן ברייינגען מיר אים מערער שאָדן ווי נוצן. דערפאַר איז מתן בסתר אַזאַ וויכטיקער ענין. גאָר אַ הויכע מדרגה פון צדקה איז — ווען דער געבער ווייס ניט וועמען ער העלפט און דער מקבל ווייס ניט פון וועמען ער באַקומט. נאָך א העכערע מדרגה איז — צו העלפן דעם נויטבאַדערפטיקן מיט אַ גמילות חסד. אין דעם פאַל ווערט דער כבוד און די חשיבות פון דעם מקבל אָפּגעהיט אין דער פולסטער מאָס.

דער כלל פון שלא לבייש (ניט פאַרשעמען) ווערט אין דער הלכה אָנגעווענדעט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. ווען בית דין באַשטימט, למשל, א פענסיע פאַר אַן אלמנה, דאַרף מען איר דאָס געלט אויסצאָלן פאַר אַ גאַנצן חודש, כדי זי זאָל ניט דאַרפן צו אָפט גיין אין געריכט: (כשפוסקין מזונות לאלמנה שאינה ניזונת עם היתומים אין נותנין לה לפחות משלשים יום; וכן לאשת איש כדי שלא תצטרך להתבזות על מזונותיה בב״ד בכל יום (ש״ע אבן העזר, צ״ג).

אַ גאַנצע ריי מינהגים און אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען טיילווייז אפילו אויפגעהיט געוואָרן ביז צו דער מאָדערנער צייט, זיינען איינגעפירט געוואָרן דירעקט מיט דער כוונה פון שלא לבייש. אַזוי, למשל, לייענען מיר אין מסכת תענית:

> עס זיינען ניט געווען אַזעלכע יום טובים ווי חמשה עשר באב און יום כיפור, ווייל אין די טעג פלעגן די טעכטער פון ירושלים ארויסגיין אין ווייסע געבאָרגטע קליידער, כדי ניט צו פאַרשעמען די וואָס האָבן ניט קיין אייגענע קליידער (שבהם בנות ירושלים יוצאות בכלי לבן שאולים, שלא לבייש את מי שאין לו).

צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע פון שלא לבייש געהערט אַ מערקווערדיקער מינהג, וואָס ווערט נאָך אָפגעהיט ביז צום היינטיקן טאָג. דעם ערשטן שבת נאָך דער חתונה פירט מען די כלה אין שול אריין. מען גיט איר אַ פּלאַץ אויבן אָן און עס ווערט איר אָפּגעגעבן דער גרעסטער כבוד. די כלה זיצט שטיל, זי האַלט דעם סידור אין האַנט, אָבער די תפילות זאָגט זי ניט. אַזוי לייענען מיר אין די זכרונות פון הינדע בערגנער, ווו זי באַשרייבט איר אייגענע חתונה:

> געדאַווענט האָב איך ניט, ווייל עס איז אַ מינהג, אַז מען זעצט די כלה לעבן דער רעביצין און די כלה האַלט דעם סידור פאַר אַן עדות. די סיבה דערפון איז, טאָמער טרעפט זיך אַ כלה וואָס קען נישט דאַוונען, זאָל זי זיך ניט דאַרפן שעמען.

אַ טייל פרויען, ווי מיר ווייסן, האָבן ניט געקענט קיין עברי, פלעגן זיי זיך געוויינטלעך צוהערן צו דער ״זאָגערין״, און נאָכזאָגן די תפילות. פאַר אַ כלה וואָלט עס אָבער געווען אַ גרויסער ביוש, ווען אַלע זעען, אַז זי קען ניט דאַוונען.

דער טיפסטער ווונטש פון דעם יידישן מענטשן איז דערפאַר געווען, אויף ווי ווייט נאָר מעגלעך, אָפּגעהיט ווערן פון חרפות און בזיונות ביים פאַרדינען אויף חיונה. שווער איז געווען די מלחמה פאַר פרנסה פאַרן יידישן מענטשן, איז מען דעריבער יעדן טאָג אין די ברכות צום בענטשן מתפלל: גאָט זאָל אונז צושיקן די מיטלען אויף חיונה אויף אַ בכבודיקן אופן (הרחמן הוא יפרנסנו בכבוד). און אין דעם שבת צום ראש חודש־בענטשן בעטן מיר: גאָט זאָל אונדז באַשערן אַ לעבן אָן בושה און אָן חרפות (חיים שאין בהם בושה וכלמה).

אָפּהיטן די חשיבות פון דעם מענטשן הייסט אָפּהיטן דעם קיום פון דער וועלט.

צוליב קמצא און בר קמצא, דערציילט אונדז אַ תלמודישע אגדה, איז ירושלים חרוב געוואָרן:

"די געשיכטע האָט פּאַסירט מיט איינעם, וואָס זיין פריינט האָט געהייסן קמצא און זיין שונא — בר קמצא. האָט דער מאַן איינמאָל געמאַכט אַ סעודה און על פּי טעות איז צו אים געקומען בר קמצא. האָט דער בעל הבית אים מבייש געווען, האָט אים גענומען פאַרן האַנט און האָט אים אַרויסגעפירט פון שטוב.

האָט בר קמצא געזאָגט: ווייל עס זיינען דערביי געזעסן די חכמים און זיי האָבן דערלאָזן איך זאָל פאַרשעמט ווערן, זיינען זיי דאָך מן הסתם געווען צופרידן. וועל איך זיי גיין פאַרמסרן פאַרן רוימישן קיסר. איז בר קמצא אַוועק און האָט געזאָגט צום קיסר: די יידן האָבן ווידערגעשפעניקט קעגן דיין מלכות. אַזוי האָט בר קמצא'ס מסירה געפירט צו דער מלחמה מיט רוים און צום חורבן פון בית המקדש...

...האָט רבי אלעזר געזאָגט: קום און זע, ווי גרויס עס איז דער כוח פון בושה, ווארום גאָט ברוך הוא האָט געהאָלפן בר קמצא'ן און ער האָט געלאָזן חרוב מאַכן זיין הויז און פאַרברענען זיין פּאַלאַץ!"

די אידעע פון מענטשלעכער חשיבות, פון צלם אלקים, איז, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, אַ מעטאַפיזישע קאַטעגאָריע. עס האַנדלט זיך דאָ ניט בלויז וועגן דעם צער וואָס מען פאַרשאַפט דעם אָדער יענעם יחיד, נאָר וועגן דעם צער פון דעם גאַנצן מענטשלעכן מין, וועגן דעם עצם יסוד פון אונזער גאַנצער קולטור. עס קען ניט געמאָלט זיין קיין מענטשלעכקייט, ווען מיר פאַרגעסן דעם מענטשן, דאָס מענטשלעכע אין דעם יחיד.

צוליב דעם טעם האָט די יידישע טראַדיציע אַזוי הייליק געהאַלטן די מצווה פון אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד די פאַרשטאָרבענע. עס איז דער סימבאָל פון העכסטער מענטשלעכקייט — גמילות חסד של אמת.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט וועגן דעם געזעץ אין דברים, וואָס איז שייך די פאַרמשפּטע צום טויט. אָט דאָס געזעץ איז געוואָרן דער יסוד פון דעם גאַנצן טראַדיציאָנעלן ריטואַל אין דעם ענין פון כבוד המת. ווארום אויב די שכינה איז זיך אַזוי מצער — לערנט אונז די תלמודישע הלכה — פון וועגן דעם בלוט פון די רשעים וואָס ווערט פאַרגאָסן, היינט וויפיל איז זי זיך מצער פון וועגן דעם בלוט פון די צדיקים? און ניט נאָר דאָס אַליין האָבן די חכמים געזאָגט, נייערט איטלעכער, וואָס לאָזט איבער זיין מת איבער נאַכט, איז עובר אויף אַ לא תעשה. האָט ער אָבער זיין מת געלאָזן איבער נאַכט פון זיין כבוד וועגן (הלינהו לכבודו), כדי צו באַזאָרגן פאַר אים אַן ארון און תכריכין, איז עס ניט קיין עבירה.

טאָן אַ פאַרשטאָרבענעם זיין רעכט איז בכן די גרעסטע מצווה, עס איז די מצווה פון מענטשלעכקייט. די מצווה איז נאָך גרעסער, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַן עלנטן פאַרשטאָרבענעם, וואָס האָט ניט איבערגעלאָזן קיין פריינט און קיין קרובים און ס'איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל זיך מיט אים מתעסק זיין. דאָס איז דער פאַל פון אַ מת מצווה. אפילו אַ כהן גדול, וואָס טאָר זיך דאָך נישט מטמא

זיין צו זיינע נאָענטסטע קרובים, איז מחויב צו זאָרגן פאַר אַ פאַרשטאָרבענעם, אויב ס׳איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל זיך מיט אים מתעסק זיין.

פאַראַן געלערנטע, וואָס האָבן געפּרוווט באַווייזן ״וויסנשאַפטלעך״, אַז די מצווה פון לא תלין האָט גאָר איר שורש אין דער מורא פון דעם פּרימיטיוון מענטשן פאַרן גייסט פון פאַרשטאָרבענעם. מען איילט זיך מקבר צו זיין דעם מת, ווייל מ׳וויל וואָס גיכער פון אים פטור ווערן, ער זאָל די לעבעדיקע ניט אָנטאָן קיין צרות. קען עס ניט געלייקנט ווערן, אַז די מורא פאַר די פאַרשטאָרבענע שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין אַ טייל מינהגים וואָס איז שייך דעם ריטואַל פון קבורה און אַבלות. דאָס איז אָבער ווייט ניט דער צענטראַלער מאָטיוו אין אונזער באַציונג צום סוד פון טויט. גאָר ניט אין אַן ערך וויכטיקער איז דאָס געפיל פון ליבע און געטרייקייט. די לעבעדיקע ווילן זיך ניט שיידן מיטן נפטר, זיי ווילן בשום אופן ניט שלום מאַכן מיטן פאַקט פון טויט, זיי ווילן ניט פאַרגעסן די פאַרשטאָרבענע. די מינהגים פון הזכרת נשמות, זאָגן קדיש, שטעלן יאָרצייט וכדומה האָבן אויסדריקלעך דעם צוועק אָנצוהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן די פאַרשטאָרבענע און די לעבעדיקע.

צו דעם קומט צו אַ טיפער שולד־געפיל וואָס באַאומרויקט די נאָענטסטע פריינט פון דעם פאַרשטאָרבענעם. האָבן מיר געטאָן אונזער חוב לגבי דעם נפטר כל זמן ער איז נאָך געווען צווישן די לעבעדיקע? זיינען מיר גאָר אפשר שולדיק אין זיין טויט? אפשר וואָלט מען אים געקענט העלפן, ווען מיר וואָלטן געווען גרייט אויף גרעסערע אָנשטרענגונגען און גרעסערע קרבנות?

זיגמונד פרויד האָט ריכטיק אָנגעוויזן אויף דער אויסערגעוויינטלעכער ראָל, וואָס דאָס שולד־געפיל בנוגע די פאַרשטאָרבענע האָט געשפּילט אין דער אַנט־וויקלונג פון אונזער קולטור. צוליב דעם טעם פאַרנעמט דער ענין פון כבוד המת אַזאַ צענטראַלן פּלאַץ אין דעם ריטואַל פון אבלות. דאָס איז אגב קלאָר פאַרמולירט אין יורה דעה (הלכות אבלות):

> אסור להלין המת אלא אם כן הלינו לכבודו להביא לו ארון ותכריכין או מקוננות או כדי שיבואו קרובים או להשמיע עיירות. כל המתים הממהר להוציא הרי זה משובח, אבל על אביו ועל אמו הרי זה מגונה אלא אם כן היה ערב שבת או ערב יום טוב או שהיו גשמים מזלפים על מטתו.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָ וואָס גראַד ביי אַ פאָטער אָדער אַ מוטער דאַרף מען זיך ניט איילן מיטן מקבר זיין. שטאַרבט אימיצער אין דעם טאָג פון יום טוב און מען קען דעם מת ניט האַלטן צו לאַנג צוליב דער היץ, מעג מען אפילו מחלל יום טוב זיין, כדי אים אָפּצוגעבן זיין כבוד. דער צענטראַלער מאָטיוו, וואָס רעגולירט די דינים פון קבורה, איז, ווי מיר זעען, דער כבוד פון דעם נפטר.

עס איז אַ חוץ דעם אויך אַ גרויסע מצווה אָפּצוהיטן דעם כבוד פון די קרובים פון דעם פאַרשטאָרבענעם. מענטשן האָבן בדרך כלל ליב אַרויסצווייזן זייער

עשירות ביי שמחות און ביי לויות. אַ באַקאַנטער געלערנטער, אַ קענער פון די פאַרשיידענע פאָלקס־מינהגים, האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט: ס׳זיינען פאַראַן לענדער ווו מענטשן רואינירן זיך ביי חתונות און פאַראַן לענדער ווו מענטשן רואינירן זיך ביי לויות. אויך ביי יידן איז אַמאָל געווען דער מינהג צו פּראַווען לווית מיט גרויס פּאַראַד. איז דער ריטואַל פון קבורה געוואָרן אַ צו שווערע משא פאַר דער אָרימער באַפעלקערונג. דאָס באַגלייטן דעם נפטר — לייענען מיר אין תלמוד — איז פאַר די קרובים געוואָרן נאָך שווערער ווי זיין טויט, פלעגן זיי איבערלאָזן דעם בר־מינן און אַנטלויפן. ביז ס׳איז געקומען רבן גמליאל און האָט פאַרזאָגט אין זיין צוואה, מ׳זאָל אים מקבר זיין אין פּשוטע תכריכין פון פלאַקס, האָט דאָס גאַנצע פאָלק זיך אָנגעהויבן אַזוי צו פירן (בראשונה היתה הוצאת המת קשה לקרוביו יותר ממיתתו, עד שהיו מניחין אותו ובורחין. עד שבא רבן גמליאל ונהג קלות בעצמו והוציאוהו בכלי פשתן, ונהגו כל העם אחריו להוציא בכלי פשתן). אויף דעם אופן איז דורכגעפירט געוואָרן די דעמאָקראַטיזירונג פון דעם ריטואַל פון אבלות. סיי אָרעם און סיי רייך קומען אויף זייער אייביקער רו אין די זעלביקע פּשוטע תכריכין, כדי קיינער זאָל ניט פאַרשעמט ווערן. אַן ענלעכע דעמאָקראַטיזירונג איז אין דער תלמודישער צייט אויך דורכגעפירט געוואָרן בנוגע אַ ריי אַנדערע מינהגים פון אבלות.

וואָס איז דער עיקר כל העיקרים פון דער יידישער רעליגיעזער עטיק? געווען וועגן דעם שוין חילוקי דעות אין דער צייט פון דער משנה. רבי עקיבא, למשל, האַלט די מצווה פון ״ואהבת לרעך כמוך (דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין) פאַרן וויכטיקסטן כלל אין דער תורה. בן עזאי אָבער זאָגט, אַז ס׳איז דאָ נאָך אַ העכערער כלל, דאָס איז דער כלל, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט:

> ״ואהבת לרעך כמוך — ר׳ עקיבא אומר: זהו כלל גדול בתורה. בן עזאי אומר: ״זה ספר תולדות אדם... בדמות אלקים עשה אותו״ — זהו כלל גדול מזה, שלא תאמר: הואיל ונתבזיתי יתבזה חברי עמי; הואיל ונתקללתי יתקלל חברי עמי. אמר ר׳ תנחומא: אם עשית כן, דע למי אתה מבזה — ״בדמות אלקים עשה אותו״.

עס איז בכן פאַראַן נאָך אַ העכערער פּרינציפּ ווי דער כלל פון ״ואהבת לרעך כמוך״. פאַראַן פאַלן ווען מען דאַרף לגבי דעם חבר זיין מער אָפּגעהיט ווי לגבי זיך אַליין. אָט דער כלל פון בן עזאי האָט געפונען דעם שטאַרקסטן אָפּקלאַנג אין דער מיטלאַלטערלעכער מוסר־ליטעראַטור, באַזונדערס אין ספר חסידים:

עס איז ניט אַלעמאָל אַזוי גרינג אָפּצוהיטן דעם כבוד פון דעם מיטמענטשן. וואָס טוט מען ווען דער חבר באַגייט אַ שווערע עבירה? מעג מען אים זאָגן דעם אמת? אָדער מעג מען אַ מענטשן לויבן, געבן אים אַ קאָמפּלימענט, אפילו ווען ער האָט עס ניט אינגאַנצן פאַרדינט? די פראַגע באַגעגענען מיר שוין אין דער תלמודישער ליטעראַטור. קלאַסיש איז אין דעם פּרט די מחלוקת צווישן בית שמאי

און בית הלל: עס האַנדלט זיך וועגן דעם, ווי צו באַזינגען אַ כלה, וואָס צייכנט זיך ניט אויס מיט קיין באַזונדערע מעלות? בית הלל זאָגן: אויך אין אַזאַ פאַל זינגט מען: ווי שיין און איידל איז די כלה, בית שמאי אָבער האַלטן, אַז מען טאָר קיין ליגן ניט זאָגן, אפילו ווען די כוונה איז די בעסטע, וואָרום עס שטייט געשריבן "מדבר שקר תרחק".

דער ספר חסידים האַלט זיך ביי דער מיינונג פון בית הלל. ער זאָגט בפירוש:

> יכול אדם לשקר כדי שלא יתביש חברו. וכשישקר יעסק לשנות שלא יהיה כל כך לגמרי שקר.

אַ מענטש מעג זאָגן אַ ליגן, כדי דער חבר זאָל ניט פאַרשעמט ווערן. ער דאַרף זיך אָבער באַמיען, אויף וויפל מעגלעך, עס זאָל ניט זיין אינגאַנצן קיין ליגן.

אויב דו הערסט אַ מאָל — לייענען מיר ווייטער אין ספר חסידים — ווי אַ רבי לערנט מיט אַ תלמיד און ער מאַכט אַ טעות, זאָלסטו עס אים ניט זאָגן, נייערט זאָג עס איינעם פון זיינע נאָענטע פריינט, כדי דו זאָלסט זיין בלוט ניט פאַרגיסן.

האָט אימיצער געגנבעט אָדער געגזלט און ער האָט דאָס געגנבעטע אָדער דאָס געגזלטע אָפּגעגעבן צוריק, טאָר מען וועגן דעם קיינעם ניט דערציילן, כדי אים ניט צו פאַרשעמען.

מאַכט זיך אָבער אַ פאַל, אז אַ מענטש האָט געטאָן אַן עוולה און מען איז אין דער עבירה חושד אַן אַנדערן, אַן אומשולדיקן, אין אַזאַ פאַל איז דער שולדיקער מחוייב זיך מודה צו זיין, כדי אָראָפּצונעמען דעם חשד פון דעם אומשולדיקן.

ווען מען זיצט מיט אַ געוועזענעם קנעכט, אָדער מיט אַ זון פון אַ קנעכט, טאָר מען אין זיין אַנוועזנהייט ניט ריידן וועגן קנעכט, כדי אים ניט פאַרשעמען. ווען מען זיצט מיט אַ בעל מום, טאָר מען אין זיין אַנוועזנהייט ניט ריידן וועגן קאַליקעס.

באַגעגנסטו אַ מענטשן אין גאַס און דו ווייסט, אַז ער קען זיך פילן שלעכט, ווען ער זעט דיך, ווייל ער איז דיר שולדיק אַ חוב, אָדער צוליב אַן אַנדער טעם, דאַן מאַך זיך ווי דו האָסט גאָרניט געזען.

אויב עס קומט צו דיר אַן אורח און דו ווייסט ניט, צי ער איז אַ למדן, צי ניט, טאָרסטו מיט אים ניט ריידן וועגן ענינים פון לערנען, כדי ער זאָל ניט פאַרשעמט ווערן.

באַזונדערס באַטאָנט דער ספר חסידים די וויכטיקייט אָפּצוהיטן דעם כבוד פון די מענטשן, וואָס אַרבעטן ביי אונדז: קנעכט, דינסטן, משרתים וכדומה. "האָט אַן אַרבעטער געמאַכט זיין אַרבעט גוט, טאָר מען אים ניט זאָגן, אַז זיין אַרבעט איז ניט גוט, ווי בעלי בתים טוען עס אָפּט. דאָס איז אומדאַנקבאַרקייט און עס קען ניט זיין קיין מאוסערע מידה ווי אומדאנקבאַרקייט". ניט נאָר איז מען מחוייב דעם אַרבעטסמענטשן באַצאָלן אין צייט דעם לוין פאַר זיין האָרעוועניע, נייערט

ער איז אויך באַרעכטיקט צו באַקומען די געהעריקע אָנערקענונג, וואָס ער האָט פאַרדינט.

עס איז, גלויב איך, ניט איבעריק צוצוגעבן, אַז אויך אין אונדזער צייט וואָלט געווען נויטיק אָפּצוהיטן דאָס דאָזיקע געבאָט. ווי ווייניק קימערט מען זיך ביי אונדז אָפּצוגעבן די געהעריקע אָנערקענונג און זאָגן אַ מאָל אַ גוט וואָרט דעם פּשוטן ארבעטס־מענטשן!

דער ספר חסידים איז געשאַפן געוואָרן אין דרייצנטן יאָרהונדערט אין דייטש־לאַנד. עס איז געווען די צייט פון די חסידי אשכנז, פון ר׳ יהודה חסיד און זיינע תלמידים. אַ מהלך פון מער ווי פינף יאָרהונדערטער טיילט אָפּ די חסידי אשכנז פון דער חסידות־באַוועגונג אין פוילן און רוסלאַנד. און דאָך איז פאַראַן אַ געוויסע קרובהשאַפט צווישן אָט די צוויי שיטות אין יידישן לעבן.

אזוי ווערט דער מאָטיוו פון שלא לבייש אין אַ ריי פאַרשיידענע וואַריאַנטן באַהאַנדלט אין דער חסידישער פאָלקס־ליטעראַטור. ווילן מיר זיך דאָ באַנוגענען בלויז מיט איין איינציקער אילוסטראַציע. דאָס איז די געשיכטע פון ר׳ משה לייב סאַסעווער, וואָס איז אויך אַזאַ קינסטלערישן אופן באַאַרבעט געוואָרן פון י. ל. פּרץ אין זיין „אויב ניט נאָך העכער״. די געשיכטע ווערט געבראַכט אין אייניקע ספרים. איך גיב דאָ די איבערזעצונג לויטן נוסח פון „קהל חסידים״.

„דער הייליקער ר׳ הירש זידיטשעווער ז״ל האָט דערציילט: ער פלעגט יונגערייד פאָרן אין סאַסעוו לערנען תורה ביים רבין. איין מאָל האָט ר׳ הירש צו זיך געזאָגט: איך וויל מיך צוקוקן ווי דער הייליקער רבי ריכט אָפּ חצות. האָט זיך ר׳ הירש באַהאַלטן ביים רבין אין הויז, כדי צו זען מיט די אייגענע אויגן ווי ער איז זיך נוהג.

ס׳איז געוואָרן האַלבע נאַכט, האָט דער הייליקער ר׳ משה ז״ל אָנגעטאָן פּויערישע קליידער, האָט גענומען אַ שייטל האָלץ און אַ האַק און איז אַרויס. איז ר׳ הירש אים נאָכגעגאַנגען ביז זיי זיינען געקומען אין אַ פּלאַץ, וווּ ס׳האָט געלעבט אַן אָרעמע פרוי, זי איז גראָד דעמאָלט געלעגן געוואָרן מיט אַ יינגל. ס׳איז געווען אַ שרעקלעכע ווינטער־נאַכט, און די אומגליקלעכע קימפּעטאָרין האָט אינגאַנצן געציטערט פאַר קעלט. איז אַריינגעקומען ר׳ משה לייב און האָט אָנגעהויבן צו איר צו ריידן אויף פּויעריש לשון: איך האָב א שייטל האָלץ צו פאַרקויפן, איך וועל עס דיר ביליק פאַרקויפן. האָט די קימפּעטאָרין זיך אָפּגערופן: איך האָב אפילו ניט קיין פּרוטה. ענטפערט איר דער רבי: ס׳מאַכט ניט אויס. איך וועל דיר געבן אויף באָרג. זאָגט אים די קימפּעטאָרין: אָבער וואָס וועל איך מאַכן מיטן האָלץ, איך קען ניט איינהייצן דעם אויוון? האָט ער צו איר געזאָגט, איך וועל שוין באַזאָרגן. האָט דער רבי צעהאַקט דאָס האָלץ אויף קליינע שטיקלעך, און ווען ער האָט דאָס האָלץ צעשפּאָלטן, האָט ער געזאָגט תיקון לאה, און ווען ער האָט איינגעהייצט דעם אויוון, האָט ער געזאָגט תיקון רחל. דאַן איז ער תיכף אוועק אהיים און האָט איבערגעטאָן זיינע קליידער. איז ר׳ הירש זידיטשעווער געווען

פאַרחידושט און האָט אויף אים געזאָגט דעם פסוק "שבילך במים רבים ועקבותיך לא נודעו".

די אידעע פון מענטשלעכער חשיבות וואָלט ניט געהאַט קיין שום יסוד אָן דעם פּרינציפּ פון פרייער בחירה און פּערזענלעכער אחריות. די תלמודישע הלכה ווערט ניט מיד צו באַטאָנען ווי וויכטיק עס זיינען די מענטשלעכע מעשים, אַלע מעשים, און ווי גרויס עס איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם מענטשן פאַר זיך אַליין און פאַר דער וועלט. דער מענטש, וואָס טראָגט אויף זיך דעם צלם אלקים, איז אויך אַ שותף צו זיין באַשעפער אין דער באַנייונג פון די מעשי בראשית. אויף אַ קלאַסישן אופן איז אָט די אידעע ארויסגעבראַכט געוואָרן אין דער לוריאַנישער קבלה. דער מענטש פאַרנעמט דאָ דעם צענטראַלן פּלאַץ אין דער וועלט־דראַמע. פון זיינע מעשים הענגט ממש אָפּ דער גורל פון דעם גאַנצן באַשאַף. יעדע מיצווה, וואָס אַ מענטש טוט, איז מקרב דעם תיקון פון דער וועלט, און יעדע עבירה, חס ושלום, פאַרשטאַרקט דעם כוח פון רישעות און טומאה, פון דער סיטרא אחרא רחמנא לצלן. דער מענטש נייטיקט זיך, אמת, כסדר אין גאָטס הילף, אין סיעתא דשמיא; אָבער אויך די השגחה וויל די הילף פון דעם מענטשן. מערקווערדיק איז אין דעם פּרט דער מאמר אין איכה רבתי: בזמן שישראל עושין רצונו של מקום מוסיפין כוח בגבורה של מעלה... ובזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום כביכול מתישין כוח גדול של מעלה": ווען יידן היטן אָפּ דעם ווילן פון גאָט ברוך הוא, פאַרשטאַרקן זיי דעם כוח פון דער השגחה... און ווען זיי טוען ניט דעם ווילן פון גאָט ברוך הוא, שוואַכן זיי כביכול אָפּ דעם כוח פון דער השגחה.

מענטשלעכע חשיבות און פּערזענלעכע אחריות פאַרנעמען גאָר אַן אייגנאַרטיקן פּלאַץ אין דער תורה פון ר' ישראל סאַלאַנטער און זיינע תלמידים, די באַגרינדער פון דער מוסר־באַוועגונג.

די מוסר־באַוועגונג האָט געפונען איר שטאַרקסטן אָפּקלאַנג אין די ישיבות אין סלאַבאָדקע, קעלם, נאָוואַראַדאָק, ראַדין, מיר, טעלז, סלוצק א.אז.וו. וואָס איז שייך אונדזער טעמע, איז באַזונדערס וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף די שיטות פון סלאַבאָדקע און נאָוואַראַדאָק.

סלאַבאָדקע האָט געשאַפן די שיטה פון רוממות האדם, די דערהויבנקייט פון דעם מענטשן: די תורה און די מיצוות זיינען אונדז געגעבן געוואָרן, כדי דער מענטש זאָל קענען דערגרייכן צו דער מדרגה פון העכסטער שלמות. עבודת ה' מיינט ניט נאָר דינען גאָט, עס מיינט דער עיקר — אַרבעטן איבער זיך און דער־הויבן דעם מענטשן אין זיך.

מאָראַלישע שלמות איז די וויכטיקסטע אויפגאַבע. אזוי, למשל, האָבן די דינים בין אדם לחברו אין דער ערשטער שורה דעם צוועק אָפּצוהיטן דעם מענטשן פון באַגיין עוולות לגבי דעם מיטמענטשן. ס'איז אפשר אַ גרעסערער רחמנות אויפן מזיק, וואָס באַגייט אַן עוולה, וואָס פאַרשאַפט דעם צווייטן צער, ווי אויפן געליטע־

נעם, אויפן ניזיק. דער, וואָס פאַרשאַפט דעם חבר שאָדן, ברענגט דעם גרעסטן שאָדן זיך אַליין, דעם מענטשן אין זיך.

זוכן דעם מענטשן אין זיך, ארויסברענגען דאָס מענטשלעכסטע, וואָס מען פאַרמאָגט, איז דער תכלית פון מוסר. דרך ארץ קדמה לתורה, עס איז פאַראַן אַ גאַנצע תורה פון מענטשלעכקייט, וואָס איז נאָך עלטער ווי די תורה. די תורה פון מענטשלעכקייט איז ניט געגעבן געוואָרן ביים באַרג סיני. זי איז אין דעם מענטשן גופא. איז דעריבער דער חוב פון איטלעכן צו אַרבעטן איבער זיין שלמות, זיך אומצוקערן צו זיין אייגנטלעכן וועזן, צו דעם אדם פון דער תורה (לשוב אל מציאותו לאדם דקרא).

און אויב דער מענטש טוט גאָרניט, כדי צו שטייגן אין זיינע מידות, באַשטראַפט ער זיך אַליין מיט דער שטראָף פון נבוכדנצרן, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין אַ חיה במשך פון זיבן יאָר. דורך זיין אייגענעם ווילן און דורך זיין בחירה גייט ער אַרויס פון דעם כלל מענטש. און אויב עס פעלט אים עפּעס פון "נעשה אדם", דאַן פעלט אים אויך אין "נעשה ונשמע".

דאָס איז דער זין פון דער תלמודישער טראַדיציע, אַז נאָך פאַרן מעמד הר סיני האָבן די אבות געלערנט תורה און האָבן אָפּגעהיט די מיצוות (מימיהם של אבותנו לא פרשה ישיבה מהם). וואָס האָבן די אבות געלערנט אין זייערע ישיבות? זיי האָבן געלערנט די תורה פון דעם מענטשן.

דער גרונטמאָטיוו פון סלאָבאָדקער מוסר איז דער מאמר: בשבילי נברא העולם, פון מיינעטוועגן איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן. אַ מענטש איז אַ גאַנצע וועלט. דאַרף מען היטן דעם מענטשן אין זיך!

דער גייסטיקער פירער פון דער ישיבה "כנסת ישראל" אין סלאָבאָדקע איז געווען ר' נאָטע הירש פינקעל. זיין תלמיד ר' ירוחם איז במשך פון אַ גאַנצן דור געווען דער מנהל פון דער מירער ישיבה. ר' ירוחם פּרובירט אונדז אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן צו דערקלערן דעם זין פון רוממות האדם:

באמת כל אדם מיצירתו הוא אחד... והוא באמת בזיון גדול לאדם שמכל הצלם אלק' נעשה "כללים" והוא נגד יצירתו של האדם, שנוצר להיות "פרט". ובאמת שחז"ל בקשו עצות לזה ואמרו שחייב אדם לומר "כל העולם לא נברא אלא בשבילי". והתירו חז"ל כל כך גאווה, משום דאין הכי נמי, כן צריך האדם להיות... כשהאדם נעשה "עניו" הוא מהלך ונטפל עם הכל. האדם צריך שיהי' "יחיד" בפני עצמו.

עס טאָר בשום אופן ניט דערלאָזט ווערן, אַז דער קאָלעקטיוו, דער כלל, זאָל אינגאַנצן אָפּווישן די פּערזענלעכקייט פון דעם מענטשן, זאָל פאַרוואַנדלען די פאַרשיידענע יחידים אין איין גרויסע מאַסע. דערמיט נעמען מיר אַוועק ביים מענטשן זיין צלם אל'. דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צו זיין איינער. דאָס איז אפשר גאווה, באַמערקט ר' ירוחם, אָבער אַזאַ גאווה איז נויטיק.

ניט ווייניקער מערקווערדיק איז דער צוגאַנג צום ענין פון מענטשלעכער חשיבות און פּערזענלעכער אחריות מצד די נאָוואַראַדאָקער מוסרניקעס. ר' יוסף

יוזל הורוויץ, דער גרינדער פון דער נאָוואראדאָקער ישיבה, האָט געשאַפן די שיטה פון דעם פּיאָנעריש־אַסקעטישן מוסר. דאָס לערנען דאַרף דערציען ניט נאָר פרומע, ערלעכע יידן, נאָר אין דער ערשטער שורה — מאָראַלישע העלדן. מאָראַלישער מוט, מאָראַלישע גבורה, איז אייגנטלעך די היסטאָרישע שליחות פון דעם מענטשן. דער מוסרניק איז מבטל די וועלט, זיין אמתע כוונה אָבער איז — צו דעראָבערן די וועלט.

פאַרוואָס האָט אָדם הראשון געגעסן פון עץ הדעת? איז עס געווען בלויז צוליב שוואַכקייט, ווייל ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן? ניין? ענטוועדט אונדז ר׳ יוזל. דאָס איז געשען מיט אַ כוונה. דער אמת איז, אַז דאָס עסן פון עץ הדעת איז גאָרניט געווען קיין זינד. עס איז געווען דער אָנהויב פון מענטשלעכקייט, דער אָנהויב פון מענטשלעכן שטייגן אויפן לייטער פון מוסר. אין גן עדן איז דער מענטש געווען אין דער בחינה פון אַ מלאך: ער האָט ניט געקענט זינדיקן און האָט אויך ניט געקענט טאָן קיין מיצוות; ער האָט ניט געקענט פאַלן, און האָט ניט געקענט שטייגן. האָט אדם הראשון ניט געוואָלט בלייבן אין דער בחינה פון אַ מלאך. ער האָט געבענקט נאָך בחירה, נאָך פרייהייט. ער האָט געוואָלט האָבן די מעגלעכקייט אויסצוקלייבן צווישן גוטס און שלעכטס, ער האָט ווייל געוווּסט, אַז מענטשלעכע פרייהייט איז פאַרבונדן מיט די גרעסטע סכנות. דער מענטש קען נאָר דאַן שטייגן העכער און העכער, ווען ער איז גרייט צו נעמען אויף זיך די ריזיקע פון זינקען אַלץ טיפער און טיפער (כי אי אפשר לאדם לעלות מעלה, כי אם בשעה שיכול לרדת מטה מטה). האָט אדם הראשון אָט די מאָראַלישע אחריות אויף זיך גענומען. דער מענטש, לערנט אונדז ווייטער ר׳ יוסף יוזל — איז די איינציקע באַשעפעניש אויף דער וועלט, וואָס קען זינדיקן — דערין שטעקט זיין גרויסקייט!

עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס ר׳ יוסף יוזל האָט כסדר געוואָרנט זיינע תלמידים, זיי זאָלן קיינמאָל ניט פאַרלירן זייער אַמביציע זיך אַנקעגנצושטעלן דער וועלט. זיי זאָלן קיינמאָל ניט שלום מאַכן מיטן צושטאַנד אין וועלכן זיי געפינען זיך. די מלחמה פון דעם מוסרניק איז אַ מלחמה מיט זיך אַליין. דאָס ערגסטע, וואָס עס קען מיט אַ מענטשן פּאַסירן — לערנט אונדז ר׳ יוזל — איז, ווען ער בלייבט אַזוי ווי ער איז.

אַזוי זעען מיר, אַז די אידעע פון מענטשלעכער חשיבות וועקט אין אונדז דאָס געפיל פון העכסטער פערזענלעכער אחריות. יחוס איז מחייב! און וואָס העכער איז די מדרגה צו וועלכער דער מענטש דערהויבט זיך, אַלץ גרעסער איז זיין מאָראַלישע אחריות פאַר זיך און פאַר דער וועלט.

דער גרונטפרינציפּ פון דעמאָקראַטיע — אַ ירושה פון תנ״ך

די גרונטאידעע וועגן דער גלייכהייט פון אַלע מענטשן האָט די מאָדערנע דעמאָקראַטיע איבערגענומען בירושה פון תנ״ך. דער יידישער מאָנאָטעיזם האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פּראָקלאַמירט די טיף־מענטשלעכע און אוניווערסאַלע אידעע, אַז מיר אַלע, מענטשן פון גאָר דער וועלט, זיינען קינדער פון איין גאָט. איין פאָטער האָבן מיר אַלע, איין גאָט האָט אונדז באַשאַפן" (אל אחד בראנו). נאָר אויפן יסוד פון מאָנאָטעיזם, פון דעם גלויבן אין דעם איין און איינציקן באַשעפער פון דער וועלט, האָט זיך געקענט אַנטוויקלען די אידעע פון "אַלע מענטשן זיינען באַשאַפן געוואָרן גלייך״; און נאָר דער מאָנאָטעיזם האָט דערפירט צו איר העכסטן פּונקט די אידעע וועגן דער הייליקייט פון דעם מענטשן וואָס טראָגט אויף זיך דעם צלם אלקים.

איז טאָקע ניט קיין וווּנדער, וואָס דער נאַציזם האָט אַזוי שאַרף באַקעמפט דאָס יידישע פאָלק און די יידישע קולטור. דערפאַר איז זיי געווען אַזוי פאַרהאַסט דער ביבלישער אוניווערסאַליזם.

דעמאָקראַטיע איז אַ סך מער ווי גלייכע פּאָליטישע רעכט פאַר אַלעמען. דער גרונטפּרינציפּ פון אמתער דעמאָקראַטיע איז — דער רעספּעקט צום חבר, צום מיטמענטשן: "יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך״, דיין חבר׳ס כבוד זאָל דיר זיין אַזוי ליב און טייער ווי דיין אייגענער כבוד. אָפּהיטן דעם חבר׳ס כבוד, זיך באַציען מיטן גרעסטן דרך ארץ צו זיינע געפילן און מיינונגען, רעספּעקטירן זיינע טראַדיציעס און מינהגים, איז אפשר די שווערסטע אויפגאַבע פאַר אונדזער דעמאָ־קראַטיע.

איינע פון די פאָדערונגען, פאַר וועלכער די אַרבעטער־באַוועגונג האָט געקעמפט מיט באַזונדערער עקשנות, איז געווען — "מענטשלעכע באַהאַנדלונג״, די פאָדערונג, אַז אויך אין פאַבריק זאָל דער אַרבעטער באַטראַכט ווערן ווי אַ גלייכער; זיין מענטשלעכע ווערדע, זיין פּערזענלעכקייט, זאָלן ווערן אַנערקענט און רעספּעקטירט.

אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז אין דעם פּרט באַזונדערס כדאי צו דערמאָנען דעם אַטענטאַט פון הירש לעקערט אויפן ווילנער גובערנאַטאָר. די צאַרישע פּאָליציי האָט אויף אַ באַרבאַרישן אופן קערפּערלעך באַשטראָפט אַ צאָל יידישע אַרבעטער, וועלכע זי האָט אַרעסטירט בעת דער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין 1902. אין אַן אויפרוף פון "בונד״ צו די אַרבעטער אין ווילנע ווערט אין דעם צוזאַמענהאַנג געזאָגט:

> יידישע אַרבעטער! באַווייזט די צאַרישע הענקער, אַז איר וועט ניט אַריבערטראָגן רויק דאָס שענדלעכע באַגיין זיך מיט אייך; באַווייזט, אַז איר זייט מענטשן מיט מענטשלעכע געפילן; באַווייזט, אַז איר זייט גרייט צו באַשיצן אייער מענטשלעכע ווערדע!

צום באַדויערן האָבן אַ סך פון די אַמאָליקע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן פאַרגעסן דעם קאַמף, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט געפירט פאַר מענטשלעכע רעכט און מענטשלעכער ווערדע. דער סטאַלין־רעזשים האָט אין פּרט פון ברוטאַ־ליטעט ווייט איבערגעיאָגט די אַלטע צאַרישע פּאָליציי.

אָפּהיטן דעם כבוד פון דעם מענטשן איז געוואָרן איינע פון די גרונטיסודות פון דער יידישער מאָראַל, דער מאָראַל פון תנ״ך. דער וועג איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער, און נאָר ביסלעכווייז, בהדרגה, איז פּאַרפעסטיקט געוואָרן איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער. דער צענטראַלער מאָטיוו איז דערביי שטענדיק געווען: היט אָפּ דעם כבוד פון דעם מענטשן וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט; באַליידיקן דעם מענטשן איז דערפאַר דאָס זעלביקע ווי באַליידיקן דעם באַשעפער. ״ווער עס גיט זיין חבר אַ פּאַטש אין פּנים — זאָגט אַ תלמודישער מאמר — איז געגליכן ווי ער וואָלט דאָס געטאָן צו דער שכינה״ (הסוטר לועו של חברו כאילו סוטר לועה של שכינה).

די עלטסטע געזעצן, וואָס האָבן דעם צוועק אָפּצוהיטן דעם כבוד פון דעם מענטשן, געפינען מיר אין חומש דברים. ס׳ערשטע מאָל אין דער געשיכטע ווערט דאָ פּראָקלאַמירט דער פּרינציפּ וועגן דער הייליקייט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. כאַראַקטעריסטיש איז דערביי, וואָס עס האַנדלט זיך גראָד וועגן דער באַהאַנדלונג פון פאַרברעכער און פאַרזינדיקטע.

די הייליקייט פון לעבן

איינע פון די מערקווערדיקסטע דערציילונגען אין חומש איז די געשיכטע פון קין און הבל. די געשיכטע פון דעם ערשטן מאָרד אויף דער וועלט. צום ערשטן מאָל איז בלוט פאַרגאָסן געוואָרן און די הייליקייט פון לעבן פאַרשוועכט געוואָרן.

די גאַנצע געשיכטע פון אונדזער קולטור, פון דער מענטשלעכער מאָראַל, איז אויפן שטאַרקסטן אויפן באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער אידעע פון דער הייליקייט פון לעבן, פון דעם אייגענעם לעבן און פון יענעמס לעבן. אָבער נאָר ווען אָט די אידעע פון דער הייליקייט פון לעבן וועט ווערן דער הערשנדער פּרינציפּ אין די באַציונגען פון מענטש צו מענטש און פון פאָלק צו פאָלק, וועלן מיר קענען שאַפן די באַדינגונגען פאַר אַ סדר פון אמתדיקן יושר און גערעכטיקייט.

די אידעע פון דער הייליקייט פון לעבן שטעלט דעם מענטשן פאַר גרויסע פאָדערונגען און פּראָבלעמען. זי לערנט דעם מענטשן צו טראַכטן ניט נאָר וועגן זיך; זי וועקט זיין געוויסן און פרעגט אים כסדר — וואָס האָסט דו געטאָן? ווי אַזוי האָסט דו אויסגענוצט דיין אייגן לעבן און ווי האָסט דו געהאָלפן אַנדערע מענטשן אין זייער קאַמף פאַרן לעבן?

דער באמת מאָראַלישער מענטש איז דערפאַר אַ שטרענגער מענטש: ער

פֿאַדערט אַ סך פֿון זיך און פֿאַדערט אויך פֿון אַנדערע. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַט דעם צוגאַנג איז דער קאַמף פֿון די נביאים געגן יעדע פֿאָרם פֿון לוקסוס, פֿון פֿאַרשווענדונג. זיי זיינען אפֿילו ניט געווען באַגייסטערט פֿאַרן בית המקדש. דער רבונו של עולם קען זיך באַגיין אָן דעם לוקסוס פֿון דעם רייכן און פּראַכטפֿולן קולט, וואָס ווערט געפּראַוועט פֿון די כהנים. דער אמתער גביר איז נאָר דער, וואָס קען אַ סך געבן, וואָס קען זיך פֿון אַ סך אָפּזאָגן.

די אידעע פֿון הייליקייט פֿון לעבן גייט אָבער נאָך ווייטער. ניט נאָר דאָס לעבן פֿון דעם מענטשן איז הייליק, נאָר אויך דאָס לעבן פֿון די בעלי חיים.

עס איז אַ טעות, ווען אַלבערט שווייצער מיינט, אַז די אידעע פֿון הייליקייט פֿון לעבן איז ערשט אַ מאָדערנער באַגריף. דאָס איז טיילווייז ריכטיק פֿאַר דער וועלט, ווו דער ספּאָרט פֿון יאָגד און כאַפּן פֿיש, כדי "זיך אויסצורוען", איז נאָך היינט אַ סימן פֿון קולטור. די יידישע טראַדיציע האָט אַזעלכע פֿאַרגעניגנס, ווי שיסן און פֿאַנגען בעלי חיים, פֿון תמיד אָן אויפֿן שטרענגסטן אופֿן אָפּגעוואָרפֿן. די יידישע משיח־אידעע איז תמיד געווען פֿאַרבונדן מיטן אידעאַל פֿון אייביקן שלום ניט נאָר צווישן מענטש און מענטש, נאָר אויך צווישן די בעלי חיים. דער נביאישער חלום פֿון דער צייט, ווען אַ וואָלף וועט לעבן צוזאַמען מיט אַ שעפּעלע און דער לייב מיטן אָקס וועלן עסן שטרוי צוזאַמען (ואריה כבקר יאכל תבן), איז אַלגעמיין באַקאַנט.

כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז דער געזעץ וועגן שבת. דער יידישער הייליקער טאָג איז אַ טאָג פֿון אָפּרו ניט נאָר פֿאַר מענטשן, נאָר אויך פֿאַר בעלי חיים. "כדי עס זאָל אָפּרוען דיין אָקס און דיין אייזל, און זאָל אָפּעטעמען דער זון פֿון דיין דינסט און דער פֿרעמדער" (למען ינוח שורך וחמורך וינפש בן אמתך והגר). דער גרויסער יידישער דענקער פֿילאָן פֿון אַלעכסאַנדריע, וואָס האָט גע־לעבט אין דער צייט פֿון בית שני, באַטאָנט באַזונדערס אָט דעם כאַראַקטער פֿון שבת: ניט נאָר איז פֿאַרווערט צו לאָזן אַרבעטן די בהמות — רופֿט פֿילאָן אויס — נאָר מען טאָר אפֿילו ניט אָפּרייסן אַ צווייג אָדער אַ בלאַט פֿון אַ בוים, ווייל אַלץ וואָס לעבט און וואַקסט איז הייליק.

די פֿראַגע וועגן דער הייליקייט פֿון לעבן האָט שטאַרק באַשעפֿטיקט די יידישע דענקער פֿון אַלע צייטן. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז מיר זיינען ניט בכוח דורכצופֿירן דעם פּרינציפּ הונדערט פּראָצענטיק. מיר זיינען אָפֿט געצווונגען צו פֿאַרניכטן לעבן כדי צו ראַטעווען לעבן. מיר פֿאַרניכטן שעדלעכע בעלי חיים, כדי אָפּצוהיטן דאָס לעבן פֿון מענטשן און פֿון אַנדערע בעלי חיים. דעם איינציק וויכטיקן ענטפֿער געפֿינען מיר, אַזוי ווייזט מיר אויס, אין דעם יידישן צוגאַנג צו דער פּראָבלעם. די יידישע טראַדיציע באַטאָנט אויפֿן שאַרפֿסטן אופֿן די הייליקייט פֿון לעבן בכלל. דערפֿון נעמט זיך דער שטרענגער פֿאַרבאָט פֿון געניסן פֿון בלוט: "וואָרים דאָס בלוט איז דאָס לעבן" (כי הדם הוא הנפש). די יידישע מינהגים פֿון כשרות זיינען אין אַ גרויסער מאָס פֿאַרבונדן מיט דער אידעע פֿון הייליקייט פֿון לעבן. דערפֿאַר ווערט אויך אויפֿן שטרענגסטן אופֿן פֿאַרווערט

צו קיילענען אַ בהמה מיט איר קינד צוזאַמען (ושור או שה אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד). געפינט מען א נעסט פון פויגעלעך, טאָר מען ניט צונעמען די מוטער מיט די קינדער צוזאַמען. פאַרניכטן צוויי דורות, הייסט דאָך פאַרניכטן דעם גאַנצן מין, הייסט פאַרניכטן לעבן אין אַן אַבסאָלוטן זין. מוז מען דערפאַר לאָזן לעבן: "די מוטער זאָלסטו לאָזן פריי און די קינדער קענסט דו נעמען פאַר זיך" (שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך).

אין דער זעלבער צייט ווערט אָבער געמאַכט אַ פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן דעם לעבן פון מענטשן און דעם לעבן פון אַלע אַנדערע בעלי חיים. בנוגע דעם לעבן פון מענטשן ווערט פאַרמולירט דער אַבסאָלוטער פּרינציפּ פון לא תרצח: ניטאָ קיין שום באַרעכטיקונג פאַר פאַרגיסן מענטשלעך בלוט; ניטאָ קיין "העכערע" מענטשן און "מינדערווערטיקע" מענטשן. וואָס איז שייך לעבן, זיינען אַלע מענטשן גלייך. אַלע מענטשן זיינען גאָטס קינדער, געשאַפן אין גאָטס פאָרם און אין זיין געשטאַלט. צו דער הייליקייט פון לעבן קומט צו די אידעע פון דער הייליקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, פון דער ווערדע פון דעם מענטשן. אָפּהיטן דעם כבוד פון דעם מענטשן, אפילו פון דעם זינדיקן; ניט לאָזן פאַרשוועכן דעם צלם אלקים אין דעם מענטשן, איז דעריבער איינע פון די צענטראַלע אידעען פון דער יידישער טראַדיציע.

ווער איז א ייד און וואס איז יידישקייט

וואָס איז יידישקייט? צו וואָס איז יידישקייט אונדז מחייב? ווי קענען מיר לעבן ווי יידן? דאָס איז ניט סתם אַ פילאָזאָפישע פּראָבלעם, נאָר אויך גאָר אַ דרינגנדיקע פּראַקטישע פראַגע.

דער יסוד פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט איז: די שותפות צווישן דעם באַשעפער און דעם מענטשן. באַלערנדיק אין דעם פּרט איז אַ מאמר אין שבת: אַ ריכטער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּסקנען א דין לויטן אמת, ווערט דאָ געזאָגט, אפילו ניט מער ווי איין שעה, איז געגליכן ווי ער וואָלט געוואָרן אַ שותף צו גאָט ברוך הוא ביים באַשאַפן די וועלט (כל דיין שדן דין אמת לאמתו אפילו שעה אחת מעלה עליו הכתוב כאלו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית). אָט דער מאמר פאַרדינט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. דאָ האָבן מיר אין געציילטע ווערטער די גאַנצע פילאָזאָפיע פון יידישקייט: דער וועג פון אמת און גערעכטיקייט איז דער וועג פון שותפות צווישן דעם מענטשן און זיין באַשעפער.

די אידעע פון שותפות צווישן גאָט און מענטש געפינען מיר אויך אין תנ"ך. די תורה איז אָנגענומען געוואָרן פון דעם יידישן פאָלק ביים באַרג סיני אויפן גרונד פון אַ בונד. (ברית), פון אַן אָפּמאַך צווישן גאָט און דעם פאָלק ישראל. אָט די אידעע פון אָפּמאַך צווישן פאָלק און גאָט ווערט כסדר איבערגעחזרט סיי אין דער תורה און סיי אין די אַנדערע ספרים פון תנ"ך. ווען יידן הערן אויף

אָפּצוהיטן די מיצוות פון דער תורה, הייסט עס, אַז זיי האָבן געבראָכן דעם בונד. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פאַרפליכטונגען, וואָס זיי האָבן אויף זיך פרייוויליק גענומען. געוויסע מיצוות ווערן באַצייכנט ווי עדות, ווי די סימבאָלן פון בונד צווישן גאָט און פאָלק. אַזוי ווערט געזאָגט וועגן שבת: "צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַן אייביקער צייכן" (ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם, שמות ל"א). פּונקט אַזוי איז די מיצווה פון מל זיין די קינדער אַ צייכן פון דעם בונד צווישן גאָט און די קינדער פון אברהם (בראשית י"ז).

פאַרשיידענע געלערנטע האָבן שוין אָנגעוויזן אויף דער צענטראַלער באַדייטונג פון דעם מאָטיוו פון אָפּמאַך, פון דעם ברית צווישן גאָט און פאָלק, אין דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיע. דער יסוד פון יידישקייט איז די דעמאָקראַטישע אידעע פון אָפּמאַך, פון שותפות, פון דער פרייוויליקער פאַר־פליכטונג. און עס איז די שותפות פון גאַנצן פאָלק מיטן באַשעפער.

אַזוי זאָגט ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער (קדושת לוי, במדבר), אַז דאָס פאָלק ישראל איז די תורה, און איטלעכער ייד איז איין אות פון דער תורה (ישראל הם התורה, כי כל אחד מישראל הוא אות מהתורה). מיר באַגעגענען די זעלביקע אידעע אויך ביי אַנדערע יידישע דענקער. דער זין איז קלאָר: דאָס פאָלק איז די תורה, דאָס פאָלק שאַפט תורה.

דער מאָטיוו פון בונד צווישן גאָט און פאָלק ווערט מיט אַ באַזונדערער קלאָר־קייט ארויסגעבראַכט אין דברים, פרשה נצבים: דאָס איז געווען, ווען די יידן זיינען שוין געווען גרייט אַריבערצוגיין דעם ירדן, האָט משה רבנו נאָך אַ מאָל פאַרזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק: מענער, פרויען און קינדער, פון די העכסטע פירער פון פאָלק ביז צו די סאַמע אָרעמסטע, ביז צו די האָלץ־העקער און די וואַסער־שעפּער, און האָט פייערלעך געשלאָסן דעם בונד... און ניט נאָר מיט אייך אַליין, ווערט דאָ געזאָגט, שליס איך אָט דעם בונד און די דאָזיקע שבועה, נאָר מיט אַלע די, וואָס שטייען דאָ היינט פאַר גאָט, אונדזער גאָט, און אויך מיט די, וואָס זיינען דאָ ניט פאַראַן מיט אונדז היינט.

און צוליב דעם טעם איז די תורה פון פאָלק ישראל ניט קיין פאַרענדיקטע תורה. וואָרים יידישקייט איז אַ וועג פון לעבן, איז ממילא אונדזער תורה אויך אַ תורה פון לעבן. אַזוי, למשל, ווערט דערציילט אין מגילת אסתר, אַז די יידן פון אַלע לענדער פון דער פערסישער אימפּעריע האָבן אויף זיך גענומען אָפּצוהיטן דעם יום־טוב פּורים. עס רעדט זיך דאָ קלאָר וועגן אַ באַשלוס פון פאָלק, ווו עס ווערט געזאָגט: "האָבן די יידן זיך פאַרפליכטעט און האָבן אויף זיך גענומען, און אויף זייערע קינדער, און אויף אַלע וואָס באַהעפטן זיך אָן זיי, אַז עס זאָל ניט בטל ווערן, צו האַלטן די דאָזיקע צוויי טעג, אַזוי ווי עס איז געשריבן וועגן זיי, און אין זייער צייט, יאָר נאָך יאָר (קימו וקבלו עליהם היהודים עליהם ועל זרעם ועל כל הנלוים עליהם ולא יעבור להיות עושים את שני הימים האלה ככתבם וכזמנם בכל שנה ושנה). דאָ האָבן מיר אפילו אַ גאַנץ קלאָרן יורידישן

טעקסט, ווי אזוי עס פלעגן פאַרמולירט ווערן געזעצן און באַשטימונגען, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק פלעגט אָננעמען. עס איז נויטיק זיך אַריינצוטראַכטן אין אָט די אַלע אייגנצלהייטן, ווייל זיי אַנטפּלעקן פאַר אונדז דעם דורך און דורך דעמאָקראַטישן גייסט פון דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע: דאָס פאָלק איז די תורה, איטלעכער ייד איז איין אות פון דער תורה און דאָס פאָלק איז אַ שותף ביים שאַפן די תורה. דאָס איז אייגנטלעך דער יסוד פון דער תולמודישער טראַדיציע, פון דער תורה שבעל פה.

די מאָדערנע וועלטלעכע קולטור האָט אויך אַ גלויבן. עס איז דער גלויבן אין אַ פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון אונדזער ציוויליזאַציע. עס איז אין תוך דער גלויבן אין מענטשן, אין דער נאַטירלעכער גוטסקייט פון דעם מענטשן. אין דעם פּרט איז די מאָדערנע וועלטלעכע קולטור, נאָך ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען שטאַרק אָפּטימיסטיש. אַנקעגן דעם איז די קריסטלעכע טראַדיציע דורך און דורך פּעסימיסטיש בנוגע דעם מענטשן. די קריסטלעכע דענקער גלויבן ניט, אַז דער מענטש קאָן דורך זיין פרייען ווילן, דורך זיינע מעשים, געפינען דעם וועג צו גערעכטיקייט. דער מענטש איז געבוירן געוואָרן אין זינד און דורך זיין גאַנץ לעבן שלעפּט ער מיט זיך זיין זינדיקע ירושה.

גאָר אַנדערש איז דער יידישער צוגאַנג, ווייל יידישקייט איז אַ פילאָזאָפיע פון שותפות צווישן גאָט און מענטש. די יידישע רעליגיעזע דענקער האָבן אַרויפגע־לייגט אויפן מענטשן די גרויסע אויפגאַבע, די היסטאָרישע שליחות אויסצולייזן די וועלט פון זינד, מתקן צו זיין די וועלט. אַזוי אַרום איז די יידישע פילאָזאָפיע פאַרבונדן מיט דעם גלויבן אין גאָט און מיט דעם גלויבן אין מענטשן. און צוליב דעם טעם איז יידישקייט דורך און דורך אַ וועג פון מיצוות און מעשים טובים, ווייל דורך דעם, וואָס דער מענטש היט אָפּ די מיצוות ווערט ער אַ שותף צו גאָט אין מעשה בראשית, אין באַשאַפן און אויפהאַלטן די וועלט.

דער זין פון לעבן איז, לויט דער יידישער טראַדיציע, אָפּצוהיטן מיצוות. דערפאַר פּראַוועט מען מיר בר־מיצווה. ווען דער יונגער ייד דערגרייכט דעם געהעריקן עלטער, ווערט ער א מענטש פון מיצוות, פון פליכטן. ער טראָגט אַ פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר זיך, פאַרן יידישן פאָלק און פאַרן גורל פון דער וועלט. דאָ האָבן מיר די וווּנדערלעכע אידעע פון דער מענטשלעכער דערהויבנקייט, ווייל דער מענטש קען מיט זיינע מעשים ווערן אַ שותף צו גאָט אין דעם טאָג־טעגלעכן פּראָצעס פון מעשה בראשית. מיר אַלע זיינען אַקטיווע מיטשפּילער אין דער גרויסער דראַמע פון דער וועלט־געשיכטע. ווען דער פּשוטסטער מענטש טוט אַ מיצווה, ווערט ער אַ שותף צו דער וועלט, אַ שותף צו מעשה בראשית. דאָס איז דער זין פון יידישקייט.

מען קען אוודאי פרעגן: פאַרוואָס איז עס אַזוי וויכטיק אָפּצוהיטן די מיצוות פון דער תורה, אפילו די מיצוות, וואָס טראָגן בלויז אַ ריין רעליגיעזן כאַראַקטער? דער טעקסט אין מדרש ענטפערט אונדז דערויף: "ווייל ווען יידן וועלן אָפּהיטן די תורה, וועט דאָס ליכט פון דער תורה זיי ברענגען אויפן ריכטיקן וועג (מתוך

שהיו מתעסקין בה המאור שבה היה מחזירן למוטב). תורה און מיצוות, לערנען מיר דאָ, שטראַלן אויס ליכט, תורה און מיצוות ווייזן דעם וועג. טאָן אַ מיצווה העלפֿט דעם מענטשן צו פֿילן זיין באַדייטונג, צו פֿילן זיין ראָל ווי אַן אַקטיוווער שותּף אין דער וועלט.

וועגן דעם תּלמודישן מאמר "הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו" האָט מען ביי אונדז אַ סך געשריבן. עס ווייזט מיר אָבער אויס, אַז דער אייגנטלעכער זין פֿון דעם מאמר איז אַ גאַנץ קלאָרער. די מיצוות זיינען אין גאָר אַ באַזונדערער מאָס די שאַפֿונג פֿון פֿאָלק. די אינטעליגענץ שאַפֿט ביכער און ספרים, דאָס פֿאָלק שאַפֿט מיצוות, מינהגים; דאָס פֿאָלק שאַפֿט אַ וועג פֿון לעבן. אויך דאָס האָט די תּלמודישע טראַדיציע זייער גוט פֿאַרשטאַנען. פֿאַראַן אַ כּלל אין דער תּלמודישער הלכה: גיי און זע ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך (פוק חזי מאי עמא דבר), פֿון די מינהגים פֿון פֿאָלק דאַרפֿן מיר לערנען. דער אמת איז, אַז די טראַדיציע פֿון דער תּלמודישער הלכה איז אין גאָר אַ גרויסער מאָס געבויט אויף די מינהגים פֿון פֿאָלק און אויף די תּקנות, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אָנגענומען. האָט אָבער פּאַסירט, אַז די מנהיגים פֿון פֿאָלק האָבן איינגעפֿירט אַ תּקנה און דאָס פֿאָלק האָט דאָס ניט אָנגענומען, ווערט די תּקנה בטל, ווייל אויך די חכמי התלמוד האָבן זיך געהאַלטן ביים כּלל: דאָס פֿאָלק איז די תּורה.

איך וויל דאָ גלייך באַמערקן — אַזוי איינפֿאַך איז דער ענין ניט. פֿאַר אונדז איז אָבער איצט וויכטיק זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון וועגן דער געוואַלדיקער באַדייטונג פֿון די פּראַקטישע מיצוות און מינהגים, וואָס דער כּלל ישׂראל האָט אָנגענומען. דאָ קומט צום אויסדרוק דער גרויסער רעספּעקט פֿון די אָנגעזעענסטע יידישע דענקער צום פֿאָלק, צו דער שעפֿערישקייט פֿון דעם פּשוטן פֿאָלקסמענטשן. דאָס פֿאָלק איז די תּורה, דאָס איז דער צענטראַלער מאָטיוו אין דער יידישער רעליגיע־זער טראַדיציע. און דער, וואָס פֿאַרשטייט ניט אָט דעם צענטראַלן מאָטיוו, פֿאַרשטייט ניט וואָס יידישקייט איז.

קומען מיר אַזוי אַרום פֿאַרלויפֿיק צו אַ גאַנץ אַלגעמיינעם ענטפֿער אויף דער פֿראַגע — וואָס איז יידישקייט? גיי און זע, וואָס דאָס פֿאָלק זוכט, ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך, וואָס דאָס פֿאָלק האָט געשאַפֿן אין לויף פֿון זיין געשיכטע. עס האַנדלט זיך דאָ ניט בלויז וועגן דעם וועג פֿון איין דור, איין דור קען בלאָנדזשען. ווען מיר זאָגן, אַז דאָס פֿאָלק איז די תּורה, מיינט עס אַלע דורות יידן. די דורות פֿון היינט און די דורות פֿון אַמאָל. יידישקייט איז אַ וועג פֿון פֿאָלק, ניט סתּם אַ וועג פֿון משׂכּילים און אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי זיינען באַרופֿן צו ווייזן דעם וועג פֿון יידיש לעבן. געוויס, מיר האָבן קיינמאָל ניט געלייקנט די ראָל פֿון גייסטיקע מנהיגים און לערער, אָבער יידישקייט איז אין סך הכּל דער וועג פֿון פֿאָלק. און טאַקע צוליב דעם טעם זיינען פֿאַר אונדז מיצוות אַ סך וויכטיקער ווי פֿילאָזאָפֿישע חקירות און ווי ליטעראַרישע דערגרייכונגען. די מיצוות פֿאַראייניקן אונדז מיטן פֿאָלק, מיטן כּלל ישׂראל און מיטן באַשעפֿער.

און דעריבער זע איך ניט קיין גרויסן פּרינציפּיעלן אונטערשייד צווישן וועלט־

לעכער און רעליגיעזער ייִדישקייט. מיר זיינען ניט מחויב צו געפינען אזוי גיך דעם פילאָזאָפישן ענטפער בנוגע די אייביקע פּראָבלעמען וועגן גאָט און וועלט. ייִדישקייט הויבט זיך אָן מיט מיצוות — ״הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו״. ביים באַרג סיני האָבן די ייִדן געענטפערט ״נעשה ונשמע״, פריער טוט מען, שפּעטער דערהערט מען, שפּעטער פאַרשטייט מען. דאָס איז געווען אַ גרויסער סוד, זאָגט אונדז די תלמודישע אגדה, פריער קומט נעשה, מיר וועלן טאָן, שפּעטער קומט ונשמע, מיר וועלן הערן. און דער סוד פון נעשה ונשמע איז דער סוד פון ייִדישקייט. דורך אָפּהיטן די מיצוות, וואָס דאָס פאָלק האָט אָנגענומען, דורך אָפּהיטן דעם בונד, וואָס דאָס פאָלק האָט געשלאָסן, ווערן מיר שותפים צום באַשעפער, ווערן מיר שותפים צו דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, ווערן מיר שותפים צו דער ייִדישער אייביקייט און שותפים צו דער וועלט. דאָס איז, נאַטירלעך, אַ גאַנץ אַלגעמיינער ענטפער. ייִדישקייט איז א וועג פון לעבן, און דער גאַנג פון דער געשיכטע באַאיינפלוסט אויך דעם ייִדישן וועג. זיינען מיר ממילא באַרעכטיקט און באַרופן צו טראַכטן אויך וועגן די פּראָבלעמען פון ייִדישקייט אין אונדזער צייט.

*

די פּרושים, די שעפער פון דער תלמודישער הלכה־טראַדיציע, האָבן געגלויבט, אַז אויך דער פּשוטסטער מענטש זוכט אַ זין אין לעבן, אַז אויך דער פּשוטסטער מענטש זוכט אַ תיקון, ווייל תיקון איז אין תוך די גרויסע, די הייליקע מענטשלע־כע אַמביציע. ייִדן זיינען אַ הייליק פאָלק, אַ קעניגרייך פון כהנים (ממלכת כהנים וגוי קדוש). דאַרף דאָס גאַנצע לעבן זיין הייליק. זעצט מען זיך ביים טיש מיט געוואַשענע הענט, מאַכט מען אַ ברכה פאַרן עסן, בענטשט מען נאָכן עסן, באַקומט דאָס עסן אַ תיקון, באַקומט דער מענטש אַ תיקון, ווערט דאָס גאַנצע לעבן געלייטערט און געהייליקט. דער מענטש געפינט דאָן אַ זין אין זיין לעבן, ווייל ער ברענגט אריין קדושה אין זיינע טעגלעכע מעשים, אין זיינע וואָכעדיקע זאָרגן.

אונדזער גרויסער דיכטער י. ל. פּרץ האָט דאָס אויף אַ קלאַסישן אופן פאָרמו־לירט אין זיין ׳שהשמחה במעונו׳:

״עולם הזה ווילן זיי... שמחה ווילן זיי האָבן... און איך זאָג אייך: שהשמחה במעונו... די קוואַל פון שמחה איז ער... פון אים שטראַלט זי אַרויס!״

״אויפן גאַנצן עולם הזה, זאָג איך אייך — ליגט אַ טרויער, אַ מרה שחורה...״

״וואָרום וואָס? ולשמחה מה זו עושה? מיט וואָס האָט מען זיך צו פרייען?

און דעריבער דאַרף יעדע זאַך תיקון... יעדע זאַך מוז אויסגעלייזט ווערן פון דער מרה שחורה, פון דער פאַרגליווערטקייט, אין וועלכע אַלץ פאַרפאַלט אַן דעם שטראַל פון זיין גנאָד!״

״אַ והא ראיה:
מיר טרינקען און זיי טרינקען... וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ טרונק בראַנפן אין שענק... און — וואָס פאַר אַ טעם האָט א טרונק בראַנפן אין שטיבל, ביי אַ סיום, ביי אַ יאָרצייט, אָדער גלאָט ביי אַ פשוטן שלש סעודות!״
״ביי זיי לאָזט זיך דער בראַנפן ניט טרינקען, נאָר דער יצר הרע הייסט...״
״מאַכט מען איבער דער משקה אַ ברכה, טרינקט מען זי לשם מיצווה, איז מען זי מתקן... און די נשמה האָט נחת פון טרינקען און וויל טרינקען!״

אין אונדזער מאָדערנער וועלטלעכער ליטעראַטור געפינען מיר אָפט וווּנדער־לעכע פּירושים צו דער יידישער אידעע פון אַ הייליק פאָלק. און ס׳איז כדאי וועגן אָט דעם ענין צו שרייבן מער און מער, ווייל די אידעע פון קדושה, די בענקענעש נאָך תיקון, העלפט אונדז צו פאַרשטיין דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע. און אויך היינט נאָך, אין אונדזער וואָכעדיקער צייט, זוכט דער מענטש דעם וועג צו קדושה און תיקון.

אין זיין בוך ״חבר נחמן״ גיט אונדז י.י. זינגער אַ קלאַסישע באַשרייבונג פון אַן אָרעמען יידישן דאָרפסגייער אין דער אַלטער היים. די אַלטע היים איז מער ניטאָ. פון די הייליקע יידישע שטעט און שטעטלעך פון אַמאָל זיינען אין אַ סך פאַלן אפילו קיין חורבות ניט פאַרבליבן. אָבער אָט די הייליקע יידן פון אַמאָל האָבן אונדז איבערגעלאָזן אַ גרויסע ירושה, אַן אוצר פון קדושה און לויטערסטער גייסטיקייט.

דער דאָרפסגייער, מאָטעס, דערציילט אונדז י.י. זינגער, וואַנדערט אַרום די גאַנצע וואָך איבער די דערפער. איינער אַליין פאַרברענגט ער די וואָכעדיקע טעג מיט די פּויערים. נעכטיקט איבער אין אַ פּויערשער כאָטע אָדער אַ שטאָל. גאַנץ פרי הויבט ער זיך אויף און לאָזט זיך ווייטער אין וועג אַריין.

״כאָטש עס איז שוין שיינע שעהען זינט דער גייער איז אויף זיינע פיס... האָט ער נאָך גאָרנישט אין זיין מויל געהאַט. נישט דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געהאַט וואָס צו עסן... אָבער דער גייער קען נישט עסן דאָס ברויט זיינס, כאָטש דער הונגער פּייניקט אים, ווייל ער האָט נאָך נישט געדאַוונט היינט״.

״אין דעם שטאָל, ווו אַ פּויער האָט אים געלאָזט איבערנעכטיקן די נאַכט, זיינען נישט נאָר געשטאַנען פערד, נאָר אויך חזרים, אָפּגעצוימט בלויז מיט אַ צוויי ברעטלעך. און דער דאָרפסגייער, מאָטעס פון פּיאָסק, האָט נישט געקענט פועלן ביי זיך ארויפצוכאַפּן טלית און תפילין און דערמאָנען גאָטס נאָמען אין אַזאַ אומריין אָרט״.

״געמיינט האָט ער, אַז אויפן וועג וועט ער געפינען א ריין אָרט און א שטילס, כדי אָפּצודאַוונען ווי אַ ייד, אָבער אַזאַ אָרט האָט זיך ניט געמאַכט...״

„מאַטעס, דער דאָרפסגייער, האָט זיך די אויגן אויסגעקוקט, אָבער וואָס מער ער האָט געזוכט, אַלץ ווייניקער האָט ער געפונען... ער האט שוין געזען, אַז וואַרטן איז ניטאָ אויף וואָס... עס קען נאך איבערגיין דער זמן תפילה... האָט מאַטעס אַראָפּגעלאָזט דעם זאַק פון די פּלייצעס... און, אַפּווישנדיק מיט דער פּאָלע דאָס נאַסע אויסגעווייקטע פּנים, האָט ער זיך גענומען צוגרייטן צו תפילת שחרית."

„קודם כל האָט ער אָנגעטאָן אויף זיינע פּיס די צעריסענע שטיוול, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרוואַרפן אויף דעם אַקסל: „וואָרים עס איז ניט קיין כבוד פאַר גאָט צו דאַווענען באָרוועסערייד. דערנאָך האָט ער געוואַשן די הענט אין טייכל... ער האָט אַרויסגענומען פון געלאַטעטן זאַק דעם געלן צעריסענעם טלית און איינגעהילט זיך אין אים. ער האָט אַפּגעדעקט די האַנט און געלייגט תפילין... דערנאָך האָט ער אויסגעזוכט, לויט דער זון, די מזרח־זייט, ווו דער בית המקדש איז געשטאַנען אין ירושלים, און, פאַרמאַכנדיק די אויגן, פרום געבעטן צו גאָט"...

און דאָ גיט אונדז דער קינסטלער אַ וווּנדערלעך בילד, ווי דער דאָרפסגייער מאטעס האָט זיך נאָכן דאַוונען געזעצט עסן. אין געציילטע שורות אַנטפּלעקט פאַר אונדז י.י. זינגער דעם סוד פון יידישער קדושה: „נאָכן דאַוונען — לייענען מיר דאָ — האָט מאַטעס צוריק אויסגעטאָן די שטיוול און אוועקגעזעצט זיך אין גראָז עסן אָנבייסן. ער האָט ווידער געוואַשן די הענט. פון געלאַטעטן זאַק, פון צווישן פלאַקס, פעלכלעך און אַנדערע זאַכן, האָט ער א רעפטל דאַר שוואַרץ ברויט אויסגעזוכט... און געמאַכט אַ ברכה צו גאָט, וואָס האָט באַשאַפן ברויט פון דער ערד. דערנאָך האָט ער אָנגעריבן צוויי פייער־שטיינדלעך, אַ ביסל אויסגעטריקנטע גראָז און צווייגלעך אָנגעצונדן און עטלעכע קאַרטאָפל אין פייער געבאַקן. וואַסער האָט ער אָנגעשעפּט מיט ביידע הענט אין טייכל און דאָס ברויט פאַרטרונ־קען. נאָכן עסן האָט ער ווידער געוואַשן די הענט און געבענטשט גאָט פאַר זיין גענאַד, וואָס ער שפּייזט די גאַנצע וועלט אין זיין דערבאַרעמטקייט.

רבונו של עולם — האָט ער ווידער אַ מורמל געטאָן, אויפהויבנדיק דעם זאַק איבערן אַקסל — טאַטע זיסער!"

און מיט באַנייטע כוחות געלאָזט זיך אין וועג, פון דאָרף צו דאָרף, צו זוכן ברויט פאַר זיך און זיין הויזגעזינד".

דאָס איז יידישקייט, דאָס איז דער וועג פון אַ הייליק פאָלק, דער וועג פון תיקון. דער אָרעמער דאָרפסגייער, מאַטעס פון פיאַסק, האָט דאָס פאַרשטאַנען. די מיצווה פון נטילת ידים, פון וואַשן די הענט צום עסן, איז פאַר אים ניט געווען קיין שווערער יאָך, נאָר אַ וועג צו מענטשלעכקייט, צו שמחה פון אַ העכערער מדרגה. די מיצווה פון נטילת ידים איז פאַר אים געווען דער וועג צו תיקון, צו קדושה. דער יידישער וועג איז אַ וועג פון הייליקע מעשים, פון הייליק לעבן, ווי דער אָרעמער דאָרפסגייער, מאַטעס פון פיאַסק, האָט דאָס פאַרשטאַנען.

דאס הייליקע וואָרט און דער נדר

דער יסוד פון יידישקייט איז — דאָס הייליקע וואָרט. מיט גאָטס וואָרט איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט. אָבער אויך דאָס מענטשלעכע וואָרט איז הייליק, ווייל דער מענטש טראָגט אין זיך הייליקייט, געטלעכקייט. ווען דער באַשעפער פון דער וועלט האָט אונדז געגעבן די תורה, האָבן יידן געענטפערט נעשה ונשמע. אזוי איז געשלאָסן געוואָרן דער בונד צווישן גאָט און זיין פאָלק ישראל. יידן האָבן געגעבן זייער צוזאָג, יידן האָבן אויף זיך גענומען די פאַרפליכטונג אָפּצוהיטן די געבאָטן פון דער תורה.

ווען יעקב אבינו איז אַנטלאָפן פאַר זיין ברודער עשו, האָט זיך גאָט צו אים באַוויזן אין חלום און האָט צו אים געזאָגט: איך וועל דיר העלפן אויף דיין וועג, וואָס דו גייסט, און איך וועל דיך ניט פאַרלאָזן. און ווען דער איינזאַמער און אומרויקער וואַנדערער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער געטאָן אַ נדר:

״אייב גאָט וועט זיין מיט מיר און וועט מיך היטן אויף דעם דאָזיקן וועג, וואָס איך גיי, און וועט מיר געבן ברויט צום עסן און אַ בגד אָנצוטאָן, וועט השם זיין מיין גאָט... און פון אַלץ, וואָס דו וועסט מיר געבן, וועל איך אָפּגעבן מעשר צו דיר״. אזוי האָט יעקב באַנייט זיין בונד מיט גאָט דורך אַ צוזאָג, דורך אַ נדר. דאָ האָבן מיר דעם שליסל צו דער יידישער מאָראַל.

דער צוזאָג, דער אָפּמאַך, דער בונד, דאָס זיינען צענטראַלע מאָטיוון אין יידישן דענקען און אין דער יידישער געשיכטע. מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין גלות מיטן כוח פון דעם הייליקן וואָרט. און דאָס הייליקע וואָרט, דער נדר, די שבועה, דער אָפּמאַך, האָבן געשפּילט גאַר אַ וויכטיקע ראָל אין יידישן עקאָנאָמישן לעבן, גאָר באַזונדערס אין דער תקופה פון גלות. מיר האָבן ניט געהאַט קיין מלוכה און קיין פּאָליצייאישן אַפּאַראַט. און אין דער זעלביקער צייט זיינען יידן אַזוי שטאַרק געווען פאַרנומען אין האַנדל. איר קענט אבער ניט פירן קיין האַנדל אָן קרעדיט, אָן אַ מינימום פון צוטרוי צו אייער שותף אין געשעפט. באַזונדערס האָט דער צוזאָג, די פאַרפליכטונג, דער אָפּמאַך, געשפּילט אַ ראָל אין יידישן אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל. אַ בריוועלע, אַ צעטעלע פון אַן ערלעכן יידישן סוחר אין פּוילן, איז געווען אַזוי גוט ווי געלט פאַרן יידישן סוחר אין אַמסטערדאַם אָדער לאָנדאָן.

און אויך דאָס יידישע געמיינדע־לעבן האָט זיך אין גאַר אַ גרויסער מאָס געהאַלטן אויפן כוח פון וואָרט, פון צוזאָגן, פון אָפּמאַכן, פ״ון נדרים און נדבות.

דער נדר, דער צוזאָג, האָט צוויי באַדייטונגען. קודם כל אַ ריין מאָראַליש־דערציערישע. דער נזיר, למשל, נעמט אויף זיך די פליכט ניט צו טרינקען קיין וויין. דאָס איז פאַר אים אַ וועג פון מאָראַלישער דיסציפּלין. ווען יעקב אבינו האָט געטאָן זיין נדר, האָט ער אויף זיך גענומען די פליכט אָפּצושיידן מעשר פון אַלץ, וואָס גאָט וועט אים געבן. דער מינהג צו געבן מעשר פון אַלע פאַרדינסטן איז, אגב, געווען און איז נאָך פאַרשפּרייט ביי יידן אין אונדזער צייט. אין דער

רבנישער ליטעראַטור איז דאָ אַ רייכער מאַטעריאַל וועגן אַט דעם מינהג פון מעשר.

פונקט אַזוי איז ביי אונדז פאַרשפּרייט דער מינהג צו נעמען אויף זיך באַשטימטע מיצוות, ווי ביקור חולים, למשל, זאָרגן פאַר אָרעמע קינדער, הכנסת אורחים א.אז.וו. אַנדערע ווידער פלעגן אויף זיך נעמען די מיצווה פון לערנען תורה אין באַשטימטע צייטן. אויך אַזעלכע התחייבותן האָבן געטראָגן די פאָרם פון אַ נדר, פון אַ צוזאָג.

פאַראַן ווייטער נדרים, וואָס ווערן איבערגענומען בציבור, קאָלעקטיווע פאַרפליכטונגען. ווען איר ווערט אַ מיטגליד פון אַ חברה צו לערנען תורה אָדער העלפן קראַנקע, נעמט איר אויף זיך אַ התחייבות בציבור.

פאַראַן ווייטער צוזאָגן, וואָס זיינען שייך די באַציונגען צווישן מענטש און מענטש. יעדער צוזאָג, וואָס איר גיט אימיצן, איז אין תוך אַ נדר. דערפאַר באַוואָרענען מיר זיך אָפט מיט די ווערטער "בלי נדר", ווייל מיר זיינען ניט אינגאַנצן זיכער, אַז מיר וועלן זיין אימשטאַנד מקיים צו זיין אונדזער צוזאָג. זיין אָפּגעהיט מיט דעם וואָרט, אָפּגעהיט מיטן אמת, אָפּהיטן דעם כבוד פון מענטשן, געהערט אָבער צו די יסודות פון אונדזער יידישער מאָראַל.

מיט די ענינים פון צוזאָגן און פאַרפליכטונגען פאַרנעמט זיך די מסכתא נדרים. אינם ערשטן באַנד פון זיינע זכרונות דערציילט ברוך צוקערמאַן פון דער צייט, ווען ער האָט געלערנט אין דעם קיבוץ פון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, וואָס האָט פאַרנומען אַזאַ חשובן פּלאַץ אין דער וועלט פון תורה אין רוסלאַנד און פוילן מיט אַ דור צוריק. געלערנט האָט מען דאַן אין ר׳ חיים עוזר׳ס קיבוץ די מסכתא נדרים. און ר׳ חיים עוזר האָט ביים ערשטן שיעור זיך אָפּגעשטעלט אויף דער באַזונדערער באַדייטונג פון דעם ענין נדר. ברוך צוקערמאַן דערציילט אונדז:

"מיר איז געבליבן עד היום דער גרונטגעדאַנק פון יענעם שיעור. גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן אַ צונג צו ריידן. אָבער איבער דער צונג האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם מענטשנס שכל, ווייל ווען די צונג וואָלט נישט געהאַט איבער זיך דעם שלטון פון שכל, וואָלט עס געקענט דערפירן צו די גרעסטע אומגליקן... די צונג קען ריידן לשון הרע; די צונג קען זאָגן שקרים; די צונג קען מבייש זיין מענטשן... די צונג קען פירן צו מלחמות צווישן אומות. דער מענטש מוז דעריבער זיין זייער אָפּגעהיט איידער ער ברענגט ארויס אַ וואָרט פון מויל. יעדעס ארויסגעזאָגטע וואָרט דאַרף זיין ריין און אמתדיק. ווען אַ מענטש נעמט נאָך אויף זיך אַ נדר, מוז ער איבערטראַכטן צי וועט ער קענען דורכפירן דעם נדר. אַלע מיצוות בין אדם לחברו זיינען ענג פאַרבונדן מיטן מענטשנס וואָרט... אויב מען איז עס ניט מקיים, קען עס דעם צווייטן מענטשן ברענגען פיל שאָדן. דעריבער האָבן אונדזערע חכמים צוגעגרייט אַזוי פיל דינים, ווי אַ מענטש דאַרף זיך באַגיין מיט זיין וואָרט".

און דאָס איז דער טיפערער זין פון כל נדרי. מיר האַלטן אין איין צוזאָגן און נעמען אויף זיך פאַרפליכטונגען. אויב מ׳ר האָבן נאָר די מעגלעכקייט, מוזן

מיר באַצאָלן אונדזערע חובות. אָבער דער מענטש איז שוואַך און זיין אַמביציע איז גרויס. מיר זאָגן צו, מיר נעמען אויף זיך אויפגאַבן, מיט דער ריכטיקער כוונה עס דורכצופירן. מיר פאַרגעסן אָבער גאָר אָפט אונדזערע מענטשלעכע שוואַכקייטן. פילן מיר זיך זינדיק און מיר פרובירן מיט דער תפילה פון כל נדרי אַ ביסל צו פאַרגרינגערן די משא פון אונדזערע דורכפאַלן.

די תפילה פון כל נדרי האָט לחלוטין ניט דעם צוועק צו באַפרייען אונדז פון אונדזערע מענטשלעכע התחייבותן, פון דער פליכט אָפּצוהיטן אונדזערע צוזאָגן. דער גאַנצער ענין פון נעמען אויף זיך פליכטן איז אויסערגעוויינטלעך קאָמפּלי־צירט. אין תוך איז אויך די פאַרבינדונג פון צוויי מענטשן ביים גרינדן אַ פאַמיליע אַ פאָרם פון אַ נדר אָדער אָפּמאַך. די תנאים, די כתובה און דער סדר פון חופּה וקידושין זיינען די אויסערלעכע פאָרמען פון אָט דעם אָפּמאַך, פון אַ פאַרבינדונג פאַרן גאַנצן לעבן צווישן צוויי מענטשן. אויף אָט דער פאַרבינדונג, אויף אָט דעם צוזאָג, האַלט זיך די גאַנצע מענטשלעכע ציוויליזאַציע.

דאָס וואָרט, דאָס געזאָגטע און געשריבענע וואָרט, איז ממילא דער יסוד פון מענטשלעכן קולטורלעבן בכלל. אָבער אין גאָר אַ באַזונדערער מאָס האָט דאָס הייליקע וואָרט באהערשט דאָס יידישע לעבן. און עס איז כדאי זיך נעגטער צו באַקענען מיט דער יידישער קולטור פון וואָרט סיי אין טאָג־טעגלעכן לעבן און סיי אין אונדזער רעליגיעזער טראַדיציע.

*

די טירן פון דעם רבס הויז זיינען שטענדיק געווען אָפן, אויך פאַר די סאַמע אָרעמסטע, און דווקא פאַר די סאַמע אָרעמסטע. דער רב איז געווען דער פּשרה־מאַכער, דער שלום־מאַכער. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן אין די ראַמען פון דין, פון שולחן ערוך, פון דער הלכה־טראַדיציע. אָט די טראַדיציע פון דעם תלמודישן געזעץ, די טראַדיציע וואָס האָט געהייליקט דעם אָפּמאַך, דעם צוזאָג, דעם נדר, אָט די טראַדיציע האָט מעגלעך געמאַכט דאָס גאַנצע יידישע עקאָנאָמישע לעבן אין גלות. אָט די טראַדיציע האָט מעגלעך געמאַכט דעם יידישן וועלט־האַנדל, די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען צווישן די יידישע ישובים איבער גאָר דער וועלט. יידישע סוחרים האָבן זיך פאַרלאָזן אויפן רב. יידישע געשעפטסלייט פון פוילן און ליטע זיינען געשטאַנען אין סוחרישע פאַרבינדונגען מיט דייטשלאַנד, האָלאַנד, איטאַליע א.אז.וו. די זיצונגען פון דעם וועד ארבע ארצות אין פוילן, למשל, פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן אין די צייטן פון די גרויסע ירידן. ס'איז געווען דער גייסט פון דין און שלום, פון הייליקע פאַרפליכטונגען, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם יידישן קיום.

די וועלט האַלט זיך אויפן כוח פון דעם הייליקן וואָרט, פון דעם אמתן וואָרט, פון דעם אָפּמאַך. ווי עס שטייט געשריבן אין פרק השלום: אויף דריי זאַכן האַלט זיך די וועלט: אויפן דין, אויפן אמת און אויף שלום.

עס איז ניט מעגלעך קיין שלום אָן דער הייליקייט פון אָפּמאַכן. דער שלום פון דער וועלט פאָדערט דעם גרעסטן רעספּעקט פאַר פייערלעכע צוזאָגן און

פאַרפּליכטונגען. דער וועג פון שלום איז דער וועג פון אינטערנאַציאָנאַלער מאָראַל, פון הייליקע פאַרפליכטונגען, פון ערלעכע פאַרהאַנדלונגען, פון רעספּעקטירן די רעכט פון פאָלק און דעם ווילן פון פאָלק.

ווערט אָפּגעהיט דער דין, ווערט אָפּגעהיט דער אמת, ווערט אָפּגעהיט דער שלום.

אונדזער שותפות אין דער וועלט

ווען מיר שטודירן די מינהגים און צערעמאָניעס פון פרימיטיווע פעלקער און אפילו פון אַ צאָל גרופּעס מיט אַ העכערער קולטור, דאַן פאַלט באַזונדערס אויף דער פאַקט, וואָס גרויזאַמקייט פאַרנעמט אַזאַ צענטראַלן פּלאַץ אין די רעליגיעזע טראַדיציעס און אין די פאָלקס-לעגענדעס פון פאַרשיידענע גרופּעס. דער ריטואַל פון ברענגען מענטשלעכע קרבנות, וואָס האָט ביי אַ צאָל פעלקער אָנגענומען ממש שוידערלעכע פאָרמען, איז אַ רעזולטאַט פון אַ פינצטערער פילאָזאָפיע, פון אַ קרענקלעכער פילאָזאָפיע, וואָס נעמט אָן, אַז דער מענטש איז כסדר אַרומגערינגלט מיט שונאים, מיט פינצטערע בייזע כוחות וואָס לויערן אויף אים.

דאָס מענטשלעכע לעבן איז פול מיט מורא. די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע ווייס ווי ווייט עס איז פאַרשפּרייט די מענטשלעכע אַנגסט. אנקעגן דעם איז די יידישע רעליגיעזע טראַדיציע אַ וועג פון דערמוטיקונג, פון אָפּטימיזם. זי רופט צו אונדז כסדר: האָט ניט קיין מורא, גאָט איז מיט אונדז. גאָט וועט אונדז העלפן. "אל תירא עבדי יעקב" האָב ניט קיין מורא, מיין קנעכט יעקב. אָט די פאָרמולירונג באַגעגענען מיר כסדר אין תנ"ך, באַזונדערס אין חומש. גאָט באַווייזט זיך צו אברהמען און זאָגט צו אים "לא תירא אברם אנכי מגן לך", דו זאָלסט ניט מורא האָבן, אברהם, איך בין דיין שוץ. און אַזוי באַווייזט זיך גאָט צו יצחקן און צו יעקבן, ווען זיי לעבן אין דער פרעמדס. דער יידישער מענטש פילט זיך ניט איינזאַם אין דער וועלט, גאָט איז מיט אים. צייטנווייז ווערן מיר פאַרצווייפלט, בונטעווען זיך דער פאַרביטערטער יידישער מענטש. מיר זאָגן זיך אָבער ניט אָפּ פון אונדזער גלויבן אין דער וועלט. דער ייד זוכט שלום מיט גאָטס באַשאַף, שלום מיט דער נאַטור. די יידישע טראַדיציע לייקנט ניט די קאָנפליקטן, זי איגנאָרירט ניט די פאַקטן, זי גלויבט אָבער אין דער מעגלעכקייט פון אַ צושטאַנד, ווען די קאָנפליקטן וועלן באַזייטיקט ווערן.

די אידעע פון אַ קאָסמישן שלום, פון אַ צושטאַנד פון שלום, וואָס נעמט אַרום אַלע כוחות פון דער וועלט, איז אַ רעזולטאַט פון דעם יידישן מאָנאָטעיזם, פון דעם גלויבן אין איין גאָט, דעם באַשעפער פון גאַר דער וועלט. דער איין און איינציקער גאָט שאַפט שלום אין אַלע וועלטן. דאָס איז דער זין פון די ווערטער "עושה שלום במרומיו", דער וואָס שאַפט שלום אין די הימלען. ממילא איז קלאָר, אַז עס איז דער ווילן פון דעם באַשעפער אַריינצוברענגען שלום צווישן דעם מענטשן

און דער וועלט. דאָס איז דער טיפערער זין פון די ברכות. מיר דאַנקען דעם באַשעפער וואָס באַנייט כסדר די מעשה בראשית. מיט דער ברכה "יוצר אור" הייבט זיך אייגנטלעך אָן די תפילה פון שחרית. און ווי אַ גרויסער יידישער דענקער האָט ריכטיק אָנגעוויזן, גיבן מיר דאָ ניט נאָר אַפּ אַ דאַנק דעם באַשעפער פון דער וועלט און דעם באַשעפער פון ליכט, נאָר די ברכה איז אויך אַ באַגריסונג צו דער וועלט. מיר ריידן זיך צונויף מיט אַ פריינדלעכער וועלט, מיט אַ וועלט פון שלום.

די תורה הויבט זיך אָן ניט מיט דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, נאָר מיט דער געשיכטע פון מעשה בראשית, פון גאָטס וועלט. און ווען די צייט פון דער גאולה וועט קומען, זאָגט אונדז דער נביא ישעיה, וועט גאָט באַשאַפן נייע הימלען און אַ נייע ערד (כי הנני בורא שמים חדשים וארץ חדשה). דאָ ווערט אַרויסגעבראַכט די שותפות צווישן מענטש און וועלט. און פונקט אַזוי רופט דער נביא ישעיה הימל און ערד ווי עדות אין גאָטס וויכוח מיט זיין פאָלק. "הערט, איר הימלען, און פאַרנעם, דו ערד" (שמעו שמים והאזינו ארץ). אויך דאָ איז עס מער ווי בלויז אַ פּאָעטישע מליצה. מענטש און וועלט זיינען שותפים. און עס איז אונדזער פליכט אַפילו, לערנט אונדז די יידישע טראַדיציע, אָפּצוהיטן גאָטס באַשאַף, דער מענטש טאָר גאָרניט צושטערן און גאָרניט פאַרניכטן. דער מענטש איז הייליק, דאָס לעבן איז הייליק און אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפן איז הייליק. האָט טאַקע דער בורא פאַרענדיקט דעם טאָג פון באַשאַף מיט דעם הייליקן טאָג שבת.

וועמען געהערט די וועלט? ווער איז דער בעל הבית איבער דער וועלט? פון דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע הענגט אפשר אָפּ דער גאַנצער גורל פון אונדזער קולטור.

די וועלט האָט גאָט באַשאַפן, און מיר אַלע, זיינע קינדער, זיינען שותפים אין דער וועלט. מיר זיינען אַלע שותפים, אָבער ניט נאָר מיר אַליין. שותפים אין דער וועלט זיינען אויך אַלע דורות וואָס זיינען געווען פאַר אונדז. זיינען מיר שולדיק אַ דאַנק פאַר אַלץ וואָס מען האָט פאַר אונדז צוגעגרייט. דער זין פון יידישקייט איז אָט דעם דאַנק אָפּצוגעבן און צו מאַכן אַ ברכה ווען מען געניסט עפּעס פון דער וועלט. די וועלט איז ניט הפקר!

עס איז דערפאַר ווייט ניט קיין צופאַל, וואָס דער תלמוד הויבט זיך אָן מיט דער מסכתא ברכות. עס איז אַ גרויסער ענין צו פאַרשטיין און אָפּצושאַצן וואָס עס הייסט מאַכן אַ ברכה, דאַנקען פאַרן חלק שותפות וואָס מיר האָבן באַקומען אין דער וועלט.

דער חשבון פון א מענטשן

אונדזער יידישע קולטור־טראַדיציע צייכנט זיך באַזונדערס אויס מיט איר גלויבן אין מענטשן. דאָס איז דער סימן מובהק פון יידישקייט. טאָקע צוליב דעם פאַרנעמען די דינים פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן אַזאַ צענטראַלן פלאַץ אין דער יידישער קולטור־טראַדיציע. יידישקייט איז די תורה פון לעבן. די תורה פון דעם מענטשן. יידישקייט איז דער וועג אריינצוברענגען די עלעמענטן פון סדר און האַרמאָניע אין די באַציונגען צווישן מענטשן.

די ראָל פון דעם מענטשן אין דעם פּלאַן פון דער וועלט, זיין חשיבות, זיינע אויפגאַבן און פליכטן, דער זין פון זיין עקזיסטענץ, דאָס זיינען צענטראַלע מאָטיוון אין יידישן רעליגיעזן דענקען. דער ערשטער פּרק פון רמב״מס ״מורה נבוכים״, למשל, באַהאַנדלט די פילאָזאָפישע פּראָבלעם פון ״צלם ודמות״ (פאָרעם און געשטאַלט). וואָס אייגנטלעך איז דער טיפערער זין פון דעם פסוק אין בראשית, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין פאָרם און אין זיין געשטאַלט? עס איז קלאָר, באַמערקט דער רמב״ם, אַז די תורה האָט דאָ אין זינען די גייסטיקע מעלות פון מענטשן. אָט די אידעע פון צלם און דמות, פון דעם געטלעכן פונק אין מענטשן, באַהערשט אונדזער גאַנצע רעליגיעז־מאָראַלישע ליטעראַטור.

אין דער מוסר־ליטעראַטור פון אונדזער צייט, שטויסן מיר זיך אָן אויף דער אידעע פון ״רוממות האדם״, די דערהויבנקייט פון דעם מענטשן, וואָס פאַרנעמט אַזאַ צענטראַלן פלאַץ אין דער מוסר־פילאָזאָפיע לויטן דרך פון סלאָבאָדקע. און ר׳ יוסף יוזל הורוויץ, דער באַגרינדער פון דעם נאָוואַראָדקער דרך אין מוסר, האָט זיך פאַרטיפט אין די פּראָבלעמען פון ״מדרגת האדם״, די מדרגה פון דעם מענטשן. מען וואָלט געקענט ברענגען נאָך און נאָך אַזעלכע ביישפּילן פון אונדזער אַזוי רייכער רעליגיעז־פילאָזאָפישער ליטעראַטור. אַזוי, למשל, באַהאַנדלט ר׳ משה חיים לוצאַטאָ אין דעם ערשטן פּרק פון זיין ״מסילת ישרים״ (דער וועג פאַר די רעכט־פאַרטיקע) דעם ענין פון ״חובת האדם בעולמו״, וואָס האָט דער מענטש צו טאָן אויף זיין וועלט, וואָס איז זיין אויפגאַבע, וואָס איז זיין שליחות אין לעבן? די הנחה איז, אַז דער מענטש האָט געגעבן פרייהייט צו באַשטימען זיין וועג. און דאָס איז אייגנטלעך די שליחות פון דעם מענטשן, ארויסצוברענגען פון זיך די אַלע גרויסע מעלות, וואָס ליגן אין אים פאַרבאָרגן. די גרויסקייט פון דעם מענטשן, די מדרגות, צו וועלכע ער קען דערגרייכן, און אויך די שטרויכלונגען, אויף וועלכע ער שטויסט זיך כסדר אָן, דאָס זיינען די צענטראַלע מאָטיוון פון יידישן מוסר.

מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט ברענגט ארויס דער רמב״ם אָט די אידעע אין דעם ערשטן ספר פון זיין ״יד החזקה״: דו זאָלסט ניט טראַכטן, זאָגט אונדז דער רמב״ם, אַז דעם מענטשנס וועג איז באַשטימט פון פאָרויס, אַ מין גזר פון דער השגחה. יעדער איינצעלנער קען דערגרייכן די מדרגה פון אַ צדיק ווי משה רבינו אָדער ווערן אַ רשע ווי ירבעם (אלא כל אדם ראוי לו להיות צדיק כמשה רבינו או רשע כירבעם). און דאָס איז באַזונדערס מערקווערדיק, ווייל דער רמב״ם

איז לויט זיין גאַנצער נאַטור געווען אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. ער האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויפן המון. און דאָך האָט ער געפילט פאַר נויטיק צו באַטאָנען די גרויסקייט פון מענטשן. ממילא ליגט אויף אונדז אַלעמען אַ געוואַלדיקע אחריות, די אחריות פון דעם מענטשן, וואָס קען דערגרייכן צו דער העכסטער מדרגה.

אין דער מוסר־ליטעראַטור ווערט אָפט ציטירט דאָס בילד פון יעקבס חלום, ווען ער האָט געזען אַ לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ גרייכט ביז צום הימל (סולם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה). אַט דער קאָסמישער לייטער איז געגליכן צום מענטשלעכן וועג אין לעבן. בײדע וועגן זיינען פאַר אונדז אָפן, דער וועג צום הימל און דער וועג באַרג אַראָפּ.

די פילאָזאָפיע פון דער גרויסקייט און דערהויבנקייט פון מענטשן האָט אין זינען יעדן מענטשן. אַזוי לערנט אונדז אַ משנה אין סנהדרין: דעריבער האָט גאָט באַשאַפן בלויז איין מענטשן, כדי מיר זאָלן דערפון לערנען, אַז ווער עס ברענגט אום איין מענטשן, איז געגליכן ווי ווען ער וואָלט אומגעבראַכט אַ גאַנצע וועלט. און ווען ער ראַטעוועט איין לעבן, איז געגליכן ווי ער וואָלט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט. יעדער איינצעלנער איז אַ וועלט פאַר זיך. דעריבער, לערנט אונדז ווייטער די משנה אין סנהדרין, איז יעדער מענטש מחויב צו זיך צו זאָגן ״פון מיינעטוועגן איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן (בשבילי נברא העולם). אַט דער מאמר איז, אגב, געוואָרן אַ צענטראַלער מאָטיוו אין דער פילאָזאָפיע פון דער מאָדערנער מוסר־באַוועגונג. וואָרים ווען דער מענטש טראַכט, אַז צוליב מיר איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, דאַן גיט ער זיך גיכער אָפּ אַ חשבון וועגן זיין יחוס און וועגן זיין געוואַלדיקער אחריות אַלס מענטש.

אַט דער יידישער אינדיווידואַליזם האָט אָבער גאָר ווייניק וואָס צו טאָן מיט דעם אינדיווידואַליזם פון אַ צאָל מאָדערנע דענקער. עס האַנדלט זיך דאָ אַבסאָלוט ניט וועגן אַן אינדיווידואַליזם פון ״איבערמענטשן״ לויטן ניצשעאַנישן נוסח. דער יידישער אינדיווידואַליזם איז אַ דעמאָקראַטישער און אַ סאָציאַלער. אין אונדזער יידישן אינדיווידואַליזם פאַרנעמען די פליכטן צווישן מענטש און מענטש, די מיצוות שבין אדם לחברו, אַ צענטראַלן פּלאַץ.

די הערשנדיקע טענדענץ אין אונדזער צייט איז — צו באַפרייען דעם איינ־צעלנעם פון זיינע פליכטן. מען שרייבט לעצטנס אַ סך וועגן די פליכטן פון דער געזעלשאַפט, אָבער ״די געזעלשאַפט״ איז דאָך ניט מער ווי אַן אַבסטראַקטער באַגריף, די געזעלשאַפט באַשטייט פון יחידים. ממילא מוז יעדער יחיד זיך אָפּגעבן אַ פולן חשבון וועגן זיינע פליכטן סיי לגבי זיך, סיי לגבי זיינע חברים, און דאָס איז ניט קיין קלייניקייט. האָט דאָך שוין ר׳ ישראל סאַלאַנטער ריכטיק באַמערקט, מען מוז לערנען גאַנץ ש״ס, כדי צו זיין אַן ערלעכער ייד.

דער יחיד און די געזעלשאַפט, דאָס זיינען די צוויי פונקטן ארום וועלכע עס דרייען זיך אַלע אונדזערע מאָדערנע אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס. מען איגנאָרירט אָבער אינגאַנצן דעם סאַמע וויכטיקסטן עלעמענט אין סאָציאַלן לעבן: דאָס איז

דער יחיד און דער יחיד, די באַציונגען צווישן דעם מענטש און מענטש, די באַציונגען צווישן דעם איינצעלנעם און זיין חבר. אין אונדזער יידישער מאָראַל פאַרנעמט אָבער אָט דער פונקט דעם סאַמע וויכטיקסטן פּלאַץ. די תורה און די הלכה באַהאַנדלען קודם כל די באַציונגען צווישן מענטש און מענטש.

די שליחות פון יידישקייט

עס איז אין אונדזער צייט אָנגענומען מער ארויסצוהייבן די סאָציאַל־עטישע געבאָטן פון דער תורה, איך גלויב אָבער בפירוש, אַז די מיצוות שבין אדם למקום זיינען ניט ווייניקער וויכטיק.

די מיצוות שבין אדם למקום, דאָס וואָס מיר רופן געוויינטלעך אַן צערעמאָניעס, מינהגים און ריטואַלן, האָבן גאָר א גרויסע באַדייטונג. דאָס זיינען, אייגנטלעך, די מיצוות, וואָס לערנען דעם מענטשן צו פאַרשטיין זיך אליין, צו רעספּעקטירן זיך אליין, ווייל אויך דער פּשוטסטער מענטש האָט פליכטן לגבי זיין באַשעפער. ערשט דורך די מיצוות שבין אדם למקום דערפילט דער מענטש זיין צלם אלקים — דערפילט ער די גרויסקייט פון דעם מענטשן, דאָס אייביקע, דעם אין־סוף אין מענטשן. און ווייטער — ס'איז גאָר ניטאָ אַזאַ פונדאַמענטאַלער חילוק צווישן אָט די צוויי קאַטעגאָריעס. אַ מיצווה ווי שבת, למשל, האָט אין זיךביידע עלעמענטן: דו זאָלסט אליין רוען, זאָגט אונדז די תורה, און זאָלסט אויך לאָזן רוען די מענטשן, וואָס זיינען ביי דיר באַשעפטיקט.

און די שליחות פון יידישקייט איז ניט נאָר העלפן דעם חבר. אוודאי איז עס וויכטיק, קאָלאָסאַל וויכטיק. אָבער די גרויסע שליחות פון יידישקייט, די וועלט־היסטאָרישע באַדייטונג פון יידישקייט, איז די זאָרג פאַרן שבתדיקן מענטשן, פאַר דער נשמה יתירה.

עס קאָן ניט זיין קיין גרעסערע טראַגעדיע פאַרן מענטשן, ווי ווען זיין נשמה יתירה ווערט באַעוולט, ווען ער פאַרלירט זיין שבתדיקייט, זיין רעספּעקט צו זיך אַליין, זיין גלויבן אין זיך אַליין.

אונדזער גרויסע היסטאָרישע שליחות איז ברענגען דעם מענטשן, ברענגען דער וועלט, אַ ביסל מער שבתדיקייט. און די געשיכטע האָט באַוויזן, אַז מער שבתדיקייט מיינט אויך העכערע דערגרייכונגען אין די טעג פון דער וואָך. מער שבתדיקייט הייסט א מער געהויבענע וואָכעדיקייט. און דער עיקר, אויך די מיצוות שבין אדם לחברו האָבן ביי אונדז אַנגענומען גאָר אַן אנדער כאַראַקטער.

די קריסטלעכע רעליגיע לערנט ליבע און רחמנות צום אומגליקלעכן מענטשן, צום זינדיקן מענטשן. יידישקייט איז אַ סך מער ווי ליבע און רחמנות. יידישקייט לערנט רעספּעקט צום מענטשן. אַ קליינינקייט אַ מענטש! דער שבתדיקער מענטש, דער נשמה־יתירהדיקער מענטש, דער שותף צום באַשעפער פון דער וועלט.

און יידישקייט איז נאָך עפּעס: יידישקייט איז קאָאָפּעראַציע, שותפות.

יידישקייט איז שותפות צווישן דעם מענטשן און זיין באַשעפער, שותפות צווישן מענטש און מענטש, שותפות צווישן דורות.

דאָס העכסטע אין דער מענטשלעכער קולטור איז ניט קאַמף, ניט מלחמה, ניט רעוואָלוציע, נאָר שותפות, קאָאָפּעראַציע. איז דאָך דאָס וואָרט, די שפּראַך, סימבאָליש פאַר אונדזערע גרעסטע דערגרייכונגען. און ווי אַזוי שאַפט אַ פאָלק זיין שפּראַך? דורך שותפות פון דורות און דורות. און דאָס זעלביקע איז דאָך ריכטיק וואָס איז שייך אונדזער מאַטעריעלער קולטור, אונדזערע טעכנישע דערגרייכונגען, אונדזערע דערגרייכונגען אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון קונסט און וויסנשאַפט.

דערפאַר איז די מיצווה פון כיבוד אב ואם אַ זייל פון יידישקייט. אין אונדזער מאָדערנער קולטור, אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור, ווערט דער עיקר ארויס־געבראַכט דער קאָנפליקט צווישן עלטערן און קינדער, די מלחמה צווישן דורות. יידישקייט ברענגט דער עיקר ארויס די שותפות פון דורות. ווען מיר קעמפן פאַר אונדזער קיום, מיינט עס כיבוד אב ואם, אָפּגעבן כבוד די פריערדיקע דורות, שותפות מיט דער געשיכטע, שותפות מיט שבתדיקייט, מיט דער יידישער נשמה יתירה.

און דאָס זיינען, ווי איך גלויב, צוויי צענטראַלע פּראָבלעמען פאַר אונדזער צייט.

עס האַנדלט זיך וועגן דער ראָל פון שבתדיקייט, פון גרויסע גייסטיקע ווערטן פאַרן מענטשן, און אויך וועגן דער ראָל פון כיבוד אב ואם אין דעם סאַמע ברייטסטן זין פון דעם וואָרט. עס איז די פראַגע וואָס איז שייך אונדזער נאַציאָנאַ־לער קולטור־ירושה, אונדזער גייסטיקן שותפות מיט די פריערדיקע דורות.

דער שבתדיקער ייד

ס'איז פֿאַר מיר ממש אַ רעטענעש. מיר האָבן כמעט ניט קיין ערנסטע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאַרשונגען וועגן דער ראָל פֿון יום־טובים און פֿון רעליגיעזע טראַדיציעס אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשלעכער קולטור. דער באַקאַנטער סאָציאָלאָג מאַקס וועבער האָט, אמת, מיט בערך פֿופֿציק יאָר צוריק געמאַכט אַן אָנהויב אויף אָט דעם געביט. קיין סך ווייטער זײַנען מיר זינט יענער צײַט ניט אַוועק.

רעליגיע איז ניט פֿילאָזאָפֿיע און רעליגיע איז ניט טעאָלאָגיע. עס איז ווייטער אַ טעות זיך פֿאָרצושטעלן, אַז רעליגיע איז דער עיקר אַ וועג פֿון עטיק, פֿון מאָראַלישער אויפֿפֿירונג. מאָראַל און רעליגיע זײַנען גאָר נאָענט פֿאַרבונדן. אָבער רעליגיע איז אַ סך מער ווי מאָראַל.

איך גלויב ניט, אַז מען קען אויסלערנען די גאַנצע תורה אויף איין פֿוס, על רגל אחת. איך האַלט אין דעם פּרט מער פֿון דער שיטה פֿון דעם שטרענגן שמאי ווי פֿון דעם ליבעראַלן הלל. איך גלויב אויך ניט, אַז דער כלל פֿון ואהבת לרעך כמוך איז דער שליסל צו יידישקייט, ווײַל יידישקייט איז גאָרניט אין אַן ערך מער ווי ליבע צום מענטשן. יידישקייט הייליקט דעם מענטשן, לײַטערט דעם מענטשן, יידישקייט ווײַזט אונדז דעם געטלעכן פֿונק, וואָס ליגט אָפֿט באַהאַלטן אין מענטשן.

ליבע איז ווייניק, אויב איך זע אין מײַן חבר ניט מער ווי אַן עלנטע און זינדיקע באַשעפֿעניש. דערפֿון נעמט זיך דער מאָראַלישער באַנקראָט פֿון דער קריסטלעכער ליבע, ווײַל די קריסטלעכע טעאָלאָגיע האָט ניט פֿאַרשטאַנען, האָט אינגאַנצן ניט באַגריפֿן די גרויסקייט פֿון דעם מענטשן, די הייליקייט פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. קריסטנטום האָט געזען דער עיקר דעם זינדיקן מענטשן. קריסטנטום האָט ניט געזען דעם שבתדיקן מענטשן, דעם יום־טובדיקן מענטשן. זי האָט ניט געזען די נשמה יתירה אין דעם פּשוטן בשר ודם.

אַ באַקאַנטער מאמר אין שבת זאָגט אונדז: "ווען יידן זאָלן אָפּהיטן צוויי שבתים ווי עס געהער צו זײַן, וועלן זיי גלײַך אויסגעלייזט ווערן" (אלמלי משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן מיד נגאלין). דאָס פֿאָלק איז אין דער בחינה פֿון דעם משיח, דאָס פֿאָלק קען ברענגען די גאולה. און אייגנטלעך האָט שבת און יום־טוב אונדז געבראַכט דעם אנהויב פֿון דער גאולה. ווען מיר זעצן זיך בײַם סדר־טיש, ווען מיר זאָגן די ווערטער עבדים היינו... קנעכט זײַנען מיר געווען...

מאניפעסטירן מיר מיט דעם אַז היינט זיינען מיר פריי. מיר האָבן איבערגעטראָגן כל־ערליי גזירות און רדיפות, מיר האָבן איבערגעלעבט שווערע נסיונות, מיר זיינען אָבער געבליבן פרייע יידן און פרייע מענטשן.

אין דעם ליכט פון אמת

ס'איז מענטשלעך צו לעבן מיט חשבון און ס'איז פּונקט אזוי מענטשלעך מורא צו האָבן פאַרן חשבון, מורא צו האָבן פאַר דער פראַגע, ווו האַלט מען אין דער וועלט? זיינען צוליב דעם אָפּט די טעג פון יום־טוב טעג פון פאַרגעסן. פאַרגעסן דורך טומל, דורך געלאַף, דורך ארומפאָרן. איז עס טאַקע אַזאַ גרויסער אויפטו אַלץ צו פאַרגעסן?

איך בין זיך מודה, איך בין ניט צו פיל גליקלעך פון אונדזערע מאָדערנע יום־טובים. אפשר איז דערין שולדיק מיין טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג. מיינע פאַרשטעלונגען וועגן אַ יום־טוב זיינען פאַרבונדן מיט לערנען, מיט דאַוונען און, נאַטירלעך, אויך מיט אַ יום־טובדיק עסן און מיט אַ יום־טובדיקן בגד. דערנענטערט זיך דער יום־טוב פסח, למשל, דערמאָנט מען זיך, אַז ס'איז דאָ אַ גאַנצע מסכתא וועגן פסח, וואָס הייסט טאַקע פסחים. פאַראַן אַ חוץ דעם די הגדה פאַר פסח. קורץ, ס'פעלט ניט וואָס צו לערנען און וואָס צו זאָגן. דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע אונדזערע אנדערע יום־טובים, ווי ראש השנה, יום כיפור, סוכות, און אפילו אַזאַ האַלבער יום־טוב ווי פורים האָט אַ גאַנצע מסכתא פאַר זיך, די מסכתא מגילה.

דער טאָג פון יום־טוב איז אַ טאָג פון אָפּרו, אַ טאָג פון פרייד, אין דער זעלבער צייט איז ער תמיד געווען אַ מיטל פון דערציונג, סיי דערציונג צו יידיש־קייט און סיי דערציונג בכלל, צו מענטשלעכקייט, צו גוטע מידות, צו פריינדלעכ־קייט און חברשאַפט.

מיט א צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַ מערקווערדיקן עסיי וועגן שבת. דאָס וואָרט עסיי איז ניט אינגאַנצן געגעבן, עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ מוסר־שמועס פון דעם משגיח פון דער גרויסער ישיבה "כנסת ישראל" אין סלאָבאָדקע, הרב אברהם גראָדזענסקי, וועלכער איז אין די טראַגישע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אומגעקומען על קידוש השם. פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד, לערנט אונדז הרב אברהם גראָדזענסקי, צווישן דעם אָפּרו פון שבת און דעם אָפּרו פון אַ וואָכעדיקן טאָג. דער אָפּרו פון שבת איז אַן אַרבעט, אַן אַרבעט פון גאָר אַ באַזונדערן כאַראַקטער. עס איז די אַרבעט פון דעם מענטשן זיך צו דערהויבן, צו דערגרייכן אַ העכערע מדרגה, צו ווערן אַ בעסערער מענטש. און ער ווייזט דערביי אָן אויף אַ מערקווערדיקן דין: אין דער צייט פון בית שני האָבן די פרומע יידן און די תלמידי חכמים ניט געהאַט קיין צו גרויסן צוטרוי צו די יידישע פויערים. דער פויער איז בדרך כלל געווען אַ ייד אַן עם הארץ און ער איז ניט געווען אזוי שטרענג ביים אָפּהיטן געוויסע מיצוות. האָט מען געקויפט

תבואה ביי אַן עם האָרץ, איז מען ניט געווען אינגאַנצן זיכער, האָט ער אָפּגעגעבן מעשר פון זיין תבואה, אָדער ניט? פלעגן גאָר פרומע לייט אָפּגעבן מעשר נאָך אַ מאָל. וועגן אָט דעם גאַנצן ענין איז דאָ אַ באַזונדערע מסכתא מיטן נאָמען דמאי, ווו עס ווערט אויספירלעך באַהאַנדלט די פראַגע, ווי מען דאַרף זיך פירן, ווען מען קויפט תבואה ביי אַן עם האָרץ. און אין פרק ד׳ פון מסכתא דמאי ווערט באַהאַנדלט די פראַגע: מען האָט געקויפט פירות ביי אַ מענטשן, וואָס איז ניט באַגלויבט אויף מעשר, און מען האָט ערב שבת פאַרגעסן אָפּצוגעבן מעשר. וואָס זאָל מען טאָן? מען טאָר ניט עסן ניט קיין געמעשרטע און שבת ווידער טאָר מען קיין מעשר ניט אָפּגעבן! האָט דער תלמוד געפונען אַן אויסוועג: מען פרעגט שבת ביי דעם האָרץ, וואָס האָט די תבואה פאַרקויפט, און אויב ער זאָגט, אַז די תבואה איז געמעשרט, מעג מען זיך אויף אים פאַרלאָזן, ווייל אין דעם הייליקן טאָג שבת וועט אַ ייד, אפילו אַן עם האָרץ, ניט זאָגן קיין ליגן. "אימת שבת עליו", ערקלערט אונדז די גמרא, וועט ער זאָגן דעם אמת. און דער רמב״ם פסקנט אויך אזוי: "אימת שבת על עמי הארץ ואינו עובר בה עברה". די מורא פון שבת איז אויפן עם הארץ, וועט ער אין דעם טאָג שבת ניט באַגיין קיין עברה. איך האָב אין מיין לעבן אַ סך געלייענט און געשריבן וועגן שבת. און דאָך האָב איך פון דעם מוסר־שמועס פון הרב אברהם גראָדזענסקי אַן אַ שיעור געלערנט. איך האָב דערזען די יידישע שבתדיקייט אין אַ ניי ליכט, אין דעם ליכט פון אמת. שבת וועט אַ ייד, אפילו אַ זינדיקער ייד, קיין ליגן ניט זאָגן!

די מורא פאַרן שבת איז גאָר אַן אייגנאַרטיקע. די מורא פאַרן שבת האָט דעם יידישן מענטשן ניט געשטערט זיך צו פרייען מיטן שבת. און פונקט ווי דאָס שבתדיקע עסן איז אַן עסן פון גאָר אַ העכערער מדרגה, ס׳איז געגליכן, ווי הרב אברהם גראָדזענסקי האָט באַמערקט, צום עסן אין בית המקדש, אזוי איז אויך דאָס שבתדיקע טראַכטן און זאָרגן פון גאָר אַן אַנדער מדרגה.

דאס אפהיטן שבת

עס איז געווען שווער אָפּצוהיטן שבת ווי געהעריק אפילו אין ארץ ישראל. באַזונדערס שווער איז עס געווען פאַר די פויערים אויפן לאַנד. אין די וואָכן פון שניט און אין די וואָכן ווען מען פאַרזייט די פעלדער איז יעדע מינוט טייער. איבעררייסן די אַרבעט אויף אַ גאַנצן טאָג האָט געפאָדערט אַ געוואַלדיקן מאָראַלישן כוח. דאָס איז, אגב, קלאָר צו זען פון דעם פסוק אין שמות ל״ד: "זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און דעם זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען, אויך אין די צייטן פון אַקערן און אין די צייטן פון שניט זאָלסטו רוען" (ששת ימים תעבוד וביום השביעי תשבת, בחריש ובקציר תשבת). אָט די ווערטער "בחריש ובקציר תשבת" זיינען געזאָגט געוואָרן מיט אַ כוונה. די, וואָס זיינען באַקאַנט מיטן

פּאַקטישן מצב אין מדינת ישראל, ווייסן מיט וויפל פּראָבלעמען דאָס אָפּהיטן שבת איז פאַרבונדן.

מערקווערדיק איז דער פאַקט, וואָס גראַד די יידן אין גלות בבל האָבן שטרענגער אָפּגעהיט די געבאָטן פון שבת, ווי די יידן אין ארץ ישראל. אין תנ״ך ווערט דערציילט, אז ווען נחמיה איז געקומען פון בבל קיין ירושלים, איז ער געוואָרן שטאַרק אויפגערודערט. אין דער הייליקער שטאָט ירושלים האָט מען אין דעם הייליקן טאָג שבת געפירט כל-ערליי האַנדלס-געשעפטן, מען פלעגט ברענגען סחורות אין שטאָט און דער עולם פלעגט זיך פאַרנעמען מיט קויפן און פאַרקויפן. נחמיה האָט דאַן אָנגענומען שאַרפע מיטלען, ער האָט געלאָזן פאַרשליסן די טויערן פון שטאָט און אַ חוץ דעם האָט ער נאָך געשטעלט אַ וואַך ביי די טויערן פון ירושלים כדי אַכטונג צו געבן, אַז קיין שום הענדלער זאָל ניט אַריינ־קומען מיט סחורה אין שטאָט אין דעם טאָג פון שבת. דאָס איז געווען, ווי מיר זעען, אין דער צייט פון נחמיה, דאָס הייסט אין אָנהייב פון דער תקופה פון בית שני.

און ניט נאָר שבת איז געווען אַ פּראָבלעם. אויך אַנדערע יום-טובים האָט מען ניט אַלע מאָל אָפּגעהיט אויף אַ געהעריקן אופן. אין דעם זעלביקן ספר נחמיה ווערט דערציילט ווי די צוריקגעקומענע פון גלות בבל האָבן געפייערט סוכות אין ירושלים. און דערביי ווערט אויסדריקלעך צוגעגעבן, אַז אויף אַזאַ אופן האָבן יידן ניט געפייערט דעם יום-טוב זינט דער צייט ווען יהושוע האָט פאַרנומען דאָס לאַנד. די יידן, וואָס זיינען געקומען פון גלות בבל, האָבן געהאַט די אַמבּיציע אויפצולעבן די אַלטע און אַפילו פאַרגעסענע טראַדיציעס. אָנגעהויבן האָט עס זיך שוין זיכער אין גלות בבל גופא. די פאַרטריבענע פון יהודה האָבן פאַרלאָרן דאָס לאַנד, זיי האָבן פאַרלאָרן זייער מלוכה, האָט מען זיך געקלאַמערט אָן די רעשטלעך, וואָס זיינען פאַרבליבן, אָן דער גייסטיקער ירושה פון די פריערדיקע דורות, וואָס מען האָט געקענט מיטנעמען מיט זיך. דאָס זיינען געווען דער עיקר די ספרים פון תנ״ך און די טראַדיציעס פון שבת און יום-טוב. אָט די הייליקע טעג פון שבת און יום-טוב האָבן פאַרביטן דאָס לאַנד און די מלוכה. אין די הייליקע טעג איז מען זיך צונויפגעקומען, די אין דער פרעמד פאַריתומטע האָבן זיך באַגעגנט. איינער דעם אַנדערן האָט צוגעגעבן מוט, מען האָט איינער דעם אנדערן געטרייסט. אזוי האָבן די יום-טובדיקע טעג אויפגעהאַלטן דאָס פאָלק, אויפגעהאַלטן די האָפענונג אויף בעסערע צייטן.

עס איז ניט געווען אַזוי גרינג אָפּצוהיטן יידישע יום-טובדיקייט אין אַ ניט־יידישער סביבה. די פעלקער, וואָס צווישן זיי האָבן מיר געלעבט, האָבן באַזונדערס ניט געקענט פאַרשטיין דעם יידישן שבת. א נאָרמאַלער טאָג פון אָפּרו האָט ביי די אַלטע גריכן און רוימער אינגאַנצן ניט עקזיסטירט. די פאַרמעגלעכע האָבן כסדר גערוט. זיי האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף פיזישער אַרבעט בכלל; אַנקעגן דעם האָבן די אַרעמע, מיטן אויסנאַם פון איינצעלנע יום-טובים, כסדר געהאָרעוועט.

און אפילו אין די יאָרהונדערטער פון מיטלאַלטער, ווען אונדז איז אויסגעקומען צו לעבן אין די קריסטלעכע און איסלאַמישע לענדער, איז ניט געווען אזוי גרינג אָפּצוהיטן די טעג פון שבת און יום־טוב. די אינסטיטוציע פון שבת האָבן סיי די קריסטן און סיי די מאכמעדאַנישע פעלקער ביי אונדז איבערגענומען. די קריסטן האָבן פאַרביטן דעם יידישן שבת אויף זונטיק און די מאַכמעדאַנער אויף פרייטיק. אָבער טאָקע צוליב דעם איז פאַר יידן געוואָרן נאָך שווערער אָפּצוהיטן שבת.

יידן האָבן זיך אַ סך פאַרנומען מיט האַנדל. און דער ערשטער כלל אין האַנדל איז דאָך — זיך צופּאַסן צום קונה. אָבער וואָס איז נוגע שבת און יום־טוב איז דער יידישער הענדלער אויף קיין שום פשרות ניט געגאַנגען.

אָפּהיטן די טעג פון שבת און יום־טוב האָט אין אַ סך פאַלן געפאָדערט אַן אַ שיעור מאָראַלישע גבורה, עקשנות און מסירת נפש. ווו האָט דער דאָרפס־ייד, למשל, גאָר אָפּט איין איינצעלנער ייד צווישן אַן עדה ניט־יידן, גענומען דעם כוח צו פאַרמאַכן זיין קרעמל אָדער די קרעטשמע אין די טעג פון שבת און יום־טוב ? דאָס איז אַ קאַפּיטל פון יידישן מאָראַלישן ווידערשטאַנד אין גלות, וואָס איז נאָך, ליידער, ניט געשריבן געוואָרן.

אונדזער דור געפינט זיך אין גאָר אַ באַזונדערער לאַגע. מיר האָבן ניט מער דעם כוח זיך אַנקעגנצושטעלן דעם דרוק פון דער ניט־יידישער וועלט. מיר זיינען היינט מער פאַרבונדן מיט דער ניט־יידישער סביבה, אין וועלכער מיר לעבן. מוזן מיר אַלע פאַרשטיין די שוועריקייטן פון יידיש לעבן פאַר אַ רעליגיעז שוואַכן דור. דאָס מוזן אויך פאַרשטיין אונדזערע רעליגיעזע פירער. מען טאָר קיינעם ניט אָפּשטויסן, מען טאָר זיך ניט באַציען צו דער גרויסער מערהייט פון אונדזער פאָלק ווי צו זינדיקע יידן. מיט שטרענגע מוסר־דרשות וועלן מיר ווייניק וואָס אויפטאָן.

מוזן מיר אין אונדזער צייט ווידער זוכן וועגן ווי אויפצולעבן ביסלעכווייז יידישע יום־טובדיקייט. דער קלענסטער סימן פון שבת און יום־טוב, וואָס ווערט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער היים, איז אַ גרויסע דערגרייכונג. עס האָט גענומען הונדערטער און הונדערטער יאָרן ביז אונדזערע עלטערן האָבן זיך אויסגעלערנט אָפּצוהיטן שבת און יום־טוב. עס וועט זיכער אויך נעמען אַ סך צייט ביז אונדזערע דורות וועלן אָנהויבן מער צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון שבת און יום־טוב.

אונדזער בענקען נאָך יום־טובדיקייט

עס וואָלט אפשר ניט געווען קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די טעג פון שבת און יום־טוב האָבן אין יידישן לעבן געשפּילט ניט קיין קלענערע ראָל ווי דער ספר. פשוטע מענטשן און פרויען האָבן ווייניקער געהאַט די צייט און די מעגלעכקייט צו לערנען. דער יום־טוב איז אָבער געווען פאַר אַלעמען, פאַר יונג און אַלט, פאַר

מענער און פרויען, פאַר לומדים און פאַר פשוטע מענטשן. האָט מען דעריבער אַזוי געזאָרגט, אַז אויך די אָרימסטע זאָלן זיך קענען באַטייליקן אין דעם יום־טוב. האָט מען דעריבער איינגעפירט דעם מינהג פון פאַרטיילן מעות חיטים פאַר אָרעמע פאַמיליעס, און איטלעכער ייד האָט זיך באַמיט צו ברענגען אַן אורח צום סדר.

זינט דער צייט פון די חשמונאים זיינען קיין נייע יום־טובים מער ניט צוגעקומען. ספרים זיינען צוגעקומען: די משנה, דער תלמוד, די מדרשים, די פוסקים א.אַז.וו. א. אַז.וו. קיין יום־טובים אָבער זיינען ניט צוגעקומען.

די יום־־טובים האָבן זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיטן פאָלק, און אונדזער גייסטיק לעבן האָט זיך אין אַ היפּשער מאָס קאָנצענטרירט אַרום די יום־טובים. אַזוי האָבן מיר אין תלמוד, למשל, באַזונדערע מסכתות פאַר די איינצעלנע יום־טובים, אַ מסכתא שבת, אַ מסכתא פסחים, אַ מסכתא סוכות א.אז.וו. פאַראַן אַ זין דעריין. מיר זעען דאָ קלאָר די ראָל וואָס די יום־טובים האָבן געשפּילט און שפּילן נאָך היינט אין אונדזער יידישן לעבן.

וואָס איז דער טיפערער זין פון אונדזערע פרווון איינצוהאַלטן יידישקייט? עס איז אין תוך אַ טיף רעליגיעזע בענקענעש און עס איז אויך דער ווילן זיך צו פאַראייניקן מיט משפחה, מיטן כלל ישראל, מיט פאַרגאַנגענע דורות. עס איז די בענקענעש נאָך יום־טובדיקייט, נאָך געטלעכקייט. עס מאַכט ניט אויס ווי איר ווערט עס אויסטייטשן. מען קען זיין רעליגיעז, זיך האַלטנדיק ביי דער טראַדיציע, און מען קען אויך פּרובירן אויסטייטשן אונדזערע רעליגיעזע געפילן אויף אַ פילאָזאָפישן אופן, ווי דאָס האָט, למשל, געטאָן ברוך שפּינאָזא, ווי דאָס האָבן געטאָן נאָך אַנדערע דענקער און געלערנטע.

דער באַרימטער יידיש־ענגלישער פילאָזאָף סעמיועל אַלעקסאַנדער (געשט. 1938) האָט זיין הויפּטווערק אַ נאָמען געגעבן "רוים, צייט און געטלעכקייט". עס איז אַ פּרווו צו פאַראייניקן די מאָדערנע באַגריפן וועגן רוים, צייט און די מאָדערנע פאַרשטעלונגען וועגן די אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן אין דער וועלט מיט אַ רעליגיעז־פילאָזאָפישער שיטה. ער זעט אין דעם גאַנצן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג פון די פרימיטיוועסטע פאָרמען ביז צו די העכסטע, אַ דראַנג צו געטלעכקייט. און דאָס איז דער טיפער זין פון אונדזער בענקענעש נאָך גאָט, ווייל אַ פונק פון געטלעכקייט איז אין אונדז.

איך האָב דאָ געוואָלט אַנווייזן, אַז פּראָבלעמען ווי אייביקייט, געטלעכקייט, פאַרבינדונג מיט דעם כלל און מיט דער פאַמיליע, זיינען אַ סך טיפער און ערנסטער, ווי מען שטעלט זיך עס געווייינטלעך פאָר. ווען מען האָט בלויז דורכגעלייענט אַ פּאָר פּאָפּולערע בראָשורן וועגן נאַטור־וויסנשאַפט, איז זייער לייכט צו באַשליסן, אַז מען איז אַן אפיקורוס, ווען מען באַקענט זיך אָבער נענטער מיט די פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע און פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, דאַן זעט מען זיך אַרום, אַז דער גאַנצער ענין איז ניט אַזוי איינפאַך. מיר שטייען פאַר אַן אַ שיעור רעטענעשן און מיר זוכן אויף פאַרשיידענע אופנים צו געפינען אַן ענטפער אויף די אייביקע פּראָבלעמען פון וועלט און מענטש.

די שמחה פון יום־טובדיקייט

וואָס איז פרייד? פאַראַן אַ מיינונג, אַז פרייד איז אין די מייסטע פאַלן אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס אונדז האָט זיך איינגעגעבן אויסצומיידן פּיין און יסורים; געראַטעוועט ווערן פון אַ צרה איז אוודאי אַ גרויסע פרייד. דאָס איז אָבער ניט די העכסטע מדרגה פון שמחה צו וועלכער אַ מענטש שטרעבט. די העכסטע מדרגה פון שמחה איז די שמחה פון אַ גרויסן אופטו, פון אַ גרויסער דערגרייכונג.

פאַראַן אָבער נאָך אַ מין פרייד, אַ באמת ריינע, לויטערע, מענטשלעכע פרייד. דאָס איז די פרייד, ווען דער מענטש קאָן זיך אַליין אויפהויבן, ווען דער מענטש שטייגט מאָראַליש, ווען דער מענטש קאָן זיך פרייען מיט זיינע מאָראַלישע דער־גרייכונגען. דאָס איז וואָס מיר יידן רופן די שעפערישע, נשמה־יתורהדיקע פרייד. עס איז ניט קיין פרייד פון נצחון איבער געגנער, עס איז די פרייד פון ווערן אַ בעסערער מענטש, דאָס איז דער וועג פון שמחה ביי יידן.

עס איז אַ מיצווה אָפּצוגעבן כבוד די יום־טובדיקע טעג. מען טוט אָן נייע בגדים לכבוד יום־טוב, מען רוימט אויף דאָס הויז, מען דעקט דעם יום־טובדיקן טיש, מען עסט בעסערע מאכלים — דאָס אַלץ לכבוד יום־טוב. וועמען גיט עס דער ייד אָפּ אַזוי פיל כבוד? דער ייד גיט אָפּ כבוד דעם יום־טוב, ווייל דער יידישער יום־טוב גיט אָפּ כבוד דעם מענטשן, ווייל דער יום־טובדיקער ייד איז אַ ייד פון מער חשיבות, פון מער ווערדע, פון מער מענטשלעכקייט.

קאַרל מאַרקס, גלויב איך, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף איינער פון די צענטראַלע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט. עס איז די פּראָבלעם פון פרייד, די פרייד פון מענטשלעכער ארבעט. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון דער מאָדערנער אַרבעט, האָט קאַרל מאַרקס אָנגעוויזן, איז אַזאַ, אַז דער דורכשניטלעכער מענטש ווערט באַרויבט פון דער פרייד צו זען אַליין די רעזולטאַטן פון זיין אַרבעט. די מאָדערנע פּראָדוקציע קען ניט געבן דעם היינטיקן מענטשן די פולע מאָראַלישע באַפרידיקונג, אין וועלכער ער נייטיקט זיך אַזוי שטאַרק.

דער מענטש, וואָס זוכט אַ זין אין לעבן, קאָן געפינען די נייטיקע באַפרידיקונג ניט אין די שעהען פון אַרבעט, נאָר גראָד אין די שעהען פון אָפּרו. אויף דעם געביט האָט אבער די מאָדערנע קולטור, ליידער, נאָך זייער ווייניק דערגרייכט. מיר האָבן געשאַפן אַ מאַסן־קולטור, וואָס דער איינצעלנער ווערט נאָך מער פאַרלאָרן ביים פאַרברענגען, ווי ער ווערט פאַרלאָרן ביי דער אַרבעט.

אמתע שעפערישע פרייד איז די פרייד פון עפּעס אויפטאָן, פון עפּעס לערנען, עס איז די פרייד פון אַ מיצווה, די פרייד פון גוטע מעשים. דער יידישער מענטש מאַכט יום־טוב, ער גרייט צו דעם יום־טוב, דער יום־טוב איז זיינער. מען דאַרף זיך גרייטן, אַ סך גרייטן צום יום־טוב, כדי צו דערגרייכן צו דער מדרגה פון יום־טובדיקער פרייד. די הכנות צו דער מיצווה, לערנט אונדז אַ חסידישער דענקער, זיינען אפשר נאָך וויכטיקער ווי די מיצווה גופא.

*

מיר זיינען היינט געוווינט צו טראַכטן אין ריין עקאָנאָמישע קאַטעגאָריעס. מיר גלויבן, אַז פרייד איז פאַרבונדן מיט געלט. וואָס מער געלט, אַלץ מער פרייד. און דאָך ווייסן מיר, אַז ס'זיינען דאָ אָרעמע און פריילעכע. מיר ווייסן עס פון אונדזער יידישער דערפאַרונג. און אונדזער מאָדערנע יידישע ליטעראַטור האָט אונדז, אגב, וועגן דער יום־טובדיקער שמחה פון די אָרעמע גאָר אַ סך דערציילט. אָרעמקייט און שמחה, ווי אַזוי שיקט זיך עס ? מען וואָלט אפילו געקענט טראַכטן, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַן אילוזיע. מיר האָבן זיי אָבער אַלע געזען, אָט די אָרעמע און פריילעכע יידן, אָט די דערהויבענע און הייליקע יידן. איז אפשר באמת דאָ אַ טיפערער קוואַל פון שימחה, אַ קוואַל פון פרייד, וואָס מיר טראָגן אין זיך, אַ קוואַל פון פרייד, וואָס לאָזט זיך גאַרניט קויפן פאַר געלט ?

מיר האָבן געזען די אָרעמע און פריילעכע יידן אין די שבתדיקע טעג און אין די יום־טובדיקע טעג. מיר ווייסן זייער וויל, אַז מען דאַרף האָבן געלט אויף מאַכן שבת און יום־טוב. אָבער קען מען דען קויפן שבתדיקייט און יום־טובדיקייט פאַר געלט ?

איז אפשר די גרויסע אומרויקייט פון אונדזער צייט אַ רעזולטאַט פון אונדזער גייסטיקער אָרעמקייט ? מיר זיינען עקאָנאָמיש היינט כמעט אַלע גבירים אין פאַרגלייך מיטן דלות אין דער אַלטער היים. און דאָך גייען מיר אַרום אַ גאַנץ לעבן וואָכעדיקע. עס פעלט אונדז די שמחה פון יום־טובדיקייט.

אין אלטן רוים פלעגט מען באַזאָרגן די אָרעמע בירגער, דעם לומפן־פראָלעטאַריאַט, מיט ברויט און א צירק. די גרויזאַמע גלאַדיאַטאָרן־שפילן פלעגן ארויסרופן די גרעסטע באַגייסטערונג ביים צעווילדעוועטן המון. אין אונדזער צייט איז באַזאָרגן פרייד און פריילעכקייט א געשעפטזאַך. און ס'איז מערקווערדיק, וואָס די פאַרשיידנסטע פאָרמען פון דער שמחה־"ביזנעס" ווערן שטארק באהערשט פון די מאָטיוון פון קאַמף, גרויזאמקייט און חוזק מאַכן פון מענטשן. אויסלאַכן מענטשן פאַרשאַפט אונדז, ווייזט אויס, גאָר אַ סך פאַרגעניגן. אַ צענטראַלער מאָטיוו אין דער גאַנצער "ביזנעס" פון פרייד איז — קאָנקורענץ; די אַמביציע אָנצויאָגן און איבעריאָגן, איז אַ צענטראַלער מאָטיוו. אַנקעגן דעם איז די פרייד פון יידישן יום־טוב אַ ריינע פרייד. יידישע שמחה איז די שמחה פון דעם מענטשן, וואָס האָט אַ פלאַץ אין דער וועלט, אין דער געשיכטע. עס איז אַ פרייד פון קדושה און מנוחה, פון דער מנוחה פון שבת און יום־טוב. א יום טוב האָט אין זיך די עלעמענטן פון מעשה בראשית.

אין לויף פון דורות און ווערט א יום־טוב געשאַפן. ער ברענגט צום אויסדרוק די קאָאָפעראַציע פון אַ גאַנץ פאָלק, די שותפות פון דורות. דערפאַר צייכענען זיך אויס אונדזערע יום־טובים מיט אזוי פיל מענטשלעכקייט, אזוי פיל ברידערלעכקייט. זיי פירן אונדז אריין אין דעם מלכות פון געשיכטע, אין דעם מלכות פון אייביקייט, גייסטיקייט און תורה.

*

מיר איז אויסגעקומען לעצטנס צו לייענען אַ צאָל מעמואַרן פון ניט־יידישע

שרייבער אין וועלכע זיי באַקלאָגן זיך, וואָס אין זייערע קינדער־יאָרן האָבן זיי ניט געהאַט קיין הנאה פון די זונטיקדיקע מאָלצייטן. אין די פרומע פאַמיליעס פלעגן אויך די אַרבעטער און די דינסטן זונטיק זיין פריי פון ארבעט. אָבער קיין וואַרעמע מאכלים זיינען ניט געווען און קיין הנאה פון עסן האָט מען ניט געהאַט.

לייענענדיק אָט די מעמואַרן איז מיר קלאָר געוואָרן, וואָס פאַר א גרויסער אויפטו איז געווען אונדזער יידישער טשאָלנט. ביי אונדז יידן איז קיינעם ניט איינגעפאַלן שבת צו קאָכן. מען האָט אָבער געגעסן וואַרימע מאכלים און מען האָט געהאַט די גרעסטע הנאה פון די שבתדיקע סעודות. עס איז וויכטיק דערביי צו פאַרצייכענען, אַז אין דער תלמודישער צייט איז ארום דער פראַגע פון עסן וואַרימס שבת, דאָס הייסט, ארום דעם ענין "טשאָלנט", געפירט געוואָרן זייער און זייער אַ הייסע דיסקוסיע. געווען עקסטרעם פרומע, וואָס האָבן געהאַלטן, אז אַלץ וואָס ווערט געקאָכט, אפילו ווען מען שטעלט אריין דאָס עסן אין אויוון ערב שבת, טאָר ניט געגוצט ווערן. עס זיינען אָבער געווען ליבעראַלן, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקן, וואָס האָבן געטענהט, אַז וויבאַלד נאָר מען שטעלט אריין דאָס עסן אין אויוון ערב שבת, אפילו ווען עס קאָכט זיך אין דעם טאָג פון שבת, איז דאָ לחלוטין ניטאָ קיין חילול שבת. מעג מען ממילא אריינשטעלן דעם טשאָלנט ערב שבת און מען מעג עס שבת ארויסנעמען. ניט נאָר מעג מען, האָבן זיי געטענהט, נאָר עס איז אַ בפירושע מיצווה, אפילו אַ פליכט צו עסן שבת וואַרעמע מאכלים. שבת דאַרף זיין אַ טאָג פון פאַרגעניגן און אַ טאָג פון אָפּרו, שבת טאָר ניט זיין קיין טאָג פון אָפּקומענעש, פון אומעט און לאַנגווייליקייט. מיר געפינען, למשל, אין דעם "ספר העתים", אַז אויב אַ ייד עסט שבת ניט קיין טשאָלנט, וואָלט מען אים אייגנטלעך געדאַרפט אַריינלייגן אין חרם, ווייל ער שיידט זיך אָפּ פון כלל ישראל, און מען מוז אים דעריבער שטרענג וואַרענען, ער זאָל פאַרלאָזן זיין פאַלשן וועג.

דער גרויסער אויפטו פון "טשאָלנט", פון עסן וואַרעמע מאכלים שבת, באַשטייט דערין, וואָס עס האָט אין איין און דער זעלבער צייט באַפרייט די יידישע פרוי אין דעם הייליקן טאָג שבת פון דער שווערער וואָכעדיקער ארבעט אין קיך און, ניט געקוקט דערויף, איז שבת געבליבן אַ טאָג פון פרייד. דער עונג שבת איז אויף אַ האָר ניט געמינערט געוואָרן. און דער פאַקט, וואָס די יידישע פרוי האָט שבת געהאַט די מעגלעכקייט זיך אָפּצורוען, וואָס זי האָט אפילו שבת נאָכן קוגל, געקענט זיך אָוועקזעצן לייענען דעם טייטש־חומש אָדער אַן אַנדער ספר אין עברי־טייטש, האָט בלי שום ספק געשפּילט אַ געוואַלדיקע ראָל אין יידישן פאַמיליע־לעבן.

יידישע יום־טובים און יידישע דערציונג

פֿאַראַן איבערלעבונגען, געפֿילן און שטימונגען, וואָס מיר קענען זיי ניט איבערגעבן אין ווערטער. אָפֿט זיינען עס גראָד אונדזערע פֿיינסטע און איידלסטע איבערלעבונגען, פֿאַר וועלכע מיר קענען ניט געפֿינען קיין פּאַסיקן אויסדרוק. אין תוך זיינען אפֿילו די פּשוטסטע ווערטער, וואָס מיר באַנוצן אין טאָג־טעגלעכן לעבן, פֿאַקטיש צייכנס און סימבאָלן. פֿאַראַן אויך ווערטער, וואָס זיינען אַ סך מער ווי טרוקענע צייכנס. ווען מיר זאָגן אַזאַ וואָרט ווי תּפֿילה, למשל, רופֿט דאָס ארויס ביי אונדז גאַנץ באַשטימטע שטימונגען. לאָמיר נעמען דאָס בילד פֿון ליכט־בענטשן. געוויס דאָס זעלביקע איז, ווען מיר זעען אַן עדה יידן אין דעם הייליקן טאָג יום כּיפּור אין שול, אָנגעטאָן אין די קיטלען און די טליתים. דאָס זיינען סימבאָלישע איינדרוקן, וועלכע איר קענט אין ווערטער ניט איבערגעבן. דאָס זיינען איבערלעבונגען ניט פֿון איינצעלנע מענטשן, נאָר פֿון אַ גאַנצן כּלל, אָפֿט אפֿילו פֿון דורות און דורות. דער באַזונדערער צויבער פֿון די יום־טובֿים איז גראָד אָט די פֿאַרבינדונג פֿון דורות. די יום־טובֿדיקע מינהגים זיינען ניט סתּם צערעמאָניעס, דאָס איז אין אמתן די שפּראַך פֿון דורות. ווען מיר זיצן, למשל, ביים פֿייערליכן סדר־טיש, זיינען מיר ניט אַליין, דאָ זיצן מיט אונדז אַלע דורות יידן זינט דער צייט פֿון יציאת מצרים. יעדער יום־טובֿדיקער מינהג זאָגט עפּעס, דערציילט עפּעס: דער פּסחדיקער טיש, די שבת־ליכט, די מנורה, דער מאַמעס סידור, דעם טאַטנס טלית, די סוכּה, דער אתרוג מיטן לולבֿ — די אַלע צייכנס, סימבאָלן און מינהגים שפּילן אין לעבן פֿון מענטשן אַ סך אַ גרעסערע ראָל ווי מען האָט זיך דאָס ביז אַהער פֿאָרגעשטעלט. מען קען זיך, אמת, צום טייל באַגיין אָן זיי, מיר ווערן דאַן אָבער גייסטיק אַ סך אָרעמער.

אונדזער לעבן איז פֿול מיט סימבאָלן. אַ פֿלאַג פֿון אַ לאַנד איז סימבאָליש פֿאַר דער איייניקייט און דער סאָלידאַריטעט פֿון גאַנצן פֿאָלק. די ספּעציעלע בגדים פֿון סאָלדאַטן, אָפֿיצערן, ריכטער א.אַז.וו. האָבן אַ סימבאָלישע באַדייטונג. די ענגלישע קעניגלעכע פֿאַמיליע האָט היינט פֿאַקטיש ניט קיין שום פּאָליטישע פֿונקציעס. זי האָט אָבער אַ גרויסע סימבאָלישע פֿונקציע און איז אין דעם פּרט אַ וויכטיקער עלעמענט אין סאָציאַלן לעבן פֿון לאַנד.

אויך די מאָדערנע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געשאַפֿן אירע סימבאָלישע פֿאָרמען: די סאָציאַליסטישע פֿאָן, דעם ערשטן מאַי, ווי אַ סימבאָל פֿון סאָציאַליסטישער איייניקייט.

די באַזונדערע צייכנס קענען האָבן די באַדייטונג אַלס סימבאָלן פֿון איייניקייט אָדער פֿון הייליקייט און דערהויבנקייט. די יידישע טראַדיציע איז באַזונדערס רייך אין סימבאָלן פֿון הייליקייט, פֿון אַ העכערער וועלט, פֿון נשמה־יתירהדיקייט.

שוין אין דער תּורה ווערן אַ צאָל מיצוות באַצייכנט ווי סימבאָלן. שבת, למשל, איז א צייכן צווישן דעם באַשעפֿער און דעם פֿאָלק ישׂראל (כּי אות היא

ביני וביניכם לדורותיכם), אַ צייכן פון הייליקייט. אַ סימבאָלישע באַדייטונג האָבן די תפילין, די מזוזה, די ציצית. אז איר וועט זען די ציצית, ווערט געזאָגט אין דער תורה, וועט איר זיך דערמאָנען גאָטס געבאָטן און איר וועט זיי אָפּהיטן.

די באַדייטונג פון די יום־טובים איז אָבער א סך מער ווי אַ סימבאָלישע. אין די טעג פון יום־טוב דערמאָנט זיך דער מענטש, אַז ער איז אַ מענטש, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. אין די טעג פון יום־טוב הויבט דער מענטש אָן צו פאַרשטיין, וואָס איז אַזוינס הייליקייט.

אין דעם פּרט שפּילן די יום־טובים גאָר א באַזונדערע דערציערישע ראָל. זיי ווייזן אונדז יידישקייט אין דער העכסטער פאָרם. עס איז ניט נאָר אַ פראַגע פון יום־טובדיקער און שבתדיקער יידישקייט. עס איז די פראַגע פון יום־טובדיקייט און שבתדיקייט אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן. די פאַמיליע ווערט יום־טובדיק, טאַטע און מאַמע ווערן יום־טובדיק, די קינדער, די היים, אַלץ ווערט יום־טובדיק. די יידישע ליטעראַטור, באַזונדערס אונדזער מעמואַרן־ליטעראַטור, איז פול מיט באַשרייבונגען פון יום־טוב. פאַראַן אין דער שיינער ליטעראַטור אַ באַזונדערע פאַרשטענדענעש פאַר יום־טובדיקייט.

ווען איר לייענט די מעמואַרן פון פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַסימילירטע פאַמיליעס, באַמערקט איר גלייך, אַז עפּעס פעלט זיי, ניטאָ די וואַרעמע, אינטימע זכרונות פון יום־טובדיקייט. עס פעלן באַזונדערס אָפּט די געשטאַלטן פון יום־טובדיקע עלטערן. אַ קינסטלער ווי פראַנץ קאַפקאַ, למשל, האָט דירעקט געהאַט טענות צו זיין פאַטער, פאַרוואָס ער האָט אים ניט געגעבן געענוג יום־טובדיקייט. ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן, פאַרצייכנט קאַפקאַ מיט ווייטאָג, געזען בלויז אַן אויסגעליידיקטע יידישקייט.

די גאַנצע שטימונג פון אונדזער צייט איז אַ וועלטלעכע און א וואָכעדיקע. סימבאָליש איז אין דער הינזיכט די באַציונג צום טלית. עס איז, גלויב איך, אוממעגלעך צו געפינען עפּעס, וואָס זאָל זיך פאַרגלייכן מיט דעם געוואַלדיקן איינדרוק פון אַ פרומער עדה יידן, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אויסגיסן זייער האַרץ פאַרן טאַטן אין הימל, אלע אַנגעטאָן אין די טליתים, אַ געמיינדע פון כהנים, אַ הייליק פאָלק. זיינען געקומען די רעפאָרמער און האָבן געפּסקנט, אַז מען קען דאַווענען אָן אַ טלית; די קאָנסערוואַטיווע האָבן געמאַכט אַ פשרה, מען דאַוונט אין אַ טליתל. די פרייע דאַרפן דאָך אוודאי ניט קיין טלית. מען פאַרשטייט ניט, אַז דער טלית נעמט ארויס דעם מענטשן פון זיין וואָכעדיקייט, פון זיינע וואָכעדיקע זאָרגן און וואָכעדיקע געשעפטן. דער טלית, דאָס איז דאָך דער מלכותדיקער בגד פון דעם יידישן מענטשן. מיטן טלית פירט ער אַ מלחמה געגן דער וועלט, געגן דעם יצר הרע.

איינגעוויקלט אין טלית ברענגט מען דאָס קינד אין חדר, אין טלית ווערט דער יונגער ייד צו בר מיצווה אויפגערופן צו דער תורה. האָט דער יונגער מענטש

חתונה, טוט ער אָן אַ טלית (דאָס איז געווען דער מינהג אין דער אַלטער היים). דער טלית איז געווען די מתנה פון דער כלה. לאָזט זיך דער ייד אין וועג אַריין, נעמט ער מיט דעם טלית, און אויך אויף זיין לעצטן וועג באַגלייט אים דער טלית. שווער צו געפינען אַ גרויס ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור וווּ דער טלית זאָל ניט דערמאָנט ווערן.

גלות און גאולה
יידישער טרויער און יידישע האפענונג

וואָס איז דער זין פון טרויער? עס איז פאַרשטענדלעך, ווען אַ מענטש זוכט פרייד אין לעבן, ווען ער זוכט אַ ביסל גליק פאַר זיך און פאַר זיינע נאָענטסטע; עס איז אויך פאַרשטענדלעך, ווען אַ מענטש פּרובירט פאַרגעסן זיינע צרות, פּרובירט אַנטלויפן פון זיין עלנט. אָבער וואָס איז דער זין פון אָפּהיטן טעג פון טרויער? פון איינשטעלן און איינפירן באַזונדערע מינהגים און סימבאָלן, כדי תמיד צו געדענקען, כדי קיינמאָל ניט צו פאַרגעסן די אומגליקלעכע צייטן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט.

האָבן מיר טאַקע אין די לעצטע דורות כמעט ווי אויפגעהערט אָפּצוהיטן די טעג פון נאַציאָנאַלער אבילות. אַ סך סיבות האָבן דערצו געפירט. טרויער, האָבן אייניקע געטראַכט, איז אַ סימן פון שוואַכקייט. צו דעם מוז נעמען אַ סוף! מיר מוזן זוכן און געפינען דעם וועג צו גאולה.

אויף פאַרשיידענע וועגן האָבן מיר די גאולה געזוכט: דורך עמאַנציפּאַציע, דורך אונדזער קאַמף פאַר גלייכע רעכט און דורך אויפבויען אונדזער אייגענע היים אין דעם לאַנד פון די אבות. מיר האָבן אַ סך דערגרייכט און דאָך דריקט אויף אונדז נאָך אַלץ דער יידישער טרויער. אַ טרויער פון דורות, וואָס ווערט ניט פאַרגעסן און וואָס איז אין אונדזער צייט אפשר נאָך שטאַרקער געוואָרן.

איז אָבער באמת טרויער ניט מער ווי אַ סימן פון שוואַכקייט, פון יאוש און אָפּהענטיקייט? מיר דוכט, אַז דאָ מאַכן מיר גאָר אַ גרויסן טעות. דער אמת איז, אַז טרויער איז איינע פון די שטאַרקסטע פאָרמען פון ווידערשטאַנד, פון קאַמף און פון פּראָטעסט. דער דיכטער פון "על נהרות בבל" האָט עס וווּנדערלעך פאַרשטאַנען: "אונדזערע פאַנגער האָבן דאָרטן פון אונדז פאַרלאַנגט — ווערטער פון געזאַנג, און אונדזערע פּייניקער — פריילעכקייט. זינגט אונדז פון דעם געזאַנג פון ציון!" (כי שם שאלונו שובינו דברי שיר ותוללינו שמחה שירו לנו משיר ציון). און דער ענטפער איז געווען די שבועה — ניט צו פאַרגעסן ירושלים, ניט צו פאַרגעסן דעם חורבן, אַפילו אין צייטן פון שמחות. ס'פאָדערט זיך אָפּט אַ סך גבורה, אַן אַ שיעור מאָראַלישן מוט, כדי צו קענען טרויערן, כדי ניט צו פאַרגעסן די צרות פון דעם כלל, ווען מען האָט אזוי פיל פערזענלעכע זאָרגן.

טרויער איז אויך אַ מיטל פון פּראָטעסט געגן דעם בלינדן גורל, געגן דעם פאַטאַליסטישן שלום־מאַכן מיט דער גרויזאַמקייט פון דער נאַטור. מיר היטן אָפּ

אבלות, מיר שטעלן יאָרצייט־ליכט, מיר זאָגן קדיש, ווייל מיר ווילן בשום אופן ניט אָננעמען דעם פאַקט, אַז אונדזערע נאָענטסטע זיינען פון אונדז אינגאַנצן אַוועק. עס איז אונדזער מלחמה געגן טויט, געגן פאַרגעסן ווערן, געגן ענדגילטיקער פאַרניכטונג. איז דעריבער טרויער דאָס שטאַרקסטע געווער אין דעם מענטשלעכן קאַמף פאַר אייביקייט.

אין דער זעלביקער צייט האָט די יידישע טראַדיציע אויך געוווּסט, אַז מען טאָר ניט צו פיל טרויערן, אַז מאָראַלישע ווידערשטאַנדס־כוחות פון אַ פאָלק האָבן זייערע גרענעצן. זיינען ממילא איינגעשטעלט געוואָרן פעסטע כללים פאַר די צייטן פון טרויער.

סיי די טעג פון טרויער און סיי די טעג פון פרייד זיינען צייטן פון מאָראַלי־שער לייטערונג און גייסטיקער דערהויבנקייט. דאָס זיינען די וועגן, וועלכע פאַרבינדן אונדז אַלץ מער מיט דער אייביקייט, מיט דורות פאַרגאַנגענע און מיט דורות, וואָס וועלן קומען. און פּונקט ווי שמחה, אַזוי איז טרויער אויך אַפּט דער וועג צו מענטשלעכער פריינדשאַפט און חברשאַפט.

דער יידישער יום־טוב האָט כמעט תמיד סימבאָליזירט אַן אוניווערסאַלע און אַלגעמיין מענטשלעכע אידעע. אַזוי איז, למשל, שבת דער עיקר אַ יידישע אינסטיטוציע. עס איז אָבער אין דער זעלביקער צייט אַ געטלעכע מתנה פאַר אַלע באַשעפענישן אויף דער וועלט, אַפילו פאַר די בעלי חיים, וועלכע העלפן דעם מענטשן אין זיין אַרבעט. און פּונקט אַזוי זיינען די טעג פון יידישן טרויער אַ סך מער ווי בלויז סימבאָלן פון נאַציאָנאַלע אומגליקן.

די יידישע מיסטיקער האָבן עס אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען. האָבן זיי דאָך געשאַפן דעם באַגריף פון גלות השכינה! וואָרום ניט נאָר אונדזער פאָלק איז אין גלות, אויך די וועלט איז אין גלות, ווייל די שכינה איז אין גלות, איז ממילא דער וועג צו דער גאולה, צו אמתער גאולה אַזוי שווער.

פאַרשיידענע מדרגות פון טרויער האָט דער פאָלקסמינהג געשאַפן: די דריי וואָכן, די ניין טעג, ערב תשעה באב און תשעה באב. עס איז דער גרויסער טרויער פון דער וועלט און דער טרויער פון דעם מענטשן. טאָר מען תשעה באב אפילו ניט לערנען תורה, אַ חוץ אַזאַ ספר ווי איוב אָדער די אגדות פון חורבן.

עס ווייזט מיר אויס, אַז תשעה באב דאַרף ווערן דער טאָג פון אָנדענקען אויך וואָס איז שייך דעם לעצטן חורבן, הגם די טראַדיציע פון תשעה באב איז שוין אַזוי אָפּגעשוואַכט.

טרויער איז דער וועג צו גאולה. און אפשר וועט זיין נאָך ריכטיקער צו זאָגן: טרויער איז דער וועג צו גערעכטיקייט. די געשיכטע פון אַלע פעלקער האָט כמעט תמיד גלאָריפיצירט די העלדישקייטן פון די שטאַרקע. איז עס אונדזער חוב צו פאַראייביקן און גלאָריפיצירן די העלדישקייטן פון די שוואַכע, פון די קדושים. דאָס איז דער זין פון דעם טאָג פון יידישן טרויער, פון דעם טאָג פון חורבן, וואָס דאַרף און מוז ווערן דער טאָג פון גאולה.

*

די טעג פון טרויער שטויסן אונדז צו לערנען פון דער יידישער פאַרגאַנגענ־הייט, פון דער אזוי אין געשעענעשן רייכער יידישער געשיכטע. אין תלמוד און מדרש געפינען מיר אַ היפש ביסל באַטראַכטונגען וועגן די סיבות פון חורבן און דער באַדייטונג פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע. פאַרוואָס איז ירושלים חרוב געוואָרן? — פרעגן די בעלי התלמוד — און פאַרשיידענע ענטפערס ווערן דאָ געגעבן: דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געוואָרן — ווערט דערציילט אין יומא — ווייל די יידן זיינען באַגאַנגען דריי שווערע עבירות: זיי האָבן געדינט פרעמדע געטער; זיי האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט; און זיי זיינען ניט געווען אָפּגעהיט אין פאַמיליע־לעבן. דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געוואָרן בלויז צוליב איין זינד — צוליב שנאת חינם, ווייל מען האָט איינע די אַנדערע אומזיסט פיינט געהאַט. אַן ענליכן געדאַנק געפינען מיר אין אַ מאמר אין בבא מציעא· ירושלים איז חרוב געוואָרן, ווייל מען האָט זיך געהאַלטן שטרענג ביים דין פון דער תורה און מען האָט ניט געהאַנדלט לפנים משורת הדין (לא חרבה ירושלים אלא על שדנו בה דין תורה). די וועלט קען ניט אויסקומען בלויז מיט דין, די וועלט נויטיקט זיך מערער אין פאַרשטענדעניש, אין יושר און אין מדת הרחמים.

אויף זיין שווערן גלות־וועג איז דאָס יידישע פאָלק ניט געגאַנגען אַליין. זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך זייערע טראַדיציעס, זייערע הייליקע ספרים, זייער טיפן טרויער, און תמיד, פון לאַנד צו לאַנד, פון גלות צו גלות, איז די שכינה מיטגעגאַנגען מיט זיי; "וואָרים אומעטום, ווו יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן, איז די שכינה געווען מיט זיי. זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן אין מצרים, איז די שכינה געווען מיט זיי; זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן אין בבל, איז די שכינה געווען מיט זיי (שבכל מקום שגלו שכינה עמהם. גלו למצרים שכינה עמהם, גלו לבבל שכינה עמהם)". איז דער ייד מיט זיין צער קיינמאָל ניט געווען אַליין; צוזאַמען מיט אים איז די שכינה געווען אין צער. און צוזאַמען מיט דער שכינה איז געווען גרינגער צו האָפן און גרינגער צו וואַרטן אויף נחמה.

דער נביא יחזקאל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַגעגנט די שכינה אין גלות. אין גלות בבל, ביים טייך כבר, האָט ער דערזען דעם אָפּשיין פון גאָטס מאַיעסטעט, און גאָטס וואָרט האָט צו אים גערעדט. איז יחזקאל געוואָרן דער נביא פון גלות, דער שטראָפער און טרייסטער פון די פאַרטריבענע אין בבל. עס האָט ניט געדויערט לאַנג און דער יידישער ישוב אין בבל איז געקומען צו זיך. יידן אין בבל האָבן אָפּגעהיט די בעסטע טראַדיציעס פון די נביאים, און יידן פון בבל האָבן ווידער אויפגעבויט יהודה און ירושלים.

פירט זיך אין אונדזער יידישער וועלט פאַר די לעצטע פאַר דורות אַ לאַנגער וויכוח אַרום דער פראַגע וועגן גלות, וועגן די אויסזיכטן פון גלות און מעגלעכקייטן פון גלות. עס איז אין תוך גאָר אַן אַלטער וויכוח, נאָר יעדער דור שמועסט זיך וועגן דעם ענין דורך אויף זיין אופן. געווען שוין אין דער אַלטער צייט צווישן די בעלי התלמוד אזעלכע, וואָס האָבן גראָד געהאַלטן פון גלות: אַ חסד האָט גאָט ברוך הוא געטאָן מיט יידן — זאָגט, למשל, אַ מאמר אין פסחים — וואָס ער

האָט זיי צעשפּרייט צווישן די פעלקער (צדקה עשה הקב"ה לישראל שפזרן לבין האומות). אין דער צעשפּרייטונג פון יידישן פאָלק איבער פאַרשיידענע לענדער האָבן אייניקע יידישע פירער געזען אַ געוויסע גאַראַנטיע פאַר זיין קיום. און פאַראַן דערין בלי שום ספק אַ טיפער אמת. אַ צווייטע פראַגע איז, צי וואָלטן יידן געקענט בלייבן אין גלות, לעבן ווי אַ פאָלק אין גלות, אויפהאַלטן זייער מענטשלעכע ווערדע אין גלות, אָן דעם גלויבן אין גאולה, אָן דער פעסטער האָפענונג, אַז מיט דער צייט וועט דאָס פאָלק זיך אומקערן צוריק אין דעם לאַנד פון זיינע עלטערן.

גלות איז אוודאי ניט קיין גרויס גליק פאַר אַ פאָלק, גלות איז געווען אונדזער טראַגישער גורל, און גלות איז געווען אַ גרויסער נסיון. ביז צום היינטיקן טאָג האָט דאָס יידישע פאָלק דעם נסיון מיט גרויס ווערדע אויסגעהאַלטן. איז דערפאַר ניטאָ קיין גרונד, איז עס אפילו אַ גרויסע זינד, צו ריידן מיט ביטל וועגן גלות-יידן. אויב אַ פאָלק האָט נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות געקענט ווידער אויפבויען דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל, מעג עס זיין שטאָלץ מיט די דורות פון גלות. און מיר האָבן זיך לחלוטין ניט וואָס צו שעמען לגבי פעלקער, וואָס האָבן פון קיין גלות ניט געוווסט. מיר האָבן פון גלות אַ סך געליטן. דער גלות האָט אָבער אונדזערע עלטערן מאָראַליש ניט געבראָכן. ער האָט זיי ניט דערנידריקט און מענטשלעך ניט דעגראַדירט. זיי זיינען נאָר געווען אויסערלעך אין גלות, אינערלעך זיינען זיי תמיד געבליבן פרייע און שטאָלצע יידן.

"אַ קול הערט זיך אין רמה"

קענען טרויערן איז אַן אויסדרוק פון הויכער קולטור, איז אַ סימן פון אַ שטאַרקן גלויבן. יידן האָבן געקענט אַזוי לאַנג טרויערן אויף דעם חורבן פון ירושלים, ווייל זיי זיינען ביי זיך געווען זיכער, אַז ירושלים וועט ווידער אויפגעבויט ווערן. און ווער עס טרויערט אויף ירושלים — זאָגט אונדז אַ תלמודישער מאמר — וועט זוכה זיין צו זען אין איר פרייד (וכל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה). מען קען ניט לאַנג טרויערן, ווען מען גלויבט, אַז אַלץ איז פאַרלאָרן. אין אַזאַ פאַל באַמיט מען זיך וואָס גיכער צו פאַרגעסן. דערפאַר זיינען די טעג פון טרויער ביי יידן קיינמאָל ניט געווען פאַרבונדן מיט שטימונגען פון יאוש, פון מאָראַלישער פאַרצווייפלונג און אָפּהענטיקייט. גראָד פאַרקערט, אין דעם טאָג פון דעם גרויסן נאַציאָנאַלן אומגליק, דערציילט די יידישע טראַדיציע, איז געבוירן געוואָרן משיח, דער אויסלייזער פון יידישן פאָלק. זיין נאָמען איז מנחם, דער טרייסטער, דער וואָס ברענגט זיין פאָלק נחמה און דערמוטיקונג, גלויבן און האָפענונג.

עס איז איצט פאַר אונדז באַזונדערס קלאָר געוואָרן, אַז ניט אַלע מאָל זיינען די שטאַרקע און גליקלעכע גערעכט. גראָד פאַרקערט, על פי רוב זיינען די שוואַכע

און עלנטע די אמתע גערעכטע. אַט די אידעע האָט אַ גרויסער יידישער דיכטער אויף אַ קלאַסישן אופן אַרויסגעבראַכט אין זיינע וווּנדערלעכע געזאַנגען וועגן גאָטס קנעכט (עבד ה׳), דעם אייביק לײַדענדן און דעם אייביק באַוואָלהטן, וואָס האָט אויף זיך גענומען די זינד פון דער וועלט, כדי אויסצולייזן די וועלט. ניט שנאה און פאַרביטערונג, נאָר ליבע און רחמנות זיינען די צענטראַלע מאָטיוון אין דער תנ״ך ליטעראַטור פון דער צייט פון גלות בבל און שיבת ציון.

די נביאים, די שעפער פון יידישן מאָנאָטעיזם, האָבן קיין מאָל ניט געוואָלט צולאָזן קיין שום אַנדער געשטאַלט נעבן גאָט. האָט אָבער דאָס פאָלק אין דער שווערער צייט געזוכט טרייסט און האָט זיך גענייטיקט אין אַ וואָרט פון האָפענונג און דערמוטיקונג. אין יענער צייט האָט זיך פאַרן נביא ירמיהו מיט אַ מאָל באַוויזן די געשטאַלט פון דער מאַמע רחל. ווען מען האָט די יידן געפירט געפאַנגענע פון ירושלים קיין בבל, דערציילט אונדז די טראַדיציע, איז די מאַמע רחל אויפגע־שטאַנען פון איר קבר און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט: ״אַ קול הערט זיך אין רמה, אַ ביטער געוויין, רחל וויינט אויף אירע קינדער, זי לאָזט זיך ניט טרייסטן וועגן דעם אומגליק פון אירע קינדער״ (קול ברמה נשמע, נהי בכי תמרורים, רחל מבכה על בניה, מאנה להנחם על בניה, כי איננו). צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער נביאישער ליטעראַטור באַווייזט זיך פאַר אונדז די געשטאַלט פון דער מאַמע און אָט די וווּנדערלעכע געשטאַלט איז אין פאַרשיידענע פאָרמען פאַרבליבן אין דער יידישער טראַדיציע ביז צום היינטיקן טאָג.

עס וואָלט געווען כדאי פאַר אַ יידישן קינסטלער אָדער געלערנטן נאָכצופאָרשן די פאַרשיידענע טראַנספאָרמאַציעס פון דער מאַמע־געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור פון דער צייט פון גלות בבל אָן. שוין אין מגילת איכה, די טרויער־לידער פון דער צייט פון חורבן, פאַרנעמט די מוטערלעכע געשטאַלט דעם צענטראַלן פּלאַץ. דאָ ווערט ירושלים אָדער ציון פאַרגעשטעלט ווי אַ לעבעדיקע פּערזענלעכקייט, ווי אַן עלענדע אלמנה, וואָס האָט אַלץ פאַרלאָרן. און די מאַמע ירושלים קלאָגט זיך: זאָל מיט אייך אזיינס ניט פּאַסירן, איר פאַרבייפאָרער אויף די וועגן! קוקט זיך צו און באַטראַכט, איז נאָך פאַראַן אַזאַ ווייטאָג ווי דער ווייטאָג, וואָס איז אויף מיר געקומען? (לא עליכם, כל עוברי דרך, הביטו וראו אם יש מכאוב כמכאובי!) און פּונקט אזוי לאָזט ווייטער דער דיכטער פון איכה ריידן די טאָכטער פון ציון (בת ציון) און די טאָכטער פון יהודה (בת יהודה).

קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר שפּעטער האָט זיך די געשטאַלט פון דער מאַמע ציון ווידער באַוויזן אין די קינות־דיכטונגען פון ר׳ יהודה הלוי. באַקאַנט זיינען באַזונדערס די קינות ״ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך״ און ״אלי ציון ועריה״.

אין דער תלמודישער אגדה און אין מדרש האָט זיך די מאַמע באַוויזן אין דער געשטאַלט פון דער שכינה און פון דער כנסת ישראל. ווען די יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות, דערציילט די יידישע טראַדיציע, איז די שכינה אַוועק מיט זיי, און אומעטום, ווו די קינדער פון ישראל זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן, איז די שכינה מיט זיי. האָבן פרומע יידן דערפאַר זיך נוהג געווען אויפצושטיין ביי־

נאַכט און אָפּצוריכטן חצות (תיקון חצות), כדי צו וויינען אויפן חורבן פון ירושלים און אויפן גלות פון דער שכינה. די מקובלים האָבן אויסגעצייכנט געוווסט, אַז די געשטאַלט פון דער שכינה לאָזט זיך ניט אָפּטיילן פון דער כנסת ישראל, און דערפאַר ווערט דער סדר פון תיקון חצות איינגעטיילט אין דעם "תיקון לאה" און "תיקון רחל", די מאַמעס פון יידישן פאָלק.

די גרויסע באַדייטונג פון די היסטאָרישע טרויער־טעג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן מאָראַליש געלייטערט און דערהויבן אונדזער פאָלק, וואָס זיי האָבן אין אונדז געשטאַרקט דעם ווילן צו גאולה און דעם גלויבן אין בעסערע און גערעכטערע צייטן. דער ברוגז צווישן דעם מענטשן און זיין באַשעפער קען ניט אייביק געדויערן, ווייל צוזאַמען מיט אונדז מוז אויך די שכינה אויסגעלייזט ווערן פון גלות.

דער יידישער שעפערישער טרויער

פון דעם מינהג פון אָפּגעלייגטן תענית (נדחה), פון אָט דעם פשוטן מינהג אָפּצוהיטן כסדר שבת ווי אַ טאָג פון אָפּרו און אַ טאָג פון האָפענונג און ניט צו פאַרוואַנדלען דעם הייליקן טאָג שבת אין אַ טאָג פון טרויער, קענען מיר גאָר אַ סך לערנען בנוגע יידיש לעבן און יידישע טראַדיציעס. דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין איר גאַנצער געהויבנקייט די ווונדערלעכע טראַדיציע פון יידישער עקשנות.

די שווערסטע אויפגאַבע פאַר אַ פאָלק און פאַר אַ מענטשן אין ביטערע צייטן איז — דער קאַמף געגן יאוש, געגן פאַרצווייפלונג און אָפּהענטיקייט. דער מענטש זוכט מייסטנס וועגן ווי שלום צו מאַכן מיט דער ווירקלעכקייט. אפשר איז די וועלט גערעכט? אזוי זיינען אַ סך באַזיגטע שוואַכע פעלקער אונטערגעגאַנגען. זיי האָבן אָנגענומען די קולטור, די מאַניערן און די שפּראַך פון דעם זיגער. זיי האָבן ניט געהאַט דעם כוח צו לעבן אין גלות. זיי האָבן ניט געהאַט דעם כוח צו טרויערן און צו האָפן. זיי האָבן ניט געהאט קיין כוח אָפּצוהיטן זייער שבת און זייער תשעה באב, האָבן זיי פאַרלאָרן דעם דרך ארץ צו זיך אַליין. און ווען אַ פאָלק פאַרלירט דעם גלויבן אין זיך און דעם דרך ארץ צו דער אייגענער קולטור, איז זיין גורל געחתמעט.

אַ פאָלק קען ניט לעבן בלויז מיט טרויער. ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, ווערט געזאָגט אין תלמוד, זיינען געווען אַ סך שטרענגע אַסקעטן ביי יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאגט צו עסן פלייש און טרינקען וויין. האָט רבי יהושע צו זיי געזאָגט: מיר קענען ניט ארויפוואַרפן אויפן פאָלק אַ שווערע משא פון טרויער, וואָס דער דורכשניטלעכער יידישער מענטש וועט עס ניט קענען פאַר־טראָגן. עס מוז זיין טרויער מיט אַ גרענעץ, טרויער מיט האָפענונג. וואָרים דער, וואָס טרויערט איבער ירושלים, וועט זוכה זיין צו זען די שמחה פון ירושלים.

צוליב דעם טעם האָבן יידן אין גלות מיט דער גרעסטער עקשנות אָפּגעהיט די טעג פון יידישער פרייד, די טעג פון שבת און יום־טוב. נאָך מער, די טעג פון פרייד זיינען פאַר אונד וויכטיקער ווי די טעג פון טרויער. און מאַכט זיך אַ מאָל, אז דער טאָג פון תשעה באב, דער טאָג פון אונדזער גרויסן טרויער, פאַלט אויס שבת, לייגן מיר אָפּ דעם טרויער, איז תשעה באב א נדחה — שבת בלייבט שבת!

און דאָס, וואָס איז ריכטיק פארן טרויער פונם כלל, איז אויך ריכטיק אין פאַלן פון אבלות פון אַ יחיד: שבת טאָר מען ניט טרויערן! יום־טוב טאָר מען ניט טרויערן! מען קען אוודאי פרעגן: איז מעגלעך איינצושטעלן פעסטע כללים פאַר טיפע מענטשלעכע איבערלעבונגען? קען מען זאָגן אַ מענטשן אין דעם טאָג פון זיין גרעסטן צער: היינט איז יום־טוב, היינט טאָר מען ניט וויינען? דער יידישער צוגאַנג איז, אַז יע, מען קען זאָגן, מען דאַרף זאָגן, אַ מענטש לעבט ניט נאָר פאַר זיך און מיט זיך, יעדער יחיד איז אַ טייל פון כלל. אויך אין צייטן פון טרויער נייטיקן מיר זיך אין שותפים. אפילו צו זאָגן קדיש נויטיקן מיר זיך אין אַ מנין יידן. מיר שטעלן יאָרצייט־ליכט אין בית מדרש. אין באַשטימטע טעג זאָגן מיר ״יזכור״, ווייל מיר זיינען אַ טייל פון כלל. מיר געהערן צום כלל און אונדזער לעבן ווערט ווייטער געפירט דורכן כלל, דורך דורות פון היינט און פון מאָרגן.

עס איז גראָד פאַר אַ רעליגיעזן יידישן מענטשן שווער צו געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס איז אויף אונדזער גורל אויסגעפאַלן אַזוי פיל צו ליידן. שוין אין איכה באַגעגענען מיר די טענה צום רבונו של עולם: ״געדענק, גאָט, וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט, קוק זיך צו און זע אונדזער שאַנד״ (זכור ה׳ מה היה לנו הביטה וראה את חרפּתנו). דער זעלביקער מאָטיוו חזרט זיך איבער אין אַ צאָל אַנדערע שטעלן אין תנ״ך און אין פאַרשיידענע סליחות און קינות: ״מיר זיינען געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט צווישן די פעלקער״, טענהן כסדר די פאַרשיידנסטע דיכטער.

די גרויסקייט פון אונדזער געשיכטע באַשטייט דעריז, וואָס מיר האָבן באַוויזן ניט צו ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט אין אונדזערע אייגענע אויגן.

איך דערמאָן זיך, ווי שטאַרק עס איז געווען דער רושם פונם אַרטיקל פון ראָבערט וועלטש: ״טראָגט מיט שטאָלץ די געלע לאַטע״ אין דער צייטונג ״יידישע רונדשאו״, בעת די נאַצי־יאָרן אין דייטשלאַנד. עס איז געוואָרן אַ רוף, וואָס האָט געפונען דעם שטאַרקסטן אָפּקלאַנג אין דער יידישער וועלט אין נאַצי־דייטשלאַנד. און דאָס איז אייגנטלעך דער יידישער רוף דורך דער געשיכטע. דורך דורות און דורות איז אַלץ געטאָן געוואָרן כדי אונדז צו באַליידיקן, כדי אונדז צו פאַרשעמען, כדי צוצונעמען ביי אונדז דעם גלויבן אין זיך, דעם רעספּעקט צו זיך אַליין. האָבן מיר זיך מיט אַלע כוחות אַנקעגנגעשטעלט און מיר האָבן געבראַכט דער וועלט אַ נייעם גלויבן: דעם גלויבן פון די באַוולהטע, דעם גלויבן פון די אונטערדריקטע. דאָס יידיש לעבן אין גלות איז תמיד געווען אַ

פראָטעסט געגן די מעכטיקע, אַ פּראָטעסט געגן דער רישעות פון דער וועלט. דאָס איז דער זין פון יידישן טרויער. דאָס איז דער יידישער שעפערישער טרויער, וואָס רופט צו גלויבן, וואָס שטאַרקט און דערמוטיקט די שוואַכע און די פאַר־שעמטע: זייט ניט געפאַלן ביי זיך! שעמען דאַרפן זיך יענע, וואָס האָבן אייך לידן פאַרשאַפט!

אין דער וועלט פון תורה

די אומצופרידנקייט פון דעם מענטשן מיט זיך אַליין איז געוויינטלעך פאַרבונדן מיט אַ געפיל פון איינזאַמקייט. מיר פילן זיך איינזאַם אין דער וועלט און איינזאַם צווישן מענטשן. זוכן מיר אַ גרעסערע נאָענטקייט מיט מענטשן און אַ פאַרבינדונג מיט דער וועלט. סימבאָליש פאַר אָט דער בענקענעש איז די געשיכטע פון בראשית. ס׳איז אָט די בענקענעש, וואָס טרייבט אונדז צו זוכן און דערגיין די סודות פון דעם באַשאַף. עס איז די ליידנשאַפט פון בראשית, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דעם אַפּאָלאָ־פּראָיעקט, אין דעם עקספּערימענט פון אַ רייזע צו דער לבנה. און דאָס איז דער טיפער זין, פאַרוואָס די תורה הויבט זיך אָן מיט די ווערטער פון בראשית ברא.

עפּעס וויסן וועגן דער וועלט, פּרובירן פאַרשטיין די סודות פון באַשאַף, איז דער וועג פון שותפות מיט דער וועלט, פון שותפות מיט דעם באַשעפער פון דער וועלט. דאָס איז די יידישע פילאָזאָפיע וועגן מענטש און וועלט.

ווען אַ מענטש זיצט און לערנט תורה, לערנט אונדז אַ תלמודישער מאמר, איז די שכינה מיט אים. דאָס לערנען פון תורה פאַרבינדט אונדז אויך מיט דער וועלט, ווייל מיט חכמה און תורה האָט דאָך גאָט באַשאַפן די וועלט. און נאָר אין דער וועלט פון תורה געפינען מיר דעם ענטפער אויף די אייביקע מענטשלעכע פּראָבלעמען.

תורה לערנט אונדז ניט נאָר ווי צו לעבן מיט זיך, נאָר אויך ווי צו לעבן מיט מיטמענטשן, מיט דעם חבר. און דער עיקר, תורה איז ווי דער ים. פאַראַן געזעצן פאַר אַלעמען און דאָ גילט דער כלל פון אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים. סיי דער, וואָס לערנט מער, און סיי דער, וואָס לערנט ווייניקער, אַבי נאָר די כוונה איז לשם שמים. תורה לשמה, דאָס איז דער צענטראַלער מאָטיוו אין אונדזער יידישער תורה־קולטור.

אויך די אַלטע גריכן האָבן אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון אַ ריין גייסטיקער קולטור, פון ליבע צו וויסן, צו חכמה. דאָס איז דאָך דער טייטש פון דעם וואָרט פילאָזאָפיע. אָבער ביי די גריכן איז חכמה געווען דער קנין פון אַ באַזונדערן קלאַס, פון אַ מינדערהייט, פון אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע. אפילו דענקער ווי פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס האָבן זיך דאָס אַנדערש ניט געקענט פאָרשטעלן. פּלאַטאָן האָט אויף אַ ווונדערלעך דיכטערישן אופן פאַר אונדז געשילדערט די לויטערקייט און די מאָראַלישע סגולות פון חכמה. און פּלאַטאָן האָט געשאַפן דעם

מוסטער פון אַ פילאָזאָפישער שולע, פון אַן אַקאַדעמיע. אונדזערע היינטיקע אוניווערזיטעטן און אַקאַדעמיעס זיינען ביז צו אַ געוויסן גראַד די יורשים פון דער פלאַטאָנישער אַקאַדעמיע. פלאַטאָן איז אויך געווען דער מייסטער פון דעם דיאַלאָג, פון דעם וויכוח, פון ארויסברענגען אמתן דורך אַ דעבאַטע, דורך אַ שקלא וטריא. ווען מיר ריידן היינט וועגן אַקאַדעמישער פרייהייט, האָבן מיר דאָך דער עיקר אין זינען די פרייהייט פון דיאַלאָג, פון דורכריידן זיך און פאַרהאַנדלען, פון וויכוחים. אָבער נאָך אַלעמען איז די גריכישע פילאָזאָפיע געבליבן דער קנין פון אַ קליינער גרופע. פילאָזאָפיע איז, אפילו אין אַ קולטור־צענטער ווי אַטען, ניט געוואָרן דער קנין פון פאָלק.

גאָר אַנדערש איז געווען דער יידישער וועג פון תורה. אַ גריכישער דענקער האָט באַצייכנט די יידן ווי אַ פאָלק פון פילאָזאָפן. און ס'איז ניט געווען קיין גוזמא אין אָט דער באַצייכענונג, ווייל יידן ווי אַ כלל, אַלע יידן, האָבן געלערנט תורה, האָבן געלעבט מיט תורה, האָבן זיך געפרייט מיט דער תורה. מען האָט געלערנט תורה טאָג און נאַכט, ביחידות און בציבור, און ווי נאָר אַ קינד הויבט אָן צו ריידן, זאָגט אונדז דער תלמוד, דאַרף דער פאָטער אָנהויבן מיט א־ם לערנען תורה (קטן היודע לדבר אביו מלמדו תורה).

די ישיבות אין דער צייט פון משנה און תלמוד זיינען אויך געווען אַקאַדעמיעס, אפילו אין אַ סך אַ העכערן זין ווי די פלאַטאָנישע אַקאַדעמיע. די גאַנצע תלמודישע ליטעראַטור איז אַ דיאַלאָג, איין גרויסע דעבאַטע, איין גרויסער שקלא וטריא, אַלע פראַגן ווערן דאָ באַהאַנדלט און עס ווערן אויספירלעך איבערגעגעבן די מיינונגען און די אַרגומענטן פון די פאַרשיידנסטע אויטאָריטעטן. געווען אויך גאַנצע שולעס, ווי, למשל, די שולע פון בית הלל און בית שמאי. און מערקווערדיק איז דער פאַקט, וואָס די תלמודישע טראַדיציע האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די אידעע פון אַבסאָלוטע אמתן, פראַקטיש האָט מען טאַקע אָנגענומען די אָדער יענע מיינונג. מען האָט אָבער ניט אונטערגעדריקט דעם געגנערס מיינונג. גראָד פאַרקערט, אין אונדזערע ישיבות באַהאַנדלט מען נאָך היינט די חילוקי דעות צווישן די פאַרשיידענע תלמודישע אויטאָריטעטן.

אין פאַרגלייך מיט די בעלי התלמוד זיינען, למשל, אַזעלכע מאָדערנע דענקער, ווי מאַרקס און פרויד ניט מער ווי פאַנאַטיקער. סיי מאַרקס און סיי פרויד האָבן ניט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן רעספּעקט פאַר געגנער.

ווי קומט עס אָבער וואָס אַ סך פון אונדז און גראָד די "ניט־יידישע יידן" ווייזן אַרויס אַזאַ ביטול באַציונג צו דער יידישער געשיכטע, צו אונדזערע קולטור־טראַדיציעס, צו אונדזער קאַמף פאַרן קיום ?

אפשר וואָלט געווען ריכטיקער צו באַנוצן די גייסטיקע געשיכטע פון אונדזער פאָלק ווי אַביישפּיל פאַר דער וועלט ? אויב אפילו דער פשוטסטער מענטש קען אַזוי דערהויבן ווערן דורך דער פרייד פון תורה און מיצוות, דורך שבתדיקייט ; אויב דער פשוטסטער מענטש קען אריבערגעטראָגן ווערן אין דער וועלט פון קדושה, ווי די יידישע געשיכטע האָט דאָס באַוויזן ; אויב אפילו דער פשוטסטער

מענטש קען געלייטערט ווערן דורך תורה און מיצוות, פּאַרוואָס זאָלן מיר ביי אים אַוועקנעמען אָט די העכסטע דערגרייכונגען פון מענטשלעכקייט? זיינען טאַקע גערעכט יענע, וואָס מיינען, אַז דער מענטש איז ניט מער ווי אַן אויטאָמאָט, ניט מער ווי פּאַוולאָווס הונט, וואָס רעאַגירט ריין אויטאָמאַטיש אויף דרויסנדיקע סטימולן?

איך גלויב ניט אין אָט דעם מעכאַנישן צוגאַנג צום מענטשן. איך גלויב אפילו ניט, אַז פּאַוולאָווס עקספּערימענטן האָבן אויסגעשעפּט אַלע איבערלעבונגען פון בעלי חיים. עס איז גריילעך מעגלעך, אַז אויך אַ הונט האָט אַ פונק פון נשמהדי־קייט אין זיין באַציונג צו מענטשן, אַז אויך אַ הונט לעבט מיט פּאַנטאַזיעס און אילוזיעס. פאַראַן נאָך גענוג סודות אין גאָטס באַשאַף.

עס איז בכל אופן קלאָר, אַז דער יוצר הרע איז ניט די איינציקע רעאַליטעט אין מענטשלעכן לעבן. דער מענטש זוכט שיינקייט, איידלקייט, לויטערקייט, שמחה פון דערגרייכונגען. און דער מענטש איז גרייט צו ליידן, כדי זיך איינצושאַפן אָט די העכערע סגולות. ווי לערנט אונדז די תלמודישע טראַדיציע? די גרויסע מתנה פון תורה איז אונדז געגעבן געוואָרן דורך יסורים. מיר דאַרפן זיין גרייט צו צאָלן אַ טייערן פּרייז פאַר תורה.

און די גרעסטע איבעראַשונג איז דער פאַקט, וואָס תורה האָט אונדז אַזוי פיל געהאָלפן אין אונדזער מלחמה פאַרן לעבן, אין אונדזער קאַמף פאַר עקאָנאָ־מישע פּאָזיציעס. די יידישע פילאָזאָפיע, וואָס לערנט אונדז, אַז תורה און עקאָנאָ־מישע הצלחה גייען האַנט אין האַנט (אם אין קמח, אין תורה; אם אין תורה, אין קמח), איז גאָרניט אין אַן ערך נענטער צום אמת ווי דער מאַרקסיסטישער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם. קולטור, וויסן, תורה זיינען צענטראַלע פאַקטאָרן אין עקאָנאָמישן אויפשטייג פון פעלקער און גרופּעס.

נייע אַנטדעקונגען און נייע דערפינדונגען קומען ניט פון זיך אַליין. נאָר מענטשן מיט אַ ליידנשאַפט צו וויסן, מיט אַ ליידנשאַפט זיך צו גריבלען, צו פאָרשן, צו זוכן, נאָר גייסטיקע פּיאָנערן שאַפן די באַדינגונגען פאַר אַ העכערער קולטור. און אונדזער יידישע קולטור־טראַדיציע האָט דערצויגן דורות און דורות גייסטיקע פּיאָנערן.

אויך וויסן אַליין איז נאָך ניט גענוג. די גרעסטע מענטשלעכע דערגרייכונגען זיינען אַ פּראָדוקט פון קאָאָפּעראַציע. מענטשן דאַרפן זיך אויסלערנען לעבן צוזאַמען, אַרבעטן בשותפות. עס איז, למשל, אוממעגלעך אויפצובויען אַ העכערע קולטור אָן פרייער אַרבעט, אָן פרייער איניציאַטיווע, אָן פרייוויליקע פאָרמען פון שותפות.

און תורה איז דער העכסטער וועג פון קאָאָפּעראַציע, פון גייסטיקער און סאָציאַל־עקאָנאָמישער קאָאָפּעראַציע. תורה ווייזט אונדז דעם וועג צו לעבן צוזאַמען און אַרבעטן צוזאַמען. תורה איז דער וועג פון לעבן מיט זיך און לעבן מיט מיטמענטשן, פון רעספּעקטירן זיך און רעספּעקטירן דעם מיטמענטשן. תורה

איז דער וועג פון שותפות מיטן פאָלק, שותפות מיט דער וועלט און מיט דעם באַשעפער פון דער וועלט.

*

די וועלט פון תורה איז פאַר דעם יידישן מענטשן פונקט אַזאַ ווירקלעכקייט, ווי די וועלט פון טאָג־טעגלעכן לעבן. תורה און אַרבעט,תורה און געשעפט גייען האַנט אין האַנט. דער אַלטער יידישער כלל איז "עשה תורתך קבע", שטעל איין באַשטימטע צייטן פאַר תורה. דו טאַרסט זיך ניט באַפרייען פון דעם חוב צו לערנען תורה, ווייל דו ביסט פאַרנומען מיט דיינע געשעפטן. און פונקט אַזוי טאָר אַ מענטש ניט פאַרלאָזן זיין טאָג־טעגלעכע אַרבעט, כדי צו לערנען תורה. ווערט דאָך געזאָגט אין פרקי אבות: תורה אָן מלאכה האָט ניט קיין קיום און ברענגט סוף כל סוף צו זינד (וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה וגוררת עון).

אין דברים ווערט אונדז דערציילט, ווי משה האָט אָנגעזאָגט דעם פאָלק, ווי זיי זאָלן זיך אויפפירן, ווען זיי וועלן זיך באַזעצן אין לאַנד, וואָס גאָט האט זיי צוגעזאָגט: "צום סוף פון זיבן יאָר, האָט משה זיי געזאָגט, אין דער צייט פון דעם יאָר פון שמיטה, אין דעם יום־טוב פון סוכות... זאָלסטו לייענען די דאָזיקע תורה פאַר גאַנץ ישראל, אין זייערע אויערן. זאַמל איין דאָס פאָלק (הקהל את העם), די מענער און די פרויען און די קליינע קינדער, און דעם פרעמדן (גר) וואָס אין דיינע טויערן, כדי זיי זאָלן הערן און זאָלן לערנען און זאָלן מורא האָבן פאַר גאָט, און זיי זאָלן היטן צו טאָן אַלע ווערטער פון דער דאָזיקער תורה".

דאָס גאַנצע פאָלק פאַרזאַמלט זיך אין די טעג פון יום־טוב סוכות אין ירושלים. אָבער באַזונדערס פייערלעך איז די גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין דעם יאָר פון שמיטה. דאָן ווערט דורכגעפירט אַ באַנייונג פון מתן תורה ביים באַרג סיני. דאָס גאַנצע פאַרזאַמלטע פאָלק נעמט אָן פון דאָס ניי די תורה. און ווידער ווערט די תורה דער קנין פון יידישן כלל. פאָלק און תורה, תורה און פאָלק זיינען איינס.

די תורה איז אַ סך מער ווי אַ קאָנסטיטוציע, אַ סך מער ווי געזעצן. די תורה איז אַ וועג פון לעבן, און אויך דאָס איז נאָך ווייט ניט גענוג.

דאָ איז קודם כל וויכטיק די אידעע פון תורה לשמה, תורה צוליב תורה. מען לערנט תורה ניט נאָר, כדי צו וויסן ווי זיך אויפצופירן אין טאָג־טעגלעכן לעבן, נאָר תורה צוליב תורה, ווייל תורה איז לעבן, דער אינהאַלט פון לעבן.

און ניט וויניקער וויכטיק איז די מיצווה פון פאַרשפרייטן תורה, אויפצושטעלן תלמידים, וואָס מער תלמידים. דער חוב פון לערנען תורה מיט די קינדער ליגט קודם כל אויפן פאָטער. ווי עס שטייט געשריבן, דו זאָלסט איינשאַרפן די ווערטער פון דער תורה מיט דיינע קינדער (ושננתם לבניך) און דו זאָלסט ריידן מיט זיי, ווען דו זיצסט אין דיין הויז און ווען דו גייסט אין וועג, און ווען דו לייגסט זיך, און ווען דו שטייסט אויף.

די באַדייטונג פון לערנען תורה מיט די קינדער ווערט באַזונדערס אַרויסגע־

בראַכט אין דעם מאמר: ווער עס לערנט תורה מיט זיין זון, איז געגליכן ווי ער וואָלט געלערנט תורה מיט זיין זונס קינדער און מיט זיינע קינדס־קינדער ביז צום סוף פון אַלע דורות. און דאָס איז דער טיפערער זין פון לערנען מיט קינדער ידישקייט. דאָס לערנען מיר ניט בלויז מיט איין דור, נאָר מיט אַלע וווייטערדיקע דורות (עד סוף כל הדורות).

דאָס קאַפּיטל קי״ט אין תהילים (אשרי תמימי דרך) איז דאָס גרויסע געזאַנג פון תורה. און פון אָט דעם קאַפּיטל קענען מיר גאָר אַ סך לערנען וועגן דעם וועג פון תורה אין אונדזער יידישער געשיכטע.

דער ספר תהילים הויבט זיך טאַקע אָן מיט די ווערטער: ווויל איז דעם מענטשן, וואָס האָט ניט געפאָלגט די עצה פון די רשעים און אויפן וועג פון די זינדיקע איז ער ניט געשטאַנען און אין דער חברה פון די לצים איז ער ניט געזעסן, נייערט אין דער תורה פון גאָט איז זיין באַגער און אין זיין תורה טראַכט ער טאָג און נאכט״.

אָט די פרומע לערנער זיינען געווען די שטילע און נאַיווע יידן, די תמימי דרך, די, וואָס גייען אויף זייער ערלעכן וועג. און עס איז שוין אַן אַלטע געשיכטע. די אַזוי גערופענע חכמים, די וועלטלעך קלוגע, די ״סאָפיסטיקייטעד״, די ראַפינירטע, האָבן תמיד חוזק געמאַכט פון דעם פשוטן מענטשן. צו דער קאַמפּאַניע פון די לצים האָבן, אגב, אויך געהערט די ליידיק־גייער, די פוסט־און־פּאַסניקעס, די ריקים ופוחזים, ווי זיי ווערן באַצייכנט אין תנ״ך. אָט די לומפּן־פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט מיט די באַהעמישע טיפּן, די לומפּן אינטעליגענטן, האָבן קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען דעם סוד פון לערנען תורה. צו וואָס זאָל אַ פּשוטער מענטש זיך אַזוי פאַרטיפן אין תורה? וואָס גיט אים די תורה? אַ פּשוטער מענטש קען גיין אין אַ צירק, זיצן אין שענק, פאַרברענגען אין דער קאַמפּאַניע פון לצים, ריידן רכילות, חוזק מאַכן פון מענטשן, שפּילן אין קאָרטן. דאָס איז אַ וועג צו פאַרברענגען. און דאָס איז די ״פאָלקס־קולטור״, וואָס די אינטעליגענץ דערלאַנגט היינט דעםברייטן עולם.

ס׳איז ניט געווען אַזוי גרינג צו פירן אַ מלחמה געגן אָט די חוזק־מאַכערס. און דערפאַר רופט טאַקע דער זינגער פון תהילים: ״קייקל אַראָפּ פון מיר חרפה און בזיון (גל מעלי חרפה ובוז) ווייל דיינע געבאָטן האָב איך געהיט״. אָט דער מאָטיוו ווערט כסדר איבערגעחזרט. דער זינגער פון די תמימי דרך, פון די שטילע און ערלעכע, חזרט כסדר איבער זיין געבעט, ער זאָל ניט פאַרשעמט ווערן. אין אַ וווייטערדיקן פּסוק בעט דער שטילער לערנער: ״טו אָפּ מיין שאַנד... (העבר חרפתי), ווייל דיינע געבאָטן זיינען גוט״. און דאַן ווערט ווייטער געזאָגט: ״די מוטווילִיקע האָבן ביז גאָר חוזק געמאַכט פון מיר (זדים הליצוני עד מאד), אָבער פון דיין תורה האָב איך זיך ניט אָפּגענייגט״. דאָס גאַנצע קאַפּיטל אילוסטרירט אָט דעם קאַמף צווישן דער חברה לצים און דער חברה לערנער. ווייל די פרומע לערנער האָבן דערפילט די וויכטיקייט פון שאַפן חברות. וואָס האָט באַגייסטערט

אַט די פשוטע תמימי דרך ? וואָס האָט זיי געגעבן דעם כוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דער חברה לצים ?

דער וועג פון תורה

דער מאָדערנער מענטש זעט אין דער משה־טראַדיציע קודם כל די געשטאַלט פון דעם גרויסן באַפרייער. אין אונדזער יידישער טראַדיציע פאַרנעמט אָבער דעם ערשטן פּלאַץ משה דער לערער און וועגווייזער, משה רבינו. די משה־געשטאַלט איז ביי אונדז פאַרבונדן מיט דער תורה.

די תורה ווערט ביי אונדז אין תנ"ך אָפט באַצייכנט ווי אַ וועג, ווי דער וועג צו גאָט, דער געטלעכער וועג.

ווהין פירט דער וועג פון תורה דעם יידישן מענטשן ?

דערמיט קומען מיר צו דער פּראָבלעם פון אַלע פּראָבלעמען : וואָס איז דער זין פון מענטשלעכן לעבן ? ס'איז אפשר גאָר אַן איינרעדעניש צו זוכן אַ זין אין דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. און פאַראַן סקעפּטיקער, וואָס גייען נאָך ווייטער : דער מענטש איז גאָרניט קיין בעל הבית איבער זיין אייגענעם גורל. אָט ווי אַן אָפּגעריסן בלאַט וואָס ווערט געטריבן פון ווינט, אַזוי ווערט דער מענטש געטריבן פון כוחות, וואָס ליגן אויסער אונדז. און גאָר אַ סך דענקער פון אונדזער צייט גלויבן, אַז דער מענטש איז ניט מער ווי אַ פּראָדוקט פון בלינדע כוחות, פון סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע ער קען ניט ענדערן. און מערקווערדיק איז דער פאַקט, וואָס גראָד די קעמפער פאַר פרייהייט זיינען דווקא אָנהענגער פון אַ פילאָזאָפיע פון דעטערמיניזם, פון היסטאָרישער נייטווענדיקייט. קאַרל מאַרקס האָט זיך פאַרנומען ניט נאָר מיט אָנאַליזירן און אויסטייטשן געשיכטע, ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט מאַכן געשיכטע. און פונקט ווי אַ מענטש קען באַאיינפלוסן דעם גאַנג פון דער געשיכטע, אַזוי קען דער מענטש אויך באַאיינפלוסן דעם גאַנג פון זיין אייגענעם לעבן. מענטשן מאַכן געשיכטע, מענטשן פורעמען געשיכטע און מענטשן פורעמען זייער אייגן לעבן. דאָס איז אין תוך דער וועג פון תורה.

ניט נאָר גרויסע פערזענלעכקייטן מאַכן געשיכטע, ביירערט איטלעכער מענטש מאַכט זיין געשיכטע און איז אויך אַ שותף צו דער געשיכטע פון זיין פאָלק, צו דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור.

די גרויסקייט פון דעם מענטשן באַשטייט דערין, האָט אַ באַקאַנטער לערער פון מוסר אַ מאָל געזאָגט, וואָס ער קען זינדיקן, אָבער ער קען אויסקלייבן זיין וועג, ער קען גיין מיטן וועג פון די זינדיקע און ער קען זוכן דעם וועג פון גערעכטיקייט. דאָס לעבן איז אַ וועג, און דער מענטש טראָגט זיין אחריות פאַר דעם וועג אין לעבן.

דאָס איז דער זין פון תורה, פון דעם וועג פון תורה. די תורה העלפט דעם

מענטשן צו געפינען דעם זין פון לעבן. האָבן דריבער אונדזערע חכמים אַזוי מורא געהאַט פאַר דער זינד פון ביטול תורה, פון ניט אויסניצן די צייט פאַר לערנען און גוטע מעשים. דאָס טייערסטע פאַרמעגן פון מענטשן איז צייט. און קיין סך צייט האָט, ליידער, דער מענטש ניט. בענדזשאַמין פרענקלין האָט אַ מאָל געזאָגט: צייט איז געלט. גיב אַכטונג אויף דיין צייט! אונדזערע חכמים זאָגן: צייט איז לעבן, צייט איז אייביקייט — אויב דער מענטש פאַרשטייט ווי אויסצונוצן זיין צייט.

איז דער פילאָזאָפישער תורה-וועג אייך דער ריכטיקער וועג פאַר דעם היינטיקן מענטשן? פאַרן היינטיקן יידן? איז טאַקע נויטיק צו זוכן אַ זין אין לעבן?

אַט די פראַגע איז אויסערגעוויינטלעך אַקטועל. מיר האָבן היינט מער צייט; די מאַשין האָט אונדז באַפרייט פון אַ סך שווערער האַרעוואַניע. ווי קענען מיר אויסנוצן אונדזער פרייע צייט? אין שפּיל אָדער אין לערנען תורה? איז עס דער גורל פון דעם מאָדערנעם מענטשן צו פאַרשיכורן זיין צייט, צו פאַרשפּילן זיין צייט, צו פאַרברענגען זיין לעבן אָן אַ זין און אָן אַ אידעע? אָדער קענען מיר זיך אומקערן צום פילאָזאָפישן וועג פון תורה, צו דער יום-טובדיקייט פון תורה?

עס איז אַוועק די צייט, ווען מען האָט ביי אונדז געזונגען תורה איז די בעסטע סחורה. מען יאָגט זיך ניט מער נאָך תורה און ממילא איז אויך דער יום-טוב פון מתן תורה ניט אַזוי וויכטיק. קען מען אָבער פירן אַ מענטשלעך לעבן אָן תורה?

אויב דער מענטש זוכט אַ זין אין זיין לעבן, אויב ער פאַרשטייט, אַז לעבן איז אַ סך מער ווי די צייטווייליקע פיזישע עקזיסטענץ, דאַן ווייס איך ניט ווי מען קען פירן אַ מענטשלעך לעבן אָן תורה.

דער באַקאַנטער ווינער פּסיכאָלאָג, וויקטאָר פראַנקל, האָט אָנגעוויזן, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער היינטיקער יוגנט זעט ניט קיין זין אין לעבן. אַט די מענטשן לעבן אין אַ גייסטיק אויסגעליידיקטער וועלט, אין אַן "עקזיסטענציעלן וואַקוום" ווי דר. פראַנקל רופט עס אָן. דר. פראַנקל, וואָס האָט, אגב, אַליין געוועזן עטלעכע יאָר אין אַ נאַצישן קאָנצענטראַציע-לאַגער, איז איינער פון די אָנגעזע־ענסטע פירער פון דער שיטה פון עקזיסטענץ-פּסיכאָלאָגיע. עס איז ביי דער געלעגנהייט נויטיק צו באַמערקן, אַז די שיטה פון די עקזיסטענץ-פּסיכאָלאָגן איז ניט דאָס זעלבע ווי די פילאָזאָפישע שיטה פון די עקזיסטענציאַליסטן, הגם עס איז בלי ספק פאַראַן אַ געוויסע קרבהשאַפט צווישן אַט דיביידע ריכטונגען. די ריכטיקייט פון דעם צוגאַנג פון דר. פראַנקל ווערט באַשטעטיקט פון אַ צאָל אַנדערע באַריכטן, וואָס זיינען לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער וויסנ־שאַפטלעכער ליטעראַטור. די פּראָבלעם, וואָס באַאומרויקט דעם היינטיקן מענטשן, איז גאָר אָפט טאַקע אָט די אויסגעליידיקטקייט, די פוסטקייט אין לעבן, דער "עקזיסטענציעלער וואַקוום".

דער מענטש זוכט אַ תיקון. יעדער מענטש זוכט אַ תיקון. די מערסטע מאָדערנע פּסיכאָלאָגן ווייסן ניט און פאַרשטייען ניט דעם טיפן זין פון דעם וואָרט

תיקון, וואָס פאַרנעמט אַזאַ צענטראַלן פּלאַץ אין דער קבלה־ליטעראַטור. עס איז, אגב, זייער שווער צו געפינען דעם ריכטיקן אויסדרוק פאַרן באַגריף פון תיקון אין אַן אַנדער שפּראַך. דאָס ענדערט אָבער ניט דעם פאַקט. דער מענטש זוכט אַ תיקון פאַר זיין לעבן. ער וויל וויסן, וואָס איז זיין אויפגאַבע אין לעבן, וואָס האָט ער צו טאָן אין דער וועלט?

אויף אָט דער פראַגע, וואָס באַאומרויקט אויך דעם היינטיקן מענטשן, האָט די יידישע טראַדיציע אונדז געגעבן דעם ענטפער. דער זין פון מענטשלעך לעבן איז תורה, ווייל תורה איז דער זין פון דער וועלט. לאָמיר עס פאַרשטיין: תורה איז ניט סתם ליטעראַטור. די תורה איז אַ גאַנצע וועלט. עס איז ניט קיין צופאַל, ווען מיר באַנוצן דעם אויסדרוק ים התלמוד, דער ים פון תלמוד. דער לערנער שווימט אין אָט דעם ים, ער לאָזט זיך אָפט אַראָפּ ביז צו די טיפסטע טיפענעשן, כדי צו געפינען דאָרט די וווּנדערלעכע פערל פון דער חכמה פון תורה.

מען האָט ביי אונדז אָפט חוזק געמאַכט פון דעם פּלפּול פון די ישיבה־לערנער. מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען און מיר פאַרשטייען נאָך היינט ניט, אַז פּלפּול איז דער וועג פון זעלבסטשטענדיקן לערנען, פון ווערן אַן אַקטיווער שותף צו דער תורה. דער וועג פון פּלפּול איז דער וועג פון געפינען אַ נייעם זין, אַ נייע אויסטייטשונג, עפּעס אַ חידוש, אַ נייעם קנייטש, ווי מען פלעגט זאָגן ביי אונדז אין די ישיבות. מען האָט געלערנט מיט אַ ניגון, מען האָט גערעדט אין לערנען, מען האָט זיך מפלפל געווען, לערנען איז אָפט געווען אַ גרויסער קאָאָפּעראַטיווער פּראָצעס.

די תורה איז אונדזער תיקון. איז דעריבער איינגעפירט געוואָרן דער מינהג צו פאַרברענגען די נאַכט פון שבועות ביים "תיקון ליל שבועות". עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ ספר וואָס נעמט אריין קלענערע טיילן (פראַגמענטן) פון תנ"ך, פון תלמוד, פון מדרש און פון דער קבלה־ליטעראַטור. דאָס איז אַ סימבאָלישער אויסדרוק פון מקבל זיין די תורה און נעמען אויף זיך דעם יאָך פון די מיצוות און דעם זכות פון די מיצוות.

אונדזער היינטיקער באַגריף פון תיקון איז: יאָגן און אַריבעריאָגן. עס יאָגן זיך יחידים און עס יאָגן זיך פעלקער. מען שטופּט זיך און מען שטויסט זיך און מען גיט גאָרניט אַכטונג אויף די שוואַכערע, וואָס פאַלן אַוועק אויסגעשעפּטע אינמיטן וועג.

ניין, ניט דאָס איז דער וועג פון תיקון. ניט אַזוי וועט דער מענטש געפינען אַ זין אין לעבן. דער אמת מענטשלעכער וועג פון תיקון איז תורה: לערנען תורה און אָפּהיטן די געבאָטן פון דער תורה. וואָרים דער וועג צו געטלעכקייט איז דער וועג צו זיך, דער וועג צו מענטשלעכקייט.

לערנען תורה און פאַרשטיין תורה

געווען אויך ביי יידן אַן אונטערשייד צווישן לערנער און פּשוטע מענטשן, צווישן דעם תלמיד חכם און דעם עם הארץ. דער אַלגעמיין אָנגענומענער פּרינציפּ ביי יידן איז אָבער געווען, אַז אַלע דאַרפן לערנען תורה און איטלעכער ייד איז מחויב צו זאָרגן דערפאַר, אַז זיינע קינדער זאָלן לערנען תורה. און אַלע האָבן געלערנט תורה, אָרעם און רייך, פּשוטע מענטשן און די גרעסטע מיוחסים. מען האָט געלערנט תורה פאַר זיך און מען האָט געלערנט תורה בציבור, צוזאַמען אין חברות.

לערנען תורה איז אָבער ניט געווען אַ געבאָט, אַ פליכט, לערנען תורה איז געווען אַ דערגרייכונג, וואָס האָט דעם יידישן מענטשן פאַרשאַפט אַן אַ שיעור פרייד און באַפרידיקונג. מען האָט ניט נאָר געלערנט אין חדר און אין די ישיבות, געלערנט האָבן אויך די דערוואַקסענע, פאַרנומענע מענטשן. געלערנט האָבן אויך די עלטערע מענטשן. און דער ביישפּיל פון די עלטערע האָט באַגייסטערט די יינגערע.

חיים נחמן ביאַליק דערציילט פון זיינע שטאַרקסטע איבערלעבונגען אין די קינדער־יאָרן, ועגן צוויי תלמידי חכמים, זיין זיידן און דעם דיין, ווי זיי פלעגן זיצן אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט ביי דער אָפענער גמרא, דער טיש פול פאַרלייגט מיט ספרים. אין דרויסן איז אַ ווילדער שטורעם, ווי די וועלט וואָלט זיך געהאַלטן ביים איבערקערן. אָבער מיר זיצן אין אַ פעסטונג, האָט געפילט דער יונגער ביאַליק. פאַר וועמען זאָלן מיר מורא האָבן? די תורה באַשיצט אונדז, האָבן מיר זיך ניט וואָס צו שרעקן.

לערנען תורה איז פאַר דעם יידישן מענטשן דער זין פון לעבן. דערפאַר האָט די יידישע טראַדיציע אַזוי ארויסגעהויבן די שמחה פון תורה. ווערט דער יונגער ייד בר מצווה, ווערט ער אויפגערופן צו דער תורה; ביי אַ חתונה ווערן דער חתן און די מחותנים אויפגערופן צו דער תורה. געוויס ניט ווייניק מחלוקתן זיינען פאַרגעקומען אין אונדזערע שטעטלעך אַמאָל צוליב עליות און כיבודים. ווען איר באַטראַכט אָבער היינט די פאַרשיידענע מחלוקתן פון אונדזער צייט, ווייזט מיר אויס, אַז די קריגערייען צוליב עליות צו דער תורה זיינען ווייט ניט געווען קיין אומגליק.

און פּונקט אַזוי זיינען אַ סך שמחות אין אונדזער יידישן לעבן געווען פאַרבונדן מיט תורה. האָט דאָס קינד אָנגעהויבן צו גיין אין חדר, איז עס געווען אַ שמחה. ביים אָנהויבן לערנען חומש, האָט מען געמאַכט אַ חומש־סעודה. האָט מען פאַרענדיקט לערנען אַ מסכתא, האָט מען געמאַכט אַ סיום. האָט מען אַריינגעבראַכט אַ ספר תורה אין בית המדרש, איז עס געווען אַ שמחה פאַרן גאַנצן שטעטל. דער פריילעכסטער יום־טוב איז ביי אונדז שמחת תורה, ווען דער יידישער מענטש דאַנקט דעם בורא פאַר דער תורה וואָס ער האָט אונדז געגעבן.

פאַראַן אַן אַלטער יידישער כלל: דברי תורה כלשון בני אדם, די תורה רעדט

מיט אַ מענטשלעכן לשון, כדי דער פּשוטסטער מענטש זאָל קענען פֿאַרשטיין וואָס די תּורה רעדט צו אים. אין אונדזער צייט האָט דער מענטש אויפֿגעהערט צו פֿאַרשטיין דעם לשון פֿון דער תּורה. מיר נויטיקן זיך אין אַ נייעם פּירוש, מיר זוכן אַ נייעם וועג און עס איז דער חוב פֿון די לערנער פֿון אונדזער דור צו מאַכן די תּורה פֿאַרשטענדלעך פֿאַרן היינטיקן מענטשן.

לאָמיר דעם ענין אַ ביסל קלאָר מאַכן: פֿון די מצוות פֿון דער תּורה, און איך האָב דאָ אין זינען די תּורה שבכתב, זיינען לכל הפּחות מער ווי אַ העלפֿט פֿאַר אונדז היינט צו טאָג ניט גילטיק. כּמעט אַלע געזעצן, וואָס מיר געפֿינען אין חומש וועגן קרבנות, וועגן די כּהנים, וועגן דעם משכּן, זיינען פֿאַר אונדז ניט גילטיק. און דאָ מיין איך ניט נאָר די ייִדן אין די תּפֿוצות, נאָר אויך די ייִדן אין ארץ ישׂראל. עס זיינען פֿאַר אונדז פּאַקטיש אויך ניט גילטיק די דינים וועגן ריין און אומריין, וועגן טומאה וטהרה. ווער עס ווייס וואָס פֿאַר אַ פּלאַץ די דינים וועגן קרבנות, כּהנים און טומאה וטהרה פֿאַרנעמען אין חומש, וועט פֿאַרשטיין דעם גאַנצן פֿאַרנעם פֿון דער פּראָבלעם. אָבער אויך נאָך אַ באַדייטנדע צאָל אַנדערע געזעצן האָבן פֿאַר אונדז היינט נאָר אַ ריין טעאָרעטישן אינטערעס. מיר זיינען פּאַקטיש ניט מקיים די דינים וואָס האָבן אַ שייכות צו שמיטה און יובל. און דאָס זיינען דאָך גאָר וויכטיקע געזעצן. מיר קענען אויך ניט אָפּהיטן דאָס קלאָרע און שטרענגע געבאָט ניט צו נעמען קיין פּראָצענט פֿאַר הלוואות. עס איז ממילא קלאָר, אַז די תּורה איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן פֿאָלק פֿון די עלטסטע צייטן ביז צו אונדזערע דורות. און די פֿראַגע איז איצט: האָט זיך אָט דער גרויסער היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס האָט פֿאַראייניקט אין איין איינס תּורה און פֿאָלק, פֿאַרענדיקט? אָדער איז אפֿשר אויך אונדזער דור באַרופֿן אָפּצוהיטן די תּורה ווי אַ תּורה פֿון לעבן, ווי אַ תּורה וואָס לעבט און וואַקסט צוזאַמען מיטן פֿאָלק? איך גלויב בפּירוש, אַז דערקלערן און פֿאַרטייטשן די גרויסע ייִדישע קולטור־ירושה פֿאַר אונדזערע קינדער איז ממש אַ היסטאָרישע שליחות.

איך זע ניט קיין צוקונפֿט פֿאַר ייִדיש לעבן אָן תּורה. דערפֿאַר איז אַזוי דרינגענד וויכטיק צו פֿאַרשטיין דעם טיפֿערן זין פֿון דער תּורה, צו פֿאַרשטיין די סימבאָלישע שפּראַך פֿון דער תּורה. און עס איז אויך נויטיק צו פֿאַרשטיין, די שפּראַך פֿון אונדזער צייט, צו געפֿינען אַ געמיינזאַם לשון צווישן אונדזער הייליקער טראַדיציע און אונדזער מאָדערנער גייסטיקער וועלט.

ווען אונדזער פֿאָלק האָט געזונגען

אין לויף פֿון וואַכן האָב איך ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו שרייבן. דערפֿאַר האָב איך געהאַט מער צייט צו טראַכטן. האָב איך זיך קודם כּל פֿאַרטיפֿט אין דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק. עס איז מיין חלום שיין פֿון אַ סך יאָרן אָנצושרייבן אַ געשיכטע פֿון ייִדישן גייסטיקן לעבן פֿון דער עלטסטער צייט ביז צו אונדזער

תקופה. האָב איך איצט געפּרובירט אָנצוצייכענען אין אַלגעמיינע שטריכן דעם פּלאַן פון אָט דער אַרבעט. באַזונדערס האָב איך זיך באַמיט אויפצושטעלן דאָס בילד פון יידישן לעבן אין אונדזער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. מען האָט, אמת, וועגן דעם ענין לעצטנס אַ סך געשריבן. וואָס מער אָבער איך האָב זיך פאַרטיפט אין דער געשיכטע פון יידישן לעבן אין די לעצטע דורות, אַלץ מער איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז אַ טעמע, וואָס לאָזט זיך שווער אויסשעפּן. כסדר געפינט מען עפּעס נייעס, וואָס מען האָט פריער גאָרניט באַמערקט. אַ מאָל איז עס גאָר אַ וויכטיקע זאַך, אַ מאָל איז עס ניט מער אפשר ווי אַ נייער קנייטש — ווי מען פלעגט זאָגן אין די ישיבות — אָבער אויך אַ נייער קנייטש אין דער געשיכטע פון אונדזער גרויסער און טראַגישער פאַרגאַנגענהייט טאָר ניט דורכגעלאָזן ווערן.

יידן פאַרנעמען היינט גאָר אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער וועלט פון מוזיק און טעאַטער. פון וואַנען נעמען זיך ביי יידן אַזוי פיל גרויסע קינסטלער פון וואָרט און קלאַנג? איז פאַראַן עפּעס אַ שייכות צווישן אַ בלאַט גמרא, אַ קאַפּיטל תהילים און דער קונסט פון אונדזערע מאָדערנע יידישע מוזיקער?

יע, עס איז פאַראַן אַ שייכות צווישן אַ בלאַט גמרא, אַ קאַפּיטל תהילים און די דערגרייכונגען פון אונדזערע מאָדערנע קינסטלער. אונדזערע עלטערן האָבן ניט געהאַט קיין טעאַטער. זיי האָבן אפילו ניט געוווּסט וואָס אַזוינס איז אַן אָפּערע. און דאָך זיינען מיר געווען אַ פאָלק פון געזאַנג, דאָס פאָלק פון שיר השירים. מען האָט געזונגען אין דער היים, מען האָט געזונגען ביי דער אַרבעט, מען האָט געזונגען ביים דאַווענען און מען האָט געזונגען ביים לערנען. אין אָנהויב איז געווען דער ניגון. דאָס איז אין אַ היפּשער מאָס כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גאַנצע רייע דערשיינונגען אין אונדזער יידיש לעבן. יידישע דיכטער, באַזונדערס די רעוואָלוציאָנערע דיכטער, זיינען געווען די פּאָפּולערסטע געשטאַלטן אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס.

די צייט פון זינגען איז אַוועק. דאָס איז ריכטיק פאַר אונדזער יידיש לעבן און אויך פאַר דער מאָדערנער קולטור בכלל. אין די היינטיקע פאַבריקן און אָפיסעס איז שווער צו זינגען. מיר האָבן אויך ווייניקער געזאַנג אין דער היים. ראַדיאָ און טעלעוויזיע, ווי מערקווערדיק דאָס זאָל ניט זיין, האָבן גראָד אָפּגעשוואַכט דעם סטימול צו זינגען. מיר בלייבן ביים הערן. צום זינגען קומען מיר ניט.

יידיש לעבן איז געווען פול מיט געזאַנג. עס איז ניט געווען קיין געזאַנג פון מלחמה. עס איז אויך ניט געווען קיין געזאַנג פון ליבע. געווען, אוודאי, ליבע ביי יידן ניט ווייניקער ווי ביי אַנדערע פעלקער, אָבער קיין צייט פאַר באַזינגען ליבע האָבן מיר ניט געהאַט. דער יידישער ניגון איז געווען דער ניגון פון שיר השירים, דער געזאַנג פון אַלע געזאַנגען. עס איז אמת, אַז גראָד שיר השירים איז אַ געזאַנג פון ליבע. די יידישע טראַדיציע האָט עס אָבער אַנדערש אויסגעטייטשט. יידן האָבן גאָר אַנדערש פאַרשטאַנען דעם זין פון שיר השירים. פאַר זיי איז עס געווען אַ געזאַנג פון ליבע צווישן דעם באַשעפער און דעם פאָלק ישראל. אַ

געזאַנג פון ליבע צו גאָט, פון ליבע צו דער תורה און ליבע צו גערעכטיקייט. דאָס איז געווען דאָס גרויסע געזאַנג פון דעם פאָלק ישראל.

יידן האָבן פאַרשטאַנען אַריינצוברענגען אַן אַ שיעור שיינקייט אין טאָג־טעג־לעכן לעבן. דער יידישער מענטש הויבט אָן זיין טאָג מיט אַ געזאַנג צום באַשעפער און מיט אַ געזאַנג צו דער וועלט. יעדן פרימאָרגן דאַנקט ער דעם בורא פאַר די ווונדער פון מעשה בראשית. ביים דאַווענען איז אפילו דער פשוטסטער ייד ניט סתם אַ פאַסיווער צוהערער, נאָר דער אַקטיווסטער שותף צו דער תפילה פון כלל ישראל. ניט געווען אייגנטלעך קיין אונטערשייד צווישן דעם בעל תפילה, וואָס איז געשטאַנען פאַרן עמוד, און דעם עולם פון די מתפללים.

געווען אויך פאָעזיע אין דער אָרעמער מאַלצייט פון דעם יידישן אַרבעטס־מענטשן. און נאָך מער שיינקייט און שירה איז, נאַטירלעך, געווען אין די שבתדיקע מאַלצייטן, אין דעם שבתדיק געדעקטן טיש, די שבת־ליכט, די שבתדיקע מאכלים און די שבתדיקע זמירות. און דאָס זעלביקע איז ריכטיק אין דער פולסטער מאָס פאַר די יום־טובים. יעדע סעודה האָט געהאַט איר אייגענעם טעם און איר אייגענעם ניגון. די סעודה פון פרייטיק־צו־נאַכט איז געווען גאָר אַנדערש ווי די סעודה שבת אין דער פרי. און שלוש־סעודות איז ווידער געווען אַנדערש. דער מאַלצייט פון שלוש־סעודות איז געווען באַגלייט פון דער שטילער בענקענעש נאָך דעם שבת וואָס האָלט ביים אָוועקגיין.

ערב שבת איז דער מינהג צו לייענען שיר השירים מיט א ניגון. און דאָס איז פאַרשטענדלעך. איז דאָך שבת אַליין פאַר זיך אַ שיר השירים, אַ געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען, אַ הייליק געזאַנג פון יידיש לעבן.

געזונגען האָט מען, דער עיקר, ביים דאַווענען. יידן האָבן פון תמיד אָן ליב געהאַט חזנות, און בעלי מלאכות פלעגן גאָר אָפּט ביי דער אַרבעט צוזינגען אַ תפילה, אַ נייעם ניגון, וואָס זיי האָבן געהערט פון חזן אין שול. די שולע פון יידישן געזאַנג איז אָבער געווען אין דער ערשטער שורה דער חדר. אויך אין דעם פּרט איז נויטיק אַ נייער צוגאַנג צו דער געשיכטע פון דער יידישער דערציונג בכלל און פון חדר בפרט.

געלערנט האָט מען, ווי מיר ווייסן, מיט אַ ניגון — אין חדר און אין ישיבה, אין בית מדרש און אין דער היים. אזוי לייענט מען אויך די תורה מיט אַ ניגון, מיט די טראָפּ. קענער פון דער געשיכטע פון מוזיק ביי יידן גלויבן, אַז דאָס לייענען די תורה אין שול מיט די טראָפּ און דער מינהג מעביר סדרה זיין אין דער היים האָבן געהאַט דעם שטאַרקסטן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער מוזיק בכלל.

אין חדר האָט מען שיין גאָר פרי אָנגעהויבן מיט די קינדער צו לייענען די סדרה פון דער וואָך און די הפטורה מיטן געהעריקן ניגון. עס איז געשאַפן געוואָרן די טראַדיציע צו לערנען מיט אַ ניגון, לערנען מיט התפעלות, אַריינברענגען אין לערנען, אַפילו אין דעם טרוקנסטן בלאַט גמרא, אַ וועלט מיט פאַנטאַזיע, אַ וועלט מיט פאָעזיע און מוזיק. אזוי איז געזאַנג, אין די פאַרשיידנסטע פאָרמען, געוואָרן

אן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון יידישן לעבן: געזונגען האָבן די קינדער אין חדר, געזונגען האָבן די לערנער אין די ישיבות, געזונגען האָט מען ביים דאַווענען, ביים זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים און ביים לערנען אַ מוסר ספר. מיט אַ ניגון האָבן אונדזערע מאַמעס געלייענט דעם "צאינה וראינה", מיט אַ ניגון האָבן זיי געזאָגט די תחינות און תפילות, און פול מיט שירה און מוזיק זיינען געווען אונדזערע שמחות, די שבתים, די יום־טובים, די חתונות, און אַלע אַנדערע שמחות. די יידישע חתונה, די כלי־זמר, דער בדחן, און זייער ראָל אין אונדזער יידישן לעבן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט זיינען אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

יידישע שמחות

עס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פּרוּוון צו דערקלערן די רעטענעש פון דעם יידישן קיום. עס קען אָבער, דוכט מיר, קיין ספק ניט זיין, אַז יידישע שמחות האָבן אין דעם פּרט געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָל. אין אָט דער יידישער פעיקייט זיך צו פרייען, אַראָפּצוואַרפן פון צייט צו צייט דעם יאָך פון דאגות און ווערן אַ נייער מענטש, שטעקט טיילווייז דער סוד פון אונדזער קיום.

איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס מען האָט זיך ביי אונדז פון תמיד אָן אַזוי געהיט ניט צו פאַרשטערן די טעג פון שבת און יום טוב.

אין "מאָטל פּייסי דעם חזנס" ווערט אונדז דערציילט די געשיכטע פון אַן אָרעמען און קראַנקן חזן אין אַ יידיש שטעטל. שבועות איז ער אויסגעגאַנגען. דער קליינער מאָטל דערציילט אונדז ווי זיין מאַמע האָט זיך צעוויינט און זיין עלטערער ברודער אליהו "וואָס האַלט אַליין אין וויינען", הערט ניט אויף צו זאָגן צו דער מאמען: "היינט איז יום־טוב, מאַמע, היינט איז שבועות, מאַמע! מאמע! מען טאָר ניט וויינען, מאמע!"

היינט איז יום־טוב, מען טאָר ניט וויינען! וויפל טראַגיק, וויפל מאָראַלישע גבורה ליגן אין אָט די ווערטער!

ווען האָבן זיך אונדזערע עלטערן געפרייט? ביי וועלכע געלעגנהייטן האָבן זיי געפּראַוועט שמחות? מען האָט ביי אונדז ניט געוווסט פון אַזעלכע יום־טובים ווי יובילעומס, אפילו אין דעם ענגן קרייז פון דער פאַמיליע איז דער טאָג פון געבוירן־ווערן ניט געווען קיין באַזונדערע שמחה. אפילו די פאַמיליע יום־טובים זיינען געווען פאַרבונדן מיטן לעבן פון כלל. האָט מען דערפאַר געפּראַוועט אַ חתונה, אַ ברית, אַ בר מיצווה, ווען אַ יידיש קינד, יידישע יונגע מענטשן, ווערן נענטער פאַרבונדן מיטן פאָלק, מיטן כלל ישראל. די פאַמיליע יום־טובים און קודם כל די יידישע חתונה פאַרדינען אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג.

דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע די נאַציאָנאַלע יום־טובים: פּסח, שבועות, סוכות א.אז.וו. דאָ ווילן מיר זיך אָפּשטעלן אויף די יום־טובים פון יחידים און חברות, דער עיקר אין שייכות מיטן ענין פון לערנען תורה.

„געזאַנגען זיינען מיר געווען דיינע געזעצן, ווען איך האָב געלעבט אין דער פרעמד (זמירות היו לי חקיך בבית מגורי) — זינגט דער דיכטער פון תהילים. און זינט יענער אַלטער צייט איז דאָס יידישע געזאַנג אין דער ערשטער שורה געווען אַ געזאַנג פון תורה, אַ טרייסט אין צייטן פון נויט, אַ דערמוטיקונג אין צייטן פון נסיון. און באמת, פון וואַנען וואָלטן דורות יידן גענומען דעם כוח דורכצוגיין דעם פינצטערן און לאַנגן גלות אָן דעם געזאַנג פון דער תורה?

איז ניט קיין חידוש וואָס די שמחה מיט דער תורה פאַרנעמט אַזאַ פּלאַץ אין אונדזער לעבן.

וואָס פאַר אַ תכלית האָבן יידישע עלטערן דערוואַרט פון זייערע קינדער? מיר ווייסן עס ווייל: זוכה זיין צו זען ווי דאָס קינד לערנט תורה. ווען די מאַמע האָט געבענטשט ליכט, האָט זי געבעטן דעם רבונו של עולם: „די מיצווה פון מיין ליכט אַנצינדן זאָל אַנגענומען ווערן, אַז מיינע קינדערס אויגן זאָלן לייכטן אין דער הייליקער תורה". איז עס דעריבער געווען אַ געשעעניש, ווען דאָס קינד איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען אין חדר. די עלטערן פון דעם יונגן לערנער פלעגן אין דעם טאָג ברענגען אין חדר פאַרשיידענע נאַשערייען און פאַרטיילן עס צווישן די תלמידים.

נאָך מיט מער פייערלעכקייט פלעגט מען פראַווען דאָס אָנהויבן פון חומש. די יידישע פּעדאַגאָגיק האָט געהאַט גאָר אַ באַזונדערן צוגאַנג צום קינד, און איך גלויב אַז מיר זיינען היינט באַרעכטיקט זיך צו באַצ-ען מיט מער ערנסטקייט צו דער טראַדיציאָנעלער שיטה פון יידישער דערציונג. די דערפאָלגן פון די תלמידים פון די ישיבות אין ניו־יאָרק ריידן אַ גאַנץ קלאָרע שפּראַך.

די יידישע פּעדאַגאָגיק האָט הינטער זיך אַ לאַנגע טראַדיציע פון דערציונג און בילדונג. און זיך שטיצנדיק אויף אָט דער רייכער דערפאַרונג האָבן אונדזערע עלטערן ניט געגלויבט אין דער אַזוי גערופענער באַזונדערער וועלט פון דעם קינד. דער וועג פון דעם קינד איז דער וועג צו ווערן אַ דערוואַקסענער, נעמען אויף זיך וואָס מער פליכטן און אויפגאַבן פון דעם דערוואַקסענעם. דער אָנהויב פון לערנען חומש איז דעריבער גאָר אַ וויכטיקע דאַטע. עס איז דער אָנהויב פון לערנען תורה, פון ווערן אַ שותף צו דער תורה פון כלל ישראל.

אין עלטער פון פינף־זעקס יאָר פלעגט מען אָנהויבן לערנען חומש. ביי דער געלעגנהייט פלעגן עלטערן מאַכן אַ סעודה. מען פלעגט פאַרבעטן געסט, און אין דער ערשטער שורה, נאַטירלעך, דעם רבין און די תלמידים פון חדר. די גאַנצע שמחה ווערט דורכגעפירט אויף אַ דראַמאַטישן אופן און מיט אַ ביסל הומאָר, ווי עס פּאַסט זיך פאַר דער געלעגנהייט.

דער חומש־בחור גרייט זיך צו דער שמחה. אַזוי גרייטן זיך אויך זיינע חברים. איינער פון די תלמידים נעמט אויף זיך די אויפגאַבע צו זיין דער אויספרעגער, און דער חומש־יינגל דאַרף עס ענטפערן אויף זיינע פראַגן.

ביידע „בחורים" שטעלן זיך איינער אַנקעגן דעם אַנדערן אויפן טיש אדער

אויף אַ פּאָר שטולן, כדי אַלע זאָלן קענען זען און הערן די העלדן פון דעם טאָג. דער אויספרעגער הויבט אָן:

ווי איז דיין נאָמען דו שיין קינד?

— איך בין ניט מער קיין קינד — ענטפערט דער בעל שמחה — נאָר אַ פיינער בחור, וואָס האָט אָנגעהויבן צו לערנען חומש מיט מזל און מיט ברכה!

אַזוי ווערט דאָ אין געציילטע ווערטער ארויסגעבראַכט די גאַנצע פילאָזאָפיע פון דער יידישער דערציונג. איך בין ניט מער קיין קינד — ענטפערט דער חדר־יינגעלע, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן צו לערנען תורה — איך בין שוין מיט מזל אַ חומש־בחור! דאַן פלעגן קומען נאָך אַ רייע אַנדערע פראַגעס: וואָס איז חומש? ווי הייסן די איינצעלנע חומשים? וואָס פאַר אַ סדרה דאָס יינגעלע האָט אָנגעהויבן צו לערנען? דער מינהג איז געווען, אַז מען פלעגט אָנהויבן חומש פון דער סדרה ויקרא. און אין פאַרבינדונג מיט דעם פלעגט דער חומש־בחור אויך זאָגן אַ דרשה מיט אַ מוסר השכל. די טעמע פון דער דרשה איז מייסטנס געווען דער אלף פון ויקרא. ווי באַקאַנט, ווערט דאָס וואָרט ויקרא געשריבן מיט אַ קליינעם אַלף, אנדערש ווי די איבעריקע אותיות. פרעגט מען דעם יונגן תלמיד: פאַרוואָס איז דער אַלף פון ויקרא אַ קליינער? ענטפערט דער חומש־בחור:

„אלף איז טייטש לערנען, די תורה האָט אַ קיום נאָר ביי די, וואָס זיינען קליין ביי זיך, נאָר ביי די, וואָס האַלטן זיך ניט גרויס. דערפאַר איז דער אלף אין ויקרא אַ קליינער". (פאַראַן אויך אַנדערע וואַריאַנטן פון דער דרשה אַרום דעם אַלף אין ויקרא).

פרעגט מען דאַן ווייטער דאָס קינד: „פאַרוואָס האַלטסטו זיך גרויס?"

— חס ושלום — ענטפערט דאָס קינד — איך האַלט זיך ניט גרויס!

— פאַרוואָס שטייסטו אויף דעם טיש?

— איך פאַלג טאַקע. איך גיי גלייך אַראָפּ!

די שמחה פון טאַטע־מאַמע איז נאָך גרעסער ווי די שמחה פון קינד, וואָס איז מיט מזל און ברכה געוואָרן אַ חומש־בחור.

נאָך מער איז באַקאַנט דער מינהג פון פראַווען אַ סיום, פון מאַכן אַ שמחה, ווען מען פאַרענדיקט לערנען אַ ספר. דער באַגריף ענדיקן אין שייכות מיט לערנען תורה איז, אמת, ניט אינגאַנצן קיין גענויער. דער יידישער לערנער האָט קיינמאָל ניט געענדיקט לערנען. ער האָט אויך קיינמאָל ניט געענדיקט קיין ספר. מען האָט געלערנט, מען איז געקומען צום סוף און מען האָט ווידער אָנגעהויבן פון אָנהויב. אָט ווי מען פאַרענדיקט לייענען די תורה אין דעם טאָג פון שמחת תורה און מען הויבט גלייך ווידער אָן פון בראשית. האָט מען פאַרענדיקט לערנען אַ מסכתא פון גמרא, האָט מען געזאָגט אַ הדרן, וואָס איז דער טייטש — מיר קערן זיך אום צו דיר, מיר הויבן אָן לערנען פון דאָס ניי.

פונדעסטוועגן האָט מען געפראַוועט אַ סיום, פלעגט מען מאַכן אַ סעודה ביים ענדיקן אַ ספר. מיט גאָר אַ באַזונדערן פּאַראַד פלעגט מען פראַווען דעם

סיום פון ענדיקן גאַנץ ש״ס. געווען כמעט אין יעדער יידישער קהילה אַ חברה ש״ס, אַ חברה וואָס פלעגט לערנען יעדן טאָג אַ בלאַט גמרא. אַ קליינע סעודה פלעגט מען געוויינטלעך מאַכן ביים פאַרענדיקן אַ מסכתא. איין מאָל אין זיבן יאָר בערך פלעגט די חברה פאַרענדיקן גאַנץ ש״ס און דאַן איז די שמחה געווען גאָר גרויס. דאָס גאַנצע שטעטל באַטייליקט זיך אין דעם גרויסן סיום. די לערנער קומען אויסגעפוצט אין די שבתדיקע בגדים, יונג און אַלט קומען אין בית מדרש, ווו דער רב, אָדער אַ ייד אַ למדן, פלעגט זאָגן אַ דרשה (אַ הדרן), אַלע זיינען זיך משמח. אַ קלייניקייט, יידן האָבן געענדיקט לערנען ש״ס און הויבן אָן ווידער פון דאָס ניי. אַ גרויסע שמחה איז אויך געווען אין דער קהילה, ווען מען פלעגט אַריינברענגען אַ ספר תורה אין בית מדרש אָדער גאָר אין דער גרויסער שול אַריין. אין זיין ״שטעטל״ גיט אונדז אַש אַ בילד פון אַזאַ סיום הספר. די שמחה איז געווען באַזונדערס פאָלקסטימלעך. זיינען דאָך אַלע יידן, לערנער און פּראָסטע לייט, שותפים צו דער תורה. מיט מוזיק און געזאַנג ווערט די ספר תורה געפירט דורכן שטעטל:

״אין שטעטל איז אַ שמחה... דער בלינדער עקיבא גיט אַריין אַ ספר תורהלע...

״...נאָך דעם צווייטן צוג איז אָנגעקומען פון אַ הינטער געסל דער דריטער פון דער ״חברה תהילים״. די טראַמייטערס האָבן פּאָר זיי אַ וועג אויסגעשאַלט אין שטעטל... מאַסן יידן, מיט די קינדער אויף די הענט, מיט ניגונים אויף די ליפּן, טאַנצן אַרום דעם בלינדן עקיבא, וועלכער האַלט די קליינע ספר תורהלע און האָפּקעט דערמיט בלינדערהייט: אונדזער ספר תורהלע! אונדזער ספר תורהלע! קיין ווארעם לעפל עסן האָט דער סגי נהור קיינמאָל ניט געהאַט, אויף אַ שטיין איז ער געשלאָפן, אין די הייזער געגאַנגען, אַ גראָשן צו אַ גראָשן צוגעלייגט און אויף דער עלטער אַ ספר תורהלע זיך געלאָזט שרייבן, אַ ספר תורהלע, אַ קינד, אַ קדיש נאָך זיך. און יידן, די חברה תהילים, האָפּקען מיט אים און זינגען מיט אים: אונדזער ספר תורהלע, אונדזער ספר תורהלע... און די גלעקלעך קלינגען מיט, און די פייערלעך קנאַקן מיט, און די טראַמייטן שאַלן מיט״...

אזוי איז די שמחה פון דער תורה געוואָרן די שמחה פון פאָלק, פון גרויס און קליין, פון אָרעם און רייך. ווי האָט געזונגען דער דיכטער פון תהילים: ״ווען ניט די תורה וואָלט געווען מיין דערמונטערונג, וואָלט איך פאַרלאָרן געגאַנגען אין מיין פּיין״ (לולי תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי). דער וועג פון אונדזער פאָלק איז געווען אַ שווערער וועג. עס איז אָבער געווען ניט נאָר אַ וועג פון פּיין, נאָר אויך, און אין גאָר אַ גרויסער מאָס, אַ וועג פון פרייד, באַפרידיקונג און דערמונטערונג.

די פאַרבינדונג פון תורה און וועלטלעכקייט

דער יום־טוב פון די וואָכן (חג השבועות) איז דער יום־טוב פון אַרבעט (חג הקציר) און אויך דער יום־טוב פון תורה (זמן מתן תורתנו). די פאַרבינדונג פון אַרבעט און תורה, די צוויי וויכטיקסטע עלעמענטן פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, זאָגט אונדז גאָר אַ סך, אויך פאַר אונדזער צייט. תורה איז ביי אונדז ניט קיין וועג זיך צו באַפרייען פון דעם יאָך פון אַרבעט, דער יידישער אידעאַל איז תורה לשמה, תורה צוליב תורה און ניט צוליב קאַריערע, ניט ווי אַ וועג פון פרנסה. דער בעל הבית, דער למדן, איז אויך אין אונדזער צייט גאָר אַ פאַרשפּרייטע דערשיינונג. דער כלל פון "יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ", ס'איז גוט צו פאַרבינדן תורה מיט אַרבעט, מיט געשעפט, איז אַ סך מער ווי סתם אַ מליצה. אויך דער ענין רבנות האָט פּראַקטיש פאַרבונדן תורה מיט וועלטלעכקייט, מיט טאָג־טעגלעכע זאָרגן. אונדזער אַלטמאָדישער רב האָט זיך פּראַקטיש אינגאַנצן ניט פאַרנומען מיט די פונקציעס פון ריטואַל און צערעמאָניאַל. יידן האָבן געוווסט ווי צו דאַווענען ביחידות און ווי צו דאַוונען בציבור. צום רב איז מען געקומען דער עיקר מיט שאלות, מיט דין תורות און מיט אַלגעמיינע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום קהילה־לעבן. אין דער זעלביקער צייט איז תורה געווען דער קנין פון גאַנצן פאָלק. אַלע יידן האָבן געלערנט תורה. איטלעכער ייד, זאָגט אונדז אַ מדרש, האָט געקראָגן זיין תורה לויט זיינע סגולות, לויט זיין כוח צו באַגרייפן דעם זין פון דער תורה.

*

דער יידישער סוחר האָט דורכגעפירט זייער אַ וויכטיקע עקאָנאָמישע פונקציע. יידישע סוחרים זיינען אָפט געווען פּיאָנערן פון אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל. דער יידישער סוחר האָט געבראַכט פון ווייטע לענדער ניט נאָר זעלטענע אַרטיקלען, נאָר אויך זעלטענע און אומבאַקאַנטע אידעען. ער איז געווען באַזונדערס באַרופן צו שפּילן די ראָל פון קולטור־פּיאָנער צוליב אַ פּשוטן טעם: דער יידישער סוחר איז מייסטנס אויך געווען אַ לערנער, א תלמיד חכם. די פאַרבינדונג פון תורה און סחורה איז גאָר באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער וועלט. אַ צאָל פון די גרעסטע תלמידי חכמים אין מיטלאַלטער האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדל און קרעדיט־געשעפטן.

אויב אַפילו אַ יידישער סוחר איז געווען אַן אויפגעקומענער גביר און אַ פּראָסטאַק, האָט ער אַלץ געטאָן, כדי זיך איינצוקויפן אין יחוס. און יחוס ביי יידן האָט געמיינט תורה און מיצוות. אונדזער יידישע ליטעראַטור איז פול מיט געשטאַלטן פון גבירים, וואָס האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן צדקה. דער עיקר האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער צדקה די פאַרמעגלעכע דאָרפסיידן.

דער סאַמע אַנגענומענער וועג זיך איינצוקויפן אין יחוס איז געווען — אַן איידעם אַ לערנער. דאָס איז געווען דער חלום פון יעדן יידישן בעל הבית, און אוודאי פון גביר דעם פּראָסטאַק. דער שידוך צווישן תורה און סחורה איז געווען

אַ נאַרמאַלע דערשיינונג אין יידישן לעבן. דער לערנער, וואָס איז געוואָרן אַן איידעם אויף קעסט, איז ניט זעלטן געווען אַ בטלן אין געשעפטלעכע ענינים. זיין קאָפּ איז געלעגן מער אין דער גמרא, ווי אין קרעמל. אָבער פּונקט אַזוי אָפט האָבן די יונגע לערנער ארויסגעוויזן פעיקייטן צו מסחר. אין סך הכל האָבן די איידעמס אויף קעסט אריינגעבראַכט תורה, מצוות און גאַר אַ סך איידלקייט אין די גבירישע היימען.

ס'איז גאָר וויכטיק צו פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז די פאַרבינדונג פון תורה און וועלטלעכע ענינים "מלי דעלמא", ווי מען האָט ביי אונדז געזאָגט, איז אין דער אייראָפּעישער וועלט געווען כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר יידן. ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג האָט געוויינטלעך גאָרניט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַן איידעם אַ לערנער. דער קריסטלעכער לערנער איז אין מיטלאַלטער מייסטנס געווען אַ מאָנאַך, איז ממילא ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט פאַר דעם שידוך פון תורה און וועלטלעכקייט. האָט די קריסטלעכע געשעפטס-וועלט דערפאַר ארויסגעוויזן אַ סך וויניקער אינטערעס פאַר די גייסטיקע ענינים. געווען, נאַטירלעך, איינצעלנע אויסנאַמען, אָבער גאָר זעלטענע אויסנאַמען.

אין די קרייזן פון דער אייראָפּעישער אַריסטאָקראַטיע איז, אמת, געווען אַ ביסל מער אינטערעס פאַר קולטור. אָבער אפילו דאָ האָט ניט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַ טיפער פאַרבונדנקייט מיט גייסטיקע פּראָבלעמען. געווען וויניק אינטערעס פאַר וויסן, פאַר תורה לשמה אין די קרייזן פון דער בירגערלעכער וועלט, און נאָך וויניקער אינטערעס פאַר גוטע מעשים, פאַר מיצוות. די וויכטיקסטע סאָציאַלע אינסטיטוציעס אין די קריסטלעכע לענדער זיינען צום גרעסטן טייל געשאַפן און אָנגעפירט געוואָרן פון מאָנאַכן. די קריסטלעכע פילאַנטראָפּיע האָט דערפאַר אויך געטראָגן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די יידישע צדקה. אויף וויפל פרומע קריסטן האָבן איבערגעלאָזן פאַרמעגנס פאַר פילאַנטראָפּישע און רעליגיעזע צוועקן, האָבן זיי עס איבערגעלאָזן אין רשות פון דער קירך און, דער עיקר, פון די מאָנאַסטירן. די מאָנאַסטירן זיינען פאַקטיש געוואָרן גרויסע קאַפּיטאַ-ליסטישע אונטערנעמונגען.

אין אונדזער יידישער וועלט האָבן מיר אינגאַנצן ניט געהאַט אַזאַ זאַך ווי אַן אָרגאַניזירטע רעליגיעזע ביוראָקראַטיע. אונדזערע יידישע קהילה-אָרגאַניזאַציעס האָבן אין תוך געטראָגן אַ וועלטלעכן כאַראַקטער. די יידישע קהלשע אינסטיטוציעס, די חדרים, די ישיבות, די פאַרשיידענע צדקה-אַנשטאַלטן זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון אָנגעזעענע בעלי-בתים, אָבער אויך דער פשוטסטער ייד איז געווען אַן אַקטיווער שותף צום יידישן קהילה-לעבן. ער האָט בייגעטראָגן זיין חלק מיט געלט און מיט אַרבעט פאַרן בודזשעט פון דער קהילה. דער אָרעמער אַרבעטס-מענטש האָט פון צייט צו צייט געהאַט ביים טיש אַ יונגן לערנער. אויף שבת און יום-טוב האָט מען געבראַכט אַן אורח צום טיש. אַ חוץ דעם האָבן די פשוטע יידן געהאַט זייערע אייגענע חברות פאַר צדקה און תורה. תורה איז ביי אונדז קיינמאָל ניט געווען קיין מאָנאָפּאָל פון פאַרמעגלעכע. גראָד פאַרקערט, ביי קיין שום פאָלק

האָבן קינדער פון אָרעמע עלטערן ניט געהאַט אַזוי פיל מעגלעכקייטן צו לערנען ווי ביי יידן. די זאָרג פאַר אָרעמע לערנער האָט פאַרנומען אַ צענטראַלן פּלאַץ אין יידישן לעבן.

דעם פאָלקסטימלעכן אידעאַל פון דעם יידישן גביר האָט באַזונדערס קלאָר אַרויסגעבראַכט שלום עליכם אין זיין "ווען איך בין ראָטשילד"!

אונדזער גרויסער קינסטלער גיט דאָ איבער דעם חלום פון אַ כתרילעווקער מלמד. צו וואָס, אייגנטלעך, חלומט אַ קליין־שטעטלדיקער מלמד וועגן ראָטשילדס אוצרות? זיין חלום באַשטייט דערין, ער זאָל קענען קנעלן מיט די תלמידים מיט אַ ריינעם קאָפּ:

"בישטאָ קיין דאגות פרנסה, מען באַדאַרף ניט קלערן ווו נעמט מען אויף שבת — מחיה נפשות! די טעכטער אַלע חתונה געמאַכט... וואָס פעלט מיר? הויב איך מיר אָן אַ ביסל אַרומקוקן אויף דער שטאָט. דאָס ערשטע בין איך מנדב אַ נייעם דאַך אויפן אַלטן בית המדרש: לאָז אויפהערן קאַפּען אויפן קאָפּ בשעת יידן דאַוונען. און, להבדיל, דאָס מרחץ בוי איך איבער אויפס ניי. און וויבאַלד דאָס באַד, מוז מען דאַך שוין דאָס הקדש אוודאי צעוואָרפן און אַנידערשטעלן אַ "ביקור חולים", אַבער טאַקע וואָס אַ ביקור חולים הייסט, מיט בעטלעך, מיט אַ דאָקטער, מיט רפואות... און אַ מושב זקנים שטעל איך אַוועק, אַלטע יידן לומדים זאָלן זיך ניט וואַלגערן אין בית המדרש ביי דער הרובע. און אַ חברה "מלבוש ערומים"... און אַ חברה "גמילות חסדים"... און אַ חברה "הכנסת כלה" און נאָך כדומה אַזעלכע חברות פיר איך איין אומעטום ווו עס געפינען זיך נאָר אחינו בני ישראל... אַז יידן זאָלן אומעטום האָבן פרנסה און לעבן אין אחדות און זאָלן זיצן אין די ישיבות און לערנען: חומש מיט רש"י, מיט גמרא, מיט תוספות, מיט מהרש"א, מיט אַלע שבע חכמות און מיט אַלע שבעים לשון..."

דער ייד דאַרף האָבן פרנסה, כדי צו קענען זיצן און לערנען מיט אַ רויקן קאָפּ, ער דאַרף האָבן פרנסה כדי אָפּצוהיטן יידישקייט; כדי צו קענען צאָלן שכר לימוד פאַר די קינדער. אָט דער חלום פון דעם כתרילעווקער מלמד גיט אונדז דעם שליסל צו דער אַזוי אייגנאַרטיקער יידישער קולטור־טראַדיציע.

מיר זיינען שטענדיק געווען א״פאלק פון בוך״
(צו א פריינד א קריטיקער)

זיינען מיר יידן טאַקע געווען אַן עם הספר, דאָס פאָלק פון בוך, דאָס פאָלק פון תורה? וואָס האָבן מיר, יידן, געטאָן אין אונדזערע לאַנגע וואַנדערונגען איבער דער וועלט? קיין מלוכה האָבן מיר ניט געהאַט, קיין מלחמות האָבן מיר ניט געפירט, האָבן מיר זיך נאָר פאַרנומען מיט האַנדל און וואַנדל? אפשר האָבן מיר געהאט נאָך אַן אינטערעס? אפשר איז ביים גרעסטן טייל פון אונדזער פאָלק טאַקע תורה געווען די בעסטע סחורה?

אַלץ האָט אונדזער פאָלק פאַרלאָרן, זיין לאַנד, זיין מלוכה, און געבליבן איז אונדז איין איינציקער פאַרמעגן, וואָס מיר האָבן אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, די תורה. מיט דער תורה האָבן אונדזערע עלטערן געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד, מיט דער תורה האָבן זיי געלעבט, און פאַר דער תורה זיינען זיי געווען גרייט אָפּצוגעבן דאָס בעסטע, דאָס ליבסטע וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, אפילו דאָס לעבן.

עס איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן יידיש לעבן און דעם לעבן פון די פעלקער אַרום ארץ ישראל. עס קען ניט זיין קיין גרעסערער טעות ווי אַ מעכאַנישער צוגאַנג צו געשיכטע. עס איז ניט ריכטיק, אַז אלע יוונים האָבן איין פנים, און אַז אַלע פעלקער זיינען אין אַלץ גלייך.

אָט לאָמיר טאַקע נעמען אַלס ביישפיל די אַלטע יוונים, די גריכן פון אַמאָל. קען עמיצער לייקענען די געוואַלדיקע באַדייטונג פון דער אַלטער גריכישער קולטור? געוויס, ניט דאָס גאַנצע גריכישע פאָלק איז באַשטאַנען פון לויטער חכמים און פילאָזאָפן. פאַר אונדז הייִנט אָבער עקזיסטירן אין דער ערשטער שורה די גרויסע גריכישע קינסטלער, דיכטער און פילאָזאָפן. און אויב די גריכן האָבן דער וועלט געשענקט זייערע דענקער און דיכטער, האָבן מיר דער וועלט געשענקט אונדזערע נביאים. עפּעס האָבן דאָך די נביאים אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט, וואָס איז פריער ניט געווען באַקאַנט, ווארום ווי דען אנדערש קען מען דערקלערן די געוואַלדיקע ווירקונג פון תנ״ך אויף דער וועלט, אויפן גרעסטן טייל פון די קולטור־פעלקער? מען האָט, אמת, די נביאים ניט געפאָלגט. מען וויל זיי נאָך הייִנט ניט פאָלגן, אָבער אונטערדריקן זייער שטים האָט מען ניט געקענט.

איינער פון די כאַראַקטעריסטישסטע סימנים פון יידיש לעבן איז תמיד געווען די גרויסע ראָל, וואָס תורה האָט ביי אונדז געשפּילט. האָט מען דערפאַר אומעטום

געזאָרגט, אַז אין יעדער שטאָט און שטעטל זאָלן זיין חדרים און מלמדים. אין אַ סך קהילות זיינען אויך געווען ישיבות, ווו מען האָט באַזאָרגט די תלמידים מיט באַשיידענע מעגלעכקייטן צום לעבן. קיין שום אומה ולשון אויף דער וועלט האָט אַזוי פיל ניט געזאָרגט פאַר דער דערציונג פון דער יוגנט ווי יידן. בעת די גימנאַזיעס און די אוניווערזיטעטן אין אַמאָליקן רוסלאַנד זיינען געווען רעזערווירט כמעט ווי אויסשליסלעך פאַר די פּאַרמעגלעכע קלאַסן, זיינען די תלמידים פון די ישיבות געווען מייסטנס אָרעמע לערנער, טאָקע אָרעם־בחורים.

איך האָב אויך געהאַט דאָס גליק צו לערנען אין ישיבות און איך בין גאַנץ גוט באַקאַנט מיטן לעבן פון די ישיבה־בחורים. אין ישיבה האָט מען געלערנט ניט כדי צו ווערן אַ רב. אַ גאַנץ מינימאַלער טייל פון די תלמידים פון די ישיבות זיינען געוואָרן רבנים. געווען ביי יידן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען "תורה לשמה". און צוליב דעם זיינען יונגע יידישע בחורים געגאַנגען קיין וואָלאָזשין, מיר און סלאָבאָדקע. דער דורשט צו תורה, צו יידיש וויסן האָט זיי אַהין געטריבן. צוליב דעם האָבן יונגע יידישע בחורים, יידישע מתמידים, טעג ניט געגעסן און נעכט ניט געשלאָפן. עס וואָלט געווען דער גרעסטער אומזין צו פאַרגלייכן, למשל, דעם אַלטן יידישן בית מדרש מיט אַ מאָדערנער רעפאָרם־סינאַגאָגע, פּונקט אַזוי וואָלט עס געווען פאַלש צו פאַרגלייכן סלאָבאָדקע, מיר אָדער וואָלאָזשין מיט אַ מאָדערנעם ראַבינער־סעמינאַר. און עס איז פּונקט אַזוי פאַלש צו פאַרגלייכן וואָלאָזשין מיט אַ קאַטוילישן סעמינאַר.

ביי אונדז איז די ישיבה געווען אַלץ. ניט נאָר אונדזערע רבנים, נאָר אַ סך פון אונדזערע פאָלקס־מענטשן און דער גרעסטער טייל פון אונדזער אינטעליגענץ איז דערצויגן געוואָרן אין די ישיבות. אין די ישיבות פון פּוילן און ליטע האָבן נאָך אין די לעצטע יאָרן געלערנט אַרום צוואַנציק טויזנט תלמידים.

דער גאַנצער באַגריף פון תורה איז פרעמד דער קריסטלעכער וועלט. אין קריסטנטום קאָנצענטרירט זיך אַלץ אַרום דער פּערזענלעכקייט פון ישו הנוצרי, אַרום זיין לעבן און זיין געשטאַלט.

ביי אונדז האָט זיך אַלץ קאָנצענטרירט אַרום דער תורה. ליבע צו דער תורה און די פרייד מיט דער תורה בילדן דעם אינהאַלט פון דעם יידישן דענקען און טראַכטן. שבועות איז דער יום־טוב פון מתן תורה, דער לעצטער טאָג סוכות טראָגט דעם נאָמען שמחת תורה, די פרייד פון דער תורה. אונדזער הייליקסטער סימבאָל איז די תורה. די תפילין און די מזוזות זיינען הייליק ווייל דאָרט געפינען זיך פּרשיות פון דער תורה. מיינט קאָלעגע צבין, למשל, אַז מען האָט אויך דעם רוסישן איוואַן, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליינער וואַנקע, פאַרוויגט אונטער די קלאַנגען: "וואַנקעלע וועט לערנען תורה, תורה איז די בעסטע סחורה"?

און די תורה האָט באַגלייט דעם יידישן מענטשן פון זיין פריעסטער קינדהייט ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

אָט איז אַ באַשרייבונג פון אַ טיפּישן יידישן שטעטל אין ליטע אין די אכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. דער נאָמען פון דעם שטעטל איז קראָז.

געלעבט האָבן דאָרטן בערך 220 יידישע משפחות. און אין דעם קליינעם שטעטל זיינען געווען צוויי חברות פון בעלי בתים אויף צו לערנען חומש, איין חברה צו לערנען מדרש, אַ חברה משניות, אַ חברה גמרא ״פול מיט לומדים מופלגים״ (מלאה לומדים מופלגי תורה), אַ חברה ״חיי אדם״, אַ חברה תהילים, אַ חברה צו לערנען ״מנורת המאור״ און אַ חברה ״חפץ חיים״. קען מען זיך פאַרשטעלן, אַז קריסטלעכע פּוערים אָדער בעלי מלאכות זאָלן זיך צונויפקומען אַלע טאָג, בין מנחה למעריב שטודירן די ווערק פון די קריסטלעכע סכאָלאַסטיקער און תלמידי חכמים ? !

אפשר וועט אין דעם פאַל זיין מער איבערצייגנט דאָס עדות־זאָגן פון אַ ניט־יידישן געלערנטן. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די דעמאָלטדיקע דייטשע רעגירונג געשיקט קיין פּוילן דעם באַקאַנטן געלערנטן פּראָפעסאָר אַלפרעד יערעמיאַס זיך צו באַקענען מיט דער יידישער פראַגע. אַלפרעד יערעמיאַס איז געווען אַ קריסטלעכער טעאָלאָג און אַ באַקאַנטער קענער פון תנ״ך. זיינע איינדרוקן וועגן די יידן אין פּוילן האָט ער באַשריבן אין אַ ספּעציעלן בוך, וואָס איז אין אַ סך הינזיכטן זייער אַ ווערטפולער דאָקומענט פאַר יידישער געשיכטע. אין דעם אַלטן קייזערלעכן דייטשלאַנד האָבן דאָך נאָך געלערנטע געהאַט די מעגלעכקייט צו זאָגן אַן ערלעך און פריינדלעך וואָרט וועגן יידן.

און אָט דערציילט אונדז פּראָפעסאָר אַלפרעד יערעמיאַס אַזאַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט. עס איז געווען אַ וואָכעדיקער פאַרנאַכט, און ער האָט געדאַרפט האָבן אַ דראָזשקע ערגעץ צוצופאָרן. דראָזשקעס זיינען אין גאַס גראָד געשטאַנען, אָבער קיינער פון די דראָזשקאָרעס איז ניט געווען. ענדלעך האָט אים אַ יידישער יינגל אריינגעפירט אין אַ דערבייאיקן בית מדרש. די דראָזשקאָרעס און בעלי עגלות זיינען געזעסן אַרום אַ טיש און האָבן מיט אַ רבין געלערנט תורה. ווען ער האָט דאָס דערזען, איז ער געווען געוואַלדיק איבערראַשט. אַז פּשוטע בעלי עגלות זאָלן זיך פאַרנאַכט אריינכאַפּן אין בית מדרש דאַוונען און לערנען, איז פאַרן קריסטלעכן טעאָלאָג געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג. אין דייטשלאַנד, ערקלערט פּראָפעסאָר יערעמיאַס, וואָלט איך די דראָזשקאָרעס געפונען אין אַן אַנדער פּלאַץ — אין שענק. און דער קריסטלעכער געלערנטער רופט אויס: דאָ איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער פּסוק ״ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש״ (און איר וועט מיר זיין אַ קעניגרייך פון כהנים און אַ הייליק פאָלק), פּאַסט זיך אויסגעצייכנט פאַר די יידן אין פּוילן. עס איז, דוכט מיר, צייט אַז אויך יידישע שרייבער און יידישע היסטאָריקער זאָלן פאַרשטיין און באַגרייפן, וואָס עס האָט פאַר אונדז געמיינט צו זיין אַ ממלכת כהנים און אַ הייליק פאָלק.

די ראָל פון מענטש און ספר אין דער יידישער געשיכטע

די קונסט פון שרייבן האָט דעם מענטשן געגעבן אַ מעכטיקן אינסטרומענט אין זיין מלחמה געגן טויט, געגן פאַרגעסן ווערן און געגן די גרויזאַמקייטן פון

לעבן. דער דיכטער פון דעם ווונדערלעכן ספר איוב האָט דאָס אויסגעצייכנט פאַר־שטאַנען. זיין העלד, דער אומגליקלעכער איוב, ליידט אומבאַשרייבלעכע יסורים. ער האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. אָבער די וועלט גלויבט אים ניט. די וועלט פון יענער צייט האָט ניט געקענט פאַרשטיין, אז אויף אַן אומשולדיקן מענטשן זאָל זיך אזוי אויסגיסן גאָטס צאָרן. און אין זיין פאַרצווייפלונג שרייט דער אומגליקלעכער איוב אויס:

האָט רחמנות אויף מיר, מיינע פריינד,
גאָטס האַנט האָט מיך געטראָפן!
פאַרוואָס רודפט איר מיך אזוי, ווי גאָט,
איר קענט זיך ניט אָנזעטיקן מיט מיין פלייש,
הלוואי זאָלן נאָר מיינע ווערטער פאַרשריבן ווערן!
הלוואי זאָלן זיי אין אַ בוך פאַרצייכנט ווערן!
מיט אַן אייזערנער פען און בליי
אויף אייביק אין פעלז איינגעקריצט!

דער ספר ווייזט אונדז דעם וועג צו דער אייביקייט. איז דעריבער פאַרשטענד־לעך, וואָס דער ספר הספרים, דער תנ"ך, הויבט זיך אָן מיט בראשית, מיט דעם אָנהויב פון אַלע אָנהויבן, מיט דער באַשאַפונג פון דער וועלט. אזוי האָבן אונדזערע עלטערן פאַרשטאַנען דעם זין און די באַדייטונג פון דעם ספר. געווען אַ חוץ דעם נאָך א סיבה פאַרוואָס דער ספר האָט פון די עלטעסטע צייטן אַן פאַרנומען אַזאַ צענטראַלן פּלאַץ אין יידישן לעבן, און דערמיט קומען מיר צום ענין פון מענטש און ספר אין דער יידישער געשיכטע.

דער באַרימטער בריסקער רב, ר' יאָשע בער סאָלאָווייטשיק, האָט אַ מאָל געפּרובירט דערקלערן דעם אונטערשייד צווישן חסידים און מתנגדים. דער חסיד טענהט: צו וואָס דאַרף איך אַ ספר, אז איך האָב אַ רבין! אנקעגן דעם טענהט דער מתנגד: צו וואָס דאַרף איך אַ רבין, אַז איך האָב אַ ספר! דאָס איז, נאַטירלעך, געזאָגט מערער אין דער פאָרם פון אַ משל. דער גרויסער בריסקער רב האָט, נאַטירלעך, געוווּסט, אַז חסידים האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער יידישער טראַדיציע פון דעם ספר. ער האָט, אגב, דערביי צוגעגעבן: ביידע, חסידים און מתנגדים, לעבן אין טעות, מען דאַרף אַ ספר און מען דאַרף א רבין! אָט די פראַגע וועגן דער ראָל פון דעם ספר און דער ראָל פון דעם מענטשן פאַרנעמט גאָר אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון יידישן דענקען. דאָס איז, אגב, ניט נאָר אַ יידישע פראַגע, און דער ענין האָט, ווי איך גלויב, גאָר אַן אַקטועלן אינטערעס אין אונדזער צייט.

עס קען קיין ספק ניט זיין, אַז דער מענטש איז אַ סך מער ווי אַ ספר. אונדזערע עלטערן האָבן עס אויסגעצייכנט געוווּסט. ניטאָ קיין הייליקערע זאַך ווי דאָס לעבן פון אַ מענטשן און ווי דער כבוד פון אַ מענטשן. מעג מען דעריבער על פּי דין פאַרקויפן אַ שול, און אַפילו אַ ספר תורה, כדי חתונה צו מאכן יתומים

(מוכרים בית הכנסת... ואפילו ספר תורה... להשיא יתומים בדמיו), אָדער מקיים צו זיין די מיצווה פון פדיון שבויים — אויסצולייזן געפאַנגענע — און דאָך איז עס ריכטיק, אַז אין געוויסע גרענעצן האָבן יידן פון תמיד אָן געשטעלט דעם ספר אויפן ערשטן פּלאַץ. פאַראַן אַ גרונט דערפאַר. אונדזערע גייסטיקע פירער האָבן מורא געהאַט פאַר דער פאַרגעטערונג פון דעם מענטשן, פאַר דער פאַרגעטערונג פון די אַזוי גערופענע פירער.

יידישקייט לערנט אונדז רעספּעקט פאַרן מענטשן, איז דאָך דער מענטש באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פאַרעם און אין זיין געשטאַלט! אין דער זעלביקער צייט האָבן די נביאים געהאַלטן כסדר אין איין וואָרענען געגן מענטשלעכער גאווה, געגן שאַפן אַן איבערגעטריבענעם קולט פון מענטשלעכע פירער.

איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס דאָס וואָרט האָט ביי אונדז פאַרנומען אַ ווּכטיקערן פּלאַץ ווי די געשטאַלט. מיר האָבן זיך ניט צו פיל אָפּגעגעבן מיט די ביאָגראַפיעס פון די גרעסטע יידישע פּערזענלעכקייטן. פאַר אונדז איז בלויז געווען וויכטיק, וואָס זיי האָבן געלערנט. מיר האָבן פאַרשריבן זייער תורה, מיר האָבן אָפּגעהיט זייערע ספרים. אין דעם זין, אפשר, איז די יידישע רעליגיעזע ליטעראַטור צו טרוקן, צו פיל אינהאַלט און צו ווייניק פּערזענלעך, צו ווייניק סענטימענטאַל. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז אין לויף פון דורות האָט אונדזער פאָלק געפירט די שווערסטע מלחמה געגן דעם קולט פון פּערזענלעכקייטן, געגן דעם בוקן זיך צום מענטשן. דאָס איז אויך די סיבה פון דעם טיפן אידעיִשן קאָנפליקט צווישן יידנטום און קריסטנטום. האָבן דאָך די קריסטלעכע דענקער אָוועקגעשטעלט אין צענטער פון דעם קריסטלעכן גלויבן די פאַרגעטערטע געשטאַלט פון ישו הנוצרי. מיט דעם האָבן יידן ניט געקענט שלום מאַכן.

קריסטלעכע דענקער האָבן אָפט שאַרף פּאָלעמיזירט געגן דעם יידישן צוגאַנג צום ספר. אַ טייל פון אָט די אַלטע און פאַרעלטערטע טענות קומט נאָך אַ מאָל אויס צו הערן אפילו אין אונדזער צייט.

אוודאי איז דער מענטש מער ווי אַ ספר. דער ספר האָט אָבער אין זיך עפּעס, וואָס איז מער ווי דער איינצעלנער מענטש, ווייל דער ספר איז אָפט אַ שאַפונג פון דורות, ווייל דער ספר האָט אין זיך אַריינגענומען די ליידן, די האָפענונגען און די חלומות פון דורות.

דער ספר איז פון די עלטסטע צייטן אָן געווען די גאַראַנטיע פון אונדזער יידישער דעמאָקראַטיע. די דינים פון תורה זיינען גילטיק פאַר אַלעמען. אַלע האָבן אַ צוטריט צו דער תורה. דער ייד דאַרף ניט קיין פאַרמיטלער צום רבונו של עולם און ער דאַרף אויך ניט קיין פאַרמיטלער, ווען ער גייט צום יידישן בית דין. אַזוי האָט דער ספר באַגלייט דעם יידישן יחיד און דעם יידישן כלל דורך אַלע וואַנדערונגען און וואָגלענישן, דורך יאָרהונדערטער און יאָרהונדערטער, אין רויקערע צייטן און נאָך מערער אין די צייטן פון די שווערסטע ניסיונות.

מיר ווייסן, ווי גרויס עס איז געווען די יידישע אָרעמקייט אין מזרח־אייראָפּע, באַזונדערס אין די קלענערע שטעטלעך. ניט געקוקט דערויף זיינען דער גרעסטער

טייל בתי מדרשים געווען פול מיט ספרים, און גאָר אַ היפּשע צאָל ספרים זיינען אויך געווען אין די אַרעמסטע יידישע היימען. ס'איז מערקווערדיק, וואָס גראָד אין דער בלי־תקופה פון דער השכלה אין פאַריקן יאָרהונדערט האָבן זיך פאַרקויפט יאָר־איין יאָר־אויס צענדליקער טויזנטער באַנדן פון ש״סן, משניותן, תנ״כן מיט מפרשים א. אַז. וו. די גרויסע דרוקערייען האָבן געמאַכט זייער גוטע געשעפטן פון דעם פאַרקויף פון ספרים, הגם די אויסגאַבע פון אַ ש״ס מיט מפרשים אָדער אַפילו אַן אויסגאַבע פון תנ״ך מיט מפרשים זיינען געווען פאַרבונדן מיט גאָר גרויסע הוצאות. איך וויל זיך דאָ באַנוגענען בלויז מיט איין אילוסטראַציע. דער דרוק פון דעם באַרימטן ווילנער ש״ס, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון דער אלמנה און די ברידער ראָם, האָט גענומען גאַנצע זעקס יאָר צייט (1880—1886), עס זיינען דערביי געווען באַשעפטיקט איבער הונדערט אַרבעטער, זעצער און דרוקער. איבער אַ מנין יידן לומדים, גרויסע תלמידי חכמים זיינען געווען פאַרנומען בלויז מיט דער קאָרעקטור־אַרבעט אַלס מגיהים. דאָס האָבן זיי געדאַרפט זאָרגן, עס זאָלן ניט אַריינפאַלן קיין טעותן. די ווונדערלעכע אויסגאַבע פון ראָמס ש״ס האָט אַ חוץ דעם געפאָדערט אַ געוואַלדיקע צוגרייטונגס־אַרבעט. באַקאַנטע יידישע געלערנטע האָבן אויסגעזוכט אין די גרויסע ביבליאָטעקן אין אייראָפּע פאַרשיידענע זעלטענע מאַנוסקריפּטן און פירושים צום תלמוד, אַזוי אַז די נייע אויסגאַבע פון ש״ס איז געוואָרן בערך דאָפּלט אַזוי גרויס ווי די פריערדיקע אויסגאַבעס. ביי היינטיקן טאָג וואָלט אַזאַ אויסגאַבע געפאָדערט אַ סומע פון פינף־זעקס מיליאָן דאָלאר לכל הפחות. איך צווייפל צי האָט ווען ניט איז אַ ניט־יידישער פּריוואַטער פאַרלעגער אינוועסטירט אַזאַ קאָלאָסאַלע סומע אין איין אויסגאַבע. און ש״ס אַליין איז דאָך ניט געווען אַלץ. פונקט מיט אַזאַ פּראַכט האָט מען אַרויסגעגעבן דעם תנ״ך מיט מפרשים, דעם שולחן ערוך, דעם רמב״ם א.אַז.וו. אָט די אַלע פּראַכט־אויסגאַבעס ווערן נאָך ביז צום היינטיקן טאָג איבערגעדרוקט פאָטאָ־מעכאַניש אין די פאַרשיידענע לענדער, אריינגערעכנט אמעריקע און ארץ ישראל. אָפט ווערט, ליידער, אַפילו ניט אָנגעגעבן דער נאָמען פון דעם ערשטן ארויסגעבער.

דער ספר און דער בוך

מיר גיבן זיך געוויינטלעך גאָר ניט אָפּ קיין חשבון וועגן דעם גאַנץ באַזונדערן כאַראַקטער פון דעם יידישן טראַדיציאָנעלן לעבן. דער יידישער וועג איז אַ הייליקער וועג, אין דעם האָט געשטעקט אונדזער כוח און דאָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט זיך אויפצוהאַלטן דורך דורות פון גלות. אַז דאָס איז ניט סתם קיין פוסטע אויפגעבלאָזענע מליצה, וועלן מיר זען פון די ווייטער געבראַכטעביישפּילן פון יידישן לעבן אין דער אַלטער היים.

וואָס איז אזוינס הייליקייט? דאָס איז אַן ענין, וואָס לאָזט זיך זייער שווער

דערקלערן פאַרן הײַנטיקן מענטשן. װעט אפשר זײַן ניצלעכער, װען מיר װעלן דאָ זיך פאַרנעמען מיט אַ גאַנץ קאָנקרעטן פאַל, װאָס האָט, אגב, אַ גאָענטע שײַכות צו אונדזער טעמע. װאָס איז דער אונטערשייד צװישן דעם אַלטן הײליקן ספר און דעם הײַנטיקן װעלטלעכן בוך? דעם ענטפער דערויף איז ניט שװער צו געבן. װען אַ בוך פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד, הייבט מען עס אײַנפאַך אויף. װען, חס ושלום, אַ ספר פאַלט אַראָפּ, הייבט מען עס אויף און מען גיט עס אַ קוש. די ייִדישע טראַדיציע האָט פאַרשטאַנען, װי אַפּצוהיטן דעם כבוד פון דעם ספר. אויף אַ ספר טאָר מען זיך ניט זעצן, אַ ספר מוז ליגן אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ, און אפילו די צעריסענע בלעטער פון אַ ספר, די שמות, מוז מען אַפּגעבן זײער געהעריקן כבוד.

װי אַזוי האָבן ייִדן פון דעם קלײנעם און אָרעמען ייִדישן שטעטל זיך אײַנ־געשאַפט ספרים פאַר זײערע בתי מדרשים? דאָס איז אַ קאַפּיטל, װאָס פאַרדינט, אַז דער הײַנטיקער ייִדישער קולטור־מענטש זאָל עס לײענען און נאָך אַ מאָל לײענען, זאָל עס לאָזן זיך אײַנקריצן אין זײַן זכרון, זאָלן קינדער און קינדס־קינדער װיסן װי זײערע עלטערן האָבן ליב געהאַט די תורה און מיט װאָס פאַר אַ כבוד זײ האָבן באַהאַנדלט די ספרים.

אין ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין רוסלאַנד און פּױלן זײַנען געװען ספּעציעלע חברות פאַר אײַנקױפן און אײַנבינדן ספרים. אַזאַ חברה פלעגט געװײנט־לעך טראָגן דעם נאָמען: חברה תיקון ספרים. באַזונדערס מערקװערדיק אָבער איז אַ מינהג, װאָס איז געװען פאַרשפּרייט אין די שטעט און שטעטלעך אין ליטע און װײַס־רוסלאַנד. דאָ האָבן זיך מיט דער הײליקער מיצװה פון אײַנקױפן ספרים פאַר די בתי מדרשים פאַרנומען דער עיקר חברות פון קינדער, װעלכע זײַנען געװען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען ״פּרחי שושנים״. צו די מיטגלידער פון דער חברה פלעגן אַפילו געהערן גאַנץ קלײנע קינדער, זױגקינדער. און פרומע פרױען פלעגן אַפּט אײַנשרײַבן אין דער חברה ״פּרחי שושנים״ אפילו קינדער, װאָס האָבן נאָך ניט באַװיזן צו זען דעם שײַן פון דער װעלט. געצאָלט האָט מען אין דער חברה אַ קאָפּעקע אַ װאָך, און יעדן פרײטיק פלעגן זיך די גבאים פון די קינדערשע חברות ארויסלאָזן איבער דער שטאָט אויפמאָנען די װאָכן־געלט. אַ גרױסער יום־טוב איז געװען פאַר דער חברה און פאַר אַלע קינדער פון שטעטל דער טאָג, װען מען פלעגט מיט פּאַראַד אַרײַנברענגען די געקױפטע ספרים אין בית מדרש. אין דעם טאָג פלעגט מען געװײנטלעך באַפרײַען די קינדער פון די חדרים, כדי זײ זאָלן זיך אַלע קענען באַטײליקן אין דער גרױסער דעמאָנסטראַציע פון כבוד התורה.

צונױפקלײַבן פלעגט זיך דער יונגער עולם בײַ די אײַנבינדערס ״װוּ די נײַע ספרים האָבן שױן געװאָרט און געבעטן זיך, מען זאָל זײ אַפּנעמען פון דאָרטן״. די גבאים פון דער חברה פלעגן צוטײלן די ספרים צװישן די חברה־לײַט: ״די גמרא־ײנגלעך פלעגן קריגן גמראס, די חומש־ײנגלעך — קלענערע, לײַכטערע

ספרים. אַפילו די אלף־בית ייִנגלעך זײַנען אויך ניט געקריוודעט געוואָרן". (א. זאַקס אין זײַנע "חרובע וועלטן").

"יעדערער פון אונדז — דערציילט דער העברעישער שרײַבער מאיר אלעזרי אין זײַנע זכרונות — האָט געטראָגן אַ גמרא אין האַנט. פאַר אונדז און הינטער אונדז האָט מען געטראָגן פאַרביקע לאַמטערנעס מיט סטעאַרין־ליכט... אין די פענצטער פון די הײַזער האָט מען אָנגעצונדן מנורות און ליכט... אויפן שניי האָבן די לערנערס און אַ צאָל פון די בעלי בתים געטאַנצט און געזונגען, ביז מיר זײַנען דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן מאַרק און דעם גאַנצן פּלאַץ פאַרן בית מדרש. דאָ האָבן אונדז די לערנער באַגעגנט, האָבן בײַ אונדז איבערגענומען די ספרים און האָבן מיט טענץ און געזאַנג געמאַכט הקפות אַרום דער בימה ווי אין דער נאַכט פון שמחת תורה".

אָבער אפשר נאָך מערקווערדיקער זײַנען די מינהגים, ווי מען האָט אָפּגעגעבן די הייליקע ספרים דעם לעצטן כבוד. אין אונדזער צײַט קענען זיך די ביכער ניט באַקלאָגן, מען באַאומרויקט זיי ניט צו פיל. ביכער קענען אָפּשטיין שטיל און רויק אין די שאַפעס און קיינער רירט זיי ניט אָן. אַמאָליקע יידן זײַנען ניט געווען אַזוי קולטיווירט. זיי פלעגן די ספרים אַ סך באַנוצן, זיי פלעגן זיי ממש צעלייענען, ביז עס זײַנען געבליבן ניט מער ווי "שמות". וואָס האָבן די יידן פון אַמאָל געטאָן מיט די הייליקע שמות?

אויך וועגן דעם האָבן מיר גאַנץ גענויע אינפאָרמאַציע. די יידישע טראַדיציע האָט געשאַפן אירע באַזונדערע הייליקע פאָרמען ווי אָפּצוהיטן דעם כבוד פון צעריסענע ספרים. אַלטע ספרים גיט מען אָפּ דעם זעלבן כבוד ווי נאָענטע פאַר־שטאָרבענע. במשך פון יאָרן פלעגט מען קלײַבן די שמות אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ, געוויינטלעך אין דער גרויסער שול. פון צײַט צו צײַט, ווען די קאַסטנס אָדער קאַדישקעס מיט שמות פלעגן פול ווערן, פלעגט מען דורכפירן די צערעמאָניע פון גניזה, פון פאַרבאַהאַלטן די שמות אויפן הייליקן אָרט, אויפן בית הקברות. אָבער לאָמיר דאָ געבן דאָס וואָרט איינעם פון די האַרציקסטע יידישע שרײַבער פון פאַרגאַנגענעם דור. אין זײַנע זכרונות פון זײַן שטעטל באַשרײַבט יעקב דינעזאָן אָט די פײַערלעכע צערעמאָניע פון גניזה:

איין מאָל אין אַ יובל, ווען די פעסער אין שול ווערן שוין פול אָריבער און אַריבער, קומען אַלע באַלעבאָסטעס פון שטאָט און יעדע ברענגט מיט זיך אַ כשרן ליימענעם טאָפּ פון איר קיך.

אין די טעפּ לייגט מען אַריין די "שמות" פון די פעסער, שטאָטישע בעלי עגלות זײַנען מנדב זייערע פערד און וועגן.

שטעלט מען די אַלטע טעפּ מיט די "שמות" אַרויף אויף די וועגנס און עס קומט דער רב מיט די דיינים, דער מוהל מיט די שוחטים, מיט די אַלע כלי קודש און מען מאַכט אַ גרויסע לוויה.

אָבער דאָס איז ניט קיין לוויה מיט געשרייען און געוויינען פון אלמנות און יתומים, ניט קיין לוויה פון "צדק לפניו" און מיט "צדקה

תציל ממות״-פּושקעס, וואָס עס פאַלט איין די נשמה פון דעם.
ניין, דאָס איז אַ לוויה מיט דעם געזאַנג פון דעם שטאָט־חזן מיט זיינע אַלע העלפער און מיט מוזיק פון די שטאָטישע כלי זמר, און מען זינגט און מען שפילט נאָך שענער ווי ביי די רייכסטע חתן־כלה צו דער חופה.
און אָט אַזוי פירט מען די הייליקע שמות אין זייערע כשרע ליימענע תכריכים צום בית עולם און דאָרט איז מען זיי מקבר אין רעכטן אויבן אָן, ווו עס ליגן לויטער רבנים, צדקים און גרויסע גבירים, מיוחסים...

נאָכדעם זאָגט מען קדיש און מען גייט פריילעך אהיים. ביינאַכט ווערט געמאַכט אַ גרויסע סעודה ביים גבאי פון דער חברה תלמוד תורה. דער רב זאָגט אַ דרשה, און דער חזן מאכט אַ ״מי שברך״ איטלעכן וואָס שענקט זיין נדבה צו קויפן נייע ספרים פאַר די וואָס לערנען די הייליקע תורה.

און אָט די הייליקע באַציונג צו דעם ספר, דער רעספּעקט פאַרן ספר, האָט באַהערשט דאָס גאַנצע יידישע לעבן: ״אַ ביכער־שאַנק מיט אַ גאַנצן ש״ס אין אַ גוטן לעדערנעם איינבונד איז געווען די שענסטע צירונג פאַר אַ יידישן בעל הבית, ווי פערל און בריליאַנטן־אוירינגלעך פאַר זיין ווייב״ (א. י. פּאַפּירנאָ). האָט מען געגומען אַן איידעם אַ לערנער, האָט מען אים געגעבן צו דער חתונה אַ מתנה אַ ש״ס. און נאָך מער ווי ביי פּריוואַטע פאַמיליעס האָט מען געפונען ספרים אין די קלויזן און בתי מדרשים.

מיר האָבן ניט קיין גענויע ידיעות וועגן דער צאָל פאַרקויפטע ספרים, מיר האָבן אָבער יע ידיעות וועגן דער צאָל אויפלאַגעס פון אַ סך יידישע ספרים, און עס איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז אין דער צווייטער העלפט פון נייצעטנטן יאָר־הונדערט זיינען אַרויס בערך צען אויפלאַגעס פון תלמוד בבלי, אַ חוץ וואָס מען האָט געדרוקט אַ באַדייטנדיקע צאָל פון איינצעלנע גמרות. במשך פון דער צייט האָבן זיך פאַרקויפט לפחות צענדליקער טויזנטער ש״סן, רמב״מס, מדרשים, א.אַז.וו. א.אַז.וו. אין אַ סך אויפלאַגעס זיינען אויך דערשינען אַזעלכע ספרים ווי שאלות ותשובות פון באַרימטע רבנים, דרוש ספרים וכדומה. וועגן חומשים, משניותן און אַזעלכע פאָלקסטימלעכע ספרים ווי דער קב הישר, חיי אדם א.ד.גל. איז שוין ניטאָ וואָס צו ריידן.

אפילו אַזאַ ספר ווי דער ״מורה נבוכים״ איז אין דער צווייטער העלפט פון פאַריקן יאָרהונדערט דערשינען אין אַ פינף־זעקס אויפלאַגעס. און דערביי מוז מען דאָך נאָך האָבן אין זינען ווי אָרעם אונדזערע עלטערן זיינען געווען און וואָס אַ ספר האָט אַמאָל געקאָסט.

די טענות צום ספר

דער גרויסער יידישער אידעאַל איז שלום. דאָס איז דער יידישער חלום פון די עלטסטע צייטן אָן. אויך די תלמודישע צייט האָט ניט געשאַפן קיין מלחמה־ראָמאַנטיק. מען האָט ניט צו פיל באַזונגען די גבורות פון די חשמונאים און פון בר־כוכבא. די גרויסע יידישע העלדן זיינען געווען די רעליגיעזע פירער, די תנאים און אמוראים, די וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער תורה און מיט זייערע מעשים טובים.

האָט זיך ביי אונדז געשאַפן אַ פאַרשטעלונג, אַז צוליבן ספר, צוליב דעם, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי פאַרטיפט אין דער הייליקער תורה, זיינען מיר געוואָרן אַ פאָלק פון פחדנים, אַ פאָלק, וואָס איז ניט פעיק צו ווייזן אַ פיזישן ווידערשטאַנד, ווען עס איז נויטיק. דער העברעישער דיכטער י.ל. גאָרדאָן האָט אין זיין באַרימטער פאָעמע וועגן דעם מלך צדקיהו ("צדקיהו בבית הפקודות") באַשולדיקט די נביאים אין דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע בעתן ערשטן חורבן. דער נביא ירמיהו האָט גערופן דאָס פאָלק צו לערנען תורה, האָבן די גיבורים אוועקגעוואָרפן זייער געווער און זיינען געוואָרן לערנער. אַזאַ פאָלק, רופט אויס דער דיכטער דורכן מויל פון קעניג צדקיהו, קען ניט פירן קיין מלוכה, אַזאַ פאָלק איז פאַרמשפט צום אונטער־גאַנג ("גוי כזה לא יצלח לעשות ממשלה חרב יחרב, ויהי למעי מפלה"...).

ענלעכע שטימונגען געפינען מיר ביי א דענקער ווי מיכה יוסף בערדיטשעווסקי. דער גאַנצער יידישער וועג פון תורה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים באַרג סיני, איז פאַר אים אַן אומגליקלעכער וועג.

געווען נאָך אַנדערע טעאָריעס. יידן זיינען אַ גלות־פאָלק, האָט דער גלות זיי דערדריקט. יידישע שרייבער האָבן אָפט איבערגעגעבן די אַנטיסעמיטישע אַרגומענטן. מיר באַגעגענען אָט די אַרגומענטן, אַז יידן דינען בלויז דעם גאָלדענעם קאַלב, אויך ביי אַ דענקער ווי קאַרל מאַרקס. אָבער גראָד די יידישע געשיכטע איז אַ כסדרדיקע געשיכטע פון קדושה און גבורה.

יידן זיינען געווען אַ קליין פאָלק און זיי האָבן פונדעסטוועגן באַוויזן דעם מוט זיך אַנקעגנצושטעלן די מעכטיקע גריכישע באַהערשער. פונקט אַזוי האָבן די יידן ארויסגעוויזן דעם מוטיקסטן ווידערשטאַנד אנקעגן דער אויבערהערשאַפט פון די רוימער.

יידן האָבן גענומען אַ באַדייטנדן אַנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. די יידישע זעלבסטשוץ בעת די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד איז אַ וווּנדערלעך קאַפּיטל פון גבורה. דער אויסערגעוויינטלעכער מוט און דער פיאָנערישער גייסט פון די חלוצים זיינען גענוג באַקאַנט. דער גאַנצער אויפבוי פון מדינת ישראל איז אַ געשיכטע פון גבורה.

דער יידישער מענטש איז געווען גרייט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַר זיין גלויבן, פאַר יידישקייט. דאָס איז געווען ניט נאָר אַמאָל, מיט יאָרהונדערטער צוריק, דאָס איז אויך ריכטיק פאַר יידיש לעבן ביז צו היינטיקע טעג.

געגוג צו נעמען די געשיכטע פון די קאַנטאָניסטן אין צאַרישן רוסלאַנד אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן. מען פלעגט כאַפּן קליינע קינדער, צען־צוועלף־יעריקע קינדער, מען פלעגט זיי אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן. געהאַלטן האָט מען אָט די אומגליקלעכע שוצלאָזע קאַנטאָניסטן אין די קאַזאַרמעס מער ווי דרייסיק יאָר. מיט אַלע מיטלען האָט די רעגירונג פּרובירט אָפּשמדן די הילפלאָזע קינדער. אַ צאָל האָבן דעם שווערן ניסיון ניט אויסגעהאַלטן. דאָס איז געווען איבער זייערע כוחות. אַ צאָל זיינען אומגעקומען על קידוש השם, האָבן זיך אַפילו דאָס לעבן גענומען. אַ לעגענדע דערציילט וועגן אַ גרופּע יידישע קינדער, וואָס ווען מען האָט זיי געפירט צו אַ טייך אָפּצושמדן, האָבן זיי זיך אַלע אריינגעוואָרפן אין וואַסער און זיינען אומגעקומען על קידוש השם. געווען אָבער אויך אַזעלכע, וואָס זיינען בייגעשטאַנען אַלע ניסיונות און זיינען געבליבן ביי זייער יידישקייט. די געשיכטע פון די קאַנטאָניסטן, זייער גבורה און קידוש השם, איז נאָך, ליידער, ביי אונדז ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן אין דער פולער מאָס.

אין די שפּעטערע יאָרן איז פאַר די יידישע סאָלדאַטן אין דער רוסישער אַרמיי אָפּהיטן יידישקייט געווען זייער אַ שווערער ענין. דאָס דינען אין דער אַרמיי האָט געפאָדערט גרויסע פיזישע אָנשטרענגונגען. און ביי אַזעלכע אָנשטרענגונגען האָט מען זיך באַנוגנט מיט טרוקן ברויט. געווען ניט ווייניק סאָלדאַטן, וואָס האָבן באַצאָלט מיט זייער געזונט, אַפילו מיטן לעבן. אָבער כשרות האָבן זיי אָפּגעהיט. דאָס איז געווען טאָג־טעגלעכע שטילע גבורה, וואָס איז אַזוי ווייניק אָפּגעשאַצט געוואָרן.

און פונקט אַזאַ שטילע, טאָג־טעגלעכע גבורה האָט זיך אין אַ סך פאַלן געפאָדערט פון די פאַראייניזאַמטע דאָרפסיידן. עס איז ניט געווען אַזוי גרינג פאַרן יידישן קרעמער אָדער יידישן שענקער אין דאָרף צו פאַרמאַכן זיין געשעפט שבת. די פּויערים, די פּריצים און די פאַרשיידענע באַאַמטע זיינען אָפט ניט געווען צופרידן מיטן שטרענגן יידישן שבת. מען פלעגט דעם שענקער אָפט אַפילו טעראָריזירן, און ער האָט זיך ניט געבויגן און אום שבת ניט פאַרקויפט. און דאָס זיינען מייסטנס געווען אָרעמע דאָרפסיידן, וואָס וואָלטן זייער גוט געקענט ברויכן נאָך אַ פאַר גילדן פאַרדינסט.

אויסערגעוויינטלעך שווער געווען, צו דערציען די קינדער אין דער ניט־יידישער אַטמאָספערע פון דאָרף. און דאָך האָט מען דערצויגן דורות פרומע יידן.

געווען אין די יידישע שטעטלעך אַ גרויסע צאָל דאָרפסגייער. קליינע הענדלער און בעלי מלאכות, וואָס פלעגן אַ גאַנצע וואָך אַרומוואַנדערן איבער די דערפער. אין לויף פון דער וואָך פלעגן זיי לעבן מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט און געבאַקטע קאַרטאָפל. ערשט אויף שבת פלעגן זיי קומען אַהיים. און אַזוי האָט מען אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן, אַ לעבן פון קדושה און גבורה.

איך האָב דאָ בכוונה אָנגעוויזן אויף דער טאָג־טעגלעכער גבורה פון פּשוטע יידישע מענטשן. איך האָב דאָ ניט אָנגערירט די ווונדערלעכע געשיכטעס פון קידוש השם אין די טראַגישע צייטן פון קאַטאַסטראָפעס. די טאָג־טעגלעכע גבורה

פון יידישן מענטשן האָט ערשט מעגלעך געמאַכט דאָס אַלץ, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן זינט אונדזער פאָלקסלעבן אין דער איצטיקער צייט. די יידישע געשיכטע איז פול מיט גבורה און קדושה פון די עלטעסטע צייטן ביז צום היינטיקן טאָג. דער ספר האָט אונדז קיין שאָדן ניט געבראַכט. גראָד דער ספר האָט אונדז געהאָלפן צו בלייבן אַ פאָלק און מוטיק אריבערצוטראָגן די שווערסטע ניסיונות און די שווערסטע גזירות.

*

דער יידישער מענטש האָט זיך עמאַנציפּירט פון דעם קולט פון דער נאַטור. דאָס ווערט באַזונדערס דייטלעך ארויסגעבראַכט אין דער יידישער באַציונג צו ליבע און פאַמיליע. ניט געווען קיין אַסקעטן ביי יידן. גראָד פאַרקערט, יידן האָבן הייליק געהאַלטן דאָס פאַמיליע-לעבן. דער יידישער צוגאַנג אָבער איז, אז אויך די מענטשלעכע נאַטור דאַרף געהאַלטן ווערן אין גרענעצן. דער מענטש דאַרף זיין בכוח צו קאָנטראָלירן זיך אַליין. צוליב די זעלביקע טעמים האָבן יידן ניט געמאַכט קיין קולט פון פיזישער גבורה און פון מיליטערישער מאַכט.

עס קען ניט געלייקנט ווערן, אז אין געוויסע הינזיכטן איז אונדזער יידיש לעבן אָוועק צו ווייט. מיר האָבן צו פיל מבטל געווען די וועלט. מיר האָבן אויך באַעוולט זיך אַליין. עולם-הזהדיקע זאַכן האָבן מיר איבערגעלאָזן פאַר די רשעים, פּונקט ווי פאַר זיי האָט גאָט געשאַפן די וועלט.

איז געקומען אַ פאַרשטענדלעכע רעאַקציע, וואָס האָט געזאָגט: גענוג זיך צו פאַרטיפן בלויז אין ספר! גענוג צו לעבן בלויז אין די אָפּגעשלאָסענע ווענט פון בית מדרש. מען מעג אַ קוק טאָן אויף דער נאַטור. מען מעג הנאה האָבן פון דער וועלט. וואָלט עס זיך געהאַנדלט בלויז וועגן רעפאָרמען, וואָלט מען געוויס קיין טענות ניט געקענט האָבן. רעפאָרמען זיינען געווען נייטיק אין אונדזער יידישן לעבן. אָבער מען איז אוועק א סך ווייטער: דער גאַנצער יידישער וועג איז געווען אַ פאַלשער פון אָנהויב אָן, פון די טעג פון באַרג סיני. יידן האָבן פאַרביטן די נאַטור מיטן ספר.

געווען ביי אונדז גענוג דענקער, וואָס זיינען ניט נתפעל געוואָרן פון בערדיטשעווסקיס רוף צו ענדערן די יידישע מאָראַלישע אידעאַלן, זיך אומצוקערן צוריק צו דער נאַטור. גענוג דאָ צו דערמאָנען דעם נאָמען פון אחד העם. דעם פולן ענטפער אָבער און אויף אַ שוידערלעך טראַגישן אופן האָט אונדז געגעבן די געשיכטע פון אונדזער צייט. דאָס דייטשע פאָלק, אונטער דער פירונג פון די נאַציס, האָט דערקלערט אַ מלחמה דעם יידישן גייסט, אַ מלחמה געגן די אַלע אידעען, וואָס ציען זייער יחוס פון באַרג סיני. די נאַציס האָבן אָפּגעוואָרפן ניט נאָר די יידישע טראַדיציע, זיי האָבן אויך אָפּגעוואָרפן די קריסטלעכע געבאָטן, אויף וויפל זיי זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער יידישער טראַדיציע. דער טרויעריקער און שוידערלעכער רעזולטאַט פון דעם מאָדערנעם געצנדינסט איז אונדז גענוג באַקאַנט.

און ווען מיר טראַכטן היינט וועגן אונדזער וועלט, וועגן די פּראָבלעמען

פון אונדזער צייט, דאַן ווערט פאַר אונדז קלאָר, אז דער וועג פון סיני, דער בונט געגן דער נאַטור און געגן געצנדינסט, איז דער איינציק ריכטיקער וועג.

מיר האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער נאַטור. מיר האָבן אָבער ניט פאַר־געטערט די נאטור. מיר זוכן אויך ניט קיין איבערמענטשן. עס איז אַ גענוג הייכע מדרגה, אויב מען קען זיין אַ מענטש, אויב מען קען אָפּהיטן מענטשלעכקייט.

דורך דער איינפירונג פון דער וואָך, פון באַשטימטע טעג פון אַרבעט און טעג פון אָפּרו, האָבן מיר זיך באַפרייט פון דער קנעכטשאַפט צו דער נאַטור. מיט דער נאטור, מיט די באַוועגונגען פון דער זון און דער לבנה, איז פארבונדן די רעכענונג פון טעג, חדשים און יאָרן. די רעכענונג פון דער וואָך אבער, פון זעקס ארבעטס־־טעג און אַ זיבעטן טאָג פון אָפּרו, איז אויסשליסלעך אַ יידישע שאַפונג. דאָ האָט דער מענטש באוויזן צו קאָנטראָלירן די נאַטור און זיין אייגענע נאַטור.

די עטיק פון דער תורה

עס איז אַ טעות צו גלויבן, אַז דער מענטש קען מיט זיין שכל באַגרייפן געטלעכקייט. דאָס האָט דאָך שוין דער רמב״ם אַזוי קלאָר ארויסגעבראַכט. מיר קענען די געטלעכקייט ניט באַגרייפן, פונקט ווי מיר קענען ניט פאַרשטיין גאָטס וועגן. קען מען אוודאי פרעגן: וואָס פאר אַ זין האָט דאַן דער גלויבן אין גאָט, דער גלייבן אין אַ באַשעפער, וואָס איז אזוי פאַרבאָרגן פון אונדז?

דער יידישער ענטפער איז זייער אַ פשוטער: מיטן שכל קענען מיר אַזעלכע ענינים ניט באַגרייפן. אָבער דער מענטש האָט אַן אַנונג פון געטלעכקייט. איז ער דאָך באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פאָרם און אין זיין געשטאַלט.

און אָט די מיסטישע פילאָזאָפיע האָט גאָר אַ געוואַלדיקע באַדייטונג.

פאַראַן אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן דער עטיק פון דער תורה און די מאָראַלישע סיסטעמען פון די פילאָזאָפן.

די עטיק פון דער תורה איז געבויט אופן פרינציפּ, אַז דער מענטש טראָגט אין זיך אַ פונק פון געטלעכקייט, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. ווער עס לייקנט דעם גלייבן אין גאָט, דער לייקנט די געטלעכקייט פון דעם מענטשן. מיר קענען דאַן האָבן אַ מאָראַל געבויט אויף די געזעצן פון דער נאַטור, אָדער אַ מאָראַל פון דער געזעלשאַפט, אָבער דאָס איז אַ מאָראַל אָן געטלעכקייט און אָן הייליקייט. דער מענטש איז דאַן ניט מער ווי אַ ריין ביאָלאָגישער אָרגאַניזם. מיר קומען אַזוי אַרום צו דער מאָראַל פון סאָציאַלן דאַרוויניזם, וואָס האָט אַריינגע־בראַכט אַזאַ צעטומלעניש אין די מוחות פון אַ סך דענקער און וואָס האָט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס צוגעגרייט דעם וועג פאַר דער חיהשער מאָראַל פון די נאַציס.

די וועלט־היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם יידישן מאָנאָטעיזם באַשטייט דערין, וואָס ער פּראָקלאַמירט די געטלעכקייט פון יעדן מענטשן, און אין דער זעלבער צייט מאַכט יידישקייט אינגאַנצן אוממעגלעך די פאַרגעטערונג פון איינצעלנע מענטשן. ניטאָ אין יידישקייט קיין פּלאַץ פאַרן ״קולט פון דער פּערזענלעכקייט״, פאַר דער עבודה זרה פון דעם העלד. אויך דער גרעסטער מענטש איז ניט מער ווי שטויב און אַש און איטלעכער מענטש טראָגט אויף זיך דעם צלם אלקים.

דאָס מאַכט מעגלעך גאָר אַן אַנדער צוגאַנג צו אַלע אונדזערע מאָראַלישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. זאָגן מיר זיך אָבער אָפּ פון דעם גלויבן אין גאָט, דאַן פאַרלירן מיר דעם גלויבן אין דער געטלעכקייט פון מענטשן, דאַן פאַרפלאַנטערן

מיר זיך אין אַ דאַרוויניסטישער אָדער מאַרקסיסטיש־פּרודיאַנישער מאָראַל וואָס קען אונדז גאָר ווייניק העלפן און וואָס האָט בכל אופן אַ קנאַפּע שייכות צו יידישקייט.

געזעצן און מיצוות

די יידן האָבן די ערשטע פּראָקלאַמירט די אידעע פון איין וועלט און איין געזעץ, איין תורה פאַר דער גאַנצער וועלט.

עס איז אָבער וויכטיק צו האָבן אין זינען, אַז תורה איז אַ סך מער ווי געזעץ. דעריבער קען מען אויך די תורה ניט פאַרגלייכן מיט די געזעצן פון אַנדערע פעלקער און מלוכות. "דער מינהג פון דער וועלט איז", לייענען מיר אין תלמוד, "אַז ווען אַ קעניג גיט אַרויס אַ געזעץ, איז ניט אַלעמאָל זיכער, אַז מען וועט אים טאַקע מקיים זיין. און אויב אַפילו דער געזעץ ווערט אָפּגעהיט, איז עס נאָר ביי זיין לעבן, אָבער ניט נאָך זיין טויט. אָבער משה רבינו האָט אונדז געגעבן פּ"ל געזעצן און האָט געשאַפן אַ סך תקנות און זיי ווערן אָפּגעהיט פאַר אייביק און אייביק".

די יידישע תורה איז אַ קאָנסטיטוציע אָן א מלוכה, אַ געזעץ אָן פּאָליציי און אָן אַ רעגירונגס־אַפּאַראַט, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן אין לויף פון אזוי פיל דורות און אין אַזאַ מאָס, ווי קיין שום אַנדער געזעץ אויף דער וועלט. און דאָס דאָזיקע אייביקע און הייליקע געזעץ איז לויט דער טראַדיציע אָנגענומען געוואָרן פרייוויליק דורכן גאַנצן פאָלק. דער צענטראַלער מאָטיוו אין דער געשיכטע פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג ביים באַרג סיני איז דאָך די אידעע פון בונד (ברית) פון דעם פרייוויליקן אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דעם באַשעפער פון דער וועלט און די קינדער פון ישראל. אין דער געשעענעש פון מעמד הר סיני האָבן זיך באַגעגנט, לויט דער יידישער אידעע, דער ווילן פון פאָלק מיטן אייביקן פּלאַן פון דעם באַשעפער. אויף אַזאַ אופן איז אָנגענומען געוואָרן די תורה. עס איז געשלאָסן געוואָרן דער אייביקער בונד צווישן די קינדער פון ישראל און דעם גאָט פון ישראל.

דער גרויסער יידישער פירער פון יענער צייט איז ניט געווען קיין קעניג און ניט קיין העלד פון מלחמה, נאָר אַ לערער און געזעצגעבער — משה רבינו, אונדזער רבי משה. און ווען דער גרויסער לערער און געזעצגעבער האָט זיך אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן געזעגנט מיט זיין פאָלק, האָט ער זיך צו זיי געווענדעט מיט די ווערטער: "באַקענט זיך מיט דער געשיכטע פון דער וועלט און פרווט אויסגעפינען, צי האָט ערגעץ־ווו אויף דער גאַנצער וועלט פּאַסירט אַזאַ גרויסע געשעענעש, אָדער צי האָט אימיצער געהערט דערפון? (הנהיה כדבר הגדול הזה או הנשמע כמוהו). האָט אַ פאָלק אַ מאָל געהערט די שטימע פון גאָט ריידן פון מיטן פייער, ווי איר האָט עס געהערט?"

די תורה איז, לויט איר גאַנצן אינערלעכן וועזן, ניט נאָר אַ געזעץ פאַר יידן, עס איז דער יסוד פאַר דעם מאָראַלישן סדר פון גאָר דער וועלט. דערפאַר ווערט אין דער תלמודישער ליטעראַטור אייניקע מאָל באַטאָנט, אַז אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבן געהערט, ווען גאָט האָט פאַר דעם פאַרזאַמלטן פאָלק ישראל פּראָקלאַמירט די עשרת הדברות, די צען געבאָט. אָבער אפשר נאָך וויכטיקער איז די פאַרשטעלונג וועגן די עדות, וואָס זיינען געווען דערביי, ווען גאָט האָט געשלאָסן זיין בונד מיט די קינדער פון ישראל.

אין חומש דברים ווערט דערציילט, ווי משה רבינו האָט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן געלאָזט צונויפרופן דאָס גאַנצע פאָלק און ער האָט גערופן פאַר זיינע עדות הימל און ערד (העידותי בכם היום את השמים ואת הארץ). פאַר די לעצטע ברכות, מיט וועלכע ער האָט געבענטשט דאָס פאָלק, האָט משה ווידער גערופן הימל און ערד זיי זאָלן הערן און זיין עדות (האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי). אַן אייביקע תורה מוז האָבן אייביקע עדות, און דאָס קענען נאָר זיין הימל און ערד. די תורה איז אַ תורה פאַר אַלעמען, פאַר אַלע מענטשן און אַלע דורות, אזוי זאָגן עדות הימל און ערד.

*

פאַראַן אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן אַ געזעץ און אַ מיצווה. איך האָב די טיפסטע איבערצייגונג, אַז דער ענטפער אויף אַ סך שווערע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט איז די אידעע פון מיצוות.

אַ פּאָרביישפּילן וועלן אונדז דעם ענין קלאָר מאַכן: ווען דער ייד האָט געבראַכט דעם חלק פון זיין גערעטעניש, וואָס ער האָט געדאַרפט פאַרטיילן פאַר די כהנים, פאַר די נביאים און פאַר די אָרעמע לייט אין בית המקדש, האָט ער געדאַנקט גאָט. האָט ער געזאָגט אַ ברכה און האָט זיך געוואַלדיק משמח געווען. ברענגען תרומה און מעשרות אין בית המקדש איז געווען אַ גרויסע מיצווה און אַ גרויסער זכות. און די שמחה גופא איז געווען גאָר אַ וויכטיקע מיצווה. פונקט אַזוי איז ביי דעם פרומען יידן געווען אַ שמחה, ווען ער האָט געבראַכט אַן אורח אין שטוב, ווען ער האָט געהאָלפן אַ נויטבאַדערפטיקן, ווען ער האָט געטרייסט און דערמוטיקט אַן אומגליקלעכן. דער אָרימסטער ייד האָט זיך געפילט ווי אַ גרויסער גביר. אַ קלייניקייט, אַזאַ וועלט מיט מיצוות: מען דאַוונט — פאַרדינט מען אַ מיצווה; מען לערנט — פאַרדינט מען אַ מיצווה, מען עסט און מען מאַכט א ברכה — פארדינט מען אַ מיצווה.

איך גלויב אָבער ניט, אַז אַ בירגער זאָל מאַכן אַ ברכה און זאָל דאַנקען גאָט, ווען ער האָט דעם זכות צו באַצאָלן זיינע שטייערן...

פארדינען אויף חיונה און פארדינען א מיצווה

פאַראַן ביי אונדז יידן אַן אויסדרוק "פאַרדינען אַ מיצווה", וואָס לאָזט זיך זייער שווער איבערגעבן אין אַן אַנדער שפּראַך. דאָ האָבן מיר על רגל אחת דעם יידישן צוגאַנג צו מאָראַל און רעליגיע. דער ענין וועט פאַר אונדז ווערן אַ ביסל מער קלאָר, ווען מיר וועלן זיך באַקענען מיט דער קריסטלעכער פילאָזאָפיע פון פּרעדעסטינאַציע.

לויט דער תלמודישער טראַדיציע איז "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים", אלץ איז אין די הענט פון דער השגחה, חוץ די מורא פאר גאָט. דאָס מיינט: דער פיזישער גורל פון דעם מענטשן, זיין לעבן, זיין געזונט, זיין מאַטעריעלע הצלחה ווערט באַשטימט ניט פון אים, ער האָט אָבער די פולסטע פרייהייט מאָראַליש און ער טראָגט אחריות פאַר זיינע מעשים.

אנקעגן דעם האָבן די גרעסטע קריסטלעכע דענקער זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון פּרעדעסטינאַציע. אַלץ איז באַשטימט פון פאָרויס, אַפילו דעם מענטשנס מאָראַלישע אויפפירונג, אַפילו זיין רעליגיעזער גלויבן. לויט זיין גאַנצער נאַטור איז דער מענטש פאַרמשפט צו זינדיקן. און בלויז דורך גאָטס גנאָד קען ער אויסגעלייזט ווערן פון זינד. מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט האָט די אידעע פאָרמולירט זשאַן קאַלווין אין די ווייטערדיקע ווערטער:

לויט דעם ווילן פון דער געטלעכער השגחה זיינען אַ טייל מענטשן באַשטימט געוואָרן צום אייביקן לעבן און אַנדערע צום אייביקן טויט. אזוי איז געווען דער ווילן פון דער השגחה נאָך פאַר דער באַשאַפונג פון דער וועלט.

ניט אַלע קריסטלעכע טעאָלאָגן זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט. געווען אויך אַ שיטה אין קריסטנטום, וואָס האָט גראָד באַטאָנט די פּרייהייט פון דעם מענטשלעכן ווילן. מען קען אבער זאָגן, אז בדרך כלל איז פאַרן קריסטנטום כאַראַקטעריסטיש די אידעע פון געטלעכער גנאָד. דערפאַר קען גאָרניט געמאָלט זיין, אַז א מענטש זאָל אויסגעלייזט ווערן פון זינד און פון דער זינדיקער וועלט, אויב ער גלויבט ניט אין קריסטוסן.

דער יידישער צוגאַנג איז גאָר אַן אַנדערער: אויף יידישקייט דאַרף מען האָרעווען. אויף תורה דאַרף מען שווער אַרבעטן. ס'איז ניט אזוי גרינג צו פאַרדינען אַ מיצווה. פון דער אַנדער זייט קענען אויך ניט־יידן, די חסידי אומות העולם, פאַרדינען עולם הבא (חסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם הבא), אויב זיי טוען גוטע מעשים. לאָמיר עס נאָך א מאָל קלאָר פאָרמולירן: דער קריסט איז אין רעליגיעזן זין אַ געווינער, דער ייד איז אַ פאַרדינער. דערפאַר איז דער אויסדרוק פארדינען א מיצווה אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יידישן צוגאנג צו די מאָראַלישע פּראָבלעמען פון דער וועלט.

דער באַקאַנטער פוסק, ר' יעקב ב"ר אשר (דער "בעל הטורים"), וואָס איז אָנהויב 14טן י.ה. געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון דייטשלאַנד קיין שפּאַניע, כאַראַקטעריזירט אויף אַזאַ אופן די אשכנזישע יידן:

"דער מינהג פון די אַמאָליקע יידן איז געווען, אז זיי האָבן ליב געהאַט מיצוות און זיי האָבן זיך געיאָגט אַפּצוהיטן די מיצוות... און אזוי איז נאָך היינט דער מינהג אין אשכנז (דייטשלאַנד)".

דער יידישער מענטש יאָגט זיך נאָך מיצוות, דאָס איז דער סימן פון יידישקייט. דער טיפערער זין דערפון איז: מיט מיצוות קען מען אויסלייזן די וועלט, מיט מיצוות קען מען ברענגען די משיחישע צייט.

פאַרדינען מיצוות איז אַ טאָג־טעגלעכער ענין, פונקט אזוי וויכטיק, ווי פאַרדינען צום לעבן.

דאָס קריסטענטום האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו באַפרייען דעם פּשוטן מענטשן פון דעם יידישן יאָך פון מיצוות. די קריסטלעכע דענקער פאָלע־מיזירן נאָך היינט געגן דעם יידישן גלויבן און דער וויכטיקייט פון מעשים און מיצוות. זיי שטעלן דעם טראָפּ בלויז אויפן גלויבן, אויף די ריכטיקע דאָגמעס. קען מען דעריבער פרעדיקן קריסטנטום און פירן מלחמות געגן אַנדערע קריסטן, פּרעדיקן קריסטלעכע ליבע און איינפירן אינקוויזיציע.

אויך יידישע דענקער האָבן גערעדט וועגן דעם יאָך פון תורה און מיצוות, דעם יאָך פון דינען דעם אויבערשטן. אָבער יידן האָבן דעם דאָזיקן יאָך אָנגענומען מיט ליבשאַפט. זיי האָבן עס באַטראַכט ווי אַ פּריווילעגיע, ווי עס ווערט געזאָגט אין תלמוד: גאָט ברוך הוא האָט געוואָלט מזכה זיין די יידן, האָט ער זיי געגעבן אַ סך תורה און מיצוות (רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומיצוות).

יידישקייט וויל ענדערן דעם מענטשן. יידישקייט שטעלט פאָדערונגען צו יעדן איינצלנעם. יידישקייט באהערשט דאָס גאַנצע לעבן, שבת און וואָך, אַרבעט און אָפּרו, פאַרברענגען און האַנדלען. דער יידישער מענטש דאַרף כסדר געדענקען, אַז ער איז געשטאַנעןביים באַרג סיני. און דער היינטיקער ייד דאַרף כסדר געדענקען, אַז מיר אַלע זיינען געשטאַנען ביי די גאַז־אויוונס אין אוישוויץ.

נישטאָ אַזאַ זאַך ווי גרינגע יידישקייט. ליידער, פאַרשטייען מיר עס ניט איצט. מיר לעבן מיט דער אילוזיע, אַז יידישקייט ווערט אויפגעהאַלטן אויף אַ נאַטירלעכן אופן פון זיך אַליין, אָן צו גרויסע אָנשטרענגונגען פון אונדזער זייט. סתם דרשות וועגן יידישקייט קענען אונדז ניט העלפן. עס איז אויסערגעוויינטלעך שווער אויפצוהאַלטן יידיש לעבן, אפילו אין אַזאַ דעמאָקראַטיש לאַנד ווי אַמעריקע.

מוזן מיר זיך אומקערן צוריק צו דעם אַלטן יידישן וועג פון לערנען, פון תורה, פון מעשים און מיצוות. און קודם כל צו אַ יידישער דערציונג, צו אַ פולער און גרינדלעכער יידישער דערציונג. מיר נויטיקן זיך ניט אין פּראַכטפולע יידישע צענטערס, אין די רייכע טעמפּלען. אונדזערע צענטערס מוזן פאַרוואַנדלט ווערן אין ישיבות; אונדזערע טעמפּלען — אין בתי מדרשים, ווו יידן זיצן און לערנען, אונדזערע רבנים דאַרפן ווערן ראשי ישיבות. לערנען, לערנען און לערנען. דאָס איז אונדזער הייליקסטער חוב נאָך אוישוויץ. דערציען יידישע מענטשן, יידישע דורות. מיר נויטיקן זיך אין דורות יידן, וואָס פאַרשטייען דעם זין פון יידישן קיום.

מיצוות און פרייהייט

דער יאָך פון קנעכטשאַפט און דער יאָך פון פרייהייט

דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור, ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים דער קאָנפליקט צווישן די צוויי פונדאַמענטאַלע פאָרמען פון פרייהייט: צווישן דער קינדערש-נאַיווער פרייהייט פון זאָרגן און פליכטן, און דער העכערער פרייהייט פון דעם דערוואַקסענעם און פאַראַנטוואָרטלעכן מענטשן צו נעמען אויף זיך זאָרגן און פליכטן. אין דער רעליגיעזער וועלט איז אָט דער קאָנפליקט כאַראַקטעריסטיש פאַר די מיינונגס-פאַרשיידנהייטן צווישן קריסטנטום און יידנטום. די קריסטלעכע דענקער פון אַלע צייטן האָבן באַזונדערס שטאַרק קריטיקירט די יידישע רעליגיעזע פירערשאַפט, פאַרוואָס זי האָט אָרויפגעלייגט אויפן יידישן מענטשן אַ שווערן יאָך פון תורה, פליכטן און מצוות. שיין דער אַפּאָסטאָל פּוילוס האָט באַזונדערס אַרויסגעבראַכט, אַז דאָס קריסטנטום האָט באַפרייט דעם גלויביקן פון דעם יאָך פון מיצוות. אין וואָס באַשטייט פּאַקטיש די קריסטלעכע פרייהייט? זי איז דער עיקר געבויט אויפן פּרינציפּ פון אויטאָרי־טעט, ווי דאָס קומט אין אַזאַ קלאַסישער פאָרם צום אויסדרוק אין דער קאַטוילישער קירך. דעם יאָך פון פליכטן און מיצוות האָבן אין דער קריסטלעכער קירך איבער־גענומען די מאַנאַכן, די פּריסטער, די העכערע קריסטלעכע באַאַמטע.

אונדזער פאַרשטעלונג וועגן פרייהייט און קנעכטשאַפט איז אַן אַנדערע. שוין אין דער תורה ווערן יידן באַצייכנט ווי אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש, אַ קעניגרייך פון כהנים און אַ הייליק פאָלק. ניטאָ ביי אונדז קיין גרענעץ צווישן דעם פאָלקס־מענטשן און דעם רעליגיעזן פירער. אַלע נעמען מיר אויף זיך דעם יאָך פון תורה און מיצוות, דעם יאָך פון פליכטן און אויפגאַבן. און אָט די גרויסע און שווערע מאָסע פון מיצוות און אויפגאַבן איז אַבסאָלוט ניט קיין יאָך פ׳ן קנעכטשאַפט, נאָר אַ יאָך פון פרייהייט. דאָס איז דער יידישער צוגאַנג.

דער יום־טוב פסח דערציילט אונדז ווי אַ גאַנץ פאָלק האָט פאַרביטן דעם יאָך פון קנעכטשאַפט אויפן יאָך פון פרייהייט.

יידן זיינען גאָטס קנעכט, זאָגט אונדז די תורה, קענען זיי דעריבער ניט פאַרקויפט ווערן ווי קנעכט צו מענטשן. ״ווארום מיינע קנעכט זיינען זיי״, לייענען מיר אין ויקרא, ״וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים. זיי טאָרן ניט פאַרקויפט ווערן ווי מען פאַרקויפט אַ קנעכט״ (כי עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים לא ימכרו ממכרת עבד).

דער מענטש איז אַ קנעכט פון זיין יצר הרע. און דער וועג צו פרייהייט איז דער וועג פון מיצוות.

עס איז דער געטלעכער עלעמענט אין אונדזער נאַטור, וואָס זוכט די שיינקייט פון סדר, פון מענטשלעכקייט, פון יום־טובדיקייט, די שיינקייט פון מיצוות און די שיינקייט פון אייביקייט.

קענען מענטשן לעבן אַן תורה

קענען מענטשן לעבן אַן תורה? אַן געזעצן? עס איז פאַרשפּרייט אַ נאַיווע פאַרשטעלונג, אַז דער מענטש איז לויט זיין נאַטור גוט. די ראָמאַנטיק וועגן דעם אײדעלן נאַטור־מענטשן איז ניט מער ווי אַן אוסטראַקטענעש. אָט די אײדעלע נאַטור־מענטשן האָט נאָך קיינער ניט געזען. אויך די פּרימיטיוויסטע שבטים האָבן זייערע געזעצן, הגם ניט קיין געשריבענע געזעצן. דאָס זיינען פאָלקס־מינהגים און אזוי גערופענע טאַבוס, וועלכע ווערן אָפּגעהיט אויפן שטרענגסטן אופן. ניטאָ אַזאַ געזעלשאַפט אויף דער וועלט, וווּ יעדער איינצעלנער קען טאָן וואָס ער וויל. עס קען גאַרניט געמאָלט זיין אַ מענטשלעך צוזאַמענלעבן אָן קלאָר באַשטימטע נאָרמעס און רעגולירונגען, אָן אַן אַלגעמיין אָנגענומענעם קאָדעקס, וואָס זאָגט קלאָר, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט.

פּונקט אזוי פאַלש איז דער צווייטער עקסטרעם, וואָס נעמט אָן, אַז דער מענטש איז לויט זיין נאַטור אַ ווילדע בעסטיע, אַ רויבערישע חיה. דער אמת ליגט אין מיטן. דער מענטש איז פול מיט קאָנפליקטן און פול מיט אַמביציעס, פאַראַן צייטן, ווען די חיה ווערט אין אים אויפגעוועקט און פאַראַן צייטן, ווען ער ווערט באַהערשט פון אידעאַליסטישע שטימונגען. מענטשן זיינען ניט קיין מלאכים. טאַקע דעריבער בייטיקן זיי זיך אין תורה, דעריבער בייטיקן זיי זיך אין געזעצן. די תורה איז ניט אין הימל. זי איז געגעבן געוואָרן פאַר די מענטשן אויף דער ערד, פאַר מענטשן באַלאָדענע מיט ערדישע זאָרגן, מיט דאגות פון פּרנסה און פאַמיליע.

און טאַקע ווייל דער מענטש איז אזוי פול מיט זאָרגן און קאָנפליקטן, ווייל עס איז אים אָפט אזוי שווער צו געפינען דעם וועג צווישן גוטס און בייז, זיינען נויטיק געזעצן, קלאָרע ריכטליניען, וואָס ווערן פון אַלעמען אָנערקענט. נעמט איר אוועק די געזעצן, דאַן ווערט די וועלט הפקר; נעמט איר אוועק די געזעצן, דאַן גיט איר אַלץ איבער אין די הענט פון די רשעים, אין די הענט פון די, וואָס גלויבן בלויז אין מאַכט. און די גרויסע געפאַר באַשטייט דערין, וואָס עס שאַפט זיך אַ צושטאַנד פון אומזיכערקייט, פון אומצוטרוי צום מיטמענטשן, פון מורא און פּאַניק. מען קען קיינעם ניט געטרויען, מען קען זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן, ווייל עס איז מער ניטאָ קיין געזעץ און ניטאָ קיין ריכטער. דער עיקר, עס איז ניטאָ מער קיין מעגלעכקייט זיך צונויפצורעדן, צו פּרובירן פאַרשטיין דעם צווייטן צד.

פאַראַן אַזאַ שפּראַך, ווי אַ שפּראַך פון אמת און גערעכטיקייט, אַ שפּראַך פון מענטשלעכע באַציונגען. און פאַראַן צייטן, ווען מענטשן פאַרגעסן מיט אַ מאָל אָט די בשותּפותדיקע שפּראַך. מען קען זיך מער ניט צונויפרעדן. איטלעכער איז ביי זיך זיכער, אַז ער איז גערעכט. גערעכטיקייט אין די אויגן פון איינעם קען אויסזען ווי די גרעסטע אומגערעכטיקייט אין די אויגן פון אַ צווייטן.

עס איז ריכטיק, אַז געזעצן ווערן אָפט פאַרעלטערט. נויטיקן מיר זיך אין

אַ סיסטעם, וואָס מאַכט מעגלעך אָט די ענדערונגען. מיר קענען אָבער ניט לעבן אָן געזעצן, ווייל אפילו פֿאַרעלטערטע געזעצן זיינען בעסער ווי אַ צושטאַנד פֿון אַנאַרכיע.

*

אין אומרויִקע טעג, אין צייטן פֿון רעוואָלוציעס און מלחמות, שאַפֿט זיך אָפֿט אַ צושטאַנד פֿון מאָראַלישער אַנאַרכיע. די אַלטע פֿונדאַמענטן פֿון סאָציאַלן לעבן ווערן צעטרייסלט. די טראַדיציאָנעלע מאָראַל פֿאַרלירט איר אויטאָריטעט, מען רעכנט זיך ניט מער מיט די הייליקייטן פֿון אַמאָל, מיט די געבאָטן פֿון דורות.

ניט געקוקט אויף דער טראַדיציע פֿון תורה און הלכה, פֿון קלאָר פֿאָרמולירטע און דורך דורות געהייליקטע געזעצן און רעגולירונגען, זיינען אויך ביי אונדז יידן געווען פֿאַלן פֿון מאָראַלישער אַנאַרכיע, וואָס איז צייטנווייז אפילו דערגאַנגען ביז צו די עקסטרעמסטע פֿאָרמען פֿון הפקרות.

גאָר באַלערנדיק אין דעם פּרט איז די געשיכטע פֿון די משיחישע באַוועגונגען ביי יידן. דער עצם גלויבן, אַז אָט קומט אַ נייע צייט און אַ נייע וועלט, האָט אויטאָמאַטיש געמוזט אָפּשוואַכן דעם רעספּעקט פֿאַר דער טראַדיציע פֿון דעם אַלטן סדר העולם. דאָס איז געווען דער וועג פֿון קריסטנטום, וואָס איז ביסלעכווייז אַוועק אַלץ ווייטער פֿון דעם יידישן וועג און האָט סוף כל סוף אינגאַנצן איבער־געריסן מיט דער יידישער וועלט. דאָס איז אויך געווען דער וועג פֿון דער שבתי־צבי באַוועגונג, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט שמד. און פּונקט אַזוי האָבן עטלעכע דורות שפּעטער פֿאַרענדיקט די פֿראַנקיסטן.

עס איז די פֿילאָזאָפֿיע פֿון אַנטינאָמיאַניזם — אַ פֿילאָזאָפֿיע, וואָס לייקנט די גילטיקייט פֿון די אַלטע געזעצן — וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די עקסטרעמע ריכטונגען אין די פֿאַרשיידענע משיחישע באַוועגונגען.

פֿאַר אונדז איז באַזונדערס וויכטיק דער פֿאַקט, וואָס דער רעליגיעזער אַנטינאָמיאַניזם האָט געפֿירט צו אַ נייעם קולט, צום קולט פֿון דעם משיח, וואָס האָט גאָר אָפֿט אפילו אָנגענומען פֿאָרמען פֿון דירעקטער פֿאַרגעטערונג. אין דער געשיכטע פֿון קריסטנטום איז דאָס גאַנץ קלאָר. אָבער אויך אין די קרייזן פֿון די שבתי־צביניקעס האָט מען דעם אַזוי גערופֿענעם משיח אָפּגעגעבן געטלעכן כבוד. דער מענטש נייטיקט זיך אין אַן אויטאָריטעט פֿון געזעץ, נעמט ער אָן די אויטאָריטעט פֿון דעם העלד, פֿון דעם איבערמענטשן.

צווישן מענטש און מענטש

אונדזער יידישע תורה־טראַדיציע איז דער עיקר פֿאַרנומען מיט די זאָרגן פֿון דעם מענטשן, מיט זיינע פּערזענלעכע דאגות. אין די געזעצן וועגן שמיטה און יובל אין ויקרא ווערט, למשל, געזאָגט: „און ווען איר וועט עפּעס פֿאַרקויפֿן צו דיין חבר אָדער קויפֿן פֿון דער האַנט פֿון דיין חבר, זאָלט איר ניט נאַרן איינער דעם

אנדערן" (וכי תמכרו ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך אל תונו איש את אחיו). דער מיטבירגער איז אַ ברודער, אַ חבר, אַלע יידן זיינען ברידער, אַלע מענטשן זיינען ברידער. אַט דער טאָן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע דינים פון דער תורה.

נאָך וויכטיקער איז דער פאַקט, וואָס די תורה רעדט דירעקט צו דעם פאָלקס־מענטשן. אין דער געזעצלעכער ליטעראַטור פון אַלע פעלקער ווערט כמעט תמיד באַנוצט די דריטע פּערזאָן: ווען איינער באַגייט אַ פאַרברעכן, זאָל ער באַשטראָפט ווערן. מיר געפינען אַ צאָל אַזעלכע געזעצן אויך אין דער תורה. אין משפטים, למשל, לייענען מיר: "און ווען איינער גנבעט אַ מענטשן און פאַרקויפט אים, אָדער ער ווערט געפונען אין זיין האַנט, זאָל ער געטויט ווערן (וכי יגנב איש ומכרו ונמצא בידו מות יומת). דאָ האָבן מיר אַ שטרענגן געזעץ וועגן כאַפּן שקלאַפן. אַ ביסל ווייטער לייענען מיר: "און ווען אַ מענטש וועט גנבענען אַן אָקס אָדער אַ שעפּס און וועט אים שעכטן אָדער פאַרקויפן, זאָל ער באַצאָלן פינף רינדער פאַרן אָקס און פיר שאָף פאַרן שעפּס" (כי יגנב איש שור או שה וטבחו ומכרו חמשה בקר ישלם תחת השור וארבע צאן תחת השה). דאָ רעדט זיך סיי וועגן די שולדיקע און סיי וועגן די באַוואָלהטע אין דער דריטער פּערזאָן. דאָס איז דער אָנגענומענער סטיל אין דער געזעצגעבערישער ליטעראַטור ביי אַלע פעלקער. בדרך כלל אָבער רעדט די תורה דירעקט צום מענטשן: דו זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת, דו זאָלסט ניט מאָרדן, דו זאָלסט ניט גנבענען (לא תרצח, לא תגנב) א.אז.וו. אָפט רעדט די תורה צום גאַנצן פאָלק בלשון רבים. אָבער אויך דאָס גאַנצע פאָלק ווערט דירעקט אַדרעסירט אין דער צווייטער פּערזאָן. אין אַ צאָל פאַלן ווערט אין דער זעלביקער פּרשה באַנוצט דירעקט די צווייטע פּערזאָן, סיי אין לשון יחיד און סיי אין לשון רבים. דער לערנער פילט, אַז דאָס רעדט מען צו אים דירעקט, אַז דאָס האָט מען אים אין זינען. די תורה זאָגט צו אים דו!

די תורה איז ניט געגעבן געוואָרן פאַר ריכטער, פאַר כהנים און באַאַמטע, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק. די תורה איז אונדזער העכסטע מאָראַלישע אויטאָריטעט, ניט נאָר ווייל מיר האָבן דאָ געבאָטן פון באַשעפער, נאָר אויך ווייל זי איז אָנגענומען געוואָרן פון דעם גאַנצן פאָלק. און די העכסטע אויטאָריטעט אין סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן איז ממילא דער ווילן פון פאָלק. אין דברים, למשל, ווערט אויף אַזאַ אופן פאָרמולירט דאָס געזעץ וועגן דער אינסטיטוציע פ״ן מלוכה:

אַז דו וועסט קומען אין דעם לאַנד... און וועסט זיך דאָרט באַזעצן און וועסט זאָגן: איך וויל מאַכן אַ קעניג איבער מיר, קענסטו דאָס טאָן... דאָס פאָלק איז ניט מחוייב אָנצונעמען די אינסטיטוציע פון קעניגטום. אָבער אויב זיי ווילן, קענען זיי עס טאָן. דאַן ווערן קלאָר באַצייכנט די גרענעצן פון דער קעניגלעכער מאַכט, כדי דער קעניג זאָל זיך ניט האַלטן העכער פון זיינע ברידער (לבלתי רום לבבו מאחיו). דער קעניג בלייבט א ברודער, איינער פון פאָלק. ער טאָר זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון דעם יצר הרע פון מאַכט און גאווה.

די געזעצן וועגן קהילה־לעבן ווערן אין שולחן ערוך (חשן המשפט) באַהאַנדלט

דער עיקר אין הלכות שותפים. די קהילה איז אַ מין קאָאָפּעראַטיוו, אַ שותפותדיקער ענין. ניטאָ דאָ די אידעע פון אַן „עסטאַבלישמענט״, פון אַ מאַכט, וואָס באַהערשט די בירגער.

עס איז ניט אַלע מאָל געווען אַזוי לייכט איינצוהאַלטן די דעמאָקראַטישע טראַדיציע אין יידישן קהילה־לעבן. איך האָב דאָ, נאַטירלעך, אין זינען די קהילות אין גלות. די דרויסנדיקע מאַכט פלעגט אָפט פּרובירן אַרויפלייגן איר האַנט אויף דער קהילה, און איינצעלנע יידן פלעגן שפּילן די ראָל פון דעם שליח ציבור. זאָגט אונדז דער שולחן ערוך, אז מען טאָר ניט באַשטימען א חזן (שליח ציבור) לויט דער רעקאָמענדאַציע פון פריץ. און קיינער טאָר זיך ניט שטעלן פאַרן עמוד אָן דער הסכמה פון קהל. און אויב איינער פאַרכאַפּט דעם עמוד מיט כוח, דאַרף מען ניט ענטפערן קיין אמן נאָך זיינע ברכות (וכל מי שמתפלל בחזקה ודרך אלמות אין עונין אמן אחרי ברכותיו). דאָס איז די מעטאָדע פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד, ניט ענטפערן קיין אמן.

האָבן יידן דערפאַר געהאַלטן מער פון די קליינע חברות, ווו זיי האָבן זיך געפילט מער פריי פון דרויסנדיקן דרוק. דער עיקר אָבער האָט זיך דאָס יידישע לעבן אָפּגעשפּילט אויף אַ ניט אָרגאַניזירטן אופן, טאָקע דירעקט פון מענטש צו מענטש. אַזוי איז עס געווען אויפן געביט פון צדקה, פון לערנען און דאַוונען, פון באַזאָרגן אורחים א.אז.וו.

אין אַמאָליקן רוסלאַנד און פּוילן האָבן זיך, למשל, די ישובניקעס, די דאָרפס־יידן באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זייער צדקה און הכנסת אורחים. פּונקט אַזוי האָבן זיי אַליין געמוזט זאָרגן פאַר דער דערציונג פון זייערע קינדער. שבת און יום־טוב פלעגן זיך צונויפקומען עטלעכע יידישע פאַמיליעס פון אַ צאָל דערפער און מען פלעגט דאַוונען מיט אַ מנין. דאָס פלעגט אַלץ דורכגעפירט ווערן אויף אַ נאַטירלעכן אופן, אָן וואָסער ניט איז אָרגאַניזאַציע. פּונקט אַזוי האָט מען איינער דעם אַנדערן אַרויסגעהאָלפן אין צייטן פון נויט.

אָנערקענען די פאַרדינסטן און די גוטע מעשים פון דעם חבר, אָפּהיטן זיין כבוד און זיין פאַרמעגן, דאָס זיינען די עיקרים אין דער באַציונג צווישן מענטש און מענטש. „אויב דיין חבר האָט דיר געטאָן אַ קליינע טובה, זאָל עס ביי דיר גילטן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע זאַך״. „און ווער עס ווייזט אַרויס אומ־דאַנקבאַרקייט לגבי דעם, וואָס האָט אים געטאָן אַ טובה, איז געגליכן ווי ער וואָלט געלייקנט אין גאָט״ (כפיית הטובה הוקשה לכפירה בעיקר). דער ענין וועגן אָפּהיטן דעם חברס פאַרמעגן פאַרנעמט אין דער הלכה גאָר אַ וויכטיקן פּלאַץ. דער ספר נזיקין גיט זיך צום גרעסטן טייל אָפּ מיט די מאַטעריעלע באַציונגען צווישן מענטש און מענטש, מיט די ענינים פון ערלעכקייט אין האַנדל, ביי דער אַרבעט, מיט די באַציונגען צווישן שכנים, שותפים א.אז.וו. אַט די הלכות האָבן דעם צוועק ניט נאָר צו שיצן דעם געשעדיקטן, דעם ניזק, נאָר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס צו פאַרהיטן דעם מענטשן צו ווערן אַ מזיק, פון פאַרשאַפן שאָדן דעם חבר, „יהי ממון חברך חביב עליך כשלך״, דעם חברס געלט זאָל דיר זיין

אַזוי טייער ווי דיין געלט. און אויך דאָס איז ניט קיין קליינינקייט, ווייל דעם חברס געלט מיינט דעם חברס אַרבעט, דעם חברס לעבן. עס איז גרינג זיך צו באַציען מיט ביטול צו געלט, אָבער פאַרן אָרעמען מענטשן איז דאָס געלט אַ וויכטיקער ענין, ווייל דער פשוטער מענטש פאַרדינט זיין ברויט אין שווייס פון זיין געזיכט. ניט אומזיסט זאָגט מען ביי אונדז "דמים תרתי משמע", דאָס וואָרט דמים האָט צוויי באַדייטונגען: בלוט און געלט. און דאָס איז באַזונדערס ריכטיק פאַר די, וואָס מוזן אַזוי שווער האָרעווען פאַרן שטיקל ברויט.

זאָגט אונדז דעריבער אַ מאמר אין תלמוד: ווער עס וויל דערגרייכן צו דער מדרגה פון חסידות, זאָל אָפּהיטן די דינים פון נזיקין (האי מאן דבעי למהוי חסידא לקיים מילי דנזיקין). זיך אָפּהיטן פון ברענגען שאָדן דעם חבר איז אַ געוואַלדיקע חכמה און פאָדערט אַ סך מאָראַלישע גבורה.

*

דער היינטיקער בירגער פילט ניט, אַז עס איז אַ מיצווה צו שטודירן די געזעצן פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. דער יידישער צוגאַנג איז אָבער איינגאַנצן אַן אַנדערער. לערנען די דינים און די געבאָטן פון דער תורה און טאַקע די מיצוות שבין אדם לחברו, צווישן מענטש און מענטש, איז אַ הייליקע פליכט. דער מענטש דאַרף וויסן, ווי צו לעבן מיט זיין חבר. צו אָט די מיצוות געהערן אַזעלכע איידעלע ענינים ווי זיך ניט פאַרנעמען מיט רכילות, ניט ריידן קיין לשון הרע, אָפּגעבן כבוד עלטערע מענטשן, ניט צו פאַרשעמען אַ מענטשן, בעטן מחילה, אויב מען האָט, חס ושלום, באַעוולט אַ מענטשן. מען דאַרף אַ גאַנץ לעבן לערנען און לערנען כדי ניט געשטרויכלט צו ווערן דורך אַזעלכע זינד. אַ פאָלק פון תורה, פון לערנער, מיינט פראַקטיש אַ פאָלק, וואָס לערנט די תורה פון מענטשלעכקייט. און כדי מענטשן זאָלן קענען לעבן צווישן זיך, איז באַזונדערס וויכטיק, אַז אַ מענטש זאָל קענען לעבן מיט זיך, ער זאָל זיך אָפּגעבן אַ חשבון, וואָס ער וויל אין לעבן, וואָס ער זוכט אין לעבן, וואָס איז זיין שליחות אין לעבן. דער ענין פון קענען לעבן מיט זיך איז ניט ווייניקער וויכטיק ווי דער ענין פון קענען לעבן מיטן חבר, ווייל הא בהא תליא — איינס איז פאַרבונדן מיטן צווייטן.

דער היינטיקער יונגער מענטש קען פּראָטעסטירן, ער ווייסט אָבער ניט, ווי צו לעבן מיט זיינע באַנעכסטע, מיט זיינע עלטערן. די שטימונג פון היינטיקער אומרויקער יוגנט ווערט אויף אַ קלאַסישן אופן פאָרמולירט אין דעם רוף: "טרויט ניט קיינעם, וואָס איז איבער דרייסיק יאָר!"

וואָלט אָט די ראַדיקאַלע יוגנט געמאַכט דעם פּרווו צו לעבן פאַר זיך, אויפצו־בויען אייגענע געמיינדעס, קבוצות, שטעטלעך, וואָלט איך קיין טענות ניט געהאַט. אָבער וועגן דעם טראַכטן זיי ניט, ווייל זיי קענען ניט לעבן אַפילו צווישן זיך בשלום. זיי ווייסן ניט, וואָס עס הייסט אַרבעט, זאָרג פאַר אַ פאַמיליע, קאָאָפּעראַציע, ווייל זיי האָבן ניט קיין תורה, זיי האָבן ניט געלערנט די תורה פון מענטשלעכקייט.

*

צו די סאַמע פונדאַמענטאַלע עיקרים פון דער יידישער מאָראַל געהערט דאָס געבאָט פון לא תחמד. דו זאָלסט ניט גלוסטן! ווערט דאָך געזאָגט אין די עשרת הדברות: „דו זאָלסט ניט גלוסטן דיין חברס ווייב און זאָלסט ניט באַגערן דיין חברס הויז... וואָס נאָר עס געהערט צו דיין חבר!

אונדזערע תאוות זיינען אַ סך גרעסער ווי אונדזערע מעגלעכקייטן. דערין באַשטייט אין תוך די מענטשלעכע טראַגעדיע. דאָס האָט זיך שוין אָנגעהייבן אין גן עדן, ווען אדם און חוה האָבן געגעסן פון בוים פון וויסן. פאַראַן אַ טיפער זין אין אָט דער געשיכטע פון בראשית. דאָ האָבן מיר דעם שליסל צו דער מענטשלעכער נשמה. וואָס וויל אייגנטלעך דער מענטש? ער וויל זיין גלייך מיט גאָט, ער וויל זיך אפילו ניט באַנוגענען מיט דעם חלק שותפות צו געטלעכקייט, וואָס דער באַשעפער האָט אים געשענקט. דאָס איז פאַר אים צו ווייניק.

און דאָ האָבן מיר דעם ענטפער אויף אַלע אונדזערע גורלדיקע פּראָבלעמען. מיר זיינען אומרויקע און אומצופרידענע באַשעפענישן. מען קען ניט צופרידנשטעלן אַלע אונדזערע תאוות און באַגערן.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו דערשטיקן אַלע אונדזערע אַמביציעס. מיר מוזן זיך אָבער אויסלערנען די קונסט פון קאָנטראָל. בויען און שאַפן איז אויך אגרעסיע, מיליטאַנטישקייט, און אין אַ סך פאַלן מוזן מיר שלום מאַכן מיטן גורל. דאָ קענען מיר לערנען פון דער גרויסער טראַדיציע פון אונדזער יידישער מאָראַל.

אין צייטן פון פאַרצווייפלטע ניסיונות מוזן מיר זיך גאָר באַזונדערס היטן פאַרן יצר הרע פון קנאה און שנאת חנם.

אונדזערע מוסר ספרים לערנען אונדז דעריבער, אַז מען טאָר זיך ניט באַרימען מיט די אייגענע קינדער פאַר פרעמדע, וואָרים ווער ווייסט דען און ווער קען דען פאַרשטיין יענעמס זאָרגן. ניט אומזיסט האָבן מענטשן מורא פאַר אַ בייז אויג, פאַר אַן עין הרע. קנאה איז מענטשלעך. דאַרף מען זיך אָפּהיטן פון זאַכן, וואָס קענען רייסן די אייגן, וואָס קענען אַרויסרופן פאַרדרוס. מען דאַרף ניט צו פיל פּאַראַדירן מיט די אייגענע גליקן, מיט די אייגענע דערגרייכונגען. מען דאַרף אייך ניט צו פיל האָבן אין זינען יענעמס גליקן.

און פאַראַן אַ טיפער זין אין דער קולטור פון צניעות, וואָס פאַרלאַנגט פון יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב, אַ געוויסע מאָס פון קאָנטראָל און איינגעהאַלטנקייט. פאַראַן געגנוג איינזאַמע און עלנטע מענטשן, וואָס דאָס לעבן האָט זיי ניט געשענקט דאָס גליק פון ליבע. צו וואָס דעמאָנסטרירן? צו וואָס רייסן די אויגן? צו וואָס אַרויסרופן געפילן פון קנאה און פאַרדרוס ביי אַנדערע? צניעות איז אַ גרויסער ענין. און אין די עשרת הדברות הויבט זיך טאַקע אָן דאָס געבאָט פון ׳דו זאָלסט ניט גלוסטן׳ מיט ׳לא תחמד אשת רעך׳, דו זאָלסט ניט גלוסטן דיין חברס פרוי, ווייל דאָס איז אָפּט איינער פון די סאַמע שווערסטע ניסיונות. ווי עס שטייט אין פרק: הקנאה והתאווה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם.

*

ווען מיר ריידן וועגן פליכטן און געבאָטן, וועגן די באַציונגען צווישן מענטש

און מענטש, האָבן מיר געוויינטלעך אין זינען דער עיקר סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאָנפליקטן. אַז מען קען אויך באַעוולהנען אַ מענטשן מיט ווערטער, ווען דעם טראַכטן מיר אַ סך ווייניקער. אין פּאָליטישן קאַמף זיינען מיר אוודאי ווייניק אָפּגעהיט מיטן אמת און מיר רעכענען זיך נאָך ווייניקער מיטן כבוד פון דעם געגנער.

אין ישעיה, קאַפּיטל 1, דערציילט אונדז דער גרויסער נביא, ווי דער געטלעכער כבוד האָט זיך צו אים באַוויזן. דערשיטערט פון אָט דער וויזיע, רופט דער נביא אויס:

״ווײ מיר, וואָרום איך בין פאַרשניטן, אַ מענטש מיט אומריינע ליפּן בין איך דאָך, און צווישן אַ פאָלק מיט אומריינע ליפּן טו איך זיצן״. דער נביא פילט זיך ניט ראוי פאַר דער גרויסער שליחות, ווייל ער איז ניט מער ווי אַ מענטש מיט אומריינע ליפּן (איש טמא שפתים). דער נביא מוז זיך קודם כל אויסצייכענען מיט דער ריינקייט פון זיין מויל, פון זיינע ליפּן, מיט דער געלייטערטקייט פון די ווערטער, וואָס קומען פון אים אַרויס. און עס קען ניט געמאָלט זיין אַ שלום צווישן מענטשן, שלום צווישן פעלקער אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן ניט באַוויזן זיך צו באַפרייען פון די אַלע פאַרפירער מיט די אומריינע ליפּן.

אין מחזור פון יום כיפור פאַרנעמט די תפילה על חטא שחטאנו... אַ צענטראַלן פּלאַץ. און דאָ ווערן מיר ממש איבעראַשט. צום גרעסטן טייל שלאָגן מיר זיך אין האַרצן פאַר זינדיקן מיטן מויל, ווי, למשל, די עבירה פון ״בבטוי שפתים״, די זינדיקע רייד, וואָס מיר ברענגען אַרויס דורך אונדזערע ליפּן, אָדער ״בדיבור פה״, מיט די ווערטער, וואָס מיר ברענגען אַרויס פון מויל. דאָן קומען נאָך די זינד פון ״טפשות פה״ (נאַרישקייטן), ״טומאת שפתים״ (אומריינקייט פון די ליפּן), ״כחש וכזב״ (ליגנס), ״לשון הרע״, ״לצון״ (אויסלאַכן), ״רכילות״. א.אז.וו.

גאַר באַזונדערס איז וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף די זינד, וואָס געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון ״אונאת רע״, אָפּנאַרן דעם מיטמענטשן, אים באַעוולהנען. און דאָ קומען אַריין ניט נאָר די עוולות פון אונאת ממון, פון אָפּנאַרן אַ מענטשן אין האַנדל, נאָר אויך אונאת דברים, באַעוולהנען דעם חבר מיט ווערטער.

דאָס קאַפּיטל אונאת דברים פאַרנעמט גאָר אַ וויכטיקן פּלאַץ אין אונדזער ידישער מאָראַל. און ווען דער ידישער מענטש קומט ערב יום כיפור איבערבעטן זיין חבר, מיינט ער טאָקע דער עיקר אונאת דברים. לערנט דאָך אונדז ר׳ שמעון בן יוחאי, אַז ״גדולה אונאת דברים מאונאת ממון״, די זינד פון באַעוולהנען מיטן וואָרט איז גרעסער ווי די זינד פון באַעוולהנען אַ מענטשן מאַטעריעל.

צו אונדזער באַדויערן ווערן מיר אין אונדזער פּאָליטישן לעבן ממש דערטרונקען אין דעם מבול פון אונאת דברים.

אַ צווייטע זייט פון דער מטבע פון זינדיקן מיט די ווערטער איז די זינד פון חניפה. עס איז דירעקט אַ פליכט ניט צו פאַרשווייגן קיין עוולות, אַפילו פונם נאָענטסטן פריינד, ״הוכח תוכיח את עמיתך״ — דאַרפסט שטראָפן דיין חבר,

דאַרפסט אים אויסריידן, ווען ער באַגייט אַן עוולה, כדי דו זאָלסט ניט ווערן קיין שותף צו זיינע זינד (ולא תשא עליו חטא). דער, וואָס זאָגט ניט דעם אמת, דער, וואָס פאַרשוויגט עבירות, ווערט אַליין אַ שותף צו דעם בעל עבירה. אָבער אויך אין דעם פאַל מוז מען זיין געוואָלדיק אָפּגעהיט. עס איז ניט רעכט צו שטראָפן אַ מענטשן אין דער אַנוועזנהייט פון אַנדערע, מען טאָר אים ניט פאַרשעמען. מען קען דאָס טאָן בלויז אין עקסטרעמע פאַלן, ווען קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ.

אידעען און מעשים
דער וועג פון מוסר

מיר נויטיקן זיך היינט אין אַ פילאָזאָפישער באַגרינדונג פון דעם אַשכנזישן וועג פון יידישקייט. דאָס איז דער וועג פון רבינו גרשום, רש״י, די בעלי התוספות און זייערע תלמידים. און עס וועט אפשר זיין צוועקמעסיקער צוצוגיין אַ ביסל נענטער צו אונדזער צייט. אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט אין די גרענעצן פון יידישן תחום אין צאַרישן רוסלאַנד געלעבט און געווירקט אַ גרויסער יידישער דענקער, ר׳ ישראל סאַלאַנטער. די ניט־יידישע וועלט ווייסט אפילו ניט, אַז אַזאַ דענקער האָט עקזיסטירט, און אויך אין אונדזער יידישער וועלט גופא האָט מען זיין אויפטו גאָר ווייניק אָפּגעשאַצט. בערך אין דער זעלבער צייט און אין דער זעלביקער מדינה האָט געלעבט און געווירקט אַ גרויסער רוסישער דענקער, לעוו טאָלסטאָי. דער נאָמען פון לעוו טאָלסטאָי איז וועלט־באַקאַנט און וועלט־באַרימט. עס וועט מן הסתם זיין שווער צו געפינען אַן אינטעליגענטן מענטשן אין אונדזער דור, וואָס זאָל ניט האָבן עפּעס געלייענט פון טאָלסטאָי אָדער וועגן טאָלסטאָי. און דאָך גלויב איך באמונה שלמה, אַז דער וועג פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז מער אַקטועל, מער צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען פון אונדזער צייט, ווי דער וועג פון לעוו טאָלסטאָי.

לעוו טאָלסטאָי איז געווען אַ גרויסער קינסטלער און אַ טיפער דענקער. זיין פונדאַמענטאַלער טעות איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט צו פיל געגלויבט אין אידעען און אין ליטעראַטור. אין דעם פּרט איז ער געווען אינגאַנצן נאַיוו ווי די מערסטע קריסטלעכע דענקער.

טאָלסטאָי האָט תמימותדיק געגלויבט, אַז מען קען אויסבעסערן די וועלט מיט די מיטלען פון ליטעראַרישער פּראָפּאַגאַנדע. טאָלסטאָי איז געווען זיכער, אז ווען מען קומט צום פאָלק מיט די אידעען פון קריסטנטום, ווי מען געפינט זיי אין דער עוואַנגעליע, וועט מען מיט דעם זיכער צוגרייטן דעם וועג פאַר אַ בעסערער וועלט.

גאָר אַן אַנדער צוגאַנג צו די פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען פון מאָראַל האָט געהאַט דער יידישער דענקער, ר׳ ישראל סאַלאַנטער. דער באַגרינדער פון דער מוסר־באַוועגונג האָט אויסגעצייכנט אָפּגעשאַצט די גרענעצן פון וויסן און ליטעראַרישער פּראָפּאַגאַנדע. ״ווייט איז דער וועג פון וויסן ביז טאָן, אזוי ווייט ווי פון הימל ביז צו דער ערד״. די מוסר־ספרים, וואָס מיר האָבן, האָט ר׳ ישראל

סאַלאַנטער געלערנט, זיינען געגוג. אונדז פעלט אָבער דער וועג פון מוסר. דער מעטאָד פון לערנען מוסר, מ׳זאָל טאַקע ווערן אַ בעל מוסר, אַן עטישער מענטש. דאָס איז געווען די פראַגע, די צענטראַלע פראַגע, וואָס ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט זיך געשטעלט.

אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין רוסלאַנד קיין אַנדער שרייבער ניט אַזוי פיל געלייענט געוואָרן ווי לעוו טאָלסטאָי. אין פאַרגלייך מיט אַזאַ ריז ווי טאָלסטאָי איז לענין געווען כמעט ווי אומבאַקאַנט. נאָר אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן האָט מען געלייענט לענינס שריפטן. און דאָך, האָט ניט טאָלסטאָי, נאָר לענין באַשטימט דעם גאַנג פון דער רוסישער געשיכטע פאַר אונדזער דור. אין וואָס איז באַשטאַנען לענינס כוח ?

טאָלסטאָי האָט געשאַפן ביכער. לענין האָט געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע. ער האָט דערצויגן אַ דור תלמידים. געוויס, געווען נאָך אַנדערע סיבות, וואָס האָבן געבראַכט די קאָמוניסטן צו דער מאַכט. אָבער ווען לענין וואָלט זיך באַנוגנט בלויז מיט ליטעראַרישער אַרבעט, מיט שרייבן ביכער, וואָלט דער קאָמוניזם קיינמאָל ניט באַוויזן צו פאַרכאַפן די מאַכט אין רוסלאַנד. דער באַגרינדער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג האָט זיך אַליין באַטראַכט ניט מער ווי אַן אויסטייטשער פון מאַרקסיזם. לענינס כוח איז באַשטאַנען ניט אין זיינע אידעען, נאָר אין זיין וועג, אין זיינע מעטאָדן. און די פראַגע, וואָס שטעלט זיך היינט פאַר אונדז, איז: אפשר איז דער מאָראַלישער קריזיס פון אונדזער צייט אויך אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס מיר האָבן ניט געפונען דעם וועג און די מעטאָדן ווי צו פאַרוואַנדלען מאָראַלישע אידעען אין מעשים פון טאָג־טעגלעכן לעבן ? לענין האָט געוויזן דעם וועג פאַר אַ דיקטאַטור. אפשר איז מעגלעך אויך צו געפינען דעם וועג פאַר אַ דעמאָקראַטישער וועלט ?

ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט פאַרשטאַנען אַז וויסן אַליין איז ווייניק, אויב מען קען ניט דערגרייכן צו דער מדרגה פון טאָן. און דאָס איז דער סוד פון יידישקייט, ווי ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט עס אַזוי וווּנדערלעך אויסגעטייטשט. יידישקייט איז די פאַרבינדונג פון תורה מיט מידות, פון תורה מיט מעשים. יידישקייט איז ניט סתם אַ פילאָזאָפיע, נאָר אַ וועג פון לעבן, אַ וועג, וואָס פירט צו אַ געלייטערט לעבן.

יידישע רעליגיעזע דענקער האָבן זיך לפי ערך ווייניק פאַרנומען מיט טעאָלאָגישע פּראָבלעמען. זיי האָבן זיך אָבער מער פאַרנומען מיט זוכן גאָטס וועגן. און ווען דער נביא ישעיה טרוימט וועגן דער צייט פון אחרית הימים, ווייזט ער אונדז די משיחישע וויזיע, ווען איין פאָלק זאָגט צום צווייטן: קומט און לאָמיר ארויפשטייגן צו גאָטס באַרג, צום הויז פון דעם גאָט פון יעקב. און ער וועט אונדז לערנען פון זיינע וועגן און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן("והלכו עמים רבים ואמרו לכו ונעלה אל הר ה׳ אל בית אלהי יעקב ויורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו. . ."׳).

פאַראַן אַ פּלאַץ פאַר יידישקייט אויך אין אונדזער צייט. יידישקייט ווייזט

אונדז ניט נאָר דעם וועג צו גאָט, נאָר אויך, און דער עיקר, דעם געטלעכן וועג אין טאָג־טעגלעכן מענטשלעכן לעבן, ווייל דער געטלעכער וועג מוז ווערן אַ מענטשלעכער וועג. דערפאַר לייקנט יידישקייט אינגאַנצן דעם וועג פון די קריסטלעכע אַסקעטן, די וואָס פרובירן אַנטלויפן פון דער וועלט. זיך אָפּזאָגן פון דער וועלט, אַנטלויפן פון לעבן, איז ניט אַזוי שווער. אַ סך שווערער איז צו באַהערשן דאָס לעבן, אריינצוברענגען מאָראַל און הייליקייט אין אונדזער וואָכעדיק לעבן.

*

די פּאָגראָמען אָנהייב אַכציקער יאָרן האָבן ממש צעטרייסלט די פונדאַמענטן פון דעם גאַנצן לעבנסשטייגער. עס הויבט זיך אָן דער שטראָם פון מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע, וואָס האָט מיט דער צייט געפירט צו דער אויספורעמונג פון דעם גרעסטן יידישן צענטער אין אונדזער צייט. די פּאָגראָמען האָבן אויך ארויסגערופן אַ טיפן חשבון הנפש אין די רייען פון דער יידישער אינטעליגענץ. לעאָ פּינסקער קומט אַרויס מיט זיין "אויטאָעמאַנציפּאַציע", מיט אַ רוף צו נאַציאָנאַלער זעלבסטהילף, צו נעמען דעם גורל אין אייגענע הענט. אין דער זעלביקער צייט קומען אויף די ביל"ו־גרופּעס, די ערשטע מאָדערנע ציוניסטישע חלוצים. דאָס האָבן די ביל"ו־גרופּעס געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער מאָדערנער ציוניסטישער באַוועגונג. עטלעכע יאָר שפּעטער קומען אויף אין ווילנע און מינסק די ערשטע גרעסערע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּעס. נאָך אַ צייט פריער האָט דער יידישער סאָציאַליזם געמאַכט זיינע ערשטע טריט אין אַמעריקע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער נייער תקופה איז דער גלויבן אין די אייגענע כוחות. די ווערטער פון דעם גרויסן הלל "אם אין אני לי מי לי?" (אויב איך וועל זיך אַליין ניט העלפן, ווער וועט מיר העלפן?) האָט לעאָ פּינסקער גענומען ווי אַ מאָטאָ פאַר זיין "עמאַנציפּאַציע". און דאָס איז פּאַקטיש געוואָרן דער צענטראַלער מאָטיוו פאַר אַלע מאָדערנע יידישע באַוועגונגען. יידן האָבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיטן גלויבן אין די אייגענע כוחות. זיי האָבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זייער עקשנות, מיט זייער מסירת נפשדיקן קאַמף פאַרן קיום. די נייע באַוועגונגען האָבן אָבער שטאַרקער אַרויסגעהויבן דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט צו באַשטימען דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן גורל. אין אַן אַנדער פאָרם האָט די מאָדערנע מוסר־באַוועגונג קלאָר פאָרמולירט די אַנטשיידנ־דיקע ראָל פון מענטשלעכן ווילן און מענטשלעכן חשבון. די גאַנצע תורה פון ר' ישראל סאַלאַנטער, פון דעם באַגרינדער פון דער מוסר־באַוועגונג, איז פּראַקטיש אַ תורה פון ווילן אין אַ רעליגיעז־מאָראַלישן נוסח. דאָס איז אין תוך די אַלטע יידישע תורה פון דער פרייהייט פון ווילן. ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, האָט דער מענטש בדרך כלל די מעגלעכקייט אויסצוקלייבן זיין וועג. אָבער סתם ווילן איז ניט גענוג. מען דאַרף וויסן, ווי דורכצופירן אין לעבן די גוטע כוונות, מיט וועלכע מיר טראָגן זיך אַלע אַרום. ר' ישראל סאַלאַנטער האָט געוויזן דעם וועג, וואָס פירט פון וויסן צו מעשים, פון ווילן צו טאָן. אָט דער גלויבן אין

מענטשן, דער גלויבן אין מענטשלעכן ווילן האָט אַריינגעשריבן אַ נײַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונדזערע ישיבות. און איך גלויב בפירוש, אַז די תורה פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז נאָך אויך אַקטועל פאַר אונדזער צײַט. טאַקע ווײַל אונדזער יוגנט בלאָנדזשעט אַזוי, ווײַל זי פילט זיך אַזוי פאַרלוירן און פאַריתומט. איך גלויב ערלעך און אויפריכטיק, אַז די תורה פון מוסר איז דער ענטפער פאַר דער יוגנט פון אונדזער צײַט. גאָר באַזונדערס פאַר אונדזער יוגנט אין די העכערע שולן.

אויך דער תלמוד איז פול מיט מוסר, מיט מאָראַלישע אָנווײַזונגען און מאָראַלישע פאָדערונגען. די גאַנצע תורה איז מוסר און דאָך איז מוסר אַן ענין פאַר זיך, ווײַל מוסר איז ניט סתם מאָראַל, מוסר איז די סטראַטעגיע פון מאָראַל; מוסר איז דער מאָראַלישער אַנאַליז. מוסר לערנט אונדז ווי אויסצוקלײַבן צווישן פאַרשיידענע וועגן, וואָס קענען פירן צו דעם זעלביקן ציל. די תורה פון מוסר העלפט אונדז זיך אָפּצוהיטן פון שטרויכלונגען, ווי זיך אויפצופירן אין צײַטן פון ניסיונות. און דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן איז דאָך פול מיט שטרויכלונגען און ניסיונות.

מוסר איז אַ גאַנצע וויסנשאַפט, און דאָס איז וויכטיק כסדר צו באַטאָנען. ס׳איז ניטאָ קיין מאַנאָפּאָל אויף מאָראַל, ס׳איז ניטאָ קיין מאַנאָפּאָל אויף אידעאַליזם. וואָס איינער האַלט פאַר אינגאַנצן גערעכט, קען דעם צווייטן צד אויסקומען אינגאַנצן אומגערעכט. דעריבער איז עס דער חוב גראָד פון אַ יונגן מענטשן, פון אַ מענטשן מיט אידעאַליסטישע אַמביציעס זיך אויסצולערנען די קונסט פון וועגן און מעסטן אַלע זײַנע מעשים. און ניט נאָר מעשים דאַרף מען וועגן און מעסטן, דער מאָראַלישער מענטש מוז זײַן אויך געוואַלדיק אָפּגעהיט מיט זײַן וואָרט.

מיר ווייסן, ווי שווער עס איז צו משפּטן און פאַרמשפּטן מענטשן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַרברעכנס, אָבער פּונקט אַזוי אָפּגעהיט מוזן מיר זײַן, ווען עס קומט צו משפּטן יחידים און גרופּעס פּאָליטיש אָדער מאָראַליש. דעריבער איז אַזוי וויכטיק זיך אויסצולערנען צו אַנאַליזירן די אייגענע אָדער דעם צווייטנס מעשים.

דער ענין מוסר איז אַ געוואַלדיקער ענין אין אַ צײַט, ווען אַלע אָנגענומענע עטישע באַגריפן ווערן געשטעלט אונטער אַ פראַגצייכן. דער יונגער מענטש פון היינט גיט זיך פּשוט ניט אָפּ קיין חשבון ווי שווער עס איז צו געפינען דעם ריכטיקן וועג, דעם ערלעכן וועג, דעם וועג פון יושר און מענטשלעכקייט. עס איז אַזוי גרינג צו פאַרבלאָנדזשען, אַזוי גרינג געשטרויכלט צו ווערן.

און עס שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס ווערט דער לימוד פון מאָראַל און מוסר אינגאַנצן איגנאָרירט אין אונדזערע העכערע שולן? מען לערנט אַלץ, אָבער אַזאַ ענין ווי מאָראַל עקזיסטירט אַפילו ניט. און אויב עס איז שוין יאָ דאָ אַ קורס פון מאָראַל, איז דאָס אַ ריין טעאָרעטישער. מען לערנט די געשיכטע פון מאָראַל, באַגריפן וועגן מאָראַל ביי פאַרשיידענע פעלקער א.אז.וו., אָבער די

פשוטע און גאַנץ קאָנקרעטע פראַגע, ווי דאַרף זיך אַ מענטש אויפפירן אין קריטישע סיטואַציעס, אַט די פראַגע ווערט איגנאָרירט.

די מערקווערדיקע באַגעגענעש פון פערזענלעכקייטן און אידעען

עס איז אַן אַלט־באַקאַנטער כלל — אויך ביכער און פערזענלעכקייטן האָבן זייער מזל. אויף גאַנץ אייגנאַרטיקע און אָפט פאַרפלאָנטערטע וועגן באַגעגענען זיך מענטשן פון פאַרשיידענע עפּאָכעס, לענדער און קולטורן. דאָס זיינען גייסטיקע באַגעגענישן, וועלכע שפּילן אָבער אָפט אַ וויכטיקע ראָל אין לעבן פון גאַנצע פעלקער. אַזאַ מערקווערדיקע באַגעגענעש איז אויך פאָרגעקומען מיט איבער אַ יאָרהונדערט צוריק צווישן צוויי פערזענלעכקייטן פון גאָר צוויי באַזונדערע וועלטן — צווישן דעם אַמעריקאַנער מלוכה־מאַן און פילאָזאָף, בענדזשאַמין פרענקלין און דעם גרויסן יידישן תלמיד חכם און בעל מוסר, ר׳ ישראל סאַלאַנטער.

דאָס איז, נאַטירלעך, געווען ניט מער ווי אַ גייסטיקע באַגעגענעש. ר׳ ישראל סאַלאַנטער און בענדזשאַמין פרענקלין האָבן געלעבט אין פאַרשיידענע צייטן און פאַרשיידענע לענדער. אַ גאַנצער יאָרהונדערט טיילט אָפּ דעם באַרימטן אַמעריקאַנער דענקער פון דעם יידישן תלמיד חכם פון דער ליטע. און דאָך איז צווישן זיי געווען אַ געוויסע גייסטיקע קרובהשאַפט, וואָס האָט מיט דער צייט זיך געמוזט אַרויסווייזן.

עס איז אָבער אין דעם געווען אַ סך מער ווי בלויז גייסטיקע נאָענטקייט צווישן צוויי פערזענלעכקייטן. עס האָבן זיך דאָ באַגעגנט צוויי קולטורן, וואָס האָבן געצויגן זייער יניקה פון איין קוואַל: די קולטור פון אַמעריקע אין זיבעצעטן און אכצעטן יאָרהונדערט און די קולטור פון די יידישע שטעט און שטעטלעך אין אַלטן רוסלאַנד און פוילן, ווי זי האָט זיך נאָך אויפגעהיט ביז צום אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט.

געווען נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט, וואָס האָט די צוויי קולטורן אַזוי דערנענטערט. די פּיאָנערן אין אַמעריקע און די יידן אין מזרח־אייראָפּע זיינען ביידע געווען פריי פון דער רעאַקציאָנערער ירושה פון פעאָדאַליזם, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַזאַ באַזונדערן שטעמפּל אויף דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון אייראָפּע. עס זיינען פּראַקטיש ניט געווען קיין פּריצים, ניט ביי יידן און ניט אין אַמעריקע. האָבן ביידע פעלקער ניט געהאַלטן פון פּריצישע מאַניערן און פּריצישער קולטור. יידן און אַמעריקאַנער זיינען געווען די וויכטיקסטע שעפער פון דער סוחרישער קולטור, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, פון אַ סוחרישער מאָראַל און אַ סוחרישן צוגאַנג צום לעבן.

מען האָט ביי אונדז ביז צום היינטיקן טאָג ניט אָפּגעשאַצט אין דער פולער

מאָס די געוואַלדיקע באַדייטונג פֿון דער סוחרישער קולטור. ביז צום היינטיקן טאָג פֿאַרנעמען גראַד די סוחרישע פֿעלקער, ווי האָלאַנד, ענגלאַנד און אַמעריקע, דעם ערשטן פּלאַץ ווי די פֿעסטונגען פֿון דעמאָקראַטיע און אמתן ליבעראַליזם. דאָס זיינען, אגב, אויך די לענדער, וווּ דער אַנטיסעמיטיזם האָט געפֿונען דעם שוואַכסטן אָפּקלאַנג. אויך אַ מאָדערנער סאָציאַליסט קען נאָך אַ סך לערנען פֿון דער אַלטער סוחרישער קולטור, וואָס ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן געשאַפֿן. ליידער האָבן אין אונדזער היינטיקן לעבן די אַלטע פֿעאָדאַליסטישע און מיליטאַריסטישע אידעאָלאָגיעס געשפּילט אַ צו גרויסע ראָל און האָבן אונדזער מאָדערנער קולטור געבראַכט אָן אַ שיעור שאָדן. מיר האָבן, ליידער, אין אונדזער וועלט, צווישן אונדזערע פֿירער און דענקער, צו פֿיל פּריצים און צו ווייניק סוחרים.

אַ גאַנצער תהום טיילט אָפּ דעם פּריץ פֿון דעם סוחר. דער פּריץ גלויבט, אַז אים קומט די גאַנצע וועלט; אַ קליינינקייט, אַזאַ יחסן ווי ער איז! דאַרף דעריבער אַ פּריץ ניט אַרבעטן, עס איז אַפֿילו אַ חרפּה פֿאַר אים צו אַרבעטן. דערפֿאַר אָבער האַלטן די פּריצים זייער אַ סך פֿון מלחמה. צונעמען עפּעס ביי אַ צווייטן מיט געוואַלט איז פֿאַרן פּריץ דער גרעסטער אויפֿטו. ווען אַ פּריץ וויל זיך "אָפּרוען", גייט ער אויף יאַגד, פֿאַרנעמט ער זיך מיט שיסן בעלי חיים, כאַפּן פֿיש און נאָך אַזעלכע הויך־ציוויליזירטע פֿאַרגעניגנס. מען דאַרף, אגב, ניט זיין קיין געבוירענער פּריץ כדי צו האָבן אַזעלכע פּריצישע השגות.

גאָר אַן אַנדער צוגאַנג צום לעבן האָט דער סוחר. אַ סוחר ווייס, אַז אומזיסט קריגט מען גאָרניט, אַז אויב מען וויל קויפֿן, מוז מען אויך פֿאַרקויפֿן, מען קען גאָרניט נעמען, אויב מען איז ניט גרייט עפּעס אָוועקצוגעבן. דער סוחר מוז פֿאַרשטיין די קונסט פֿון האַנדלען, פֿון דורכקומען און פֿון מושווה ווערן. דער קונד, וואָס קומט צו אים קויפֿן, איז די העכסטע אויטאָריטעט. דער קונה איז שטענדיק גערעכט, זאָגט אַ ווערטל. און אין דעם איז פֿאַראַן אַ טיפֿער זין. אָט דער פּרינציפּ איז איינער פֿון די וויכטיקסטע יסודות פֿון אונדזער מאָדערנער דעמאָקראַטיע.

פֿאַראַן, נאַטירלעך, אין האַנדל אַ סך שווינדל, אָפּנאַרעריי און ניט־ערלעכקייט. אין תוך אָבער איז דער האַנדל געבויט אויף אַן ערלעכן פּרינציפּ. דער האַנדל אַנערקענט ניט קיין אונטערשיידן צווישן מענטשן, צווישן פֿעלקער און ראַסן. פֿאַרן סוחר זיינען אַלע גלייך, אויב נאָר זיי באַצאָלן, און עס איז, לויט מיין מיינונג, ניטאָ קיין שום גרונד זיך צו באַציען צו דעם מיט ביטול. עס איז אַ חוץ דעם אויך פֿאַראַן אַ העכערע מאָראַל אין האַנדל. דאָס איז די מאָראַל פֿון חשבון פֿון רעספּעקט און דרך ארץ פֿאַר אַרבעט, צייט און געלט.

אַ קלאַסישער פֿאַרטרעטער פֿון אָט דער סוחרישער מאָראַל אין בעסטן און איידלסטן זין פֿון וואָרט איז געווען בענדזשאַמין פֿרענקלין. דאָס האָט באַזונדערס קלאָר אַרויסגעבראַכט דער גרויסער עקאָנאָמיסט און סאָציאָלאָג מאַקס וועבער אין זיין באַרימטן בוך "די פּראָטעסטאַנטישע מאָראַל און דער גייסט פֿון קאַפּיטאַליזם".

בענדזשאַמין פרענקלין האָט פאַרקערפּערט דעם שעפערישן גייסט פון דעם פּיאָנערישן אַמעריקע. אין זיינע שריפטן האָט ער אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן געבראַכט צום אויסדרוק די מאָראַל און די אידעאָלאָגיע פון דעם מענטשן מיט אַמביציעס, וואָס וויל תמיד עפּעס אויפטאָן און עפּעס איבערלאָזן פאַר קומענדיקע דורות.

די מאָראַל פון דעם פריץ איז די מאָראַל פון דעם אויסברענגער, פון דעם געניסער. בוכהאַלטערישע חשבונות אינטערעסירן אים ניט. לאָמיר עסן און טרינקען, ווייל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן. אין קעגנזאַץ צו דעם איז די מאָראַל פון בענדזשאַמין פרענקלין געווען דורך און דורך חשבון, אַפּט אַפילו קליינער קרעמע־רישער חשבון. ער פרעגט קיינמאָל ניט, וואָס האָסטו היינט געגעסן? ווי האָסטו פאַרבראַכט דיין צייט? נאָר — וואָס האָסטו היינט אויפגעטאָן, ווי האָסטו אויסגענוצט דיין צייט? יעדער טאָג דאַרף עפּעס אַריינברענגען אין דעם בוך פון לעבן, דאַרף באַרייכערן דאָס גייסטיקע און אויך דאָס מאַטעריעלע פאַרמעגן פון דעם מענטשן.

בענדזשאַמין פרענקלינס פילאָזאָפיע איז געווען אין אַ גרויסער מאָס באַאיינ־פלוסט פון יידישע אידעען. אין זיינע שריפטן געפינען מיר ציטאַטן ניט נאָר פון תנ״ך, נאָר אויך פון פרקי. אזוי, למשל, ציטירט ער פון פרק די באַקאַנטע שטעלע: טראַכט וועגן 3 זאַכן — פון וואַנען דו קומסט, וווּהין דו גייסט און פאַר וועמען דו דאַרפסט אָפּגעבן אַ חשבון (דע מאין באת ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון). און אָט די אידעע פון לעבן מיט אַ חשבון איז געוואָרן דער צענטראַלער מאָטיוו פון בענדזשאמין פרענקלינס דענקען.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערציילט פרענקלין, ווי אזוי ער האָט אויסגעאַרבעט אַ סיסטעם פון מאָראַלישער זעלבסט־דערציונג. די באַשרייבונג ווי אזוי ער האָט געאַרבעט איבער זיך אַליין, כדי מאָראַליש צו פאַרפולקאָמען זיין כאַראַקטער, געהערט צו די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען פון זיין אויטאָביאָגראַפיע. פרענקלין איז געווען אַ געמיש פון אַ שטרענגן געשעפטסמאַן און אַ געלערנטן, וואָס ציט זיך צוריק פון דער וועלט ווי אַ פּרוש. און ער האָט באמת געהאַט הצלחה סיי אלס געלערנטער און פּאָליטיקער און סיי אַלס געשעפטסמאַן. געהאָלפן האָט אים אין דעם פּרט זיין מאָראַלישע זעלבסט־דערציונג.

זיין סיסטעם פון דערציען זיך אַליין איז געווען זייער אַ פּראַקטישע, כמעט אַ סוחרישע. ער האָט איינגעפירט אַ סיסטעם פון מאָראַלישער בוכהאַלטעריע — יעדן טאָג צו פאַרשרייבן, וואָס ער האָט מאָראַליש דערגרייכט און וואָס ניט. די מעטאָדע איז געווען זייער אַן אייגנאַרטיקע. היות אַ מענטש קען ניט דערגרייכן קיין מאָראַלישע פולקאָמענהייט אין איין טאָג, מוז מען פּרובירן דורך סיסטעמאַ־טישער אַרבעט עס צו דערגרייכן ביסלעכווייז. פאַר דעם צוועק האָט ער אויס־געקליבן דרייצן מיצוות אָדער מאָראַלישע מידות, אין וועלכע ער זאָל זיך פאַרפאָלקאָמען. יעדע וואָך האָט פרענקלין גענומען אויף זיך צו אַרבעטן איבער

אַ באַשטימטער מאָראַלישער מידה, ווי, למשל, פּלייסיקייט, האַלטן זיך אין אָרדענונג, זיין באַשיידן, זיין גערעכט מיט פריינט און מיטמענטשן א.אז.וו.

אין לויף פון דרייצן וואָכן האָט פרענקלין לויטן פּלאַן געדאַרפט דורכגיין און זיך איינדיסציפּלינירן אין אַלע דרייצן מאָראַלישע געבאָטן. דאַן האָט ער ווידער אָנגעהויבן פון דאָס ניי, און אויף אַזאַ אופן האָט ער אין משך פון אַ יאָר איבערגעחזרט דאָס זעלביקע פיר מאָל.

יעדן פאַרנאַכט האָט ער געמאַכט דעם חשבון פון דעם טאָג און פאַרצייכנט אין זיין בוך דעם אַקטיוו און דעם פּאַסיוו. אַ חוץ דער הויפּט־מיצווה, איבער וועלכער ער האָט דעם טאָג געאַרבעט, האָט ער אין זיין פּנקס אויך פאַרצייכנט אַלע עבירות, וואָס ער האָט דעם טאָג באַגאַנגען בנוגע די איבעריקע צוועלף געבאָטן.

דער דאָמינירנדיקער מאָראַלישער מאָטיוו אין פרענקלינס פילאָזאָפיע איז געווען: דער מענטש האָט אַן אויפגאַבע דורכצופירן אין זיין לעבן, און זיין צייט איז דעריבער זייער טייער. מוז ממילא אַלץ געטאָן ווערן מיט פּלאַן און מיט אויסרעכענונג. קיינער קען ניט קריגן די צייט צוריק, וואָס ער האָט פאַרלאָרן. אָבער אויך מיט זיין געלט טאָר זיך אַ מענטש ניט אַרומוואַרפן. מיט געלט קען מען אַ סך אויפטאָן, מען קען אַ סך אויפבויען. געלט איז צייט און צייט איז געלט.

אָט דער געמיש פון פּראַקטישקייט און אידעאַליזם האָט שטאַרק אַפּעלירט צום יידישן סוחרישן מענטשן. איז טאַקע ניט קיין וווּנדער, וואָס סוף אַכצנטן יאָרהונדערט האָט איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע משכילים, מענדל לעפין, פון סאַטאַנאָוו, באַאַרבעט אויף אַ זעלבשטענדיקן אופן פרענקלינס סיסטעם פון מאָראַלישער זעלבסט־דערציונג. דאָס בוך פון מענדל לעפין הייסט ״ספר חשבון הנפש״ און דער צוועק פון דעם ספר איז — העלפן די מענטשן זיך אויסצוהיילן פון זייערע מאָראַלישע קראַנקהייטן דורך דעם, וואָס זיי וועלן אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן זיך באַמיען צו פאַרבעסערן זייער כאַראַקטער (להתרפאות מחליי המידות על ידי התמדת חינוך תיקוניהן בדרך חשבון).

מענדל לעפין האָט איבערגענומען אַ גרויסן טייל פון בענדזשאַמין פרענקלינס סיסטעם, ווי, למשל, די איינפירונג פון אַ בוכהאַלטעריע; די איינטיילונג פון דעם יאָר אין פעריאָדן צו דרייצן וואָכן; יעדע וואָך צו אַרבעטן איבער אַ באַשטימטן מאָראַלישן געבאָט און אויך כמעט די זעלביקע דרייצן מאָראַלישע געבאָטן, וועלכע פרענקלין האָט פאָרמולירט, הגם ער האָט איינגעשטעלט אַן אַנדער אָרדענונג.

עס מוז אָבער דערביי באַמערקט ווערן, אַז דער משכיל מענדל לעפין האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אָריגינעלקייט אין זיין ספר. אין אַ סך פּרטים איז דער ״חשבון הנפש״ אַוועק ווייטער ווי בענדזשאַמין פרענקלין. מענדל סאַטאַנאָווו איז געווען דורך און דורך אַ יידישער מענטש און זיין חשבון הנפש איז אַ יידישער חשבון. עס פעלט דאָ די קליינע פּראַקטישקייט, וואָס פאַלט אונדז אָפּט אויף אין פרענקלינס שריפטן. אַנקעגן דעם ווערן דאָ עפּטער באַטאָנט די עטישע און גייסטיקע מאָמענטן.

מענדל לעפין איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דער השכלה אין רוסלאַנד און פּוילן. ווי דאָס רוב אַנדערע תלמידי חכמים און משכילים ביי יידן, האָט ער געפירט אַן אָרעם לעבן. די פּרנסה־געבערין איז געווען זיין פרוי, וואָס האָט געהאַלטן אַ קרעמל פון געשיר. איין מאָל, ווערט דערציילט, איז דער פּוילישער פירשט טשאַרטאָריסקי געקומען אין קרעמל עפּעס קויפן און ער האָט צופעליק באַמערקט אַ דיק בוך אין דייטש. דאָס איז געווען אַ ווערק פון דעם דעמאָלט באַרימטן פילאָזאָף און מאַטעמאַטיקער וואָלף. דער פירשט איז געווען געוואַלדיק איבעראַשט, וואָס אַן אָרעמער יידישער קרעמער פאַרטיפט זיך אַזוי אין פילאָזאָפיע, און ער איז געוואָרן נאָענט באַפריינדעט מיט אים. דער פירשט טשאַרטאָריסקי האָט דעם יידישן משכיל געשטיצט מאַטעריעל און האָט אים אויך אַרויסגעהאָלפן ביים אַרויסגעבן זיינע חיבורים.

אין יאָר 1808 איז "חשבון הנפש" דערשינען אין דער ערשטער אויפלאַגע. דער רושם איז גלייך פון אָנהייב געווען זייער אַ שטאַרקער: אין פיל קהילות פון גאַליציע און פּאָדאָליע האָבן זיך אין יענער צייט געבילדעט ספּעציעלע חברות, וואָס זייערע תקנות זיינען צונויפגעשטעלט לויט די עטישע כללים פון לעפינס "חשבון הנפש" (י. צינבערג). זיין אמתן תיקון האָט אָבער דער ספר "חשבון הנפש" באַקומען עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער, ווען ר' ישראל סאַלאַנטער האָט געלאָזט דעם ספר איבערדרוקן פון דאָס ניי.

דער באַגרינדער פון דער מוסר־באַוועגונג האָט אַן אַ שיעור געהאַלטן פון דעם ספר "חשבון הנפש". עס איז אים באַזונדערס געווען צום הארצן דער סיסטעמאַטישער מעטאָד פון לערנען מאָראַל, פון דערציען זיך אַליין. ר' ישראל סאַלאַנטער האָט אויסגעצייכט געוווסט אַז ניט די אַבסטראַקטע אידעע איז וויכטיק, נאָר דער עיקר איז די פּראַקטישע דורכפירונג פון מאָראַלישע אידעען אין טאָג־טעגלעכן לעבן. אין דעם איז באַשטאַנען די גייסטיקע קרובהשאַפט פון דעם פילאָזאָף פון דעם פּיאָנערישן אַמעריקע און דעם יידישן דענקער פון ליטע. אין דעם איז אויך באַשטאַנען די גייסטיקע נאָענטקייט צווישן דעם מסכיליש־פילאָזאָפישן קרעמער מענדל סאַטאַנאָווער און דעם מתנגדישן למדן ר' ישראל סאַלאַנטער.

קורץ פאַר דער מלחמה איז דער ספר "חשבון הנפש" נאָך אַ מאָל איבערגע־דרוקט געוואָרן אין קאָוונע מיט אַן הקדמה פון דעם דעמאָלדיקן ראש הישיבה פון סלאָבאָדקע ר' יצחק אייזיק שער. אין די ישיבות האָט מענדל סאַטאַנאָווערס "חשבון הנפש" געהערט צו די וויכטיקסטע ספרים, אין וועלכע די מוסרניקעס פלעגן זיך פאַרטיפן. דער "חשבון הנפש" האָט געהאַט גאָר אַ גרויסע השפּעה אויף דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער מוסר־שיטה אין די גרויסע ישיבות. אויף אַזאַ אופן האָבן בענדזשאַמין פראַנקלינס אידעען געפונען אַ שטאַרקערן אָפּקלאַנג אין די ישיבות פון ליטע און פּוילן ווי אין די אוניווערזיטעטן אין אַמעריקע. אויך ביכער און אידעען האָבן זייער מזל און זייער וועג אין דער געשיכטע.

די יידישע אידעע פון זינד און תשובה
בחירה חפשית און פערזענלעכע אחריות

די פראַגע וועגן זינד, וועגן דער נאַטירלעכער זינדיקייט פון דעם מענטשן פאַרנעמט היינט כמעט אַ צענטראַלן פּלאַץ אין דער מאָדערנער פילאָזאָפישער ליטעראַטור. אויך די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע פאַרנעמט זיך אַ סך מיט דער פראַגע. עס איז מערקווערדיק, וואָס גראָד אין אונדזער צייט, אַ צייט פון ניט־גלויבן, אַ צייט פון אַפּיקורסות, טראָגן זיך אַ סך מענטשן אַרום מיט געפילן פון שולדיקייט און זינדיקייט.

צוויי און אַ האַלב יאָר — דערציילט אונדז אַ תלמודישע אגדה — האָט געדויערט די מחלוקת צווישן בית הלל און בית שמאי: איין טייל האָט געזאָגט — עס וואָלט געווען בעסער פאַרן מענטשן, ווען ער וואָלט גאָרניט באַשאַפן געוואָרן, אַ צווייטער טייל האָט געזאָגט — עס איז בעסער, וואָס דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן. מען איז סוף כל סוף געקומען דערצו, אַז עס וואָלט געווען בעסער ווען דער מענטש וואָלט ניט באַשאַפן געוואָרן. אָבער איצט, אַז ער איז שוין באַשאַפן געוואָרן, זאָל ער גוט אַכטונג געבן אויף זיינע מעשים.

דער מענטש איז טאַקע מייסטנס זינדיק און בייז. ער קען אָבער ווערן בעסער. ער דאַרף בלויז אַכטונג געבן, שטאַרק אַכטונג געבן, אויף זיינע מעשים. דער מענטש זינדיקט אָפט, עס איז אָבער פאַר אים תמיד אָפן דער וועג פון תשובה. און אפילו אין בייזע צייטן, ווען אַלע מענטשן בלאָנדזשען אויף די וועגן פון זינד, בלייבן נאָך איינצעלנע צדיקים, וואָס אין זייער זכות בלייבט אונדזער זינדיקע וועלט עקזיסטירן.

פאַראַן דריי קאַרדינאַלע זינד — לערנט אונדז דער תלמוד — פון וועלכע אַ מענטש מוז זיך באַזונדערס היטן, אפילו ווען דאָס זאָל אים קאָסטן דאָס לעבן. די דריי זינד זיינען: גילוי עריות (אָפּגעהיטקייט אין פאַמיליע לעבן); שפיכות דמים (ניט פאַרגיסן מענטשלעך בלוט) און עבודה זרה (געצן־דינסט). ווען אַ מענטש ווערט געצוווּנגען צו באַגיין איינע פון די דריי עבירות, איז ״יהרג ואל יעבור״, זאָל ער זיך בעסער לאָזן אומברענגען און ניט זינדיקן. איך וויל דאָ קודם כל אָנווייזן אויף דעם פּרינציפּ פון ״יהרג ואל יעבור״. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ קלאָרן צוגאַנג צו דער פּראָבלעם פון דער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטונג פון דעם יחיד. פאַראַן פאַלן, ווען אַ מענטש קען זיך ניט פאַרענטפערן דערמיט, וואָס מען האָט אים געצוווּנגען צו טאָן אַן עבירה. מען קען אַ מענטשן ניט צווינגען —

לערנט אונדז די יידישע טראַדיציע. אַ מענטש האָט די ברירה אין אַזעלכע פאַלן זיך צו לאָזן אומברענגען. מאַראַל, אמתע מאַראַל, נעמט אין זיך אריין די גרייטקייט צו מסירת נפש און קידוש השם.

וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן פאַר אונדז אַט די דריי קאַרדינאַלע עבירות, אויף וועלכע דער תלמוד ווייזט אָן?

די עבודה זרה פון היינט איז די פאַרגעטערונג פון דער מלוכה, פון דעם פירער, פון דער נאַציע, די פאַרגעטערונג פון פּאָליטישער מאַכט און דיליידנשאַפטלעכע תאווה צו מאַכט ביי פאַרשיידענע פירער. דער גרויסער טעאָרעטיקער פון דער נייער עבודה זרה פון מלוכה איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי העגעל, דער דייטשער דענקער, וואָס האָט אין זיין פילאָזאָפיע פאַרהערלעכט דעם דעמאָלטדיקן פרייסישן רעזשים. עס איז די עבודה זרה פון מאַכט און מלוכה, וואָס מאַכט מעגלעך די "אוממאָראַלישע געזעלשאַפט", אויף וועלכער עס האָט אָנגעוויזן ריינהאָלד ניבור: דער איינצעלנער מענטש איז אין זיין פּערזענלעך לעבן מער מאָראַליש, מער אַפּגעהיט אין זיינע באַציונגען צום מיטמענטשן ווי די געזעלשאַפט, ווי דער כלל. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס די פּראָבלעם פון אונדזער צייט — דער מאָראַלישער מענטש און די אוממאָראַלישע געזעלשאַפט. עס איז די עבודה זרה פון מלוכה און נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די שוידערלעכע געשעענישן אין אייראָפּע בעת די טראַגישע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ווי אַזוי איז מעגלעך געוואָרן דער דערפאָלג פון דער נייער עבודה זרה פון מלוכה און נאַציאָנאַליזם? דעם וועג האָט צוגעגרייט די פילאָזאָפישע אַנטוויקלונג פון ניינצעטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס האָט אין א גרויסער מאָס געלייקנט די מאָראַלישע פרייהייט פון דעם איינצעלנעם מענטשן.

דער מאַרקסיזם האָט פאָרמולירט די "געזעצן" פון דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. דאָס זיינען, האָט דער מאַרקסיזם געזאָגט, אייזערנע געזעצן.

אויך דער דאַרוויניזם, באַזונדערס דער "סאָציאַלער דאַרוויניזם", האָט געלאָזן ווייניק פלאַץ פאַר מאָראַל, פאַר די פּראָבלעמען פון זינד און תשובה. און פּונקט אַזוי ווייניק פלאַץ האָט דער סאָציאַלער דאַרוויניזם געלאָזן פאַר די פאָדערונגען פון פּערזענלעכער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטונג.

אויפן שוועל פון אונדזער יאָרהונדערט איז געקומען זיגמונד פרויד מיט זיין פּסיכאָלאָגישער שיטה, וואָס איז אויך אַ שיטה פון דעטערמיניזם. דער מענטש איז ניט פריי. ער האַנדלט לויט באַשטימטע געזעצן, וואָס ווערן צום גרעסטן טייל רעגולירט פון זיינע אינסטינקטן. אַט די אינסטינקטן ווירקן אין אים טיילווייז מיט זיין וויסן, און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס אָן זיין וויסן, אויף אָן אומבאַוווסטן אופן. פרויד רעדט ניט וועגן זינד, ער רעדט וועגן אַגרעסיווע אינסטינקטן ביים מענטשן, ער רעדט וועגן זיינע געפילן פון מורא און שולדיקייט. דאָס זיינען אָבער געפילן, וואָס דער מענטש קען ווייניק קאָנטראָלירן. דער כאַראַקטער פון דעם מענטשן ווערט לויט פרוידן שוין באַשטימט אין די ערשטע קינדער־יאָרן. דער

דערוואַקסענער מענטש קען זיך שוין מער ניט העלפן. ער האָט ניט מער די ברירה אויסצוקלייבן צווישן גוטס און שלעכטס. ער איז פאַקטיש ניט מער ווי אַ שפּיל פון זיינע אינסטינקטן. און וואָס איז שייך מאָראַל ? דערויף פּרובירט פרויד אונדז געבן אַן ענטפער אין הסכם מיט זיין טעאָריע פון אינסטינקטן. פרויד גלויבט ניט, אַז דער מענטש איז פון זיין נאַטור מאָראַליש, אַז ער איז אַ באַשעפעניש, וואָס האָט אַן אינערלעכן דראַנג צו לעבן סאָציאַל, צו לעבן צוזאַמען מיט אַנדערע און ממילא זיך צוצופּאַסן אויף אַ נאַטירלעכן אופן צו לעבן אין אַ געזעלשאַפט. עס איז די געזעלשאַפט, גלויבט פרויד, וואָס וואַרפט ארויף איר מאָראַל אויפן מענטשן. ריינהאָלד ניבור האָט געשריבן וועגן דעם מאָראַלישן מענטשן און דער אוממאָראַלישער געזעלשאַפט. פרויד, פאַרקערט, גלויבט אין דער מאָראַלישער געזעלשאפט און דעם אוממאָראַלישן מענטשן. און הגם פרויד האָט אַן אנונג פון די פּראָבלעמען פון זינד און תשובה, קען ער זיך אָבער מיט זיי קיין עצה ניט געבן, ווייל ער גלויבט ניט אין דער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יעדן איינצלנעם.

און דערמיט קומען מיר צו דער צענטראַלער פּראָבלעם פון דער צייט און פון מענטשלעכן לעבן בכלל. די געזעלשאַפט איז דאָך סוף כל סוף אַן אַבסטראַק־טער באַגריף. דער כלל באַשטייט פון יחידים, און אויף דעם אָדער יענעם אופן באַשטימט יעדער יחיד, לויט זיינע כוחות, דעם פּנים פון כלל. פאַראַן יחידים, וואָס באַאיינפלוסן די געזעלשאַפט אין אַ שטאַרקערער מאָס. דאָס זיינען די פּאָליטישע און גייסטיקע פירער פון אַ לאַנד, די קינסטלער, די וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון גרויסע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס א.אז. וו. אָבער אויך דער פּשוטער מענטש שפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדע ראָל אין סאָציאַלן לעבן. יעדער מענטש טראָגט עפּעס צו, יעדער מענטש קען באַאיינפלוסן די געזעלשאַפט.

דאָס איז די סאַמע עיקר־פראַגע פון דעמאָקראַטיע. אויב קאַמף, שנאה, קנאה און מלחמה זיינען די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון סאָציאַלן לעבן, אויב דער מענטש האָט וויניק מעגלעכקייט אַליין צו באַשטימען זיין גורל און ער קען ממילא ניט טראָגן די פולע אחריות פאַר זיינע מעשים, דאַן איז באמת ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר דעמאָקראַטיע. אַ דעמאָקראַטיע איז נאָר מעגלעך, ווען עס זיינען דאָ מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלעכע יחידים. אַ דעמאָקראַטישער סדר איז נאָר מעגלעך, ווען דער איינצעלנער קען קאָנטראָלירן זיינע אייגענע ליידנשאַפטן, ווען ער קען טראַכטן וועגן דעם מיטמענטשן, ווען ער פילט אחריות פאַרן כלל.

*

די באַגריפן פון זינד און תשובה זיינען אין תוך אוניווערסאַל, אַלגעמיין מענטשלעך — עס קען אָבער ניט געלייקנט ווערן, אַז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ באַזונדערער יידישער וועג פון תשובה. און דער יידישער וועג פון תשובה איז פאַרבונדן מיטן יידישן גלויבן אין דעם פרייען מענטשלעכן ווילן.

די אידעע פון בחירה חפשית, פון פרייען אויסקלייב, ליגט אין יסוד פון דער גאַנצער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע. די געבאָטן פון דער תורה זיינען ניט

סתם אַ גזירה פון הימל, נאָר אַ פרייוויליקער יאָך, אַ מאָראַלישע פאַרפליכטונג, וואָס דאָס פאָלק האָט אויף זיך גענומען.

און צוליב דעם טעם טאַקע האָט דער באַגריף זינד ביי יידן גאָר אַן אַנדער באַדייטונג. דער זינדיקער מענטש האָט געבראָכן זיין אייגענעם בונד. ער האָט ניט אָפּגעהיט דעם אָפּמאַך, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. און דער נביא ישעיה טענהט זיך אויס מיטן פאָלק: "דאָס גאַנצע לאַנד איז פול מיט זינד, ווייל זיי האָבן ניט אָפּגעהיט די געבאָטן, זיי האָבן איבערגעטראָטן דאָס געזעץ, זיי האָבן פאַרשטערט דעם אייביקן בונד (הפרו ברית עולם). דאָ קומט צו נאָך אַן אידעע. ברית עולם קען באַדייטן ניט נאָר דער אייביקער בונד, נאָר אויך דער וועלט־בונד, די אייביקע וועלט־געזעצן. ווייל די תורה ווערט פון די נביאים באַטראַכט ווי אַ וועלט־געזעץ. אָט די צוויי צענטראַלע אידעען, אַ בונד און אַ וועלט־געזעץ, זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַנצן יידישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון זינד און תשובה.

אינ׳ם ליכט פון דעם הייליקן בונד זעט דער נביא הושע די גאַנצע געשיכטע פון זיין פאָלק און די געשיכטע פון דער וועלט. און דער נביא פאַרגלייכט די יידישע זינד פון זיין צייט מיט דער זינד פון דעם ערשטן מענטשן: והמה כאדם עברו ברית. פונקט ווי אדם אזוי האָבן אויך די יידן געבראָכן דעם בונד.

ניצשע האָט ריכטיק באַמערקט, אַז די גרויסקייט פון דעם מענטשן באַשטייט דערין, וואָס ער קען מאַכן אַ צוזאָג. צוזאָגן און מקיים זיין, נעמען אויף זיך פליכטן, דאָס איז דער יסוד פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. אלע אונדזערע געשעפטלעכע אָפּמאַכן, די באַציונגען צווישן אַרבעטער און בעלי בתים, און אפילו די באַציונגען אין דער פאַמיליע, זיינען געבויט אויפן פּרינציפּ פון בונד.

אזוי באַקלאָגט זיך דער נביא מלאכי אויף די יידן פון זיין צייט, ווייל אַ סך פון זיי האָבן פאַרלאָזן זייערע פרויען. מיט פאַרביטערונג שרייט אויס דער נביא: "גאָט איז געווען דער עדות צווישן דיר און דער פרוי פון דיין יוגנט, וואָס דו האָסט געפעלשט אין איר, און זי איז דאָך דיין חברטע, די ווייב פון דיין בונד (והיא חברתך ואשת בריתך)". גאָט איז דער עדות פון דעם הייליקן בונד צווישן מאַן און ווייב.

גרויס איז דער מענטש, וואָס קען אָפּהיטן זיין צוזאָג. אָבער עס איז ניט אזוי גרינג אויסצוהאַלטן דעם שווערן עקזאַמען פון מענטשלעכקייט. פילן מיר זיך אָפט זינדיק. האָט אונדז ידישקייט געגעבן דעם וועג פון תשובה.

אין זיין הלכות תשובה זאָגט אונדז דער רמב״ם: דעם מענטשן איז געגעבן געוואָרן די פולע מאָראַלישע פרייהייט. אויב ער וויל אוסקלייבן פאַר זיך דעם גוטן וועג און ווערן אַ צדיק, האָט ער די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. און אויב ער וויל אויסקלייבן דעם וועג פון בייז און ווערן אַ רשע, האָט ער די פרייהייט דאָס צו טאָן"...

דער רמב״ם פּאָלעמיזירט דאָ גאָר באַזונדערס געגן דער קריסטלעכער אידעע פון פּרעדעסטינאַציע, וועלכע מיר געפינען אין אַ סעקולאַריזירטער פאָרם אין

דער פילאָזאָפיע פון דעטערמיניזם. דאָ קען, נאַטירלעך, ניט זיין קיין רייד וועגן זינד און תשובה.

די גרויסקייט פון דעם מענטשן באַשטייט אין דעם — האָט אַ מאָל געזאָגט אַן אָריגינעלער יידישער דענקער — וואָס ער קען זינדיקן. דער מענטש איז, לויט דער יידישער טראַדיציע, דאָס איינציקע באַשעפענעש אויף דער וועלט, וואָס האָט די ברירה אויסצוקלייבן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן דעם וועג פון זינד און דעם וועג פון מיצוות און מעשים טובים.

אין לויף פון דורות האָבן פרומע דענקער און פירער געזוכט וועגן און מיטלען ווי צו פירן מלחמה מיטן יצר הרע, ווי צו באַקעמפן די זינדיקייט פון דעם מענטשן. דער אמת איז, אַז אפילו אונדזערע מאָדערנע וועלטלעכע באַוועגונגען האָבן זיך פאַרנומען מיט דער מלחמה געגן דעם יצר הרע. דער קאַמף פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז אַ סך מער ווי בלויז אַ פּאָליטישער קאַמף: מען מוז מאַכן אַ סוף צום יצר הרע פון דעם גאָלדענעם קאַלב און אַלץ וועט ווידער ווערן גוט אויף דער וועלט.

דער אמת איז, אַז אונדזערע אַלטע רעליגיעזע דענקער האָבן געוווּסט, אַז די פּראָבלעם פון יצר הרע און פון דער מלחמה מיטן יצר הרע איז אַ סך ברייטער און קאָמפּליצירטער. אין אַן אַלטן מדרש לייענען מיר: ווען דער מענטש האָט טענות צום רבונו של עולם: דו האָסט מיך באַשאַפן מיטן יצר הרע, ווי קענסטו פון מיר פאַרלאַנגען, איך זאָל ניט זינדיקן? ענטפערט אים גאָט ברוך הוא: פאַראַן נאָך שווערע און ביטערע זאַכן, וואָס איך האָב באַשאַפן אויף דער וועלט, און איר, מענטשן, האָט זיך אויסגעלערנט זיי זיס צו מאַכן (כמה דברים קשים יש בעולם יותר מיצר הרע ומרים ממנו, ואתם ממתיקים אותם), אזוי, למשל, טוט איר מיט די ביטערע פלאַנצן און קרייטעכצער, וואָס איר קאָכט זיי און לאָזט זיי דורך זיבן וואַסערן, ביז זיי ווערן זיס. פאַרוואָס זאָלט איר ניט קענען אויסלייטערן און זיס מאַכן דעם יצר הרע? דאָס איז דער יידישער צוגאַנג צו דער פּראָבלעם. די אויפגאַבע פון דעם מענטשן איז ניט אָפּצוטויטן דעם יצר הרע און זיך צו באַפרייען פון די נאַטירלעכע מענטשלעכע ליידנשאַפטן, נאָר זיי אויסצולייטערן און אויסצואיידלען. דאָס איז דער וועג פון דער מענטשלעכער קולטור בכלל.

די מלחמה געגן זינד און רישעות איז אין דער ערשטער שורה איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דעם איינצעלנעם. „יעדער מענטש דאַרף זיך פאָרשטעלן ווי ער אַליין און די גאַנצע וועלט מיט אים וואָלט געווען אַ העלפט שולדיק און אַ העלפט ריין פון זינד; טוט ער איין מיצווה, איז וויל צו אים, וואָס ער האָט מיט זיינע מעשים איבערגעוויגן זיין אייגענעם גורל און דעם גורל פון דער וועלט אויף דער שאָל פון זכות. האָט ער געטאָן איין עבירה, איז ווי צו אים, וואָס ער האָט איבערגעוויגן זיך און די גאַנצע וועלט אויף דער שאָל פון זינד" (לעולם יהא אדם רואה את עצמו חציו זכאי וחציו חיב; עשה מצוה אחת אשריו, שהכריע

את עצמו ואת כל העולם כלו לכף זכות; עבר עבירה אחת, אוי לו שהכריע את עצמו ואת כל העולם כלו לכף חובה).

דאָס איז דער יסוד פון מאָראַלישער דעמאָקראַטיע. יעדער מענטש קען מיט זיינע מעשים העלפן מתקן זיין די וועלט. און אויך, חס ושלום, פאַרקערט. צוליב דעם איז די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטונג פון דעם מענטשן אזוי גרויס. איז ממילא אויך ניט קיין וווּנדער, וואָס יידן האָבן אָפּגעגעבן אזוי פיל אויפמערקזאַמקייט צו די פּראָבלעמען פון זינד און תשובה, פון מאַכן אַ חשבון מיט זיך און מיט דער וועלט. די יידישע טראַדיציע האָט זיך ניט באַנוגנט מיט איין טאָג פון תשובה אין יאָר, נאָר האָט אַנטוויקלט אַ גאַנצע סיסטעם פון תשובה־טעג, וועלכע הויבן זיך אָן מיטן ערשטן טאָג פון אלול און פאַרענדיקן זיך אין דעם טאָג פון הושענא רבה.

מען האָט אויך ניט פאַרגעסן אָן ריין אויסערלעכע מיטלען, ווי דאָס בלאָזן פון שופר, כדי צו וועקן און דערמונטערן דעם עולם צו תשובה און מעשים טובים.

די יידישע טראַדיציע האָט אונדז געלערנט מוטיק צו באַגעגענען דעם אייגענעם געוויסן און זיך אַליין צו משפטן. מיר איז אויסגעקומען מיט אַ קורצער צייט צוריק בייצוזיין ביי אַ לייכטן אויטאָמאָביל־אַקסידענט. עס האָט זיך צונויפ־געקליבן אַ גרויסער עולם, און איינער פון די אַנוועזנדע האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ גוטע זאַך עס איז, צו זיין פאַרזיכערט אין פאַל פון אַזעלכע אַקסידענטן. מען ווערט פטור פון פערזענלעכער אחריות און די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט רעגולירט שוין אַלץ. איך בין געוואָרן מאָדנע אומרויק באַטראַכטנדיק די רויקייט פון דעם מענטשן. אוודאי איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר יעדן אויטאָ־מאָביל־פאָרער צו זיין פאַרזיכערט, אָבער פון מאָראַלישער אחריות קען קיין שום פאַרזיכערונג ניט באַפרייען.

דער זין פון תשובה איז צו לעבן מיט זיך און ניט צו אַנטלויפן פון זיך. און אונדזער קולטור האָט אַ סך מיטלען ווי צו העלפן דעם מענטשן זיך צו פאַרגעסן, זיך צו פאַרשיכורן. אפילו דאָס צו פיל פאַרנומען זיין מיט געשעפטן איז פאַר אַ טייל מענטשן אַ פאָרם פון ספּאָרט, ווייל זיי ווייסן ניט, וואָס צו טאָן מיט זיך.

עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו לייקענען, אַז אויך די רעליגיעזע קולטור האָט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס די פונקציע, העלפן דעם מענטשן זיך צו פאַרגעסן.

זי טוט עס, אזוי ווייזט מיר אויס, אויף אַ מער לויטערן און קולטורעלן אופן ווי געוויינטלעך. ווי וואָלטן דען אונדזערע עלטערן געקענט אַריבערטראָגן די שווערסטע צייטן פון גלות אָן דעם רעליגיעזן גלויבן און אָן זייערע משיחישע האָפענונגען? אין אַזעלכע טראַגישע מאָמענטן האָט זיך דער ייד געראַטעוועט אין בית מדרש און האָט פאַרגעסן זיינע צרות ביי אַ בלאַט גמרא אָדער ביי אַ קאַפּיטל תהילים. דאָס איז געווען דער יידישער "עסקעיפּיזם", די יידישע שיכרות.

אין די טעג פון תשובה און חשבון הנפש ווערט אָבער דער ייד גערופן ניט זיך צו פאַרגעסן, נאָר זיך צו דערמאָנען; ניט צו אַנטלויפן פון זיך, נאָר זיך אומקערן צו זיך און צו לעבן מיט זיך. אין די טעג דאַרף דער מענטש באַטראַכטן זיינע מעשים און נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלץ וואָס ער

האָט געטאָן. אין די טעג שטייט דער מענטש פאַר זיין טאַטן אין הימל ניט ווי אַ קליין קינד, נאָר ווי אַ דערוואַקסענער, וואָס איז שולדיק אַ חשבון דעם ריכטער פון דער וועלט און זיין אייגענעם געוויסן.

פאַראַן אַ מאַיעסטעטישע גרויסקייט אין די אומעטיקע טעג פון דעם חודש אלול, אין די סליחות פרימאָרגנס פון דער וואָך פאַר ראש השנה, ווען דער שמש גייט ארויס פאַרטאָג וועקן און רופן דעם עולם אין שול אריין: עס איז די מאַיעסטעט פון אונדזער געוויסן, פון מאָראַליש דערהויבענע און פאַראַנטוואָרט־לעכע מענטשן.

תשובה און גאולה

(אין די טעג פון תשובה־טאָן)

מיר ווייסן אַלע ווי געפערלעך עס קען ווערן די מידה פון גאווה, די יאָגענעש נאָך כבוד און מאַכט. און דאָך איז צו פיל עניוות פאַר אונדז ניט קיין קלענערע געפאַר ווי צו פיל גאווה, דאָס האָבן באַזונדערס פאַרשטאַנען די תלמידים פון רבי ישראל סאַלאַנטער, דעם באַגרינדער פון דער מוסר־באַוועגונג. עס איז געווען רבי נאָטע הירש פינקעל, דער גייסטיקער פירער פון דער באַרימטער ישיבה אין סלאָבאָדקע, וואָס האָט געשאַפן די שיטה פון "רוממות האדם", די דערהויבונג פון דעם מענטשן.

אין דער וועלט פון תורה האָט די גרויסע סלאָבאָדקער מוסר־ישיבה פאַרנומען גאָר אַ באַזונדערן פּלאַץ. און דאָס האָט סלאָבאָדקע געהאַט צו פאַרדאַנקען דער עיקר איר אייגענעם וועג פון מוסר. עס איז גאַרניט אזוי גוט, ווען דער מענטש איז צו באַשיידן, ווען ער שאַצט ניט אָפּ זיין באַדייטונג — האָט געלערנט רבי נאָטע הירש פינקעל, "דער אַלטער", ווי זיינע תלמידים האָבן אים גערופן. עס איז אַ גרויסער יחוס און גאָר אַ גרויסע אחריות צו טראָגן אויף זיך דעם צלם אלקים. מיר מוזן קענען אָפּשאַצן די גרויסקייט און די הייליקייט פון דעם מענטשן, כדי צו פאַרשטיין ווי חשוב און טייער אַ מענטש איז, ווי וויכטיק עס איז יעדע מינוט פון אונדזער לעבן. יעדער איינצעלנער דאַרף תמיד האָבן אין זינען — אַזוי האָט "דער אַלטער" פון סלאָבאָדקע געלערנט — אַז צוליב אים און פון זיינעטוועגן איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, ווי עס ווערט געזאָגט אין תלמוד, איטלעכער מענטש דאַרף ביי זיך טראַכטן — בשבילי נברא העולם, פון מיינעטוועגן איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן.

די גרויסקייט פון דעם מענטשן באַשטייט דערין, האָט געזאָגט ר' יוסף יוזל הורוויץ, דער גרינדער פון דעם נאָוואַראַדקער וועג אין מוסר, וואָס ער קען זינדיקן. דער מענטש איז ניט קיין מלאך, ער קען אויסקלייבן צווישן גוטס און שלעכטס. דערין באַשטייט זיין גרויסקייט און דאָס איז אויך די סיבה פון זיינע טראַגישע בלאָנדזשענישן.

וואָס איז דער טיפּערער זין פון דעם יידישן רוף צו תשובה? עס איז אַ רוף צום כלל און אַ רוף צו יעדן איינצעלנעם. און יעדער איינצעלנער איז — לערנען אונדז די תלמידים פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער — אַ גאַנצע וועלט. יעדער איינצעלנער מוז ביי זיך טראַכטן, בשבילי נברא העולם, פון מיינעטוועגן איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, ניט נאָר פאַר מיינע אייגענע מעשים טראָג איך אחריות, אויך דער גורל פון דער וועלט האָט גאָר אַ גרויסע שייכות צו מיר.

פאַראַן אַ טענדענץ אין אונדזער צייט צו מאַכן צו קליינגעלט אַלץ, וואָס דער איינצעלנער מענטש קען אויפטאָן. מען רעדט וועגן אייזערנע היסטאָרישע געזעצן, וועגן עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס באַשטימען דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע. אין דעם פּרט האט דער מאַרקסיזם באַזונדערס געזינדיקט.

קאַרל מאַרקס האָט באַוויזן, באַמערקט ריכטיק ניקאָלאַי בערדיאַיעוו, איינער פון די אָריגינעלסטע דענקער פון אונדזער צייט, אַז קלאַסן־אינטערעסן באַאיינפלוסן אין גאָר אַ גרויסער מאָס אונדזער אופן פון דענקען, אונדזער צוגאַנג צו סאָציאַלע און מאָראַלישע פּראָבלעמען. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז עס זיינען ניטאָ קיין אַלגעמיין מענטשלעכע אמתן. האָט מאַרקס אַליין געגלויבט, אַז זיין שיטה איז דאָך דער אַבסאָלוטער אמת.

ניקאָלאַי בערדיאַיעוו באַמערקט ריכטיק ווייטער, אַז מאַרקס איז דורך און דורך געגרעכט, אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן מענטשלעכע טעותן: אונדזערע בלאַנדזשענישן, אונדזערע טעותן ווערן מייסטנס באַאיינפלוסט פון אינטערעסן, אַ מאָל זיינען עס פּערזענלעכע איטערעסן, אַ מאָל — קלאַסן־אינטערעסן. פּאַרטייישקייט, נאַציאָנאַליזם און פאַרשיידענע גרופּן־אינטערעסן קענען דאָ שפּילן אַ באַדייטנדע ראָל. אונדזערע אמתן אָבער זיינען אַלגעמיין מענטשלעכע אמתן.

און נאָך אַ זאַך מוז מען האָבן אין זינען, און אויך דערויף האָט ריכטיק אָנגעוויזן ניקאָלאַי בערדיאַיעוו: דעם אמת מוז מען זוכן! מיר זיינען די בעלי בתים איבער די איינדרוקן, וואָס מיר באַקומען פון דרויסן און יעדער מענטש שאַפט זיך אויף זיין אופן אַ בילד פון דער וועלט. דער פילאָזאָפישער צוגאַנג פון ניקאָלאַי בערדיאַיעוו ווערט, אַגב, אין גאָר אַ באַדייטנדער מאָס באַשטעטיקט דורך די רעזולטאַטן פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע. דער מענטשלעכער ווילן שפּילט אַ ראָל אפילו דאָן, ווען מען באַמיט זיך צו זיין אינגאַנצן אָביעקטיוו. דער מענטש זעט אָפט נאָר דאָס, וואָס ער וויל זען. פאָדערט זיך דעריבער גאָר אַ באַזונדערע אָנשטרענגונג צו זען דעם אמת, וואָס לעבט אין אונדז און וואָס ווירקט אין דער וועלט אויסער אונדז.

און דערמיט קומען מיר צום תלמודישן מאמר: פון מיינעטוועגן איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן. געוויס, דאָס איז גאווה, אָבער אַזוי דאַרף עס זיין: דאָס איז דער ריכטיקער וועג פון גאווה. פאַראַן אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן דער וווּלגאַרער גאווה, וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט אין אונדזער וועלט, און אָט דעם טיף־מענטשלעכן שטאָלץ, וואָס ווערט געפּרעדיקט פון די מוסרניקעס, פון די אָנהענגער פון דער שיטה וועגן רוממות האדם, וועגן דער גרויסקייט און

דערהויבנקייט פון דעם מענטשן. דאָ רעדט זיך ניט וועגן איינצעלנע העלדן, וועגן גרויסע פירער. יעדער מענטש איז באַרעכטיקט צו זאָגן: בשבילי נברא העולם. איך בין אַ שותף צו דער וועלט און איך קען זיך ניט באַפרייען פון מיין חלק פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון דער וועלט. עס איז אָבער אַ טעות צו זאָגן, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן פאַר דער וועלט, פאַרן כלל, ווי דאָס טראַכטן אַ סך פּאָליטישע דענקער. ניין, די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פאַרן מענטשן. מען טאָר ניט זיין צו באַשיידן! מען טאָר ניט טראַכטן: ווער בין איך און וואָס בין איך? ווי קען איך ענדערן די וועלט, ווי קען איך פאַרבעסערן די וועלט? דאָס איז אַ פאַלשער צוגאַנג. יעדערער פון אונדז קען עפּעס טאָן פאַר דער וועלט. גוטע מעשים ווערן ניט פאַרלאָרן, ווי קליין, ווי באַשיידן זיי זאָלן ניט זיין. אָט איז אין אונדזער דור אויפגעריכט געוואָרן מדינת ישראל. ווי אַזוי איז דאָס געשען? אוודאי האָבן דאָ איינצעלנע פירנדיקע פערזענלעכקייטן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל. דר. הערצל, אחד העם, חיים ווייצמאַן און נאָך אַ סך אַנדערע. אין סך הכל אָבער איז ארץ ישראל אויפגעבויט געוואָרן דורכן גאַנצן פאָלק, דורך די מוטיקע חלוצים, דורך די אַלע, וואָס האָבן בייגעטראָגן זייער מאַטעריעלע אונטערשטיצונג, דורך די, וואָס האָבן געהאָלפן שאַפן די גייסטיקע אַטמאָספערע א.אז.וו. מיר טאָרן אָבער אויך ניט אויסלאָזן פון דעם חשבון אַלע פריערדיקע דורות: אָט די, וואָס האָבן טאָג נאָך טאָג דערמאָנט ציון און ירושלים אין זייערע תפילות, די אַלע, וואָס האָבן געטרויערט איבערן חורבן, די וואָס האָבן אָפּגעריכט חצות, די וואָס האָבן אָפּגעהיט די תעניתים, די אַלע, וואָס האָבן אין לויף פון דורות געהאָפט און געוואַרט אויף דער גאולה. מדינת ישראל איז אויפגעבויט געוואָרן דורך דער מסירת נפשדיקער אַרבעט פון די חלוצים, אָבער אויך דורך די טרערן פון פאַרגאַנגענע דורות, דורך די משיחישע בענקענישן פון אַ גאַנץ פאָלק. ניין, מיר טאָרן ניט זיין צו באַשיידן! מיר קענען העלפן בויען אַ וועלט, מיר קענען העלפן מתקן זיין די וועלט. דאָס איז דער זין פון יידישער תשובה.

*

דער צענטראַלער מאָטיוו, וואָס ציט זיך ווי א רויטער פאָדים דורך דער גאַנצער יידישער טראַדיציע, איז: פאַראַן אַזאַ זאַך ווי מאָראַלישע וועלט-אָרדענונג. אַן אוניווערסאַלע מאָראַל, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט אין דער געשיכטע. און ממילא איז פאַר די נביאים געווען קלאָר, אַז תשובה איז דער וועג צו אַ בעסערער וועלט, צו אַ גערעכטערער וועלט. אַזוי איז דער עיקר פון יידישקייט: גלויבן אין דעם מענטשן און אין זיין מאָראַלישן כוח.

די פערזענלעכקייט פון משיח פאַרנעמט ניט קיין צענטראַלן פּלאַץ אין דער נביאישער אוטאָפּיע פון דער צוקונפט. אין דער באַקאַנטער נבואה פון ישעיהו וועגן דער צייט פון "אחרית הימים" ווערט די משיחישע געשטאַלט בכלל ניט דערמאָנט. פאַראַן, אמת, אויך שטעלן ביי די נביאים, וווּ די משיחישע פערזענלעכ-קייט שפּילט אַ געוויסע ראָל. עס איז אָבער אַבסאָלוט קלאָר, אַז דער אַנטשיידנ-דיקער כוח אין דער געשיכטע איז ניט דער משיחישער העלד, נאָר דאָס גאַנצע

פאַלק. דער וועג צו תשובה איז אויך דער וועג צו גאולה, דער וועג צו אויסלייזונג. די מעשים פון גאַנצן כלל און פון יעדן יחיד באַשטימען דעם גאַנג פון דער געשיכטע.

די זעלביקע פילאָזאָפיע באַגעגענען מיר אויך אין דער תלמודישער ליטעראַטור. די משיחישע געשטאַלט פאַר זיך אַליין האָט זיי ווייניק באַגייסטערט. דאָס גאַנצע פאַלק איז אַ שותף צו דער גאולה. דאָס גאַנצע פאַלק מוז מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי צוצוגרייטן דעם וועג פאַר דעם משיחישן אויסלייזער.

די משיחישע אידעע האָבן די קריסטן איבערגענומען אינגאַנצן פון דער יידישער טראַדיציע. און דאָך איז פאַראַן אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן דעם יידישן און דעם קריסטלעכן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון מאָראַל, זינד און תשובה. אין דער קריסטלעכער טראַדיציע פאַרנעמט די געשטאַלט פון ישו הנוצרי דעם צענטראַלן פּלאַץ. דאָס איז ביסלעכווייז דערגאַנגען צו אַ פולער פאַרגעטערונג פון דער קריסטוס־געשטאַלט. און ממילא איז דער קריסטלעכער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון זינד און תשובה גאָר אַן אַנדערער ווי דער יידישער. דער איינצעלנער מענטש פאַרנעמט אין דער קריסטלעכער פילאָזאָפיע אַ גאַנץ באַשיידענעם פּלאַץ. מען קען אַפילו זאָגן, אַז דער איינצעלנער מענטש איז כמעט אינגאַנצן אומבאַהאָלפן ווי אַ מאָראַלישע פערזענלעכקייט. די דירעקטע מעשים פון דעם יחיד שפּילן ניט קיין באַדייטנדיקע ראָל. אין דער געשיכטע פון דער וועלט זיינען, לויט דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע, געווען צוויי אנטשיידנדיקע געשעענישן. די ערשטע אַנטשיידנדיקע געשעעניש איז געווען די זינד פון אדם הראשון. מיט זיין זינדיקן האָט אדם הראשון באַשטימט דעם גורל פון אַלע ווייטערדיקע דורות. דער מענטש ווערט געבוירן אַ זינדיקער און אַלע דורות זינט אדם און חוה זיינען פאַרמשפּט צו אַ זינדיק לעבן. די צווייטע אנטשיידנדיקע געשעעניש איז געווען, אזוי גלויבן די קריסטלעכע טעאָלאָגן, דאָס באַווייזן זיך פון ישו הנוצרי, וועלכער האָט מיט זיין לעבן און טויט אויסגעקויפט דעם מענטשן פון דער זינד פון אדם הראשון. די ניט־גלויביקע, ווי געלייטערט און הייליק זייער לעבן זאָל ניט זיין, בלייבן אונטער דער קללה פון אדמס זינד.

די יידישע טראַדיציע לייקנט אינגאַנצן אָפּ דעם פאַטאַליסטישן צוגאַנג צו מענטשלעך לעבן. די געשיכטע פון אדם און חוה האָט מער אַ סימבאָלישן זין. זינד איז ניט סתם אַ מיסטישער באַגריף, אַ ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון וועלכער מיר קענען זיך ניט באַפרייען. יעדער איינצעלנער מענטש דאַרף כסדר באַשטימען זיין וועג אין לעבן: ער קען פאַרזינקען אין זינד און ער האָט די מעגלעכקייט צו געפינען דעם וועג צו תשובה.

עס קען קיין שום ספק ניט זיין, אַז די קריסטלעכע פילאָזאָפיע וועגן זינד און פאַרגעבונג פון זינד האָט באַדייטנד פאַרשטאַרקט די מאָראַלישע פּאַסיוויטעט אין דער קריסטלעכער קולטור־וועלט. די געשיכטע האָט באַוויזן, אַז דער וועג פון בלויז אַ משיחישן גלויבן, אַ גלויבן אָן פאַרפליכטונגען, איז געווען און געבליבן אַ פאַלשער וועג.

די פרייהייט פון דער פּערזענלעכקייט, די פרייהייט אויסצוקלייבן דעם אייגענעם וועג, איז דער יסוד פון מאָראַלישער דעמאָקראַטיע. אויב דער מענטש איז פריי, קען ער זינדיקן, און אויב דער מענטש איז פריי, קען ער אויך געפינען דעם וועג צו תשובה. מוז ממילא דער מענטש כסדר מאַכן אַ חשבון פון זיין לעבן, פון זיין וועג אין לעבן. מוז דעריבער אויך דער מענטש פאַרשטיין ווי גרויס עס איז זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיך, פאַר זיינע אייגענע מעשים און פאַר דעם גורל פון דער וועלט. דאָס איז דער זין פון דעם יידישן רוף צו תשובה.

שולד און שטראָף
די שולד פון כלל

פאַר דעם ריכטער שטייט אין דער ערשטער שורה די פראַגע פון שולד אין איר ריין יורידישן פאַרנעם. ריכטער טאָרן זיך ניט לאָזן פאַרפירן צו ווייט אויף זייטיקע וועגן. זיי מוזן זיך האַלטן ביי די קלאָרע און שטרענגע פאָרמאַליטעטן פון געזעץ. דאָס איז נאַטירלעך און ריכטיק. די ברייטע עפנטלעכקייט קען זיך אָבער דערלויבן מער פרייהייט. זי איז באַרעכטיקט צו שטעלן די פראַגע אַלגעמיין געזעלשאַפטלעך, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אונדזער מאָראַלישער און פילאָזאָפישער באַציונג צו דעם ענין פון מענטשלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, צו די פּראָבלעמען פון שולד און שטראָף.

גאַנץ אַמעריקע איז געווען טיף דערשיטערט, ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן די נייעס וועגן די זעקס דערטרונקענע מאַרין־סאָלדאַטן בעת אַ ביינאַכטיקן מאַרש. אַלע האָבן געפאָדערט אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג און אַלע האָבן מיטגעפילט מיטן גאַנצן האַרצן די טראַגעדיע פון די אומגעקומענע און דעם צער פון די משפּחות, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע נאָענטסטע.

אין לויף פון דער צייט האָט זיך די שטימונג פון דער עפנטלעכקייט שטאַרק געביטן. די שאַטנס פון די אומגעקומענע, וואָס האָבן אַזוי שווער געדריקט אויף אונדזער געוויסן, זיינען פאַרבלאַסט געוואָרן. מיר זעען זיי כמעט ניט און מיר טראַכטן וועגן זיי ווייניק. אנקעגן דעם איז איצט דער באַשולדיקטער — די צענטראַלע געשטאַלט אויפן פּראָצעס. און ס'איז מערקווערדיק, וואָס אַ באַדייטנ־דיקער טייל פון דער עפנטלעכער מיינונג ווייזט איצט אַרויס מער פאַרשטענדענעש און סימפּאַטיע פאַרן באַשולדיקטן. צו אַ געוויסן גראַד איז עס געשען אַ דאַנק דער געשיקטער פירונג פון דער פאַרטיידיקונג. פאַראַן אָבער נאָך אַ וויכטיקערע סיבה, גלייב איך. אין דעם קאָנפליקט צווישן די טויטע און די לעבעדיקע זיינען די לעבעדיקע די שטאַרקערע.

די פאַרטיידיקונג אויף דעם פּראָצעס ווערט אויסגעצייכנט געפירט פונם שטאַנדפּונקט פון דעם באַשולדיקטן. עס איז אָבער אַ פראַגע, צי ווערט די פאַרטיידיקונג ריכטיק געפירט פונם שטאַנדפּונקט פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער

מאָראַל. איך האָב דאָ באַזונדערס אין זינען די פּרוּוון צו באַווייזן, אַז דער פּלאַטאָן, צו וועלכן עס האָבן געהערט די אומגליקלעכע, איז אין פּרט פון דיסציפּלין און מיליטערישער מאָראַל געשטאַנען אויף אַ נידעריקער שטופע. די דיסציפּלין פון דעם פּלאַטאָן האָט אין דער אמתן ריין יורידיש אַ קנאַפּע שייכות צו דער פראַגע פון שולדיק אָדער ניט־שולדיק. ריין טאַקטיש, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, האָט עס יע אַ באַדייטונג. עס איז גענוג, עס זאָל פאַלן דער מינדסטער שאָטן אויפן קרבן, כדי צו שאַפן אַ מער וואָרעמע באַציונג פאַרן באַשולדיקטן. דאָס גיט זיך אָפּט איין דערפאַר, ווייל דער קרבן איז מער ניט מיט אונדז און ער קען זיך ניט פאַרטיידיקן. די טויטע ווערן פאַרגעסן. אנקעגן דעם ווערט דער לעבעדיקער באַשולדיקטער אונדז מענטשלעך נעענטער. מיר זעען אים, מיר באַקענען זיך מיט אים. מיר פרעגן זיך אַליין: וואָס וועט אַרויסקומען אויב מיר וועלן אים פאַרמשפּטן? די טויטע וועלן דאָך מער ניט לעבעדיק ווערן! אַ חוץ דעם איז דאָך דער באַשולדיקטער אַליין אויך אַ קרבן. ממילא איז גרינג אַריבערצוטראָגן די סימפּאַטיעס פאַר די קרבנות, וואָס זיינען מער ניטאָ מיט אונדז, צו דעם אומגליקלעכן קרבן, וואָס שטייט דאָ פאַר אונדז.

די דאָזיקע נאַטירלעכע און מענטשלעכע באַציונג צו פאַרשטאָרבענע טראָגט אין זיך גרויסע געפאַרן. עס ווערט ביי אונדז אָפּגעטעמפּט דאָס געפיל פון שולדיקייט. ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם לעבן פון מענטשן, דאַרפן מיר זיך תמיד פילן פאַראַנטוואָרטלעך, אַפילו ווען אַן אומגליק, חס ושלום, איז געשען בלויז דורך נאַכלעסיקייט אָדער אומפאַרזיכטיקייט. אַ מאָל איז פאַראַנטוואָרטלעך בלויז איין איינציקער, אַ מאָל טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט דער גאַנצער כלל.

דער יידישער דין שטעלט בכלל גרעסערע מאָראַלישע פאָדערונגען סיי צום יחיד און סיי צום כלל. אין פאַלן, ווען אַ געריכט קען פאַרמעל אַ באַשולדיקטן ניט פאַרמשפּטן, איז דער באַשולדיקטער אָפּט מחוייב זיך אַליין צו משפּטן. ער מוז זיך פאַרענטפערן פאַר זיין איינענעם געוויסן. אויב אַ מענטש פילט זיך מיט עפּעס שולדיק אין דעם אומגליק פון אַ חבר, דאַרף ער ווערן אַ שותף צו דעם אומגליק, דאַרף ער נעמען אויף זיך אַ תשובה. אין אַ פאַל, ווען אַ לעבן איז פאַרלאָרן געוואָרן, איז די תשובה געווען — אַפּריכטן גלות, נעמען אויף זיך צו זיין נע ונד אין לויף פון אַ געוויסער צייט.

נאָך גרעסער איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם כלל פאַרן לעבן פון דעם יחיד. געפינט מען ערגעץ־ווו אַ געהרגעטן און מען ווייס ניט, ווער דער מערדער איז געווען, דאַן מוזן די פירער פון דער נאָענטסטער שטאָט קומען צום פלאַץ ווו דאָס פאַרברעכן איז געשען: זיי דאַרפן וואַשן זייערע הענט און זאָגן: "אונדזערע הענט האָבן דאָס בלוט ניט פאַרגאָסן און אונדזערע אויגן האָבן ניט געזען".

דער גאַנצער כלל איז שולדיק, ווען אַ לעבן ווערט פאַרלאָרן. דער היינטיקער מעטאָד פון פאַרענטפערן זיך און אַראָפּנעמען די שולד פון זיך, איז ניט דער ריכטיקער וועג. פאַרקערט, מיר דאַרפן דערציען די ברייטע עפנטלעכקייט, און

באזונדערס דעם יונגן דור, צו דער העכסטער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דעריבער איז אונדזער ערשטער חוב צו האָבן אין זינען די אומגעקומענע, אָפּהיטן זייער אָנדענקען און זיך פילן שולדיק לגבי זיי. דער אופן ווי אויסצודריקן אָט דעם געפיל פון שולדיקייט קען זיין אַן אַנדערער ווי אַמאָל; וויכטיק איז דער צוגאַנג, אונדזער באַציונג צו מענטשלעך לעבן און צו אונדזער אייגענער מאָראַלי־שער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

איך האָב פאַרשטענדעניש פאַר דעם אומגליקלעכן באַשולדיקטן. מיין סימפּאַטיע פאַר אים וואָלט געווען גרעסער, ווען ער ערקלערט פאַרן געריכט: יע, עס איז געשען אַן אומגליק און איך בין טיילוויז שולדיק דערין; דאָס האָט געקענט פּאַסירן מיט יעדן פון אונדז, אויך מיט אייך, ריכטער; אָבער איך לייקן ניט מיין שולד און מיין פאַראַנטוואָרטונג. איך פיל זיך שולדיק, און איך בין גרייט צו נעמען אויף זיך די שטראָף, וואָס איר, ריכטער, וועט געפינען פאַר גערעכט!

*

דער באַקאַנטער פיזיקער דוש. ראָבערט אָפּענהיימער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק זיך אויסגעדריקט, אַז די געלערנטע פון אונדזער דור האָבן אַנטדעקט, אַז עס איז דאָ זינד, אַז די מעשים פון דעם איינצעלנעם מענטשן קענען האָבן אַ באַדייטונג פאַר דער וועלט און אַז ער טראָגט ממילא אַ פאַראַנטוואָרטונג פאַרן גורל פון דער וועלט.

די פיזיקער, וואָס זיינען געווען באַטייליקט אין דעם גאַנצן פּראָצעס פון צוגרייטן די אַטאָמישע באָמבע, האָבן צווישן זיך געפירט לײדנשאַפטלעכע וויכוחים וועגן די רעזולטאַטן פון זייער אַרבעט. זיי זיינען געווען אומרויק.

מיט אַ צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַ קורצע נאָטיץ וועגן איינעם פון די אָפיצערן, וואָס איז געווען אופן עראָפּלאַן, ווען מען האָט אַראָפּ־געוואָרפן די באָמבע אויף הירָאָשימאַ. זינט יאָרן האָט דער דאָזיקער פליער פאַרלאָרן זיין גייסטיקע רו. ער פילט זיך שולדיק אין דעם טויט פון די צענדליקער טויזנטער קרבנות. צוויי מאָל האָט ער געפּרוווט מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. "איך פיל", זאָגט ער, "אַז איך בין שולדיק אין דעם טויט פון די אומגעקומענע אין הירָאָשימאַ. איך וויל מער ניט לעבן". און מערקווערדיק, אָט דער שולד־געפיל, מיט וועלכן דער פליער טראָגט זיך אַרום, האָט גראָד געפירט דערצו, וואָס ער האָט אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם מאָראַלישן קאָנטראָל איבער זיך אַליין. ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין זינד און פאַרברעכנס. ער קריגט פּסיכיאַטרישע באַהאַנדלונג. אָבער קענען דאָקטוירים אים העלפן? קען ער ווידער געפינען זיין גייסטיקע מנוחה?

מיר ווייסן זייער וויל, אַז די פליער, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן די באָמבע אויף הירָאָשימאַ, זיינען ניט מער שולדיק ווי מיר אַלע. מיר אַלע זיינען שולדיק, די גאַנצע וועלט איז שולדיק. און דאָך פאַרשטייען מיר דעם טיף אומרויקן געפיל פון דעם פליער אין דעם עראָפּלאַן, וואָס האָט די באָמבע אַראָפּגעוואָרפן.

די אידעאלאגיע וועגן די קליינע מענטשעלעך

אין אונדזער פּאָליטישן לעבן און דענקען האָט זיך לעצטנס פאַרשטאַרקט די אידעאָלאָגיע וועגן די קליינינקע מענטשעלעך. עס איז אייגנטלעך אַן אידעאָ־לאָגיע, וואָס זאָגט: מענטשן אַליין קענען זיך ניט העלפן, מען דאַרף פאַר זיי אַלץ טאָן. זיי קענען זיך ניט העלפן און מען דאַרף עס פון זיי אַפילו ניט פאַרלאַנגען. אַזוי זיינען מענטשן. קליינינקע מענטשעלעך.

אין אַט דעם צוגאַנג צו דעם פּשוטן בירגער, צו די קליינינקע מענטשעלעך, זע איך די גרעסטע געפאַר פאַר דער דעמאָקראַטיע. קיינער איז ניט באַרעכטיקט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די אחריות פאַר זיינע מעשים. דעמאָקראַטיע פאָדערט דערוואַקסענע מענטשן. אויך אין סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן איז עס פאַלש תמיד צו קומען מיט טענות צו אַנדערע. פאַראַן פאַלן, ווען אַזעלכע טענות זיינען אויפן פּלאַץ, אַבער ניט אַלע מאָל.

עס איז אונדזער חוב צו שטעלן צו זיך אַליין, צו אונדזערע קינדער און אונדזערע מיטמענטשן, גרויסע פאָדערונגען גראָד ווען מיר טראַכטן אין טערמינען פון מענטשלעכער חשיבות און מענטשלעכער ווערדע, ווען מיר שאַצן אָפּ אין דער פולער מאָס די געוואַלדיקע מעגלעכקייטן, וואָס דער מענטש האָט אין זיין רשות.

יידישקייט צייכנט זיך באַזונדערס אויס מיט דער אידעע פון פּערזענלעכער אחריות, יידישקייט איז די תורה פון דעם מענטשן, פון דעם מענטשן, וואָס קען זינדיקן און פון דעם מענטשן, וואָס קען תשובה טאָן. יידישקייט לערנט אונדז די גרויסקייט פון דעם מענטשן, ווייל נאָר אַ גרויסער מענטש קען זינדיקן, ווי איינער פון די אָריגינעלסטע תלמידים פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט דאָס אַ מאָל באַמערקט. חיות זינדיקן ניט, מלאכים זינדיקן ניט, נאָר דער מענטש האָט די ברירה אַליין צו באַשטימען זיין וועג, נאָר דער מענטש קען זינדיקן.

אונדזער מאָראַלישע טראַדיציע מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן אָרעם און רייך, צווישן דעם גרויסן לערנער און דעם פּראָסטן יידן. איטלעכער ייד איז מחוייב צו מאַכן דעם חשבון פון זיינע מעשים. און אַלע קומען מיר אין די טעג פון תשובה פאַרן טאָטן אין הימל.

אונדזערע היינטיקע סאָציאָלאָגן האַלטן ניט פון געזעצן און געבאָטן. די געזעלשאַפט איז שולדיק. דער פאַרברעכער איז קיינמאָל ניט שולדיק. איז ממילא דער גאַנצער באַגריף פון זינד אַ פאַלשער. די וועלט באַשטייט פון קליינינקע מענטשעלעך. זיי קענען ניט זינדיקן, זיי קענען ניט תשובה טאָן.

אונדזערע היינטיקע פּאָליטיקער, אונדזערע סאָציאָלאָגן און פּסיכאָלאָגן זיינען אויפן שטאַרקסטן אופן באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע. אויך די קריסטלעכע טעאָלאָגיע וויל אונדז לערנען, אַז דער מענטש איז הילפלאָז פון דער נאַטור. מענטשן זיינען ניט מער ווי קליינע מענטשעלעך, און נאָר די קירך קען זיי ראַטעווען, נאָר די קירך קען אויסלייזן זייערע נשמות.

דער אַלטער יידישער כלל, אַז די בעסטע הילף איז געבן דעם חבר די מיטלען

זיך אַליין צו העלפֿן, איז אויך גילטיק איצט. ניט נאָר דאַרפֿן מיר געבן דעם מיטמענטשן אין נויט די מיטלען זיך אַליין צו העלפֿן, מיר מוזן עס אויך פֿון אים פֿאַרלאַנגען. מיר מוזן אים שטופּן אין דער ריכטונג פֿון זעלבסטהילף. מיר טאָרן אים ניט באַהאַנדלען, ווי אַ קינד, ווי אַ קליין מענטשעלע.

אין אונדזערע ישיבות פֿלעגט מען שוין צו דרייצן־פֿערצן יאָר אָנהויבן לערנען פֿאַר זיך, א מאָל נאָך פֿריער. אַזוי האָט מען דערצויגן אַ דור פֿון זעלבסטשטענדיקע מענטשן. דאָס איז אויך דער זין פֿון בר מיצווה. צו דרייצן יאָר ווערט מען מאָראַליש אַ דערוואַקסענער.

איך האָב געהערט אַ טענה פֿון אַ סטודענט פֿון אַ היגן אוניווערזיטעט, וועלכער איז שיין 24 יאָר אַלט: ״דער אוניווערזיטעט גיט בלויז אַ ספּעציעלע דערציונג״. אָבער וואָס פֿאַר אַן אוניווערזיטעט האָט די מעגלעכקייט צו געבן דעם סטודענט אַ פֿולע דערציונג. אָט די פֿולע מענטשלעכע דערציונג מוז זיך דער סטודענט אַליין איינשאַפֿן.

מיר זיינען גרויסע מענטשן, פֿאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן.

*

פֿאַרוואָס אַזאַ שטאַרקע געגנערשאַפֿט אין דער ייִדישער טראַדיציע געגן די אַזאַרט־שפּילן? אין תלמוד, למשל, ווערט באַשטימט, אַז דער, וואָס שפּילט אין ווערפֿל (המשחק בקוביא), איז פּסול לעדות, מען טאָר זיך אויף זיין וואָרט ניט פֿאַרלאָזן. עס איז אָבער וויכטיק צוצוגעבן, אַז דערמיט זיינען געמיינט בלויז יענע, וואָס מאַכן אַ לעבן פֿון אַזאַרט־שפּילן.

איז דאָס געלט, וואָס מען געווינט אין שפּיל, כשר געלט? לויטן ייִדישן דין איז עס גזלה. אמת, ניט קיין גזלה לויטן דין פֿון דער תורה, נאָר לויט דער תקנה פֿון די בעלי התלמוד. אַ מענטש איז מחויב צו פֿאַרדינען זיין חיונה דורך אַרבעט. די אויפֿגאַבע פֿון מענטשן איז ווייטער, אָפּצוגעבן זיין צייט פֿאַר ענינים פֿון חכמה און פֿאַר דער פֿאַרבעסערונג פֿון דער וועלט (שאין ראוי לאדם שיעסוק כל ימיו אלא בדברי חכמה ויישובו של עולם). דער אַזאַרט־שפּילער אָבער זוכט צו אַנטלויפֿן פֿון זיינע מענטשלעכע פֿליכטן.

די אַזאַרט־שפּילן זיינען אייגנטלעך אַ פֿאָרם פֿון געצנדינסט, פֿון עבודה זרה. דער צענטראַלער מאָטיוו איז — דער גלויבן אין מזל, אין צופֿאַל. קענטענעש, דערפֿאַרונג שפּילן אויך אין געוויסע פֿאַלן אַ ראָל. דער עיקר אָבער איז מזל. דער שפּילער וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און שטעלט אָפּט אין קאָן די אַרבעט פֿון יאָרן און די עקזיסטענץ פֿון זיין פֿאַמיליע.

די אַזאַרט־שפּילן זיינען פּראָטעסטן געגן דעם שׂכל, ווי אייניקע דענקער האָבן עס ריכטיק פֿאָרשטאַנען: מזל איז אַ סך וויכטיקער ווי וויסן, וויכטיקער ווי אַרבעט, וויכטיקער ווי קונסט. זיי זיינען אויך אַ פּראָטעסט געגן סאָציאַלער פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייט לגבי זיך אַליין, לגבי דער פֿאַמיליע און לגבי דער געזעלשאַפֿט.

ווי זיגמונד פֿרויד האָט ריכטיק באַמערקט, איז ביים מענטשן פֿאַראַן אַ טיפֿער אינערלעכער דראַנג אַראָפּצוּוואַרפֿן פֿון זיך דעם שווערן יאָך פֿון קולטור און

ציוויליזאַציע. דאָס איז די טיפערע סיבה, וואָס טרייבט דעם מענטשן צו שיכרות, אַזאַרט־שפּילן א.אַז. וו. דערפון נעמט זיך די פּאָפּולערקייט פון פאַרשיידענע קאַרנעוואַל־יום־טובים. קען זיין, אַז ביז צו אַ געוויסן גראַד מוזן מיר פון צייט צו צייט דעם יצר הרע נאָכגעבן. האָבן דאָך אפילו שטרענג פרומע יידן געהאַלטן, אז די וואָך פון חנוכה מעג מען זיך פאַרגינען דעם לוקסוס פון שפּיל. און געשפּילט האָט מען חנוכה ניט נאָר אין דריידלעך!

די געפאַר פון אַזאַרט־שפּילן איז בכן דער עיקר — אַ מאָראַלישע. די געפאַר איז אין אונדזער צייט נאָך גרעסער, ווייל די אַזאַרט־שפּילן זיינען געוואָרן אַ געשעפט, וואָס שטייט אין דער נענטסטער פאַרבינדונג מיט דער אונטערוועלט.

אין זיין בוך ״דער קאַמף געגן אַזאַרט־שפּילן ביי יידן״ האָט דער באַקאַנטער קולטור־פאָרשער דר. יצחק ריבקינד צונויפגעזאַמלט אַ זייער רייכן מאַטעריאַל וועגן שפּילן בכלל און דער עיקר וועגן קאָרטן־שפּיל אין יידישן לעבן. מיר דערוויסן זיך דאָ וועגן אַ טשעקאַוון פּרט. עס איז אפילו געווען אַזאַ זאַך ווי ״כשרע קאָרטן״, ד.ה. ״יידישע״ קאָרטן אָן די בילדער. געווען אַ חוץ דעם קאָרטן אָדער ״קוויטלעך״ מיט יידישע אותיות. ס׳איז געווען שווער, ווי מיר זעען, אפילו אַמאָליקע צייטן, בייצוקומען דעם יצר הרע פון שפּיל. האָט מען צוגעזינדיקט מיט ״כשרע״ קאָרטן. מ׳האָט אָבער געוווּסט אז מ׳ זינדיקט!

צווישן דער פּראָטעסטאַנטישער און דער קאַטוילישער וועלט אין אַמעריקע זיינען דאָ שאַרפע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן וועגן די אַזאַרט־שפּילן. די קאַטוילישע קירך איז, לויט איר וועזן, זייער פּעסימיסטיש בנוגע דעם מענטשן און זיינע מאָראַלישע מעגלעכקייטן. האָבן די קאַטוילישע דענקער פּאַקטיש שלום געמאַכט מיט דער זינדיקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור. אַנקעגן דעם האָבן די פּוריטאַנער געקוקט אויפן מענטשן ווי אויף אַ מאָראַלישן קעמפער. אין דעם פּרט האָבן די פּוריטאַנער אַ סך געלערנט פון די יידישע טראַדיציעס. ניט אומזיסט האָט מען זיי באַשולדיקט, אַז זיי שטייען אונטער יידישע איינפלוסן. פאַר די מוטיקע פּיאָנערן, וואָס האָבן געבויט אַמעריקע, איז געווען אומפאַרשטענדלעך ווי קען מען דאָס אָפּגעבן צייט פאַר אַזאַרט־שפּילן, פאַר שיכורן און סתם אַרומגיין פּוסט־און־פּאַס? מיט דעם גייסט פון טאָלעראַנץ צו מענטשלעכע שוואַכקייטן וואָלט מען קיין נייע וועלט ניט געקענט בויען.

א נייער מענטש און א נייע וועלט

דער מענטש לעבט אין דריי וועלטן, אין דריי דימענסיעס: ער לעבט מיטן הײַנט, מיט זאָרגן פון טאָג; ער לעבט מיטן מאָרגן און האָפט אויף בעסערע צײַטן; און ער לעבט אויך מיט זײַן פאַרגאַנגענהייט, מיט זײַנע זכרונות, מיט זײַן פּערזענלעכער געשיכטע און מיט דער געשיכטע פון זײַן פאַמיליע, פון זײַן היים, פון זײַן פאָלק. נעכטן, הײַנט און מאָרגן געהערן צוזאַמען, גיסן זיך אָפט צונויף אין איין האַרמאָנישער איינהייט. אָבער גאָר אָפט איז דאָ אַ ביטערער קאָנפליקט צווישן דעם נעכטן, דעם הײַנט און דעם מאָרגן. אַמביציע איז אַ טייל פון דער מענטשלעכער נאַטור, דער מענטש וויל כסדר שטײַגן, דערגרייכן נייע הויכן. ער האָט דעם דראַנג זיך אַרויסצורײַסן פון דעם טרויעריקן הײַנט און צו ווערן אַ נייער מענטש, צו בויען אַ נייע וועלט. און אויב ער פילט, אַז אים פּערזענלעך איז דאָס ניט באַשערט, חלומט ער וועגן זײַנע קינדער, חלומט ער אויך וועגן אַ נייער וועלט, וואָס ער וועט מיטהעלפן בויען.

דער מענטש לעבט מיט אמונה, מיט האָפענונגען, מיט משיחישע דערוואַרטונגען. די געבורט פון אַ קינד, פון אַ נײַעם מענטשן, רופט דערפאַר אָפט אַרויס אין דעם דמיון פון די עלטערן משיחישע שטימונגען: אַ נייער מענטש איז געבוירן געוואָרן. אַ נייע וועלט קומט אָן!

די ליטעראַטורן פון אַלע פעלקער זײַנען פול מיט דערציילונגען און לעגענדעס וועגן דער וווּנדערלעכער געבורט פון דעם העלדן. אין אַט די מערק־ווערדיקע לעגענדעס זײַנען אָפט צונויפגעמישט פאַרשיידענע מאָטיוון. אין די גריכיש־רוימישע לעגענדעס וועגן דער לעבנסגעשיכטע פון די גרויסע העלדן ווערט באַזונדערס אַרויסגעבראַכט די אידעע פון דעם בלינדן גורל.

באַליבט איז גאָר באַזונדערס דער מאָטיוו פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּרינץ, וואָס בונטעוועט זיך אויף געגן דעם אַלטן קעניג, וואַרפט אים אַראָפּ פון טראָן און פירט אײַן אַ נײַעם רעזשים. דער אַלטער קעניג ווערט געוואָרנט פון שטערנזעער — דערציילט געווײנטלעך די לעגענדע — אַז דאָס קינד, וואָס דאַרף געבוירן ווערן, וועט זיך אויפבונטעווען געגן אים און מאַכן אַ סוף צו זײַן הערשאַפט. דער קעניג פּרובירט דאָן פּטור צו ווערן פון דעם קינד. דאָס קינד ווערט על פּי נס געראַטעוועט. דער יונגער פּרינץ וואַקסט אויף, און אויף אַ וווּנדערלעכן אופן ווערט דער גזר דורכגעפירט.

אַזאַ געשיכטע ווערט דערציילט וועגן כורש, דעם קעניג פון פּערסיע. אַן

ענלעכע געשיכטע ווערט דערציילט וועגן דעם לעגענדאַרישן קעניג ראָמולוס, דעם באַגרינדער פון רוים. גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס האָט פאַר אונדז די אַלטע גריכישע לעגענדע וועגן קעניג עדיפּוס, וואָס האָט געהרגעט זיין פאָטער און חתונה געהאַט מיט זיין מוטער. די עדיפּוס־לעגענדע פאַרנעמט אַ צענטראַלן פּלאַץ אין זיגמונד פרוידס פּסיכאָאַנאַליטישער שיטה.

זיגמונד פרויד האָט געפּרובירט באַווייזן, אַז די עדיפּוס־לעגענדע אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַן אַלגעמיין מענטשלעכן קאָנפליקט. יעדער מענטש טראָגט מיט זיך דעם עדיפּוס־גורל, דעם עדיפּוס־קאָנפליקט. ער וויל חתונה האָבן מיט זיין אייגענער מוטער און ער וויל דערהרגענען זיין אייגענעם פאָטער. די עדיפּוס־לעגענדע שפּיגלט אָפּ, לויט זיגמונד פרוידס שיטה, אַ טיפן מענטשלעכן קאָנפליקט פון די פריע קינדער־יאָרן. מיט דער צייט ווערט אָט דער שאַרפער קאָנפליקט אונטער־דריקט און פאַרגעסן. עס בלייבן בלויז שפּורן פון דעם עדיפּוס קאָמפּלעקס אין דעם אומבאַוווסטן טייל פון דער מענטשלעכער פּסיכיק.

וועגן דער עדיפּוס־לעגענדע און דעם עדיפּוס־קאָנפליקט איז גאָר אַ סך געשריבן געוואָרן. פאַראַן הייַנט אַ גאַנצע עדיפּוס־ליטעראַטור און אַן אַ שיעור אויסטייטשונגען פון דער עדיפּוס־פּראָבלעם. עס איז, לויט מיין מיינונג, ווייניק וואַרשיינלעך, אַז פרוידס אויסטייטשונג איז די ריכטיקע. אין אַ צאָל לעגענדעס וועגן דער ווונדערלעכער געבורט פון דעם העלד, האַנדלט עס זיך בכלל ניט וועגן אַ קאָנפליקט צווישן פאָטער און זון. אין דער רוימישער ראָמולוס־געשיכטע, למשל, נעמט גאָר דער יונגער ראָמולוס נקמה אין דעם אַלטן קעניג, ווייל ער האָט באַוווּלט זיין זיידן. בדרך כלל איז דער יונגער העלד דער ליבלינג פון פאָלק, בעת דער אַלטער קעניג פירט זיך אויף ווי אַ גרויזאַמער טיראַן.

אונטער אַ רעזשים פון רישעות און ברוטאַלער דיקטאַטור האָט דאָס פאָלק אָפּט געוואַרט אויף אַן אויסלייזער. דאָס האָט געקענט זיין דער געזעצלעכער יורש צו דעם קעניגלעכן טראָן. דאָס האָט אויך געקענט זיין אַן אַנדערער. און ניט אַלע מאָל האָט עס זיך, אגב, געהאַנדלט וועגן אַ יונגן העלד, וואָס וואַרפט אַראָפּ דעם אַלטן קעניג. אין צייטן פון פּאָליטישע קריזיסן האָט דאָס פאָלק פאַרבונדן זיינע האָפענונגען מיט אַן אויסגעטרוימטן באַפרייער, וואָס דאַרף קומען, מיט אַ משיחישער געשטאַלט, וואָס ווערט ערשט איצט געבוירן אָדער וואָס דאַרף נאָך געבוירן ווערן. דאָס איז, למשל, דער טיפערער זין פון די משיחישע זעונגען פון דעם נביא ישעיה. געווען איז דאָס אין דער צייט פון קעניג אחז. דאָס לאַנד יהודה האָט געליטן פון מלחמות און פון דעם שווערן דרוק פון דער אויבערהערשאַפט פון אשור. דער נביא האָט דאַן דערמוטיקט דאָס פאָלק און געשטאַרקט זיין גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפט:

דאָס פאָלק, וואָס איז געגאַנגען אין פינצטערנעש,
האָט דערזען אַ גרויס ליכט;
די וואָס זיינען געזעסן אין שאָטן פון טויט,

אַ ליכטיקייט האָט אויף זיי ארויפגעשיינט...
וואָרים אַ קינד איז געבוירן געוואָרן,
אַ זון איז אונדז געגעבן געווארן
און די הערשאַפט איז אויף זיין אַקסל;
און מען רופט אים מיטן נאָמען
דער אייביקער פאָטער, דער האַר פון שלום.

דער נביא זאָגט אונדז דאָ אַן, אַז דער קומענדיקער קעניג (חזקיהו), וואָס וועט פאַרנעמען דעם פלאַץ פון זיין פאָטער אחז, וועט ברענגען אַ צייט פון גליק און שלום. ער באנוצט דאָ אָבער דעם סטיל און די בילדער פון דער יידישער משיחישער טראַדיציע. דער משיח איז אַ ווונדער־קינד, אַ ווונדערלעכער העלפער: "דאָס פאָלק, וואָס בלאָנדזשעט אין פינצטערנעש, דערזעט אַ גרויס ליכט". דאָס פאָלק זעט אין דעם קינד ניט קיין פאָטער־מערדער, נאָר אַן אויסלייזער, אַ באַפרייער. דאָס קינד איז דער סימבאָל פון דער צוקונפט, דער סימבאָל פון האָפענונג און גלויבן. דאָס האָט פרויד ניט פאַרשטאַנען.

און זיגמונד פרויד האָט אויך ניט פאַרשטאַנען די ווונדערלעכע געשיכטע וועגן דער געבורט פון משה רבינו. זיין משה־בוך איז פול מיט נאַיווע פאַנטאַזיעס און אומבאַגרינדעטע השערות. אָבער דאָס איז ווידער אַ קאַפּיטל פאַר זיך. דאָ ווילן מיר בלויז קורץ דערמאָנען די תלמודישע אגדה, וואָס דערציילט, אַז ווען משה רבינו איז געבוירן געוואָרן, איז דאָס גאַנצע הויז פול געוואָרן מיט ליכט. דאָס איז סימבאָליש פאַר דער יידישער טראַדיציע פון דער געבורט פון דעם אויסלייזער. אין אַ טיפערן זין אָבער, איז דאָס ניי־געבוירן קינד תמיד אַן אויסלייזער. מיט דעם געבוירן־ווערן פון דעם נייעם מענטשן הויבט זיך אָן אַ ניי לעבן, אַ נייע וועלט; מיט דעם געבוירן ווערן פון אַ נייעם מענטשן, ווערט דאָס הויז פול מיט ליכט, פול מיט האָפענונג.

די באַנייונג

די מאָראַלישע ווידערגעבורט

די גאַנצע יידישע געשיכטע איז אין תוך אַ פאַרצווייפלטער געראַנגל פאַרן נייעם מענטשן. עס איז דער געראַנגל צווישן זינד און תשובה. די מאָראַלישע ווידערגעבורט פון דעם מענטשן איז אַזוי אָרום אַ כסדרדיקער פּראָצעס. אָט די כסדרדיקע באַנייונג קומט ניט פון זיך אַליין. דאָס גאַנצע לעבן איז אַ כסדרדיקער פּראָצעס פון שאַפן, פון מעשה בראשית. עס איז אַ מלחמה מיט זיך אַליין. איז ניט קיין ווונדער, וואָס דער דיכטער פון תהילים פילט זיך אַזוי הילפלאָז. דערדריקט פון דער שווערער משא פון זיינע זינד, קומט ער צו גאָט מיט זיין תפילה:

"פאַרבאַרג דיין פּנים פון מיינע זינד און אַלע מיינע עבירות מעק אויס. אַ ריין האַרץ באַשאַף מיר, גאָט, און אַ ריכטיק געמיט באַניי אין מיר (לב טהור

ברא לי אלקים ורוח נכון חדש בקרבי)״. און דער נביא ירמיהו, וואָס האָט אין דער צייט פון דעם שווערסטן נאַציאָנאַלן קריזיס פון זיין פאָלק כסדר געזוכט דעם וועג צו דעם נייעם מענטשן, פאַרלירט ביסלעכווייז דעם גלויבן אין זיין אייגענעם דור. דער נייער מענטש וועט קומען, ווען עס וועט קומען אַ נייע צייט, און גאָט וועט דאַן שליסן אַ בונד מיט ישראל און יהודה, אַ נייעם בונד (ברית חדשה). יידן וועלן ווערן דאָס פאָלק פון דער תורה, ווייל גאָט וועט אריינבברענגען די תורה אין זייער איינגעווייד ״און אויף זייער האַרצן, וועט ער זי אויפשרייבן״ (נתתי את תורתי בקרבם ועל לבם אכתבנה).

די קריסטלעכע וועלט האָט אינגאַנצן פאַלש אויסגעטייטשט די נבואה פון ירמיהו. דער נייער בונד פון ירמיהו האָט אַבסאָלוט ניט די אויפגאַבע צו פאַרבייטן דעם בונד פון סיני, דעם בונד פון דער תורה. גראַד פאַרקערט: דער נייער בונד איז אַ באַנייונג פון דעם סיני בונד, אַ פאַרשטאַרקונג פון דער תורה, ווייל די תורה ווערט איצטער אַן אינערלעכער טייל פון דעם מענטשן, אַריינגעשריבן ביי אים אין האַרצן.

אין דעמזעלביקן גייסט רעדט אויך דער נביא יחזקאל. גאָט וועט צונויפברענגען די יידן פון גאַר דער וועלט און ער וועט זיי רייניקן פון זייער טומאה. ״און ער וועט זיי געבן אַ ניי האַרץ און אַ נייעם גייסט (ונתתי לכם לב חדש ורוח חדשה אתו בקרבכם)״.

עס איז שווער, אויסערגעוויינטלעך שווער, צו קלעטערן איינער אַליין אויפן באַרג פון מאָראַלישער שלמות. עס איז גרינגער צו שטייגן צוזאַמען מיט חברים, ווי עס שטייט געשריבן: ״א חבר בין איך צו די אַלע, וואָס פאַרכטן פאַר דיר, און צו די, וואָס היטן דיינע געבאָטן״ (חבר אני לכל אשר יראוך ולשומר פקודיך). אָט די גרויסע וויכטיקייט פון חברשאַפט אויפן וועג פון שלמות האָט אונדז טאַקע געלערנט ר׳ ישראל סאַלאַנטער, וואָס איז בלי ספק געווען איינער פון די גרעסטע דענקער פון פאַריקן יאָרהונדערט.

די יידישע טראַדיציע פון תורה און מיצוות, גלויבן די מוסרניקעס, איז דער לייטער פאַר דעם, וואָס וויל ווערן אַ נייער מענטש. איטלעכע מיצווה איז אַ שטאַפּל אויף אָט דעם לייטער, אַן עטאַפּ אויפן וועג צו מענטשלעכער שלמות, צום נייעם מענטשן.

מיר באַגעגענען די אידעע פון דעם נייעם מענטשן אין פאַרשיידענע קולטורן.

די אידעע פון אַ צווייטער געבורט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די העכסטע קאַסטעס אין אינדיע. ווען דער יונגער מענטש ווערט אויף אַ פייערלעכן אופן אַ מיטגליד פון זיין געמיינדע, ווערט דורכגעפירט די צערעמאָניע פון אַ נייער געבורט. מיר האָבן ענלעכע צערעמאָניעס אין די אָרדנס פון מאַגנאַכן און מאַסאָנען.

די גאַנצע געשיכטע פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע איז אַן אויסדרוק פון אָט דעם טיף מענטשלעכן דראַנג צו שטייגן, צו דערגרייכן אַ העכערע מדרגה, צו ווערן אַ נייער מענטש. ביי אַנדערע פעלקער איז עס אָבער געווען אַ פילאָזאָפיע

פון אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע. ביי יידן איז דער צוטריט צום לייטער פון גייסטיקער שלמות געווען אָפן פאַר אַלעמען, אויך פאַרן פשוטסטן יידן.

ווען די קינדער פון ישראל האָבן אָנגענומען די תורה ביים באַרג סיני זיינען זיי געוואָרן נייע מענטשן, ווי זיי וואָלטן ערשט פון דאָס ניי געבוירן געוואָרן.

ווען דער יונגער ייד ווערט בר־מצווה, ווערט ער אַ נייער מענטש, נעמט ער אויף זיך דעם יאָך פון מיצוות. הויבט ער אָן צו לייגן תפילין. האָט דער יונגער ייד החתונה, ווערט ער אַ טלית־ייד. און אויך אויף דעם לעצטן וועג האָט דער ייד מיטגענומען דעם טלית, דעם סימבאָל פון יידישקייט.

די עצם מיצווה פון ציצית איז אַ סימבאָליש־דראַמאַטישע דערמאָנונג, ווי עס ווערט קלאָר געזאָגט אין דער תורה: ״און דאָס זאָל אייך זיין פאַר ציצית, אַז איר זאָלט עס זען און געדענקען אַלע געבאָטן פון גאָט און זיי טאָן, און איר זאָלט ניט נאָכגיין נאָך אייער האַרצן און נאָך אייערע אויגן״ (וראיתם אותו וזכרתם את כל מצוות ה׳ ועשיתם אותם).

אַ ייד קען, חס ושלום, פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד, און אַ מענטש קען פאַרגעסן, אַז ער איז אַ מענטש. מוז מען אים כסדר דערמאָנען. מען מוז אים וועקן, מונטערן און דערמוטיקן.

די תורה פון דעם נייעם מענטשן איז די תמצית פון יידישקייט.

די תורה פון דעם נייעם מענטשן

אַ נייער מענטש און אַ נייע וועלט, דאָס איז געווען דער חלום פון די נביאים. דאָס איז געווען דער אידעאַל פון די נביאים און אַ סך מער ווי בלויז אַן אידעאַל. דער יידישער וועג, דער וועג פון תורה און מיצוות, איז אין תוך דער וועג פון דעם נייעם מענטשן. און די געשיכטע פון אונדזער פאָלק באַווייזט קלאָר, אַז עפּעס איז דערגרייכט געוואָרן, די אָנשטרענגונגען פון דורות זיינען ניט געגאַנגען לאיבוד.

אָבער דער וועג איז אַ שווערער. ס׳איז אַ כסדרדיקע אינעווייניקסטע מלחמה, אַ געראַנגל מיטן יצר הרע, מיט די פרימיטיווע מענטשלעכע און חיהשע אינ־סטינקטן.

דאָס איז דער זין פון לערנען תורה, פון אָפּהיטן מצוות, פון פּראַווען שבת און יום־טוב. ווייל תורה און מיצוות זיינען דער וועג צו דעם נייעם מענטשן. צוליב דעם טעם פאַרנעמט דער מינהג פון טבילה אַ וויכטיקן פּלאַץ אין אונדזער ריטואַל, באַזונדערס ביי די מיסטיקער. דאָס איז דער סימבאָל פון ווערן אַ נייער מענטש. ר׳ ישראל סאַלאַנטער פלעגט אָפט פאַרענדיקן זיינע מוסר־דרשות מיט די ווערטער פון תהילים: ״אַ ריין האַרץ באַשאַף מיר, גאָט, און א ריכטיק געמיט באַניי אין מיר״. אזוי רעדט אויך דער נביא יחזקאל וועגן דער נייער צייט, ווען גאָט וועט באַפרייען דאָס פאָלק פון טומאה און אומריינקייט. דער וועג איז אַ שווערער, פול

מיט שטרויכלונגען, "אָבער ווען איינער זוכט דעם וועג פון ריינקייט, ווערט ער געהאָלפן" (הבא ליטהר מסייעין אותו).

די יידישע אידעע וועגן קערפּערלעכער ריינקייט איז דער עיקר א מאָראַלישע. ריינקייט איז אַ סימן פון רעספּעקט צו זיך אַליין, צום אייגענעם קערפּער; ריינקייט איז אויך אַ סימן פון רעספּעקט צום מיטמענטשן. און די יידישע טראַדיציע פון ריינקייט אין פאַמיליע־לעבן (טהרת המשפחה) איז פאַרבונדן מיט דער אידעע וועגן דער הייליקייט, וואָס איז שייך די באַציונגען צווישן מאַן און פרוי, די הייליקייט פון דער יידישער היים.

דערפאַר מוז אויך דער מענטש זיין אָפּגעהיט מיט יעדן וואָרט: קיינעם ניט צו פאַרשעמען, קיינעם ניט צו באַליידיקן. ער מוז זיך אפילו באַמיען צו זיין אָפּגעהיט אין זיין טראַכטן. זאָגט דאָך אונדז דער דיכטער פון תהילים:

"...ווער קען וווינען אין דיין געצעלט? ווער קען רוען אויף דיין הייליקן באַרג? ווער עס פירט זיך אויף ווי אַן ערלעכער מענטש, דער וואָס טוט גערעכטי־קייט און רעדט אמת אין זיין האַרצן (הולך תמים ופעל צדק ודבר אמת בלבבו).ריידן אמת אין האַרצן, זיין אויפריכטיק מיט זיך אַליין, דאָס איז די העכסטע מדרגה פון מאָראַלישער ריינקייט.

דער נייער מענטש לעבט מיט דער פרייד פון גייסטיקייט, מיט דער שמחה פון גייסטיקע דערגרייכונגען. זיין אידעאַל איז זיך דערנענטערן צו אַ צושטאַנד פון שלמות, פון מאָראַלישער פולקאָמענהייט, פון העכסטער מענטשלעכקייט.

דער נייער מענטש יאָגט זיך ניט נאָך מאַכט. ער יאָגט זיך ניט נאָך גשמיות־דיקע פאַרגעניגנס. ער איז אָבער אויך ניט קיין אַסקעט. ער אַנטלויפט ניט פון דער וועלט. ער אַרבעט. ער שאַפט. ער טראָגט כסדר אַריין גייסטיקייט אין אַלץ וואָס ער טוט. ער הייליקט דעם טאָג שבת און ער הייליקט די וואָך.

און דער עיקר — גייסטיקע פרייד איז צוטריטלעך פאַר דעם סאַמע אָרעמסטן. אויב ניט קיין בלאַט גמרא, איז אַ פּרק משניות, און אויב ניט קיין פּרק משניות, איז אַ קאַפּיטל תהילים. און גייסטיקע פרייד איז אַ ריינע, אַ לויטערע פרייד.

דער יידישער באגריף פון גערעכטיקייט
(דער ספר איוב)

דער ספר איוב געהערט בלי ספק צו די שענסטע און שטאַרקסטע ווערק, וואָס די וועלט־ליטעראַטור פאַרמאָגט. די גרויסע באַדייטונג פון ספר איוב באַשטייט דערין, וואָס די געדאַנקען, וואָס ווערן דאָ ארויסגעבראַכט, האָבן נאָך אַן אַקטועלן אינטערעס פאַר אונדז היינט. דווקא היינט קענען מיר גאָר אַ סך אָפּלערנען פון דעם אַלטן ספר איוב.

איינער פון די טיפסטע און אָריגינעלסטע שרייבער פון נייַנצענטן יאָרהונדערט, דער דענישער פילאָזאָף, ס. קיערקעגאָאַרד, איז ביי איובן געגאַנגען זוכן דעם סוד פון דעם אייביקן אמת. אין איינעם פון זיינע ווערק שרייבט קיערקעגאָאַרד: ״אַנשטאָט צו גיין זוכן הילף ביי אַ פילאָזאָף, וואָס איז וועלטבאַקאַנט, ביי אַ פּראָפעסאָר פון אוניווערזיטעט, האָט מיין פריינד געזוכט הילף ביי אַ פּריוואַטן דענקער, וואָס האָט אַליין אַ סך דורכגעלעבט און אַ סך דורכגעליטן, ביי דעם דענקער איוב״. ביי דעם זעלביקן פּריוואַטן דענקער האָט אויך געזוכט הילף, אַ פּאָר דורות נאָך קיערקעגאָאַרד, דער רוסיש־יידישער פילאָזאָף לעוו שעסטאָוו. וואָס האָבן די מאָדערנע פילאָזאָפישע דענקער געזוכט ביי איובן, וואָס זיי האָבן ביים גרויסן דייטשן דענקער העגעל ניט געקענט געפינען, וואָס זיי האָבן אפילו ניט געקענט געפינען אין דער גריכישער פילאָזאָפיע?

דער דיכטער פון ספר איוב הויבט אָן די געשיכטע מיט די ווערטער: **געווען אַמאָל אַ מאַן אין דעם לאַנד עוץ** (איש היה בארץ עוץ). ווייסן מיר ניט ווער דער מאַן איז געווען און ווו דאָס לאַנד איז געווען. מיר ווייסן אויך ניט, ווער זיינען געווען זיינע פריינד. דער דיכטער דערציילט אונדז אויך ניט, ווען דער מאַן איוב האָט געלעבט. ווארום אויך דאָס איז ניט וויכטיק. אַ מענטש האָט געלעבט, געליטן, אַ סך געליטן, האָט ער געהאַט טענות צו דער וועלט און צום באַשעפער פון דער וועלט. האָט דער גרויסער יידישער דיכטער געהאַלטן פאַר וויכטיק צו פאַרשרייבן די געשיכטע פון דעם ליידנדן מענטשן.

דער דייטשער דענקער העגעל האָט געשאַפן אַ פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע. ער האָט פּרובירט פעסטשטעלן די געזעצן פון דער פילאָזאָפישער אַנטוויקלונג. העגעל האָט געלערנט, אַז אַלץ וואָס איז ווירקלעך, אַלץ וואָס עקזיסטירט, איז שכלדיק, איז אין הסכם מיט די לאָגישע געזעצן פון דער פילאָזאָפיע. עס איז נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן אונדז געלערנט העגעל און זיינע

תלמידים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך, אגב, געפונען אַ היפּש ביסל סאָציאַליסטן, אַז איינצעלנע מענטשן ווערן צעטראָטן אונטער די רעדער פון דער געשיכטע. אָט געגן די גרויזאַמע „רעדער פון דער געשיכטע" האָבן פּראָטעסטירט אַ סך עטישע דענקער. דער ערשטער צווישן זיי איז געווען דער דיכטער פון ספר איוב.

דעם וויכוח מיט דער השגחה, מיטן באַשעפער פון דער וועלט, האָט שוין אָנגעהויבן אונדזער עלטער-פאָטער אברהם, ווען גאָט האָט אים אָנטפּלעקט דעם פּלאַן חרוב צו מאַכן די זינדיקע שטאָט סדום: ...און אויב בלויז איין איינציקער גערעכטער, איין צדיק זאָל ליידן אומשולדיק? קען דאָס דער גערעכטער ריכטער פון דער וועלט דערלאָזן?

דעריבער האָט גאָט באַשאַפן דעם ערשטן מענטשן אַליין — זאָגט אונדז אַ גמרא אין סנהדרין — דיר צו לערנען, אַז ווער עס ברענגט אום איין איינציק לעבן, איז עס געגליכן ווי ער וואָלט אומגעבראַכט אַ גאַנצע וועלט. **איין מענטש איז אַ גאַנצע וועלט, יעדער מענטש איז אַ גאַנצע וועלט.** דערפאַר איז עס ניט לאָגיש אַנקעגנצושטעלן מענטש און וועלט, ווי דאָס ווערט אָפט ביי אונדז געטאָן.

דער דיכטער פון ספר איוב קען בשום אופן ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז צוליב דעם גרויסן וועלט-פּלאַן מעגן אומשולדיקע ליידן. ער קעמפט מיט נאָך גרעסערער עקשנות באַזונדערס געגן דעם, אַז די ליידן פון די אומשולדיקע דאַרפן נאָך גאָר פאַרשוויגן ווערן. וואָרים, אויב ניט, קען, חס וחלילה, דער וועלט-פּלאַן ליידן. האָט אונדזער דיכטער אַרויסגעפירט פאַר דער וועלט דעם ליידנדן איוב, און מיר זיינען געוואָרן עדות פון דעם וויכוח צווישן דעם איינצעלנעם, דעם מענטשן, און דער השגחה.

איז איוב געווען אַן אַפּיקורוס, האָט ער אינגאַנצן געלייקנט אין דער געטלעכער השגחה? איוב בונטעוועט זיך, איוב ווערט דער גרויסער רעוואָלוציאָנער גראַד דערפאַר, ווייל ער איז אַ טיף-גלויביקער. דער וואָס גלויבט נאָר אין די אייזערנע געזעצן פון דער נאַטור און אין די אייזערנע געזעצן פון דער געשיכטע, האָט זיך ניט פאַר וואָס צו קלאָגן, ער האָט זיך ניט געגן וועמען צו קלאָגן. אָבער דער דיכטער פון ספר איוב איז געווען אַ טיף-גלויביקע נאַטור. ער האָט געגלויבט אין גאָט, ער האָט געגלויבט אין מענטשן און ער האָט געגלויבט אין גערעכטיקייט, האָט ער דערפאַר געקענט האָבן טענות. ער האָט געהאַט צו וועמען צו אַדרעסירן די טענות. ער האָט געגלויבט, אַז עמיצער וועט הערן זיינע טענות און וועט זיך באַמיִען צו געבן אַן ענטפער אויף זיי.

און דער לאַנגער וויכוח פאַרענדיקט זיך מיט דעם, וואָס דער בורא עולם גיט איובן גערעכט. אָט די אידעע איז געוואָרן דער יסוד פון דער יידישער דעמאָקראַטיע. וואָרים אויב דער שוואַכער מענטש קען זיך אָננעמען מיט מוט און פאַרלאַנגען אַ חשבון פון דעם בורא עולם וועגן דעם פּלאַן פון דער וועלט און דעם סדר פון דער וועלט, און אויב דער אַלמעכטיקער גאָט לאָזט זיך אַראָפּ צום מענטשן און ענטפערט אים אויף זיינע טענות, אויב גאָט גיט אפילו דעם מענטשן גערעכט,

איז דאָך אוודאי און אוודאי נויטיק צו פאַרלאַנגען אַ חשבון ביי די מענטשלעכע הערשער, וואָס טוען זיי, ווי פירן זיי די וועלט?

מיט דער גרעסטער עקשנות האָבן די נביאים געפירט דעם קאַמף געגן דער פאַרשווערונג פון שווייגן. עוולות טאָרן ניט פאַרשוויגן ווערן, אויב מיר ווילן, זיי זאָלן זיך ניט איבערחזרן.

דער נביא אליהו זאָגט אחאבן די גורלדיקע ווערטער: "דו האָסט דערמאָרדעט און דו ווילסט אויך ירשענען? (הרצחת וגם ירשת?). אָט די ווערטער זיינען געבליבן אין זכרון פון פאָלק און די ווערטער האָבן געבראַכט דעם אונטערגאַנג פון דער דינאַסטיע פון אחאב.

ליידן פון אומשולדיקע, עוולות און אומגערעכטיקייט, קענען ניט ווערן דער יסוד פון אַ בעסערער, פון אַ גערעכטערער וועלט־אָרדענונג. אַ נייע וועלט טאָר ניט געבויט ווערן אויף רישעות, אפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן די ליידן פון אַ קליין אומבאַהאָלפן קינד. דער יידישער געדאַנק פאַרלאַנגט גערעכטיקייט פון אַלעמען, אַפילו פון דעם בורא עולם: השופט כל הארץ לא יעשה משפט?!

*

וואָס האָט דער גרויסער דיכטער פון דעם ספר איוב אונדז געוואָלט זאָגן? דער מחבר פון ספר איוב פאַרנעמט זיך מיט יענער גרונטפראַגע, וואָס האָט אַזוי פיל געמאַטערט די יידישע דענקער: פאַרוואָס איז דעם צדיק אַזוי שלעכט און דעם רשע אַזוי גוט אויף דער וועלט? (צדיק ורע לו רשע וטוב לו). קיין פולן ענטפער האָט דער יידישער געדאַנק אויף דער פראַגע ניט געפונען. אויך דער מחבר פון ספר איוב געפינט ניט קיין באַפרידיקנדן תירוץ אויף איובס טענות. איז דאָס בלויז אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס די פראַגע אַליין פאַר זיך לאָזט זיך ניט פאַרענטפערן? אפשר זיינען איובס טענות אויך דעם דיכטערס טענות?

פאַראַן אַ כלל אין גמרא: אין מקרא יוצא מידי פשוטו — קודם כל דאַרף מען וויסן דעם פשוטן פשט פון פסוק, ערשט דאַן קען מען זיך נעמען צו דרש. ווען מען וויל פאַרשטיין, וואָס האָט דער דיכטער פון ספר איוב אונדז געוואָלט זאָגן, דאַן מוז מען קודם כל פרובירן פאַרשטיין דעם פשט פון ספר איוב גופא. און ווען מען לייענט אויפמערקזאַם דעם ספר איוב, ווערט קלאָר: דער דיכטער האָט גאָרניט געהאַט די כוונה צו באַרעכטיקן די פירונג פון דער וועלט, זיך אַנצונעמען גאָטס קריוודע. ווי מערקווערדיק דאָס זאָל ניט קלינגען, איז עס אָבער אַ פאַקט: די יידישע רעליגיע האָט זיך אַנטוויקלט און האָט זיך כסדר פאַרשטאַרקט, איז געוואָרן דערהויבענער און געלייטערטער דווקא דורך "אפיקורסות". דאָס איז, אמת, געווען אַפּיקורסות פון גאָר אַ באַזונדערן מין, שעפערישע אפיקורסות. וואָרים יידישקייט איז דער גלויבן, וואָס איז געקומען ברענגען אַ טרייסט פאַר די שוואַכע און אַ האַפענונג פאַר די פאַרצווייפלטע. די דאָזיקע אויפגאַבע האָט זיך אויך געשטעלט דער דיכטער פון ספר איוב. עס איז אַ ספר געשריבן פאַר די ליידנדע און אומגליקלעכע, פאַר די אומשולדיק־ליידנדע און אומשולדיק־אומגליקלעכע. און אין דעם גרויסן וויכוח צווישן איוב און דער השגחה שטעלט זיך דער

דיכטער אינגאַנצן אויף איובס צד. איוב, ערקלערט אונדז דער דיכטער, איז געווען גערעכט און געבליבן גערעכט. און דער רבונו של עולם? איז גאָט, געווען אומגערעכט? דאָס קען, נאַטירלעך, דער דיכטער ניט זאָגן. זיין ענטפער איז — ווי קען דער שוואַכער מענטש פאַרשטיין די פאַרבאָרגענע וועגן פון דער השגחה? ווער קען דען באַגרייפן גאָטס פּלאַן אין דער וועלט? אָבער גערעכט איז געווען איוב און גאָט אליין האָט אים צום סוף געגעבן גערעכט.

געווען צוויי ריכטונגען אין יידישן רעליגיעזן געדאַנק. געווען דיכטער און דענקער ביי יידן, וואָס האָבן באַוווּנדערט גאָטס וועלט, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן בורא באַטראַכט די באַשאַפענע וועלט און געזאָגט ״כי טוב״, ווי גוט, ווי שיין איז די וועלט! געווען אָבער אויך אנדערע דענקער ביי יידן, קריטישע דענקער, וואָס האָבן ניט געקענט פועלן ביי זיך צו זאָגן ״כי טוב״, ווייל זיי איז די וועלט ניט געפעלן געווען. עס איז זיי ניט געפעלן געווען דער מאָראַלישער סדר אויף דער וועלט, אָט די דענקער, די נביאים, זיינען עס געקומען מיט דער אידעע, אַז די וועלט נויטיקט זיך אין אַ תיקון, מען דאַרף די וועלט ענדערן. מען דאַרף די וועלט בעסער מאַכן. און קודם כל מוז מען ענדערן דעם סדר אין דער מענטשלעכער וועלט.

אין דעם וויכוח צווישן איובן און זיינע פריינד פירט אונדז דער דיכטער אריין אין אָט דער דיסקוסיע צווישן די צוויי שולן, צווישן די צוויי באַזונדערע רעליגיעז־פילאָזאָפישע ריכטונגען — קאָנסערוואַטיווע אָפּטימיסטן און די קריטישע, אָבער אין תוך מער שעפערישע, פעסימיסטן.

מיט סטאָישער רויקייט — דערציילט אונדז דער דיכטער, האָט איוב אָנגענומען זיין גורל. איוב נעמט אָן מיט געפיל פון רעזיגנאַציע גאָטס משפט: ״נאַקעט בין איך ארויס פון מיין מוטערס טראַכט, נאַקעט וועל איך זיך אהין אומקערן, גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען, זאָל גאָטס נאָמען זיין געבענטשט״! אויך נאָכדעם ווי עס קומען אויף אים די שווערסטע פּלאָגן און יסורים, פאַרלירט איוב ניט זיין גלויבן. ער ליידט און שוויגט. אזוי שטאַרק איז זיין ליידן, אַז אפילו זיינע פריינד קענען צו אים ניט ריידן. זיבן טעג און זיבן נעכט זיינען איובס פריינד געזעסן מיט אים, און האָבן ניט געקענט ארויסברענגען קיין וואָרט, ״וואָרים זיי האָבן געזען, אַז דער ווייטאָק איז זייער גרויס״. נאָך די זיבן טעג האָבן זיינע פריינד אים אָנגעהויבן צו ״טרייסטן״. אין וואָס זיינען באַשטאַנען די טרייסט־ווערטער פון איובס פריינד?

דער דיכטער דערציילט אונדז וועגן דעם גאַנץ אויספירלעך. איובס פריינד האָבן איין טענה: גאָט וועט דאָך קיין אומשולדיקן ניט באַשטראָפן, ״דערמאָן זיך נאָר, ווער איז אומשולדיק פאַרלאָרן געגאַנגען און ווו זיינען די רעכטפאַרטיקע אומגעקומען״ (זכר נא מי הוא נקי אבד ואיפה ישרים נכחדו), פרעגט אים זיין פריינד אליפז. די זעלביקע טענות חזרן איבער זיינע אַנדערע צוויי פריינד, זיי בעטן אים, זיי פאַרלאַנגען פון אים, ער זאָל זיך מודה זיין אויף זיינע זינד, און דאַן וועט אים גאָט מוחל זיין זיינע עבירות. דאָ האָט איוב שוין מער ניט געקענט

שווייגן. און איוב גיסט אויס זיין האַרץ פאַר זיינע פריינד: "שוין צען מאָל, ווי איר טוט מיך פאַרשעמען... ווייסט נון, אַז גאָט האָט מיך באַעוולט און זיין נעץ האָט ער ארומגעלייגט ארום מיר... מיינע ברידער האָט ער דערווייטערט פון מיר און מיינע ברידער זיינען פרעמד געוואָרן צו מיר. מיינע פריינד האַלטן זיך פון וויטן און מיינע באַקאַנטע האָבן מיך פאַרגעסן". און דער אומגליקלעכער איוב, דער אומשולדיק לײדנדער, בעט זיך: האָט רחמנות אויף מיר, דערבאַרימט זיך אויף מיר, מיינע פריינד, וואָרים גאָטס האַנט האָט מיך געטראָפן; פאַרוואָס פאַרפאָלגט איר מיך, ווי גאָט, און איר קענט זיך ניט אָנזעטיקן מיט מיין פלייש (חנני חנני אתם רעי כי יד אלוה נגעה בי. למה תרדפני, כמו אל ומבשרי לא תשבעו).

איוב זעט איין, אַז זיינע פריינד וועט ער שוין ניט קענען איבערצייגן. זיי וויסן פאָרויס, אַז גאָט איז גערעכט און דער לײדנדער איז אומגערעכט. רופט דער אומגליקלעכער איוב גאָט אליין צום משפט. איוב וויל זיך אויסטענען מיטן מעכטיקן באַשעפער פון דער וועלט. ער צווייפלט ניט איין איינציקן מאָמענט אין זיין גערעכטיקייט (הנה נא ערכתי משפט ידעתי כי אני אצדק). מיט ביטערקייט וואַרפט אויף איוב זיינע פריינד, וואָס זיי נעמען זיך אָן גאָטס קריוודע און קריגן זיך פאַר גאָט. (הפניו תשאון אם לאל תריבון). און זיין בליק ווענדט זיך צו דער צוקונפט, צו די קומענדיקע דורות. זאָלן זיי כאָטש וויסן, ווי אומשולדיק ער האָט געליטן. הלוואי וואָלטן געוואָרן אויפגעשריבן מיינע ווערטער, הלוואי וואָלטן זיי אין אַ בוך געוואָרן פאַרצייכנט מיט אַן אייזערנער פען און בליי, אויף אייביק אין פעלז אויסגעהאַקט (מי יתן אפו ויכתבון מלי מי יתן בספר ויוחקו, בעט ברזל ועפרת לעד בצור יחצבון). האָט דער דיכטער פון דעם ספר איוב זיין חוב געטאָן. ער האָט אויף אייביק פאַרשריבן די ווערטער און טענות פון דעם אומגליקלעכן, פון דעם, וואָס האָט אַזוי אומשולדיק געליטן.

גערעכט זיינען די אומגליקלעכע, גערעכט זיינען די לײדנדע, באַמיט זיך ניט צו זוכן קיין תירוצים פאַר דער השגחה, ווי דאָס האָבן געטאָן איובס פריינד. און צום סוף פון ספר זאָגט אונדז דער גרויסער דיכטער גאַנץ קלאָר ארויס זיין מיינונג, גאָט אַליין איז ניט צופרידן מיט איובס פריינד. גאָט דאַרף ניט, מען זאָל זיך פאַר אים אָננעמען. גאָט וויל, אַז דער מענטש זאָל זיך קודם כל אָננעמען פאַר דעם אומגליקלעכן. אים, דעם אומגליקלעכן און פאַרצווייפלטן, דאַרף מען ברענגען טרייסט און האָפענונג. האָט דערפאַר גאָט געצאָרנט אויף איובס פריינד: "וואָרים איר האָט וועגן מיר ניט גערעדט אַזוי ערלעך ווי מיין קנעכט איוב" (כי לא דברתם אלי נכונה כעבדי איוב). און גאָט הייסט איובס פריינד, זיי זאָלן גיין צו אים און בעטן ביי אים מחילה, און ווען איוב וועט מתפלל זיין פאַר זיינע פריינד, וועט גאָט זיי מוחל זיין זייער זינד (איוב עבדי יתפלל עליכם כי אם פניו אשא).

דאָס איז די יידישע מאָראַל, דאָס איז דער טיפער זין פון דעם יידישן גלויבן — שטענדיק צו זיין מיטן גערעכטן, אַפילו ווען ער איז דער שוואַכער. עס איז

געוועז אַט די "אַפּיקורסות" פון דעם דיכטער פון דעם גרויסן ווערק "איוב" וואָס האָט דערהויבן יידישקייט צו דער מדרגה פון דעם העכסטן עטיש־רעליגיעזן אידעאַל און וואָס האָט דעם יידישן פאָלק, דעם איוב צווישן די פעלקער, געגעבן דעם מוט און דעם כוח צו קעמפן פאַר זיין קיום און פאַר זיין גלויבן.

סאָציאַלע גערעכטיקייט און דער זינדיקער מענטש

די טעאָריע פון עקאָנאָמישן אָדער סאָציאַלן דעטערמיניזם איז באַזונדערס געפערלעך דערפאַר, ווייל זי גיט דעם רשע אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרענטפערן, מען קען דאָך ניט זיין קיין צדיק אין סדום.

די געבאָטן פון עשרת הדברות בלייבן אָבער גילטיק פאַר אַלע מענטשן און פאַר אַלע צייטן, און עס קען גאָרניט געמאָלט זיין די עקזיסטענץ פון אַ געזעל־שאַפט אָן אַ מינימום פון מאָראַלישע געבאָטן.

דערמיט בין איך לחלוטין ניט אויסן צו זאָגן, אַז די אָביעקטיווע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען זיינען פאַר אונדז אינגאַנצן אַ גלייכגילטיקער ענין. מיר ווערן כסדר באַאיינפלוסט פון דער וועלט אַרום אונדז, און דאָך האָט דער איינצעלנער בדרך כלל אַ מעגלעכקייט אויסצוקלייבן זיין וועג. עס איז אַ פאַקט, אַז אפילו אין די שוידערלעכע באַדינגונגען פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָבן געענוג פון די אומגליקלעכע אין די לאַגערן באַוויזן אָפּצוהיטן זייער מענטשלעכע געשטאַלט. וואָס מער איך לייען די באַריכטן פון די אַרבעטסלאַגערן אין רוסלאַנד און פון די שוידערלעכע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דייטשלאַנד, אַלץ מער באַוווּנדער איך די מענטשלעכע דערהויבנקייט, וואָס האָט אַזוי אָפט אַרויסגע־שטראַלט אין די פינצטערסטע באַדינגונגען פון לעבן.

אין דעם פּרט קענען אונדז אַזעלכע באַגריפן, ווי זינד, תשובה און חשבון הנפש אַ סך העלפן. און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס אַט די באַגריפן פאַרנעמען אַזאַ צענטראַלן פּלאַץ אין אונדזער יידישער טראַדיציע.

פאַראַן אַ מיינונג, למשל, אַז אַ מאָראַלישער מענטש האָט ניט קיין רעכט צו עסן צו זאַט, אַזוי לאַנג ווי עס זיינען דאָ הונגעריקע אויף דער וועלט, און אוודאי טאָר ער זיך ניט פאַרגינען צו פאַרשווענדן געלט אויף פאַרשיידענע לוקסוסן. ניט קיין אַנדערער ווי מאַהאַטמאַ גאַנדהי האָט זיך געהאַלטן ביי דער פילאָזאָפיע. ס'איז אָבער אַ פאַקט, וואָס אפילו אַ צאָל פון גאַנדהיס חסידים האָבן מודה געווען, אַז זייער רבי האָט אין דעם פּרט גאָר אָפט געזינדיקט.

יידישקייט האָט אַזאַ עקסטרעמיזם קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט. עס וואָלט פונדעסטוועגן געווען אַ טעות צו מאַכן אינגאַנצן צו קליינגעלט אַט די עקסטרעמע תורה פון פולער סאָלידאַריטעט צווישן מענטשן.

מיר האָבן ניט דעם כוח אָפּצוהיטן אין טאָג־טעגלעכן לעבן אַט די אידעאַלע מאָראַל. מיר מוזן זיך אָבער אָפּגעבן אַ חשבון, אַז מיר זיינען בדרך כלל זינדיקע

מענטשן, און דאָס איז דער עיקר וויכטיק צו האָבן אין זינען, ווען מיר קומען אַרויס מיט טענות צו אַנדערע.

מערקווערדיק איז דער פֿאַקט, וואָס די אידעע פֿון סאָציאַל־עקאָנאָמישער דעמאָקראַטיע, פֿון פֿולער גלייכקייט, פֿאַרנעמט ניט קיין שום פּלאַץ אין די אידעאָלאָגיעס פֿון מאָדערנעם ראַדיקאַליזם.

די פֿילאָזאָפֿישע שיטה פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם סאָציאַלן דאַרוויניזם זעט גראַד אין דער מלחמה צווישן מענטש און מענטש, אין דעם קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ, דעם וויכטיקסטן עלעמענט פֿון פּראָגרעס. דאַרווין אַליין איז ניט געווען קיין סאָציאַלער דאַרוויניסט. ער האָט אַבסאָלוט ניט געלייקנט די ראָל פֿון קאָאָפּעראַציע און מאָראַלישע פֿאַקטאָרן אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

אָבער דער מענטשלעכער פּראָגרעס גופֿא, וואָס האָט אונדז געהאָלפֿן צו לייזן אַזוי פֿיל ערנסטע פּראָבלעמען, איז דאָך אין דער זעלביקער צייט אין גאַר אַ באַדייטנדער מאָס אַ רעזולטאַט פֿון אַן אייגנאַרטיקער פֿאָרעם פֿון יאָגעניש, פֿון קאָנקורענץ. און קאָנקורענץ מיינט אַ מלחמה צווישן שטאַרקע און שוואַכע — פּראָגרעס העלפֿט איינהאַלטן אַ קלאַס פֿון פּריווילעגירטע.

און אויך די נאַטור איז ווייט ניט אַזוי יושרדיק. עס איז ניט ריכטיק, אַז אַלע מענטשן ווערן געבוירן גלייך. די אידעע פֿון מענטשלעכער גלייכקייט איז קודם כּל אַ רעליגיעזע און מאָראַלישע אידעע. דערפֿון נעמט זיך אויך דער גרויסער מאָראַלישער קאָנפֿליקט צווישן אונדזער אידעאַל פֿון יושר, גערעכטיקייט און ברידערלעכקייט, פֿון איין זייט, און דער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט, פֿון דער אַנדער זייט. פֿילט זיך דער מענטש שולדיק, ווען ער זעט די אַלע, וואָס בלייבן הינטערשטעליק: די שוואַכע, די קראַנקע, די אָרעמע, די עלטערע מענטשן. און פֿאַראַן צוויי וועגן ווי צו באַרויקן אונדזער געוויסן. איין וועג איז — זיך טיילן. די גאַנצע יידישע סיסטעם פֿון צדקה איז געבויט אויף אָט דעם פּרינציפּ פֿון טיילן זיך, נעמען צו זיך אַן אורח אויף שבת און יום־טוב, פֿאַרבעטן אָרעמע צו אַ שמחה, צו אַ חתונה, באַזאָרגן אַ לערנער, העלפֿן אַן אלמנה. געווען, צום ביישפּיל, ביי פֿרומע יידן אַ מינהג חתונה צו מאַכן אַ יתומה, אַן אָרעם דינסטמיידל, אין דעם טאָג, ווען מען מאַכט חתונה אַ טאָכטער. די יידישע צדקה איז דער עיקר געבויט אויפֿן פּרינציפּ פֿון אַ יום־טובדיקער ברידערלעכקייט, יום׳טובדיקן סאָציאַ־ליזם. עס איז אַ חוב זיך צו טיילן מיטן אייגענעם גליק.

דאָס איז אוודאי ניט דער אידעאַלער אויסוועג. אָבער געווען דאָ אַ סך מענטשלעכקייט. דאָס הויז פֿון דעם באמת פֿרומען יידישן מענטשן איז בדרך כּלל געווען אָפֿן פֿאַר אַלעמען. ערשט די מאָדערנע צייט האָט אריינגעבראַכט אַ שאַרפֿע סאָציאַלע צעשיידונג צווישן די פּריווילעגירטע און די באַעוולטע.

דער צווייטער וועג פֿון באַרויקן דאָס געוויסן איז — צו אַנטלויפֿן פֿון נויט. צו אַנטלויפֿן פֿון ליידן. מען קלייבט זיך איבער אין אַ מער פֿאַרמעגלעכע געגנט, פֿאַר דעם אַלטן טאַטן, פֿאַר דער אַלטער מאַמען געפֿינט מען אַ פּלאַץ אין אַן

אַנשטאַלט. פֿאַראַן נאַטירלעך פֿאַלן, ווען קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ. איך האָב דאָ אָבער אין זינען געווינטלעך פֿאַלן, ווו קינדער וואָלטן זיך יע געקענט געבן אַן עצה. אַ רייכער מענטש וועט זעלטן פֿאַרבעטן צו זיך אַן אָרעמען אורח. צו די באַנקעטן און בעלער פֿאַר צדקה ווערן איינגעלאַדן נאָר מענטשן פֿון העכערן שטאַנד. אין דעם פּרט איז היינט די מחיצה צווישן אָרעם און רייך, צווישן געזונטע און קראַנקע, צווישן יונג און אַלט, אַ סך גרעסער, ווי דאָס איז געווען אַמאָל, לכל הפּחות אין אונדזערע שטעטלעך אין דער אַלטער היים. מיר האָבן אויך ניט באַוויזן צו פֿאַרענטפֿערן די פּראָבלעם פֿון מענטשלעכער איינזאַמקייט, פֿון מענטשלעכן עלנט.

*

גערעכטיקייט איז ביז גאָר אַ דעליקאַטער ענין. מיר האָבן אין דער תורה, למשל, אַ ריי וווּנדערלעכע סאָציאַלע געזעצן, וואָס האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פֿון דער צייט. איך האָב דאָ אין זינען די דינים פֿון שמיטה און יובל, דעם פֿאַרבאָט צו נעמען פּראָצענט פֿאַר הלוואות.

דאָס זיינען אַלץ געזעצן געגן אָרעמקייט. בין איך דאָ ניט אויסן צו זאָגן, אַז די יידישע מלחמה געגן אָרעמקייט איז געווען אַ דורכפֿאַל. גראָד פֿאַרקערט. די דערפֿאַרונגען פֿון דורות יידיש לעבן באַווייזן אָבער קלאָר ווי קאָמפּליצירט אַט די פּראָבלעם איז.

לאָמיר נעמען ווי אַ ביישפּיל די געזעצן וועגן געבן הלוואות אָן פּראָצענט. ס׳איז אפֿשר געווען מעגלעך זיך טיילווייז צו האַלטן ביי אַט די יושרדיקע פֿאָדערונגען אין די לפֿי ערך איינפֿאַכע פֿאַרהעלטעניש פֿון דאָרפֿישן לעבן.

ס׳איז באמת געווען אַן אַ שיעור רישעות אין דעם פּרווו אויסצוניצן די נויט פֿון דעם פּויער, כדי צו באַפֿרידיקן די תאווה נאָך געלט, האָט די תורה פֿאַרבאָטן צו נעמען פּראָצענטן פֿאַר אויסבאָרגן געלט אָדער תבואה. די תורה איז אַפֿילו געגאַנגען נאָך ווייטער. „צום סוף פֿון זיבן יאָר, ווערט געזאָגט אין דברים, זאָלסטו מאַכן שמיטה. און דאָס איז דער דין שמיטה: יעטוועדער בעל חוב זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון דעם געלט, וואָס ער האָט אויסגעבאָרגט זיין חבר. ער זאָל ניט מאָנען פֿון זיין חבר און זיין ברודער, ווייל מען האָט אויסגערופֿן שמיטה צו גאָט". דאָס יאָר פֿון שמיטה איז אַ יאָר פֿון יושר, אַ יאָר פֿון ברידערלעכקייט. דער אָרעמער מענטש ווערט באַפֿרייט פֿון דעם שווערן יאָך פֿון חובות. דאָס יאָר פֿון שמיטה איז אַזוי אַרום אַ יאָר פֿון אידעאַליזם.

עס האָט זיך אָבער מיט דער צייט אַרויסגעוויזן, אַז דאָס וווּנדערלעכע געזעץ פֿון שמיטה איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן. עקאָנאָמיע און אידעאַליזם האָבן זיך ניט געפּאָרט. האָט הלל הנשיא, איינער פֿון די פֿאָטערס פֿון דער הלכה, איינגעפֿירט די תקנה פֿון פּרוזבול, אַ תקנה, וואָס האָט פּאַקטיש אָפּגעשאַפֿט דעם דין פֿון שמיטה און האָט מעגלעך געמאַכט אויפֿצומאָנען חובות אַפֿילו נאָכן זיבעטן יאָר. און ווי עס ווערט בפּירוש קלאָר געמאַכט אין דער הלכה־ליטעראַטור, האָט הלל איינגעפֿירט די תקנה פּרוזבול אין די אינטערעסן

פון די אָרעמע, כדי זיי זאָלן קענען קריגן אַ הלוואה אין אַ צייט פון נויט. הלל הנשיא האָט שלום געמאַכט מיט דער מענטשלעכער נאַטור. מען קען ניט פאַרלאַנגען פון דעם מער פאַרמעגלעכן, ער זאָל אויסבאָרגן זיין פריינד אַ געוויסע סומע, ניט זייענדיק זיכער, אַז ער וועט דאָס געלט באַקומען צוריק. און פונקט אזוי זיינען מיט דער צייט פאַקטיש אָפּגעשאַפט געוואָרן די דינים, וואָס פאַרבאָטן דאָס נעמען פּראָצענט פאַר הלוואות. ס׳איז ניט געווען מעגלעך אויפצובויען אַ סיסטעם פון קרעדיט אָן אַ געהעריקער קאָמפּענסאַציע פאַרן קרעדיט־געבער. עס זיינען אָבער איינגעשטעלט געוואָרן צוויי סיסטעמען. אַ סיסטעם פון ברידערלעכער הילף, אין דער פאָרם פון צדקה אָדער ביליקע קרעדיטן, און אַ נאָרמאַלע פאָרם פון עקאָנאָמישן קרעדיט, אויפן יסוד פון ריין עקאָנאָמישע אינטערעסן. מען קען ניט אויפבויען אַ געזעלשאַפט בלויז מיט אידעאַליזם, אָבער אויך ניט אָן אידעאַליזם. פאַראַן אַ חוץ דעם נאָך אַ דריטע סיסטעם. דאָס איז די סיסטעם פון קאָאָפּעראַטי־ווער זעלבסטהילף. אַ קלאַסישערביישפּיל איז אין דעם פּרט דער אויפבוי פון מדינת ישראל. עס איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון דריי מעטאָדן: פּשוטע עקאָנאָמישע איניציאַטיווע לויטן קאַפּיטאַליסטישן מוסטער; פּראָדוקטיווע הילף, ווי דער רמב״ם האָט עס פאָרמולירט — מען העלפט דורך אַ מתנה אדער ביליקע קרעדיטן זיך צו שטעלן אויף די אייגענע פיס — און קאָאָפּעראַטיווע זעלבסטהילף לויטן חלוצישן מוסטער. די גרעסטע ראָל האָט דאָ, בלי ספק, געשפּילט דער וועג פון קאָאָפּעראַציע, דער וועג פון זעלבסטהילף אונטער דעם צייכן פון אַ גרויסער אידעע.

וועגן הצלחה אין לעבן

די יידישע טראַדיציע האָט אויסגעצייכנט אָפּגעשאַצט די פּראָבלעמען פון מענטשלעכע אַמביציעס און מענטשלעכער גאווה. אונדז איז גוט באַקאַנט דער פסוק אין דברים ״וישמן ישורון ויבעט״... ״איז ישורון פעט געוואָרן און האָט גענומען בריקעווען״. די תורה האָט געזען די געפאַר פון צו פיל ווילטאָג, וואָס פירט צו גאווה.

מיט נאָך מער קלאָרקייט ווערט דער זעלביקער געדאַנק ארויסגעבראַכט אין דברים ח׳. די יידן שטייען ביים ירדן. ווערט דאָ דערציילט, זיי גרייטן זיך אַריינ־צוגיין אין דאָס לאַנד, וואָס גאָט האָט זיי צוגעזאָגט. און משה רבינו, דער לערער און וועגווייזער פון יידישן פאָלק, גיט זיי זיינע אָנווייזונגען. ווי זיי זאָלן זיך אויפפירן נאָכדעם ווי זיי וועלן האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד.

״וואָרים ה׳ דיין גאָט ברענגט דיך — ווערט דאָ געזאָגט — אין אַ גוטן לאַנד... אַ לאַנד פון ווייץ, און גערשטן, און וויינשטאָקן, און פייגן, און מילגרוי־מען... אַ לאַנד... ווו דיר וועט גאָרניט פעלן... היט דיך, דו זאָלסט ניט פאַרגעסן ה׳ דיין גאָט... טאָמער וועסטו עסן און זאַט זיין, און דו וועסט בויען שיינע הייזער און באַווינען... און זילבער און גאָלד וועט זיך ביי דיר מערן,

און אַלץ וואָס דו האָסט וועט זיך מערן. וועט זיך דערהויבן דיין מוט און דו וועסט פאַרגעסן אָן ה׳ דיין גאָט וואָס האָט דיך ארויסגעצויגן פון לאַנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט... און דו וועסט זאָגן אין דיין הארצן: מיין כוח און די קראַפט פון מיין האַנט האָט מיר פאַרשאַפט דאָס דאָזיקע פאַרמעגן. זאָלסטו געדענקען ה׳ דיין גאָט, וואָרים ער איז דער, וואָס גיט דיר כוח איינצושאַפן פאַרמעגן, כדי מקיים צו זיין זיין בונד, וואָס ער האָט געשווירן צו דיינע עלטערן״...

דער יידישער צוגאַנג איז בעיקר אַזאַ: דערפאָלג אין לעבן איז גאָטס מתנה, גאָטס ברכה. דער מענטש טאָר ביי זיך ניט טראַכטן: מיין כוח און די קראַפט פון מיין האַנט (כחי ועצם ידי...) האָט דאָס אַלץ געשאַפן. דער מענטש איז בלויז דער פאַרוואַלטער פון גאָטס פאַרמעגן.

מוז דער מענטש דאַנקען גאָט פאַר אַלץ וואָס איז אים באַשערט אויף דער וועלט. ווי עס ווערט געזאָגט אין דברים ח׳, ״און דו וועסט עסן, און דו וועסט זאַט זיין, און דו וועסט בענטשן ה׳ דיין גאָט פאַר דעם גוטן לאַנד, וואָס ער האָט דיר געגעבן״. פונקט אַזוי ווערט אין ספר דברים כסדר איבערגעחזרט, אַז דער ייד דאַרף געדענקען די צייט, ווען ער איז געווען אַ קנעכט אין מצרים, כדי ער זאָל פאַרשטיין דאָס געמיט פון די אָרעמע און פון די עלנטע פון זיין צייט.

עס איז קלאָר, אַז די אַלע סאָציאַלע געבאָטן פון דער תורה האָבן ניט אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן די אָרעמע און די פאַרמעגלעכע, צווישן דעם פאַרגעסענעם עלנטן און דעם בעל הצלחה. אָבער אַ בריק צווישן די פאַרשיידענע שיכטן פון פאָלק איז אויפגעשטעלט געוואָרן. מיר זיינען געבליבן איין פאָלק. די אידעע פון כלל ישראל, פון יידישער אחדות איז ניט געווען סתם אַ פאַנטאַזיע. דער פאַקט איז, אַז די פאַרמעגלעכע שיכטן און די גרויסע גבירים האָבן געשפילט גאָר אַ פּאָזיטיווע ראָל אין יידישן לעבן אפילו נאָך אין אונדזער צייט. עס איז ווייטער מערקווערדיק דער פאַקט, וואָס די אַסימילירטע יידישע בורזשואַזיע איז אַ סך מער געווען אַקטיוו אין יידישן לעבן ווי די אַסימילירטע יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט אָפט איגנאָרירט איר יידישן יחוס.

אויך אין אונדזער צייט האָבן מיר נאָך ניט באַוויזן צו פאָרמולירן אַ פילאָזאָפיע פון הצלחה, וואָס זאָל באמת באַפרידיקן אונדזערע מאָראַלישע און עסטעטישע פאָדערונגען. פון איין זייט שאַצן מיר אָפּ די באַדייטונג פון דעם מענטשן מיט עקשנות, מיט אַמביציע, אפילו ווען ער איז אַ ביסל אַגרעסיוו. אַ באַדייטנדיקער טייל פון אַט די מענטשן מיט אַמביציעס זיינען באמת פּיאָנערן און בויער. פון דער אַנדערער זייט זעען מיר די געפאַרן פון אַ וועלט, וואָס ווערט באַהערשט פון דער אידעאָלאָגיע פון הצלחה. מיר האָבן מורא צו שאַפן אַ ראָמאַנטיק פון דעם אַלרייטניק, און מיר זיינען גערעכט.

ווען מיר ריידן וועגן דעם אַלרייטניק, האָבן מיר געוויינטלעך אין זינען דער עיקר הצלחה אויפן עקאָנאָמישן געביט. דער אמת אָבער איז, אַז אויך אין פּאָליטישן לעבן, און אַפילו אין גייסטיקן לעבן, זיינען דאָ אַלרייטניקעס, שלים-

מזלניקעס און למד־וואָווניקעס. אפילו ווען עס קומט צו וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, שאַצן מיר געוויינטלעך איבער די באַדייטונג פון דעם איינצעלנעם גאון. אַ געלערנטער פון אַזאַ פאַרנעם ווי אַלבערט איינשטיין האָט ריכטיק דערויף אָנגעוויזן. זיין אויפטו איז געוואָרן מעגלעך, האָט ער אַליין באַטאָנט, אַ דאַנק דער אַרבעט פון אַן אַ שיעור גרעסערע און מיטלמעסיקע געלערנטע. און דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע דענקער און געלערנטע ווי מאַרקס, פרויד און אַנדערע. מען וואָלט אַפילו געקענט זאָגן, אַז אויך אין וויסנשאַפט און ליטעראַטור שפּילט מזל אַ געוויסע ראָל. האָט מען טאָקע ביי יידן ניט געשאַפן קיין קולט פון גרויסע פערזענלעכקייטן. מיר האָבן אפילו ניט געשאַפן קיין קולט פון משה רבינו.

מיר האָבן אָבער נאָך ניט געפונען דעם וועג ווי אָפּצוגעבן די נייטיקע אָנערקענונג די אַלע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין מזל.

אָט די ניט־מזלדיקע האָבן אָפּט גרויסע פאַרדינסטן, אָבער מיר ווייסן דערפון ניט. צווישן די ניט־מזלדיקע געפינט מען אַ סך שטילע און באַשיידענע, אמתע למד־וואָווניקעס, וואָס אויף זיי האַלט זיך די וועלט.

די מאָראַלישע פּראָבלעם פון אָרעמקייט
(די גייסטיקע היים און דער גייסטיקער סלאַם)

מען פלעגט ביי אונדז זאָגן, אַז אָרעמקייט איז ניט קיין חרפה. דאָס איז געוויס ריכטיק פאַרן יחיד. דער יידישער צוגאַנג איז דאָך, אַז גאָט אַליין איז דער פאַטער פון די אָרעמע. עס איז אָבער אויך זיכער, אַז אין אונדזער צייט איז אָרעמקייט אַ חרפה פאַרן כלל.

דער ליבעראַלער מענטש איז גרייט צו זוכן די סיבה פון אַלע צרות אין מאַטעריעלער נויט און אָרעמקייט. שוין אין ספר משלי לייענען מיר: „גיב מיר ניט קיין אָרעמקייט און גיב מיר ניט קיין עשירות. באַזאָרג מיר מיט ברויט צום לעבן, איך זאָל ניט ווערן צו זאַט און לייקענען און זאָגן: ווער איז גאָט? און איך זאָל ניט ווערן צו אָרעם און גנבענען און פאַרשוועכן דעם נאָמען פון מיין גאָט".

דער ספר משלי האָט מורא פאַר דער גרויסער אָרעמקייט, וואָס קען אַראָפּפירן פון מאָראַלישן וועג, און פאַר צו גרויסער עשירות, וואָס קען פירן צו איבערגע־טריבענער גאווה און גאָטלאָזיקייט. אַ צווייטער פסוק אין משלי זאָגט אונדז, ניט צו קוקן מיט פאַראַכטונג אויפן גנב, וואָס איז געצוווּנגען צו גנבענען צוליב זיין גרויסער נויט, ווייל ער איז הונגעריק (לא יבוזו לגנב כי יגנוב למלא נפשו כי ירעב).

עס וואָלט פונדעסטוועגן געווען אינגאַנצן ניט ריכטיק און אפילו אומגערעכט צו טראַכטן, אַז אָרעמקייט פירט אומפאַרמיידלעך צו פאַרברעכנס און אַז

פאַרברעכערישקייט איז תמיד אַ רעזולטאַט פון אָרעמקייט. מיר מוזן זיך היטן פאַר פאַרמולירן אַלגעמיינע כללים אויפן גרונד פון עקאָנאָמישע טעאָריעס.

אויך די סאָציאַליסטישע מאַרקסיסטן האָבן קיינמאָל ניט געהאַלטן פון אָט די טעאָריעס. ליידער, זיינען אַזעלכע טעאָריעס פאַרשפרייט אין דער מאָדערנער פּאָליטישער און סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. דאָס איז אָבער אינגאַנצן אַ פאַלשער צוגאַנג. ניטאָ אַזאַ זאַך ווי עקאָנאָמישער דעטערמיניזם וואָס איז שייך מאָראַל.

די יידישע געשיכטע איז געווען פול מיט נויט, מיט אָרעמקייט, מיט אונטער־דריקונגען. מיר האָבן געליטן אָן אַ שיעור פון רעכטלאָזע באַגרענצונגען, פון גירושים און פּאָגראָמען. מיר האָבן כסדר געלעבט אין געטאָס, אין שווידערלעכער ענגשאַפט. און דאָך האָבן מיר אָפּגעהיט אונדזער מאָראַל, אונדזער מענטשלעכקייט.

די חלוצים, וואָס האָבן אויפגעבויט דעם יידישן ישוב אין ישראל, האָבן זיכער געליטן ניט ווייניקער נויט און דחקות ווי די אָרעמסטע שיכטן אין די סלאָם־קוואַרטאַלן אין ניו־יאָרק און שיקאַגאָ, אין לאָנדאָן און פּאַריז. מיר ווייסן פון פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן באַוויזן איבערצוטראָגן יאָרן פון קאַטאָרגע, פון פאַרשיקונג, פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און זייער מאָראַלישער ווידערשטאַנד איז ניט געוואָרן געבראָכן.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו זאָגן, אַז דער מענטש קען לעבן מיט מאָראַל אַליין. פאַראַן גרענעצן אויך פאַר אַ מאָראַלישן ווידערשטאַנד. אָבער איין זאַך איז אַבסאָלוט קלאָר: די מענטשלעכע עקזיסטענץ איז מער ווי ברויט, מער ווי סעקס און מער ווי געלט. די מענטשלעכע עקזיסטענץ איז, ווי מיר איז שוין אויסגעקומען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן צו באַטאָנען, אַ רעליגיעז־מעטאַפיזישע קאַטעגאָריע.

אַ מענטש לעבט אין צוויי דירות, אין אַ מאַטעריעלער דירה און אין אַ גייסטי־קער דירה, אין אַ גייסטיקער היים. און גייסטיקע סלאָמס זיינען נאָך געפערלעכער ווי געוויינטלעכע סלאָמס.

די חלוצים אין ישראל, למשל, האָבן געזוכט ניט נאָר די ערדישע היים, סתם אַ טעריטאָריע פאַרן יידישן פאָלק. דער יידישער טעריטאָריאַליזם האָט געהאַט אַזוי ווייניק הצלחה, ווייל אונדזערע טעריטאָריאַליסטישע טעאָרעטיקער האָבן פאַרגעסן די געוואַלדיקע ראָל פון אַ גייסטיקער היים. איך בין זיך מודה, איך האָב פערזענלעך געהאַט געוויסע סימפּאַטיעס פאַרן טעריטאָריאַליזם. איך פאַרשטיי אויך נאָך היינט די לאָגיק פון אַ טעריטאָריאַליסטישן ענטפער. אפילו די פאַטערס פון דעם מאָדערנעם ציוניזם, הערצל און פּינסקער, זיינען געווען גרייט צוצולאָזן די מעגלעכקייט פון אַ טעריטאָריאַליסטישער לייזונג. די געשיכטע האָט אָבער געגעבן איר ענטפער. די געשיכטע האָט באַוויזן, אַז סתם אַ לאַנד איז ווייט ניט די פאַרווירקלעכונג פון די יידישע בענקענעשן.

דער צויבער פון ארץ ישראל איז אַ גייסטיקער. דאָס איז געווען די היים פון אונדזערע אבות; דאָס לאַנד פון תנ״ך, דאָס הייליקע לאַנד. ארץ ישראל איז ניט סתם אַ טעריטאָריע אויף דער געאָגראַפישער מאַפּע פון דער וועלט; ארץ

ישראל איז אונדזער לאַנד, דאָס לאַנד פון יידישן פאָלק. עס איז דער מערקווער־דיקער כוח פון אָט דער היסטאָרישער ראָמאַנטיק, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די אויפריכטונג פון מדינת ישראל. סתם אַ טעריטאָריע וואָלט געווען אַ סלאַם, ארץ ישראל איז אַ היים.

אַ סך פון אונדזערע מאָדערנע פּאָליטיקער, דענקער און קינסטלער פאַרשטייען ניט דעם אונטערשייד צווישן אַ היים און אַ סלאַם. עסן, שלאָפן און באַפרידיקן די סעקסועלע נויטן קען מען אויך אין אַ סלאַם. כדי זיך גייסטיק אויסצולעבן, מוז מען האָבן אַ היים. דער פונדאַמענט פון אַ היים איז — ריינקייט, פּשוטע ריינקייט און מאָראַלישע ריינקייט.

די פּראָבלעם פון ריינקייט פאַרנעמט גאָר אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער יידישער טראַדיציע. דער זעקסטער סדר פון דער משנה, דער סדר טהרות, באַשעפטיקט זיך מיט די ענינים פון טומאה וטהרה, פון ריינקייט און אומריינקייט. באַזונדערס האָבן יידן אָפּגעהיט די דיסציפּלין פון ריינקייט אין פאַמיליע־לעבן. ניט געווען מעגלעך אַ יידישע קהילה אָן אַ באָד און אָן אַ מקווה. די יידישע באָד און די מקווה איז אין אונדזער וועלטלעכער ליטעראַטור געוואָרן אַ טעמע פון חוזק, שיער ניט אַ סימבאָל פון יידישער פאַרשימלטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט. אָן ערנסטער וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג באַווייזט די אויבערפלעכלעכקייט פון אָט דער משכּילי־שער קריטיק. די יידישע באָד איז אין אונדזערע שטעטלעך געווען אַ וויכטיקע, אַ קאָלאָסאַל וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע.

און פונקט אַזוי איז די היים, די קולטור פון טהרת המשפחה, געווען דער פונדאַמענט פון מאָראַלישער ריינקייט. די פאַמיליע, די אידעאַליזירטע געשטאַלטן פון טאַטע־מאַמע, די יום־טובדיקייט אין דער היים, די רעליגיעזע סימבאָלן פון דער יידישער היים, די מזוזה, די ספרים־שאַפע, די שבתדיקע לייכטער, דאָס אַלץ האָט פאַרוואַנדלט די אָרעמסטע דירה אין אַ גייסטיקער היים.

אין דער יידישער היים איז מען געווען אָפּגעהיט מיט אַ וואָרט, מען האָט ניט גערעדט קיין שמוציקע רייד, קיין נבול־פּה. עלטערן האָבן זיך געשעמט פאַר די קינדער, פונקט ווי די קינדער האָבן זיך געשעמט פאַר די עלטערן. און אָט די ריינע און אויסגעאַיידלטע היים האָט אַריינגעבראַכט ריינקייט אין טאָג־טעגלעכן לעבן, ריינקייט אין גאַס און אַ היפּשע מאָס ריינקייט אפילו אויפן מאַרק.

איז געקומען שבת, איז געקומען אַ יום־טוב, האָט מען קודם כל ריין געמאַכט דאָס הויז. מען איז געגאַנגען אין מרחץ, אָנגעטאָן נייע וועש, נייע בגדים. מען איז געוואָרן אַ נייער מענטש, אַ שבתדיקער מענטש, אַ יום־טובדיקער מענטש. און ניט נאָר איז מען געוואָרן אַ נייער מענטש, מען האָט דערפילט די חשיבות פון דעם מענטשן און ממילא די חשיבות, די באַדייטונג פון דער אייגענער פּערזענלעכ־קייט.

די פּראָבלעם פון ריינקייט אין לעבן; פון ריינקייט אין באַציונג צווישן מענטש און מענטש; דער ענין פון אָפּגעהיט זיין אין ריידן, פון אויסמיידן נבול־פּה, איז גאָר ניט אין אַן ערך וויכטיקער ווי מיר שטעלן זיך דאָס פאָר. דער אונטערגאַנג

פון אַ פֿאָלק, דער אונטערגאַנג פֿון אַ ציוויליזאַציע, איז תּמיד געווען פֿאַרבונדן מיט דער ירידה פֿון מאָראַלישער ריינקייט. אַ פֿאָלק ווערט פֿון דער געשיכטע פֿאַרמשפּט אין דעם מאָמענט, ווען דאָס קולטור־לעבן פֿון דעם פֿאָלק ווערט אַ גייסטיקער סלאַם.

יידישע אָרעמקייט

פֿאַראַן פֿאַרשיידענע מדרגות פֿון אָרעמקייט, פֿאַראַן פֿאַרשיידענע אופֿנים ווי צו טראָגן דעם גורל פֿון עלנט און נויט. אָרעמקייט קען דערדריקן און אָרעמקייט קען דערלייטערן און דערהויבן. דאָס לעבן איז פֿול מיט שטרויכלונגען און ניסיונות. פֿאַראַן ניסיונות פֿון ווױלטאָג און ניסיונות פֿון נויט.

מיר האָבן זיך מיט דער צייט אויסגעלערנט גובר צו זיין סיי די ניסיונות פֿון ווױלטאָג און סיי די ניסיונות פֿון נויט. דער יידישער מענטש האָט אויך אין קריטישע צייטן ניט פֿאַרלאָרן דעם גלויבן אין זיך און דעם גלויבן אין יידישקייט. אַלע זיינען מיר קינדער פֿון אברהם, יצחק און יעקב. אַלע זיינען מיר קינדער פֿון איין טאַטע־מאַמע. נויט און עלנט און יסורים זיינען אָפּט געווען דער גורל פֿון די גרעסטע צדיקים. דער פֿונדאַמענטאַלער טעות פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט ניט אָפּגעשאַצט אויף אַ געהעריקן אופֿן דעם יחוס פֿון קאַבצאַנסק, די גייסטיקע איידלקייט און געלייטערטקייט פֿון דער יידישער אָרעמקייט. דאָס האָבן אַ סך בעסער פֿאַרשטאַנען שלום עליכם און י.ל. פּרץ. דאָס האָבן אויך פֿאַרשטאַנען אַ צאָל אַנדערע יידישע שרייבער און דיכטער.

אפֿילו דער פּשוטסטער יידישער מענטש האָט אַרויסגעוויזן אָן אַ שיעור רעספּעקט פֿאַר תּורה און חכמה. האָט דאָך דער אָרעמסטער ייד געשיקט זיינע קינדער לערנען. זיינען דאָך די ישיבֿות און בתּי מדרשים געווען פֿול מיט אָרעמע לערנער! און איידלקייט איז געווען געשעצט העכער פֿון רייכקייט. ווער עס האָט געלערנט תּורה, האָט געזוכט דעם וועג פֿון מוסר, האָט זיך איינגעשאַפּט גוטע מידות. האָבן דאָך אפֿילו פּראָסטע יידן געלערנט מוסר־ספֿרים אויף עבֿרי־טייטש, פֿון דעם חובֿות הלבֿבֿות ביז צום לב טובֿ און דעם קבֿ הישר. דער סאַמע פֿאָלקס־טימלעכער גאון אין אונדזער צייט איז געווען ר׳ ישׂראל מאיר הכּהן, דער מחבר פֿון דעם מוסר־ספֿר חפֿץ חיים.

געווען אין פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך חבֿרות, וואָס האָבן געלערנט דעם ספֿר חפֿץ חיים, אַזוי האָבן פּשוטע יידן פֿון שטעטל זיך פֿאַרנומען מיט אַזעלכע איידעלע ענינים ווי די איסורים פֿון לשון הרע, רכילות וכדומה. אַזוי זיינען פּראָסטע יידן געזעסן צוזאַמען ביי אַ טיש אין בית המדרש און האָבן מיט התמדה געלערנט ווי אַ ייד דאַרף זיין אָפּגעהיט מיטן וואָרט, ניט באַליידן קיין מענטשן און ניט פֿאַרשעמען קיין מענטשן. קען דען געמאָלט זיין אַ גרעסערע מדרגה פֿון יחוס, פֿון גייסטיקער איידלקייט?

די מוסרניקעס האָבן זייער גוט געוווּסט, אַז ס'איז גרינגער זיך אָפּצוהיטן פון די עבירות שבין אדם למקום ווי פון די עבירות שבין אדם לחברו, די עבירות צווישן מענטש און מענטש. דאָס איז דאָך געווען דער צוועק פון אַזאַ ספר ווי חפץ חיים. אָבער ווען אַ מענטש מאַכט די מינדסטע אָנשטרענגונג זיך אָפּצוהיטן פון לשון הרע, ווען דאָס איז ביי אים אַפילו ניט מער ווי אַן אָנשטעל, איז דאָס אויך אַ מדרגה פון איידלקייט.

אויך אין אונדזערע שטעטלעך האָט אַ גביר געקראָגן מער כבוד און מער כיבודים ווי אַ קבצן. אַזוי איז אָפּט געווען דיווירקלעכקייט. און דאָך איז אָרעמקייט ביי אונדז ניט אַלע מאָל געווען פאַרבונדן מיט גייסטיקן דלות און מיט גייסטיקער געפאַלנקייט. דער למד־וואָווניק, דער פאַרבאָרגענער צדיק, איז דאָך מערסטנס געווען אַן אָרעמאַן. געווען בלי ספק אַ יחוס פון אָרעמקייט, וואָס האָט אָפּגעהיט די יידן פון דעם צושטאַנד פון פאַרצווייפלונג און יאוש. דער אָרעמסטער ייד איז געווען אַ בעל בטחון. דער גלויבן אין דעם יחוס פון אָרעמקייט איז געווען ביי אונדז דער וועג ווי יידן האָבן געפירט זייער מלחמה פון לעבן, זייער מלחמה געגן אָרעמקייט.

*

די מלחמה געגן אָרעמקייט הויבט זיך אָן מיט אַ מאָראַלישן ווידערשטאַנד און מיט אַ מאָראַלישער אָנטשיידונג, ווייל די עצם פּראָבלעם פון אָרעמקייט איז אין אַ גרויסער מאָס אַ מאָראַלישע. די גורלדיקע פראַגע, וואָס שטייט פאַר איטלעכן מענטשן איז: וואָס וויל איך מאַכן מיט מיין לעבן? וואָס וויל איך דערגרייכן? אָרעמקייט קען ווערן אַ מאָראַלישע קאַטאַסטראָפע, ווען דער מענטש זוכט ניט מער ווי אַן עולם הזהדיקע באַפרידיקונג, עולם הזהדיקע דערגרייכונגען. אויב דער זין פון לעבן באַשטייט בלויז אין באַפרידיקן די גשמיותדיקע נויטן, דאַן איז אָרעמקייט ניט נאָר אַן אומגליק, נאָר אויך אַ חרפה און אַ קללה.

עס איז אָבער אויך מעגלעך אַן אַנדער צוגאַנג צום לעבן, אַן אַנדער צוגאַנג צו אָרעמקייט און צו ליידן בכלל.

די יידישע טראַדיציע לערנט אונדז ניט נאָר צו העלפן די אָרעמע און באַעוולטע, זי לערנט אונדז ניט נאָר די געבאָטן פון רחמנות און סאָציאַלער סאָלידאַריטעט. יידישקייט האָט געלערנט דעם אָרעמען מענטשן צו רעספּעקטירן און צו העלפן זיך אַליין. דאָס איז די גרעסטע דערגרייכונג פון דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע, אַ דערגרייכונג, וואָס איז נאָך ווייט ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן אין דער געהעריקער מאָס. אָט די מערקווערדיקע קונסט פון העלפן זיך אַליין האָט מעגלעך געמאַכט דעם וווּנדער פון יידישן קיום אין גלות. דער היסטאָרישער וועג פון אונדזער פאָלק אין גלות איז געווען אַ כסדרדיקער וועג פון עקספּערימענטן, פון ווידעראויפריכטונג, נאָך דעם ווי מיר האָבן איבערגעלעבט די שווערסטע גזירות און רדיפות.

פאַראַן אַ טיפער חילוק צווישן דעם אָרעמען מענטשן, וואָס לעבט מיט דעם היינטיקן טאָג, און דעם אָרעמען מענטשן, וואָס לעבט מיט דער געשיכטע און אין

דער געשיכטע. דער אָרעמער אַריסטאָקראַט זאָגט זיך ניט אָפּ פון זיין פאַרגאַנגענ־הייט, גראַד פאַרקערט, ער קלאַמערט זיך כסדר אָן די זכרונות פון אַמאָל. און די דערפאַרונג באַווייזט, אַז אַזעלכע זכרונות קענען אָפט זיין ניצלעך אין דער שווערער מלחמה פאַרן לעבן. אַזעלכע זכרונות קענען העלפן דעם פאַראָרעמטן מענטשן אָפּצוהיטן דעם רעספּעקט צו זיך אַליין, און רעספּעקט צו דער אייגענער פּערזענלעכקייט. גלויבן אין די אייגענע כוחות, איז די גרעסטע הילף אין דער מלחמה געגן אָרעמקייט.

דער יידישער יחוס פון אָרעמקייט איז קודם כל דער יחוס פון דער מענטש־לעכער פּערזענלעכקייט. די גאַנצע יידישע רעליגיעזע טראַדיציע איז אויפגעבויט אויפן עיקר פון גלויבן אין מענטשן. די עצם מענטשלעכע עקזיסטענץ איז יחוס. ליידן קען זיין יחוס און אָרעמקייט קען זיין יחוס. וואָס איז אין תוך דער טיפערער זין פון ספר איוב? עס איז דאָס גרויסע געזאַנג וועגן דעם יחוס פון ליידן.

און דער יחוס פון ליידן, דער יחוס פון גרויסע און טראַגישע איבערלעבונגען, איז אין אַ באַזונדערער מאָס דער יידישער יחוס. איז דאָך איובס גורל סימבאָליש פאַר דעם גורל פון אונדזער פאָלק, און איובס וויכוח מיט זיינע פריינד איז דאָך אויך דער יידישער וויכוח מיט דער השגחה.

מען האָט ביי אונדז אָפט קריטיקירט די יידישע "אתה בחרתנו" טראַדיציע. בין איך דאָ לחלוטין ניט אויסן צו באַווייזן, אַז מיר זיינען טאַקע דאָס אויסדער־וויילטע פאָלק. עס איז אָבער יע וויכטיק פאַר אונדז צו פאַרשטיין די גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם אתה בחרתנו גלויבן.

עס איז אגב גאָרניט אַזאַ קרומער געדאַנק, ווען מיר נעמען אָן, אַז יידן האָבן עפּעס וואָס צו זאָגן דער וועלט. דאָס קען אויך זיין ריכטיק פאַר אַנדערע פעלקער. דער גלויבן אין דעם יידישן יחוס האָט אָבער גאָרניט צו טאָן מיט דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם. מיר, יידן, גלויבן אין אַ מאָראַלישן יחוס, אין אַ יחוס, וואָס איז מחייב, אַ יחוס, וואָס דערמוטיקט די אמתע צו אמתער איידלקייט און אמתער מענטשלעכקייט. דאָס איז לחלוטין ניט קיין יחוס פון אריסטאָקראַטישע פּריווילעגיעס, נאָר אַ יחוס פון מאָראַלישע פליכטן, אַ יחוס פון מיצוות. אַ ייד דאַרף זיך בעסער אויפפירן, אַ ייד טאָר ניט באַגיין קיין עוולות, פון דעם יידישן מענטשן מוזן מיר פאָדערן. אַזוי האָט דאָס פאַרשטאַנען דער נביא עמוס, ווען ער האָט זיך געווענדט צום גאַנצן פאָלק מיט די ווערטער: "הערט דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס גאָט האָט גערעדט וועגן אייך, קינדער פון ישראל, וועגן דער גאַנצער משפחה, וואָס איך האָב ארויסגעבראַכט פון דעם לאַנד מצרים, אַזוי צו זאָגן: נאָר אייך האָב איך דערקענט פון אַלע משפחות אויף דער ערד, דעריבער וועל איך אייך דערמאָנען אַלע אייערע זינד". (רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפקד עליכם את כל עונתיכם). ווייל איר זייט אויסגעקליבן געוואָרן, טענעט דער נביא, וועט איר צוליב דעם באַשטראָפט ווערן פאַר אַלע אייערע זינד. זינט מיר זיינען געוואָרן גאָטס פאָלק, האָבן מיר אויף זיך גענומען דעם שווערן יאָך

פון תורה און מענטשלעכקייט. פון אונדז פאַרלאַנגט מען אַ סך מער, ווייל דאָס איז דער יאָך פון יחוס.

און איטלעכער ייד האָט געוווּסט, אַז דער יידישער יחוס ברענגט ניט קיין שום פּריווילעגיעס. עס איז בלויז , אייב מען קען זיך אזוי אויסדריקן, די פּריווילעגיע פון ליידן און פליכטן, דער יאָך פון מיצוות.

דער מענטש איז ניט סתם אַ הילפלאָזע באַשעפענעש, וואָס ווערט כסדר געטריבן פון דרויסנדיקע כוחות. אָט די פילאָזאָפיע פון סאָציאַלן און עקאָנאָמישן דעטערמיניזם — וואָס לייקנט די מעגלעכקייט פון אַ פרייען אויסקלייב, פון אַ פרייען ווילן — איז ניט מער ווי אַ האלבער אמת. דאָס האָט קלאָר באַוויזן דער אייגנאַרטיקער וועג פון דער יידישער געשיכטע. וואָלט באמת געווען ריכטיק, אַז דער גורל פון יחידים און פעלקער ווערט באַשטימט בלויז דורך די אייזערנע געזעצן פון סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן, דאַן וואָלט דער עצם קיום פון יידישן פאָלק געווען די גרעסטע רעטענעש. מיר האָבן געלעבט, מיר האָבן געשאַפן און געבויט, געגן די געזעצן פון דער געשיכטע. און דאָס האָט זיך אונדז איינגעגעבן, ווייל מיר האָבן געגלויבט אין דעם כוח פון דעם מענטשלעכן ווילן, ווייל מיר האָבן געגלויבט און גלויבן נאָך היינט אין מענטשלעכער פרייהייט, אין דעם געטלעכן פונק, וואָס דער מענטש טראָגט אין זיך.

דער יידישער מענטש האָט כסדר געהערט דעם רוף פון חסידישן אָפּטימיזם: "יידן, זייט זיך ניט מייאש!" די ווערטער פון "אני מאמין" האָבן כסדר באַגלייט דעם יידישן וועג. און דאָס האָט אַ שייכות ניט נאָר צום יידישן כלל. אין דער לעצטער שורה באַשטימט דאָך דער יחיד דעם גורל פון כלל. יעדער איינצעלנער ייד האָט געקעמפט פאַר זיין פערזענלעכן קיום און פאַרן קיום פון כלל ישראל. און צוליב דעם איז אזוי נויטיק געווען די מידה פון בטחון, צוליב דעם האָט מען ניט געטאָרט אַריינפאַלן אין יאוש. דער עיקר אָבער — מיר האָבן געלעבט ניט נאָר מיט אונדזער פאַרגאַנגענהייט, נאָר דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט אין דער געשיכטע, און געשיכטע מיינט פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. געשיכטע האָט פאַר אונדז געמיינט יציאת מצרים און משיחס צייטן, די טעג פון בראשית און די טעג פון אחרית הימים.

דער מענטש, וואָס לעבט אין דער געשיכטע, קען אַריבערטראָגן אָרעמקייט און נויט; דער מענטש, וואָס לעבט אין דער געשיכטע, קען אויך אריבערטראָגן שווערע יסורים און ניסיונות.

יידישע צדקה

די יידישע טראַדיציע האָט געשאַפן איר אייגענע פילאָזאָפיע פון מאָראַל און רעליגיע, פון גוטס און שלעכטס, און באַזונדערס וואָס איז נוגע די פליכטן פון דעם מענטשן צו זיך אַליין און צו זיינע מיטמענטשן. ווען דער מענטש טראַכט וועגן זיך אַליין, מוז ער האָבן אין זינען, אַז ער איז ניט מער ווי אַ בשר ודם, ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן דער באַציונג צום צווייטן, צום מיטמענטשן, דאַן באַטאָנט די יידישע טראַדיציע גראַד פאַרקערט די גרויסקייט און די הייליקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, וואָרים דער מענטש איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פאָרם און אין זיין געשטאַלט. חביב אדם שנברא בצלם, חביבה יתרה נודעת לו, שנברא בצלם אלקים — (אַ באַזונדער ליבע איז ארויסגעוויזן געוואָרן דעם מענטשן, וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט). צוליב דעם זעלבן טעם מוז מען אויך זיין אָפּגעהיט מיטן כבוד, מיט דער ווערדע פון מענטשן. קומט צו דיר אַן אָרעמער אורח אין שטוב, נעם אים אויף מיט דעם גרעסטן דרך ארץ, וואָרים "גרעסער איז די מיצווה פון הכנסת אורחים ווי מקבל פנים זיין די שכינה" (גדולה הכנסת אורחים מהקבלת פני שכינה). און דער טיש, ביי וועלכן דיין אורח זיצט, איז געגליכן צום מזבח אין בית המקדש. כל זמן דער בית המקדש האט עקזיסטירט, לייענען מיר אין תלמוד (ברכות, נ"ה) — האָט דער מזבח מכפר געווען אויף די זינד, איצט איז דער טיש אין דער יידישער היים מכפר אויף די זינד, ווייל צוזאַמען מיט די אָרעמע אורחים קומט אויך די שכינה צום יידן אין שטוב.

איז דערפאַר ניט קיין ווונדער, וואָס אין דער יידישער מוסר־ליטעראַטור ווערט אַזוי שטאַרק באַטאָנט ניט נאָר די וויכטיקייט פון גוטע מעשים, נאָר אויך פון גוטע כוונות, פון דעם גוטן ווילן.

עס האָט זיך ביי יידן מיט דער צייט אנטוויקלט אַ גאַנצע קולטור פון צדקה און מעשים טובים. "אַלץ וואָס אַ מענטש טוט לשם שמים, דאַרף זיין פון דעם בעסטן און דעם שענסטן. גיט מען עסן אַ הונגעריקן, דאַרף מען אים געבן פון די בעסטע מאכלים, וואָס מען דערלאַנגט צום טיש. טוט מען אָן אַ נאַקעטן אַ בגד, דאַרף עס זיין פון די בעסטע בגדים, וואָס מען פאַרמאָגט. צדקה דאַרף מען געבן — מיט גרויס שמחה, מיטן גוטן ווילן און מיטן גאַנצן האַרצן".

אין דער אַלטער רעליגיעזער ליטעראַטור ווערן אויפגעציילט אַכט מדרגות ביים געבן צדקה. די העכסטע מדרגה איז, ווען איינער העלפט זיין מיטמענטשן

אָוועקשטעלן זיך אויף די פיס, ער זאָל מער צו קיין צדקה ניט דאַרפן אָנקומען, מיט דעם, וואָס ער זוכט פאַר אים אויס אַ מלאכה אָדער אַ געשעפט. די צווייטע מדרגה פון צדקה איז — ווען דער, וואָס גיט די צדקה, ווייס ניט וועמען ער גיט, און דער, וואָס קריגט די צדקה, ווייס ניט פון וועמען ער האָט עס געקראָגן. די דריטע מדרגה איז — ווען דער, וואָס גיט, ווייס וועמען ער גיט, אָבער דער אָרעמאַן ווייס ניט פון וועמען ער האָט די צדקה באַקומען. די פערטע מדרגה איז — העלפן דעם נויטבאַדערפטיקן נאָך איידער ער האָט געבעטן. די ווייטערדיקע מדרגות באַהאַנדלען די פאַרשיידענע פאָרמען פון צדקה, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט פון טאָג־טעגלעכן לעבן. מיר זעען דערפון, ווי ווייט די יידישע דענקער און לערער האָבן געזאָרגט אָפּצוהיטן דעם כבוד פון דעם אָרעמסטן מענטשן.

אין יעדער יידישער שטאָט און שטעטל זיינען געווען פערזענלעכקייטן פון דעם טיפּ, וואָס די משנה באַצייכנט זיי מיטן נאָמען **חסידים ואנשי מעשׂה**, און די דאָזיקע מענטשן האָבן ניט נאָר אַליין אָפּגעהיט די העכסטע אידעאַלע פאָדערונגען פון דער יידישער עטיק, נאָר האָבן אויך געדינט ווי אַ מוסטער פאַר די אַנדערע. האָבן אויך פשוטע מענטשן זיך אָפּט באַמיט נאָכצוטאָן זייערביישפּיל. וואָרים דער מענטש איז ניט נאָר דאָס וואָס ער איז אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, נאָר אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס דאָס וואָס ער וויל, צו וואָס ער שטרעבט צו דערגרייכן. אַ גרויסער יידישער תלמיד חכם האָט אַ מאָל געזאָגט: ווען איך וואָלט ניט געוואָלט זיין מער ווי איך בין, וואָלט איך ניט געוואָרן דאָס וואָס איך בין!

געווען אין ווילנע א חברה "יולדות עניות", וואָס האָט געזאָרגט פאַר אָרעמע קימפּעטאָרינס. דערציילט אונדז וועגן דער דאָזיקער חברה אַ רב פון דייטשלאַנד, וואָס האָט אָנהויב די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט באַזוכט ווילנע, בזה הלשון: די חברה פאַר דער אונטערשטיצונג פון אָרעמע קימפּעטאָרינס איז זיך נוהג, אַז זי שיקט אַריין צו יעדער קימפּעטאָרין אין דער היים די פּושקע פון דער חברה. פאַרמעגלעכע קימפּעטאָרינס לייגן אַריין אין דער פּושקע אַזוי פיל וויפל זיי ווילן אָדער קענען געבן, אָרעמע, נויטבאַדערפטיקע, נעמען ארויס פון דער פּושקע אַזוי פיל וויפל זיי באַדאַרפן. און קיינער ווייס ניט ווער עס האָט ארויסגענומען געלט פון דער פּושקע און ווער עס האָט אריינגעלייגט געלט אין דער פּושקע.

פון דער מיצווה פון "מתן בסתר" האָבן אַ סך געהאַלטן איינפאַכע יידישע בעלי בתים און פשוטע יידישע פּרויען. אויף אַ שטילן און באַשיידענעם אופן פלעגט מען אַריינשיקן דעם נויטבאַדערפטיקן אויף שבת אָדער יום־טוב. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער אָרעמסטער ייד איז אין תוך געווען אַ שטאָלצער מענטש. איינע פון די האַרציקסטע יידישע תפילות איז דאָך די בקשה: "דו זאָלסט אונדז נאָר, גאָט, ניט ברענגען דערצו, מיר זאָלן דאַרפן אָנקומען צו די מתנות פון מענטשן און צו זייערע הלוואות" (ונא לא תצריכנו... לא לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלואתם).

דער מענטש נויטיקט זיך אָפט ניט נאָר אין מאַטעריעלער הילף: אַ פריינדלעך וואָרט פון אַ נאָענטן מענטשן, אַ דערמוטיקונג פון אַ חבר, א טרייסט־וואָרט פון א ליבן פריינד איז אָפטמאָל וויכטיקער ווי מאַטעריעלע שטיצע.

דעם אַרבעטערס לוין טאָר ניט בלייבן ליגן איין איינציקע נאַכט ביים בעל הבית (לא תלין שכר שכיר), עס ווערט אויך געפאָדערט אַ מענטשלעכע באַהאַנד־לונג פון די אָנגעשטעלטע און אַרבעטער. אין איינעם פון די יידישע מוסר־ספרים, ווו די בעל הביתטעס ווערן געוואָרנט צו באַהאַנדלען אויף אַן אָנשטענדיקן אופן זייערע דינסטן, ווערט געזאָגט: חס ושלום, מען זאָל ניט באַעוולענען א יידישע טאָכטער, וואָס דינט ביי אייך, וואָרים יעדע יידישע טאָכטער איז דאָך אַ בת מלכה, אַ קינד פון אברהם אבינו! איין מאָל — דערציילט א חסידישע פאָלקס־מעשה — האָט זיך די ווייב פון ר׳ זאב וואָלף זבאַריזער צעקריגט מיט איר דינסט. די בעל הביתטע האָט גערופן די דינסט צו אַ דין תורה. דער רב האָט אָנגעטאָן זיין אויבער־בגד צו גיין צוזאמען מיט זיי צום בית דין. די רביצין זאָגט צום רב: דו דאַרפסט ניט גיין, איך וועל זיך שוין אַליין אויסטענען. ניין — ענפערט דער רב — איך גיי ניט צוליב דיר, נאָר צוליב דער דינסט, דער יתומה, גיי איך, צו שטיצן אירע טענות. אַן ענלעכע מעשה ווערט דערציילט אין דער מתנגדישער וועלט וועגן ר׳ יעקב בערלין (דעם פאָטער פון דעם באַרימטן וואָלאָזשינער ראש ישיבה, ר׳ הערש לייב בערלין), וואָס איז געווען אַ פאַרמעגלעכער סוחר און אַ גרויסער למדן: דו טאָרסט אויף איר ניט שרייען — האָט געזאָגט ר׳ יעקב צו זיין פרוי, וואָס איז געוואָרן אין כעס אויף דער דינסט — זי איז אַ יידישע טאָכטער און אַזאַ יחסנטע ווי דו... דו מעגסט ביי איר מאָנען דעם שאָדן, אָבער שרייען אויף איר טאָרסטו ניט. און ווען די פרוי האָט געוואָלט נעמען די דינסט צום רב, האָט ר׳ יעקב אָנגעטאָן די קאַפּאָטע און גענומען גיין מיט זיי. דו קענסט בלייבן אין שטוב — זאָגט אים זיין פרוי, איך דאַרף דיך ניט, איך קען זיך אַליין אויסטענען. — ניט צוליב דיר גיי איך — האָט געענטפערט ר׳ יעקב — איך גיי צוליב דער אָרעמער דינסט. זי וועט אפשר ניט וויסן ווי זיך אויסצוטענען.

*

צדקה איז אַ סך מער ווי פילאַנטראָפּיע. דאָס האָט זייער גוט פאַרשטאַנען אַזאַ סאָציאַליסט ווי לעאָן בלום, וואָס איז אייגנטלעך תמיד געשטאַנען ווייט פון יידישן לעבן. איך בין שטאָלץ, האָט בלום איין מאָל עפנטלעך ערקלערט, וואָס איך צי מיין יחוס פון אַ פאָלק, ביי וועמען די הילף פון איין מענטשן צום צווייטן ווערט באַצייכנט ניט ווי אַ האנדלונג פון רחמנות, נאָר פון גערעכטיקייט, וואָרים צדקה איז דער טייטש גערעכטיקייט.

„מיר זיינען מחוייב צו זיין אָפּגעהיט — זאָגט אונדז דער רמב״ם — מיט דער מיצווה פון צדקה מערער ווי מיט אַלע אַנדערע מיצוות, וואָרים צדקה איז אַ ס״מן פאַרן צדיק, פאַר די קינדער פון אברהם אבינו... און דער שטול פון ישראל קען זיך ניט באַפעסטיקן און די אמונה פון אמת קען ניט האָבן קיין קיום

אָן צדקה... און אַלע יידן, און די, וואָס באַהעפטן זיך צו זיי, זיינען ברידער, וואָרים עס שטייט געשריבן: קינדער זייט איר צו ה' אייער גאָט..."

די גרונטאידעע פון יידישער צדקה איז — דער מענטש גיט ניט פון זיין אייגענעם פאַרמעגן. דער מענטש האָט גאָרניט קיין אייגענעם פאַרמעגן: "גיב גאָט פון זיינעם — לייענען מיר אין אבות, וואָרים דו און אַלץ, וואָס דו פאַרמאָגסט, געהערט צו אים" (תן לו משלו שאתה ושלך שלו). "און דער מענטש דאַרף וויסן — לייענען מיר אין אַ שפּעטערדיקן ספר — אַז דאָס געלט געהערט גאָרניט צו אים, נאָר עס איז ביי אים אַ פּקדון, און עס איז זיין חוב צו טאָן מיט דעם, וואָס דער בעל הבית פון דעם געלט פאַרלאַנגט פון אים (שאין הממון שלו אלא פקדון לעשות בו רצון המפקיד)".

אין דער סאָציאַליסטישער וועלט האָט מען זיך באַצויגן מיט ביטול צו צדקה. דער סאָציאַליזם האָט זיך דאָך געשטעלט פאַר אַ ציל אָפּצושאַפן יענע באַדינגונגען, וואָס צווינגען איין מענטשן אָנצוקומען צו דער הילף פון אַ צווייטן. מיר קאָנען נאָך אָבער אַ סך לערנען פון דער טראַדיציע פון דער יידישער צדקה. די ביטול־באַציונג צו צדקה איז ווייט ניט באַרעכטיקט. און סאָציאַליזם איז דאָך די צדקה פון כלל. דאָ נעמט איבער די מלוכה צו דערפילן די פונקציע פון גערעכטיקייט, צו באַזייטיקן, אויף ווי ווייט מעגלעך, די עוולות אין אונדזער לעבן. צדקה, פון דער אנדערער זייט, איז דער סאָציאַליזם פון יחיד. דער איינצעלנער נעמט אויף זיך, אויף וויפל ער איז בכוח, אויסצוגלייכן אַ טייל פון דער אומגערעכטיקייט וואָס קומט פאָר אין דער וועלט. פאַראַן שלעכטע צדקה, ווען דער געבער איז מבייש דעם נויטבאַדערפטיקן; און פאַראַן, לוידער, אויך שלעכטער סאָציאַליזם. דער אמת איז, אַז די סכנה פון אַ שלעכטן סאָציאַליזם איז נאָך אַ סך גרעסער ווי פון שלעכטער צדקה.

צדקה איז דער סאָציאַליזם פון מענטש צו מענטש, פון חבר צו חבר. מען טאָר ניט אַלץ איבערלאָזן פאַרן כלל. אויך אין דער סאָציאַליסטישער וועלט מוז דער איינצעלנער מענטש געפינען זיין פּלאַץ. דער סאָציאַליזם האָט אַלע זאָרגן, אַלע פּראָבלעמען און אַלע מיצוות איבערגעגעבן דער מלוכה. אָבער וואָס דאַרף טאָן דער איינצעלנער מענטש, דער סאָציאַליסטישער יחיד?

עס איז ווייט ניט אַזאַ אַפּיקורסות צו זאָגן, אַז די וועגן פון צדקה און די וועגן פון סאָציאַליזם גייען זיך ניט פונאַנדער. אָט האָט דער אַרבעטער־רינג אין אַמעריקע פון אָנהויב אָן געגומען אויף זיך די מיצוות פון ביקור חולים און הלוית המת, ענינים, וואָס האָבן מער צו טאָן מיט די אַלטע יידישע מיצוות ווי מיט די אויפגאַבן פון מאָדערנעם פּאָליטישן סאָציאַליזם.

די פרוטה

דער אַלטער תלמודישער כלל: אויף דריי וועגן דערקענט מען אַ מענטשן — ווען ער נעמט אַ כוס, ווען עס רירט אים אָן די קעשענע און ווען ער פּאַלט אַריין אין כעס (בשלשה דברים אדם ניכר: בכוסו, בכיסו ובכעסו) — איז נאָך גילטיק אויך פאַר אונדזער צייט.

אין לויף פון דער געשיכטע איז אונדז אויסגעקומען צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און כל ערליי קרעדיט־געשעפטן. אפילו אין דער מלאכה פון גיסן מטבעות, אויסקריצן מעדאַלן און שטעמפּלען און אויסאַרבעטן פאַרשיידענע צירונגס־שטיק פון גאָלד, זילבער און איידלשטיינער, זיינען יידן אָפּט געווען פאַררעכנט פאַר די בעסטע ספּעציאַליסטן. האָבן די אנטיסעמיטן אונדז באַשולדיקט, אַז מיר, יידן, האָבן עס געשאַפן די עבודה זרה פון דער מטבע. דער אמת איז, אַז יידן האָבן אין לויף פון דער געשיכטע אַרויס־געוויזן אַ סך ווייניקער צוגעבונדנקייט צו עולם הזה און צו מאַטעריעלע אוצרות, ווי וואָסער ניט איז אַנדער פאָלק אויף דער וועלט. ווי אָפט האָבן אונדזערע עלטערן פאַרלאָזן זייער היים, זייער פאַרמעגן און זייער עשירות בלויז כדי צו קענען אָפּהיטן זייער גייסטיקע ירושה און צו בלייבן געטריי די געבאָטן פון אונדזער אמונה. הייליק איז ביי יידן דאָס לעבן: דאָס אייגענע לעבן און דאָס לעבן פון דעם מיטמענטשן.

פון די עלטסטע צייטן אָן האָבן די גייסטיקע פירער פון אונדזער פאָלק געפירט אַן עקשנותדיקע מלחמה געגן יעדע פאָרם פון לוקסוס אין רעליגיעזן לעבן. דער פּסוק: "דו זאָלסט זיך ניט מאַכן קיין געטער פון גאָלד און זילבער" איז ביי אונדז תמיד אויסגעטייטשט געוואָרן אין אַ ברייטערן זין. אין ספר מלכים ב׳ (קאַפּ׳ יב) ווערט אפילו דערציילט, אַז ווען מען האָט אין דער צייט פון מלך יהואש דורכגעפירט אַ גרינדלעכן רעמאָנט פון בית המקדש און מען האָט פאַר דעם צוועק געזאַמלט געלט ביים פאָלק, האָט מען בפירוש אויסגעמיטן איינצוקויפן כלים פון גאָלד און זילבער: "אך לא יעשה בית ה׳ ספות כסף מזמרות מזרקות הצצרות כל כלי זהב וכלי כסף מן הכסף המובא בית ה׳. כי לעשי המלאכה יתנהו". דאָס געלט איז פאַרווענדעט געוואָרן נאָר פאַר נויטיקע אַרבעטן. די נביאים זיינען אַפילו געווען אומצופרידן, ווען פאַרשיידענע הענדלער פלעגן זיך פאַרזאַמ־לען אין דער געגנט פון בית המקדש אין דער צייט פון די גרויסע יום־טובים. דער נביא זכריה וואָרנט דערפאַר, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען אין גאָטס הויז וועלן מער קיין הענדלער ניט זיין (ולא יהיה כנעני עוד בבית ה׳)!

ביי גאָר אַ סך אַלטע פעלקער איז געווען פאַרשפּרייט דער מינהג צו פאַרבינדן די יום־טובים מיט מאַרק־טעג. אויך אין קריסטלעכן מיטלאַלטער זיינען די מאַרק־טעג און די גרויסע ירידן אָפט געווען פאַרבונדן מיט באַשטימטע יום־טובים. דאָס וואָרט מעסע האָט אין דייטש, למשל, אַ דאָפּלטע באַדייטונג: עס איז

די באַצייכענונג פאַר דער הייליקסטער קריסטלעכער צערעמאָניע און גלייכצייטיק אויך אַ באַצייכענונג פאַר אַ גרויסן יריד (די לייפּציקער מעסע, למשל).

גאָר אַנדערש איז די יידישע טראַדיציע: שבת טאָר מען גאָר ניט טראַכטן וועגן געשעפטן און מען טאָר זיך אפילו ניט צורירן צו אַ מטבע; עס האָט קיינעם ניט געקענט איינפאַלן די אידעע צו פאַרבינדן שבת מיט וואָכעדיקע געשעפטן, מיט געלט־חשבונות און געלט־ספּעקולאַציעס. מען מעג אין די טעג פון שבת און יום־טוב מאַכן זאַמלונגען, מען מעג אפילו "קויפן" און "פאַרקויפן" עליות. דאָס זיינען די איינציקע געשעפטן, וואָס זיינען אין די טעג פון שבת און יום־טוב דערלויבט.

אין לויף פון דער געשיכטע האָבן יידן געהאַט ווייניק געלעגנהייט ארויס־צולאָזן אייגענע מטבעות. אין דער צייט פון בית ראשון זיינען געלט־שטיקער פון גאָלד און זילבער לויט אַ באַשטימטן געוויכט (א שקל, א האַלבער שקל א.אַז.וו.) שוין געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. מטבעות, ארויסגעגעבן פון דער מלוכה מיט באַשטימטע אויפשריפטן און סימבאָלן זיינען נאָך ניט געווען אָנגענומען. אַ גרעסערע צאָל יידישע מטבעות פאַרמאָגן מיר פון דער צייט פון בית שני. זיי שטאַמען צום גרעסטן טייל פון דער צייט פון די חשמונאים, ווען יהודה איז ווידער געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה. וואָס לערנען אונדז די יידישע מטבעות, וואָס די פירשטן פון די חשמונאים האָבן אַרויסגעגעבן?

עס איז קודם כל כאַראַקטעריסטיש, וואָס עס פעלן דאָ אינגאַנצן די בילדער פון די מלוכה־לייט. אויף די יידישע מטבעות זיינען בכלל ניטאָ קיין בילדער פון מענטשן אָדער בעלי חיים. די אָנגענומענע סימבאָלן אויף די מטבעות זיינען: די מנורה, אַ לולב, אַן אתרוג, אַ צווייגל וויינטרויבן און דאָס בילד פון בית המקדש. אין די אויפשריפטן אויף די מטבעות באַגעגענען מיר שוין יע נעמען פון פערזענלעכקייטן. כאַראַקטעריסטיש זיינען די מטבעות מיט דער אויפשריפט: "יהוחנן הכהן הגדול וחבר היהודים" (יהוחנן דער כהן הגדול און די יידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג). דערין קומט קלאָר צום אויסדרוק די יידישע דעמאָקראַ־טישע טראַדיציע. דער ראש פון דער מלוכה און דאָס פאָלק ווערן דערמאָנט צוזאַמען.

אַ צאָל מטבעות זיינען ווייטער אויפגעהיט געוואָרן פון דער צייט פון דעם גרויסן אויפשטאַנד געגן די רוימער אין די יאָרן 66—70 און פון דער צייט פון דעם אויפשטאנד פון בר־כוכבא (132—135). ווי אַ סימן פון פּאָליטישער זעלב־שטענדיקייט האָבן די פירער פון אויפשטאַנד ארויסגעלאָזן אייגענע מטבעות. די נאַציאָנאַל־געהויבענע שטימונג קומט דאָ צום אויסדרוק אין אַזעלכע אויפשריפטן ווי "לחרות ירושלים", אדער "שנת ארבע לגאולת ציון" (דאָס פערטע יאָר פון דער באפרייונג פון ציון). אויף אייניקע מטבעות ווערט אָנגעגעבן דער נאָמען שמעון, אָפט מיטן צוגאָב — "נשיא ישראל". עס פעלן אָבער, נאַטירלעך, אויך דאָ בילדער פון מענטשן און בעלי חיים, וואָס זיינען אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די מטבעות פון אַלע אַנדערע מלוכות סיי אַמאָל און סיי אַפילו אין אונדזער צייט.

אייגענע געלט האָבן אונדזערע עלטערן אויך ניט זעלטן אַרויסגעלאָזן אין די שווערע באַדינגונגען פון גלות-לעבן. אין דער אָפּהאַנדלונג פון דעם באַקאַנטן געלערנטן פּראָפ. ג. קיש געפינען מיר אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן מטבעות פון יידישע קהילות אין אייראָפּע. עס האַנדלט זיך דאָ דער עיקר וועגן צוויי מינים מטבעות: צייכנס פאַר שחיטה-געלט און די אַזוי גערופענע פּרוטות, וועלכע זיינען געווען אַזוי פאַרשפּרייט אין אונדזערע שטעט און שטעטלעך אין מזרח-אייראָפּע.

די צייכנס פאַר שחיטה-געלט זיינען געווען מטבעות אָדער קוויטלעך, פאַרשיידן לויט דער גרויס פון דעם עוף. די הכנסות פון שחיטה-געלט זיינען געגאַנגען אויף אַרויסהעלפן אָרעמע קינדער, זיי זאָלן קענען לערנען אין חדר.

לפי ערך רייכער איז דער מאַטעריאַל וואָס מיר פאַרמאָגן בנוגע דעם צווייטן מין יידיש געלט — די פּרוטות. אויך דאָ האָט מען זיך באַנוצט טיילווייז מיט קליינע מטבעות און טיילווייז מיט געשטעמפּלטע קוויטלעך, אויף וועלכע ס'איז געווען אויפגעשריבן דער ווערט פון דער מטבע, געוויינטלעך אַ האַלבער גראָשן אָדער אַ דריטל גראָשן. וואָס האָט עס אונדזערע עלטערן געצווונגען צו שלאָגן אייגענע מטבעות, אַרויסצולאָזן יידיש געלט?

דאָס האָבן אונדזערע עלטערן געטאָן ניט, חס ושלום, צוליב געשעפטלעכע טעמים. די סיבה איז געווען גאָר אַן אַנדערע. לויטן דין איז יעדער ייד מחויב צו געבן צדקה. אַפילו אַן אָרימאַן, וואָס מוז אַליין אַנקומען צו צדקה, איז מחויב אָפּצוהיטן די מיצווה פון העלפן דעם חבר (כל אדם חייב ליתן צדקה אפילו עני המתפרנס מן הצדקה חייב ליתן ממה שיתנו לו). מען האָט געשאַפן יידישע פּרוטות — אַ האַלבן גראָשן און אַ דריטל גראָשן, כדי איטלעכער ייד זאָל מקיים זיין די מיצווה פון געבן צדקה. פאַר דעם צוועק האָבן עס אונדזערע עלטערן זיך געניייטיקט אין יידישע געלט.

דאָס "געשעפט" פון אַרויסגעבן די פּרוטות פלעגט אויף זיך נעמען אַ מאָל אַ באַלעבאַטישער ייד, אַ מאָל גאָר דער רב אָדער דער שמש. אַזוי לייענען מיר, למשל, אין די מעמואַרן פון א.י. פּאַפּירנאָ, וואָס האָט געשטאַמט פון קאַפּוליע (מענדעלעס געבוירן-שטאָט):

> אַזוי ווי געבן יעדערן אפילו אַ גראָשן זיינען ניט אַלע באַלעבאַטים געווען בכוח, זיינען די קאַפּוליער געווען געצווונגען צו שלאָגן מטבעות אָדער ריכטיקער זיך אויסדריקנדיק, אויסצושניידן פון קאַרטאָן אַ ספּעציעלע, אַזוי גערופענע צדקה-מטבע פון נידעריקן ווערט, אַן ערך איין דריטל גראָשן. פאַבריצירט האָט די דאָזיקע מטבעות דער שמש פון קלויז, דוד יאָסל; דער שמש האָט אַרויפּ-געלייגט אַ קלויז-חתימה און אָנגעצייכנט זייער ווערט. די איינוווינער פלעגן ביי אים קויפן די דאָזיקע מטבעות און טיילן זיי די אָרעמע-לייט, וועלכע פלעגן שפּעטער, אַרומגייענדיק די גאַנצע שטאָט,

אויסבייטן די דאָזיקע מטבעות ביי דוד יאָסלען אויף אמת־רוסיש געלט.

מיט פּרוטות אַליין האָט מען זיך אָבער ניט אַלע מאָל געקענט באַגיין. געווען פאַלן, ווען די יידישע קהילה האָט זיך געניויטיקט אין פּאַפּיר־געלט, אין בילעטן. איז געקומען אַן אורח אין שטעטל, האָט אים קהל געמוזט באַזאָרגן מיט עסן, באַזונדערס שבת און יום־טוב. האָט מען איינגעפירט דעם מינהג, אַז דער פּרנס־חודש אָדער דער גבאי פלעגן צוטיילן קוויטלעך (בילעטן אָדער פּלעטן) צווישן די אורחים. יעדער אורח האָט באַקומען אַ "פּלעט" צו אַ באַשטימטן באַלעבאָס און אויפן פּלעט איז געווען אָנגעשריבן: לקבל את העני המוכ"ז לאכול על שלחנו לסעודת שבת שלש סעודות לשובע. דאָס הייסט, אז דער באַלעבאָס דאַרף אויפנעמען דעם אורח ביי זיין טיש און אים געבן עסן צו זאַט די דריי סעודות פון דעם טאָג שבת. אזוי האָבן אונדזערע עלטערן געשאַפן זייערע אייגענע פינאַנסן, זייערע אייגענע מטבעות און זייערע אייגענע בילעטן. אזוי האט אויסגעזען דאָס יידישע געלט!

די קולטור פון צדקה

אין די אַלטע יידישע מוסר־ספרים ווערט אָפט באַטאָנט, אז דער אָרעמאַן, וואָס נעמט ביי אייך צדקה, טוט אייך אין אמתן אַ גרויסע טובה, אַ גרעסערע ווי איר טוט אים.

פאַראַן אַ גאַנצע קולטור פון צדקה, און אין דעם פּרט האָט די יידישע טראַדיציע אָנצווייזן אַ סך דערגרייכונגען. די וויכטיקסטע דערגרייכונג איז — וואָס ביי אונדז איז צדקה געווען און געבליבן אַ פאָלקס־ענין. דער תלמודישער כלל, אז אפילו אַן אָרימאַן, וואָס לעבט פון צדקה, דאַרף אויך געבן צדקה (אפילו עני המתפרנס מן הצדקה יעשה צדקה), איז ביי אונדז געוואָרן א טייל פון טאָג־טעגלעכן לעבן. האָבן יידן געשאַפן ספּעציעלע צדקה־געלט, די פּרוטות; אַנדערע ווידער האָבן זיך פאַרשריבן אין אַ חברה ביקור חולים אָדער לינת הצדק, כדי צו העלפן קראַנקע.

די היינטיקע הילפס־אַרבעט איז זעלטן אַ דירעקטע, צווישן דעם נויט־באַדערפטיקן און דעם צדקה־געבער שטייט די צדקה־אָרגאַניזאַציע. אויך די אַרבעט פון אויפמאַנען צדקה איז מייסטנס געוואָרן אַ ספּעציעלע פּראָפעסיע. און אזוי ווי אויפמאַנען צדקה איז פאַרבונדן מיט באַדייטנדיקע הוצאות, ווערן ממילא גרויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג כמעט אויסגעלאָזן פון דער נאַציאָנאַל און קולטורעל אזוי וויכטיקער צדקה־אַרבעט, ווייל די הוצאות פון אויפמאַנען שטייגן אָפט אַריבער די הכנסות פון די ביישטייערונגען.

דער רעזולטאַט פון דער ניי־געשאַפענער לאַגע איז דער, וואָס די רייכע און פאַרמעגלעכע פאַרנעמען אַ צו אַנגעזעענעם פּלאַץ אין אונדזער צדקה־אַרבעט.

ביים מיטעלן און אָרעמען מענטשן, באַזונדערס אין די גרויסע צענטערס, איז פֿאַראַן די מעגלעכקייט זיך ניט צו באַטייליקן, זיך צו באַפֿרייען פֿון די פֿליכטן פֿון געבן צדקה.

פֿאַראַן אַ חוץ דעם נאָך גאָר אַ וויכטיקער פּונקט. דער גרויסער געבער האָט גאַרניט אין אַן ערך מער מעגלעכקייטן צו זיין אַקטיוו. אַנקעגן דעם האָט דער קליינער געבער וויניק אַזעלכע מעגלעכקייטן. ווי נאָר מען האָט זייןביישטייערונג באַקומען, פֿאַרשווינדט ער אין דער מאַסע פֿון די קליינע ביישטייערער. די אַרבעט פֿון צדקה קען, ליידער, ניט פֿאַרנעמען אין זיין פּערזענלעכן לעבן אַזאַ פּלאַץ ווי עס איז ביי די רייכערע און פֿאַרמעגלעכערע.

אַ צאָל גבירישע משפּחות האָבן אין ניינצנטן יאָרהונדערט אינגאַנצן פֿאַרלאָזן יידישקייט. דאָס האָט זיך ביסלעכוויז געביטן, און עס ווערט, לויט מיין מיינונג, ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אין געוויסע פּרטים האָט די יידישע בורזשואַזיע געשפּילט אַ לפי ערך וויכטיקע ראָל אין אונדזער קאַמף פֿאַר אונדזערע רעכט און פֿאַר אונדזער קיום. דאָס קען ניט געזאָגט ווערן אין אַזאַ מאָס בנוגע אַ טייל פֿון דער יידישער אינטעליגענץ. די רייכע פֿאַמיליעס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אין יידישן לעבן אַ דאַנק זייער צדקה־טעטיקייט.

ווען ער איז געווען אַ סטודענט, דערציילט דער האַמבורגער באַנקיר מאַקס וואַרבורג, פֿלעגן אים די עלטערן שיקן 200 מאַרק א חודש. פֿון דעם געלט האָט ער, לויט דער טראַדיציע פֿון זיין משפּחה, געדאַרפֿט אָפּגעבן מעשר אויף צדקה. דאָ האָבן מיר פֿאַר זיך אַ ביישפּיל ניט נאָר פֿון אַ ירושה פֿון געלט, נאָר אויך, און דאָס איז בלי ספק וויכטיקער, פֿון אַ ירושה פֿון אַ קולטור. די מיצווה פֿון געבן מעשר האָט אויך שטרענג אָפּגעהיט דער גרינדער פֿון דער משפּחה ראָטשילד. דאָס מעשר־ביכל פֿון מאיר אנשעל ראָטשילד געפֿינט זיך איצט, אויב איך האָב קיין טעות ניט, ביי דעם לאָנדאָנער צווייג פֿון דער ראָטשילד־משפּחה.

אין "פֿיר דורות — פֿיר צוואות" באַשרייבט י.ל. פּרץ דעם וועג פֿון פֿיר דורות פֿון אַ רייכער יידישער משפּחה. דער פֿאָרטרעטער פֿון צווייטן דור, דער גביר ר׳ בנימין פֿאַרזאָגט זיינע קינדער:

"...און איך בעט זייער, אַז מיינע קינדער זאָלן האַלטן דעם מינהג און אָפּטיילן יעדעס יאָר, פֿאַר ראש השנה, פֿונם גאַנצן ריווח מעשר פֿאַר אָרעמע לייט און אז עס וועט אַ מאָל, חס ושלום, קיין ריווח ניט זיין, און אַז עס וועט אַ מאָל זיין, חס ושלום, אַפֿילו היזק, זאָלן זיי אויך טיילן צדקה, ווייל עס וועט אוודאי זיין אַ נסיון פֿון זיין ליבן נאָמען..."

דאָס איז, ווי מיר ווייסן געווּי, ניט סתם אַ פּראָדוקט פֿון פּרץ׳עס דיכטערישער פֿאַנטאַזיע. י.ל. פּרץ האָט פֿאַר זיך געהאַט אַ מוסטער — די צוואה פֿון דעם באַקאַנטן וואַרשעווער גביר און בעל צדקה ר׳ הירש צינצעמינער.

ווען משה רבינו האָט געמאַכט אַ געלט־זאַמלונג פֿאַרן משכן, ווערט דערציילט אין חומש, האָט ער אַ חוץ פּריוויליקע נדבות, אויך אַרויפֿגעלייגט אַ שטייער אויף אַלע יידן. דער שטייער איז געווען אַ האַלבער שקל פֿאַר אַלעמען. אַ גביר האָט

ניט געקענט געבן מערער און דער אָרעמסטער האָט ניט געקענט געבן ווייניקער (העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט ממחצית השקל). פאַרוואָס איז משה רבינו אַזוי באַשטאַנען אויף דעם פּרינציפּ פון גלייכקייט ?

אַ באַקאַנטער מוסרניק האָט דאָס געפּרובירט דערקלערן אויף אַזאַ אופן: משה רבינו האָט דורכאויס געוואָלט, אַז אַלע יידן זאָלן זיין גלייכע שותפים אין גאָטס משכן. איך גלויב, אַז אַן ענלעכע פּראָבלעם שטייט פאַר אונדז היינט. די דעמאָקראַטיזירונג פון יידישן לעבן איז ענג פאַרבונדן מיט דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער יידישער צדקה.

די היסטאָרישע ראָל פון יידישער צדקה

די גרויסע נאַציאָנאַלע צדקה־אַרבעט אין לויף פון די לעצטע צוויי־דריי דורות האָט פּשוט געראַטעוועט דעם קיום פון אונדזער פאָלק. כדי צו זיין נאָך מער קאָנקרעט — זינט אָנהויב די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען עס זיינען אויסגעבראָכן די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט די יידישע צדקה־אַרבעט געראַטעוועט אַרום פיר מיליאָן יידישע לעבנס.

אַ פּיאָנערישע ראָל אין דער יידישער צדקה־פּאָליטיק האָט געשפּילט די אַליאַנס אין פראַנקרייך, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1860. די אייגנטלעכע גרויסע הילפסאַרבעט איז געקומען אַרום צוואַנציק יאָר שפּעטער, מיטן אָנהויב פון דער יידישער מאַסן־עמיגראַציע פון רוסלאַנד, רומעניע און גאַליציע אָנהויב די אַכציקער יאָרן. דאַן איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דעם גרויסן יידישן צענטער, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין אַמעריקע. גענוי אין דער זעלביקער צייט האָבן יונגע יידישע פּיאָנערן פון רוסלאַנד געלייגט דעם יסוד פאַרן ישוב פון ישראל, וואָס האָט געפירט צו דער אויפריכטונג פון מדינת ישראל.

בערך צען יאָר נאָכן אָנהויב פון דער מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע און דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, האָט זיך אָנגעהויבן די עמיגראַציע קיין אַרגענטינע, וואָס איז געשטיצט געוואָרן דורך די פאָנדן פון באַראָן הירש. די יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע שפּילן היינט לפי ערך אַ גאַנץ באַשיידענע ראָל. די באַראָן הירש קאָלאָניעס האָבן אָבער מעגלעך געמאַכט די אויסבילדונג פון דעם גרעסטן יידישן ישוב אין דרום אַמעריקע.

ניט אַלע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָבן זיך געניטיקט אין הילף. דער גרעסטער טייל עמיגראַנטן אין אַמעריקע איז געקומען אויף אייגענע מיטלען. דער אָנהויב פון דער יידישער מאַסן־אימיגראַציע אין אַמעריקע איז אָבער מעגלעך געוואָרן אַ דאַנק דער הילפס־אַרבעט פון די יידישע צדקה־אָרגאַניזאַציעס. ווי נאָר אַט די ערשטע אימיגראַנטן האָבן באַוויזן אָפּצו־שפּאָרן אַ פּאָר דאָלער, האָבן זיי אַריבערגעבראַכט זייערע קרובים. מען האָט זיך

גאַר אַפּט פֿאַרשולדיקט, מען האָט געגומען שיפֿסקאַרטן אויף באָרג און מען האָט אריבערגעבראַכט די משפּחה. אַזוי איז אויך געווען די לאַגע אין אַרגענטינע.

זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די צאָל עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געגוויטיקט אין הילף פֿון די יידישע צדקה־אָרגאַניזאַציעס, געוואָרן אַלץ גרעסער. אין ארץ ישראל איז כמעט די גאַנצע עמיגראַציע פֿאַקטיש געשטיצט געוואָרן פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָנדן. ביים היינטיקן טאָג לעבן אין ארץ ישראל און אין די אמעריקעס בערך אכט מיליאָן יידן, כן ירבו. זיי זיינען צום ווייט גרעסטן טייל געקומען פֿון אייראָפּע. בערך אַ העלפֿט פֿון אָט די אימיגראַנטן וואָלטן מיט זייערע אייגענע מיטלען ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו פֿאַרלאָזן די אַלטע היימען. אָן דער הילפֿס־אַרבעט פֿון די גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָלטן זיי אַלע געבליבן אין אייראָפּע. מיר ווייסן, לײדער, צו גוט, וואָס זייער גורל וואָלט געווען. די אידעע פֿון כלל ישראל, דער געפֿיל פֿון יידישער אחדות האָט געראַטעוועט דעם קיום פֿון אונדזער פֿאָלק, האָט געראַטעוועט די פֿיזישע עקזיסטענץ פֿון מיליאָנען יידן.

א חוץ דער ארבעט אויפֿן געביט פֿון אימיגראַציע, האָבן יידישע צדקה־אָרגאַניזאַציעס געטאָן אָן אַ שיעור וויכטיקע אַרבעט אויף פֿאַרשיידענע אַנדערע פֿעלדער. דער ענין צדקה געהערט צו די ווונדערלעכסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פֿון יידיש לעבן אין אונדזער טראַגישער צייט.

איך וויל דערמיט ניט לייקענען די באַדייטונג פֿון סאָציאַלע קאָנפֿליקטן און סאָציאַלע קאַמפֿן אין יידישן לעבן אַמאָל און היינט. דער תנ״ך איז פֿול מיט סאָציאַלע קאָנפֿליקטן. די גרויסע יידישע פֿירער פֿון אַמאָל זיינען ניט מיד געוואָרן צו שטראָפֿן די הערשענדע קלאַסן פֿאַר די עוולות, וואָס זיי פֿלעגן באַגיין געגן די שוואַכע און די אָרעמע. לייענט די ספרים פֿון די נביאים, לייענט די געזאַנגען פֿון תהילים, און פֿאַר אייך וועט קלאָר ווערן, וויפֿל פֿאַרשטענדעניש אונדזערע גרויסע יידישע דענקער און דיכטער האָבן געהאַט פֿאַר די בויטן און זאָרגן פֿון דעם פּשוטן מענטשן. דער גאַנצער ספר תהילים איז דאָך אַ תפילה לעני, אַ תפילה פֿון דעם אָרעמאַן. עס זיינען אָבער פֿאַראַן פֿאַרשיידענע סיטואַציעס און פֿאַרשיידענע צייטן אין לעבן פֿון אַן איינצעלנעם מענטשן און אין לעבן פֿון אַ פֿאָלק. פֿאַראַן צייטן און סיטואַציעס, ווען מען דאַרף רופֿן צום סאָציאַלן פּראָטעסט, אפילו צו סאָציאַלע קאַמפֿן; און פֿאַראַן צייטן, ווען מען דאַרף רופֿן צו סאָלידאַריטעט, ווען כלל־ישראל־פּאָליטיק איז דער ריכטיקער וועג.

כלל ישראל מיינט שותפות פֿון גאַנצן פֿאָלק, פֿון אַלע טיילן פֿון יידישן פֿאָלק. מען קען ניט ריידן וועגן יידישקייט פֿון איין גרופּע, פֿון איין קלאַס, פֿון איין ישוב. די געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק באַווייזט ווי אָפּט איין טייל פֿון יידישן כלל האָט געהאָלפֿן דעם צווייטן. און די הילף איז געווען ניט נאָר אַ מאַטעריעלע. עס זיינען געווען די אָרעמע יידישע צענטערס, וואָס האָבן אָפּט גייסטיק געשפּילט אַ פֿירנדיקע ראָל. אויך אונדזער יידישע קולטור איז די שותפות פֿון גאַנצן פֿאָלק, פֿון כלל ישראל.

דער יידישער וועג

דער יידישער וועג איז דער וועג פון לאַנגע וואַנדערונגען. אָנגעהויבן האָט זיך אונדזער געשיכטע מיט דער סדרה "לך לך". און די סדרה "לך לך", די דריטע סדרה אין חומש בראשית, הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: "און גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען: גיי דיר אוועק פון דיין לאַנד, פון דיין געבוירן־פּלאַץ און פון דיין פּאָטערס הויז, צו דעם לאַנד, וואָס איך וועל דיר ווייזן". אזוי האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פון אונדזער פאָלק און אזוי איז דער יידישער וועג געבליבן אַ וואַנדער־וועג ביז צו אונדזער צייט.

עס איז סימבאָליש פאַר אונדזער גאַנצער געשיכטע. איינער איז געווען אברהם, איין איינציקע יידישע פאַמיליע אין אַ וועלט פון ניט־יידן. און דער איינציקער ייד אברהם האָט באַוויזן אָפּצוהיטן זיין וועג, דעם שווערן וועג פון יידישקייט. דערצו האָט זיך געפאָדערט אַן אַ שיעור מוט, אַ סך עקשנות און דער עיקר — אַ טיפער גלויבן אין גאָט און אַ גלויבן אין מענטשן.

דער וווּנדערלעכער וויכוח צווישן אברהם און דעם באַשעפער פון דער וועלט, ווען די זינדיקע שטאָט סדום האָט געדאַרפט חרוב ווערן, קען אונדז אין דעם פּרט אַ סך לערנען. אברהם ווייס זייער גוט, וואָס עס טוט זיך אין סדום. אָבער אפשר זיינען דאָ אַ קליינע צאָל צדיקים אין דער שטאָט פון זינד! אפשר פופציק צדיקים, פערציק, דרייסיק און אברהם גייט אַראָפּ ביז צו צען צדיקים. אויך צען צדיקים זיינען בכוח צו ראַטעווען אַ זינדיקע וועלט.

דער גאָט פון אברהם איז דער גאָט פון גערעכטיקייט. "וועט דען דער ריכטער פון גאַר דער וועלט ניט טאָן קיין גערעכטיקייט?" פרעגט אברהם. און דער וועג פון אברהם איז דער וועג פון גערעכטיקייט. געוויס, דער וועג פון גערעכטיקייט איז מייסטנס אַן איינזאַמער וועג, אַ וועג פאַר איינצעלנע. אברהם האָט אָבער געגלויבט אין דעם כוח פון דעם איינצעלנעם. צען צדיקים קענען ראַטעווען אַ וועלט און איין איינציקער צדיק קען אָפּהיטן דעם וועג פון גערעכטיקייט. אָט דער טיפער גלויבן אין דעם מענטשן, אין דעם איינצעלנעם און גערעכטן מענטשן, איז געבליבן דער גלויבן פון די קינדער פון אברהם.

עס איז געווען נאָכן ערשטן חורבן. אַ באַדייטנדער טייל פון דער באַפעלקערונג פון יהודה איז פאַרטריבן געוואָרן אין בבל. מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק אין גלות. און די פראַגע האָט זיך געשטעלט — קען אַ פאָלק לעבן אָן אַ לאַנד, אָן אַ מלוכה? קען מען אָפּהיטן יידיש לעבן אין די שווערע באַדינגונגען פון גלות? די גייסטיקע

פירער פון פאָלק האָבן געזוכט און האָבן געפונען דעם ענטפער. עס איז געווען דער ענטפער פון אברהם אבינו. אויך איינצעלנע און פאַרוואָגלטע יידן קענען לעבן ווי יידן, אויב נאָר זיי גלויבן אין גאָט, דעם באַשעפער פון דער וועלט, און אויב זיי גלויבן אין מענטשן. אוודאי איז אַ לאַנד וויכטיק, אָבער נאָך וויכטיקער איז דער מענטש און דער גלויבן אין מענטשן.

די פאַרטריבענע אין בבל זיינען געווען אָפּגעריסן פון זייער היים, אָפּגעריסן פון זייערע נאַטירלעכע וואָרצלען. זיי זיינען אָבער געבליבן פאַרבונדן מיט זייער גייסטיקער ירושה. דער עיקר אָבער, זיי האָבן געפונען אַ נייעם וועג פון רעליגיעזן גייסטיקן לעבן.

עס איז דאָ אין גלות פאָרגעקומען אַ גייסטיקע רעוואָלוציע פון אַ פאַרנעם, וואָס האָט אפשר צו זיך ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער וועלט־קולטור. אין דער הייליקער שטאָט ירושלים האָט זיך דאָס רעליגיעזע לעבן דער עיקר קאָנצענטרירט אַרום בית המקדש. געווען אָן אַ שיעור פראַכט און שיינקייט אין דער עבודה אין בית המקדש, באַזונדערס אין די גרויסע יום־טובים, ווען דאָס פאָלק פון גאַנצן לאַנד פלעגט זיך דאָ צונויפזאַמלען. אַ צייט האָבן די פאַרטריבענע געלעבט מיט די וואונדערלעכע זכרונות פון ירושלים, פון דעם בית המקדש און פון די יום־טובדיקע טעג אין ירושלים.

עס איז אָבער מיט דער צייט געוואָרן אַלץ שווערער צו לעבן בלויז מיט זכרונות. מען האָט זיך אָנגעהויבן איינוואָרצלען אין לאַנד. עס איז אויסגעוואַקסן אַ יונגער דור, וואָס האָט ווייניק געוווסט פון דער אַלטער פראַכט. און עס האָט זיך מיט אַלץ אַ גרעסערער שאַרפקייט געשטעלט די פראַגע, ווי קען אַ פאָלק לעבן אין גלות? ווי קען מען דערציען נייע דורות אין אַ פרעמד לאַנד?

געווען פלענער אפילו אויפצובויען אַ בית המקדש אין בבל. דער נביא יחזקאל דערציילט אונדז וועגן דעם. די גייסטיקע פירער פון פאָלק זיינען געווען געגן אַזאַ פּלאַן. אַ בית המקדש קען זיין נאָר אין ירושלים. זיי האָבן אָבער געפונען אַן אויסוועג. מען האָט געשאַפן אַ באַשיידענע אינסטיטוציע, וואָס זאָל קענען פאַרבייטן דעם בית המקדש, און דאָס איז געווען דער בית מדרש. מיט אָט דעם באַשיידענעם בית מדרש הויבט זיך דאָן אָן די נייע תקופה אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק און אין דער געשיכטע פון דער קולטור בכלל. ניט געווען דאָ קיין קרבנות, ניט געווען דאָ קיין כהנים. עס איז אויך ניט געווען מעגלעך צונייפצוברענגען אין דעם קליינעם און באַשיידענעם בית מדרש גרויסע מאַסן פון פאָלק. ס׳איז אָפילו וואָרשיינלעך, אז אין דער ערשטער צייט האָבן די פאַרטריבענע אין בבל זיך צונויפגעקומען אין פריוואַטע היימען. דאָ האָט מען זיך צונויפגעקומען לערנען, הערן גאָטס וואָרט; דאָ איז מען זיך צונויפגעקומען דאַוונען, זיך דורכריידן מיטן טאַטן אין הימל. ווי דער בית מדרש האָט פאַרביטן דעם בית המקדש, אזוי האָבן איצט תורה און תפילה פאַרביטן די קרבנות. דאָ, אין די באַדינגונגען פון גלות־לעבן, האָט זיך אַנטוויקלט די רעליגיעזע געמיינדע.

אַ מנין יידן קענען אויפהיטן יידיש לעבן. מען קען לערנען צוזאַמען, מען קען

דאַוונען צוזאַמען. און אַפילו איינצעלנע יידישע משפחות קענע אויך נאָך אויפהיטן יידיש לעבן. און וואָס באַדייט יידיש לעבן? יידיש לעבן איז גייסטיקייט, תורה, תפילה, גערעכטיקייט. דאָס זיינען די דריי זיילן, אויף וועלכע יידיש לעבן האָט זיך געהאַלטן.

די גייסטיקע פירער פון פאָלק האָבן ניט געלייקנט די באַדייטונג פון לאַנד און מלוכה. זיי האָבן אוודאי אויך ניט געלייקנט די באַדייטונג פון בית המקדש. זיי האָבן אָבער געוווּסט, אַז ניט ווייניקער וויכטיק איז דער מענטש.

אין זיין בוך "ניט דערבערענטע שייטן" דערציילט אונדז מרדכי וו. בערנשטיין וועגן אַ קליין ספרל, וואָס אַ צאָל דייטשע קהילות האָבן אַרויסגעגעבן אין דער צייט פון די גזרות. יידישע קהילות אין דייטשלאַנד זיינען געוואָרן אַלץ מער פאַראָרעמט און קלענער אין צאָל. געוועזן קהילות, וווּ ס'איז שוין מער ניט געווען מעגלעך צונויפצוקלייבן אַ מנין. וואָס זאָל מען טאָן אָן אַ מנין? דאָס ספרל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם "חרמון פאַרלאַג" אין פראַנקפורט אַם מיין אין יאָר 1937. ס'איז אַ קליין העפט פון אַכט בלעטלעך. דער טיטל פון דעם ספרל איז "קיין מנין" (דער טעקסט איז אין דייטש). דאָס זיינען תקנות צום דאַוונען פאַר קהילות, וווּ עס איז מער ניטאָ קיין מנין. די ווייטערדיקע אויסצוגן, וואָס ווערן דאָ געבראַכט, זיינען לויט דער איבערזעצונג פון מ. בערנשטיין:

"די קליינע און קלענסטע געמיינדעס — ווערט דאָ געזאָגט — האַלטן אָן אין זייערע ערטער די ערנוואָך פון יידישע איינריכטונגען. זיי היטן אָפּ דאָס גאָטעס־הויז, זיי שטייען אויף דער וואַך ביי די קברים פון זייערע אבות".

דאַן קומען אָנווייזונגען וועגן דעם, ווי עס דאַרפן זיך אויפפירן קהילות, וווּ עס איז ניטאָ קיין מנין. פאַראַן תפילות, וואָס מען קען ניט זאָגן אָן אַ מנין, ווי למשל, קדיש, קדושה און ברכו.

"די שמונה־עשרה — ווערט אָנגעוויזן אין די תקנות — זאָגט מען נאָר אין דער שטיל. זי דאַרף ניט דורכן חזן איבערגעזאָגט ווערן בקול רם".

ווייטער קומען אָנווייזונגען, ווי מען דאַרף לייענען די תורה, וואָס מען דאַרף זאָגן אָנשטאָט קדיש, ברכו און קדושה. ווי צו זאָגן סליחות און וואָס פאַר אַ פיוטים צו לייענען.

ניטאָ קיין מנין, אָבער שבת און יום־טוב דאַרפן זיך יידן צונויפקומען: "די קליינע און קלענסטע געמיינדעס האַלטן אָן אין זייערע ערטער די ערנוואָך פון יידישע אינסטיטוציעס". אַזוי האָבן די רעשטלעך פון יידישע קהילות אין דייטש־לאַנד געטראַכט אין די טראַגישע יאָרן פון די היטלער־גזרות!

דער איינזאַמער ייד און זיין יידישקייט

איך האָב די טעג געבלעטערט אַ בוך, וואָס איך האָב עס שוין געהאַט געלייענט מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק. די מייסטע לייענער זיינען זיכער מיט דעם

בוך באַקאַנט. עס איז די טיף־מענטשלעכע געשיכטע וועגן ראָבינסאָן קרוזא, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן ערגעץ ווו אויף אַ וויסטן אינזל.

וואָס פאַרכישופט אַזוי אין דעם בוך? עס איז די שילדערונג פון אַן איינזאַמען מענטשן, פון אַן איינזאַמען העלד. דוכט זיך אַן אויסגעטראַכטע געשיכטע, און דאָך ניט אינגאַנצן אויסגעטראַכט. די געשיכטע פון דעם איינזאַמען מענטשן איז אויך אונדזער געשיכטע, איינזאַמקייט איז אונדזער אַלעמענס גורל.

ווי האָט ער איינער אַליין פאַרבראַכט אַזוי פיל יאָרן אויף דעם וויסטן און פאַרוואָרפענעם אינזל? דער מחבר גיט אונדז וועגן דעם זייער אַן אויספירלעכע באַשרייבונג. קודם כל האָט ער דאָך געדאַרפט זאָרגן פאַר חיונה. ער האָט דאָך געדאַרפט האָבן וואָס צו עסן און אַ פלאַץ ווו איבערצונעכטיקן. איז ער אייגנטלעך געווען געגנוג פאַרנומען. פונדעסטוועגן האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן אַ טאָגבוך. שרייבן פאַר זיך אַליין, זיך דורכצושמועסן מיט זיך אַליין און געפינען דערין אַ שטיקל טרייסט.

עס איז אַריבער אַ געוויסע צייט, האָט ער זיך ארומגעזען, אַז ער האָט ביי זיך אַ ביבל, האָט ער אָנגעהויבן צו לייענען די ביבל און ער האָט אַפילו ביי זיך אָפּגעמאַכט צו לייענען די ביבל יעדן טאָג — אין דער פרי און אין אָוונט.

אַ צייט שפּעטער איז אים איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף האָבן אַ ביסל יום־טובדיקייט. איז ביי אים געבליבן, אַז יעדן זיבעטן טאָג וועט ער מאַכן שבת. די פרומע ענגלענדער — און דער מחבר פון דער ראָבינסאָן געשיכטע איז געווען אַ פרומער פּוריטאַנער — פלעגן דעם טאָג זונטיק באַצייכענען מיטן נאָמען שבת. אַזוי האָט דער איינזאַמער עלנטער מענטש פאַרבראַכט אַ סך יאָרן אויפן אינזל: ער האָט אַ סך געאַרבעט, יעדן טאָג האָט ער געלייענט די ביבל און יעדן זיבעטן טאָג איז ביי אים געווען שבת.

דער ייִד איז לויט זיין נאַטור אַ ראָבינסאָן קרוזא, אַן איינזאַמער מענטש. דער ערשטער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן איינער אַליין, און דער תלמוד ערקלערט פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געשען. דאָס האָט דער בורא געטאָן דערפאַר, כדי אונדז צו לערנען, אַז איין מענטש איז אַ גאַנצע וועלט. ווער עס ברענגט אום איין איינציקן מענטשן, איז געגליכן ווי ער וואָלט אומגעבראַכט אַ גאַנצע וועלט, און ווער עס ראַטעוועט איין מענטשן, איז געגליכן ווי ער וואָלט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט.

אַזוי איז אויך אברהם אבינו געווען איין איינציקער ייִד. איין איינציקער ייִד אין אַ וועלט פון ניט־ייִדן. און אברהם אבינו האָט זיין ייִדישקייט איבערגעגעבן זיינע קינדער און זיינע קינדס־קינדער. ווען מיר טראַכטן וועגן ייִדיש לעבן אין אונדזער צייט און וועגן אונדזער ייִדישער צוקונפט, איז וויכטיק צו האָבן פאַר די אויגן די געשטאַלט פון אברהם אבינו, די געשטאַלט פון דעם איינצעלנעם ייִדן וואָס וואָגלט אַרום איבער דער וועלט.

יעדערער פון אונדז איז אָפּט אין דער לאַגע פון אברהם אבינו, מיר זיינען אָפּט איינזאַם, אינגאַנצן אַליין, אַליין ווי ייִדן און אַליין ווי מענטשן. וואָס קענען

מיר טאָן ? ארייננקוקן אין אַ ספר, קודם כל אין תנ"ך, דעם ספר הספרים. דאָס איז דאָך דער יידישער וועג פון די עלטסטע צייטן אָן. מיר האָבן דאָך כמעט ווי פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ יידישער ספר, אַז יידישקייט דאַרף מען לערנען, אַז רעדעס וועגן יידישקייט זיינען ווייניק. מיר האָבן פאַרגעסן, אַז יידישקייט איז ניט קיין פראַגע פון מיטינגען, פון פאַרזאַמלונגען, נאָר קודם כל פון פערזענלעכן לעבן. יידישקייט הויבט זיך אָן מיט אברהם אבינו, מיט דעם ערשטן און איינזאַמען יידן, און יידישקייט וועט ניט אונטערגיין, כל זמן עס וועט בלייבן איין איינציקער יידישער עקשן, איין איינציקער איינזאַמער ייד.

די יידישע געמיינדע

דער מענטש, וואָס זוכט היילקייט, וואָס זוכט דעם וועג צו געטלעכקייט, שטייט כסדר פאַר נסיונות. עס איז גאָרניט נויטיק, טענען אַ סך דענקער, צו זוכן געטלעכקייט, ווייסן מיר דאָך אַז מלא כל הארץ כבודו, אַז גאָר די וועלט איז פול מיט גאָטס כבוד. דאָס האָט דאָך אונדז גאָר באַזונדערס געלערנט דער באַגרינדער פון חסידות. און ר' לוי יצחק בערדיטשעווער האָט דאָס אַזוי וווּנדערלעך ארויסגעבראַכט אויף אונדזער יידיש לשון:

ווו איך גיי — דו,
און ווו איך שטיי, ווייטער דו,
מזרח דו, מערב דו,
צפון דו, דרום דו,
מעלה דו, מטה דו,
נאָר דו, אַלץ דו,

צו וואָס דאַרף מען דאָן גיין זוכן קדושה, זוכן געטלעכקייט אין שול, אין שטיבל ? צוליב וואָס פאָרן צום רבין ? צוליב וואָס האָבן יידן עולה רגל געווען קיין ירושלים ? דער ענטפער איז: קדושה געפינט דער ייד אין דער געמיינדע, אין זיין שותפות מיט אַנדערע יידן.

און צום יידישן כלל, צו דער יידישער געמיינדע געהערן אַלע דורות יידן. אַ יידישער דענקער האָט אַ מאָל געזאָגט: יעדער דור שטייט אויף דאָס ניי ביים באַרג סיני, יעדער דור איז פון דאָס ניי מקבל די תורה, יעדער דור באַנייט דעם בונד צווישן גאָט און פאָלק. אַ סך יידן פון אונדזער דור האָבן נאָך, לײדער, ניט געפונען דעם וועג צום באַרג סיני. אנקעגן דעם האָבן אַ סך פון אונדז געפונען דעם וועג צו דעם גאָלדענעם קאַלב.

ווען משה רבינו איז אַראָפּ פון באַרג סיני, גראַד ווען דאָס פאָלק האָט אין אַ ווילדן עקסטאַז געטאַנצט אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב, האָט יהושע געזאָגט צו משהן: "אַ קול פון מלחמה הער איך פון לאַגער". האָט אים משה געענטפערט:

דאָס איז ניט קיין קול פון מלחמה. דאָס איז אַ ווילדער געשריי. און ווען משה איז צוגעקומען נענטער און האָט דערזען די עקזאָטישע טענץ אַרום דעם אָפּגאָט, האָט ער אַ וואָרף געטאָן פון זיינע הענט די לוחות און האָט זיי צעבראָכן אונטערן באַרג. דאָרט, ווו מען טאַנצט אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב, איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר די לוחות, פאַר גאָטס וואָרט.

דאָ ווערט פאַר אונדז קלאָר, פאַרוואָס די נביאים האָבן אזוי מורא געהאַט פאַר די פאַרשיידענע בילדער, הגם דאָס פאָלק האָט אין זיי געזען ניט מער ווי אַ סימבאָל פון געטלעכקייט. די געטער־בילדער האָבן דאָס פאָלק דעגראַדירט און דעמאָראַליזירט. דער קולט פון עבודה זרה האָט צונישט געמאַכט די הייליקייט פון דעם מענטשן, זיין גייסטיק געשטאַלט, זיין ווערדע ווי אַ מענטש. אין דעם ווילדן שיכורן טאַנץ אַרום דעם אָפּגאָט פאַרלירט זיך דער מענטש ווי אַ פּערזענ־לעכקייט. ער ווערט אַן אַנאָנימער טייל פון אַ צוטומלטער מאַסע. און דאָ קומען מיר צו דעם פונדאַמענטאַלן אונטערשייד צווישן דער געמיינדע, דער הייליקער עדה, פון איין זייט, און דער ווילדער מאַסע, דעם צולאָזענעם המון, וואָס שרייט, וואָס טומלט, וואָס פאַלט אַריין אין א משוגענעם עקסטאַז, פון דער אַנדער זייט.

די נביאים האָבן פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון סימבאָלן, כדי ארויסצורופן די סאַמע איידלסטע און סאַמע הייליקסטע געפילןביים מענטשן. אַזאַ סימבאָל איז געווען אין דער עלטערער צייט דער ארון. אין דעם ארון זיינען געלעגן די לוחות פון בונד (לוחות הברית). צוליב דעם טעם ווערט דער הייליקער ארון אָפט באַצייכנט ווי דער ארון פון בונד (ארון הברית).

די לוחות און דער ארון זיינען געווען דער סימבאָל פון דעם הייליקן בונד צווישן גאָט און דעם פאָלק ישראל. עס איז דער בונד פון באַרג סיני, דער בונד פון דער תורה.

די יידישע געמיינדע איז די געמיינדע פון דעם בונד, די געמיינדע פון דער תורה, די געמיינדע, וואָס לערנט צוזאַמען, וואָס דאַוונט צוזאַמען, וואָס היט אָפּ מיצוות צוזאַמען. די יידישע געמיינדע איז ניט קיין מאַסע, ניט קיין צעלאָזענער המון, וואָס טומלט זיך אין די גאַסן. די יידישע געמיינדע איז די אָרגאַנישע איינהייט, אַ חברה, אַ משפחה. אין דער מאַסע פאַרלירט זיך דער מענטש, אין דער הייליקער געמיינדע געפינט דער מענטש זיין פּערזענלעכקייט, זיין געטלעכע געשטאַלט, די הייליקע געמיינדע דערהויבט דעם מענטשן.

דער באַגריף פון קדושה איז דעריבער ביי יידן פאַרבונדן מיט דער אידעע פון אַ געמיינדע. געוויינלעך צען יידן, צען פּשוטע יידן, כדי צו דאַווענען בציבור. עס זיינען ניט נייטיק קיין כהנים, קיין לומדים, קיין רבנים. קומען זיך צען יידן צונויף, קומט די שכינה צו זיי, קענען זיי דאַווענען צוזאַמען, ווערן זיי אַ הייליקע עדה.

די געמיינדע איז הייליק, דאָס פאָלק איז הייליק. איז טאַקע ניט קיין צופאַל, וואָס דער נביא ירמיה האָט אַפילו געהאַלטן, אַז דער ארון פון גאָטס בונד (ארון ברית ה׳) וועט מער ניט זיין נויטיק ווי אַ סימבאָל. מען וועט דעם ארון אַפילו

מער ניט דערמאָנען (ולא יזכרו בו). אין יענער צייט, זאָגט דער נביא, וועט גאַנץ ירושלים דינען ווי אַ סימבאָל פון הייליקייט, און אַלע פעלקער וועלן זיך פאַרזאַמ־לען אין ירושלים און זיי וועלן זיך מער ניט לאָזן פירן פון זייערע בייזע אַמביציעס.

*

קיין ערנסטער דענקער קען היינט ניט טראַכטן, אַז וויסנשאַפט קען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער רעליגיעזער טראַדיציע. עס איז דער גרעסטער טעות זיך פאַרצושטעלן, אַז רעליגיע איז אַ פאָרם פון פרימיטיווער וויסנשאַפט. דער געלערנטער זוכט צו פאַרשטיין די נאַטור און צו קאָנטראָלירן די נאַטור, דאָס איז, אגב, אויך געווען די אַמביציע פון דעם אַמאָליקן כישופמאַכער. דער רעליגיעזער מענטש האָט גאָר אַן אַנדער חלום. דער רעליגיעזער מענטש גלויבט ניט, אַז ס׳איז דאָ אַ שאַרפע גרענעץ צווישן מענטש און וועלט, גראָד פאַרקערט. ער גלויבט, אז ס׳איז דאָ א שותפות צווישן דעם מענטשן און אַלע באַשעפענישן, און גאָר באַזונדערס צווישן דעם מענטשן און דעם באַשעפער פון דער וועלט. וויסנשאַפט איז מאַכט, רעליגיע איז חברשאַפט. גאָר וויכטיק איז דער פאַקט, וואָס די רעליגיע שאַפט אַ געמיינדע. און דאָ האָבן יידישע רעליגיעזע דענקער געוויזן דעם וועג פאַר דער גאַנצער וועלט. יידישקייט איז ניט סתם אַ רעליגיעזע פילאָזאָפיע, יידישקייט איז ניט סתם צערעמאָניעס אָדער הלכה, יידישקייט איז כלל ישראל, יידישקייט איז די רעליגיעזע געמיינדע, די פאַרבינדונג צווישן מענטש און מענטש, דער דיאַלאָג, דער וויכוח, דאָס זיין צוזאַמען, דאָס לעבן צוזאַמען, דער כסדרדיקער קאָנטאַקט צווישן איינעם און דעם צווייטן.

די נביאים, די תנאים און אמוראים זיינען געווען די פּיאָנערן, די חלוצים פון יידישן רעליגיעזן לעבן. ניטאָ קיין אַנדער וועג ווי אויפצוהאַלטן אַ רעליגיעזע געמיינדע ווי נאָר דורך פּיאָנערישן אידעאַליזם. און די מנהיגים פון דער געמיינדע דאַרפן זיין די ערשטע צו ווייזן דעם וועג פון אידעאַליזם. אויך לערנען איז אין תוך גענומען אַ פאָרמע פון אידעאַליזם און חלוציזם. דער רעליגיעזער מנהיג דאַרף זיך אַוועקזעצן ביים טיש מיט אַ חברה יידן און לערנען מיט זיי תורה. ביים טיש איז דאָ אַ דיאַלאָג, ביים טיש ריידן זיך יידן צונויף, ביים טיש ווערט געשאַפן אַ געמיינדע. איר העכסטע מדרגה האט די געמיינדע־יידישקייט דערגרייכט ביים רבינס טיש. אָבער דאָס איז אַן ענין, וואָס פאָדערט אַ גרינדלעכע אויסטייטשונג.

דער עיקר פון דער יידישער רעליגיעזער קולטור איז: די מאָראַלישע זעלבּ־שטענדיקייט און די מאָראַלישע אַחריות פון דעם איינצעלנעם מענטשן. דער צווייטער סימן פון דער יידישער רעליגיעזער קולטור איז תמיד געווען די יידישע געמיינדע. מיר האָבן געלעבט צוזאַמען, דער יידישער מענטש האָט זיך אַליין געהאָלפן און יידן צוזאַמען האָבן איינער דעם אַנדערן געהאָלפן.

פאַראַן אַ תלמודיש ווערטל: אָדער חברשאַפט, אָדער טויט (או חברותא, או מיתותא). לאָמיר עס דאָ גלייך זאָגן. חברשאַפט האָט אַ מעטאַפיזישע באַדייטונג, אַ קאָסמישע באַדייטונג. חברשאפט מיט מענטשן הייסט חברשאפט מיט דער וועלט. ווער עס נעמט אויף זיין חבר, זאָגט די גמרא, איז געגליכן ווי ער וואָלט

אויפגענומען די שכינה (המקבל פני חברו כאלו מקבל פני שכינה). דאָס איז דער טיפער, דער באמת קאָסמישער זין פון מענטשלעכער חברשאַפט. ווען צען יידן קומען זיך צונויף צו דאַווגען בציבור, קומט די שכינה צו זיי. אייך די פאַמיליע, אויך שלום בית איז א פאַרעם פון שותפות מיט געטלעכקייט. אָן שותפות מיט געטלעכקייט, אָן שותפות מיט אַ געטלעכער אידעע, איז דער שלום בית אין סכנה.

די מלוכה און די געמיינדע

שוין אין דער צייט פון די מלכים און די נביאים איז עס געקומען צו א שאַרפער צוטיילונג צווישן פּאָליטיק און אמונה. די גרויסע רעליגיעזע פירער אין יהודה און ישראל זיינען געגאַנגען זייער אייגענעם וועג און זיי האָבן איגנאָרירט די פּאָליטישע חשבונות פון די הערשער. ניט געווען קיין קולט פון מלוכה ביי יידן. האָבן דערפאַר די פּאַרטריבענע פון יהודה אין דער צייט פון גלות בבל זיך באַוויזן אויפצוהאַלטן ווי אַ פאָלק און ווי אַ רעליגיעזע געמיינדע אָן אַ מלוכה און אפילו אָן אַ לאַנד. דאָס איז געווען אַ מערקווערדיקער אויפטו אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור. די פאַרטריבענע אין בבל האָבן באַשאַפן אין גלות זייערע אייגענע פאָרמען פון געמיינדע לעבן און קולטור לעבן. און אין לויף פון אַ פּאָר דורות האָט די געמיינדע פון די פאַרטריבענע באַוויזן אויפצובויען דעם יידישן ישוב אין דעם לאַנד פון די אבות.

די וועלטלעכע מלוכה, האָבן די יידישע רעליגיעזע לערער און וועגווייזער געגלויבט, האָט אירע גרענעצן. דאָס האָבן אונדז שוין געלערנט די נביאים אין דער צייט ווען ישראל און יהודה זיינען נאָך געווען פּאָליטיש זעלבשטענדיק. דער נביא ירמיהו איז אפילו געווען גרייט שלום צו מאַכן מיט דעם פאַקט פון דער אויבערהערשאַפט פון בבל. און דאָס איז אויך געווען דער גלויבן פון ר׳ יוחנן בן זכאי אין דער צייט פון דער יידיש-רוימישער מלחמה. ווען ירושלים איז געפאַלן, האָט ר׳ יוחנן בן זכאי אויפגעבויט דעם גייסטיקן צענטער אין יבנה.

גראַד אין דער צייט פון דער יידישער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט איז עס געקומען צו אַ שווערן קאָנפליקט צווישן די חשמונאים און די פרושים, צווישן די פּאָליטישע הערשער און די רעליגיעזע פירער פון יהודה. דער אַלטער קאָנפליקט צווישן די נביאים און די מלכים האָט דאָ ווידער אויפגעלעבט אין אַ נייעם לבוש. די פרושים האָבן בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכן מיט די פּרוּוון פון אַ פּאָליטישער דיקטאַטור. זיי האָבן אויך ניט געקענט שלום מאַכן מיט די איבערגע־טריבענע אַמביציעס פון די חשמונאישע הערשער. און מערקווערדיק, גראַד דער נצחון פון די חשמונאים האָט פאַרשטאַרקט די פּאָזיציע פון די פרושים. די זעלבשטענדיקע מלוכה פון די חשמונאים איז געבליבן ניט מער ווי אַן עפּיזאָד אין דער יידישער געשיכטע. דער פּעריאָד פון פולער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט

אונטער די חשמונאים האָט געדויערט בלויז ארום אַכציק יאָר. דאַן איז יהודה געוואָרן אַ פּראָווינץ פון דער מעכטיקער רוימישער אימפּעריע. אנקעגן דעם האָט די גייסטיקע השפעה פון די פּרושים זיך כסדר פאַרשטאַרקט. און אויב יידן האָבן באַוויזן אָפּצוהיטן זייער קיום אין לויף פון אַזוי פיל דורות, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען דער מסירת נפשדיקער אַרבעט פון די פּרושים. די פּרושים האָבן געשאַפן דעם פאַנצער ארום דער יידישער גייסטיקער קולטור. דאָס האָבן די פּרושים פאַרפעסטיקט די יידישע געמיינדע. אַ געמיינדע איז אַ מלוכה. יידן האָבן באַקעמפט די אידעע פון אַ טאָטאַלער מלוכה, וואָס די האָט די אַמביציע צו באַהערשן דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן פון די בירגער. זיי האָבן געקעמפט פאַר גייסטיקער פרייהייט, זיי האָבן באַקעמפט די פאַרשיידנסטע פאָרמען פון גייסטיקן טעראָר.

פאַראַן ביי אונדז ליבעראַלע דענקער, וואָס האַלטן, אַז די גאַנצע קולטור מוז קומען פון דער מלוכה, אַז איין גרויסע מנורה איז גענוג פאַר אַ גאַנץ לאַנד. צוליב וואָס אַ מנורה אין יעדער היים? צוליב וואָס זאָל יעדער מענטש מאַכן אַ ברכה איבער די קליינע חנוכה ליכטעלעך? אַ גרויסער קינסטלער וועט אויף דער טעלעוויזיע אָנצינדן די חנוכה־מנורה און ער וועט שוין מאַכן אַ ברכה פאַר אַלעמען.

זאָגט אונדז די טראַדיציע פון חנוכה: — די היים איז הייליק און איטלעכער מענטש איז אַ כהן גדול און איטלעכער מענטש איז באַרופן צו מאַכן אַ ברכה.

מלכות שמים

דער חשבון פון אַ פאָלק

איז די געשיכטע פון דער וועלט ניט מער ווי אַ קייט פון צופעליקע עפּיזאָדן, אָדער איז דאָ אַ טיפערער זין אין דער געשיכטע פון פעלקער און לענדער? די גאַנצע יידישע פילאָזאָפיע איז, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, אַ פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע. פאַרנעמט דאָך די געשיכטע פון דער וועלט און די געשיכטע פון אונדזער פאָלק אַזאַ צענטראַלן פּלאַץ אין תנ״ך און גאָר באַזונדערס אין דער תורה. די וועלט איז ניט הפקר, האָבן אונדזערע גרויסע דענקער געגלויבט. פאַראַן אַ זין אין דעם אַזוי פאַרפּלאָנטערטן גאַנג פון די וועלטגעשעענישן. פון צייט צו צייט האָבן זיך אונדזערע רעליגיעזע לערער און דענקער באַקלאָגט, זיינען זיי געקומען מיט טענות צו דער השגחה. זיי האָבן געזען אַ וועלט פול מיט רישעות און זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין גאָטס שווייגן. ווי קומט עס, האָבן זיי געפרעגט, וואָס דער ריכטער פון דער וועלט הערט זיך אָפּ ניט צו צו די געשרייען פון די אָרעמע, פון די אומגליקלעכע, פון די באַעוולטע.

אויך היינט האָבן מיר ניט קיין ענטפער אויף אָט דער אייביקער פראַגע. מיר האָבן ניט קיין ענטפער אויף אוישוויץ און טרעבלינקע, מיר האָבן ניט קיין ענטפער אויפן טראַגישן אומקום פון זעקס מיליאָן קדושים. מיר קענען ניט געפינען קיין זין

אין אַזעלכע פּינצטערע געשעענעשן. און דאָך מוזן מיר זוכן אַ זין אין דער וועלט, מוזן מיר קעמפן פאַר אַ זין אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווייל עס איז אוממעגלעך צו לעבן אין אַ זינלאָזער וועלט. דער גלויביקער מענטש פון היינט ראַנגלט זיך מיט פּראָבלעמען, מיט ספקות, מיט טראַגישע קאָנפליקטן. קענען מיר אָבער לעבן אָן אַ גלויבן? סיידן מען מאַכט שלום מיטן געדאַנק, אַז די וועלט איז הפקר, אַז דער מענטש איז געוועזן, איז געבליבן און וועט ווייטער בלייבן אַ ווילדע בעסטיע. אָבער אויב מיר זוכן אַ זין אין דער געשיכטע, אויב מיר באַמיען זיך אריינצוברענגען אַ זין אין די געשעענעשן פון דער וועלט; אויב מיר ווילן אין דער צוקונפט אויסמיידן טראַגעדיעס ווי אוישוויץ און טרעבלינקע, קענען מיר זיך ניט אָפּזאָגן פון אַ געלייטערטן אידעאַל, פון אַ משיחישער אידעע, פון אַ גלויבן אין גאָטס קעניגרייך, אין מלכות שמים.

און טאַקע צוליב דעם האָט אויך אונדזער יידישע געשיכטע אַ טיפן זין, גאָר אַ גרויסן מענטשלעכן אינהאַלט. מיר זיינען דורכגעגאַנגען די וועלט מיט אונדזער משיחישן גלויבן, מיט אונדזער גלויבן אין מלכות שמים. דער יידישער מענטש לעבט כסדר מיט אַ מאָראַלישן קאָנפליקט: ער קען בשום אופן ניט שלום מאַכן מיט דער וועלט פון זינד און רישעות. און דאָך גלויבט ער טיף אין מענטשלעכקייט, אין גערעכטיקייט, אין געטלעכקייט. דער גלויבן אין אַ בעסערן מענטשן, אין אַ בעסערע וועלט, אין דער וועלט פון אחרית הימים גיט אים די מעגלעכקייט צו לעבן מיט אָט די טראַגישע קאָנפליקטן.

דער אמת איז, אַז יידישקייט בכלל איז אַ פאָרם פון מלכות שמים שיין היינט, אין אונדזער זינדיקער וועלט. ווי האָבן מיר דען אַנדערש זיך געקענט אויפהאַלטן ווי אַ פאָלק, ווי אַ מינדערהייט? נאָר אַ דאַנק דער תורה, דעם תלמוד, דעם שולחן ערוך. די עצם אידעע פון תורה איז דער יסוד פון מלכות שמים. מיר פאַרבייטן דעם צוואַנג פון מלוכה, פּאָליציי, מיליטערישן אַפּאַראַט מיט אַ מאָראַלישן קאָדעקס, מיט אַ מאָראַלישן געבאָט. מלוכה איז צוואַנג, יידישע געמיינדע איז פרייוויליקייט.

יידישקייט איז אַ וועג פון געמיינדע־לעבן. די תורה איז געגעבן געוואָרן צו דער געמיינדע פון ישראל, צו דעם קהל פון ישראל. יידישע דענקער האָבן זיך תמיד באַצויגן מיט אַ געוויסער קאַלטקייט צו דער עצם מלוכה־אינסטיטוציע. אַזוי ווערט דערציילט אין תנ״ך, אַז דער נביא שמואל איז ניט געווען באַזונדערס צופרידן, ווען דאָס פאָלק איז צו אים געקומען מיטן פאַרלאַנג, ער זאָל פאַר זיי אויסקלייבן אַ קעניג. דער נביא האָט דערין געזען אַן אָפּנייג פון דעם יידישן וועג. דער פאַרלאַנג פון פאָלק איז געווען: מיר ווילן אַ קעניג, כדי צו ווערן אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער. דער קעניג וועט זיין אונדזער ריכטער און ער וועט פירן אונדזערע מלחמות (והיינו גם אנחנו ככל הגויים...). צו ווערן אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער איז ניט געווען דער וועג פון די נביאים.

דוד המלך, דער קעניג פון יהודה און ישראל, געהערט צו די באַליבטעסטע געשטאַלטן אין דער יידישער טראַדיציע. גאָר אַ באַזונדערן פּלאַץ פאַרנעמט די דוד־ראָמאַנטיק אין דעם ספר דברי הימים. און דאָך לייענען מיר דווקא אין דברי

הימים, אַז ווען קעניג דוד האָט זיך ארומגעטראָגן מיט דעם פּלאַן צו בויען אַ בית המקדש פאַר גאָטס נאָמען, האָט אים גאָט געלאָזט וויסן, אז ער איז ניט ראוי פאַר אָט דער הייליקער אויפגאַבע. "בלוט אַ סך האָסטו פאַרגאָסן", איז געווען גאָטס וואָרט צו דוד'ן, "און גרויסע מלחמות האָסטו געפירט. וועסטו ניט בויען אַ הויז פאַר מיין נאָמען..." דער קעניג דוד, דער גרויסער מלחמה־פירער, איז ניט געווען ראוי צו בויען דעם בית המקדש.

צווישן די ימים־נוראימדיקע תפילות פאַרנעמט די תפילה "ובכן תן פחדך על כל העמים" אַ באַזונדערן פּלאַץ. דאָ קומט דער יידישער מענטש אין די טעג פון תשובה און משפט מיט זיין געבעט צום האַר פון דער וועלט. זיין הייליקער ווונטש איז אַז אַלע פעלקער זאָלן זיך אומקערן צו גאָט, זיי אַלע זאָלן ווערן איין בונד (אגודה אחת) צו טאָן גאָטס ווילן מיטן גאַנצן האַרצן (ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונו בלבב שלם). דער יידישער מענטש טראַכט ניט וועגן אַנווענדן מאַכט, וועגן צווינגען אַלע פעלקער אָנצונעמען גאָטס גלויבן. ער חלומט בלויז וועגן דער צייט, ווען פעלקער וועלן טאָן גאָטס ווילן פריי־ווילִיק, מיטן גאַנצן האַרצן, בלבב שלם. אַלע וועלן ווערן איין געמיינדע, איין עדה פון גלויביקע, ניט קיין וועלט־מלוכה, נאָר אַ וועלט־געמיינדע.

מיר נויטיקן זיך אין אַ בעסערן מענטשן. ווער וועט אונדז העלפן צו דערציען דעם בעסערן מענטשן? מלוכה געזעצן זיינען ניט גענוג און דערפאַלגרייכע פאָליטיקער, אפילו די בעסטע צווישן זיי, קענען ניט דינען ווי אַ ביישפּיל פון מאָראַלישער שלמות, פון ריינסטן אידעאַליזם. דער קאַמף פאַר מאַכט, דעמאָראַליזירט מענטשן, און פּאָליטיקער פירן כסדר אַ מלחמה פאַר מאַכט. מוזן מיר געפינען אַ וועג ווי צו דערציען דעם בעסערן מענטשן, דעם מענטשן, וואָס היט אָפּ זיינע מאָראַלישע פליכטן פרייוויליק, בלבב שלם, מיטן גאַנצן האַרצן. דאָס איז דער וועג פון מלכות שמים, פון תורה און מוסר. דערציען דעם בעסערן מענטשן איז גאָר ניט אין אַן ערך וויכטיקער ווי דער קאַמף פאַר נייע געזעצן, וואָס ווערן ארויפגעצוואונגען אויפן פאָלק. די יידישע געמיינדע אין גלות איז אין דעם פרט די בעסטע אילוסטראַציע פון אַזאַ פרייוויליקער געמיינדע. די אויפגאַבע פון דעם יידישן רעליגיעזן פירער און רעליגיעזן מענטשן אין אונדזער צייט איז: העלפן דערציען דעם בעסערן מענטשן. דאָס איז די גרויסע יידישע שליחות. דער ייד איז ניט קיין מענטש פון מלחמה, נאָר אַ מענטש פון שלום; ער איז ניט קיין מענטש פון קאַמף, וואָס זוכט בלויז נצחונות, נאָר דער מענטש וואָס זוכט וועגן ווי צו פאַרמיטלען, ווי צו העלפן אויסגלייכן קאָנפליקטן, ווי צו העלפן מענטשן זיך צו זעצן ביי איין טיש זיך דורכצורעדן, זיך צו פאַרשטענדיקן. ער איז ניט גליקלעך מיט דער מפּלה פון זיינע געגנער, ער זוכט בלויז שלום. ער זוכט דעם וועג צו מלכות שמים, צו דער מלכות פון שלום.

יידישע שותפות און קאאפעראציע

איך האָב די טעג געלייענט אַ מערקווערדיקע רעצענזיע וועגן אַ בוך פון אַ יידיש־ענגלישן שריפטשטעלער, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין דרום אַפריקע. אין דעם בוך — "די באגינער" פון דאַן דזשייקאָבסאָן (אין ענגליש) — זיינען באַשריבן דריי דורות פון אַן עמיגראַנטן־משפחה. דער רעצענזענט, אַן אַנגלאָ־סאַקסישער פּראָטעסטאַנט, פאַרצייכנט ביי דער געלעגנהייט זיין שטימונג לייענענדיק דאָס בוך: "אפשר זיינען יידן באמת אין אַן אייגנאַרטיקן אופן אַן אויסדערוויילט פאָלק? פון וואַנען קומט דען אָט דאָס מערקווערדיקע געפיל פון יידישער אידענטיטעט, פון דער פאַרבונדנקייט מיט כלל ישראל? אנדערע פעלקער און גרופּעס זיינען געבונדן מיט געאָגראַפישע גרענעצן, מיט אַ באַשטימטן גלויבן. ווען דאָס איז ניטאָ, פילן זיי זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן, ניט מער ווי נומערן אין דעם רעגיסטער פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. איך נעם ווי אַ ביישפּיל, באַמערקט ווייטער ראָבערט פעלעפּס, מיין פערזענלעכע דערפאַרונג. ווידער און ווידער האָב איך געפילט, אַז איך, דער אנגלאָ־סאַקסישער פּראָטעסטאַנט, בין גאָר דער ריכטיקער "וואַנדערנדיקער ייד", בעת גראָד די מייסטע יידן, וואָס איך האָב באַגעגנט, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון מענטשן מיט וואָרצלען, פון מענטשן, וואָס ווייסן ווו זיי געהערן".

פאַראַן אין אָט דער צופעליקער באַמערקונג אַ סך אמת, הגם מיר האָבן היינט גענוג יידן, וואָס פילן זיך ווי אויסגעוואָרצלטע, ווי פאַראיינזאַמטע, וואָס פילן שוין ניט מער די גורלדיקע פאַרבונדנקייט מיטן יידישן כלל. אָבער ראָבערט פעלעפּס האָט בלי ספק ריכטיק באַמערקט, אַז יידישקייט איז אַ סך מער ווי לאַנד און מלוכה; יידישקייט איז שותפות מיטן כלל ישראל דורך אַלע גלותן, דורך אַלע דורות, אַ שותפות איבער גאָר דער וועלט, אַ שותפות דורך דער געשיכטע.

איך האָב מיט כוונה ציטירט די באַמערקונגען פון ראָבערט פעלפּס, הגם איך וואָלט געקענט די זעלביקע געדאַנקען געקענט ציטירן פון די שריפטן פון יידישע דענקער. דאָס האָט דאָך געהאַט אין זינען שמעון דובנאָוו, ווען ער האָט כאַראַקטעריזירט די געשיכטע פון יידישן פאָלק ווי אַ געשיכטע פון אַ גייסטיקער נאַציע. און דאָס איז אין תוך אויך דער זין פון דעם גייסטיקן ציוניזם פון אחד העם. ס'איז אָבער ביז גאָר וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז אויך אַן אַנגלאָ־סאַקסישער פּראָטעסטאַנט קען פאַרשטיין און רעספּעקטירן אָט די יידישע פאַרוואָרצלטקייט, אַ פאַרוואָרצלטקייט אין דער געשיכטע און — אין דער וועלט פון גייסט. ראָבערט פעלפּס זעט דאָ ניט קיין סעקטאַנטישקייט, קיין יידישע באַגרענעצטקייט. ער פאַרשטייט, אַז אַ מענטש אָן אַ געמיינדע איז אַ מענטש אָן וואָרצלען, אָן אַ אינהאַלט אין לעבן.

די טראַגעדיע פון אַ סך נאַציאָנאַלע מינדערהייטן איז די טראַגעדיע פון נאַציאָנלן פאַראַט. די רייכע, די געבילדעטע פאַרלאָזן דאָס פאָלק. אויך יידן האָבן אַ סך געליטן פון אָט דער קראַנקהייט, פון נאַציאָנאַלער בגידה. אויב יידן האָבן

פונדעסטוועגן באַוויזן זיך איינצוהאַלטן ווי אַ פאָלק, ניט געקוקט דערויף וואָס זיי זיינען געווען צעזייט און צושפּרייט איבער גאַר דער וועלט, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס די פאַלן פון בגידה, פון אַפּטריניקייט, האָבן ניט אָנגענומען קיין עפּידעמישן כאַראַקטער.

אַסימילירטע יידן, אַפּגעפרעמדעטע יידן, פאַרשטייען ניט די געוואַלדיקע באַדייטונג פון יידישער קאָאָפּעראַציע. געפינען מיר צווישן אַט די אָפּגעפרעמדעטע יידן אַ היפּשע צאָל "קעמפער" און פרעדיקער, און גאַר ווייניק בויער, ווייניק פּיאָנערן.

אָבער יידישקייט איז קאָאָפּעראַציע, בויען מיטן פאָלק און פאַרן פאָלק. דער גרעסטער וווּנדער פון יידישער קאָאָפּעראַציע אין אונדזער צייט איז די אויפריכטונג פון מדינת ישראל. די גאַנצע יידישע געשיכטע איז אַ געשיכטע פון סאָלידאַריטעט, פון קאָאָפּעראַציע און שותפות.

דער יידישער וועג און דער גריכישער
(קאָנקורענץ און קאָאָפּעראַציע)

מיר זיינען אין לויף פון לאַנגן גלות מיד געוואָרן זיך אויסצוטענען מיט אונדזערע שכנים. אַלע אונדזערע גערעכטע טענות האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן. צוליב דעם פשוטן טעם — מיר זיינען פיזיש דער שוואַכערער צד. מיר קענען אָבער פון דעם וויכוח ניט אַנטלויפן. מיר לעבן אין דער וועלט, אין אַ ניט־יידישער וועלט, און די דעבאַטע ווערט געפירט ניט נאָר צווישן אונדז און אונדזערע ניט־יידישע שכנים, עס איז אויך געוואָרן אַ איינעווייניקסטע יידישע דעבאַטע, אַ דעבאַטע צווישן יידן און יידן. און יעדער יידישער מענטש, וואָס טראַכט וועגן יידישע פּראָבלעמען און וועגן וועלט־פּראָבלעמען בכלל, פּירט דעם וויכוח מיט זיך אַליין. וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דעם יידישן און דעם גריכישן צוגאַנג צו דער וועלט ?

די גריכישע קולטור איז געווען אַ קולטור פון אַ העכערער שיכט, וואָס איז אָבער אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון אַ גריכישן פאָלקס־לעבן. זי איז געווען, לויט איר גאַנצן כאַראַקטער, אַ קולטור פון העלדן. געווען, נאַטירלעך, רעליגיעזע טראַדיציעס אויך ביי די גריכן. זיי האָבן אָבער ניט באַהערשט אינגאַנצן דאָס מענטשלעכע לעבן. ווען מיר רעדן וועגן גריכישן הומאַניזם, האָבן מיר אין זינען אַט דעם העראָישן קולט פון דעם מענטשן.

די גריכישע קולטור האָט, באַזונדערס אין דער אַטענישער בלי־תקופה, באַוויזן וווּנדער אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון מענטשלעכער שעפערישקייט. די גריכן האָבן באַוויזן צו שאַפן די אידעאַלסטע און איידלסטע פאָרמען פון קאָנקורענץ. אונדזערע היינטיקע אָלימפּישע שפּילן, למשל, זיינען, אַ ירושה פון דער גריכישער קולטור. דער פאַרמעסט צווישן פאַרשיידענע שפּילער, דער טורניר,

איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די גריכישע יום־טובים און פאַרן גריכישן קולטור־לעבן בכלל. און אַט די קאָנקורענץ, דער פאַרמעסט צווישן זינגער, שפּילער און קינסטלער, האָט געהאָלפן ארויסברענגען דאָס העכסטע און אָפט דאס דערהויבנסטע צו וואָס אַ מענטש איז נאָר פעיק. אזוי האָט דאָס אַלטע גריכנלאַנד געלייגט דעם יסוד פאַר אונדזער גאַנצער מאָדערנער וועלטלעכער קולטור.

די גריכישע קולטור האָט אָבער צו שטאַרק ארויסגעבראַכט די ראָל פון דעם געווינער, פון דעם העלד. און וואָס איז מיט די, וואָס האָבן ניט געוואונען? די גריכישע קולטור האָט צו שטאַרק באַטאָנט די קאָנקורענץ, דעם פאַרמעסט, זי האָט צו ווייניק קולטיווירט די אידעע פון קאָאָפּעראַציע. געווען גריכישע דענקער, וואָס האָבן די פּראָבלעם איינגעזען, ווי די סטאָיקער, למשל.

אין דער קריסטלעכער צייט זיינען עס געווען די אַסקעטישע אָרדנס פון די מאָנאַכן, וואָס האָבן פּראָטעסטירט געגן דעם גאַנצן וועג פון דער גריכיש־רוימישער וועלטלעכער קולטור. די צוויי עקסטרעמען, די וועלטלעכע מאַכט און דער מאָנאַכישער אַסקעטיזם, האָבן אין דער קריסטלעכער וועלט צווישן זיך געפירט אָן אידעאָלאָגישע מלחמה. אויך דאָס קריסטנטום האָט די פּראָבלעם פון וועלט־לעכקייט און מאָראַל ניט באַוויזן צו לייזן.

די יידישע פילאָזאָפיע האָט געפּרובירט געפינען אַ מיטלוועג צווישן לעבן אין דער וועלט, וואָס איז אָפט אַ לעבן פון קאָנקורענץ, און דעם מאָראַלישן געבאָט פון ברידערלעכקייט, פון סאָלידאַריטעט און קאָאָפּעראַציע. איך וויל דאָ ניט זאָגן, אַז דער יידישער וועג האָט אַלע פּראָבלעמען געלייזט. אָבער מיר האָבן זיך, גלויב איך, מער דערנענטערט צו דער לייזונג פון די פּראָבלעמען. די באַזונדערע ראָל, וואָס די יידישע דענקער האָבן געשפּילט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איז אין דעם פּרט כאַראַקטעריסטיש. די צענטראַלע פראַגע פון אונדזער צייט איז: ווי פאַראייניקט מען נוצלעכע קאָנקורענץ מיטן פּרינציפּ פון קאָאָפּעראַציע?

וואָס ווייטער מיר מאַרשירן פאַרויס אויפן גריכישן וועג, וואָס גרעסער זיינען אונדזערע דערגרייכונגען אויף די פאַרשיידענע געביטן פון וויסן און טעכניק, אַלץ מער נייטיקן מיר זיך אין דעם יידישן וועג, אין אַ מאָראַלישן געגן־כח, וואָס זאָל העלפן די מענטשן צו געפינען די ריכטיקע מיטעלע ליניע צווישן קאָנקורענץ און קאָאָפּעראַציע. די וועלט געהערט ניט נאָר צו די זיגער, אויך די באַזיגטע זיינען שותפים אין דער וועלט.

איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אַז אַנדערע פעלקער ווייסן ניט פון דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישער קאָאָפּעראַציע. עס האַנדלט זיך דאָ ניט סתם וועגן פּרינציפּן, נאָר וועגן דער ראָל פון קאָאָפּעראַציע אין סאָציאַלן לעבן פון אונדזער צייט.

דער פאַקט איז, אַז קאָאָפּעראַציע איז איינע פון די סאַמע שווערסטע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן. כמעט אַלע פּרוּוון פון קאָאָפּעראַציע זיינען צושטערט געוואָרן דורך די אַמביציעס פון איינצעלנע טוער און פּאָליטיקער.

כדי צו קענען בויען בשותפות אַ בעסערע וועלט, אַ וועלט פון יושר און מענטשלעכקייט, מוז מען גלויבן אין אַ כוח, וואָס שטייגט אַריבער אונדזערע

מענטשלעכע גרענעצן. מוז מען גלויבן, אַז אמת, גערעכטיקייט און יושר זיינען די ציילן פון דער וועלט, אַז דאָס זיינען אייביקע פּרינציפּן, געטלעכע יסודות פון דער וועלט בכלל.

דאָס איז, וועלן אַ סך אוודאי זאָגן, סתם פילאָזאָפיע, מעטאַפיזיק. בין איך דערצו מסכים. וואָלטן מיר געקענט לעבן בלויז מיט דער פיזיק, וואָלטן מיר זיך אין אַזאַ מעטאַפיזיש־רעליגיעזער פילאָזאָפיע ניט געניייטיקט. אָבער מיט פיזיק אַליין, באַזונדערס מיט אונדזער היינטיקער אַטאָמישער פיזיק, קען די וועלט ניט האָבן קיין באַשטאַנד. מיר נייטיקן זיך אין אַ מעטאַפיזיש־רעליגיעזער פילאָזאָפיע, וואָס זאָל די וויסנשאַפט, די פיזיק, האַלטן אין אירע גרענעצן, וואָס זאָל דעם מענטשן ווייזן זיינע גרענעצן. דאָס זיינען, גלויב איך, געדאַנקען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער גרויסער יידישער דעבאַטע, צו דעם וועלט־היסטאָרישן וויכוח צווישן אונדז און דער וועלט.

דער יום טוב חנוכה פאַרציייכנט די ערשטע באַגעגענעש, דעם ערשטן גרויסן קאָנפליקט צווישן אַט די צוויי וועגן, דעם יידישן וועג און דער אַלטער גריכישער קולטור. דער דאָזיקער וויכוח איז נאָך ניט פאַרענדיקט אויך אין אונדזערע אייגענע יידישע רייען. מוזן מיר דעם וויכוח ווייטער פירן ביז די ליניע פון אַ ריכטיקן אויסגלייך וועט געפונען ווערן.

די באַגעגענעש צווישן צוויי קולטורן

(חנוכה־געדאַנקען)

די יידישע מדינה אין גלות איז די מדינה פון שבת און יום־טוב. די טעג פון שבת און יום־טוב האָבן אונדז ניט נאָר אויפגעהאַלטן ווי אַ פאָלק, זיי האָבן אונדז דערצויגן און דערהויבן ווי מענטשן. ניטאָ נאָך אויף דער וועלט אַזאַ דורך און דורך דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע ווי דער יידישער יום־טוב. און יידישע דעמאָקראַטיע איז ניט סתם אַ דעמאָקראַטיע פון מאַסן, נאָר אַ דעמאָקראַטיע פון פרייע מענטשן, פון דער דעמאָקראַטישער פאַמיליע, פון דער גייסטיק שעפערישער פערזענלעכקייט.

יידישע יום־טובים זיינען צום גרעסטן טייל יום־טובים פון דער געשיכטע. און אויך חנוכה איז פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע האָט אַ גאַנץ פאָלק זיך אויפגעהויבן, כדי עקשנוסדיק צו פאַרטיידיקן זיין קולטור־טראַדיציע, זיין גייסטיקע ירושה.

און די מלחמה פון די חשמונאים געגן די גריכישע הערשער האָט געהאַט נאָך אַ טיפערן זין. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ באַגעגענעש פון צוויי ציוויליזאַציעס, פון צוויי רעליגיעז־פילאָזאָפישע סיסטעמען. אָט דער גרויסער אידעישער קאָנפליקט איז נאָך ניט פאַרענדיקט.

עס איז נאַטירלעך ניט אַזוי גרינג צו פאָרמולירן בקיצור דעם פונדאַמענטאַלן אונטערשייד צווישן דער גריכישער און דער יידישער קולטור־טראַדיציע. דער

אמת איז, אז ס'איז דאָ גאָר אַ גרויסע גייסטיקע קרובישקייט צווישן די צוויי אַלטע פעלקער, וואָס האָבן אויף אַזאַ אַנטשיידנדיקן אופן באַאיינפלוסט דעם גאַנצן ווייטערן גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע. און אפשר טאַקע צוליב דעם טעם איז דער קאָנפליקט צווישן די יידן און די גריכן אין דער צייט פון די חשמונאים געווען אַזוי שאַרף און ביטער. מיר וועלן דאָ פונדעסטוועגן פּרובירן אָנווייזן אויף די וויכטיקסטע אונטערשיידן צווישן אָט די צוויי גרויסע ציוויליזאַציעס.

די גריכישע טראַדיציע איז געווען פֿאַרבונדן מיטן קולט פון דער מלוכה. אויך דער גריכישער רעליגיעזער ריטואַל איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון פּאָליטישן לעבן. און אַפילו די גרעסטע גריכישע דענקער ווי אַריסטאָטעל און פּלאַטאָן האָבן געטראַכט דער עיקר אין טערמינען פון פּאָליטישן לעבן. די בעסטע אילוסטראַציע איז אין דעם פּרט פּלאַטאָנס אוטאָפּישע רעפּובליק. מיט דעם מאָמענט ווען די גריכישע אימפּעריעס זיינען זיך צעפֿאַלן, האָט ממילא די אַלטע גריכישע קולטור פאַרלאָרן איר אָנהאַלט. דאָס זעלביקע האָט שפּעטער פּאַסירט, ווען רוים איז געפֿאַלן.

גריכנלאַנד האָט געשאַפֿן אַ טראַדיציע פון דעמאָקראַטיע, און די גריכישע דעמאָקראַטיע איז געווען גאָר ווייט פון דער עבודה זרה, פון אָפּגעבן געטלעכן כבוד איינצעלנע הערשער. אָבער דער עצם פאַקט, וואָס די אידעע פון דער מלוכה האָט פאַרנומען אַזאַ צענטראַלן פּלאַץ אין גריכישן דענקען, האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַרן שפּעטערדיקן קולט פון דעם הערשער, ווי דאָס האָט זיך אַזוי אַנטוויקלט אין דער העלעניסטישער רוימישער צייט. די גרויסע מיליטערישע ניצחונות פון אַלעקסאַנדער מוקדון באַצייכענען דעם סוף פון דער אַלטער גריכישער דעמאָקראַטיע. און דער קולט פון מאַכט ווערט אַלץ מער און מער אַ צענטראַלער מאָטיוו אין סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן. האָבן ממילא די גריכישע הערשער אין דער צייט פון די חשמונאים דירעקט געפֿאָדערט, אַז יידן זאָלן אָננעמען די גריכישע קולטור.

אין דער יידישער וועלט איז גראָד די אַנטוויקלונג געגאַנגען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, פון דער מלוכה צום פאָלק. קיין קולט פון פּאָליטישער מאַכט איז ביי יידן ניט געווען אפילו אין דער צייט פון די מלכים. אין ספר שמואל, למשל, ווערט דער קעניג דוד געשילדערט מיט אַלע זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן. דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע דעם קעניג שלמה. דער מענטש איז טאַקע באַשאַפֿן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. אָבער דאָס איז ריכטיק פאַר אַלע מענטשן. עס איז דעריבער ביי אונדז ניט געווען קיין פאַרגעטערונג פון איינצעלנע העלדן, פון פירער־געשטאַלטן. אפילו דער גרויסער משה, דער באַפרייער פון פאָלק, דער לערער און געזעצגעבער, איז געבליבן געבונדן אין די גרענעצן פון מענטשלעכן גורל. מיר האָבן ניט פארגעטערט די מלכים און מיר האָבן ניט פאַרגעטערט די נביאים.

אָט די רעזערווירטע באַציונג צו דער מלוכה האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט אין דער צייט פון גלות בבל. גייסטיק זיינען שוין די יידן געווען צוגעגרייט צו לעבן

אַן אַ לאַנד און אַן אַ מלוכה. אין בבל האָבן איצט די פאַרטריבענע פון יהודה געלעבט מיט זייער רעליגיעזער טראַדיציע און מיט זייערע יידישע טעג, מיט די טעג פון שבת און יום־טוב. דער טאָג פון שבת, גאָר באַזונדערס, איז געוואָרן אַ צענטראַלער מאָטיוו אין יידישן געמיינדע־לעבן. שבת איז געוואָרן דער סימבאָל פון יידישקייט. און דעם פלאַץ פון דער מלוכה האָט איצט פאַרנומען דאָס פאָלק, די יידישע געמיינדע. און אונדזערע יום־טובים זיינען טאַקע געוואָרן יום־טובים פון יידישן כלל, פון דער פאַמיליע און פון דעם איינזאַמען יידישן מענטשן, ווו דער גורל זאָל אים ניט האָבן פאַרטראָגן. און ווייל יידן האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון דעם קולט פון דער מלוכה, ווייל זיי האָבן קיינמאָל ניט געדינט צו דער עבודה זרה פון מאַכט, האָבן זיי באַוויזן בייצושטיין דעם ניסיון פון גלות, דעם שווערסטן ניסיון פאַר אַ פאָלק.

אין דעם פּרט איז דער יום־טוב חנוכה באַזונדערס סימבאָליש. איין מענטש איז אַ גאַנצע וועלט. האָט זיך דאָך יידישקייט אָנגעהויבן מיט די וואַנדערונגען פון איין איינזאַמער פאַמיליע, דער פאַמיליע פון אברהם אבינו.

יעדע איינצעלנע פאַמיליע צינדט אָן חנוכה ליכטלעך ביי זיך אין דער היים. און וואָס זאָל טאָן אַ מענטש אונטערוועגנס, ווען ער איז ווייט פון דער פאַמיליע? דער שולחן ערוך גיט אונדז דערויף דעם ענטפער: אויב ער לעבט אין דער פרעמד מיט אַן אַנדער פאַמיליע, דאַרף ער געבן עפּעס צושטייער דעם בעל הבית, כדי צו קויפן בוימל אויף חנוכה, און אויב ער האָט אַן אָפענע טיר פאַר זיך, דאַרף ער אָנצינדן חנוכה ליכטלעך ביי זיין טיר. דאָן לייענען מיר ווייטער אין שולחן ערוך: ווען אַ ייד איז אינגאַנצן איינער אַליין צווישן ניט־יידן, דאַרף ער אָנצינדן חנוכה־ליכט, אַפילו ווען זיין פאַמיליע האָט אים אין זינען ווען זיי צינדן אָן חנוכה ליכט אין דער היים. עס איז, הייסט עס, גאָר אַ באַזונדערע מיצווה אָנצוצינדן חנוכה ליכט ווען מען איז איינער אַליין צווישן ניט־יידן. איין איינציקער ייד היט אָפּ יידישקייט און היט אויף יידישקייט.

און איצט קומען מיר צום צווייטן פונדאַמענטאַלן אונטערשייד צווישן דער יידישער קולטור־טראַדיציע און דער גריכישער. אין דער יידישער פילאָזאָפיע ווערט אַ סך שטאַרקער באַטאָנט די אידעע פון מענטשלעכער פרייהייט, פון דער פערזענלעכער אחריות פון דעם איינצעלנעם פאַר זיינע מעשים. יידן האָבן געוווסט, אַז דער גורל פון דעם איינצעלנעם הענגט אָפּ פון אַ סך צופעליקייטן. אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן געזונד, הצלחה און מזל־ברכה, האָבן מיר זיך בפירוש אָפּגעהאַלטן פון באַשולדיקן דעם איינצעלנעם אין זיין שווערן גורל. מיר האָבן זיך געראַנגלט מיט די פּראָבלעמען פון "צדיק ורע לו", פאַר וואָס איז דעם צדיק אָפט אזוי שלעכט. און אונדזער ענטפער איז געווען: מיר פאַרשטייען ניט די וועגן פון דער השגחה. וואָס איז אָבער שייך דער רעליגיעז־מאָראַלישער פירונג פון דעם איינצעלנעם, דאָ האָבן מיר זיך געהאַלטן ביי דעם כלל "הכל בידי שמים, חוץ מיראת שמים", אַלץ הענגט אָפּ פון דער השגחה, אחוץ די מורא פאַר גאָט. אין פּרט פון אָפּהיטן מיצוות און מאָראַלישער אויפפירונג בלייבט דער

מענטש אַ פרייע פערזענלעכקייט. דאָ האָבן יידן קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די טעאָריע פון מזל אָדער בלינדן גורל.

ביי די גריכן האָט, אַנקעגן דעם, דער מאָטיוו פון גורל געשפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָל. דער איינצעלנער גריכישער מענטש איז געווען מער גענייגט צו אַ פילאָזאָפיע פון פאַטאַליזם. מען קען די וועלט ניט איבערמאַכן; עס איז אַפילו שווער איבערצומאַכן דאָס אייגענע פּערזענלעכע לעבן. איז דער איינצעלנער גריכישער בירגער דערפאַר געווען גרייט אָנצונעמען די גזירה פון דעם גורל, שלום צו מאַכן מיט די וואָס האָבן די מאַכט אין זייערע הענט, שלום צו מאַכן מיט די מעכטיקע פון דער צייט. דער גריכישער מענטש האָט זיך געבויגן פאַר דער מלוכה, דער יידישער מענטש האָט געפּראָוועט מלוכהשקייט פאַר זיך. ער האָט אָפּגעהיט זיין יום־טוב. ער האָט אָנגעצונדן ביי זיך אין דער היים די חנוכה ליכט, אַפילו ווען ער איז געווען איינער אַליין אין א וועלט צווישן ניט־יידן.

די עבודה זרה פון מאכט

ארום וואָס האָט זיך דער קאַמף געפירט אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד פון די חשמונאים? עס איז ניט געווען קיין קאַמף פאַר פּאָליטישער זעלבשטענ־דיקייט. עס איז געווען אין דער ערשטער שורה אַ קאַמף פאַרן גלויבן, אַ קאַמף פאַר דער גרויסער אידעע פון מלכות שמים.

צוויי וועלטן האָבן זיך באַגעגנט, די יידישע און די געצנדינערישע. דער אונטערשייד צווישן דעם יידישן מאָנאָטעיזם און דעם פּאָלעטעיסטישן גלויבן פון אַנדערע פעלקער איז אַ פונדאַמענטאַלער. דער גלויבן אין איין גאָט, דעם באַשעפער פון גאָר דער וועלט, האָט געמוזט פירן און האָט געפירט צו דעם גלויבן אין איין וועלט. ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר ראַסיסטישע אידעאָלאָגיעס אין אַ גלויבן, וואָס לערנט אונדז, אַז איין פאָטער האָבן מיר אַלע, איין גאָט האָט אונדז באַשאַפן. פאַראַן אָבער נאָך אַ טיפערער אונטערשייד. דער געצנדינערישער פּאָליטעיזם האָט איבערגעלאָזן אַ מעגלעכקייט פאַרן קולט פון די הערשער, פאַר אַ פאַרגעטערונג פון די שטאַרקע און מעכטיקע. און דאָס איז געווען דער טיפערער זין פון דעם אידעישן קאָנפליקט צווישן די חשמונאים און דער מעכטיקער גריכיש־סירישער אימפּעריע. דער גריכיש־סירישער הערשער, אַנטיוכוס עפּיפאַנעס האָט פאַרלאַנגט, אַז די פעלקער פון זיין אימפּעריע זאָלן אים אָפּגעבן געטלעכן כבוד. ער האָט זיך געהאַלטן גרעסער, ווערט אין ספר דניאל וועגן אים געזאָגט, ווי די געטער פון זיינע עלטערן, "און איבער אַלעמען וועט ער זיך גרויסהאַלטן" (ועל הכל יתגדל). אַנדערע פעלקער האָבן עס אָנגענומען. אויך דאָס קולטור־פאָלק פון די גריכן האָט שלום געמאַכט מיט דעם פאַקט פון דער פאַרגעטערונג פון אַ הערשער. נאָר דאָס קליינע לאַנד יהודה האָט זיך אַנקעגנגעשטעלט.

די גאַנצע יידישע געשיכטע איז אַ מלחמה געגן מענטשלעכער גאווה, געגן

דער גאווה פון שטאַרקע און מעכטיקע. אמת, אויך דאָס אַלטע גריכנלאַנד האָט געהאַט אַ וווּנדערלעכע טראַדיציע פון דעמאָקראַטיע. עס האָט אָבער געפעלט אין אַלטן גריכנלאַנד אַ טיפע אידעישע באַגרינדונג פון אַ דעמאָקראַטישן פאָלקסלעבן. קודם כל, די גריכישעווירטשאַפט איז געווען אויפגעבויט אויף דעם יסוד פון שקלאַפן־אַרבעט. געוויס, אייך ביי יידן זיינען געווען שקלאַפן. די שקלאַפן־אַרבעט איז אָבער דאָ געווען בעיקר אַ צופעליקע. די גרויסע מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון פשוטע אַרבעטס־מענטשן. אפילו אַזעלכע דענקער ווי פלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס, האָבן געהאַלטן, אז שקלאַפערײַ איז אַ נויטיקע און אַ נאַטירלעכע זאַך. פלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס האָבן אויך געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די ארבעטסמענטשן בכלל. אין פלאַטאָנס אוטאָפּיע ווענגן אַן אידעישער מלוכה שפּילן פאַקטיש די אַרבעטסמענטשן קיין שום ראָל ניט. אַנקעגן דעם איז די יידישע אידעע וועגן דעמאָקראַטיע געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער גאַנצער סיסטעם פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. אַלע זיינען מיר גאָטס קינדער.

מיר לעבן איצט אין אַ צייט, ווען דער קולט פון העלדן, ווען דער געצן־דינסט פון מאַכט און דערפאָלג, באַהערשט ווידער די וועלט. און דאָס איז ריכטיק ניט נאָר פאַר די לענדער פון דיקטאַטור, נאָר אויך פאַר דער דעמאָקראַטישער וועלט. דער קולט פון פירער, פון די גרויסע אויפטוער און מאַכער, שטעלט אין סכנה אונדזער גאַנצע קולטור. מיר ריידן, אמת, אַ סך וועגן דעמאָקראַטיע. פאַרשטייען מיר אָבער דעם זין פון דעמאָקראַטיע ?

די גרעסטע געפאַר פאַר אונדזער צייט איז די עבודה זרה פון מאַכט, דער געוואַלדיקער רעספּעקט, וואָס ווערט אין אונדזער צייט ארויסגעוויזן פאַר די גרויסע מעכטיקע מלוכות, פאַר די גרויסע פּאָליטישע פּאַרטיי־אַפּאַראַטן, פאַר די גרויסע בנינים, גרויסע שטעט, גרויסע עקאָנאָמישע אַרגאַניזאַציעס א.אז.וו.

כל זמן מיר וועלן ניט באַוויזן זיך צו באַפרייען פון דער עבודה זרה פון מאַכט און דערפאָלג, וועלן מיר אויך ניט זיין קיין פרייע מענטשן. וואָרים פרייהייט איז נאָר מעגלעך דאָרט, ווו איינצעלנע מענטשן און קליינע גרופּעס האָבן דעם מוט ארויסצוזאָגן זייער אייגענע מיינונג און ווו זיי האָבן די מעגלעכקייט צו קעמפן פאַר זייער מיינונג.

דער גאַנצער קולט פון מאַכט איז אַן עבודה זרה. דער עצם קאַמף פאַר מאַכט טראָגט אין זיך עלעמענטן פון דעמאָראַליזאַציע. דער גלויבן, אַז מען קען מיט רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן ברענגען די אידעאַלע משיחישע צייט, איז ניט מער ווי אַ אילוזיע. מיר האָבן נאָך ווייט ניט געפונען דעם וועג ווי צו פאַרוואַנדלען די מלוכה פון דער ערד אין אַ מלכות שמים.

די מלוכה טאָר ניט פאַרכאַפּן דעם גאַנצן מענטשן. זי מוז לאָזן גענוג פּלאַץ פאַר דעם איינצעלנעם זיך אויסצולעבן פריי, זיך צו אַרגאַניזירן, צו שאַפן פריי־ווילקיע חברות און אינסטיטוציעס. אונדזער גאַנצער וועג אין דער געשיכטע איז איין אומאונטערבראָכענער קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר דער פרייהייט פון גלויבן,

פאַר דער פרייהייט פון דענקען. אונדזער וועג אין דער געשיכטע איז אַ קאַמף געגן דער אַלמעכטיקייט פון דעם מלוכהשן אַפּאַראַט, אַ קאַמף געגן דער עבודה זרה פון — מאַכט. און דער קאַמף געגן אַלע פאָרמען פון עבודה זרה איז ניט מעגלעך אָן אַ גלויבן אין מלכות שמים. איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס אויך אין אונדזער צייט האָבן די דיקטאַטאָרן פון רעכטס און לינקס געפירט אַזאַ ביטערע מלחמה געגן יידישקייט.

אין וואָס איז באַשטאַנען די — ווי אַ צאָל געלערנטע מיינען — פּראָגרעסיווע פּאָליטיק פון די גריכישע הערשער? זיי האָבן זיך באַמיט צונויפשמעלצן אַלע פעלקער פון זייער אימפּעריע אין איין פאָלק. די אידעע איז געווען: די מלוכה איבער אַלץ! אַלע בירגער דאַרפן זיך צופּאַסן צו דער מלוכה, אַלע בירגער דאַרפן אָננעמען די קולטור פון דער אימפּעריע.

יידישקייט האָט געשאַפן אַ צווייטן באַגריף פון דער מלוכהשער מאַיעסטעט. דאָס איז די אידעע פון גאָטס קעניגרייך, פון מלכות שמים. דער ייד, וואָס האָט אויף זיך גענומען דעם יאָך פון מלכות שמים, האָט ממילא געהאַט דעם מוט און דעם כוח זיך אַנקעגנצושטעלן די באַפעלן פון די הערשער אויף דער ערד.

יידישקייט לייקנט ניט די ראָל פון דער מלוכה, די וויכטיקע פונקציעס פון דער מלוכה. מיר מאַכן אָבער ניט קיין קולט פון מאַכט און מלוכה. מיר ווייסן, אַז מלוכה און פּאָליטישע מאַכט קענען ניט לייזן אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען, און גראָד אין אונדזער צייט, גלויב איך, איז די יידישע אידעע פון מלכות שמים די איינציקע גאַראַנטיע פאַר דער פרייהייט פון דעם יחיד, גראָד אין אונדזער צייט פון אַ געוואַלדיקער צענטראַליזאַציע, ווען די מלוכה ווערט אַלץ מער און מער אַן אַנטשיידנדיקער כוח אין סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן פון לאַנד.

מאַסן־קולטור און דער יחיד

פאַראַן אַן אַלטער יידישער מינהג — פאַרטיילן עליות. ערשט מיט דער צייט האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז פאַרטיילן עליות איז אַ גרויסער ענין און אַז מיר קענען נאָך היינט גאָר אַ סך לערנען פון אָט דעם אַלטן יידישן מינהג. לאָמיר עס זאָגן קלאָר: דער מינהג פון פאַרטיילן עליות איז געווען אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין דעם יידישן קולטור־לעבן. די גרויסע באַדייטונג פון אויפרופן צו דער תורה ווערט פאַר אונדז קלאָר, ווען מען באַטראַכט, אַז די קריסטלעכע קירכע האָט אין לויף פון יאָרהונדערטער אַלץ געטאָן, כדי דאָס פאָלק זאָל ניט האָבן קיין צוטריט צו די הייליקע שריפטן פון דער קריסטלעכער קירכע גופא. לייענען און לערנען די קריסטלעכע שריפטן איז געווען די פּריווילעגיע פון די גייסטלעכע. אונדזער יידישער צוגאַנג איז, דאַגעגן, געווען, אַז איטלעכער ייד האָט זיין חלק אין דער תורה.

אויפרופן צו דער תורה האָט אָבער נאָך אַ גרויסע באַדייטונג. דער נאָמען

רעפּרעזענטירט דאָך ביי אונדז די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט. צונעמען ביים מענטשן דעם נאָמען, איז דעגראַדירן אים. אַזוי טוט מען אָפּט מיט געפאַנגענע אין די תפיסות. אַזוי האָבן זיך געפירט די נאַציס, ימח שמם, אין די לאַגערן.

אויפרופן אַ מענטשן צו דער תורה מיט זיין נאָמען, אויפרופן אים, ווען די עדה איז פאַרזאַמלט פאַר גאָט און דער אויפגערופענער הויבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ, קומט צו דער תורה און ער מאַכט די ברכות — דאָס איז, גלויב איך, גאָר אַ גרויסע געשעענעש אין דעם פּערזענלעכן לעבן פון אַ מענטשן.

מיט א צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו בלעטערן אַלטע העברעישע צייטונגען, דעם ״המליץ״, די ״הצפירה״ און נאָך אַנדערע. האָב איך זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף אַ קאָרעספּאָנדענץ פון אַ קליין שטעטל. געווען איז אין אָט דעם שטעטל אַ בית מדרש פון באַלמעלאָכעס. געבאַלעבאָטעוועט האָבן אין דעם בית מדרש די שניידערס. און זיי, די ״חיטים״, האָבן טאַקע געקראָגן די בעסטע עליות. געווען זיינען אין שטעטל 20 באַלמעלאָכעס שוסטערס. האָבן זיי גענומען אויף זיך צו צאָלן 5 קאָפּעקעס אַ וואָך און האָבן געלאָזט שרייבן פאַר זיך אַ ספר תורה. זיי האָבן דערפאַר געהאַט מער עליות צו פאַרטיילן.

די פּראַגע וועגן גרויסע אָרגאַניזאַציעס און קליינע חברות איז, לויט מיין מיינונג, אַן אויסערגעוויינטלעך וויכטיקע פאַר אונדזער מאָדערנער קולטור בכלל און פאַר יידיש לעבן בפרט.

אַ מענטש קען געהאָלפן ווערן גייסטיק און מאָראַליש דורך גוטע מעשים, דורך נוצלעכער אַרבעט, דורך אַ גוט וואָרט, דורך עליות, דורך אַ קאַפּיטל תהילים און אַזוי ווייטער. עס איז אָבער וויכטיק, אַז דער מענטש זאָל פילן, אַז זיין צושטייער, אין וואָס פאַר אַ פאָרם עס זאָל ניט זיין, האָט אַ געוויסע באַדייטונג. דער דורכשניטלעכער מענטש טאָר ניט פאַרלירן זיין נאָמען. ער טאָר ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קליין שרייפעלע פון אַ גרויסער מאַשין. ער דאַרף פילן, אַז ער איז עפּעס, אַז ער טוט עפּעס, אַז זיין אַרבעט איז עפּעס ווערט. דאָס קען ניט געשען אין גרויסע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס. צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן זייער אייגענע לאָגיק. זיי מוזן האָבן באַאַמטע, אַפּאַראַטן, פּירער, גבאים א. אַז. וו. דער דורכשניטלעכער מענטש קען דאָ ניט שפּילן קיין שום ראָל. גאָר אַנדערש איז אין דעם פּרט די קליינע חברה. עס קען זיין אַ חברה פאַר צדקה, אַ חברה פאַר לערנען, אַ חברה פאַר קולטור־אַרבעט א.אַז.וו. עס איז כדאי דאָ צו פאַרצייכענען, אַז די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע קרייזלעך זיינען פאַקטיש געווען קרייזלעך פאַר לערנען, פאַר שטודירן סאָציאַליזם און אַלגעמיינע וויסנשאַפט בכלל. לערנען איז ביי אונדז ניט געווען בלויז אַן אויפגאַבע פאַר יונגע מענטשן. אין יעדער יידישער היים האָבן געלערנט דורות: עס האָט געלערנט דער זיידע; עס האָט געלערנט דער טאַטע און עס האָט געלערנט דער אייניקל. די אַלטע יידישע חברות פאַר לערנען האָבן מייסטנס געהאַט נאָך אַ צוועק. דאָס זיינען פאַקטיש געווען ברודערשאַפט־חברות, מען האָט איינער דעם אַנדערן אַרויסגעהאָלפן. ביקור חולים איז געווען די וויכטיקסטע מיצווה פון אַזאַ חברה. אָפט האָט די חברה אָדער דער

בית מדרש געהאַט אַן אייגענע גמילות חסדים קאַסע, וואָס האָט באַזאָרגט הלוואות אָן פּראָצענטן. אין דער חברה האָט געהערשט אַ שטימונג פון אַ משפחה. געווען דאָרט אמתע ברידערלעכקייט.

דער קליינער קרייז פון נאָענטע פריינד, די חברה, גיט יעדן מענטשן די מעגלעכקייט צו טאָן גוטס, צו העלפן צופעליגן אַ האַנט צו אַ וויכטיקער אויפגאַבע, ער זאָל זיך פילן ניט בלויז ווי אַ נומער אין אַ גרויסער מאַסן־אָרגאַניזאַציע, נאָר ווי אַ ווערטפולער מיטגליד אין אַ קרייז פון נאָענטע פריינד, ווי אַ מיטגליד פון אַ אידעישער משפחה.

מיר לעבן אין אַ צייט, ווען דער מענטש פילט אזוי שטאַרק זיין פאַרלאָרנקייט. און טאָקע צוליב דעם מוזן מיר גאָר באַזונדערס אָפּשאַצן דעם מאָראַלישן כוח פון דער יידישער טראַדיציע. אין שול זיינען מיר ניט קיין שטומע צוהערער. מיר קומען זיך דאָ אויסטענהן מיט דעם באַשעפער פון דער וועלט. דאָס איז דער גרויסער סוד פון תפילה. עס איז דער דיאַלאָג צווישן דעם מענטשן און דעם איין־סוף. דער מענטש האָט וואָס צו זאָגן. ער האָט פאַר וועמען זיין האַרץ אויס־צוגיסן. אין שול קומען מיר ניט ווי אַ מאַסע פון צופעליקע מענטשן, ווי אַ המון, נאָר ווי מיטגלידער פון אַ געמיינדע, פון אַ עדה יידן, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט.

און ס׳איז לחלוטין ניט קיין פראַגע פון גלויבן אָדער ניט־גלויבן. אָט־די גרויסע באַגעגענעש צווישן ייד און ייד, צווישן דעם איינצעלנעם און דעם אין סוף, איז ניט אַ ווירקלעכקייט, וואָס לאָזט זיך אריינפּאַסן אין די געוויינטלעכע קאַטעגאָריעס פון לאָגישן דענקען, פּונקט ווי דער עצם פאַקט פון אונדזער צוגעהעריקייט צום יידישן כלל איז ניט קיין ענין פון לאָגיק. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיטן גרויסן סוד פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. מיר לעבן ניט מיט זיך אליין, מיר לעבן ניט בלויז אין זיך אליין, מיר לעבן מיט אונדזערע מיטמענטשן, מיר לעבן אין דער אייביקייט.

יידישקייט אין אונדזער צייט איז דער ענטפער פאַר די פאַראיינזאַמטע. יידישקייט איז דער דיאַלאָג פון חברשאפט, דאָס דורכריידן זיך מיטן יידישן כלל, די באַגעגענעש מיטן אין סוף. יידישקייט לערנט אונדז ווי צו אַנטלויפן פון דער מאַשין, ווי צו אַנטלויפן פון דער מעכאַניזירטער וועלט, ווי צו געפינען דעם מענטשן, דאָס געטלעכע אין מענטשן.

דער כבוד פון א מענטשן

עס וועט אפשר ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די מלחמה פאַר אַנערקענונג, פאַר כבוד, פאַר אַ פּלאַץ אין דער געשיכטע, האָט אין גאַר אַ גרויסער מאָס באַשטימט דעם וועג פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. מיר האָבן נאָך ניט געפונען דעם וועג ווי צו באַזאָרגן אַ מינימום פון כבוד פאַר איטלעכן בירגער אין אונדזער מאָדערנער מאַסן־געזעלשאַפט.

דער מאָטיוו פון ניט־פאַרשעמט ווערן ווערט איבערגעחזרט אין פאַרשיידענע תפילות און גאָר באַזונדערס אין בענטשן (ברכת המזון). דאָ קומט דער יידישער מענטש מיט זיין בקשה, דער באַשעפער זאָל אים באַזאָרגן זיין חיונה אויף אַ בכבודיקן אופן, כדי מיר זאָלן קיינמאָל ניט פאַרשעמט ווערן (שלא נבוש ולא נכלם לעולם ועד). דאָס איז, אייגנטלעך, דער סאַמע אינטימער ווונטש פון יעדן מענטשן.

און דאָ קומען מיר צו דעם גרויסן קאָנפליקט צווישן מענטש און מענטש, וואָס נעמט אָפט אָן טראַגישע פאָרמען.

מען קען זיך פאַרשאַפן כבוד אויפן חשבון פון דעם צווייטן. זאָגט אונדז דאָך אַ תלמודישער מאמר: "המתכבד בקלון חבירו אין לו חלק לעולם הבא" (דער, וואָס פאַרשאַפט זיך כבוד דורך פאַרשעמען דעם חבר, פאַרלירט זיין חלק עולם הבא). איז מעגלעך אַ דעמאָקראַטישע, אַ מער גערעכטע, אַ מער מענטשלעכע פאַרטיילונג פון כבוד און אָנערקענונג? איז דאָ אַ מעגלעכקייט אין אונדזער מאַסן־געזעלשאַפט צו געפינען וועגן און מעטאָדן פון אָנערקענונג פאַר יעדן בירגער?

דער ענין אָפּגעבן כבוד אַ מענטשן איז אַ גאַנצע תורה, און אָט דער ענין פאַרנעמט אַ חשובן פלאַץ אין אונדזער מוסר־ליטעראַטור. אָבער גאָר ווייניק מאָדערנע דענקער פאַרשטייען אָט די פּראָבלעם.

די מאָדערנע מאַסן־געזעלשאַפט שאַפט אָבער גאָר באַזונדערע פּראָבלעמען אין פרט פון אָפּגעבן כבוד און אָנערקענונג דעם פשוטן מענטשן. אין דער קליינער געמיינדע איז פּראַקטיש יעדער בירגער אַ פּערזענלעכקייט, אַפילו ווען ער געהערט ניט צו די שיינע באַלעבאַטים. גאָר באַזונדערס וויכטיק זיינען אין דעם פרט אונדזערע אַלטע יידישע אינסטיטוציעס. עס איז באמת שווער אָפּצושאַצן די געוואַלדיקע מאָראַלישע און סאָציאַלע באַדייטונג פון דעם מינהג מכבד צו זיין מיט אַן עליה. און דער ענין עליות העלפט אונדז צו פאַרשטיין די פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער מאַסן־געזעלשאַפט.

אין דעם קליינעם מנין, אין חסידים שטיבל, אין דעם באַשיידענעם בית המדרש, איז ניט געווען אַזוי שווער צו פאַרטיילן עליות. געווען בדרך כלל גענוג כיבודים פאַר אַלע מתפללים. געווען אַ חוץ דעם נאָך אַן אויסוועג. מען האָט געוויינטלעך געדאַוונט אין צוויי מנינים. האָט מען צוויי מאָל געלייענט די תורה און מען האָט אַזוי פאַרדאָפּלט די צאָל כיבודים. אויב אַפילו דאָס איז נאָך ניט געווען גענוג, פלעגן אָפט אַ צאָל מתפללים מאַכן פאַר זיך אַ מנין אין אַ פאָדער־שטיבל, אין אַן אכסדרה. חברות פון בעלי מלאכות פלעגן האָבן זייערע אייגענע מנינים און זייערע אייגענע שולן. אין די טעג פון יום־טוב האָט מען כמעט קיינעם ניט אויסגעלאָזן. גאָר באַזונדערס אין אַ יום־טוב ווי שמחת־תורה.

וואָס גרעסער די געמיינדע, אַלץ ווייניקער זעט זיך דאָ אָן דער דורכשניט־לעכער מענטש, אַלץ מער ווערט ער דאָ פאַרלוירן, און אויבן אָן רוקן זיך ארויס די גבירים, די פירער און די טומלער.

דאָס איז די טראַגישע פּראָבלעם פון דער מאָדערנער מאַסן־געזעלשאַפט, אַ

מאַסן־געזעלשאַפט, וואָס באַשטייט דאָך ניט פון הונדערטער און טויזנטער, נאָר פון מיליאָנען. געוונג צו נעמען אַ ביישפּיל פון אַזאַ כרך ווי ניו יאָרק. דער איינצעלנער בירגער זעט זיך דאָ גאָרניט אָן. ער ווערט קיינמאָל ניט אויפגערופן צום וואָרט. ער ווערט פאַרלוירן אין דער מאַסע, אין דער פנימלאָזער מאַסע. ווערט טאַקע דאָס מענטשלעכע אין אונדז פאַרקריפּלט און דערשטיקט.

*

ווייניק מענטשן האָבן דעם מוט צו זאָגן אָפן, אַז זיי יאָגן זיך נאָך כבוד. דער אמת אָבער איז, אַז דער יצר הרע פון כבוד איז פּונקט אַזוי מענטשלעך און פּונקט אַזוי נאַטירלעך און באַרעכטיקט ווי דער יצר הרע פון געלט און ליבע.

פרויד האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער מאָדערנער סעקסועלער רעוואָלוציע. איך גלויב, פונדעסטוועגן, אַז די פּראָבלעמען פון אונדזער צייט געהערן צו גאָר אַן אַנדער קאַטעגאָריע. און דאָ קען אונדז די פּסיכאָלאָגישע שיטה פון אַלפרעד אַדלער גאָר ניט אין אַן ערך אַ סך מער אַרויסהעלפן ווי די פילאָזאָפיע פון זיגמונד פרויד.

אַלפרעד אַדלערס פּסיכאָלאָגיע באַהאַנדלט די פּראָבלעם פון דעם יחיד ווי אַ סאָציאַלע פּראָבלעם. דער מענטש האָט ניט נאָר ביאָלאָגישע נויטן, ער איז קודם כל אַ סאָציאַלע באַשעפעניש, און ער פרעגט זיך כסדר: וואָס פאַר אַ פּלאַץ פאַרנעם איך אין דער וועלט, אין מיין סביבה, אין מיין פאַמיליע. דער שוואַכער, דער פאַרגעסענער, דער עלנטער, פילט זיך באַעוולט. ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ קאָמפּלעקס פון מינדערווערטיקייט.

ווען מען פאַרטיפט זיך אין די פּראָבלעמען פון אונדזער צייט, דאָן ווערט אַלץ מער און מער קלאָר, אַז די גרויסע זאָרג פון דעם מאָדערנעם מענטשן איז — דער ענין פון כבוד, פון אָנערקענונג, פון פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער וועלט, פון האָבן אַ נאָמען. די טראַגעדיע פון דער מאָדערנער צייט איז — דער פאַרגע־סענער מענטש. דער אָרעמער מענטש איז אַ פאַרגעסענער. ווייסן מיר דאָך פון דעם אַלטן יידישן כלל: עני חשוב כמת. און פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע פאַרגעסענע אין אונדזער צייט: קראַנקע מענטשן לעבן ווי פאַרגעסענע, עלטערע מענטשן בלאָנדזשען אַרום ווי פאַרגעסענע און אויך שטילע מענטשן געהערן צו די פאַרשוויגענע און פאַרגעסענע.

און צוליב דעם טעם גלויב איך אַזוי שטאַרק אין דער שליחות פון יידישקייט גראָד אין אונדזער צייט. יידישקייט איז דער גלויבן פון די פאַרגעסענע, דער גלויבן פון די שוואַכע, פון די עלנטע. יידישקייט איז דער גלויבן פון דעם גלות־מענטשן, פון אַ גלות־פאָלק, פון אַ פאָלק פון געוועזענע שקלאַפן, וואָס איז געוואָרן אַן אויסדערוויילט פאָלק.

אַזוי לייענען מיר אין דער תורה, ווי משה רעדט צו די פאַרזאַמלטע קינדער פון ישראל: "איר שטייט היינט אַלע פאַר גאָט, אייערע פירער, אייערע עלטסטע, אַלע מענער פון ישראל, אייערע קינדער, אייערע פרויען, דער גר וואָס איז אין דיין לאַגער, פון דעם האָלצהעקער ביז צום וואַסערשעפּער" (מחטב עציך עד שאב

מימך). אַלע, דאָס גאַנצע פאָלק, באַטייליקן זיך אין דעם בונד, וואָס ווערט געשלאָסן צווישן גאָט און די קינדער פון ישראל. אויך די סאַמע אַרעמסטע "פון דעם האָלצהעקער ביז דעם וואַסערשעפער", אַלע געהערן צום כלל ישראל.

אויף אַן אַנדער אופן ווערט די שותפות פון גאַנצן פאָלק ארויסגעבראַכט אין שמות. דאָ ווערט אונדז געזאָגט: יעדער דערוואַקסענער פון דעם עלטער פון 20 יאָר אָן, דאַרף זיך באַשטייערן מיט אַ האַלבן שקל פאַרן משכן: "דער רייכער דאַרף ניט געבן מער און דער אָרעמער דאַרף ניט געבן ווייניקער פון אַ האַלבן שקל (העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט ממחצית השקל)".

דאָס איז, אגב, אויך די אידעע, וואָס ליגט אין יסוד פון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע. יעדער בירגער איז באַרעכטיקט און באַרופן אָפּצוגעבן זיין שטימע אין דעם טאָג פון די וואַלן, און יעדער בירגער איז באַרעכטיקט און אפילו מחוייב צו זאָרגן דערפאַר, אַז זיינע קינדער זאָלן באַקומען די געהעריקע דערציונג. די פאָלקסשולן זיינען פריי פאַר אַלעמען.

עס זיינען דאָ פּלענער און פּראָיעקטן פאַר פאַרזיכערן אַ מינימום הכנסה פאַר אַלע בירגער. יידישקייט גייט אָבער אַ סך ווייטער: יידישקייט פאַרלאַנגט אַ מינימום פון אָנערקענונג, אַ מינימום פון כבוד פאַר יעדן מענטשן.

מען האָט ביי אונדז אָפּט חוזק געמאַכט פון דעם אלטן מינהג פון פאַרטיילן כיבודים, פון אויפרופן מענטשן מיטן נאָמען צו דער תורה. מען האָט לעצטנס ביי אונדז אויך קריטיקירט דעם מינהג פון בר מיצווה. מען פּרובירט אפילו באַווייזן, אַז בר מיצווה איז גאָר ניט אַזאַ אַלטער מינהג. דאָס איז ריכטיק, און דאָך איז בר מיצווה סימבאָליש פאַרן גייסט פון דער יידישער טראַדיציע. דאָס פאָלק האָט אַ געזונטן חוש. בר מיצווה איז דער וועג צו יידישקייט, ווייל אין יידישקייט האָט דער מענטש אַ נאָמען. די רעפאָרמער, למשל, האָבן איינגעפירט די צערעמאָניע פון קאָנפירמאַציע. דער אונטערשייד צווישן קאָנפירמאַציע און בר מיצווה איז אָבער אַ קאָלאָסאַלער. עס איז דער אונטערשייד פון נאָמען. די צערעמאָניע פון קאָנפירמאַציע ווערט דורכגעפירט פאַר אַ גאַנצער גרופּע. בר מיצווה אָבער איז אַ פערזענלעכע פייערונג, אַן אינדיווידועלע צערעמאָניע. דער יונגער מענטש, ווי אַ יחיד, אַ פּערזענלעכקייט מיט אַ נאָמען, איז אין צענטער פון דער געשעענעש. ווי אַ יחיד, ווי אַ פערזענלעכקייט מיט אַן אייגענעם נאָמען, ווערט ער אַ מיטגליד פון יידישן כלל, ווערט ער אויפגערופן צו דער תורה.

קאָנפירמאַציע איז אַ קאָלעקטיווע צערעמאָניע, אַ מאַסן־צערעמאָניע. בר מיצווה איז אַ פערזענלעכע איבערלעבונג.

*

יידן האָבן זיך פון תמיד אָן אויסגעצייכנט מיט זייער רעספּעקט צו טראַדיציע. צו דער שותפות פון דורות. במשך פון דער לאַנגער גלות־צייט האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון זייער אלף־בית. און כמעט אַלע שפּראַכן, וואָס יידן האָבן איבערגענומען, האָבן זיי געשריבן מיט די אַלטע אותיות פון די הייליקע ספרים. אויך אין די נייע שפּראַכן, וואָס זיי האָבן אָנגענומען, האָבן זיי, אויף וויפל עס

איז נאָר געווען מעגלעך, אויסגעהיט אַ גרויסע צאָל העברעישע עלעמענטן. די העברעישע ווערטער האָבן זיי געשריבן אויפן טראַדיציאָנעלן אופן, ווי זיי ווערן געשריבן אין די הייליקע ספרים.

יידן האָבן זיך ניט ווייניקער אויסגעצייכנט מיט זייער רעספּעקט צו דעם צווייטנס מיינונג. יידן האָבן קיינמאָל ניט אָנערקענט די אַבסאָלוטע אויטאָריטעט פון אָן אייגצעלנעם מענטשן. דער באַליבטעסטער יידישער ספר איז ביי אונדז תמיד געווען דער תלמוד, אַ ווערק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין משך פון דורות פון הונדערטער און הונדערטער אויטאָריטעטן. דער יידישער לערנער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע הנאה פון די כסדרדיקע דיסקוסיעס צווישן די תנאים און אמוראים. וואָרים, ווי זאָגט די יידישע טראַדיציע: "סיי די מיינונג פון די, סיי די מיינונג פון די אַנדערע זיינען דאָך די רייד פון דעם לעבעדיקן גאָט (אלו ואלו דברי אלקים חיים)".

דעם רמב"מס גרויסער הלכה-ספר, די "משנה תורה", איז געוואָרן אַלגעמיין אָנגענומען ערשט נאָכדעם, ווי זיין געגנער דער ראב"ד האט דערצו אָנגעשריבן זיינע קריטישע באַמערקונגען. האָבן יידן געלערנט דעם רמב"ם צוזאַמען מיט ראב"ד. כדי צו וויסן ביידע מיינונגען. דאָס זעלביקע איז אויך שפּעטער פּאָרגעקומען מיטן שולחן ערוך. קולטור איז די שאַפונג פון יידישן כלל און ניט פון יחידים, ווי גרויס זיי זאָלן ניט זיין. דערפאַר איז כמעט יעדער יידישער ספר געוואָרן אַ קאָלעקטיוו ווערק. אזוי איז דער תנ"ך, אזוי איז די משנה, אַזוי איז די גמרא, אזוי איז דער רמב"ם און אַזוי איז דער שולחן ערוך.

דער יידישער מענטש האָט אַ העכערע פאַרשטעלונג וועגן קולטור-דעמאָקראַטיע. דער ייד האָט בטבע ניט ליב קיין "מאַסן-קולטור". ער וויל ניט און קען זיך ניט באַנוגענען מיט דער באַשיידענער ראָל פון זיין אַ קאָנסומענט פון קולטור. דאָס איז, דוכט מיר, די הויפּטסיבה, פאַרוואָס אַ סך פון אונדזערע מאָדערנע קולטור-אונטערנעמונגען האָבן קיין הצלחה ניט.

אונדזערע משכילים האָבן קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס יידן האָבן על פּי רוב ליבער געהאַט צו דאַווענען אין קליינע בתי מדרשים, אין שטיבלעך און אפילו אין פּריוואַטע מנינים, ווי אין דער גרויסער שול. אין דעם קליינעם בית מדרש איז דאָך יעדער איינצעלנער ייד אַ פּערזענלעכקייט און אַלע זיינען מיט אים שותפים אין גוטע ווי, חס ושלום, אין שווערע מאָמענטן פון לעבן. אונדזערע משכילים האָבן אויך קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער יידישער מענטש האָט זיך אזוי ליב צו פאַרטיפן אין א "בלאַט גמרא" און איז אַ סך ווייניקער פאַראינטערעסירט אין אַ קאַפּיטל תנ"ך. אין תנ"ך באַגעגנט זיך דער ייד מיט גאָטס וואָרט. דער רבונו של עולם רעדט און דער ייד האָט ניט קיין אַנדער ברירה ווי צו ענטפערן "נעשה ונשמע". מיט גאָט איז שווער צו פירן וויכוחים. אין דער משנה און דער גמרא, אין דער תורה שבעל פה, באַגעגנט זיך דער לערנער מיט מענטשן, אמת גרויסע מענטשן, תנאים און אמוראים, אָבער דאָך מענטשן. דאָ קען שוין דער לערנער ווערן אַ שותף צו דער תורה. אויב רבי עקיבא

זאָגט אזוי און זיינע חברים זאָגן אַנדערש, אויב אביי זאָגט אַרויס איין מיינונג און רבא אַ צווייטע מיינונג, האָט ער דאָך די ברירה אויסצוקלייבן. ער קען זאָגן זיין וואָרט. די תורה איז דערמיט געוואָרן אַ תורה פון מענטשן. אַ ברייטע וועלט פון מיינונגען, פון קשיות און תירוצים, פון ערקלערונגען און אויסטייטשונגען עפנט זיך פאַר אים, און אין דער ברייטער וועלט איז פאַר אים פאַראַן גענוג פּלאַץ זיך פריי צו באַוועגן. ער דאַרף זיך נאָר אויסלערנען די קונסט צו "שווימען" אין דעם "ים פון תלמוד".

מיר מוזן זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז דאָס וואָס מיר רופן געוויינטלעך מאַסן־קולטור, ווו דער איינצעלנער מענטש שפּילט פּאַקטיש אַ נישטיקע ראָל, ווו עס בלייבט פאַר אים בלויז די מעגלעכקייט צו פּאַטשן בראַוואָ צו דעם וואָס אַנדערע זאָגן, איז דער עיקר צוגעפּאַסט פאַר לענדער פון דיקטאַטור. אמתע דעמאָקראַטישע קולטור איז אָבער נאָר מעגלעך ביי דער אַקטיוועסטער שותפות פון יעדן יחיד, פון יעדן פאָלקסמענטשן. דאָס איז אונדזער וועג און דאָס איז אונדזער פּראָבלעם.

ליכט מיט א ברכה

אין אָנהויב איז געווען די גרויסע פינצטערניש... "האט גאָט געזאָגט: זאָל ווערן ליכט און עס איז געוואָרן ליכט".

דאָס וווּנדער פון ליכט און פייער פאַרנעמט גאָר אַ באַזונדערן פּלאַץ אין די טראַדיציעס פון אַלע פעלקער. אַ גריכישע לעגענדע דערציילט אונדז, אַז די מענטשן האָבן געקראָגן די מתנה פון פייער אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן, געגן דעם ווילן פון דעם הויפּט־גאָט זעוס. קאָנפליקטן צווישן מענטשן און געטער געהערן צו די צענטראַלע מאָטיוון אין דער אַלטער גריכישער פאָלקס־טראַדיציע, דאָס איז די לאָגיק פון פּאָליטעיזם, פון דעם געצנדינערישן גלויבן. איז דאָך די גריכישע געטלעכע וועלט פול מיט קאָנפליקטן, מיט שנאה און קנאה, מיט אָפּנאַרעריי און הפקרות.

איך בין דערמיט לחלוטין ניט אויסן צו זאָגן, אַז דעם גריכישן מענטשן איז אינגאַנצן געווען פרעמד די אידעע פון אַ מאָראַלישער וועלט־אָרדענונג. עס בלייבט אָבער דער פאַקט: די גריכישע דענקער האָבן זיך קיינמאָל ניט געקענט באַפרייען פון דעם פּלאָנטער פון פּאָליטעיזם, פון דעם גלויבן אין אַ סך געטער.

די אידעע פון אַ קאָסמישער אָרדענונג, פון אַ שותפות צווישן דעם מענטשן און זיין באַשעפער, איז דירעקט פאַרבונדן מיטן יידישן מאָנאָטעיזם, מיטן גלויבן אין איין באַשעפער און אין איין וועלט.

יידישקייט האָט דעם מענטשן געמאכט פאַר אַ שותף צו דער באַשאַפונג פון דער וועלט. גאָט טוט כסדר באַנייען די וווּנדער פון בראשית. דאַנקען מיר יעדן טאָג אין דער תפילה פון שחרית דעם באַשעפער פון ליכט (יוצר אור).

און אזוי בענטשט די מאַמע ליכט יעדן פרייטיק־צו־נאַכט מיט דער ברכה

להדליק נר של שבת. אזוי בענטשן מיר חנוכה־ליכט און אזוי זאָגט דער טאַטע די ברכה "בורא מאורי האש", ווען ער מאַכט הבדלה שבת־צו־נאַכט. מיט אַט די ברכות באַנייען מיר סימבאָליש די דראַמע פון מעשה בראשית, פון באַשאַפן ליכט. דאָס איז דער סוד פון ליכט מיט אַ ברכה, דער סוד פון באַשאַפן.

אין דער נאַכט פון דער גרויסער פינצטערנעש אין ניו־יאָרק איז פאַר אַ סך פון אונדז קלאָר געוואָרן דער עיקרדיקער אונטערשייד צווישן ליכט מיט אַ ברכה און ליכט אָן אַ ברכה.

דאָס איז געווען אַ וואָרענעש געגן צופיל צענטראַליזאַציע, געגן צו פיל גרויסקייט. און נאָך מער מוזן מיר זיך היטן פאַר צופיל גרויסקייט, צו פיל צענטראַליזאַציע אין אונדזער סאָציאַלן און גייסטיקן לעבן.

די מאָדערנע מיטלען פון קאָמוניקאַציע לאָזן איבער ווייניק פּלאַץ פאַר לאָקאַלער און אויטאָנאָמער שעפערישקייט. ראַדיא און טעלעוויזיע זיינען געוואָרן די וויכטיקסטע מיטלען פון צענטראַליזאַציע. אָבער אויך אין דער פרעסע — איך האָב דאָ אין זינען די ענגלישע פרעסע — פילט זיך אַלץ שטאַרקער די טענדענץ פון צענטראַליזאַציע. אַ צאָל פון די אָנגעזעענע פּובליציסטן ווערן געדרוקט אין הונדערטער צייטונגען איבערן גאַנצן לאַנד. אין דער זעלביקער צייט ווערט כסדר פאַרקלענערט די צאָל צייטונגען. נאָך מיט אַ דור צוריק האָט ניו יאָרק געהאט 16 טעגלעכע צייטונגען. היינט־צו־טאָג דערשיינען אין דעם גרעסטן צענטער פון אַמעריקע ניט מער ווי 6 צייטונגען. פאַראַן קליינע מדינות, וווּ אַ צייטונג מיט טעלעכע צענדליק טויזנט לייענער קען עקזיסטירן. און אין ניו יאָרק האָט זיך אָבער לעצטנס פאַרמאַכט אַ צייטונג, וואָס האָט געהאט קרוב אַ מיליאָן לייענער.

דערין באַשטייט די געפאַר פון מאַסנקולטור. ס'איז ניט ריכטיק, אז דער דורכשניטלעכער מענטש איז לויט זיין נאַטור אַ מאַסנמענטש. יעדער מענטש האָט אַמביציעס פון שעפערישקייט. יעדער מענטש וויל ווערן אַ שותף צו גאָטס וועלט. אָבער אונדזער מאָדערנע טעכניק, אַלע אונדזערע מאָדערנע דערגרייכונגען, דער גאַנצער פּראָצעס פון אויטאָמאַטיזירונג, שטופּן אונדז אויפן וועג פון צענטראַליזאַציע און מאַסנקולטור. מיר האָבן אַ סך ליכט, ס'איז אָבער ליכט אָן אַ ברכה. מיר האָבן מעכאַנישע ליכט, אָן אַ פונק פון שעפערישקייט.

און טאַקע דערין זע איך די היסטאָרישע שליחות פון יידישקייט, פון יידישער קולטור פאַר אונדזער צייט. יידישקייט האָט אונדז אויסגעלערנט די קונסט פון בראשית, די קונסט צו מאַכן אַ ברכה. אויך אַנדערע פעלקער האָבן געוווּסט די באַדייטונג פון צוגרייטונג, פון כונה, פון אַ ברכה. זיי האָבן אָבער אַט די פּריווילעגיע רעזערווירט פאַר פּאָליטישע פירער און פּריסטער. אַנקעגן דעם האָט יידישקייט פּראָקלאַמירט פאַר דער וועלט די אידעע פון אַ הייליק פאָלק, פון אַ קעניגרייך פון כהנים (ממלכת כהנים וגוי קדוש).

דער יידישער וועג איז דער וועג פון דער גרויסער געזעלשאַפט צו דער קליינער געמיינדע. די גרויסע געזעלשאַפט האָט וויכטיקע אויפגאַבן, וויכטיקע

פונקציעס. זי האָט אָבער אויך אירע גרענעצן. די גרויסע געזעלשאַפט גיט ניט דעם פשוטן מענטשן די מעגלעכקייט צו מאַכן אַ ברכה, צו מאַכן שבת. דאָס איז די אויפגאַבע פון דער פאַמיליע, פון דער קליינער געמיינדע, פון דער רעליגיעזער און אידעישער גרופע. לאַכט ניט פון די מענטשן, וואָס טוען קליניקייטן, פון די מענטשן, וואָס בויען קליינע וועלטן, קליינע חברות, קליינע אָרגאַניזאַציעס, קליינע אינסטיטוציעס. אָט די קליינע וועלטן האַלטן אויף גאָטס גרויסע וועלט.

די יידישע פאַמיליע

"פון מיין אייגענער דערפאַרונג האָב איך זיך געקענט איבערצייגן — שרייבט פּוילינע װענגעראָװ אין אירע "מעמואַרן איינער גראָסמוטער" — װי לייכט עס איז געװען פאַר אונדזערע עלטערן די פּראָבלעם פון דערציען די קינדער און װי שװער דאָס איז געװאָרן פאַר אונדז". פּוילינע װענגעראָװ, די טאָכטער פון אַ יידישן למדן און רייכן סוחר, איז געבאָרן געװאָרן אין די דרייסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. זי האָט אַליין דורכגעמאַכט די פרי־תקופה פון דער השכלה און אַסימילאַציע אין צאַרישן רוסלאַנד מיט 70־80 יאָר צוריק. אויפגעהאָדעװעט אין אַ פּאַטריאַרכאַליש־טראַדיציאָנעלער יידישער היים װוּ עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַװייזן די ערשטע שפּורן פון השכלה, איז עס פאַר איר געװען אַן אויסער־געװיינטלעך שװערער קלאַפּ, װען אירע קינדער האָבן צוליב באַקװעמלעכקייט און קאַריערע פאַרלאָזן זייער פאָלק און האָבן אָנגענומען דעם פּראַװאָסלאַװנעם גלויבן. אויף דער עלטער, שוין אַ פרוי פון איבער 70, האָט זיך פּוילינע װענגעראָװ געזעצט שרייבן אירע מעמואַרן און האָט געמאַכט אַ שטיקל חשבון פון איר לעבן און פון איר דור. און איך בין זיך מודה, אַז לייענענדיק די מעמואַרן פון דער אַלטער פ. װענגעראָװ האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ריי פּראָבלעמען, װאָס זיינען פאַר אונדז היינט נאָך אַ סך מער אַקטועל װי מיט 70־80 יאָר צוריק אין די האַלב־אַסימילירטע יידישע קרייזן אין אַמאָליקן רוסלאַנד.

"מיר אַליין טראָגן די שולד פאַר דעם תהום, װאָס האָט זיך געשאַפן צװישן אונדז און אונדזערע קינדער — לייענען מיר װייטער אין די שוין ציטירטע מעמואַרן — זייער פאַרפרעמדקייט פון דער פאַמיליע האָט געמוזט קומען װי אַ רעזולטאַט פון אונדזער דערציונג".

"בעת מיר זיינען געװען קינדער איז פאַר אונדז די מצוה פון כיבוד אָב ואם, פאָלגן די עלטערן, געװען הייליק. שפּעטער האָבן מיר געמוזט פאָלגן אונדזערע קינדער און מיר האָבן זיך אונטערגעװאָרפן זייער װילן. און װי מען האָט אונדז אַמאָל געלערנט, װי מיר זאָלן זיך האַלטן מיט סטאַט לגבי די עלטערן: מיר זאָלן שװייגן, זיין שטיל, הגם עס איז אָפט געװען זייער שװער, פּונקט אַזוי דאַרפן מיר זיך היינט האַלטן לגבי אונדזערע קינדער, ניט צו פיל רעדן, האַלטן דעם מויל פיין צוגעמאַכט. װי מיר פלעגן אַמאָל מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און רעספּעקט אויסהערן, װאָס די עלטערן פלעגן אונדז דערציילן, אַזוי הערן מיר היינט צו שװייגנדיק, מיט אַ געפיל פון פרייד און שטאָלץ, װען אונדזערע קינדער

דערציילן פון זייער לעבן און זייערע אידעאַלן. אַט די אונטערטעניקייט, די באַוווּנדערונג, וואָס מיר ווייזן אַרויס פאַר אונדזערע קינדער, מאַכט זיי פאַר עגאָיסטן, זיי ווערן אונדזערע טיראַנען. דאָס איז די צווייטע זייט פון דער מעדאַל פון דער אייראָפּעישער קולטור ביי יידן אין רוסלאַנד".

אַ סך אויפגעקלערטע יידישע עלטערן וואָלטן אַט די ווערטער געקענט שרייבן אויך היינט!

אין אונדזערע ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע קרייזן האָט מען זיך אין אָנהייב באַצויגן גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין פאַמיליע. מיר האָבן געפּירט אַ קאַמף פאַר נייע פאָרמען פון לעבן און מיר האָבן אָפּט ביי אונדזערע בעסטע כוונות ניט געקענט מאַכן קיין גרויס וועזן פון דער מצווה כיבוד אָב ואם. אונדזערע בליקן זיינען געווען געווענדט פאָרויס און ניט אויף צוריק. אין צענטער פון אונדזער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט, פון אונדזער גאַנצער אַרבעט איז דערפאַר אַוועקגע־שטעלט געוואָרן דאָס קינד, דער נייער דור, וואָס אים וועט זיין באַשערט אויפצובויען די נייע גליקלעכע וועלט. און אין אַט דער נייער וועלט וועט מען זיך דאָך בכלל קענען באַגיין אָן אַ פאַמיליע און, אויף וויפל עס איז שייך בלויז דער דערציונג פון קינדער, אויך אָן טאַטע־מאַמע. אויפן אָרט פון דעם אַלטן פאַטריאַרכאַלישן לעבנסשטייגער האָבן מיר געשאַפן אַ נייעם פאַמיליע־שטייגער, ווו אַלץ דרייט זיך אַרום דעם קינד. צו אַט דער אַנטוויקלונג האָט אויך אַ סך מיטגעווירקט די גוואַלדיקע פאַרקלענערונג פון דער צאָל קינדער אין די היינטיקע פאַמיליעס. עס איז היינט ניט קיין זעלטענע דערשיינונג, ווען די מערהייט פון תלמידים אין די שולן באַשטייט פון בני יחידים אָדער בנות יחידות. אין אונדזערע יידישע פאַמיליעס קומט נאָך צו דער מאָמענט, וואָס דער יונגער דור האָט זיך אַ סך גיכער און בעסער צוגעפּאַסט צו דער שפּראַך און דער קולטור פון לאַנד ווי דער דור פון די אימיגראַנטן.

אויך די דערפאַרונג פון אונדזער צייט לערנט אונדז אָבער, אַז מען קען ניט אינגאַנצן פאַרבייטן די מצווה פון "כבד את אָביך ואת אמך" מיט דער מצווה פון "כבד את בנך ואת בתך". איינער פון די טיפסטע און אָריגינעלסטע דענקער פון אונדזער דור, זיגמונד פרויד, האָט געפּרוּווט באַווייזן, אַז אין יסוד פון אונדזער גאַנצער קולטור ליגט דער ערשטער קאָנפליקט צווישן פאָטער און זון. אין דער מענטשלעכער אורמשפחה איז אַמאָל געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן די זין און דעם דעספּאָטישן פאָטער. די קינדער האָבן זייער טאַטן דערהרגעט. אָבער די געשטאַלט פון דעם אומגעבראַכטן פאָטער איז אין די נשמות פון די קינדער און פון די שפּעטערדיקע דורות געוואָרן אַלץ מער דערהויבן, אַלץ מער געלייטערט און געהייליקט. און מיט אַט דער געלייטערטער און געהייליקטער געשטאַלט האָבן די מענטשן שפּעטער פאַרבונדן דאָס שענסטע און דאָס העכסטע וואָס זיי האָבן דערגרייכט דורך זייערע אָנשטרענגונגען. מיר קענען דאָ לאָזן אָן אַ זייט די עצם פראַגע, אויף וויפל פרוידס טעאָריע גיט אונדז אָן ענטפער אויף רעטענישן פון מענטשלעכן קולטור־לעבן. עס קען אָבער קיין ספק ניט זיין, אַז די פאַמיליע און

די פליכטן און קאָנפליקטן, וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדן, בילדן דעם וויכטיקסטן פאַקטאָר אין דער געשיכטע פון אונדזער קולטור. ס׳איז געוויס ניט קיין צופאַל, וואָס דער פאָטער־ און מוטער־מאָטיוו פאַרנעמט אַזאַ צענטראַלן אָרט אין דער רעליגיעזער לעגענדע. איך וויל דאָ בלויז ברענגען איין איינציקן ביישפּיל פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור.

אין אַ תלמודישער אגדה ווערט דערציילט: ״ווען גאָט האָט זיך געוואָלט אַנטפּלעקן צו משהן האָט ער געזאָגט: אויב איך וועל צו אים רעדן מיט אַ שטאַרקן קול, וועט ער זיך דערשרעקן. אויב איך וועל צו אים ריידן מיט א שטילן קול, וועט דאָס אויף אים ניט ווירקן, האָט גאָט זיך צו אים אַנטפּלעקט מיט זיין טאַטנס קול. וואָס ווילסטו, טאַטע? האָט משה געפרעגט. ענטפערט אים גאָט ברוך הוא: איך בין ניט דיין טאַטע, נאָר דיין טאַטנס גאָט, און איך האָב צו דיר גערעדט מיט דיין טאַטנס קול, כדי דו זאָלסט זיך ניט דערשרעקן״. אין טאַטנס קול אַנטפּלעקט זיך אַ מאָל, לויט דער יידישער אגדה, גאָטס וואָרט. איז דאָס נאָך אויך גילטיק פאַר אונדזער צייט?

*

דער קריזיס אין דער היינטיקער פאַמיליע איז, נאַטירלעך, ניט נאָר אַ יידישע פראַגע. די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פאַר די לעצטע 100 יאָר, דער איבערגאַנג פון מלאכה צו פאַבריק־אַרבעט, דער וווּקס פון די שטעט, די סאָציאַלע און פּאָליטישע קאַמפן און די גוואַלדיקע וואַנדערונגען, וואָס האָבן ראַדיקאַל געענדערט דעם פּנים פון אייראָפּע און אַמעריקע, האָבן דערשיטערט די פונדאַמענטן פון דער אַלטער פאַמיליע. אין דאָרף און אין דער קליינער שטאָט האָט די פאַמיליע תמיד געהאַט זייער וויכטיקע עקאָנאָמישע פונקציעס. מאַן און פרוי, עלטערן און קינדער זיינען בדרך כלל געווען שותפים סיי ביי דער אַרבעט, סיי אין דער הכנסה, וואָס די אַרבעט האָט אַריינגעבראַכט. די שותפות איז געווען ניט קיין געשעפטלעכע, נאָר אַ סאָציאַלע. די אַלטע פאַמיליע איז, אין תוך גענומען, געווען דער בעסטער מוסטער פון אַ סאָציאַלער געמיינשאַפט, ווו עס איז אין גאַנצן אָפּגעפאַלן די פראַגע פון ״מיינס״ און ״דיינס״. יעדער מיטגליד פון דער פאַמיליע האָט געאַרבעט לויט זיינע מעגלעכקייטן און יעדערער האָט באַקומען לויט זיין באַדאַרף. אין אַלע סאָציאַלע אוטאָפּיעס, וואָס האָבן אונדז געפרווווט אויסמאָלן אַ בילד פון אַ בעסערער און אַ גערעכטערער וועלט, באַגעגענען מיר דערפאַר די פאַרשטעלונג, אַז די גאַנצע מענטשהייט וועט ווערן איין פאַמיליע און אַלע וועלן לעבן ווי ברידער. די באַצייכענונג ״שוועסטער און ברידער״ פאַר די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך איז מחמת דעם געווען אַזוי שטאַרק באַליבט ביי די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד מיט 30־40 יאָר צוריק. ״ברודערשאַפטן״ אָדער ״ברידער־חברות״ זיינען אויך געווען שטאַרק פאַרשפּרייט ביי די ניט־יידישע אַרבעטער אין אייראָפּע און אין אַמעריקע. עס קען דערפאַר ניט זיין קיין גרעסערער טעות, ווי די מיינונג, וואָס איז, אגב, שטאַרק פאַרשפּרייט אין סאָציאַליסטישע קרייזן, אַז אונדזער מאָנאָגאַמישע פאַמיליע איז אויסשליסלעך אַ פּראָדוקט פון דעם עקאָנאָמישן

סדר, וואָס איז געבויט אויפן יסוד פון פּריוואַטן אייגנס. דער אמת איז, אַז די קאָנסעקווענטע דורכפירונג פונעם פּרינציפּ פון ווירטשאַפטלעכן אינדיווידואַליזם, פון דעם כלל, אַז "מיינס איז מיינס" און "דיינס איז דיינס" (שלי שלי ושלך שלך), ווי ער ווערט רעאַליזירט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, מוז אומפאַרמיידלעך פירן צו דעם אונטערגאַנג פון דער פאַמיליע. די מאָדערנע פאַבריק האָט דעם אַרבעטער אָפּגעריסן פון זיין היים. עס איז מער ניטאָ קיין שותפות ביי דער אַרבעט צווישן דעם פאָטער פון דער פאַמיליע און זיין פרוי און קינדער. מע באַגעגנט היינט זייער אַ סך פאַמיליעס, ווו דער מאַן אַרבעט אויף איין פּלאַץ און די פרוי אויף אַן אַנדער פּלאַץ. די דערוואַקסענע קינדער אַרבעטן זעלטן צוזאַמען מיט די עלטערן. יעדער מיטגליד פון דער משפחה האָט אָפּט זיין אייגענע אַרבעט, זיינע אייגענע דאגות און זיינע באַזונדערע חשבונות.

פּאַראַלעל מיטן עקאָנאָמישן צעפאַל פון דער טראַדיציאָנעלער פאַמיליע איז געגאַנגען די גרויסע קולטור־רעוואָלוציע, וואָס האָט במשך פון די לעצטע דורות פאַרכאַפּט די ברייטסטע פאַלקסשיכטן און וועלכע האָט געפונען איר בולטסטן אויסדרוק אין דער "פאַרוועלטלעכונג" פון אונדזער גאַנצן לעבנס־שטייגער. די פאַמיליע איז געווען אַ הייליקע אינסטיטוציע. דער וויכטיקסטער אַקט פון דער יידישער חתונה־צערעמאָניע ווערט דערפאַר באַצייכנט מיטן וואָרט "קידושין" אָדער "מקדש זיין", ד"ה הייליקן. חתונה־האָבן האָט געהייסן זיך אָפּזאָגן פון אַ סך פרייהייטן און נעמען אויף זיך שווערע, אחריותפולע און הייליקע פליכטן. טאָן אַ שידוך איז אמת גאָר אָפט געווען אַ געשעפטלעכער ענין. די מחותנים פלעגן פאַר דער חתונה זיך אַ סך דינגען וועגן נדן, קעסט, כתובה א.אַז.וו. אָבער גלייך ווי מען האָט געשטעלט חופּה וקידושין האָבן די חשבונות אויפגעהערט, ווייל מען האָט געגלייבט, אַז יעדער זיווג איז סוף כל סוף באַשערט פון גאָט. דאָס צוזאַמענ־לעבן פון מאַן און פרוי, פון עלטערן און קינדער איז געווען אַ גורל־זאַך פון וועלכער מען האָט זיך ניט געקענט באַפרייען. ביי אונדזערע היינטיקע וועלטלעכע זיווגים רעכנט מען זיך אמת ווייניקער פאַר דער חתונה, דערפאַר פירט מען אָפּט מער חשבונות נאָך דער חתונה.

די מאָדערנע קולטור־אַנטוויקלונג האָט אָבער אַריינגעטראָגן באַזונדערס טיפע שינויים אין דער באַציונג צווישן עלטערן און קינדער. די אַלטע וועלט איז געווען געבויט אויפן פּרינציפּ פון אויטאָריטעט סיי אין דער געזעלשאַפט, סיי אין דער פאַמיליע. די מאָדערנע דעמאָקראַטיע האָט פּראָקלאַמירט, און אין אַ גרויסער מאָס אויך דורכגעפירט, דעם פּרינציפּ פון פרייהייט און גלייכהייט. אין דער באַציונג צווישן עלטערן און קינדער איז אָבער ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר פרייהייט און גלייכהייט, ווייל גלייכע רעכט זיינען נאָר מעגלעך דאָרטן, ווו עס זיינען אויך פאַראַן גלייכע פליכטן. דער רעזולטאַט דערפון איז, באַזונדערס אין אונדזער יידישער וועלט, ווו דער "פּראָגרעס" האָט דערגרייכט זיין העכסטן פּונקט, אַז עס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער משיחישער אידעאַל פון אייניקע אוטאָפּיסטיש־געשטימטע פּעדאַגאָגן.

מיר לעבן שוין אין דעם "יאָרהונדערט פון דעם קינד". דער בן־יחיד און די בת־יחידה, וואָס האָבן זיך גאָר אָפט אויפגעהאָדעוועט אינגאַנצן אַן "שוועסטער און ברידער", זיינען געוואָרן די באַלעבאַטים אין דער פאַמיליע. נאָך אַ קורצן פעריאָד פון דעמאָקראַטיע געפינען מיר זיך שוין אין דעם גליקלעכן צושטאַנד פון טאָטאַלער דיקטאַטור, וואָס מיט דעם זיינען אונדזערע יידישע לערערס אַזוי אויסגעצייכנט באַקאַנט. די "יוגנט" האָט פאַרכאַפּט די מאַכט און די עלטערן האָבן בלויז די פליכטן.

די יידישע פאַמיליע ליידט אויך אַ סך פון דעם, וואָס די שול, ווו אונדזערע קינדער פאַרברענגען אַזוי פיל צייט און ווו זיי באַקומען זייער גאַנצע דערציִונג, איז אָפּגעריסן פון דער היים. אין דער אַלטער יידישער וועלט איז די היים, די שול און אָפט אַפילו די גאַס געווען יידיש. היינט איז נאָך אין בעסטן פאַל די היים יידיש, און דאָס ביסל יידישקייט אין דער היים איז על פי רוב אַזוי שוואַך און אָרעם, אַז זי לאָזט איבער אויף אַ סך קינדער גיכער אַ שלעכטן ווי אַ גוטן איינדרוק.

עס איז אָבער ניט מעגלעך קיין יידיש לעבן אָן אַן עכטער און שטאַרקער פאַמיליע־קולטור. מיר ווייסן פון דער יידישער געשיכטע, אַז איינצלנע יידישע פאַמיליעס האָבן אָפט אין משך פון דורות געלעבט אין אַ פרעמדער סביבה און זיי האָבן פון דעסטוועגן באַוויזן אויפצוהאַלטן און איבערצוגעבן זייער יידישע קולטור פאַר ווייטערדיקע דורות. קולטור איז פראָגרעס, דאָס איז אַוודאי ריכטיק. קולטור איז אָבער אויך ירושה און קולטור איז אויך — יחוס. יחוס, וואָס איז מחיב.

און מיט דעם קומען מיר צום צענטראַלן פונקט: איז טאַקע יחוס אַזאַ וויכטיקער ענין און איז דען יחוס מחיב? זיינען פאַראַן נאָר פליכטן פון עלטערן לגבי די קינדער, אָדער האָבן אויך די קינדער פליכטן לגבי זייערע עלטערן? קען אַ יונגער דור אָנהייבן אינגאַנצן פון דאָס ניי?

די אַלטע פאַמיליע איז געווען אַ "שותפות־געשעפט" אין נאָך אַ סך אַ טיפערן זינען, ווי מע שטעלט עס זיך געוויינלעך פאָר. עס איז געווען גאָרניט אַזאַ גרינגער ענין איינצושפּאַנען אונדזער אורפאָטער, דעם פרימיטיוון און ווילדן מאַנסביל, אין דעם שווערן וואָגן פון פאַמיליע־לעבן. אויפהאָדעווען קינדער איז אַמאָל געווען נאָך אַ סך שווערער ווי היינט און אונדזערע אורעלטערן האָבן אויסגעצייכנט געוווסט, וואָס עס איז אַזוינס צער גידול בנים. אין צייטן פון נויט, פון הונגער און קראַנ־קייטן האָבן טאַטע־מאַמע זיך אָפט געמוזט אָפּזאָגן פון לעצטן ביסן ברויט אַבי צו באַזאָרגן די קינדער. אַ מענטשלעך באַשעפעניש פאַדערט, אַפילו ביי די פרימיטיווי־סטע פאַרהעלטענישן, אַן אומגעהייערע מאָס פון זאָרג, ליבע און מסירת־נפש מצד די עלטערן ביז עס וואַקסט אויס און עס שטעלט זיך אויף די אייגענע פיס. און אויב דער מוטער־אינסטינקט איז נאָך ביז אַ געוויסן גראַד אַ "נאַטירלעכער" געפיל, איז אָבער "פאָטערשאַפט" אַ רעזולטאַט און אין דער זעלביקער צייט די וויכטיקסטע הנחה פון אַ קולטור־לעבן. דער פרימיטיווער "טאַטע" איז אָפט געשטעלט געוואָרן פאַרן ניסיון אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון ווייב און קינדער און ווערן אַ

״פרייער״ מענטש. אויב דאָס איז בדרך כלל גאָר זעלטן געשען, האָט דערביי געשפּילט אַ ראָל אַ מיסטישער כוח, וואָס האָט באַוויזן צו באַצווינגען די חיהשע אינסטינקטן פון דעם פּרימיטיוון מענטשן.

קינדער היטן אָפּ דעם נאָמען, קינדער ראַטעווען פון אונטערגאַנג, קינדער ברענגען ״אייביקייט״. אָט די בענקעניש נאָך אייביקייט, דער ווונטש, אַז דער נאָמען זאָל ניט אָפּגעמעקט ווערן פון דער ערד, איז דער צענטראַלער מאָטיוו, וואָס האָט באַהערשט דאָס פאַמיליע־לעבן. די עלטערן שענקען די קינדער דאָס לעבן און באַזאָרגן זיי מיט אַלץ אין וואָס זיי נייטיקן זיך אין דער יוגנט. דערפאַר נעמען אויף זיך די קינדער די מצווה פון כיבוד אָב ואם ביים לעבן און אויך נאָכן טויט. דער הייסער ווונטש פון יידישע עלטערן צו האָבן אַ ״קדיש״ איז בכן ניט קיין רעזולטאַט פון אָבערגלויבן, ווי אַ סך פון אונדזערע ראַדיקאַלן האָבן געמיינט. דערין אַנטפּלעקט זיך, פאַרקערט, דער סוד פון אונדזער גאַנצער קולטור, וואָס איז געבויט אויף דער שותפות און אויף די קעגנזייטיקע פליכטן צווישן עלטערן און קינדער. די פליכטן פון קינדער לגבי עלטערן ביים לעבן, און באַזונדערס נאָכן טויט, געהערן מחמת דעם ביי אַלע פעלקער צו די סאַמע הייליקסטע פליכטן. די מיסטעריע פון טויט איז אַזוי אַרום געוואָרן דער טרייבנדיקער כוח אין קולטור־לעבן. דאָס האָט געהאַט ליכטיקע זייטן אָבער אויך שאָטן־זייטן און גאָרניט זעלטן זיינען געווען מאָמענטן, ווען די שותפות צווישן עלטערן און קינדער איז שיר ניט צעריסן געוואָרן. אַזעלכע קריזיסן, ווען די קינדער האָבן זיך אויפגעהויבן און האָבן מורד געווען אין זייער טאַטן, ווען זיי האָבן אַפילו ניט געוואָלט מקיים זיין די מצווה פון ״זאָגן קדיש״ און ציען ווייטער דעם יחוס, זיינען אין דער געשיכטע אָפּט פאָרגעקומען. מיר לעבן אויך איצט איבער, באַזונדערס אין אונדזער יידישער וועלט, אַזאַ טיפן קריזיס.

*

טיפע ענדערונגען אין פּאָליטישן, סאָציאַלן און גייסטיקן לעבן זיינען תמיד באַגלייט געוואָרן פון אַ קאָנפליקט פון דורות, פון אַ מלחמה צווישן עלטערן און קינדער. די פּראָבלעמען פון פאַמיליע־לעבן און פאַמיליע־מאָראַל זיינען מחמת דעם לחלוטין ניט קיין פּראָבלעם בלויז פון אונדזער צייט. עס איז באַזונדערס כדאי צו פאַרצייכענען, אַז הגם די יידישע רעליגיע האָט, ווי מיר האָבן עס שוין דערמאָנט, אַזוי שטאַרק באַטאָנט די מצוה פון כיבוד אב ואם, הייבט זיך אָבער באמת אָן די געשיכטע פון יידישן גלויבן מיט אַ שפּאַלטונג, מיט אַ מחלקה אין דער יידישער אורפאַמיליע. לויט דער ביבלישער לעגענדע האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט צום ערשטן מאָל צו אברהם, דעם עלטער־פאָטער פון יידישן פאָלק, מיט די ווערטער: ״פאַרלאָז דיין לאַנד, דיין געבוירן־אָרט און דיין פאַמיליע און גיי אין דעם לאַנד, וואָס איך וועל דיר ווייזן!״ מיט אברהם אבינו, וואָס איז אַוועק פון זיין פאַמיליע און וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער אמונה פון זיינע עלטערן, האָט זיך, לויט דער יידישער טראַדיציע, אָנגעהויבן אַ נייער קאַפּיטל אין דער

וועלט־געשיכטע. אין דער יידישער פֿאַרשטעלונג, גילט דערפֿאַר ניט דער "אַלטער תרח", נאָר זיין זון אַברהם, ווי דער פֿאָטער פֿון פֿאָלק ישׂראל.

צו אַ מרידה קעגן דער פֿאַמיליע און קעגן טאַטע־מאַמע האָט אויך שפּעטער גערופֿן ישו הנוצרי: "וואָרעם איך בין געקומען — לייענען מיר אין ברית החדשה — אויפֿצוהייבן דעם זון קעגן זיין פֿאָטער און די טאָכטער קעגן איר מוטער... און יענער וואָס האָט ליב זיין פֿאָטער און מוטער מער ווי מיך איז מיר ניט ווערט". און אין אַ צווייטער שטעל פֿון ברית החדשה ווערט דערציילט, ווי איינער פֿון ישוס תלמידים בעט ביי אים אַ דערלויבעניש צו גיין מקבר זיין אַ פֿאָטער. דערויף ענטפֿערט אים ישו: "קום מיט מיר און לאָז די טויטע זיי זאָלן מקבר זיין זייערע מתים".

מע מוז אָבער דערביי געדענקען, אַז אָט די מרידה קעגן דעם עבר און קעגן טאַטע־מאַמע איז געווען בלויז אַן עפּיזאָד. באַזונדערס באַלערנדיק איז אין דעם פּרט די אברהם־לעגענדע. דער גרויסער רעליגיעזער העלד אברהם, וואָס גייט אַוועק פֿון זיין היים און איז אפֿילו גרייט צו ברענגען זיין געליבטן זון יצחקן אויף דער עקידה, ווערט אַליין פֿאַרוואַנדלט אין אַ מאַיעסטעטישע פֿאָטער־געשטאַלט. דאָס יידישע פֿאָלק פֿאַרדאַנקט זיין קיום, ווי עס מיינט די טראַדיציע, דעם זכות פֿון די אבות, פֿון אברהם, פֿון יצחק און פֿון יעקב, ווייל דער גאָט פֿון אברהם איז שפּעטער געוואָרן דער גאָט פֿון ישׂראל.

אין אמתן איז גראָד דורך דעם יידישן מאָנאָטעיזם, וואָס איז אין תוך אַן אוניווערסאַלע אידיי און וואָס האָט דערפֿאַר געמאַכט אַ סוף מיט די אַלטע משפּחה־קולטן און משפּחה־געטער, די אינסטיטוציע פֿון דער פֿאַמיליע נאָך באַדייטנד פֿאַרשטאַרקט געוואָרן. און עס שטעקט דערפֿאַר אַ טיפֿער זין אין דער אידיי, אַז יידן — און, אגב, ניט בלויז יידן — לעבן אין זכות פֿון די אבות.

אין דער יידישער אַלטער קולטור איז געווען איין באַזונדערס שוואַכער פּונקט, וואָס האָט,ליידער, אין דער היינטיקער קריטישער איבערגאַנגס־צייט געשפּילט אַ פֿאַטאַלע ראָל. די יידישע פֿרוי איז ניט געווען אַזוי אומבאַהאָלפֿן און שוצלאָז, ווי עס איז אָפֿט געשילדערט געוואָרן אין דער השכלה־ליטעראַטור. אין גאַס און אין דער פֿאַמיליע, אין געשעפֿט און אין דער היים האָט די יידישע פֿרוי אָפֿט נאָך פֿאַרנומען אַ מער זעלבסטשטענדיקן פּלאַץ ווי דער מאַן. די יידישע פֿרוי איז גאָר אָפֿט געווען די אשת־חיל און עס זיינען בכל אופֿן ביי יידן גאָר זעלטן פֿאָרגעקומען פֿאַלן, ווען דער מאַן זאָל אויפֿהויבן זיין האַנט קעגן דער פֿרוי. ווי עס איז אָבער נאָר געקומען צום גייסטיקן לעבן, האָט זיך באַלד געעפֿנט אַ תהום צווישן מאַן און פֿרוי. אין פֿאַרגלייך מיט דעם קאַרדינאַלן אונטערשייד צווישן מאַן און פֿרוי זיינען ביי יידן כמעט אין גאַנצן פֿאַרווישט געוואָרן די סאָציאַלע אונטערשיידן, דער חילוק צווישן אָרעם און רייך. די יידישע רעליגיעזע קולטור איז געווען אין העכסטן גראַד דעמאָקראַטיש. דער פּשוטסטער ייד האָט מיט מצוות און גוטע מעשׂים געקענט דערגרייכן פּונקט אַזאַ הויכע מדרגה ווי דער תּלמיד־חכם, און פֿאַרן אָרעמסטן יידישן ייִנגל, אויב ער האָט נאָר געוואָלט און געקענט לערנען, איז געווען אָפֿן

דער וועג צו תורה. אָבער דאָס אַלץ איז געווען רעזערווירט פאַר דער מאַנצבילשער וועלט. דער מאַן האָט געדינט גאָט מאהבה, די פרוי — מיראה. אין שול פלעגן די פרויען קומען בעיקר צו הזכרת נשמות, צו יאָרצייט און אין די "פאַרכטיקע טעג" (ימים נוראים). דער מאַן איז געקומען אין בית־מדרש זיך צו דערהויבן און צו פאַרגעסן די זאָרגן פון דער וועלט; די פרוי — זיך אויסצווויינען.

דאָס איז אין אונדזער איבערגאַנגס־תקופה געוואָרן געפערלעך באַזונדערס דערפאַר, ווייל די פרוי האָט געווייינטלעך אַ שטאַרקערן חוש פאַר אַזעלכע ווערטן, ווי טראַדיציע, פאַמיליע און יחוס, ווי דער מאַן. צום אומגליק, איז אָבער אָפט גראַד די יידישע פרוי צום ערשטן געוואָרן אָפּגעפרעמדט פון יידיש לעבן און יידישער קולטור. אין פרומע חסידישע פאַמיליעס האָט עס, למשל, גאַר אָפט פּאַסירט, אַז די ייִנגלעך פלעגט מען שיקן אין ישיבה און די טעכטער — אין ניט־יידישער גימנאַזיע. אין אַ היפּש ביסל פרומע יידישע פאַמיליעס פלעגן די טעכטער ריידן דער עיקר רוסיש אָדער פויליש. די יידישע פרוי איז מחמת דעם געווען גאַר ווייניק צוגעגרייט צום שווערן קולטור־קריזיס, וואָס דאָס יידישע פאָלק לעבט איבער אין אונדזער דור. עס איז, אמת, פאַר דער לעצטער צייט פאַרגעקומען אַ געוויסע אויסגלייכונג צווישן דער מאַנצבילשער און ווייבערשער וועלט ביי יידן. דאָס איז אָבער פאַרגעקומען ניט אויף דעם אופן, וואָס די פרויען האָבן אָנגעהויבן מקיים צו זיין די מצוות, פון וועלכע זיי זיינען געווען באַפרייט. נאָר פאַרקערט, דורך דעם, וואָס אויך די מענער האָבן זיך באַפרייט פון אַלע פליכטן, וואָס די יידישע טראַדיציע האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. און אויף וויפל יידן האַלטן זיך נאָך ביי יידישקייט, זיינען עס בעיקר די עלעמענטן פון דער מורא־יידישקייט, ווי מיר האָבן עס שוין פריער דערמאָנט. קדיש, יאָרצייט, הזכרת נשמות און ימים נוראים, דאָס זיינען די זיילן פון דער היינטיקער יידישקייט.

דאָס היינטיקע יידישע לעבן, די מאָדערנע יידישע קולטור, איז געשאַפן געוואָרן פון אַ יוגנטלעכן דור. די גרינדער און פירער פון כמעט אַלע אונדזערע פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען אין די יאָרן 1900־1907, ווען די היינטוועלטיקע יידישקייט איז אויסגעפורעמט געוואָרן, געווען יונגע לייט אין עלטער צווישן 20 און 30 יאָר. פּאַרטיי־טוער איבער 30 יאָר האָבן זיך שוין גערעכנט פאַר זקנים. עס איז דערפאַר ניט קיין ווונדער, וואָס עס איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן בעיקר אַ קולטור פון בחורים און פאַר בחורים. וועגן ענינים פון פאַמיליע און דער גרויסער באַדייטונג פון דער פאַמיליע־קולטור אין פאָלקסלעבן האָבן די מענטשן אפילו ניט געקענט טראַכטן. אויך דאָס וואָס מען האָט אין יענער צייט געשריבן וועגן פאַמיליע איז געווען געוואַלדיק נאַיוו. אין תוך גענומען האָבן די יונגע לייט פון יענער צייט אפילו ניט געוווסט, אַז כדי אַ פאָלק זאָל קענען עקזיסטירן איז נייטיק אַזאַ קליינבירגערלעכע איסטיטוציע ווי פאַמיליע. מען האָט דערפאַר אויך ניט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס האָבן די הלכות "אישות" פאַרנומען אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ אין אַלטן יידישן לעבן. דער אמת איז, אַז במשך פון די לעצטע 30־40 יאָר האָט זיך ביי אונדז גאַר קיין סך ניט געביטן. די אַמאָליקע יונגע בחורים און

מיידלעך האָבן, אמת, חתונה געהאַט און אויסגעהאָדעוועט קינדער. מע האָט שוין אפילו איינקלעך. גייסטיק אָבער זיינען מיר על פּי רוב געבליבן בחורים, אַלטע בחורים. גייסטיק זיינען מיר אַ דור אָן קינדער, אַ דור אָן יורשים.

די אַלטע יידישע טראַדיציע האָט אייגנטלעך כמעט ניט געמאַכט קיין אונטער־שייד צווישן דערוואַקסענע און קינדער. דאָס קליינע יידישע קינד איז גלייך געבוירן געוואָרן אַ ייד, אַ קליינער ייד, און איז גלייך פון ערשטן טאָג פון זיין געבורט דערצויגן געוואָרן ווי אַ ייד. יידישע קינדער האָבן שוין פון זייער פריסטער יוגנט געשלעפּט אויף זיך דעם עול פון יידישקייט און זיינען "אָפּגעקומען" אין חדר, אין בית־מדרש און אין ישיבה, ווייל דאָס איז געווען דער יידישער גורל, דער גורל פון יידישן קינד. דאָס יידישע קינד האָט מחמת דעם אויך גייסטיק געלעבט אין גאַנצן צוזאַמען מיט די דערוואַקסענע. עס זיינען כמעט ניט געווען קיין באַזונדערע קינדער־שמחות און עס איז אַפילו ניט געווען קיין באַזונדערע קינדער־ליטעראַטור. גלייך ווי דער יידישער יינגל האָט זיך אויסגעלערנט עברי האָט ער אָנגעהויבן לערנען תורת משה פון ויקרא אָדער פון בראשית. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער שוין אָנגעהויבן לערנען גמרא. אין תוך האָבן די קינדער געלערנט געגנוי דאָס זעלביקע ווי די דערוואַקסענע. איך וויל דאָ לאָזן אָן אַ זייט די פראַגע אויף וויפל דאָס איז געווען פּעדאַגאָגיש אויסגעהאַלטן. פון שטאַנדפּונקט פון קיום האומה האָט עס אָבער, לויט מיין מיינונג, געבראַכט די בעסטע רעזולטאַטן.

די מאָדערנע יידישע דערציונג האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע זיך צוצופּאַסן צום קינד. דער רעזולטאַט איז, וואָס מיר דערציען אַ דור פון קינדער. מיר האָבן קליינע קינדער און גרויסע קינדער. מיר האָבן אָבער ניט קיין יידן.

די יידישע פאַמיליע און די יידישע שול האָבן אָן אויסערגעוויינלעכע נאַציאָנאַלע שליחות, זיי קענען גאָר אַ סך דערגרייכן, אויב עס וועט געפונען ווערן אַ וועג פון בשותּפותער און האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט. די שול מוז אָפּגעבן אַ סך אויפמערקזאַמקייט, כדי צו קולטיווירן ביי די קינדער די מצוות און די פליכטן פון דער יוגנט לגבי די עלטערן, לגבי דער פאַמיליע און לגבי דעם פאָלק. עס איז זייער שווער אַ קינד אויסצולערנען די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך, אויב מען האָט אים פריער ניט אויסגעלערנט די מצוה פון כבד את אביך ואת אמך. אין דער דערציאונג, סיי אין דער היים און סיי אין דער יידישער שול, מוז דער קאָנסערוואַטיוו ראָמאַנטישער עלעמענט, לויט מיין מיינונג, פאַרנעמען גאָר אַ גרויסן פּלאַץ. וואָכעדיקייט און ראַדיקאַליזם — איך וויל דערמיט לגמרי ניט לייקענען די וויכטיקייט פון די מאָמענטן — וועט דאָס קינד באַקומען גענוג און אפילו מער ווי גענוג אין לעבן.

די יידישע פאַמיליע, די יידישע שול און די יידישע קולטור בכלל קענען ניט עקזיסטירן, אויב עס פעלט אין זיי דער עלעמענט פון הייליקייט, אויב זיי זיינען געבויט בלויז אויף אינטערעסן. דאָס יידישע לעבן איז געווען און איז נאָך אויך היינט אַ כסדרדיקע קייט פון העראָיזם, מסירת־נפש און מיר קענען ניט אויפהאַלטע־

ווען קיין גייסטיק געזונטע יידישע יוגנט אָן דער קולטור פון אַ כסדרדיקן קידוש־השם. ,

די באַגעגענעש צווישן עלטערן און קינדער

די יידישע פאַמיליע איז דער שליסל צו אַלע אונדזערע יידישע פּראָבלעמען. יידישקייט איז טראַדיציע, יידישקייט איז ירושה, יידישקייט ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור. עס קען ניט געמאָלט זיין אַ נאָרמאַלע קולטור אָן א נאָרמאַל פאַמיליע לעבן, עס קען אוודאי ניט זיין קיין יידישקייט אָן אַ יידיש פאַמיליע לעבן.

אונדזער וועלטלעכע קולטור שאַפט ווייניק פּלאַץ פאַר אַ שותפותדיקייט פון דורות. אַ דענקער ווי אחד העם האָט זיך געקלאָגט: "אונדזערע זין און טעכטער ווערן אָפּגעגעבן צו אַ פרעמד פאָלק (לויטן פסוק אין דברים: בניך ובנותיך נתונים לעם אחר). און נאָך אַנדערע דענקער און שרייבער האָבן איבערגעלעבט ענלעכע שווערע קריזיסן.

עס פּאַסירט ניט זעלטן, אַז אַ דורך און דורך יידישער מענטש, וואָס גיט אַפּ זיין לעבן פאַר יידישער אַרבעט, פאַרנאַכלעסיקט זיין אייגענע היים. דאָס טרעפט אויך ביי געשעפטס־מענטשן. מיר געפינען אַזעלכע פּראָבלעמען אפילו אין רבנישע פאַמיליעס, און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס אין פאַמיליעס פון דער מאָדערנער אינטעליגענץ.

קינדער זוכן גייסטיקע שותפות מיט די עלטערן. פאַראַן אַ צאָל פּעדאַגאָגן און פּסיכאָלאָגן, וואָס דענקען, אַז די עלטערן דאַרפן זיך דעריבער צופּאַסן צו דער גייסטיקער וועלט פון די קינדער. פאַראַן אַ מער ריכטיקער און מער צוגעפּאַסטער וועג, כדי אַריינצוברענגען שותפותדיקייט אין דער פאַמיליע. דאָס איז דער אַלטער יידישער וועג, דער וועג פון שבת און יום־טוב.

ווען מען באַקענט זיך נענטער מיט די ביאָגראַפיעס פון אַנגעזעענע יידישע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַסימילירטע און האַלב־אַסימילירטע יידישע פאַמיליעס, דאַן ווערט אַפּט קלאָר, וויפל די קינדער האָבן פאַרלאָרן דורך דעם, וואָס זיי האָבן ניט געהאַט אין זייערע היימען קיין סימן פון יידישקייט, און גאָר באַזונדערס ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין יידישע יום־טובדיקייט.

איינער פון די רירנדסטע דאָקומענטן איז אין דעם פרט דער בריוו פון דעם באַקאַנטן יידישן שריפטשטעלער פראַנץ קאַפקאַ צום פאָטער. איך קען דאָ ניט באַהאַנדלען דאָס גאַנצע קאַפּיטל, וואָס נעמט אַרום די באַציונגען צווישן פראַנץ קאַפקאַ און זיין פאָטער. זיי האָבן זיך ניט געקענט צונויפריידן. ניט געווען קיין געמיינזאַם לשון צווישן זיי. און פראַנץ קאַפקאַ אַליין האָט זיך אין דער פּראָבלעם אַ סך געגריבלט. איינע פון די טענות פון דעם קינסטלער פראַנץ קאַפקאַ צו זיין פאָטער איז געווען, וואָס ער האָט אים געגעבן ווייניק יידישקייט. דער פאָטער

פלעגט זעלטן גיין אין שול דאַוונען און די היים איז געווען כמעט אינגאַנצן פון יידישקייט אויסגעליידיקט. מען פלעגט נאָך פּראַווען דעם ערשטן סדר, אָבער דער סדר איז געווען, ווי קאַפקאַ האָט עס באַצייכנט, מער אַ קאָמעדיע ווי אַ טיפע יידישע איבערלעבונג. אויפן באָדן פון יידישקייט, האָט דער איינזאַמער גרויסער קינסטלער געטראַכט, וואָלטן פאָטער און זון זיך געקענט באַגעגענען, וואָלט מעגלעך געוואָרן אַ גייסטיקע שותפות צווישן זיי ביידן. איז אָבער דער פאָטער געווען פאַרנומען אינגאַנצן מיט זיינע געשעפטן. פאָטער און זון האָבן זיך ניט באַגעגנט.

וולאַדימיר מעדעם, דער באַקאַנטער יידישער סאָציאַליסט און אַרבעטער־פירער, איז אויסגעוואַקסן אין אַן אַסימילירטער יידישער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען אַ דאָקטער אין דער רוסישער אַרמיי. דעם יונגן וולאַדימיר האָט מען שוין גאַנץ פרי באַפרייט פון יידישקייט. ער איז דערצויגן געוואָרן ווי אַ קריסט.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער פאַמיליע מעדעם זיינען פאַרבליבן גאָר ווייניק שפורן פון יידישקייט און יידישער יום־טובדיקייט. איז ממילא געווען לפי ערך ווייניק שותפותדיקייט צווישן דעם פאָטער און דעם זון. "די מאַמע איז געווען די צענטראַלע פיגור פון מיין קינדהייט — שרייבט מעדעם אין זיינע זכרונות — ... דער טאַטע ... ער איז עפּעס אַ ווייטערער, מען זעט אים אַ סך ווייניקער. ער באַווייזט זיך נאָר בעת די מאָלצייטן" ... ווי שטאַרק עס איז געווען ביי דעם יונגן מעדעם די בענקשאַפט נאָך אַ גייסטיקער שותפותדיקייט מיטן פאָטער, באַווייזט די ווייטערדיקע רירנדע באַשרייבונג:

... פון די אַלע ביכער, וואָס מיין פאָטער האָט געהאַט, איז געווען איינס, וואָס האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל אין מיין שפּעטערדיקן לעבן, און דאָס איז געווען דער תנ"ך ... איך געדענק אַן אָוונט. מיין פאָטער איז ארויס צו אונדז אין עסצימער, וווּ מען פלעגט זיצן ביים סאַמאָוואַר. ער האָט מיך אָוועקגעזעצט לעבן זיך, געעפנט דאָס בוך און האָט זיך גענומען לייענען אויפן קול — דעם פּראַנצויזישן טעקסט ... ס'איז געווען אַ קאַפּיטל פון ישעיה הנביא. ער האָט געלייענט און געלויבט די שיינקייט פון די געדאַנקען און פון דער שפּראַך ... אין יענעם אָוונט בין איך געזעסן לעבן מיין פאָטער און ארייַנגעקוקט אין דעם יידישן תנ"ך. און צום ערשטן מאָל האָבן זיך די ווערטער פון דעם אַלטן נביא צונויפגעפלאָכטן אין מיין פאַנטאַזיע מיט די מאָדנע אומבאַקאַנטע און אומפאַרשטענדלעכע אותיות פון דעם העברעישן ספר. און אַזוי האָט זיך עס איינגעקריצט אין מיין זכרון און פאַרבליבן אויף שטענדיק.

יאָרן זיינען אַריבער, איך בין געוואָרן אַ דערוואַקסענער יונגער מאַן; און אַז עס האָט דערוואַכט אין מיר דער אינטערעס צו יידישקייט, האָט דאָ דער אַלטער תנ"ך פון מיין פאָטער געשפּילט אַ גרויסע, אפשר די גרעסטע ראָל ..."

פאָטער און זון האָבן זיך באַגעגנט ביי אַ קאַפּיטל ישעיה. איז עס אפשר געווען אַ מאָמענט פון תשובה, ווען דער אַלטער קרענקלעכער דאָקטער האָט געוואָלט געבן צו פאַרשטיין דעם נאָך גאָר יונגן וולאַדימיר, אַז ער איז אַ ייד?

אפשר איז עס אפילו געווען אַ מין צוואה? אויף דעם יונגן מעדעם האָט, יעדנפאַלס, אָט די סצענע געמאַכט אַן איסערגעוויינטלעכן רושם, און מעדעם האָט מיט דער צייט געפונען דעם וועג צוריק צום יידישן פאָלק.

אַזוי איז אויך דער סדר אַ באַגעגענעש צווישן עלטערן און קינדער. און ניט נאָר צווישן עלטערן און קינדער. דער סדר איז די באגעגענעש צווישן דעם יידישן יחיד און דעם כלל ישראל, צווישן איין דור און אַלע דורות. און פאָטער און זון דאַרפן צוזאמען אָפּהיטן אַ געמיינזאַמען געזעץ, דעם געזעץ, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו אונדזער פאָלק ביים באַרג סיני. דאָס קינד ווערט אַ שותף צו אַלע דורות יידן. דאָס יונגע קינד הויבט אָן צו פאַרשטיין יידישע יום־טובדיקייט, יידישע גייסטיקייט, יידישע נשמה־יתורהדיקייט.

און אויך די נאָענטסטע, די ברידער און שוועסטער, באַווייזן זיך אין זייער נשמה־יתורהדיקייט. א סדר געפּייערט אויף דעם געהעריקן אופן, קען אין געוויסע פאַלן אָנטשיידן דעם וועג פון דעם יונגן מענטשן. און איך האָב דאָ אין זינען ניט נאָר דעם יידישן וועג פון דעם יונגן דור. אַ יום־טוב אין שטוב הייסט שלום אין שטוב, שלום און פריינדשאפט מיט דער וועלט.

די ראָל פון דער פרוי אין יידישן לעבן

רבינו גרשום מאור הגולה (דאָס ליכט פון גלות) איז געווען ראש ישיבה אין דער באַרימטער קהילה מאַינץ מיט קנאַפּע טויזנט יאָר צוריק. רבינו גרשום האָט געלאָזט נאָך זיך תלמידים און ספרים. פון זיינע ספרים זיינען געבליבן ניט מער ווי קליינע רעשטלעך. אָבער זיינע תלמידים האָבן באַקאַנט געמאַכט זיין נאָמען איבער גאָר דער יידישער וועלט. דער גרויסער רש״י (ר׳ שלמה יצחק), וואָס איז אונדז אַלעמען אַזוי גוט באַקאַנט מיט זיינע פירושים צום תנ״ך און דעם תלמוד, האָט געלעבט צוויי דורות נאָך רבינו גרשום און איז געווען אַ תלמידס אַ תלמיד פון דעם באַרימטן ראש ישיבה פון מאַינץ. די באַדייטונג פון רבינו גרשום גיט אונדז רש״י איבער אין די וויטערדיקע ווערטער:

״רבינו גרשום, זאָל זיין דער אָנדענק פון דעם צדיק און דעם קדוש לברכה, האָט באַלויכטן די אויגן פון דעם גלות, און מיר אַלע לעבן פון זיין מויל, און אַלע פון גלות אשכנז און כתים (די קהילות אין איטאַליע) זיינען די תלמידים פון זיינע תלמידים״.

דאָס עדות זאָגן פון אַזאַ אויטאָריטעט ווי רש״י איז פאַר אונדז גענוג, כדי צו פאַרשטיין די היסטאָרישע ראָל פון רבינו גרשום מאור הגולה. מיט וואָס דערקלערט זיך דער איינפלוס פון רבינו גרשום ניט נאָר אויף זיינע תלמידים, נאָר אויך אויפן גאַנצן וויטערדיקן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע? געוויס האָט דאָ געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָל זיין גרויס לומדות. אָבער לומדות אַליין וואָלט ניט געווען גענוג. צו דעם איז צוגעקומען נאָך אַ גרויסע מעלה, מיט וועלכער דער

ראש ישיבה פון מאַינץ האָט זיך אויסגעצייכנט — ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אויסערגעוויינטלעכן גייסטיקן און מאָראַלישן מוט. ער האָט באַזונדערס פאַרשטאַנען די נויטן פון זיין צייט, פון אַ נייער צייט. און טאַקע דערפאַר האָט ער זוכה געווען צו דעם טיטל מאור הגולה — דאָס ליכט פון גלות.

דער ברייטער יידישער וועלט איז רבינו גרשום דער עיקר באַקאַנט מיט זיין תקנה — אַז מען טאָר ניט חתונה האָבן מיט צוויי פרויען, ד.ה. אַז מען טאָר ניט נעמען אַ צווייטע פרוי ביים לעבן פון דער ערשטער פרוי. אָט דער חרם דרבינו גרשום איז אָנגענומען און אָנערקענט געוואָרן אין אַלע קהילות אין די קריסטלעכע לענדער אין אייראָפּע. נאָר פאַרשיידענע יידישע קהילות אין מאַכמעדאַנישע לענדער האָבן די תקנה פון רבינו גרשום ניט אָנערקענט, און ס׳איז ביי זיי געבליבן דער מינהג, אַז מען מעג נעמען מער ווי איין פרוי.

אויך פאַר דער צייט פון רבינו גרשום איז פּאָליגאַמיע — דער מינהג צו נעמען מער ווי איין פרוי — ניט געווען קיין פאַרשפּרייטע דערשיינונג ביי יידן. עס זיינען געווען פּאַקטיש זעלטענע אויסנאַמפאַלן. אָבער אָט די אויסנאַמפאַלן האָבן אויפן שטאַרקסטן אופן באַאיינפלוסט די סאָציאַלע פּאָזיציע פון דער פרוי. דער עצם פּאַקט, וואָס דער מאַן האָט געקענט ברענגען צו זיך אויף אַ געזעצלעכן אופן אַ צווייטע פרוי, האָט אים געמאַכט פאַר דעם פולן בעל הבית אין דער פאַמיליע. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דער פּאַקט, וואָס דער מאַן האָט אויך געהאַט די פולע פרייהייט אָפּצוגטן זיין פרוי. כדי צו פאַרפעסטיקן די פּאָזיציע פון דער פרוי אין פאַמיליע־לעבן און אין סאָציאַלן לעבן בכלל, האָט רבינו גרשום אויך איינגעפירט די תקנה, אַז מען טאָר ניט אָפּגעטן אַ פרוי געגן איר ווילן. אַ גט איז גילטיק נאָר אין דעם פאַל, ווען אויך די פרוי איז דערצו מסכים. אָט די צווייטע תקנה איז אפשר נאָך וויכטיקער ווי די ערשטע. דאָס יידישע פאַמיליע־לעבן איז געוואָרן מער דעמאָקראַטיזירט. די פרוי איז געוואָרן אַלץ מער אַ גלייכ־בארעכטיקטער שותף צום מאַן, און דערמיט דערקלערט זיך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס דער אייגנאַרטיקער וועג פון דעם אייראָפּעיש־אשכנזישן יידנטום זינט דער צייט פון רבינו גרשום מאור הגולה.

די צוויי דערמאָנטע תקנות, וואָס האָבן אַ שייכות צום פאַמיליע־לעבן, זיינען ניט די איינציקע תקנות, וואָס רבינו גרשום האָט איינגעפירט. פאַר אונדז איז דאָ אָבער קודם כל וויכטיק צו פאַרשטיין די שיטה פון רבינו גרשום וועגן די אויפגאַבן פון דעם תלמיד חכם און לערער אין יידישן לעבן.

מיר זיינען אַ פאָלק, וואָס לעבט מיט טראַדיציע, מיט דער גרויסער ירושה פון ספרים. טראַדיציע איז אונדזער שוץ, אָבער צייטנווייז ווערט אויך שווער צו טראָגן דעם יאָך פון אַ טראַדיציע פון דורות.

יידישקייט פאָדערט, אַז דער מענטש דאַרף צופּאַסן זיין לעבן צו אַן אידעע און ניט די אידעע צום פּראַקטישן לעבן. עס זיינען אָבער פאַראַן גרענעצן. פאַראַן צייטן, ווען מען מוז דורכפירן געוויסע ענדערונגען, געוויסע תקנות. אַזאַ צייט איז געווען מיט בערך טויזנט יאָר צוריק, ווען עס האָבן אויפגעבליט די יידיש ישובים

אין איירָאפּע. יידן האָבן דאָ געלעבט אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען ווי פריער אין ארץ ישראל און אין בבל. יידן האָבן דאָ אויך אָנגענומען נייע שפּראַכן. אין די קהילות אין דער ריין־געגנט האָבן די יידן גערעדט פראַנצויזיש און דייטש (לשון אשכנז). פון דעם לשון אשכנז האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט אונדזער יידיש לשון. עס הויבט זיך אָן די אזוי גערופענע אַשכנזישע תקופה אין דער יידישער געשיכטע. און אונדזער גאַנצע היינטיקע יידישע קולטור האָט א״רע וואָרצלען אין דער צייט פון רבינו גרשום מאור הגולה.

די נייע צייט, די איירָאפּעישע תקופה אין יידישן לעבן, וואָס הויבט זיך אָן מיט די תקנות פון רבינו גרשום, צייכנט זיך אויס באַזונדערס מיט איר דעמאָקראַ־טישן גייסט. דעמאָקראַטיע, אין דעם בעסטן זין פון וואָרט, האָט בכלל אויסגעצייכנט די גאַנצע יידישע געשיכטע פון די עלטסטע צייטן אָן. אָבער דעמאָקראַטיע איז אַ לאַנגער וועג, אַ וועג, וואָס איז אויך נאָך אין אונדזער צייט ווייט ניט פאַרענדיקט. מיר זיינען דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע עטאַפּן אויפן וועג פון דעמאָקראַטיע, און איינער פון די עטאַפּן טראָגט דעם צייכן פון רבינו גרשום, סיי וואָס איז שייך זיינע תקנות וועגן פאַמיליע־לעבן און סיי וואָס איז שייך זיינע תקנות וועגן יידישן קהילה־לעבן.

עס וואָלט געווען דער גרעסטער טעות זיך פאָרצושטעלן, אַז פאַר דער צייט פון רבינו גרשום איז די יידישע פרוי געווען אינגאַנצן שוצלאָז. מיר האָבן אין דער תלמודישער הלכה אַ גאַנצע רייע באַשטימונגען, וואָס שיצן די רעכט פון דער פרוי. איך וויל דאָ נעמען ווי אַ ביישפּיל די דינים פון ירושה. דער זון נעמט איבער די נחלה, ער פירט ווייטער די ווירטשאַפט. די טאָכטער, ווען זי האָט חתונה, גייט איבער צו דעם מאַנס פאַמיליע. ווי איז אָבער דער דין, ווען דער פאָטער האָט איבערגעלאָזן זין און טעכטער, וואָס האָבן נאָך ניט חתונה געהאַט? אין דער הלכה האָבן מיר וועגן דעם זייער קלאָרע באַשטימונגען. אויב די ירושה איז ניט גענוג צו פאַרזיכערן אַלעמען, מוז מען קודם כל פאַרזיכערן די טעכטער ביז זיי וועלן חתונה האָבן. און די זין? — די זין, זאָגט אונדז דער דין, קענען גיין בעטלען איבער די הייזער. מען טאָר אָבער ניט דערלאָזן, אַז די טעכטער זאָלן זיין געצוווּנגען צו גיין איבער די הייזער. אויך אין פאַרשיידענע אַנדערע הינזיכטן האָט די תלמודישע הלכה געשיצט דעם כבוד און די רעכט פון דער פרוי. עס קען אָבער ניט געלייקנט ווערן, אַז בדרך כלל איז לויט דער יידישער טראַדיציע דער מאַן מער יחסן. די תקנות פון רבינו גרשום האָבן אויך אין דעם פּרט אריינגעבראַכט טיפע ענדערונגען.

*

דער ראַבינער דר. יוסף שמואל בלאָך האָט אין זיין בוך ״ישראל און די פעלקער״ אָנגעוויזן דערויף, אַז די דריי ברכות: ״שלא עשני גוי״ (וואָס איך בין ניט געבוירן געוואָרן אַ גוי); ״שלא עשני עבד״ (וואָס איך בין ניט באַשאַפן געוואָרן אַ קנעכט); ״שלא עשני אשה (וואָס איך בין ניט באַשאַפן געוואָרן אַ פרוי), שטאַמען גאָר פון אַ ניט־יידישן מקור. אין די אַלטע גריכישע שריפטן

ווערט דערמאָנט, אַז די גרויסע דענקער סאָקראַטעס און פּלאַטאָן פלעגן דאַנקען די געטער אָדער דער נאַטור פאַר דריי זאַכן: פאַר דעם וואָס זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן גריכן און ניט קיין באַרבאַרן; וואָס זיי זיינען פרייע בירגער און ניט קיין קנעכט; וואָס זיי זיינען מענער און ניט קיין פרויען. דר. בלאָך האָט געגלויבט, אַז דאָס האָבן יידן איבערגענומען אָט די טראַדיציע פון די גריכן. אין תלמוד ווערט דערמאָנט, אַז דער תנא ר׳ מאיר פלעגט זיך נוהג זיין צו זאָגן די ברכות. דער תנא ר׳ מאיר איז, ווי מיר וויסן, אַ געוויסע צייט געווען אַ תלמיד פון אלישע בן אבויה (אַ חבר פון דעם גרויסן עקיבא), וואָס איז שפּעטער אַוועק פון דער יידישער טראַדיציע. אלישע בן אבויה איז געוואָרן "אַן אַנדערער" (אחר), ווי דער תלמוד דריקט זיך אויס, און ער איז זיכער געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. אויף אַזאַ אופן, האָט דר. בלאָך געגלויבט, לאָזט זיך פעסטשטעלן, ווי אַזוי די דערמאָנטע דריי ברכות זיינען געקומען צו אונדז. דאָס האָט דער תנא ר׳ מאיר, אונטערן איינפלוס פון זיין געוועזענעם רבין אלישע בן אבויה, אַריינגע־בראַכט די גריכישע טראַדיציעס אין יידישן לעבן.

וואָס איז שייך דער באַזונדערער ראָל פון ר׳ מאירן, זיינען דאָ באַרעכטיקטע ערנסטע ספקות. לויט אַן אַנדער נוסח אין תלמוד איז עס געווען ניט ר׳ מאיר, נאָר רבי יהודה. פאַראַן אַ חוץ דעם נאָך אַ שוועריקייט: לויטן טעקסט אין תלמוד זיינען די דריי ברכות, וואָס ר׳ מאיר פלעגט זאָגן, ניט געגוי די זעלבע ווי אין סידור. איינע פון די ברכות איז לכתחילה געווען "שלא עשני בור", ר׳ מאיר האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז ניט קיין עם הארץ. די בעלי התלמוד זיינען מיט דער ברכה ניט געווען צופרידן. זיי האָבן אין דעם געזען אַ ניט־באַרעכטיקטע ביטול־באַציונג צום פּשוטן מענטשן. האָבן זיי אנשטאָט דעם איינגעפירט די ברכה "שלא עשני עבד" (וואָס איך בין ניט באַשאַפן קיין קנעכט).

מיר קענען דאָ די ריין היסטאָרישע פראַגע לאָזן אַן אַ זייט. עס איז אָבער ניט קיין ספק, אַז אַלע דריי ברכות זיינען ניט אין גייסט פון דער יידישער טראַדיציע און דער יידישער רעליגיעזער מאָראַל. פאַראַן א יידישער כלל: "לועג לרש חרף עשהו", ווער עס לאַכט פון דעם אָרעמען, לעסטערט זיין באַשעפער. מען טאָר פון אַ שוואַכן ניט אָפּלאַכן און מען טאָר ניט ארויסווייזן קיין ביטול־באַציונג צו דעם אָרעמען און אומגליקלעכן. די ברכה "שלא עשני אשה" געהערט זיכער ניט צו די ברכות, וואָס קענען הויבן דאָס געפיל פון רעספּעקט צו זיך אליין ביי דער יידישער פרוי.

פונקט אַזוי איז די ברכה פון "שלא עשני עבד" ניט לויטן גייסט פון דער יידישער טראַדיציע. דער באַשעפער פון דער וועלט האָט באַשאַפן אַלע מענטשן גלייך. אַלע זיינען מיר קינדער פון אדם און חוה. די גרויסע גריכישע דענקער האָבן, אמת, געגלויבט, אַז די קנעכט זיינען פון דער נאַטור באַשאַפן געוואָרן צו זיין קנעכט. ניטאָ אָבער לויט דער יידישער טראַדיציע קיין געבאָרענע קנעכט.

עס איז איינגאַנצן ריכטיק, וואָס דער תלמוד האָט ניט אָנגענומען די ברכה פון ר׳ מאירן "שלא עשני בור", כדי אָפּצוהיטן דעם כבוד פון דעם פּשוטן יידן.

איך גלויב אָבער, אַז מיר קענען זיך באַגיין אָן אַלע דריי ברכות. גראַד פון אַ באמת טראַדיציאָנעלן שטאַנדפונקט קען מען די דערמאָנטע ברכות רויק אויסלאָזן. זייער פּלאַץ אין סידור איז ניט קיין באַרעכטיקטער.

אין דער צייט פון תנ״ך האָט די פרוי געשפּילט אַ סך אַ מער אָנגעזעענע ראָל אין יידישן לעבן ווי אין דער צייט פון תלמוד. דבורה הנביאה האָט געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל אין פּאָליטישן לעבן אין ישראל אין דער צייט פון די שופטים. אין דער צייט פון דעם קעניג יאשיהו ווערט דערמאָנט חולדה הנביאה, און לויט אירע אָנווייזונגען האָט דער מלך יאשיהו דורכגעפירט וויכטיקע רעפאָרמען אין ר׳עליגיעזן לעבן פון לאַנד. אין ספר דברים ווערט, אגב, בפירוש באַטאָנט, אַז ווען דאָס גאַנצע פאָלק פאַרזאַמלט זיך צו הערן די תורה, דאַרפן אויך די פרויען זיין דערביי (הקהל את העם האנשים והנשים...).

דאָס האָט זיך צום טייל געענדערט אין דער צייט פון תלמוד. עס איז אָבער וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז אויך לויטן תלמוד מעג מען אַ פרוי אויפרופן שבת צו אַן עליה. אין מסכתא מגילה (מ״ג) ווערט געזאָגט: אַלע ווערן צוגעלאָזן צו דער צאָל פון זיבן, וואָס ווערן אויפגערופן צו דער תורה, אפילו אַ מינדעריאָריקער און אַ פרוי. די חכמים האָבן אָבער געזאָגט, אַז אַ פרוי דאַרף ניט לייענען די תורה פאַרן עולם (ד.ה. זי דאַרף ניט איבערנעמען די פונקציע פון דעם בעל קריאה) ״צוליבן כבוד פון ציבור״. לויטן דין, הייסט עס, מעג אַ פרוי אפילו לייענען די תורה פאַרן עולם, נאָר בלויז צוליב ״כבוד הציבור״ דאַרף מען עס ניט טאָן. פאַר דער צייט פון תלמוד האָט דאָס געקענט זיין ריכטיק. פאַר אונדזער צייט, ווייסן מיר אָבער, אַז אַ פרוי קען מיט גרויס כבוד רעפּרעזענטירן דעם כלל. קיינער וועט אוודאי ניט לייקענען, אַז גאָלדע מאיר רעפּרעזענטירט פאַר דער וועלט מיט גרויס ווערדע די יידן אין ארץ ישראל.

לויטן דין מעג אַ פרוי אָנטאָן אַ טלית און מאַכן אַ ברכה. אין שולחן ערוך אורח חיים (סימן י״ז) ווערט געזאָגט: פרויען זיינען פּטור פון דער מיצווה פון ציצית. גיט צו דער רמ״א (ר׳ משה איסערליש, דער באַרימטער רב און ראש ישיבה פון קראָקע) ״אויב אָבער זיי ווילן אָנטאָן אַ טלית און מאַכן אַ ברכה, קענען זיי עס טאָן״. און דאָס איז אויך ריכטיק בנוגע די אַנדערע מיצוות, וועלכע פרויען זיינען ניט מחוייב אָפּצוהיטן.

אין דער אַלטער וועלט האָבן פרויען זיך ניט באַטייליקט אין עפנטלעכן לעבן. דער מאַן האָט רעפּרעזענטירט די גאַנצע פאַמיליע. וואָס איז שייך אין דער היים, האָבן אויך די בעלי התלמוד אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז דאָ דאַרף די פרוי פאַרנעמען איר געהעריקן פּלאַץ. דאַרף דעריבער די פרוי בענטשן ליכט, כדי אַריינצוברענגען דעם שבת אין שטוב.

יידישע קולטור איז דער עיקר פאַרבונדן מיט דער פאַמיליע, מיט דער יידישער היים. פאַראַן ביי אונדז אַ היפּשע צאָל פאַמיליעס, ווו דאָס ליכט־בענטשן איז דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון יידישקייט. פרויען קומען היינט אפילו ניט ווייניקער אין שול ווי מענער.

קען אַ טאָכטער זאָגן קדיש נאָך פאַרשטאָרבענע עלטערן? אויב אַ טאָכטער איז גרייט אויף זיך צו נעמען דעם חוב אָפּצוגעבן דעם נייטיקן כבוד טאַטע־מאַמע, מעג זי דאָס אוודאי טאָן, ניט נאָר מעג זי, זי דאַרף עס טאָן.

איך דערמאָן זיך פון מיינע קינדער־יאָרן אַ פאַל, ווען אין דעם בית מדרש, ווו איך האָב געדאַוונט, איז אַ מיידל געקומען זאָגן קדיש. קיינער האָט זי דערין ניט געשטערט. דער באַקאַנטער ציוניסטישער טוער ש. גראָנעמאַן, א דייטשער ייד, וואָס איז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען צוזאַמען מיטן דייטשן מיליטער אין ליטע און פוילן, דערציילט, אז בעת ער איז געווען אין קאָוונע, איז ער אריין אין אַ בית מדרש, האָט ער געזען, ווי צוויי מיידלעך, אין עלטער פון 14 און 16 יאָר, זיינען געקומען זאָגן קדיש. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן צו זאָגן אַ וואָרט געגן דעם. און ער באַמערקט דערצו: אין דייטשלאַנד וואָלט זיך צופלאַקערט אַ דיסקוסיע צווישן די אָרטאָדאָקסן און די ליבעראַלן.

לויט דער תלמודישער אגדה, האָבן דאָס גאָלדענע קאָלב די מענער געשאָפן. אָבער דער זכות פון די פרומע יידישע פרויען איז אונדז בייגעשטאַנען.

אין צייטן פון שווערע גייסטיקע קריזיסן, האָט דער תלמוד פאַרשטאַנען, וויזן די פרויען אָפט ארויס מער ווידערשטאַנד ווי די מענער. עס ווייזט מיר אויס, אַז דאָס איז אויך ריכטיק פאַר אונדזער תקופה.

די יידישע פרוי אין דער פאָלקס־ליטעראַטור

איינע פון די באַרימטעסטע פאָעמען פון יהודה לייב גאָרדאָן הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: יידישע פרוי — ווער ווייסט דען דיין לעבן (אשה עבריה — מי ידע חייך)? אויף דער משכילישער יוגנט פון יענעם דור האָבן י.ל. גאָרדאָנס שירים איבערגעלאָזן דעם שטאַרקסטן איינדרוק, און אַ סך האָבן געגלויבט, אַז ביי קיין שום פאָלק אויף דער וועלט איז די פרוי ניט געווען אזוי טראַגיש אומגליקלעך ווי ביי אונדז יידן.

ענלעכע שילדערונגען וועגן דעם גורל פון דער יידישער פרוי באַגעגענען מיר אויך אין דער שפּעטערדיקער ליטעראַטור. קלאַסיש איז אין דער הינזיכט די דערציילונג פון י.ל. פרץ "מענדל בריינעס":

בריינע האָט גאַנץ ערלעך געהאַלטן איר מענדלען. זי האָט זיך געוווּנטשן צו זיין זיין פוסבענקעלע אין גן עדן; זי האָט אים געקעכלט און געשטאָפּט, געאַרבעט ווי אַן אייזל, מפרנס צו זיין, צו שוכן און צו קליידן מענדלען מיט די קינדער: דריי מיידלעך און איין יינגל.

אָבער מיינט ניט, חס ושלום, אַז מענדל בריינעס איז אַ ליידיק־גייער, גראָד פאַרקערט, ער איז אפילו נאָך מער פאַרנומען ווי זיין אשת חיל:

ווינטער האָט ער קיין מינוט צייט ניט געהאַט: תהילים זאָגן, דאַווענען, עין יעקב לערנען, אָנבייסן, אַ נדבה מאַכן, מנחה־מעריב, אַ פּרק משניות און וועטשערע

— און קריאת שמע לייענען, שלאָפן, חצות, ווייטער שלאָפן... עס איז אים פון טאָג קיינמאָל קיין רעשט ניט געבליבן.

איך האָב אָפט דאָס געפיל, אַז סיי אונדזערע זיידעס און סיי אונדזערע באָבעס זיינען אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור שטאַרק באַעוולט געוואָרן. איך גלויב ניט, אַז אונדזערע זיידעס זיינען געווען אַזעלכע בטלנים און איך גלויב אויך ניט, אַז דער איינציקער חלום פון דער יידישער פרוי איז געווען — צו זיין דעם מאַנס פוסבענקעלע אין גן עדן. איך בין זיך מודה, איך בין אינגאַנצן אַן אפיקורוס אין דער געשיכטע מיטן פוסבענקעלע. אין די באַשרייבונגען וועגן גן עדן, וואָס מיר באַגעגענען סיי אין דער עלטערער מדרש־ליטעראַטור, סיי אין דער פאָלקס־ליטעראַטור, האָב איך עס ניט באַגעגנט. מעגלעך, אַז ערגעץ־ווו איז אַזאַ מאמר פאַראַן. איז עס ניט מער ווי אַ צופעליקער מאמר, וואָס איז אַבסאָלוט ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער פאָרשטעלונג וועגן גן עדן.

עס איז אויך ניט ריכטיק, אַז אין ענינים פון עולם הבא האָט די יידישע פרוי זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויפן מאַן.

אויך דער יידישער מאַן האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז זיין חוב איז קודם כל צו באַזאָרגן חיונה פאַר ווייב און קינדער. אין דער כתובה, וואָס ווערט דער פרוי איבערגעגעבן, ווען זי שטייט נאָך אונטער דער חופה, זאָגט איר דער מאַן צו:

„און איך וועל דיר דינען און וועל דיך טייער האַלטן, און וועל דיך באַזאָרגן מיט פרנסה, ווי עס איז די פירונג פון די יידישע מענער, וועלכע דינען און האַלטן טייער און באַזאָרגן זייערע פרויען מיט ערלעכקייט".

דער גורל פון דער יידישער פרוי איז געווען אַ שווערער. אין אַ סך פרטים איז זי ניט געווען גלייך מיטן מאַן, דאָס איז באַזונדערס ריכטיק אויפן געביט פון רעליגיע און גייסטיקן לעבן בכלל. זי האָט אוודאי אויך שטאַרקער געפילט דעם דרוק פון נויט און עלנט. עס איז אָבער פאַלש אַז דער יידישער פאָטער האָט אין אַזעלכע פאַלן די זאָרג פון זיך אַראָפּגעוואָרפן. עס זיינען געווען אוודאי אַ היפּשע צאָל בטלנים ביי יידן, וואָס האָבן פּרובירט אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון דאגות פרנסה. אַזעלכע מענער זיינען געווען און זיינען אויך דאָ היינט ביי אַנדערע פעלקער. דער מאַן דער בטלן איז אָבער ווייט ניט דער כאַראַקטעריס־טישער יידישער טיפּ. עס לאָזט זיך מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז בדרך כלל איז דער יידישער פאָטער געווען, און איז נאָך היינט, אַ מוסטער פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן און איבערגעגעבענעם פאַמיליע־מענטש.

לייענענדיק די זכרונות פון יידישע שרייבער, ווי מענדעלע, שלום עליכם, י.ל. פרץ, י.ל. גאָרדאָן, ח.נ. ביאַליק, אחד העם, ש. דובנאָוו, חיים ווייצמאַן א. אַנד., דאַן באַקומט זיך גאָר אַן אַנדער בילד פון דעם יידישן פאָטער. איך האָב פון דעם שטאַנדפּונקט דורכגעקוקט אַ גאַנץ היפּשע צאָל יידישע ביאָגראַפיעס און אויטאָ־ביאָגראַפיעס. און איך האָב דעם טיפּ פון מענדל בריינעס כמעט ווי ניט באַגעגנט. זייער אָפט איז די יידישע פרוי געווען אַ שותף אין דער זאָרג פאַר פרנסה; ניט

זעלטן איז זי געווען די אשת חיל. אָבער גאָר זעלטן איז זי געווען די איינציקע, וואָס האָט פאַר פּרנסה געזאָרגט. גאַנץ גרויסע לומדים האָבן זיך אָפּט פאַרנומען מיט האַנדל און געשעפט. דאָס לערנען אין ישיבה האָט זיי אין דעם פּרט קיין שאָדן ניט געבראַכט. געווען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געגלויבט, אַז גראָד פון אַ לערנער קען ווערן אַ גוטער סוחר. גרויסע לערנער זיינען אויך געווען צווישן די אָרעמסטע קרעמער און אפילו צווישן די בעלי מלאכות. די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון לעבן זיינען גאָרניט געווען אַזעלכע גרינגע. אפילו ווען דער מאַן האָט געאַרבעט און די פרוי האָט מיטגעהאָלפן, איז נאָך געווען זייער שווער צו פאַרדינען אויף שבת.

מען דאַרף אַ חוץ דעם ניט פאַרגעסן, אַז דער מצב פון דער פרוי בכלל איז מיט צוויי־דריי דורות צוריק נאָך ביי די העכסטע קלטור־פעלקער געווען ווייט ניט קיין געהויבענער. ווי לאַנג איז עס, ווי פרויען האָבן באַקומען וואַלרעכט? ווי לאַנג איז עס, אַז מען האָט פרויען אָנגעהויבן אריינצונעמען אין קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן? פאַר אונדז איז אָבער באַזונדערס וויכטיק די פראַגע, ווי האָט זיך די יידישע פרוי געפילט אַלס פרוי און מוטער? ווי האָט זי געזען איר ראָל אין יידישן לעבן? פון דעם שטאַנדפונקט וואָלט געווען ניצלעך גרינדלעך דורכשטודירן די ליטעראַטור, וואָס די יידישע פרוי האָט געלייענט און וואָס זי האָט טיילווייז אַליין אויך געשאַפן: די תחינות, די מוסר־ספרים, די פאַרשיידענע פאָלקס־מעשיות, פאָלקס־לידער, א.אַז.וו.

א גרויסע ראָל האָט אין דעם פּרט געשפּילט דער פאַקט, וואָס די יידישע פרוי איז מער געווען באַקאַנט מיט די געשטאַלטן פון תנ״ך ווי מיט די געשטאַלטן פון תלמוד. אין תנ״ך פאַרנעמען דאָך די פרויען אַ גאַנץ אָנגעזעענעם פּלאַץ: די אמהות, מרים הנביאה, דבורה, אסתר המלכה א.אַז.וו., בעת די וועלט פון תלמוד איז אַ סך מער אַ מאַנצבילשע. אין צאינה וראינה, למשל, איינער פון די פּאָפּולערסטע ספרים, וואָס איז געלייענט געוואָרן פון פרויען, אין דער פרשה בשלח, וווּ עס ווערט דערציילט וועגן מרימס געזאַנג נאָכן דעם ווי די יידן זיינען אַריבער דעם ים סוף, ווערט געזאָגט בזה הלשון: ״מען זאָל זיך ניט וווּנדערן דאָס איין אשה זאָל זאָגן נביאות, דען זיי זיינען אויך מענטשן... מען זאָל ווייבער ניט פאַר נישט האַלטן, דען זיי זיינען אזוי חשוב ווי אַ פרומער מאַן... וואָרים אַז זיי זיינען פרום זיינען זיי פרום אַן אַ מאָס. און די גמרא זאָגט, אַז זיבן ווייבער נביאות זיינען געווען: שרה, מרים, חנה, דבורה, חולדה, אביגיל, אסתר...״

וועגן דער וויכטיקער ראָל פון דער פרוי רעדט אויך דער שבט מוסר. אַזוי לייענען מיר, למשל, אין פּרק כ״ד: ״אַן אשת חיל איז אַ קרוין צו איר מאַן, ווייל זי ווערט געקרוינט מיט גאָטס נאָמען, וואָרים אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: ווען מאַן און פרוי זיינען זוכה, איז די שכינה צווישן זיי. דער יוד פון דעם וואָרט איש און דער הא פון דעם וואָרט אשה מאַכן אויס צוזאַמען גאָטס נאָמען... און אויב אַ פרוי איז אַ פרומע און אַן ערלעכע, איז זי אין אַלע זאַכן געגליכן צו אַ

מאַן, כאַטש די ווייבער זיינען פּטור פון אַ סך מיצוות, פונדעסטוועגן זיינען זיי פאַרט גלייך צו די מענער״.

און אין דעם פאָלקסטימלעכן מדרש תנא דבי אליהו, וואָס איז אויך איבער־זעצט געוואָרן אויף עברי טייטש, ווערט ערקלערט, ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, וואָס די נביאה דבורה איז געוואָרן אַ ריכטערין ביי יידן אין דער צייט פון די שופטים. דעמאָלט האָט דאָך נאָך געלעבט, פרעגט דער מדרש, פנחס, דער זון פון אלעזר, דער זון פון אהרן הכהן ? און דערויף ענטפערט דער מדרש אין נאָמען פון אליהו הנביא : ״איך נעם פאַר עדות הימל און ערד, אַז סיי אַ מאַן און סיי אַ פרוי, סיי אַ ייד און סיי ניט קיין ייד, סיי אַ קנעכט און סיי אַ דינסט, לויט די גוטע מעשים, וואָס איטלעכער פון זיי טוט, אַזוי רוט אויף זיי דער רוח הקודש״. ווייטער דערציילט אונדז דער פאָלקסטימלעכער מדרש, אַז דער מאַן פון דבורה הנביאה איז געווען אַן עם הארץ. ער פלעגט אָבער מאַכן קנייטן פאַרן בית המקדש. האָט גאָט צו אים געזאָגט, אַז ווייל דו האָסט געמערט דאָס ליכט אין בית המקדש, וועל איך מערן דיין ליכט. און ווער האָט גורם געווען, ער זאָל גערעכנט ווערן צווישן די ערלעכע לייט און זאָל זוכה זיין צו עולם הבא, דאָס איז דאָך געווען זיין ווייב דבורה, ערקלערט ווייטער דער מדרש. דערויף זאָגט דער פסוק : די קלוגע צווישן די פרויען בויט אויף איר מאַנס הויז (חכמות נשים בנתה ביתה).

אין דער פאָלקסטימלעכער ליטעראַטור, ווי מיר זעען, האָט די פרוי געשפּילט אַ גאַנץ וויכטיקע און זעלבשטענדיקע ראָל. זי האָט אפילו געקענט ווערן אַן אשת חיל ווי דבורה און פאַרדינען עולם הבא סיי פאַר זיך און סיי פאַר איר מאַן. איז עס נייטיק צו באַווייזן, אַז די נביאה דבורה איז ניט געווען קיין פוסבענקעלע ביי איר מאַן, דעם פרומען און ערלעכן עם הארץ ?

נאָך כאַראַקטעריסטישער זיינען אין דעם פּרט די תחינות, די פאָלקסטימלעכע מעשה־ליטעראַטור און די פאָלקסטימלעכע מדרשים וועגן גן עדן און גיהנום.

*

פאַראַן אַן אַלטע יידישע טראַדיציע : ווען משה רבינו איז ארויף אויפן באַרג סיני נעמען די תורה, האָט גאָט צו אים געזאָגט — די ערשטע זאַך זאָלסטוריידן מיט די פרויען און ערשט נאָכדעם זאָלסטו ריידן מיט די מאַנצבילן. נאָר קיין סך האָט עס, אמת, ניט געהאָלפן. די מאַנצבילן האָבן מיט דער צייט צוגענומען די תורה פאַר זיך. עס איז אָבער אויך ריכטיק, אַז אין לויף פון דער געשיכטע האָט די יידישע פרוי תמיד פון דאָס ניי באַנייט איר קאַמף פאַר אַ חלק אין גאָטס תורה און אין גאָטס מיצוות. און דער קאַמף איז ניט געווען קיין פאַרלאָרענער.

ווען מען שרייבט וועגן דער ראָל פון דער פרוי אין יידישן לעבן, מוז מען כסדר האָבן אין זינען דעם קאַמף, וואָס די יידישע פרוי האָט געפירט פאַר איר פּלאַץ אין לעבן אויף דער וועלט און פאַר איר חלק עולם הבא אויף יענער וועלט. די פאַרשטעלונג, אַז די יידישע אשת חיל האָט הילפלאָז רעזיגנירט און האָט זיך אין אַלץ פאַרלאָזן אויפן מאַנס יושר, איז אַ גרויסער טעות. טיף אין האַרצן האָט זי אפילו געגלויבט, אַז אויף דורכצוריידן זיך מיטן רבונו של עולם, אויסצובעטן

געזונט און פרנסה פאַר דער פאַמיליע, איז זי אַ סך מער בריה ווי איר מאַן. מ'שטיינס געזאָגט וואָס אַ מאַנצביל פאַרשטייט אין אַזעלכע זאַכן! מיטן טאַטן אין הימל האָט די יידישע טאָכטער געהאַט מער לשון ווי אפילו אַ גרויסער לערנער.

באַקענט מען זיך נעענטער מיט דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור, דאַן באַקומט מען גאָר אַן אַנדער פאַרשטעלונג וועגן דער יידישער פרוי. אין די פאָלקסטימלעכע תפילות אויף יידיש, אין די תחינות, פאַלט אונדז קודם כל אויף דער פערזענלעך־האַרציקער טאָן. בעת די אַלגעמיינע תפילות האָבן מער אין זינען דעם כלל ישראל, פאַרנעמען אין די תחינות דעם ערשטן פּלאַץ די זאָרגן פון דעם יחיד און קודם כל די זאָרגן פון דער משפּחה. כאַראַקטעריסטיש זיינען אין דעם פאַל באַזונדערס די תחינות אויף פּרנסה. אַזוי, למשל, ווערט געזאָגט אין דער "תחינה, ווען דער מאַן איז אוועק זוכן פּרנסה":

> אַלמעכטיקער גאָט! דו ביסט איין קעניג פון דער גאַנצער וועלט, איין העלפער איבער העלפער... באַהיט און באַשירם אונדז פון אַלעם בייזן. פיר אונדז אינם רעכטן וועג, דאָס מיר זאָלן האָבן פּרנסה בכבוד, דאָס מיר זאָלן, חלילה וחס, ניט דאַרפן געשפייזט ווערן דורך אַ מענטשנס גאָב. און מען זאָל, חלילה, ניט פאַרשעמט ווערן... פיר מיין מאַן אין דעם רעכטן וועג, שיק אים גוטע מלאכים אַנקעגן, דאָס זיי זאָלן אים באַגלייטן און מיט אים זיין... דאָס ער זאָל מיט געזונט און שלום, און ששון ושמחה צו זיין ווייב און קינדער צוריק געבראַכט ווערן...

פון די יידישע ספרים האָט די יידישע פרוי געוווּסט, אַז זי האָט אַ גרונד צו גלויבן אין איר כוח פון תפילה. זי האָט דאָך געהאַט פאַר זיך ביישפּילן פון די הייליקע אמהות און די נביאות, וואָס האָבן תמיד מתפּלל געווען און גאָט האָט זייער געבעט פאַרנומען. און נאָך אַ זאַך האָט די יידישע פרוי געהאַט אַ גרונד צו טראַכטן: מען קען זיך אויף די פרומקייט פון די מאַנצבילן ניט אַלע מאָל אינגאַנצן פאַרלאָזן. ווען אַ פרוי איז פרום, איז זי אמת פרום. אָבער די מאַנצבילן, ווער ווייס זיי? פון טייטש־חומש איז זי געוווּיר געוואָרן, אַז אין דער גרויסער זינד פון עגל הזהב, פון דעם גאָלדענעם קאַלב, זיינען אינגאַנצן געווען שולדיק די מענער. ווען די קינדער פון ישראל זיינען געקומען צו אהרן הכהן מיט דער טענה, ער זאָל זיי מאַכן אַ גאָט, האָט אהרן זיי געשיקט, זיי זאָלן ברענגען די אוירינגלעך פון זייערע ווייבער. אָבער "די פרויען זיינען פרום געווען און האָבן ניט געוואָלט געבן זייערע אוירינגלעך, האָבן די מאַנצבילן אראָפּגענומען פון זיך די גאָלדענע פינגערלעך און האָבן געבראַכט צו אהרנען דאָס גאָלד", און אהרן האָט דערפון געמאַכט דאָס גאָלדענע קאַלב. דערפאַר אָבער, אַז משה רבינו האָט געדאַרפט האָבן גאָלד פאַרן משכן, זיינען אַפריער געקומען די פרויען מיט זייער צירונג און נאָכדעם זיינען געקומען די מענער.

צוליב דעם זכות האָט גאָט ברוך הוא געשענקט די פרויען נאָך אַ יום־טוב.

אין די טעג פון ראש חודש זיינען זיך די פרויען נוהג ניט צו טאָן קיין שווערע ארבעט.

דו האָסט אונדז דעם טאָג ראש חודש געגעבן — לייענען מיר אין אַ תחינה, ווען מען בענטשט ראש חודש — צו אַ כפרה און אַ פאַרגעבונג פאַר אונדזערע זינד. און אונדז ווייבער האָסטו דעם ראש חודש געגעבן איין יום־טוב, דאָס מיר טאָרן קיין שווערע מלאכה ניט טאָן, פאַר דאָס וואָס אין דער צייט, ווען די יידן האָבן דעם עגל געוואָלט מאַכן, אזוי האָבן זיי צו זייערע ווייבער געזאָגט, דאָס זיי זאָלן זייער צירונג פון גאָלד געבן, מען זאָל פון דעם דאָס עגל מאַכן, און די ווייבער האָבן ניט געוואָלט זיי געבן, דרום האָסטו אונדז דעם טאָג ראש חודש געהייליקט, דאָס מיר זאָלן קיין מלאכה ניט טאָן. אצינד געדענק אונדז דעם זכות און בענטש דעם חודש און מעק אָפּ די זינד פון דעם עגל און ברענג אונדז אליהו און משיח, דאָס זיי זאָלן קומען אונדז אויסלייזן במהרה בימינו אמן.

אין צאינה וראינה ווערט אונדז ווייטער דערציילט, אַז צוליב דעם וואָס די פרויען האָבן ניט געזינדיקט ביים עגל, וועלן זיי זוכה זיין, אַז אויף יענער וועלט וועט זיי גאָט באַצאָלן אַ גוטן שכר. אונדזערע אַמאָליקע קעמפער פאַר דעם כבוד פון דער פרוי זיינען אפילו געגאַנגען נאָך ווייטער. דער פעסימיסטישער פסוק אין קהלת: איין מאַן צווישן טויזנט האָב איך געפונען, אָבער אַ פרוי צווישן די אַלע האָב איך ניט געפונען (אדם אחד מאלף מצאתי ואשה בכל אלה לא מצאתי), ווערט גאָר אינגאַנצן אַנדערש אויסגעטייטשט: דאָס מיינט, זאָגן זיי, אַז צווישן די מענער זיינען יע געווען זינדיקע, אָבער קיין איין איינציקע פון די פרויען האָט ביים עגל ניט געזינדיקט.

דער כבוד פון דער פרוי ווערט אויך שטאַרק אָפּגעהיט אין די יידישע פאָלקס־מעשיות. אויך דאָ מערקט מען אויף שריט און טריט דעם איינפלוס פון תנ״ך. די פרויען־געשטאַלטן אין חומש, למשל, זיינען זעלבשטענדיקע נאַטורן, וועלכע פירן דורך זייער ווילן מיט דער גרעסטער עקשנות. זיי פילן זיך גלייך מיט זייערע מענער. אזוי זיינען די געשטאַלטן פון שרה, רבקה, רחל און מרים. איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס אויך אין גן עדן פאַרנעמען די אמהות אַ גלייכן פּלאַץ מיט די אבות. אזוי דערציילט אַ פאָלקס־מעשה ווי צוויי רבנים האָבן זיך אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אין אַ געדיכטן און מוראדיקן וואַלד. זיי האָבן אזוי לאַנג ארומ־געבלאָנדזשעט, ביז זיי זיינען געקומען צו אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ, וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט אַ געמויערטער וואַנט. און אויף די טויערן איז געווען אויפגעשריבן ״זה השער לה׳ צדיקים יבאו בו״ (דאָס איז דער טויער פאַר גאָט, צדיקים קענען אַהער אַריינגיין). זיינען זיי אריינגעקומען אינעווייניק און זיינען געגאַנגען פון חדר צו חדר. אין דעם דריטן חדר, וואָס איז געווען אויסגעפוצט מיט כל ערליי ברילליאַנטן און דימענטן, איז געזעסן אַן אַלטע פרוי. צוויי זיפּן האָט זי לעבן זיך געהאַלטן. פון איין זיפּ האָט זי ארויסגענומען בלעטלעך, האָט זיי צעריבן צווישן די פינגער און אריינגעוואָרפן אין דער צווייטער זיפּ אַריין. זאָגן

צו איר די רבנים: "גוט מארגן!" און פרעגן זי וואָס זי טוט. ענטפערט די אַלטיטשקע: "איך האָב אויף דער וועלט קינדערלעך, וואָס פאַסטן פון שבת צו שבת, און בשעת איך צערייב די בלעטער, גייט פון זיי אַרויס אַ גוטער ריח, וואָס גיט מיינע קינדערלעך כוח צו פאַסטן". פרעגן די רבנים ווייטער, ווי זי הייסט. ענטפערט זי: "מיין נאָמען איז שרה און מיין מאַן הייסט אברהם. ער איז אוועק אין גן עדן אריין נאָך פרישע בלעטלעך".

דער ווונדערלעכער פּאַלאַץ אין דעם געדיכטן וואַלד, דאָס איז געווען דער גן עדן התחתון. דאָרט געפינען זיך אברהם און שרה, און נאָך ביז צום היינטיקן טאָג זאָרגן זיי פאַר זייערע קינדערלעך, פאַר די שטילע און פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס פאַסטן פון שבת צו שבת. דעם פאָלקסטימלעכן דיכטער האָט אפילו ניט געקענט איינפאַלן דער געדאַנק, אַז די מאמע שרה איז ניט מער ווי אַ פוסבענקעלע ביים טאַטן אברהם!

נאָך כאַראַקטעריסטישער איז אין דעם פּרט די מעשה מיטן כוס פון אליהו הנביא. געווען אַמאָל, דערציילט אונדז די פאָלקס-מעשה, אַ גביר, אַ גרויסער צדיק. פלעגט ער זיך נוהג זיין אָנצוגרייטן פון אליהו הנביאס כבוד וועגן אַ שיינעם כוס, וואָס איז געווען איינגעפאַסט אין גאָלד און זילבער. האָט זיך געמאכט, אַז דער גביר איז שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן. ניט געווען אפילו אויף אַ שטיקל ברויט. האָט ער סוף כל סוף באַשלאָסן צו פאַרקויפן אליהו הנביאס כוס. אָבער זיין פרוי די צדיקת האָט זיך איינגעשטעלט און האָט עס בשום אופן ניט דערלאָזן. ערב פסח, אין שטוב איז ניט געווען ניט קיין מצה און ניט קיין וויין, האָט זיך מיט אַ מאָל באַוויזן אַן אורח און האָט זיך אָנגעבעטן צו פראַוון מיט זיי צוזאַמען דעם סדר. דערווייל האָט דער אורח געגעבן דער פרוי אַ ביסל געלט אויף איינצו־קויפן אַלץ, וואָס איז נויטיק צום יום-טוב. ביינאַכט צום סדר, דער אורח איז ניט געקומען. האָט זיך דאָס אלטע פאָר פאָלק געזעצט אַליין זאָגן די הגדה. געענדיקט עסן, איז דער צדיק איינגעשלאָפן. אין דער מינוט איז אַריין דער אורח. ווי די צדיקת האָט אים נאָר דערזען, האָט זי גענומען וועקן איר מאַן פון שלאָף. איז דער אורח באַלד נעלם געוואָרן און דער מאַן איז ניט זוכה געווען אים צו זען. דער אורח איז געווען אליהו הנביא.

אין אַ צייט אַרום איז דער צדיק נפטר געוואָרן. געקומען אויפן עולם האמת, האָט מען אים תיכף געפירט אין גן עדן אריין, ווי ער האָט עס פאַרדינט פאַר זיינע מעשים טובים. האָט זיך אָבער אליהו הנביא געשטעלט ביי דער טיר און האָט אים ניט אַריינגעלאָזן. צוויי יאָר שפּעטער איז אויך די צדיקת נפטר געוואָרן. האָט מען זי גלייך געוואָלט אַריינלאָזן אין גן עדן, האָט זי זיך אָבער פאַרעקשנט. אַליין, אָן דעם מאַן, גייט זי ניט. איז זי אַזוי לאַנג געשטאַנען ביים טויער ביז זי האָט געפועלט, און אין איר זכות האָט מען אויך איר מאַן אַריינגעלאָזן אין גן עדן.

איינע פון די רירנדסטע פאָלקסטימלעכע תפילות איז די תחינה "ווי געהאָלפן צו ווערן פון יידישע שונאים". זי לייענט זיך:

רבונו של עולם! מיר זיינען מתפלל צו גאָט, ער זאָל עפענען די אויגן פון אונדזערע שונאים, זיי זאָלן זען צו גיין אויף דעם דרך הישר. אזוי בעט איך דיך, גרויסער גאָט, פאַר די היינטיקע יידישע שונאים, זיי מטהר צו זיין זייערע הערצער! אז זיי זאָלן קיין שלעכטס ניט טאָן קיין מענטשן בכלל, און אונדז יידן בפרט. עס זאָל מקוים ווערן די נבואה פון אונדזערע הייליקע נביאים, און עס זאָל קומען די גאולה, אז מענטשן זאָלן לעבן בשלום איינער מיט דעם אנדערן, אמן.

וואָס איז שייך עולם הבא, דעם חלק פון דער פרוי אויף יענער וועלט, האָט די יידישע טראַדיציע וועגן דעם פאַרשיידענע פאַרשטעלונגען. פון איין זייט ווערט דאָס לעבן אויף יענער וועלט פאַרגליכן צום לעבן פון דער פאַמיליע. אין גן עדן פאַרברענגען די צדיקים און צדקניות צוזאַמען מיט זייערע משפחות. אַ צווייטע פאַרשטעלונג איז, אז עס זיינען דאָ באַזונדערע אָפּטיילונגען, מחיצות, פאַר פרויען און מענער. די דאָזיקע פאַרשטעלונג איז גענומען פון שול און בית המדרש, וווּ פרויען זיצן באַזונדער און מענער באַזונדער.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָבן אונדזערע מאַמעס און באָבעס בדרך כלל זיך ווייניק פאַרלאָזן אויף זייערע מענער אין פרט פון אַ חלק עולם הבא. אויסנאַמען זיינען פאַראַן: דאָס זיינען אָבער ניט מער ווי אויסנאַמען. אנקעגן דעם אָבער פאַרלאָזט זיך די יידישע פרוי מער אויפן זכות פון די קינדער. מיטן קינד איז זי מער שותף, קומט איר על פי דין און על פי יושר אַ חלק אין זיין תורה און אין זיינע מעשים טובים. אַזוי, למשל, בעט אַ פרוי, זי זאָל געהאָלפן ווערן: ״צו געווינען אַ זון, וואָס זאָל זיין אַ צדיק תמים, ער זאָל לערנען תורה טאָג און נאכט, ער זאָל מיר באַלייכטן לאחר אריכת ימי אַ גלייכן וועג אין גן עדן אַריין, איך זאָל דורך זיין זכות זוכה זיין צו זיצן מיט די אמהות אין איין מחיצה בעולם הבא, אמן״.

אין איינעם פון די שפּעטערדיקע קליינע מדרשים, וואָס טראָגט דעם טיטל ״סדר גן עדן״, איז אויך אויסגעטיילט אַ באַזונדערער פּלאַץ מיט זיבן אָפּטיילונגען פאַר די צדקניות, וואָס טוען צדקה און העלפן זייערע קינדער צו לערנען תורה. אין דער ערשטער אָפּטיילונג זיצט בתיה, די טאָכטער פון פרעה, וואָס האָט געראַטעוועט דעם קליינעם משה פון דערטרונקען ווערן. מיט איר צוזאַמען זיצן אַלע פרויען, וואָס האָבן געוועזן ביי זיך יתומים און וועלכע גיבן צדקה בסתר, כדי ניט צו פאַרשעמען די אָרימע לייט. אין די ווייטערדיקע אָפּטיילונגען זיצן יוכבד, די מאַמע פון משה רבינו, מרים הנביאה, די אמהות און אַלע אַנדערע צדקניות. אָבער ווען ס׳קומט די צייט פון תפילה, דאַן באַגעגענען זיך די נשמות פון די צדקניות מיט די נשמות פון די צדיקים.

ווי מיר זעען, פאַרנעמט די פרוי אין דער פאָלקס־ליטעראַטור אַ סך אַ העכערן פּלאַץ, ווי מיר וואָלטן עס זיך געקענט פאַרשטעלן אויפן גרונד פון אונדזער־

מאָדערנער ליטעראַטור. וואָרים וויכטיק און אנטשיידנד איז ניט די פראַגע, וואָס דער אָדער יענער למדן האָט אין זיין מאַנצבילשער גאווה געטראַכט וועגן די פרויען, נאָר וואָס פאַר אַ פּלאַץ די פרוי האָטווירקלעך פארנומען אין לעבן און ווי זי אַליין האָט זיך פאָרגעשטעלט איר ראָל. אויף דער פראַגע גיט אונדז די פאָלקס־ליטעראטור אַ גאַנץ דייטלעכן און קלאָרן ענטפער.

חסידות, מתנגדות און די יידישע פרוי

די שרייבער פון דער השכלה־צייט האָבן אין חסידות געזען ניט מער ווי פינצטערנעש און ווילדן אָבערגלויבן. דאָס האָט זיך ביסלעכוויז געענדערט. שוין סוף פאָריקן יאָרהונדערט האָבן אַ צאָל יידישע און העברעישע שרייבער דערזען חסידות אין גאָר אַן אַנדער ליכט.

עס איז אָבער וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז די מאָדערנע חסידות־ראָמאַנטיק האָט צום טייל איבערגעכאַפּט די מאָס אין אַ צווייטער ריכטונג. קודם כל — מען האָט געשאַפן די אילוזיע פון אַ בעלעטריסטישער חסידות. עס קומט אויס, אַז מען האָט זיך כסדר משמח געווען, ווייל נאָר שמחה איז דער וועג צו דינען דעם בורא. אָט די פאָרשטעלונג וועגן חסידות איז ווייט פון דער חסידישער ווירקלעכקייט.

ביז ר׳ ישראל בעל שם טוב האָט זיך באַוויזן, דערציילט מען אונדז, איז געווען לויטער טרויער און פינצטערנעש אויף דער יידישער גאַס. די רבנים האָבן זיך באַצויגן מיט ביטול און פאַראַכטונג צום פּשוטן יידן. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען — אזוי דערציילן אונדז די חסידות־ראָמאַנטיקער — דער שולחן ערוך. דער שולחן ערוך האָט אונדז שיער ניט אומגליקלעך געמאַכט.

די בעלעטריסטישע חסידות־ראָמאַנטיק איז געגאַנגען נאָך ווייטער: מען האַלט כסדר אין זינגען לויב־געזאַנגען פאַרן עם הארץ און מען שרייבט מיטן גרעסטן ביטול וועגן דעם למדן, דעם לערנער. בכלל, קומט אויס, האָבן די טרוקענע מתנגדים גאָרניט געשאַפן — אונדזער יידישע ליטעראַטור ציט איר יחוס בלויז פון חסידות. אַזוי האָט אַפילו געשריבן אַזאַ קענער פון אונדזער יידישער ליטעראַטור ווי שמואל ניגער. און פונקט אזוי שטעקן די וואָרצלען פון דעם מאָדערנעם ציוניזם אין דער חסידות־באַוועגונג.

חסידות האָט געוואַלדיק באַרייכערט אונדזער קולטור. עס איז אבער פאַלש ארויסצוהויבן חסידות אויסשליסלעך אויפן חשבון פון מתנגדות. און עס איז אוודאי פאַלש צו שאַפן לעגענדעס וועגן חסידות. דער אמת איז, אז חסידות האָט יע געהאַלטן פון תורה און מיצוות. געווען גרויסע תלמידי חכמים אין דער חסידישער וועלט און חסידים האָבן אָפט אָפּגעהיט געוויסע דינים שטרענגער ווי די מתנגדים.

די גרעסטע איבעראַשונג איז — און דאָס איז באמת אַן אויסערגעוויינטלעכע אַנטדעקונג — אַז חסידות האָט עמאַנציפירט די יידישע פרוי, אַז אין דער חסידישער וועלט איז אינגאַנצן ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן מאַן און פרוי, אַז

די פרוי איז געוואָרן אינגאַנצן גלייכבאַרעכטיקט, אַז זי האָט זיך אינגאַנצן באַפרייט פון דעם צושטאַנד פון קנעכטשאַפט, אין וועלכן די רבנים און תלמידי חכמים האָבן זי געהאַלטן.

יחזקאל קאָטיק, וואָס האָט גראָד געשריבן מיט אַ סך וואַרעמקייט וועגן חסידות, וועגן חסידישער פשטות, חסידישער ברידערלעכקייט, וועגן דעם געפיל פון שותפותדיקייט אין דער חסידישער וועלט, דערציילט אָבער אויך:

"ווידער האָט מיך אַפּגעשטויסן פון חסידות יינגלווייז דאָס, וואָס איך האָב מיך אָנגעזען ביי אָרעמע חסידים — דאָס שלעכטע לעבן פון זייערע ווייבער. די מאַנען, די חסידים, זיינען שטענדיק פריילעך, לוסטיק, עסן, טרינקען, טאַנצן און זינגען מיט חסידים, און זייערע ווייבער און קינדער זיצן אינדערהיים אין קעלט און הונגער.

געוועזן חסידים אַרבעטער, וואָס פלעגן פאַרדינען אינגאַנצן צען גילדן, אָדער צוויי רובל אַ וואָך. זיי פלעגן וואָשן שעפּסענע פעלכלעך ביים טייך אום ווינטער, און די ווייבער און די קינדער זייערע פלעגן ליידן הונגער און קעלט. אָבער נאָך דער אַרבעט פלעגן זיי, די מאַנסלייט, גיין אין שטיבל, פלעגן זיך מאַכן פריילעך, הוליען און זינגען, און זיי האָבן זיך, אפנים, ווייניק מצער געווען דערפון, וואָס דאָס ווייב און קינדער זיצן אין אַ קאַלטער דירה אין הונגער".

און יחזקאל קאָטיק גיט צו דעם נאָך צו:

"אויף מיר האָט עס שטאַרק געווירקט און מיר זיינען בעסער געווען געפעלן די כמאַרנע מתנגדים, וואָס פרייען זיך ניט, וואָס טאַנצן ניט און זינגען ניט, אָבער דערפאַר זיינען זיי נעבן זייערע ווייב און קינדער און טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון פרנסה" ("מיינע זכרונות", ב. 1, ז. 343).

ווי אַזוי ערנסטע שרייבער האָבן געקענט שרייבן וועגן דעם, אַז חסידות האָט עמאַנציפּירט די יידישע פרוי, איז פאַר מיר אַ רעטענעש. דער פאַקט איז, אַז אין אַ סך חסידים-שטיבלעך איז בכלל ניט געווען אַזאַ זאַך ווי אַן עזרת נשים, אַ פלאַץ פאַר פרויען צום דאַווענען. חסידישע פרויען פלעגן אָפט גיין דאַווענען אין דער שטאָטישער שול אָדער אין אַ מתנגדישן בית מדרש.

געווען אָנגענומען ביי חסידים דער מינהג אויף ימים נוראים צו פאָרן צום רבין. געווען אַ סך דערהויבנקייט אין די טעג פון ימים נוראים אין רבינס הויף. אָבער ווידער — די פרוי און די קינדער זיינען אין די הייליקע טעג פון יום-טוב געבליבן איינזאַם. דער חסיד איז אַנטלאָפן פון עצבות, די פאַמיליע האָט באַקומען אַ דאָפּלטן חלק עצבות.

ניט זעלטן האָט פּאַסירט, אַז אַ הייסער חסיד זאָל מיט אַ מאָל פאַרלאָזן ווייב און קינד און אָוועקפאָרן צום רבין אפילו אויף עטלעכע חדשים. אַ מאָל פלעגט מען זיך אפילו ארויסגנבענען פון דער היים, ווייל מען האָט זיך געשעמט פאַר ווייב און קינד.

און אזוי איז עס אָפט געווען שבת. אַ סך חסידים, טאָקע די הייסע חסידים, פלעגן שבת פאַרברענגען מער אין שטיבל ווי אין דעם קרייז פון דער פאַמיליע.

דער טרוקענער מתנגד האָט געגעסן שלש סעודות צוזאַמען מיט דער פאַמיליע. נאָך שלש סעודות איז דער מתנגד ארויס מיטן ווייב און מיט די קינדער צוזאַמען שפּאַצירן. אין שטיבל איז, אמת, געווען פריילעכער. און דאָך געפעלט מיר אויך אין דעם פאַל א סך מער דער וועג פון די מתנגדים.

אין שולחן ערוך, וואָס איז אַזוי שאַרף קריטיקירט געוואָרן פון אונדזערע נעאָ־חסידישע ראָמאַנטיקער, ווערט, למשל, געזאָגט:

״זינט כמה דורות איז מען זיך נוהג, אז מען מישט זיך ניט צו פיל אין די ענינים פון פאַמיליע־לעבן. אפילו ווען איינער בעמט אַ פרוי און האָט מיט איר אָפּגעלעבט צען יאָר און זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער, צווינגט מען ניט דעם מאַן, ער זאָל זיין פרוי אָפּגעטן, אפילו ווען ער האָט ניט מקיים געווען די מיצווה פון פריה ורביה״ (אבן העזר, סימן א׳). אַזוי שטייט אין שולחן ערוך, אזוי האָבן זיך געפירט מתנגדים. אין דער חסידישער וועלט פלעגט אָבער יע פּאַסירן, אַז אַ רבי זאָל זיך אַריינמישן אין פאַמיליע־ענינים. און זאָל געבן קלאָר צו פאַרשטיין אַ חסידישן יונגן מאַן (און ניט נאָר אַ יונגן מאַן), ער זאָל אָפּגעטן זיין פרוי, אויב זי האָט נאָך צען יאָר ניט געהאַט קיין קינדער. שלום אש האָט אַזאַ סיטואַציע באַשריבן אין זיין דערציילונג ״א גט״:

״דאָס ווייבל איז געווען אַ כשר יידיש ווייבל, דעם דין געהאַלטן און ליב געהאַט דעם מאַן... איז ער געפאָרן איין מאָל צום רבין, אַ צווייטן מאָל, געבעטן אויף קינדער — האָט מען געהייסן וואַרטן. און אַז עס זיינען פול געוואָרן די צען יאָר, האָט דער רבי זיך גטן געהייסן״.

דער שיין פרייער ציטירטער יחזקאל קאָטיק דערציילט אַ פאַל, ווען אַ חסידישער רבי האָט געהייסן איינעם פון זיינע חסידים אָפּצוגטן זיין פרוי, מיט וועלכער ער האָט געלעבט צוזאַמען עטלעכע און פערציק יאָר... ״ביידע זיינען געווען ווונדערלעך גוטע מענטשן... ביידע זעכציק־יעריקע״. אָבער דער רבי האָט געהייסן זיך גטן און דער חסיד האָט געפאָלגט.

חסידות פאַרדינט אונדזער גרעסטן אינטערעס און אונדזער גרעסטע אָנער־קענונג. אָבער לאָמיר זיך היטן פאַר איבערטרייבונגען.

אַלטע און יונגע אין אונדזער צייט

אין ספר מלכים ווערט דערציילט: ווען רחבעם, דער זון פון שלמה, איז ארויף אויפן טראָן פון ישראל, האָט דאָס פאָלק געבעטן ביים נייעם קיניג מען זאָל גרינגער מאַכן דעם שווערן יאָך, וואָס שלמה המלך האָט ארויפגעלייגט אויף דער באַפעלקערונג. דער קיניג רחבעם האָט זיך אָן עצה געהאַלטן מיט זיינע ראַט־געבער, וואָס צו טאָן. די זקנים, די אַלטע לייט, וואָס האָבן נאָך געדינט פאַרן קיניג שלמה, האָבן אים געראָטן נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון דער באַפעלקערונג. איז אים די עצה ניט געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך מיישב געווען מיט די

יינגערע באַאַמטע, וואָס זיינען געווען זיינע חברים פון די קינדער־יאָרן. די "יינגלעך", ווי דער ספר מלכים רופט זיי אָן, האָבן אים געגעבן די עצה, צו זיין שטרענג מיטן פאָלק און ניט נאָכצוגעבן אויף א האָר. האָט רחבעם געפאָלגט די עצה פון די "יינגלעך". דער רעזולטאַט איז געווען — די מלוכה איז זיך צעפאַלן. די צען שבטים פון ישראל זיינען געוואָרן זעלבשטענדיק און בלויז די באַפעלקערונג פון יהודה איז געבליבן מיטן קיניג רחבעם.

די גרויסע פּראָבלעם פאַר יעדער תקופה איז — ווי צו פאַראייניקן אויף אַ האַרמאָנישן אופן די דערפאַרונג און די אָנגעזאַמלטע חכמה פון דעם אַלטן דור מיט דער אידעישער מוטיקייט און אינספּיראַציע פון דער יוגנט.

די פראַגע וועגן דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער ראָל פון דעם עלטערן דור, פון די עלטערע מענטשן, איז אין אונדזער צייט געוואָרן באַזונדערס אַקטועל. די צאָל עלטערע מענטשן איז היינט גרעסער, אַ סך גרעסער, ווי מיט צוויי־דריי דורות צוריק. נויט, אין סאַמע עלעמענטאַרן זיך פון וואָרט, איז, אין אַמעריקע למשל, על פּי ערך ניט צו קיין אָפּטע דערשיינונג. עס איז אָבער פאַראַן אַ סאָציאַלע און מאָראַלישע פּראָבלעם. דער עלטערער מענטש, וואָס פאַרלירט זיין שטענדיקע אַרבעט, הויבט אָן אַ מאָל פילן, אַז ער איז איבעריק, אַז קיינער נייטיקט זיך אין אים ניט מער. און אַ מענטש האָט, געוויינטלעך, אַן אינערלעכן דראַנג צו זיין נוצלעך, עפּעס אויפצוטאָן. עס איז שווער צו לעבן בלויז פאַר זיך אַליין. די פריערדיקע דורות האָבן די פּראָבלעם ווייניקער געפילט. קודם כל איז די צאָל עלטערע לייט ניט געווען אַזוי גרויס. דער עיקר אָבער — אין דעם קליינעם שטעטל און אין דאָרף האָבן דאָס רוב עלטערע מענטשן גרינגער געקאָנט פירן אַ פּראָדוק־טיוון אַרבעטסלעבן. אַ מענטש, וואָס אַרבעט פאַר זיך — אַ פאַרמער, אַ בעל מלאכה, אַ קליינער קרעמער — קען צופּאַסן דעם טעמפּ פון זיין אַרבעט צו זיינע כוחות. אַ חוץ דעם — מען לעבט צוזאַמען מיט דער משפחה, אַ פרוי קען אַרויסהעלפן, קינדער נעמען איבער אַ טייל אַרבעט, אַ יינגערער שכן לייגט אַ מאָל צו אַ האַנט. גיט מען זיך ווי עס איז אַן עצה.

דער חלום פון יעדן מענטשן איז — זיך צו עלטערן אין נחת און אין כבוד. פריערדיקע דורות, דוכט מיר, האָבן אָט די פּראָבלעם בעסער פאַרשטאַנען.

ווי די אויספאָרשונגען האָבן באַוויזן, איז איינזאַמקייט איינע פון די סאַמע שווערסטע פּראָבלעמען פון די עלטערע יאָרן. על פּי רוב זיינען מענער און פרויען שוין אין די פופציקער באַפרייט פון דער זאָרג פאַר די קינדער. מען גייט שוין אַריבער אין דער קאַטעגאָריע פון זיידע־באָבע. מען קען נאַטירלעך אויך האָבן נחת פון אייניקלעך. דאָס פילט אָבער ניט אויס אינגאַנצן דעם מענטשן. גאָרניט אין אַן ערך ערנסטער זיינען די פאַלן, ווען מען בלייבט אינגאַנצן אַליין. דער פאַקט איז, אַז איבער אַ העלפט פון די פרויען אין עלטער פון איבער 65 יאָר לעבן אַליין. די מייסטע פון זיי זיינען אלמנות. אויך ביי מענער איז די צאָל, וואָס לעבן אָן פאַמיליעס, אַ גאַנץ גרויסע און זי ווערט מיט די יאָרן נאָך גרעסער.

אין אַ סך פאַלן פאַרלירט דער עלטערער מענטש ביים פאַרלאָזן זיין אַרבעט

אַ היפּשע צאָל פון אַלטע פריינד און באַקאַנטע. צו דעם קומט צו, וואָס מיט די באַשיידענע מיטלען, וואָס דער עלטערער מענטש האָט אין זיין רשות, איז ער אָפּט געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון אַקטיווער באַטייליקונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. געהערן צו אַן אָרגאַניזאַציע, טאָן געוויסע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, איז אָפּט פאַרבונדן מיט הוצאות, וועלכע דער עלטערער מענטש קאָן זיך מער ניט פאַרגינען. דאָס אַלץ שאַפט ניט זעלטן אַ שטימונג פון פאַרלאָזנקייט און עלנט.

די אַמאָליקע דורות האָבן פון דער לעבנס־וויייזהייט פון די אַלטע גאָר אַ סך געהאַלטן: אַ מאמר אין תלמוד, למשל, זאָגט: ״אין זקן אלא מי שקנה חכמה״, אַ זקן הייסט נאָר יענער, וואָס האָט זיך אין זיין לעבן איינגעשאַפט חכמה. אויך דער דיכטער פון איוב האָט געהאַלטן, אַז די עלטער פון דעם גרייז ברענגט מיט זיך חכמה און די דערפאַרונג פון יאָרן ברענגט מיט זיך וויזהייט (בישישים חכמה ואורך ימם תבונה). האָט מען אין די הענט פון די זקנים אָפּט איבערגעגעבן די פירונג פון קהלשע ענינים.

מיט דעם איז געווען פאַרבונדן אַ גאַנצע קולטור פון דרך ארץ פאַרן עלטער: ״פאַר אַ גרייז זאָלסטו אויפשטיין, גיב אָפּ כבוד דעם זקן און דו זאָלסט מורא האָבן פאַר דיין גאָט״ (מפני שיבה תקום והדרת פני זקן ויראת מאלהיך אני ה׳). אָפּגעבן כבוד אַן עלטערן מענטשן ווערט דאָ פאַרגליכן מיט דער מורא און דעם רעספּעקט פאַר גאָט. און אין תוך גענומען איז באמת פאַראַן גאָר אַ נאָענטע קרובהשאַפט צווישן אונדזערע הייליקסטע רעליגיעזע סענטימענטן און דער באַציונג פון רעספּעקט צום עלטערן דור.

מיר דוכט, אַז גראָד אין אונדזער יידישער וועלט איז דאָס אַ צענטראַלע פּראָבלעם. אונדזער צייט האָט פאַרלאָרן דעם רעספּעקט פאַר דורות, פאַר אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט עלטער. מען וואַרפט ארויס אַלטע מעבל, אַלטע בגדים, עס ווערט מיאוס די אַלטע דירה, די אַלטע געגנט, ווו מען האָט געלעבט, און אַפילו אַלטע טאַטע־מאַמע זיינען אָפּט ניט קיין גרויסער יחוס. דאָס איז, נאַטירלעך, אַן אַלגעמיינע דערשיינונג. אין אונדזער יידישער וועלט קען עס, אזוי וויזט מיר אויס, ברענגען קאַטאַסטראָפאַלע רעזולטאַטן.

יידיש לעבן און יידישע קולטור זיינען געבויט אויף רעספּעקט פאַר דורות און פאַר טראַדיציע. דאָס איז, אגב, דער סימן פון עכטער קולטור. דער אמתער קולטור־מענטש פאַרשטייט דעם ווערט פון אַנטיקן. די געשטאַלט פון דעם אַלטן תלמיד חכם, פון דעם גרייז־גרויען צדיק, פון דעם שטילן זיידן, וואָס זיצט ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים ספר, פאַרנעמט דעריבער גאָר אַ חשובן פּלאַץ אין דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור, און אויך אפילו אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור. נאָך וויכטיקער איז אין דעם פּרט די מעמוּאַרן־ליטעראַטור. כאַראַק־טעריסטיש זיינען, לויט מיין מיינונג, די מעמואַרן פון שלום עליכם און ביאַליק. ביידע שרייבער צייכענען מיט ליבע און רעספּעקט די געשטאַלט פון דעם זיידן, דעם לערנער, וואָס האָט זיך שוין ווייניק פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן. און עס קען קיין ספק ניט זיין, אַז אין זייער גאַנץ לעבן האָבן ביאַליק און שלום עליכם

געטראָגן מיט זיך די רירנדע זכרונות, וואָס האָבן זיי פארבונדן מיט די מאיעסטע־טישע געשטאַלטן פון די זיידעס.

אויך אין אונדזער צייט דאַרפן די זיידעס און די באָבעס ווערן דער סימבאָל פון אַ געלייטערט קולטורלעבן. אַן עלטערער מענטש דאַרף זיך ניט יאָגן צו דעמאָנסטרירן זיין יוגטלעכקייט. אין דעם פּרט איז שווער און אפילו אויסזיכטס־לאָז צו קאָנקורירן מיט די אמתע יונגע. עס איז דאָ אַ שיינקייט פון עלטער, אַן איידלקייט פון יאָרן, א קולטור פון מענטשן, וואָס האָבן אַ סך דורכגעלעבט און אַ סך איבערגעלעבט. דאַרף מען טראָגן מיט ווירדע די משא פון יאָרן!

עס איז אָפט פאַראַן אַ סך מער גייסטיקע נאָענטקייט צווישן די אייניקלעך און זיידע־באָבע ווי צווישן די קינדער און טאַטע־מאַמע. איז ממילא דער ביישפּיל פון די עלטערע און זייער איינפלוס אויפן דריטן דור אָפט אַן אַנטשיידנדיקער. אויך זיידע־באָבע שפּילן אָפט אַ גרויסע ראָל אין דער דערציונג פון דער יוגנט.

דער שבתדיקער דור

דער פּראַקטישער, געשעפטלעכער צוגאַנג צום מענטשן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער צייט, האָט אין זיך אין גאַר אַ גרויסער מאָס פּראָבלעמען פאַרן יונגן דור און פּראָבלעמען פאַרן עלטערן דור. האָט אַ מענטש אַן אַנערקענטע פּאָזיציע — האָט ער געלט, האָט ער כבוד, האָט ער חכמה. נעמט ביי דעם זעלביקן מענטשן אַוועק זיין פּאָזיציע, איז אויס חכמה און אויס כבוד, דאַרף אים מער קיינער ניט. מען ווערט אַ געוועזענער — אַ געוועזענער פּרעזידענט, אַ געוועזענער פירער, אַ געוועזענער טוער, אַ געוועזענער מענטש. דער פּלאַץ אין עקאָנאָמישן לעבן מאַכט דעם מענטשן. האָבן מיר ממילא פּראָבלעמען פון יונגע מענטשן, וואָס אַרבעטן נאָך ניט, און פּראָבלעמען פון עלטערע, וואָס האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן. עס איז דעריבער אינגאַנצן פאַלש, ווען מען שטעלט די פראַגע, וואָס קען מען טאָן פאַר דער יוגנט? וואָס קען מען טאָן פאַר עלטערע מענטשן? די פראַגע איז, וואָס קענען יונגע און עלטערע טאָן, כדי זייער לעבן זאָל האָבן אַ פולן זין, כדי זייער פּלאַץ אין לעבן זאָל ווערן אַנערקענט!

מיר האָבן פאַקטיש אין לעבן פּראָבלעמען פון דריי דורות: דער גאָר יונגער דור, דער מיטעלער דור און די עלטערע, די זקנים. און דער קאָנפליקט צווישן דעם מיטעלן דור און די עלטערע קען אָפט זיין ניט ווייניקער קאָמפּליצירט, ניט ווייניקער טראַגיש ווי דער קאָנפליקט צווישן די יונגע און דעם מיטעלן דור.

אין חומש ויקרא ווערט דערציילט, ווי צוויי קינדער פון אהרן הכהן, נדב און אביהו, זיינען פאַרברענט געוואָרן. פּרובירט אונדז די גמרא צו ערקלערן, פאַרוואָס זיינען אהרנס קינדער אַזוי שטרענג באַשטראָפט געוואָרן. אהרן און משה זיינען געגאַנגען אין וועג, זאָגט אונדז דער תלמוד, נדב און אביהו, אהרנס קינדער, זיינען געגאַנגען הינטער זיי, און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל איז זיי נאָכגעגאַנגען.

רופט זיך אָפּ נדב צו אביהו ״ווען וועלן די צוויי אַלטע שיין שטאַרבן, און איך און דו וועלן ווערן די פירער פון דעם דור״. האָט דערפאַר גאָט זיי באַשטראָפט און זיי האָבן ניט אויסגעלעבט זייערע יאָרן. זיי האָבן ניט דערלעבט צו ווערן די יורשים פון משה און אהרן.

פאַראַן בלי ספק געוויסע פּאָזיציעס, וואָס אַן עלטערער מענטש מוז אָפּגעבן. פון דער אַנדערער זייט געפינען מיר אויף פאַרשיידענע געביטן עלטערע מענטשן, וואָס זיינען זייער און זייער אַקטיוו. עס לאָזן זיך ניט פאָרמולירן קיין אַלגעמיינע געזעצן.

די פּראָבלעם איז, ווי געפינט מען פּאַסיקע מעגלעכקייטן פון אַרבעט און ניצלעכע באַשעפטיקונג פאַר אלעמען ? עס מוז כסדר געשאַפן ווערן פּלאַץ פאַר די יינגערע און עס מוז אויך געשאַפן ווערן דער געהעריקער פּלאַץ פאַר די עלטערע. דאָס פאָדערט א סך פאַרשטענדעניש און טאַקט פון אלעמען, סיי פון די עלטערע און סיי פון די יינגערע.

אין ״די גאָלדענע קייט״ האָט אונדז י.ל. פרץ געגעבן אַ חסידישע פאַמיליע־דראַמע פון דורות.

דער ערשטער אַקט שפּילט זיך אָפּ שבת צו נאַכט. אַ ווינטערדיקע קאַלטע נאַכט, עס איז שטאַרק פינצטער, עס איז שיין וואָך, אָבער דער אַלטער רבי ר׳ שלמה וויל קיין הבדלה ניט מאַכן. און כל זמן יידן מאַכן ניט קיין הבדלה, איז נאָך אַלץ שבת, איז ניטאָ קיין וואָך.

און דאָ שילדערט אונדז פרץ די גרויסע וועלט־היסטאָרישע דראַמע — די מלחמה צווישן שבת און וואָך. דער אַלטער ר׳ שלמה וויל ניט אָנערקענען די וואָכעדיקע וועלט. און יידן, פּשוטע יידן, יידן פון אַרבעט און געשעפט, מוזן דאָך לעבן. פאַרלאַנגען זיי, מען זאָל מאַכן הבדלה.

און וואָס וועט זיין ?\
רבי, וואָס וועט זיין ?\
ענטפערט ר ׳שלמה : שבת זאָל זיין !\
שבת !\
נישט געאַקערט,\
נישט געזייט,\
נישט געבויט און נישט פאַרריכט,\
נישט געהאַנדלט, נישט געוואַנדלט . . .

דעם אַלטן ר׳ שלמה זיינען שווער געוואָרן די וואָכעדיקע יידן, רופט ער צו די שבתדיקע, די יום־טובדיקע יידן. און ר׳ שלמהס אוראייניקל, יונתן רופט זיך אָפּ צו זיין שוועסטער :

אויפן עלטערזיידן קוק,\
ווי א מלאך —\
אין דער קדושה איינגעהילט.

ס'איז אָבער געווען צו פיל קדושה פאַרן פאָלק, פאַרן פּשוטן מענטשן. האָט ר' פּנחס, דער זון פון דעם אַלטן ר' שלמה, געמאַכט הבדלה. האָט געמאַכט ווידער וואָך:

דער עולם האָט געבעטן,
דער עולם האָט פאַרלאַנגט,
געהייסן האָט דער עולם...

און ר' פּנחס פאַרנעמט דעם טאַטנס שטול, דעם שטול פון דעם אַלטן ר' שלמה. אין געראַנגל צווישן שבת און וואָך, האָט געזיגט די וואָך.

פאַראַן אַ טיפער זין דערין, וואָס י.ל. פּרץ האָט דאָ אונדז פאַרגעשטעלט דעם קאַמף פון דורות, אַפילו אין דער פרומער חסידישער משפחה פון דעם גרויסן רבין ר' שלמה, ווי אַ קאַמף צווישן שבת און וואָך. די סימפּאַטיעס פון י.ל. פּרץ און פון אַלע אונדזערע מאָדערנע וועלטלעכע יידן זיינען מיטן אַלטן ר' שלמה, מיט דעם רבין, וואָס איז גרייט אַפילו אַז "חרוב זאָל ווערן די וועלט", כּדי אויפצוהאַלטן שבתדיקייט, כּדי די שבתדיקע, די יום־טובדיקע יידן זאָלן פירן די וועלט. מען קען אָבער האָבן אויך אַן אַנדער מיינונג. מען קען פאַרשטיין דעם עולם, וואָס האָט געהייסן מאַכן הבדלה. מען קען פאַרשטיין ר' פּנחסן, וואָס האָט מסכּים געווען צו מאַכן הבדלה. יעדנפאַלס זעען מיר דאָ דעם קאָנפליקט צווישן שבת און וואָך, צווישן דער געלייטערטער ראָמאַנטיק און די פּראַקטישע פּראָבלעמען פון טאָג, ווי אַ קאָנפליקט פון דורות.

אין אונדזער וואָכעדיקער צייט האָבן מיר גאָר ווייניק פּלאַץ פאַר מענטשן, וואָס פּאַסן זיך ניט אַריין אָדער פּאַסן זיך ניט מער אַריין אין פּראַקטישן לעבן. מיר פאַרשטייען ניט דעם בטלן, דעם איידעם אויף קעסט. מיר פאַרשטייען ניט דעם עלטערן מענטשן, וואָס איז אָוועק פון וואָכעדיקייט און וויל זיך פאַרנעמען מיט מאַכן שבת, מיט לערנען, מיט טראַכטן וועגן העכערע פּראָבלעמען, מיט חלומען וועגן משיח'ס צייטן.

דערפאַר איז די פּראָבלעם אין אונדזער וועלטלעכער ציוויליזאַציע גאָר באַזונדערס שאַרף. דער עלטערער פרומער ייד האָט נאָך געקענט אַ סך אויפטאָן, אַפילו ווען זיינע פיזישע כּוחות האָבן אים שוין ווייניק געדינט. ער האָט געקענט אָנקלייבן אַ פאַרמעגן עולם הבא: נאָך אַ מצווה, נאָך אַ קאַפּיטל תהילים, נאָך אַ פּרק משניות, נאָך אַ בלאַט גמרא. פאַר דעם היינטיקן וועלטלעכן מענטשן איז די לאַגע אַ סך שווערער.

די געשטאַלט פון דעם זיידן אין יידישן קולטורלעבן

עס קען אָפט זיין אַ גרעסערע גייסטיקע נאָענטקייט צווישן זיידע־באָבע און אייניקלעך ווי צווישן קינדער און עלטערן. פאַראַן אויך מער פאַרשטענדעניש צווישן די גאָר יונגע און די גאָר אַלטע.

אין זיין בוך "דאָס איז מיין גאָט" ברענגט דער באַקאַנטער שריפטשטעלער הערמאַן וואוק באַזונדערס אַרויס די ווירקונג, וואָס אויף אים האָט געהאַט זיין זיידע.

דער זיידע פון הערמאַן וואוק איז געווען אַ רב, אַ רב אַ תלמיד חכם. דער אַלטער רב האָט זיך צו אַמעריקע ניט צוגעפּאַסט. און דאָך האָט זיך געשאַפן אַ מערקווערדיקע גייסטיקע נאָענטקייט צווישן דעם זיידן און דעם אייניקל. אַמעריקע, באַמערקט הערמאַן וואוק, האָט מיר אַ סך געגעבן, דערפאַלג און מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. אָבער גראָד אָט דאָס דערפאָלגרייכע לעבן האָט אַרויסגעלאָזן פון חשבון מיין זיידן, דעם מענטשן, וואָס האָט אויף מיר געהאַט דעם שטאַרקסטן איינפלוס.

מען וואָלט געקענט אַ סך שרייבן וועגן דער טעמע — דער זיידע אין יידישן קולטור־לעבן. דער באַקאַנטער סאָציאַליסטישער דענקער משה העס איז אין לויף פון יאָרן געווען ווייט פון יידישקייט. דאָס איז אין יענער צייט געווען נאַטירלעך פאַר אַ יידישן סאָציאַליסטישן אינטעליגענט. משה העס האָט אָבער סוף כל סוף געפונען צוריק זיין וועג צום פאָלק, ווי ער האָט עס אַזוי קלאָר אַרויסגעבראַכט אין זיין ווערק "רוים און ירושלים". עס איז געווען די געשטאַלט פון דעם זיידן, פון דעם זיידן דעם לערנער, וואָס האָט דעם סאָציאַליסט משה העס געבראַכט צוריק צום יידישן לעבן.

אויך אין אונדזער צייט, און דווקא אין אונדזער צייט, איז דער עלטערער מענטש באַרופן צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָל. עס איז אָבער נייטיק, אַז גראָד דער עלטערער דור זאָל זיך וועגן דעם אָפּגעבן אַ חשבון. פאַראַן אַן אויסשטראַלונג פון גרויסער מענטשלעכקייט, פון גרויסע מאָראַלישע ווערטן, וואָס די יאָרן פון עלטער מאַכן מעגלעך.

אין אונדזער יידישער און העברעישער מעמואַרן־ליטעראַטור פאַרנעמען די געשטאַלטן פון זיידע־באָבע גאַר אַ חשובן פּלאַץ. איך וועל זיך דאָ באַנוגענען מיט ברענגען אייניקע גרעסערע אויסצוגן פון דער אויטאָביאָגראַפיע פון שלום עליכם.

דער שטרענגער און פרומער זיידע האָט איבערגעלאָזן גאַר אַ שטאַרקן רושם אויפן אייניקל:

"פונדעסטוועגן זיינען געווען מינוטן, וואָס דער זיידע משה יאָסי איז אים (שלום עליכמען) געווען אויך צום האַרצן, ליב און טייער". איין מאָל, דערציילט שלום עליכם, האָט ער געטראָפן דעם זיידן, ווי ער דינגט זיך מיט דער באָבען. ער האָט געבעטן ביי איר געלט פאַר אַ געוויסן עני און די באָבע איז ניט געווען צופרידן דערפון. "דאָס האָט ער זיך געדונגען ניט פאַר זיך — פאַר צדקה, פאַר זיינע אָרעמע חסידים, וואָס אין קלויז, און זי האָט געטענהט איינס: מע דאַרף ניט, זי האָט אירע אייגענע יתומים — אויף זיי איז מער רחמנות".

דאָן דערציילט אונדז שלום עליכם ווייטער וועגן דער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביים זיידן:

"...איין מאָל האָט ער געטראָפן דעם זיידן זיצן ביי זיך אין חדר מיוחד, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין... די אויגן צוגעמאַכט, עפּעס גאַרניט בהאי עלמא,

און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָבן ביי אים די אויגן געשיינט און געלויכטן...
די שכינה האָט אויף אים גערוט און ער האָט גערעדט ווי צו זיך אליין...

"אדום וועט ניט לאַנג געוועלטיקן... די ישועה איז נאָענט! ...קום אהער, מיין קינד, זיץ אַ ביסל, וועלן מיר שמועסן פונם קץ, פון משיחן: וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען...

און דער זיידע משה יאָסי האָט גענומען דערציילן פאַר זיין אייניקל, וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען, מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזוי פיל היץ און מיט אַזעלכע פלאַמענדיקע פאַרבן, אַז דער אייניקל האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן פונם זיידן... און דער זיידע משה יאָסי האָט מבטל געווען די וועלט לגמרי און האָט זיך אריבערגעטראָגן אינגאַנצן, אינגאַנצן מיטן אייניקל... אויף יענער וועלט, דאָרטן, צווישן סאַמע צדיקים און מלאכים און שרפים און כרובים... און צדיקים זיצן און לערנען און האָבן הנאה פון דער שכינה... און די לוויים זינגען, און דוד המלך קומט ארויס אַנקעגן מיט א פידל און זינגט רבנו צדיקים...

דאָ הויבט אָן דער זיידע משה יאָסי זינגען אויף אַ קול... און דאָס פּנים לויכט אים און אליין איז ער נישט בהאי עלמא: ער איז דאָרטן ערגעץ, ווייט, ווייט..."

וואָס פאַרלאַנגט אָן אייניקל פון זיין זיידן? אונדזער גרויסער קינסטלער גיט אונדז דעם ענטפער: יונגע מענטשן קענען זיין טרוימער, יונגע מענטשן לעבן אַ סך מיט חלומות, יונגע מענטשן זיינען נאָך ניט גענוג פּראַקטיש. דערין באַשטייט דאָך דער צויבער פון דער יוגנט. דער קינסטלער שלום עליכם ווייזט אונדז דאָ — וואָס האָט פאַראייניקט דעם יונגן שטיפער מיט דעם אַלטן און שטרענגן משה יאָסי. עס איז געווען דער משיחישער חלום, דער חלום פון אַן אַנדער וועלט, עס איז געווען די געשטאַלט פון דעם זיידן, ווען "די שכינה האָט אויף אים גערוט", וואָס איז פאַרבליבן אין זכרון פון דעם אייניקל. איז עס אונדזער חוב צו שאַפן גענוג פּלאַץ פאַר די זיידעס און באָבעס אין אונדזער קולטור־לעבן. מיר ווילן גאַרניט האָבן וואָס איבערצולאָזן פאַר אונדזערע אייניקלעך, אויב מיר ווילן ניט באַווייזן דעם כוח אָפּצוהיטן די ירושה פון די זיידעס.

די פילאָזאָפיע פון דער יידישער דערציונג

די אַלטע טראַדיציאָנעלע יידישקייט נויטיקט זיך ניט אין אַ נייער פילאָזאָפיע פון יידישער דערציונג. מען קען בלויז ריידן וועגן אַ נייער פאָרמולירונג פון די אַלטע און אייביקע יידישע אמתן. אַ סך מער פאַרפּלאָנטערט ווערט דער גאַנצער ענין, ווען מיר ריידן וועגן אַ מאָדערנער, וועגן א היינטוועלטיקער יידישער דערציונג. אַזוי לאַנג ווי יידיש איז געווען אונדזער אַלעמענס מאַמע־לשון, די שפּראַך פון די גרויסע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז די באַגרינדונג פון אַ מאָדערנער יידישער דערציונג געווען זייער און זייער אָן איינפאַכע. מען

האָט זיך געהאַלטן ביי דעם פּעדאַגאָגישן פּרינציפּ, אַז מאַמע־לשון איז דער בעסטער וועג, כדי צוצוקומען צו דער נשמה פון דעם יונגן תלמיד. קיין באַזונדערע פילאָזאָפיע פון יידישקייט און יידישער דערציונג איז גאָרניט געווען בייטיק.

דער מצב האָט זיך אָבער אין די לעצטע צוויי דורות ראַדיקאַל געענדערט. יידיש איז היינט ניט מער די מוטערשפּראַך פון די תלמידים פון אונדזערע שולן אויף יידיש. איז פאַרלוירן געוואָרן די פּראַקטישע פאַרענטפערונג און באַרעכטיקונג אין אונדזער קאַמף פאַר יידיש און יידישער דערציונג.

דער אמת איז, אַז אויך די ראַדיקאַלע יידישיסטן האָבן געהאַט אַ פילאָזאָפישן צוגאַנג צו דעם ענין פון יידישער דערציונג, הגם זיי האָבן ניט געהאַט דעם מוט עס צו זאָגן. אויך וועלטלעכע יידישיסטן האָבן געטראַכט אין טערמינען פון יידישער געשיכטע, פון יידישער אייביקייט. אָבער אַזאַ באַגרינדונג וואָלט געקלונגען צו מעטאַפיזיש. און מיר האָבן דווקא געזוכט פּראַקטישע און רעאַליסטישע יסודות. האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אַז די סאַמע פּשוטע און טאָג־טעגלעכע יידישע אַרבעט פאָדערט אַ טעאָרעטישע און פילאָזאָפישע באַגרינדונג.

די אייגנטלעכע טעאָרעטישע באַגרינדונג פאַר אַ יידישער דערציונג איז — די ווירקלעכקייט פון דער יידישער געשיכטע. דער איינצעלנער יידישער מענטש לעבט ניט נאָר מיט זיינע פּערזענלעכע פּראָבלעמען. ער לעבט אויך מיט די דורות, וואָס זיינען געווען פאַר אים, ער איז אַ שותף צו דער יידישער טראַדיציע. פאַרגאַנגענע דורות לעבן אין אונדז און מיט אונדז און אויך אונדזער לעבן וועט געפינען זיין המשך אין די קומענדיקע דורות, אין דער יידישער אייביקייט. די געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז ווירקלעכקייט, די יידישע געשיכטע לעבט אין אונדז און מיט אונדז. און דערין באַשטייט דער אייגענטלעכער זין פון יידישן קולטורלעבן, פון יידישער דערציונג. יידישע קולטור איז די רעאַליזירונג פון דער יידישער געשיכטע, פון דער יידישער אייביקייט. און דאָס איז נאָך מער ריכטיק וועגן דער יידישער דערציונג. אזוי איז די גאַנצע יידישע דערציונג אין תוך אַ רעליגיעז־פילאָזאָפישער וועג.

יידישע דערציונג און יידישע קולטור איז ממילא אַ גייסטיקע דעמאָקראַטיע פון דורות. די גרויסע דענקער און דיכטער פון אַלע צייטן קומען צו אונדז און ריידן מיט אונדז. יידישע דערציונג און יידישע קולטור איז דער גרויסער דיאַלאָג פון דער יידישער געשיכטע. עס איז דער לעבעדיקער וויכוח צווישן יידן פון אַלע צייטן. מיר זאָגן זיך ניט אָפּ פון אונדזער היינט און מיר פאַרלייקענען ניט אונדזער נעכטן. מיר שאַפן כסדר נייע פאָרמען פון יידיש לעבן און מיר היטן אָפּ אין דער זעלביקער צייט די ירושה פון די פריערדיקע דורות. יידיש קולטור־לעבן איז אַ דעמאָקראַטיע פון דורות, אויך די דורות פון אַמאָל קומען צום וואָרט.

עס איז גאָרניט מעגלעך קיין יידישע דערציונג אָן א רעליגיעז־פילאָזאָפישן צוגאַנג. יידישקייט איז גלויבן. אָן אמונה איז ניט מעגלעך קיין מאָדערנע יידישע קולטור. דער יידישיסט גלויבט אין יידיש, פּונקט ווי דער ציוניסט האָט טיף

געגלויבט אין דעם אויפבוי פון ארץ ישראל נאָך מיט איבער זעכציק יאָר צוריק, ווען די פּיאָנערישע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. אַלע אונדזערע אידעאַלן זיינען אין תוך פאַרבונדן מיט אַ מעטאַפיזישן גלויבן. און אין יעדער פאָרם פון מענטשלעכען אידעאַליזם געפינען מיר עלעמענטן פון גלויבן, פון אַ רעליגיעז־פילאָזאָפישן גלויבן.

מיר אַלע, אויף וויפל מיר טראַכטן וועגן יידישן חינוך, קענען ניט לייקענען, אַז מיר זיינען ווי געשטאַנען ביים באַרג סיני. דער יידישער מענטש מיט אַ רעליגיעז־פילאָזאָפישן צוגאַנג וועט זאָגן: אין דער יידישער פאָלקס־טראַדיציע אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די געטלעכקייט. דערפאַר איז פאַר אונדז די תורה שבעל פה פונקט אזוי הייליק ווי די תורה שבכתב. אנקעגן דעם וועט דער ניט־רעליגיעזער מענטש זאָגן, אַז די יידישע טראַדיציע איז אַ פּראָדוקט פון דער העכסטער און דערהויבנסטער שעפערישקייט פון אונדזער פאָלק. ער וועט געפינען הייליקייטן אין דעם גאַנג פון דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק און אין די גרויסע קולטור־ווערטן, וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן. די פילאָזאָפיע פון דער יידישער דערציונג איז דערפאַר אַ פילאָזאָפיע פון דער יידישער געשיכטע, אַ פילאָזאָפיע פון דעם שעפערישן וועג פון דורות יידן, פון דריי און אַ האַלב טויזנט יאָר יידיש לעבן.

דעריבער איז פאַר אונדז טייער אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער יידישער געשיכטע, מיט דער יידישער שעפערישקייט. — אונדז איז טייער יידיש לשון, ווייל די קלאַנגען פון יידיש פאַרבינדן אונדז מיט טויזנט יאָר יידיש לעבן. און דערפאַר איז אונדז אויך טייער העברעיש, די שפּראַך פון תנ״ך, די שפּראַך פון יידישער הייליקייט; דערפאַר זיינען אונדז טייער די יידישע מינהגים, די יידישע טראַדיציעס; דערפאַר איז אונדז נאָענט און טייער אַלץ, וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן.

מיר האָבן אָבער ניט די מעגלעכקייט אַלץ אָפּצוהיטן, מיר האָבן ניט די מעגלעכקייט אַלץ צו לערנען. די געוואַלדיקע רייכקייט פון אונדזער קולטור־ירושה איז פאַר אונדז געוואָרן אַ פּראָבלעם. זוכן מיר אַ פאַסיקן אויסוועג.

און דערמיט קומען מיר צו דעם צענטראַלן מאָטיוו פון דער יידישער פילאָזאָפיע, דאָס איז די אידעע פון דעם שעפערישן מענטשן, ניט פון דעם מענטשן, וואָס ווערט אַ קנעכט פון די באַדינגונגען, נאָר פון דעם מענטשן, וואָס שאַפט אליין די באַדינגונגען פון לעבן. דער מענטש, וואָס שאַפט געשיכטע.

דער גלויבן אין דעם שעפערישן מענטשן איז אין גאָר אַ באַזונדערער מאָס דער זין פון דער יידישער דערציונג. דער תלמיד מוז זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז מיט דעם, וואָס ער לערנט יידישקייט, נעמט ער אויף זיך אַ היסטאָרישע שליחות. ער נעמט אויף זיך די פליכטן, ער נעמט אויף זיך דעם יאָך פון יידיש לעבן. ער נעמט אויף זיך די התחייבות אָפּצוהיטן די יידישע קולטור־ירושה און מיטצוהעלפן אין דעם קאַמף פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק. יידישע דערציונג איז אַ גרויסע שליחות.

וואס דארף א יידיש קינד לערנען

מיר באוואונדערן מיט רעכט די גרויסע טראַדיציע פון דער יידישער דערציונג, דורך דער גאַנצער גלות־צייט ביז צו אונדזער צייט, ביז צום אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט. מיר מוזן אָבער אויך האָבן אין זינען, אַז די טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג איז געווען אַ שטאַרק איינזייטיקע. אין חדר אָדער אין ישיבה האָט מען פּאַקטיש קיין וועלטלעכע לימודים ניט געלערנט. די אַלגעמיינע שולן האָבן יידישע קינדער וויניק באַזוכט.

דער יידישער מענטש האָט אייגנטלעך זיין גאַנץ לעבן געלערנט. ניט געקוקט דערויף זיינען ניט אַלע יידן געווען לומדים. דאָס אליין באַווייזט אונדז גענוג קלאָר, ווי אומגעהויער שווער איז דער ענין פון יידישן חינוך. יידישע דערציונג פאָדערט אָן אַ שיעור צייט, אַ סך עקשנות און גאָר אַ סך ליבע. די צענטראַלע פּראָבלעם, וואָס שטייט פאר אונדז איז: ווי קען מען פאראייניקן אַ גוטע וועלטלעכע דעדציונג מיט אַ גוטער יידישער דערציונג. דאָס איז אַן אויסערגעוויינטלעך שווערע אויפגאַבע.

די ערשטע פראַגע איז — צייט, ווו נעמט מען צייט פאר יידישקייט ? און די צווייטע פראַגע איז ניט וויניקער וויכטיק. איך האָב דא אין זינען דעם ווילן צו לערנען.

איינע פון די גרעסטע שוועריקייטן אין אונדזער יידישן חינוך איז דאָס פעלן פון אַ ליידנשאפטלעכן ווילן צום לערנען. צום טייל איז עס א רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער שטימונג פון אונדזער תקופה. דער יונגער דור טוט נאָך דעם עלטערן דור. ציפערן באווייזן קלאָר, אז דער ווייט־גרעסטער טייל פון די תלמידים פארלאָזן די יידישע שול נאכדעם ווי זיי האָבן דאָרט פאַרבראַכט קוים צוויי־דריי יאָר. און די סיבה איז, אזוי ווייזט מיר אויס, וואָס אין אונדזער היינטיקער דערציונג פעלט די אידעע, פעלט אַ גרויסער אידעאַל.

דער קריזיס אין אונדזער יידישער דערציונג האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט תורה פארביטן מיט ליטעראַטור, מיט דקדוק. פאַר דעם מאַדערנעם משכיל איז דאָך תנ״ך געווען דער עיקר ליטעראַטור. די נביאים זיינען געוואָרן פאָעטן און אונדזערע פאָעטן זיינען געוואָרן נביאים. מיר האָבן געשאַפן אַ קולט פון ליטעראַטור און שפראַך. מיר האָבן פאַרגעסן, אַז מען קען פון קיין שפּראַך ניט מאַכן קיין רעליגיע.

יידישע דערציונג מוז זיך אָנהויבן ניט מיט שפּראַך און ליטעראַטור, ווי מיר טוען עס היינט, נאָר מיט יידישקייט, מיט תורה און מיצוות. אזוי פלעגט מען, למשל, אין דעם אַלטן חדר אָנהויבן לערנען חומש פון ״ויקרא״ און ניט פון ״בראשית״. שפּעטער פלעגט מען איבערגיין צו דער סדרה פון דער וואָך. פאַרוואָס האָט מען אָנגעהויבן פון ״ויקרא״ ? מען האָט אָנגעהייבן מיט מיצוות. מען האָט דאָס קינד גלייך אריינגעפירט אין בית המקדש אריין. און שפּעטער איז מען אַריבער צו דער סדרה פון דער וואָך, דאָס קינד איז געוואָרן אַ שותף צום בית

מדרש, צו דער ייִדישער געמיינדע, צום ייִדישן כּלל. דאָס גאַנצע פֿאָלק ישׂראל האָט געלערנט די זעלביקע סדרה.

מיט לערנען די סדרה פֿון דער וואָך האָט זיך אָנגעהויבן די ייִדישע אַלגעמיינע דערציִונג אין דער צייט פֿון בית שני. צו די אָנהויבן פֿון דער ייִדישער דערציִונג מוזן מיר זיך אומקערן. מיר הויבן אָן מיט תּורה און מיצוות, אָדער אפֿשר וועט זײַן ריכטיקער צו זאָגן — מיט מיצוות און תּורה.

קידוש און קדיש און נאָך אַנדערע ייִדישע מיצוות מוזן בלײַבן דער יסוד פֿון אונדזער ייִדישער דערציִונג. און ניט נאָר איך טראַכט אַזוי, אויך דער ראַדיקאַלעסטער ייִדישיסט טראַכט הײַנט אַזוי. אונדזערע ראַדיקאַלע ייִדישיסטן ווייסן גאַרניט ווי פֿרום זיי זײַנען, ווי טיף ייִדיש זיי זײַנען טאַקע אין טראַדיציאָ־נעלן זין.

מיט קדיש גיבן מיר אָפּ כּבֿוד פֿאַרגאַנגענע דורות, היטן מיר אָפּ זייער אָנדענק, זייער גײַסטיקע ירושה. ווען אונדזערע קינדער וועלן פֿאַרשטיין די וויכטיקייט פֿון אָפּגעבן כּבֿוד פֿאַרגאַנגענע דורות, ווען זיי וועלן פֿאַרשטיין די באַדײַטונג פֿון קאָנטינויִטעט דורך דורות, די באַדײַטונג פֿון המשך, ווי מיר זאָגן עס הײַנט, וועלן זיי ביסלעכווײַז אָנהייבן צו פֿאַרשטיין די באַדײַטונג פֿון ייִדיש.

דעריבער איז עס אינגאַנצן פֿאַלש אָנצוהויבן פֿון לערנען מיט די יונגע תּלמידים אַ נײַע שפּראַך, זאָל עס זײַן ייִדיש אָדער העברעיִש. אָנהויבן מוז מען פֿון סאַמע אָנהויב, פֿון פֿונדאַמענט און ניט פֿון דאַך. אָנהויבן מוז מען פֿון קידוש און קדיש. שפּעטער וועט ממילא קומען שפּראַך און ליטעראַטור. איך ווייס, איך האָב דאָ די פֿראַגע קורץ אָנגערירט. איך בין זיך אָפֿן מודה, אַ סך ענינים זײַנען נאָך פֿאַר מיר אַליין ניט קלאָר. איך בין אָבער אַבסאָלוט זיכער, אַז אָן דער אידעע פֿון תּורה און מיצוות קען גאַרניט געמאַלט זײַן קיין ייִדישע דערציִונג.

דאָס איז געווען דער וועג פֿון די בעלי התּלמוד. מען האָט, למשל, געלערנט די מסכתּא שבת. און די מסכתּא שבת האָט שוין אַלץ אײַנגעשלאָסן: תּנ״ך, משנה, מדרשים, הלכה און אגדה. דאָס איז דער וועג אויך פֿאַר אונדז הײַנט. מ׳קען לערנען מיט קינדער אַ גאַנץ יאָר די מסכתּא שבת. און דאָס קען אײַנשליסן טיילן פֿון אונדזער גאַנצער ליטעראַטור פֿון אַלע דורות, פֿון תּנ״ך און תּלמוד, פֿון שולחן ערוך, פֿון זוהר און אויך פֿון אונדזער מאָדערנער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור. ייִדישע קינדער דאַרפֿן וויסן, וואָס שבת איז; ייִדישע קינדער דאַרפֿן קענען מאַכן שבת; ייִדישע קינדער דאַרפֿן ווערן דורכגעדרונגען מיט דער קדושה פֿון שבת. און דאָס זעלבע איז ריכטיק בנוגע אַנדערע יום־טובֿים, מינהגים און מיצוות. ליטעראַטור דאַרף זײַן בלויז אַ הילפֿסמיטל, וואָס קען אונדז העלפֿן צו באַקענען דעם תּלמיד מיט ייִדיש לעבן, וואָס דאַרף אים צוגרייטן צו ייִדיש לעבן.

יידישע דערציונג און די יידישע היים

אויפן פעלד פון דערציונג האָבן יידן געטאָן אַ סך פּיאָנערישע אַרבעט. אין לויף פון דורות און דורות זיינען יידן פּראַקטיש געווען דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט באַוויזן צו שאַפן אַ סיסטעם פון אַלגעמיינע שולן, טאַקע פאַרן גאַנצן פאָלק. אויך די העכערע יידישע בילדונגס-אינסטיטוציעס — די גרויסע ישיבות, זיינען געווען צוגענגלעך פאַר די אָרעמסטע. דער אמת איז, אז דער ווייט גרעסטער טייל פון די לערנערס אין די ישיבות זיינען געווען קינדער פון אָרעמע און אפילו פון די אָרעמסטע פאַמיליעס.

און דאָס איז ניט קיין וווּנדער. דער יידישער חינוך, דער חדר, די ישיבות, די חברות פאַר לערנען תורה — איז דאָך געווען דער וויכטיקסטער כוח, וואָס האָט אויפגעהאַלטן יידיש לעבן דורך דורות פון וואַנדערונגען. אַ גרויסע ראָל אין יידישער דערציונג האָט געשפּילט דער טאָג שבת, וואָס איז געווען ניט נאָר אַ טאָג פון אָפּרו, נאָר אויך, און אפשר נאָך מערער, אַ טאָג פון לערנען. שבת האָט מען געלייענט די תורה, מען האָט מעביר סדרה געווען, געהערט אַ מגיד, די מאַמע האָט געלייענט דעם טייטש-חומש און אַנדערע ספרים אין עברי-טייטש. די גרעסטע מעלה פון שבת איז געווען, וואָס עס איז געווען אַ טאָג פון לערנען פאַר אַלעמען, פאַר יונג און אַלט, פאַר מענער און פרויען, פאַר לומדים און פּראָסטע יידן; און נאָך אַ מעלה — מען האָט געלערנט ניט נאָר אין בית מדרש, נאָר אויך אין דער היים. די יידישע היים איז באַזונדערס אין דעם טאָג פון שבת געוואָרן דער וויכטיקסטער פּלאַץ פון יידישער דערציונג.

אַ תלמיד פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, ר׳ שמחה זיסל פון קעלם, איינער פון די פירער פון דער מוסר-באַוועגונג פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט דוכט מיר, דעם גאַנצן ענין פון אונדזער דערציונג אוועקגעשטעלט אין אַ ריכטיקן ליכט, און עס איז כדאי וועגן דעם זיך צו פאַרטראַכטן אויך היינט.

ר׳ שמחה זיסלען האָט באַאומרויקט זייער אַ וויכטיקער ענין. ער האָט זיין גאַנץ לעבן זיך פאַרנומען מיט דער פּראָבלעם פון עטישער דערציונג. און דאָ האָט ער זיך כסדר אָנגעשטויסן אויף אַ פּראַגע, אויף וועלכער זיין רבי, ר׳ ישראל סאַלאַנטער, האָט שוין געהאַט אָנגעוויזן.

מען האָט זיך ניט געקענט פאַרשטעלן, אַז אַ פרומער ייד זאָל זיין פעיק צו עסן טרפות; פאַר טריפהנע געשעפטן און טריפהן געלט האָט מען זיך אָבער ניט אַזוי שטאַרק געהיט. אַ טיילווייזן ענטפער האָט ר׳ שמחה זיסל דערויף געפונען אין דעם פאַקט, וואָס דער דורכשניטלעכער מענטש קריגט זיין הויפּטדערציונג אין זיינע קינדעריאָרן. אָט מיט די מאָראַלישע באַגריפן פון זיינע קינדעריאָרן גייט ער אָפּט דורך זיין גאַנץ לעבן. באַקומט זיך אויף אַזאַ אופן, אַז עס גייען אַרום דערוואַקסענע מענטשן מיט קינדערישע באַגריפן וועגן באַציונגען צווישן מענטש און מענטש. יונגע קינדער, האָט ר׳ שמחה זיסל געטענעט, ווייסן ווייניק וועגן די פּראָבלעמען פון פּראַקטישן לעבן, וועגן אַרבעט, געשעפט, וועגן לייען און באַצאָלן,

וועגן קאָנקורענץ, וועגן זאָרגן פון פאַרדינען אויף חיונה א.אַ.וו. אַט די אַלע ענינים דאַרף מען גאָר לערנען מיט דערוואַקסענע, און ס׳איז אַ מאָל אפילו נייטיק אַ סך זאַכן צו פאַרגעסן, וואָס מען האָט געלערנט אין די קינדעריאָרן.

איך גלויב, אַז אַט די פּראָבלעם שטייט פאַר אונדז היינט נאָך אין אַ סך אַ שאַרפערער פאָרם, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין די יידישע שטעט און שטעטלעך אין אַלטן רוסלאַנד. אין יענער צייט האָבן קינדער מער געפילט די זאָרגן פון די עלטערן. ווי האָט מען עס דען געקענט פאַרבאַהאַלטן ? גאָר פרי האָבן קינדער שוין אָנגעהויבן אַרבעטן און זאָרגן אַ ביסל פאַר זיך. אַ חוץ דעם איז די יידישע דערציונג בכלל, פאַקטיש אין א גאַנץ היפשער מאָס, געווען צוגעפּאַסט צו דער שיטה פון ר׳ שמחה זיסל. מען האָט מיט די קינדער געלערנט געגוי דאָס זעלביקע, וואָס די דערוואַקסענע האָבן געלערנט: תנ״ך, גמרא, דינים, תפילות א. אַז. וו. ניט געווען קיין תהום צווישן דער היים און דעם חדר און בית מדרש, ניט געווען קיין תהום צווישן דער וועלט פון דעם קינד און דער וועלט פון די דערוואַקסענע. זיינען דאָך יידישע קינדער אין תוך גענומען געווען קליינע יידן מיט יידישע פליכטן און יידישע אויפגאַבן. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז דער ווייט גרעסטער טייל פון אונדזערע קינדער באַזוכט איצט אַ יידישע שול קוים צוויי־דריי יאָר. בלייבן די תלמידים מיט א מינימאַלן און קינדערשן יידישן וויסן, בעת יידישקייט איז דווקא א וועג פאַר דערוואַקסענע. און ווען מען קען דען אימפּאָנירן אַזאַ פרימיטיווע קינדערשע יידישקייט ?

מוז אונדזער יידישע דערציונג אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַזאַ יסוד, וואָס זאָל דעם יונגן מענטשן געבן די מעגלעכקייט ווייטער אַליין צו לערנען, זיך אַליין צו פאַרטיפן אין יידישע פּראָבלעמען. דאָס איז, אגב, געווען דער וועג פון יידישן חינוך אַמאָל, ווען די תלמידים פון די ישיבות אין עלטער פון דרייצן־פערצן יאָר האָבן זיך אויסגעלערנט לערנען אַ בלאַט גמרא פאַר זיך און צו געפינען אַליין זייער וועג אין דעם ים פון יידיש וויסן. אין אַזאַ מאָס איז עס היינט אוממעגלעך. דער פּרינציפּ אָבער, צוצוגרייטן דעם תלמיד זיך צו שטעלן אויף די אייגענע פיס אזוי גיך ווי מעגליך, איז אומבאַדינגט נייטיק.

אַ היים מיט אַ יידישער אַטמאָספערע, מיט אַ יידיש בוך, יידישע סימבאָלן און יידישער יום־טובדיקייט קען אַ סך העלפן אין דער דערציונג פון דעם יונגן דור. אַ יידישע היים מיינט אָבער אויך — אַן אַטמאָספער פון לערנען אין דער היים. עס מוז ווידער אויפגעלעבט ווערן די אַלטע יידישע טראַדיציע פון תורה און דער רעספּעקט פאַר לערנען. לערנען איז אין דער ערשטער שורה אַן אויפגאַבע פאַר דערוואַקסענע, ווייל נאָר דערוואַקסענע קענען פאַרשטיין דעם טיפערן זין פון לערנען. ווען לערנען וועט ווערן אַ פאַלקסזאַך, וועט אויך ביי קינדער אויפגע־וועקט ווערן דער ״יצר הרע״ צו לערנען. עס איז אַ גרויסער טעות, ווען מען מיינט, אַז קינדער ווילן זיין קינדער. אַזוי לאַנג ווי לערנען יידישקייט איז בלויז אַן ענין פאַר קינדער, וועלן די יונגע תלמידים אַלץ טאָן כדי צו ווערן וואָס גיכער דערוואַקסענע און פּטור ווערן פון לערנען. די באַציונג פונם קינד צום לערנען וועט

ווערן גאַר אַן אַנדערע, ווען עס וועט זען, אַז אויך טאַטע־מאַמע פאַרנעמען זיך מיט לערנען. מיר גויטיקן זיך אין אַ נייער קולטור פון לערנען.

דער אידעאַל און דער תכלית פון דעם לערנער

מענדעלע מוכר ספרים האָט אונדז אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע געגעבן אַ קלאַסישע שילדערונג פון דעם אידעאַל פון דער יידישער דערציִונג מיט אַ יאָר־הונדערט צוריק. וואָס איז געווען דער חלום פון דעם יונגן יידישן לערנער? פון דעם יונגן שלמהלע, ווען ער איז נאָך געווען אַ ישיבה־לערנער?

"צו דערגרייכן אַ תכלית אין לעבן — לייענען מיר אין מענדעלעס אויטאָ־ביאָגראַפֿיע — האָט ביי שלמהלען געהייסן ניט אַנדערש ווי גרונטעוווען זיך אין די טיפֿענעשן פונם "ים התלמוד", אויסלערנען אים, ווי ווייט מעגלעך, מיט אַלע אויפּטוועגעשן פון זיינע מפרשים, און האָבן אַ פּנים פון אַ מענטשן האָט ביי אים געהייסן — אַ פּנים פון אַ יידן. און נאָך פון וואָס פאַר אַ יידן! פון אַ יידן אַ למדן, אַ בקי באַהאַוונט אין גאַנץ ש"ס — אַ רב! גרעסערס און בעסערס און "תכליתדיקער" דערפון איז אים ניט געקומען, און ניט געקעגנט גאַר קומען, אויפן מוח. אין זיין צייט און אין זיין אָרט, אין זיין ווינקל, איז ביי יידן דאָך געווען "תורה איז די בעסטע סחורה". מיט די ווערטער האָט די מאַמע פאַרוויגט איר קינד, זינגענדיק אים: "תורה וועסטו לערנען, דרשות וועסטו זאָגן"... פון פֿיר־פֿינף יאָר אַ ייִנגעלע, ניט קענענדיק נאָך רעכט ריידן, האָט שוין געלערנט אין חדר... ביים אָנהויבן חומש, האָט שוין אַ ייִנגעלע, גאָטס קליין יידעלע, געהאַלטן אַן אויסגעלערנטע דרשה פאַר אַן עולם געסט אויף דער סעודה, וואָס גליקלעכע טאַטע־מאַמע האָבן צוליב דעם געמאַכט, צו דער בר מיצווה ווידער אַ סעודה, ווידער אַ דרשה...

"צו דער חתונה למזל האָט דער חתן אַרויסגעוויזן זיין לומדות, זאָגנדיק פאַרן עולם אַ שאַרפע, אַ מוח ברעכנדיקע דרשה און דערפאַר באַקומען מתנות — דאָס געוויסע דרשה־געשאַנק"...

רייכקייט אַליין איז ניט גענוג געווען פאַר אַ יידן אין יענער צייט צו געבן אים אַ נאָמען, מאַכן אים באַליבט, מאַכן אים געשעצט ביים עולם.

"און ווער שמועסט נאָך אַ רב! ער איז דאָך... דער ערשטער, דער בעסטער צווישן דעם גאַנצן עולם. דער רב, וועלכן שלמהלע האָט געזען פון קינדווייז אָן פאַר זיך אין שטעטל, איז געווען עפּעס אַן אַנדער מין מענטש, גאָר פון אַ הויכער מדרגה... טאַקע גאָר עפּעס אַ תנא קמא, אַ רבי יוחנן, אַ רבי יוסי... די שכינה ממש רוט אויף זיין ליכטיקן פּנים".

ווערן אַ לערנער, ווערן אַ רב — דאָס איז געווען דער אידעאַל און דער תכלית פון דעם יונגן יידישן לערנער אַמאָל. "תורה איז די בעסטע סחורה!" אייך אָט דעם זאָג דאַרף מען ניט נעמען ווערטלעך. אפילו אין די צייטן פון

מענדעלע איז תורה ניט אַלע מאָל געווען די בעסטע סחורה. געווען געגנוג לומדים קבצנים. און אפילו רבנים האָבן אָפט קוים געהאַט אויף חיונה. אָבער דאָס איז ניט געווען דער עיקר. דער תכלית פון לערנען תורה האָט געהאַט אַ העכערע באַדייטונג. תורה איז געווען דער זין פון לעבן, דער זין פון דער וועלט. וואָס איז דער זין, וואָס איז דער תכלית, וואָס איז דער אידעאַל פון דער היינטיקער יידישער דערציונג?

די מאָדערנע יידישקייט איז לויט איר גאַנצן כאַראַקטער אַ גרינגע יידישקייט. דער אידעאַל פון ווערן אַ למדן, פון ווערן אַ רב איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן. אונדזערע קינדער וועלן אויך ניט ווערן קיין יידישע שרייבער. אויך אַזאַ אידעאַל איז ניטאָ. און צו וואָס ווערן אַ יידישער שרייבער? ווער דאַרף יידישע שרייבער? ווערט אַזוי אַרום ביי אונדז דערצויגן אַ דור אָן אידעאַלן, אָן חלומות, אָן אַ וויזיע פאַר אַ יידישער צוקונפט, און ליידער אויך אָן אַ פּראַקטישן ציל.

אין שולן אין די תפוצות לערנען זיך די קינדער אויס אַ ביסל יידיש אָדער העברעיש. זייער אוצר פון ווערטער און אויסדרוקן איז אַ באַגרענעצטער, אָן אָרעמער. זיי קענען פּאַקטיש דעם ווּנדערלעכן אינסטרומענט פון יידיש אָדער העברעיש ניט באַנוצן. די שפּראַך, וואָס זיי לערנען אין דער יידישער שולע, איז ניט זייער אינסטרומענט פון ריידן, אוודאי ניט זייער אינסטרומענט פון דענקען און שרייבן. זייערע ידיעות זיינען אַזוי באַגרענעצט, אַז זיי קענען אפילו ניט ווערן קיין לייענער פון אַ יידיש בוך, פון אַ ספר. גייען אַריבער אַ פּאָר יאָר, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרלאָזן די שול, פאַרגעסן זיי דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געלערנט. דערמיט וויל איך לחלוטין ניט זאָגן, אַז דאָס לערנען פון העברעיש אָדער יידיש איז געווען אַרויסגעוואָרפן. אבסאלוט ניט! אָבער לאָמיר זיך אָפּגעבן וועגן דעם אַ חשבון.

און ווען מיר טראַכטן זיך אריין אין דער גאַנצער פּראָבלעם, ווערט פאַר אונדז מיט אַ מאָל קלאָר, אַז אונדזער יידיש־וועלטלעכע דערציונג איז גאָר ניט קיין וועלטלעכע. ניטאָ מער קיין יידיש וועלטלעכע דערציונג. מיר לערנען מיט אונדזערע קינדער יידיש, ווייל לערנען יידיש איז ביי אונדז געוואָרן אַ רעליגיעזער ענין, ווייל יידיש איז פאַר אונדז אַ הייליקע שפּראַך, ווייל אַ יידיש בוך איז פאַר אַ סך פון אונדז געוואָרן אַ ספר. ניטאָ מער קיין שום פּראַקטישע מאָטיוון פאַרן גאַנצן ענין פון לערנען יידיש. לערנען יידיש איז פאַר אונדז געוואָרן אַ טייל פון אַ ריטואַל. דורך די יידישע אותיות, יידישע ווערטער, יידישע קלאַנגען פּרובירן מיר איבער־געבן אונדזערע קינדער אַ גייסטיקע ירושה, אַ הייליקע ירושה פון דורות.

אונדזערע פרומע עלטערן זיינען געווען וועלטלעכע יידן. פאַר אונדזערע פרומע עלטערן איז יידיש געווען אין אַ באַדייטנדער מאָס אַ וועלטלעכע שפּראַך, די שפּראַך פון גאַס, די שפּראַך פון געשעפט, די שפּראַך פון מאַרק. אונדזערע פרומע עלטערן האָבן געהאַט אַ וועלטלעכע יידישקייט, ווייל אויך דאָס וועלטלעכע לעבן איז ביי אונדז געווען יידיש. האָט מען געהאַט אַ סכסוך מיט אַ שותף אין געשעפטסזאַכן, איז מען געגאַנגען מיט אַ דין תורה צום רב. דאָס לעבן איז געווען

יידיש. אונדזערע קינדער אָבער, די קינדער פון וועלטלעכע יידן, האָבן ניט קיין וועלטלעכע יידישקייט — זיי האָבן ניט קיין יידיש טעאַטער, זיי זינגען ניט קיין יידישע פאָלקסלידער, זיי לייענען ניט קיין יידישע צייטונג. זיי האָבן בלויז אַ רעליגיעזע יידישקייט, הגם זיי ווייסן עס ניט און מיר ווייסן עס ניט.

און דערין באַשטייט, גלויב איך, אין גאַר א גרויסער מאָס, דער קריזיס פון אונדזער יידישער דערציונג. יידישער חינוך איז היינט אויסשליסלעך אַ רעליגיעזער ענין. יידישקייט איז אַן ענין ניט פון היינט, ניט פון פּראַקטישע אויפגאַבן, נאָר אַן ענין פון אייביקייט. מיר ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן איבערנעמען א טייל פון אונדזער גייסטיקער ירושה, כדי זיי זאָלן פון זייער זייט אָט די ירושה ווייטער אָפּהיטן פאַר זייערע קינדער. מיר ווילן המשך. דאָס איז אין תוך אַ ריין רעליגיעזע אויפגאַבע. אין אַמעריקע, למשל, איז גאָר ניטא קיין פּלאַץ פאַר וועלטלעכער יידישקייט. דער וואָס זוכט וועלטלעכקייט, געפינט מער ווי גענוג וועלטלעכקייט אין ענגליש.

מיר האָבן צוויי הייליקע שפּראַכן: יידיש און העברעיש. מיר האָבן אַ חוץ דעם נאָך אַ ווונדערלעכע ירושה פון הייליקייט, פון הייליקע ספרים, פון הייליק לעבן, פון קידוש השם. נעמען מיר אַוועק אַלע אַנדערע הייליקייטן, בלייבט אויך יידיש לשון וואָכעדיק, אויסגעליידיקט. ווערט פארלאָרן דער וווּנדער־כוח פון יידיש.

דער זין און די יסודות פון יידישן חינוך

די גרויסע מעלה פון אַמאָליקן חדר איז באַשטאַנען דערין, וואָס עס איז געווען אַ חדר. אונדזערע זיידעס האָבן געהאַט אַ ווונדערלעכן געפיל פאַר דערציונג. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער עיקר איז די סביבה, אַ יידיש יינגל, וואָס האָט ניט געוואָלט לערנען, איז געווען אַ "גאַסן־יונג"; אַ יינגל, וואָס האָט יע געוואָלט לערנען, איז געווען אַ "חדר־יינגל". חדר איז דער טייטש א צימער, און גיין אין חדר מיינט פשוט גיין אין א יידישן צימער, אין אַ פּלאַץ, וואָס איז אָנגעפילט מיט יידישקייט. פּונקט אַזוי זיינען די עלטערע יינגלעך געגאַנגען אין ישיבה, דאָס הייסט, אין אַ פּלאַץ וווּ מען זיצט. ווען די אַמאָליקע משכילים האָבן די ישיבה־בחורים גערופן באַנק־קוועטשער, זיינען זיי געווען אינגאַנצן גערעכט. אַ ישיבה־בחור איז אַ זיצער, ער זיצט און לערנט. אָבער דאָס זיצן אין אַ ישיבה איז שוין פאַר זיך אַליין געווען א גרויסע זאַך.

צי זיינען די פּעדאַגאָגישע מעטאָדן פון אַמאָליקן חדר געווען גוט אָדער שלעכט? די פראַגע האָט אין אמתן גאָר נישט אַזאַ גרויסע באַדייטונג. פּעדאַגאָגיק איז ניט אַלץ.

די שולע מוז דאָס קינד צוגרייטן צום לעבן. ניט צום לפי ערך זאָרגלאָזן קינדערשן לעבן, נאָר צום שווערן און זאָרגפולן לעבן פון אַ דערוואַקסענעם. דער גרעסטער טעות, וואָס אונדזערע מאָדערנע פּעדאַגאָגן האָבן געמאַכט, איז, לויט

מיין מיינונג, וואָס מיר האָבן אויסגעטראַכט אַ באַזונדערע קינדער־וועלט. אונדזערע זיידעס אָבער האָבן אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז קינדער זיינען דערוואַקסענע אונטערוועגס. האָט מען דעריבער אין חדר צוגעגרייט דאָס יידישע קינד צו די אויפגאַבן און פליכטן פון אַ דערוואַקסענעם. און דווקא דערפאַר, ווייל מיר האָבן אַזוי ווייניק צייט, איז יעדע שעה פאַר אונדז טייער. דער זין פון אונדזערע שולן קען נאָר זיין — אויסלערנען דעם יונגן דור צו לעבן ווי יידן. אין אונדזער יידישער שול האָבן מיר ווייניק צייט פאַר פאַרברענגען, פאַר "קינדערשער ליטעראַטור". אין דער יידישער שול מוזן מיר מיט די תלמידים לערנען, לערנען און לערנען. און יידישע דערציונג מיינט ניט סתם צו לערנען יידישקייט. יידישע דערציונג מיינט קודם כל דערציען די תלמידים, זיי זאָלן וועלן זיין יידן, זיי זאָלן וועלן לערנען יידישקייט.

דער יסוד פון דער יידישער דערציונג איז געווען: די תורה פאַרן גאַנצן פאָלק. ביי די אַנדערע אַלטע פעלקער איז דאָס וויסן געווען באַגרענעצט אויף גאַנץ ענגע קרייזן. דער עיקר האָבן זיך מיט דעם פאַרנומען די כהנים. אויך ביי יידן האָבן די כהנים געהאַט געוויסע וויכטיקע פונקציעס, און צו זיי פלעגט מען אַ מאָל קומען מיט געוויסע שאלות. זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין מאָנאָפּאָל אויף דער תורה. ווען מיר לייענען אין דער פרשה שמע ישראל, אַז מען זאָל די געזעצן פון דער תורה אויפשרייבן אויף יעדן אריינגאַנג אין אַ יידישער שטאָט און אַ יידיש הויז (וכתובתם על מזוזות ביתך ובשעריך), איז דאָס געמיינט זייער ווערטלעך: מען האָט געקענט גייענדיק אין גאַס לערנען די תורה. מען האָט די תורה געלערנט מיט יונג און אַלט, בייטאָג און ביינאַכט, אין דער היים און אויך אונטערוועגנס.

דער צווייטער וויכטיקער יסוד פון דער יידישער דערציונג איז: אַלע לערנען די זעלביקע תורה, ניטאָ קיין באַזונדערע תורה — אַ גרינגערע תורה — פאַר קינדער, ניטאָ קיין באַזונדערע תורה פאַר פּראָסטע לייט. אַלע זיינען מיר געווען ביים באַרג סיני, לערנט אונדז אַן אַלטע אגדה, אַלע דורות יידן. איז דעריבער פרייען מיר זיך אַלע מיט דער תורה.

דער עיקר יסוד פון דער יידישער דערציונג איז: אויף לערנען תורה דאַרף מען האַרעווען, אויף לערנען תורה דאַרף מען זיך מוסר נפש זיין. יעדער מענטש קען דערגרייכן אַ הויכע מדרגה אין תורה, אויב ער האָט נאָר די מעגלעכקייט צו לערנען און אויב ער וויל לערנען. דער עיקר ווערט געשטעלט דער טראָפּ אויפן וועלן לערנען. פאַראַן אַ באַקאַנט יידיש ווערטל: פאַרוואָס האָט מען דעם גאון פון ווילנע גערופן ווילנער גאון? איז דער ענטפער: וויל נאָר, וועסטו ווערן אַ גאון! און באמת איז דער גרויסער גאון פון ווילנע ניט מיד געוואָרן צו טענען: דער וועג צו תורה איז האָרעווען אויף דער תורה, זיך איינגאַנצן אָפּגעבן מיט דער תורה. אויך אין תלמוד ווערן אונדז דערציילט פאַרשיידענע געשיכטעס וועגן אָרעמע פּראָסטע לייט, וואָס זיינען מיט דער צייט געוואָרן גרויסע תנאים און אמוראים נאָר דורך זייער עקשנות, דורך זייער מסירת נפש פאַר דער תורה. באַקאַנט איז באַזונדערס די געשיכטע פון רבי עקיבא. ביז צום עלטער פון פערציק

יאָר, ווערט דערציילט, איז דער גרויסער תנא רבי עקיבא געווען אַן עם הארץ. געווען איז ער אַ פּאַסטוך. האָט זיך אין אים פאַרליבט די שיינע רחל, די טאָכטער פון זיין רייכן בעל הבית. אויב דו וועסט פאָרן לערנען, האט זי צו אים געזאָגט, וועל איך מיט דיר חתונה האָבן. האָבן זיי חתונה געהאָט און ר׳ עקיבא איז אַוועק לערנען. פיר און צוואַנציק יאָר איז ער געזעסן און געלערנט. דאַן איז ער געקומען אַהיים צוריק מיט פיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים.

א צווייטע אגדה דערציילט: ר׳ עקיבא איז איין מאָל געשטאַנען ביי אַ ברונעם, האָט ער געזען אַ שטיין, וואָס איז דורכגעלעכערט געוואָרן פונם וואַסער, וואָס איז כסדר אויף אים געפאַלן. האָט ר׳ עקיבא געזאָגט: אויב דאָס ווייכע וואַסער האָט געקענט אין לויף פון יאָרן דורכלעכערן דעם האַרטן שטיין, וועלן דאָך די שטאַרקע ווערטער פון תורה אוודאי אַריינדרינגען אין דעם האַרצן פון אַ מענטשן, און ער איז אַוועק לערנען תורה.

דאָס זיינען, נאַטירלעך, אגדות. זיי שפּיגלען אָבער אָפּ דעם יידיש־טראַדיציאָנעלן צוגאַנג צום לערנען, וואָס איז אינגאַנצן אַנדערש ווי דער צוגאַנג פון דער אַזוי גערופענער מאָדערנער פּראָגרעסיווער פּעדאַגאָגיק. די מאָדערנע פּעדאַגאָגיק האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע גרינגער צו מאַכן דאָס לערנען און זי גייט אַזוי ווייט ביז צו באַפרייען דעם תלמיד פון געוויסע שווערע לימודים. די יידישע טראַדיציע, אנקעגן דעם, האַלט גראַד, אַז מען דאַרף דווקא לערנען שווערע לימודים, אַז מען דאַרף זיך צוגעוויינען צו אַרבעטן, צו האָרעווען איבער לערנען. דער אידעאַל פון דעם יידישן לערנער איז דער ״מתמיד״, ווי ער ווערט אַזוי באַזונגען אין דער וואונדערלעכער פּאָעמע פון ח.נ. ביאַליק (״המתמיד).

יידישע דערציונג און יידיש לעבן

יידישע דערציונג טאָר ניט זיין איזאָלירט און אָפּגעריסן פון יידישן לעבן. יידישע דערציונג מוז אָנהאַלטן דעם נענסטן קאָנטאַקט מיט דער יידישער פאַמיליע. אונדזער אַלטמאָדישע דערציונג אין חדר און אין ישיבה האָט דאָס אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען. דאָס וואָס די תלמידים האָבן געלערנט אין חדר האָבן זיי שפּעטער געקענט אוסנוצן אין לעבן. דער חדר איז ניט געווען קיין באַזונדערע, אינגאַנצן אָפּגעשלאָסענע וועלט פאַר זיך. אין חדר האָט מען געלערנט די סדרה פון דער וואָך און אין דער היים האָט דער פאָטער געלערנט גענוי די זעלביקע סדרה און די מאַמע האָט די זעלביקע סדרה געלייענט שבת אין טייטש־חומש און די זעלביקע סדרה האָט מען געלייענט אין בית מדרש. און לויט דער זעלביקער סדרה האָט מען דאַטירט געשעפטלעכע בריוו און אלערליי קאָנטראַקטן און דאָקומענטן. איז געקומען אַ מגיד אין שטעטל, דער אַלטמאָדישער רעדנער, האָט ער ווידער אין זיין דרשה זיך געהאַלטן ביי דער סדרה פון דער וואָך. לערנען אַ פּרשה חומש מיט רש״י, מעביר סדרה זיין, לייענען די הפטורה, איז געווען אַ

קאָנקרעטער, גאָר אַ פּראַקטישער ענין. דער תלמיד פון חדר איז געוואָרן אַ טייל פון דער יידישער וועלט.

אָט די נויטיקייט צו זיין פאַרבונדן מיטן לעבן האָבן ניט פאַרשטאַנען די באַגרינדער פון דעם מאָדערנעם וועג אין אונדזער דערציונג. די בעסטע אילוסטראַציע אין דעם פאַל איז דער מאָדערנער לימוד פון העברעיש. די ווידער־אויפלעבונג פון העברעיש ווי אַ גערעדט שפּראַך איז בלי שום ספק אַ געוואַלדיקער היסטאָרישער אויפטו. אָבער צוליב וואָס איז געווען נויטיק איבערצונעמען די ספרדישע אויסשפּראַך (הברה), איז ממש ניט פאַרשטענדלעך. נייניציק פּראָצענט פון יידישן פאָלק זיינען אשכנזים. די ספרדים בילדן אַ גאַנץ קליינע מינדערהייט. די אויפלעבונג פון העברעיש ווי אַ גערעדטע שפּראַך איז דורכגעפירט געוואָרן דורך אשכנזים. אָננעמענדיק די ספרדישע הברה האָבן די ליבהאָבער און פריינד פון העברעיש זיך פּאַקטיש איזאָלירט פון דעם רוב בנין ורוב מנין פון יידישן פאָלק. זיי האָבן זיך איזאָלירט פון דעם פּשוטן יידן וואָס האָט געדאַוונט און געלערנט אויפן אשכנזישן אופן. ניט געווען קיין שום סיבה פאַר אָננעמען די ספרדישע אויסשפּראַך. ניטאָ קיין באַווייז, אַז די ספרדישע הברה איז נענטער צום אַלטן העברעיש ווי די אַשכנזישע. געווירקט האָט דאָ איין און איינציקער מאָטיוו: ביטול צום אַזוי גערופענעם גלות־יידן, צום יידן פון איישישאָק. פאַרלאָזן דעם גלות, אַנטלויפן פון גלות, אָפּזאָגן זיך פון דער גלות־ירושה, דאָס איז געווען די שטימונג, וואָס האָט געפירט אָנצונעמען די ספרדישע הברה. פלעגן ביי אונדז אַרומשפּאַצירן יונגע לייט אין גאַס און ריידן זייער ספרדישן העברעיש, און דער עולם פלעגט זיך צוקוקן און צוהערן ווי אונדזערע מאָדערנע יונגע לייט ריידן ווי די טערקישע יידן. וואָס איז דאָ געווען דער יחוס מיט די טערקישע יידן? מיט וואָס זיינען דאָס די טערקישע יידן געווען בעסער ווי די יידן פון איישישאָק? געווען נאָך אַ סיבה דערצו. די קריסטלעכע געלערנטע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט שטודירן און פאָרשן העברעיש, האָבן באַנוצט די ספרדישע אויסשפּראַך. האָט מען נאָכגעטאָן די "גויים" און מען האָט זיך איזאָלירט פון דער גרויסער מאַסע פון יידישן פאָלק. מען האָט פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַ בית מדרש, ווו יידישע קינדער לערנען תורה אויפן אשכנזישן אופן. מען האָט דורכגעפירט אַ גאַנצע רעוואָלוציע. וואָס איז אַבסאָלוט ניט געווען נויטיק.

אין די קרייזלעך פון דער ציוניסטישער יוגנט, פּונקט ווי פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט, פלעגט מען אין יענער פּיאָנערישער צייט, מיט 50—60 יאָר צוריק, גאָר אַ סך ריידן, מען פלעגט אָן אַ שיעור דיסקוטירן. אונדזער גאַנצער קולט פון שפּראַך איז אין אַ היפּשער מאָס פאַרבונדן מיט די פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, מיט די דיסקוסיעס און דעבאַטן פון יענער פּיאָנערישער, העראָישער צייט. דאָס אַלץ איז געווען וויכטיק. סיי העברעיש און סיי יידיש האָבן פאַר די לעצטע צוויי דורות דורכגעמאַכט אַ געוואַלדיקע אַנטוויקלונג. אין דער זעלביקער צייט אָבער איז דאָס פאָלק אַוועק אויף אַן אַנדער וועג. איך האָב דאָ אין זינען דעם מצב אין די אַזוי גערופענע תפוצות. דאָ פאַרלירן מיר אַלץ מער און מער לייענער פון יידיש און

לייענער פון העברעיש. דער אינסטרומענט פון שפּראַך, וואָס איז געוואָרן אזוי אויסגעאיידלט פאַר די לעצטע יאָרן, ווערט אַלץ ווייניקער באַנוצט. די אידעאָלאָגיע פון אונדזער דערציונג איז אָבער אין א גרויסער מאָס געבליבן ביי דער פילאָזאָפיע פון די ליבהאָבער, פון די ליבהאָבער פון העברעיש און די ליבהאָבער פון יידיש.

מיר קענען זיך ניט פאַרלאָזן אויף פּאַרטייאישע אידעאָלאָגיעס, וואָס זיינען אינגאַנצן אָפּגעפרעגט. דער פונדאַמענט פון אונדזער יידישער דערציונג מוז זיין אַ כלל-ישראלדיקער. אַ קינד פון אַ וועלטלעכער שולע מוז קענען פראווען אַ סדר, דאַרף קענען דאַוונען, אויב ער וועט וועלן גיין דאַוונען. דאַרף קענען מאַכן קידוש. דאַרף קענען אויף אַ יידישן אופן אָפּהיטן יום-טובים. ווי אזוי ער וועט עס אויסנוצן, לאָזן מיר איבער פאַר אים. מיר מוזן פאַר זיך האָבן אַ פאַרשטעלונג פון אַ מינימאַלער פּראָגראַם, וואָס איז נויטיק פאַר יעדן תלמיד.

יידישקייט באַשטייט פון תורה און מיצוות, פון לערנען און טאָן. אונדזער דערציונג מוז זיך פאַרנעמען מיט אָט די צוויי אויפגאַבן. אונדזער חינוך דאַרף ענטפערן אויף די פראַגן: וואָס דאַרף אַ ייד וויסן און וואָס דאַרף א ייד טאָן?

די יידישע היים מוז ווערן דער וויכטיקסטער אינסטרומענט פון יידישער דערציונג. אַ יידיש בוך אין דער היים, אַ יום-טוב אין דער היים, אַ יידיש וואָרט אין דער היים, דאָס זיינען אַלץ עלעמענטן פון יידישער דערציונג. ווען מיר וואָלטן געקענט פועלן ביי יידישע עלטערן, זיי זאָלן ווייניקסטנס צוויי-דריי שעה יעדן שבת אָפּגעבן פאַר יידישקייט אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרם, וואָלט דאָס אַליין געווען אַ געוואַלדיקע דערגרייכונג. דאָס איז דאָך דער זין פון דעם מינהג לייענען יעדן שבת די סדרה פון דער וואָך אין שול. צוויי שעה אַ וואָך, סיסטעמאַטיש, פון קינדווייז אויף, קען אַ סך מער געבן, ווי מיר שטעלן זיך פאָר. יידישע דערציונג האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פאַמיליע מיט לערנען די קינדער און יידישע דערציונג מוז ווייטער בלייבן אַ וויכטיקער טייל פון יידישן פאַמיליע-לעבן.

דער וועג פון לערנען

אונדזערע היינטיקע יידישע שולן שטייען פאַר דער שווערער פּראָבלעם: ווי קען מען איינפלאַנצן אין די יידישע קינדער אַ ליבע צו יידישקייט, אַ ליבע צו יידיש וויסן?

בערך 85 ביז 90 פּראָצענט יידישע עלטערן (אין אַמעריקע) באַמיען זיך צו געבן זייערע קינדער אַ יידישן חינוך; אין דורכשניט אָבער באַזוכן אונדזערע קינדער די יידישע דערציונגס-אַנשטאַלטן בלויז אין לויף פון דריי ביז פיר יאָר. צוליב דעם באַקומט זיך אַ קלענערע צאָל תלמידים. די עלטערן — און עס רעדט זיך דאָ וועגן דעם יונגן דור, וואָס איז אין אַמעריקע אויפגעוואקסן — פאַרשטייען די באַדייטונג און דעם ווערט פון דער יידישער דערציונג. די יידישע קינדער

קומען אין דער יידישער שול, מיר האָבן אָבער ניט געפונען דעם וועג ווי זיי איינצוהאַלטן.

מען האָט ביי אונדז אַ סך קריטיקירט דעם חדר. און די טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג בכלל. אָבער אָט די פאַרעלטערטע יידישע דערציונג האָט פאַקטיש דערגרייכט איר הויפּטציל: ביי די תלמידים פון די חדרים און די ישיבות האָט מען באַוויזן איינצופלאַנצן דעם ווילן צו לערנען, דעם ווילן צו זיין יידן. יונגע קינדער, וואָס זיינען ערשט אַרויס פון חדר, פלעגן אָנפילן די בתי מדרשים, קלויזן און ישיבות, ווו זיי האָבן ווייטער געלערנט; און מערסטנס האָבן די יונגע קינדער געלערנט פאַר זיך. מיר קענען זיך היינט קוים פאַרשטעלן, וואָס עס האָט געמיינט לערנען פאַר זיך. דאָס זיינען דאָך געווען קינדער אין עלטער פון קוים דרייצן־פערצן יאָר. און אָט די יונגע קינדער זיינען שוין געווען באַוואָפנט מיט דעם ווילן, מיט דער מערקווערדיקער עקשנות צו לערנען, צו לערנען אַליין, צו לערנען פאַר זיך.

און דער וועג פון תורה איז ניט געווען קיין גרינגער. מען איז געגאַנגען עסן טעג. מען האָט געשלאָפן אויף אַ האַרטער באַנק, און ניט אַלע מאָל האָט מען געהאַט גענוג צום עסן. און דאָך האָט מען געלערנט. אַזוי שטאַרק איז געווען דער דורשט נאָך תורה, דער ווילן צו לערנען.

און געלערנט האָבן אויך דערוואַקסענע. געווען חברות פאַר פשוטע יידן; געווען חברות פאַר יידן, וואָס האָבן געקענט מער לערנען, חברה משניות, חברה ש״ס א.אַז. וו. מיר זיינען געווען אַ פאָלק פון לערנער, אַ פאָלק, וואָס האָט אין לערנען געזען דעם זין און דעם אינהאַלט פון לעבן.

אויב מיר קענען ניט איינפלאַנצן ביי אונדזערע קינדער דעם ווילן צו לערנען, דעם ווילן צו זיין יידן, איז אונדזער מאָדערנע דערציונג ווייניק וואָס ווערט. ביי היינטיקן טאָג ווערט דער טראָפּ געשטעלט דער עיקר אופן פונקט פון וויסן. מען לערנט מיט די קינדער יידיש, העברעיש, ליטעראַטור, געשיכטע א. אַז. וו. אָבער וויסן אַליין איז ניט גענוג. זיי ווערן ניט באַוואָפנט מיט דעם ווילן צו וועלן לערנען, צו וועלן אָפּהיטן יידישקייט.

דער גרויסער רעליגיעזער דענקער, ר׳ ישראל סאַלאַנטער, האָט באַזונדערס קלאָר ארויסגעבראַכט דעם אונטערשייד צווישן וויסן און ווילן. מיר קענען דערגרייכן ממשתדיקע רעזולטאַטן נאָר אין איין פאַל: אויב אונדזערע קינדער וועלן וועלן זיין יידן, אויב זיי וועלן וועלן לערנען.

אונדזערע משכילים האָבן אין לויף פון דורות געפירט אַ פאַרביטערטע מלחמה געגן דעם שולחן ערוך. דערפאַר האָבן זיי תמיד ארויסגעשטעלט ווי א מוסטער דעם רמב״ם. וויל איך ניט לייקענען, אַז ווי אַ דענקער פאַרנעמט דער רמב״ם זיכער אַ גרעסערן פּלאַץ ווי דער מחבר פון שולחן ערוך. וואָס איז אָבער שייך יידישער דערציונג, גלויב איך, איז דער מחבר פון שולחן ערוך געווען אויפן ריכטיקן וועג. דער רמב״ם הויבט אָן זיין גרויס ווערק, זיין ״משנה תורה״, מיט אַן ערקלערונג וועגן די טעאָרעטישע פּרינציפּן פון דער תורה (הלכות יסודי התורה). דער ערשטער

פּרק פון די הלכות יסודי התורה שטעלט זיך די אויפגאַבע צו באַווייזן, אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער פון דער וועלט. דער רמב"ם פּרובירט דאָ צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס דאַרף אַ ייד וויסן?

גאָר אַנדערש איז דער שולחן ערוך. דער שולחן ערוך הויבט זיך אָן מיט די דינים וועגן השכמת הבוקר (וועגן אויפשטיין אין דער פרי): "דער מענטש דאַרף זיך שטאַרקן ווי אַ לייב" — זאָגט אונדז דער שולחן ערוך — "אויפצושטיין גאַנץ פרי צו דינען דעם באַשעפער" (יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו). די ערשטע פראַגע לויטן שולחן ערוך איז — וואָס דאַרף אַ ייד טאָן? עס איז מיין טיפסטע איבערצייגונג, אַז אַזוי דאַרף זיך אָנהויבן די דערציונג פון דעם יונגן מענטשן בכלל.

יידישע דערציונג דאַרף זיך אָנהויבן מיט דער אידעע פון שולחן ערוך: מען דאַרף זיך שטאַרקן ווי אַ לייב אויפצושטיין גאַנץ פרי צו דינען דעם באַשעפער, צו זיין אַ ייד, צו זיין אַ מענטש. יידישקייט און מענטשלעכקייט לאָזן זיך ניט אָפּטיילן און זיי דאַרפן פאַרנעמען אַ צענטראַלן פּלאַץ אין אונדזער היינטיקער יידישער דערציונג.

פאַראַן אַ גמרא: פאַרוואָס פּאַסירט אַזוי אָפט, אַז קינדער פון תלמידי חכמים בלייבן ניט ביי דער תורה? דאָס איז דערפאַר, ענטפערט די גמרא, ווייל זיי מאַכן ניט קיין ברכה איבער דער תורה; ווייל די תורה איז ביי זיי וואָכעדיק געוואָרן. פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן לערנען תורה מיט אַ ברכה און לערנען תורה אָן אַ ברכה, פּונקט ווי עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן עסן מיט אַ ברכה און עסן אָן אַ ברכה. י. ל. פּרץ האָט דעם דאָזיקן געדאַנק וווּנדערלעך אַרויסגע־בראַכט אין זיין "שהשמחה במעונו", דורכן מויל פון אַ חסיד ווייזט דאָ אונדז פּרץ דעם אונטערשייד צווישן די וואָכעדיקע עולם־הזהדיקע הנאות און דער געלייטערטער שמחה פון דעם פרומען מענטשן:

"מיר טרינקען און זיי טרינקען...

"וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ טרונק בראַנפן אין שענק... און — וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ טרונק בראַנפן אין אַ שטיבל ביי אַ סיום, ביי אַ יאָרצייט, אָדער גלאַט ביי אַ פּשוטן שלוש סעודות!

"ביי זיי לאָזט זיך דער בראַנפן ניט טרינקען... נאָר דער יצר הרע הייסט!...

מאַכט מען אָבער איבער דער משקה אַ ברכה, טרינקט מען זי לשם מיצווה, איז מען זי מתקן... לאָזט זיך די משקה טרינקען און די נשמה האָט נחת פון טרינקען און וויל טרינקען!"

אויב מען לערנט תורה אויף אַ וואָכעדיקן אופן, ווילט זיך ניט לערנען. ווען דער תלמיד קומט אין דער יידישער שול, דאַרף ער וויסן און פילן, אַז ער קומט דאָ זיך צו פאַראייניקן מיטן כלל ישראל און מיט דער תורה פון כלל ישראל. דער גאַנצער צוגאַנג צו יידיש לערנען, צו יידיש וויסן טאָר ניט זיין קיין וואָכעדיקער. דער לערער, די טויער אַרום דער שול, און קודם כל די עלטערן, דאַרפן פאַרשטיין,

אַז עס איז נייטיק אַרויסצורופֿן ביי די תלמידים אַ רעספּעקט פֿאַר דעם גרויסן סוד פֿון יידישקייט, פֿון יידיש לעבן און יידיש וויסן.

וואָס דאַרף אַ ייד וויסן און וואָס דאַרף אַ ייד טאָן?

ווייט איז דער וועג פֿון וויסן ביז טאָן — האָט געזאָגט ר׳ ישראל סאַלאַנטער — אַזוי ווייט ווי פֿון הימל ביז צו דער ערד. האָט דעריבער ר׳ ישראל סאַלאַנטער, דער באַגרינדער פֿון דער מוסר־באַוועגונג, געשטעלט די פֿראַגע: ווי קומט מען פֿון וויסן צו מעשׂים? הלוואַי וואָלט דער גרעסטער געטאָן — האָט ער זיך אַ מאָל אויסגעדריקט — וואָס דער קלענסטער ווייס. די השׂכּלה האָט טיף געגלויבט אין דעם כּוח פֿון וויסן. פֿאַר די משׂכּילים איז געווען קלאָר, אַז וויסן וועט אויסלייזן די וועלט. שׂנאה און קנאה צווישן מענטשן און פֿעלקער, האָבן די משׂכּילים געגלויבט, נעמען זיך דער עיקר דערפֿון, וואָס די מענטשן בלאָנדזשען אין פֿינצטערניש. מאַכן אַ סוף צו דער פֿינצטערניש, פֿאַרשפּרייטן ליכט צווישן פֿאָלק — דאָס איז געווען דער וועג פֿון דער השׂכּלה.

אויך דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט געוואַלדיק געגלויבט אין דעם כּוח פֿון אויפֿקלערונג. וויסן איז מאַכט, און וויסן איז אויך דער וועג צו פֿרייהייט און גערעכטיקייט, האָבן סאָציאַליסטישע דענקערס געגלויבט. דערמיט איז געווען פֿאַרבונדן די אָפּטימיסטישע פֿילאָזאָפֿיע, אַז דער מענטש איז לויט זיין נאַטור גוט. אַלע עוולות, אַלע שאַטנזייטן אין אונדזער קולטור זיינען בלויז אַ רעזולטאַט פֿון די ניט־נאַטירלעכע סאָציאַלע באַדינגונגען.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז געווען מער פּעסימיסטיש בנוגע דער מענטשלעכער נאַטור. וויסן אַליין איז ווייניק, האָט ער כּסדר געלערנט זיינע תּלמידים. דער צוועק פֿון לערנען איז — מעשׂים. דאָס איז, אַגב, אַן אַלטער יידישער כּלל: ״לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה״, אָבער ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט דעם ענין אַ סך מער פֿאַרטיפֿט. האָט די פֿראַגע פֿון וויסן און טאָן עפּעס אַ שייכות צום ענין פֿון יידישער דערציונג אין אונדזער צייט? איך האַלט אַז די שייכות איז גאָר אַ גרויסע. דער צוגאַנג פֿון ר׳ ישראל סאַלאַנטער קען אונדז גאָר אַ סך העלפֿן כּדי אַריינצוברענגען מער אינהאַלט אין אונדזער מאָדערנער יידישער דערציונג.

יידישקייט איז אַ יאָך, יידישקייט שטעלט פֿאָדערונגען צום מענטשן. דאָס איז אויך ריכטיק בנוגע אונדזער יידישער דערציונג. עס איז גרינגער צו זיין ניט קיין ייד, דעמאָלט קען מען יוצא זיין מיט דער אַלגעמיינער דערציונג וואָס מען באַקומט אין די עפֿנטלעכע שולן. די תּלמידים פֿון אונדזערע שולן שטעלן זיך אָפֿט די פֿראַגע: וואָס איז דער זין פֿון לערנען יידישקייט? צוליב וואָס פֿאַרלירן אַזוי פֿיל צייט? אויך יידישע קינדער האָבן אַ יצר הרע צו שפּילן, צו שטיפֿן, צו פֿאַרברענגען. ווי קען מען פּועלן ביי די קינדער זיי זאָלן גיין אין שול ניט נאָר ווייל זייערע

עלטערן פּאַרלאַנגען עס, נאָר פון זייער אייגענעם ווילן? קען מען דערגרייכן אַז די קינדער זאָלן באמת וועלן לערנען יידישקייט?

איך רעכן אַז אונדזער טראַדיציע ווייזט אונדז דעם וועג. אין יעדער יידישער קהילה אין דער אַלטער היים זיינען געווען יונגע לערנערס מתמידים וואָס האָבן געלערנט אין גאַנצן אָן דער הילף פון אַ רבין. זיי האָבן געלערנט פאַר זיך; אַ סך פון אַט די יונגע לערנערס האָבן געלערנט אין דער פּרעמדס, האָבן געגעסן טעג און געשלאָפן אויף אַ האַרטער באַנק אין אַ בית מדרש. זיי האָבן געלערנט, ווייל זיי האָבן געפונען אַ זין אין לערנען, ווייל לערנען איז געווען ניט נאָר אַן ענין פון יידישקייט, נאָר ווייל תורה איז דער זין פון מענטשלעך לעבן.

יידישע דערציונג, אויב זי וויל דערגרייכן איר ציל, מוז זיין מער ווי יידישע דערציונג. יידישע דערציונג איז אַ וועג צו דערציען דעם מענטשן. און ווען דער היינטיקער תלמיד פרעגט: מה העבודה הזאת לכם? צו וואָס די גאַנצע יידישע דערציונג? איז דער ענטפער: אויך אַ ניט־ייִד וואָלט געדאַרפט קריגן אַ יידישע דערציונג. ריכטיקער, עפּעס וואָס דערנענטערט זיך צו אונדזער יידישער דערציונג.

ווען מען רעדט מיט יידישע עלטערן וועגן דער דערציונג פון זייערע קינדער, הערט איר אָפט דעם ענטפער: מילא, וועט אונדזער זון ניט זיין קיין רב! דערין באַשטייט דער פונדאַמענטאַלער טעות פון אונדזער היינטיקן צוגאַנג צו יידישקייט. דער יידישער כלל איז: יעדער ייד דאַרף קענען זיין אַ רב!

עס האַנדלט זיך דאָ ניט בלויז מכוח דער פראַגע וועגן רבנות. יידישקייט איז אַ דערציונג צו מעשים, צו מצוות, צו פליכטן. יידישקייט מיינט אייגנטלעך מאָראַלישע זעלבסטדיסציפּלין. ווען מען רעדט ביי אונדז וועגן דער יידישער הלכה־טראַדיציע, וועגן מצוות־יידישקייט איז דערמיט געמיינט ניט סתם ריטואַל, צערעמאָניעס אָדער לעבנס־שטייגער. די הלכה־יידישקייט איז אַ פילאָזאָפיע וואָס לערנט אונדז ווי צו לעבן, די הלכה לערנט אונדז ווי צו לעבן ביחידות און ווי צו לעבן בציבור. הלכה ווייזט אונדז דעם וועג פון וויסן צו טאָן, פון אידעע צו רעאַליטעט.

געווען ביי אונדז אַ סך וויכוחים אַרום דעם ענין בר־מצווה. איך פאַרשטיי די וויכוחים אויף וויפל מען באַטראַכט בר־מצווה בלויז ווי אַ צערעמאָניע, הגם איך פערזענלעך גלייב אַז אויך צערעמאָניעס האָבן זייער אָרט אין אונדזער דערציונג און אין אונדזער לעבן בכלל. בר־מצווה איז אָבער אַ סך מער ווי אַ צערעמאָניע, בר מצווה איז אַ פילאָזאָפיע, די יידישע פילאָזאָפיע.

עס האַנדלט זיך דאָך דאָ ניט בלויז וועגן אַ ריטואַל אין פאַרבינדונג מיט אַ באַשטימטן עלטער. דער אייגנטלעכער זין פון בר מיצווה איז — יעדער ייד איז זיין גאַנץ לעבן אַ בר מיצווה. דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן דעם יידישן צוגאַנג און דעם קריסטלעכן. צום אונטערשייד פון קריסטענטום איז יידישקייט אַ תורה ניט סתם פון גלויבן, נאָר פון פליכטן, פון מעשים און מיצוות. אין דעם זין זע איך ניט קיין שום פּראָבלעמען אין דעם ענין פון בר מיצווה, אפילו פון שטאַנדפּונקט פון אַ וועלטלעכער דערציונג. די פילאָזאָפיע דאַרף ווערן

די צענטראַלע אידעע אין אונדזער יידישער דערציונג. בר מיצווה איז דאָך אין בעסטן זין פון וואָרט דערציונג צו דעמאָקראַטיע. יעדער מענטש, יעדער בירגער טראָגט אַ מאָראַלישע אַחריות פאַרן גורל פון זיין פאָלק און פאַרן גורל פון דער וועלט. בר מיצווה מיינט ניט נאָר נעמען אויף זיך דעם יאָך פון יידישקייט, נאָר אויך דעם יאָך פון זיין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע זיינע מעשים. עס איז אַ שווערער וועג צו ווערן באמת אַ בר מיצווה.

אונדזער יידישע דערציונג מוז זיך בכן צופּאַסן צו דער אידעע פון מיצווה יידישקייט. איך ווייס, די אויפגאַבע איז אַן אויסערגעוויינטלעך שווערע, באַזונדערס פאַר אַ וועלטלעכן מענטשן. עס לאָזט זיך אָבער געפינען אַ וועג. אַ פּאָר ביישפּילן וועלן עס, גלויב איך, קלאָר מאַכן.

פסח איז ביי אונדז אַלעמען אַ גרויסער יום־טוב, דער יום־טוב פון באַפרייונג. אַנקעגן דעם איז דער יום־טוב שבועות, דער יום־טוב פון מתן תורה, ביי אונדז שטאַרק באַעוולט געוואָרן. פון שטאַנדפּונקט פון יידישער דערציונג אָבער דאַרף גראָד דער יום־טוב פון מתן תורה ווערן דער וויכטיקסטער יום־טוב. מיר ווייסן פון דער געשיכטע ווי אַפּט פעלקער זיינען ווידער פאַרשקלאַפּט געוואָרן פון זייערע כלומרשטע באַפרייערס. דעריבער איז אַזוי וויכטיק דער יום־טוב פון מתן תורה. ערשט ביים באַרג סיני, ווען דאָס גאַנצע פאַרזאַמלטע פאָלק האָט אַנגענומען די תורה, ווען אַלע האָבן געענטפערט נעשה ונשמע, ערשט דעמאָלט זיינען יידן באמת געוואָרן אַ פריי פאָלק. די וועלט־היסטאָרישע דראַמע ביים באַרג סיני, ווען אַ גאַנץ פאָלק נעמט אויף זיך פליכטן און אויפגאַבעס, די געשיכטע פון מעמד הר סיני דאַרף פאַרנעמען אַ צענטראַל אָרט אין אונדזער דערציונג.

יידישקייט איז ניט סתם קיין יאָך וואָס מען האָט אויף אונדז אַרויפגעוואָרפן, יידישקייט איז אַ יאָך וואָס מיר אַליין נעמען אויף זיך. יעדער דור שטייט ביים באַרג סיני, יעדער דור נעמט אויף זיך יידישקייט פון דאָס ניי. יעדער איינצלנער ייד שטייט ביים באַרג סיני, יעדער איינצלנער ייד באַשליסט פאַר זיך צו נעמען אויף זיך דעם יאָך און די גרויסע היסטאָרישע שליחות פון יידישקייט.

פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער געשיכטע, פון אונדזער רייכער און אַלטער קולטור־ירושה קענען מיר אויסקלייבן דעם פּאַסיקן מאַטעריאַל וואָס זאָל אונדז העלפן דערציען דעם יונגן דור צו אַ יידישקייט פון טאָן און ניט נאָר פון וויסן. מיר מוזן געפינען דעם וועג ווי אויסצולערנען אונדזערע תלמידים זיי זאָלן נעמען אויף זיך פרייוויליק געוויסע אויפגאַבעס, געוויסע פליכטן, סיי וואָס איז שייך יידישקייט און סיי וואָס איז שייך אַלגעמיינע מענטשלעכע פליכטן. אויך דאָ, האַלט איך, קענען מיר אַ סך לערנען פון דער תורה פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער און זיינע תלמידים. די תורה פון מוסר דאַרף ווערן אַ וויכטיקער לימוד דווקא אין אונדזערע וועלטלעכע יידישע שולן. מוסר איז ניט נאָר אַן ענין פון אמונה, מוסר איז קודם כל אַן ענין פון מענטשלעכקייט. אויך דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ סך פּראָבלעמען און שוועריקייטן. צו דעם ענין וועלן מיר זיך נאָך אומקערן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

עס איז אַחוץ דעם וויכטיק אין אונדזער מאָדערנער דערציונג ווי ווייט נאָר מעגלעך איינצופירן דעם מינהג פון לערנען פאַר זיך. אויב דאָס איז געווען מיגלעך אַמאָל, אין די יידישע שטעט און שטעטלעך אין דער אַלטער היים, מוז עס מיגלעך זיין אויך היינט. איך ווייס, דאָס גייט טיילווייז קעגן דעם שטראָם פון אונדזער היינטיק לעבן, ווען מען זוכט כסדר דעם גרינגסטן וועג. אָבער יידישקייט איז תמיד געגאַנגען קעגן דעם שטראָם פון אַ גרינג לעבן.

יידישע דערציונג איז אַ דערציונג צו פליכטן, צו אַ מאָראַלישער דיסציפּלין וואָס מיר נעמען אויף זיך פריוויליק. וויסן איז וויכטיק, אָבער נאָך וויכטיקער איז צו געפינען דעם וועג פון וויסן צו מעשים.

"חובת התלמידים"

מיר איז די טעג אויסגעקומען צו לייענען אַ מערקווערדיקן ספר פון יידישער דערציונג. דער ספר, וואָס טראָגט דעם טיטל "חובת התלמידים" (די פליכט פון די תלמידים), איז געווען געדרוקט אין וואַרשע אין יאָר 1932. דער מחבר, הרב קלונימוס קלמיש, איז געווען רב אין פּיאַסעטשנע און געשריבן האָט ער זיין ספר ניט פאַר פעדאַגאָגן, ניט פאַר דערוואַקסענע, נאָר דווקא פאַר די יונגע תלמידים, און דערמיט, גלויב איך, האָט ער אונדז געוויזן אַ נייעם צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון יידישער דערציונג.

פאַר מיר פּערזענלעך איז דער ספר "חובת התלמידים" געווען ממש אן אַנט־פּלעקונג. איך האָב זיך קוים געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ חסידישער רב, וואָס איז אינגאַנצן דערצויגן געוואָרן אין דער וועלט פון דער אַלטער חסידישער טראַדיציע, זאָל זיך אויף אַזאַ אָריגינעלן אופן פאַרטיפן אין די פּראָבלעמען פון אונדזער מאָדערנער דערציונג, פון דעם חינוך פון דעם יונגן דור.

שוין דער נאָמען פון דעם ספר איז אַ גאַנצע פּראָגראַם: די פליכט פון די תלמידים. דער מחבר פאַרנעמט זיך גאָרניט מיט די פּראָבלעמען פון ווי צו לערנען. די פראַגע וועגן די פאַסיקסטע פעדאַגאָגישע מעטאָדן האָבן אים ווייניקער אינטערעסירט. זיין אויפגאַבע איז קלאָר צו מאַכן פאַר די יונגע יידישע קינדער, פאַרוואָס זיי דאַרפן לערנען, וואָס איז דער זין פון לערנען תורה. דער ספר הויבט זיך אָן מיט אַ רוף צו די תלמידים. דער מחבר דערקלערט דעם יונגן יידישן מענטשן די וויכטיקייט פון זיין ראָל אין יידישן לעבן. ער נעמט אויף זיך אַ יאָך, דעם יאָך פון יידישקייט. עס איז אָבער אויך א גרויסע פּריווילעגיע און אַ גרויס גליק צו נעמען אויף זיך אָט דעם יאָך. דער רוף צום תלמיד (קריאה אל התלמיד) לייענט זיך:

וואויל דיר, יידיש קינד! וואויל איז דיין חלק! (אשריך נער ישראל ואשרי חלקך). די תורה, גאָטס ליכט, האָסטו זוכה געווען צו לערנען... די מלאכים פון

הימל זיינען דיר מקנא. זיי באַוווּנדערן דיך און גיבן דיר אָפּ כבוד. די גאַנצע וועלט פרייט זיך מיט דיר...״

״און אויך דו, יידיש קינד, דאַרפסט זיך פרייען מיט דיין גרויס גליק, וואָס דו האָסט זוכה געווען צו לערנען גאָטס תורה...

״יונגע קינדער פון ישראל! א שווערער יאָך איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אייערע פּלייצעס. א גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איר דאַרפט אויפהאַלטן דאָס הויז פון ישראל, פון אייך דאַרפן אַרויסקומען די יידישע צדיקים, גאונים און חכמים... און אויך די דערנענטערונג פון גאולה ליגט אין אייערע הענט...

״און אפשר, וועט אימיצער פון אייך זאָגן, מען וועט זיך אַן עצה געבן אָן מיר. זיי וויסן, אַז דאָס זעלבע טראַכטן דיינע חברים. און וואָס וועט זיין דאַן מיט דער תורה, וואָס וועט זיין מיטן יידישן פאָלק? קיינער פון אייך טאָר זיך ניט באַפרייען פון דער אחריות; איר זייט די זיילן, אויף וועלכע עס האַלט זיך דאָס הויז פון ישראל!..״

דער ערשטער טייל פון ״חובת התלמידים״ פאַרענדיקט זיך דאַן מיט די ווערטער: ״און איצט, געטרייע תלמידים, גייט און דעראָבערט די וועלט פאַר אייער פאָטער דעם מלך הכבוד!״ (לכו וכבשו את העולם לאביכם מלך הכבוד).

יידישע קינדער, דאָס הויז פון ישראל האַלט זיך אויף אייך! יידישע קינדער, פון אייך דאַרפן אַרויסקומען די פירער פון פאָלק, די צדיקים, די גאונים און די חכמים! יונגע יידישע קינדער, אין אייערע הענט ליגט דער גורל פון פאָלק, גייט און געווינט די וועלט, העלפט מיט צו בויען אַ בעסערע וועלט! דאָס איז דער רוף צו די תלמידים פון הרב קלונימוס קלמיש. און אין זיין הקדמה, וואָס איז געשריבן ווי אַ שמועס מיט די מלמדים און די עלטערן, ערקלערט אונדז דער מחבר פון ״חובת התלמידים״ פאַרוואָס אַזאַ רוף צו דעם יונגן דור איז באַזונדערס וויכטיק אין אונדזער צייט.

לאָמיר זיך אַליין ניט אָפּנאַרן, באַמערקט דער מחבר, עס איז ריכטיק, אַז מיר האָבן אַ גרויסע צאָל גרויסע ישיבות מיט אויסגעצייכנטע תלמידים. דאָס ענדערט אָבער ניט דעם פאַקט, וואָס דער יונגער דור גייט אַוועק פון אונדז. און זיינען מיר טאַקע אינגאַנצן זיכער מיט די תלמידים פון די ישיבות? און אין דעם שווערן מצב פון דעם יידישן חינוך, טענעט דער מחבר ווייטער, זיינען מיר, דער עלטערער דור, די הויפּטשולדיקע. מיר פאַרשטייען ניט די זוכענעשן פון דער יוגנט. אונדזערע קינדער היינט ווערן פרי זעלבשטענדיק. זיי באַטראַכטן זיך פאַר דערוואַקסענע, נאָך איידער די צייט איז פאַר דעם געקומען. אַזוי איז עס ביי אונדז יידן און אַזוי איז עס אויך אין דער גאַנצער וועלט, גיט דער מחבר צו. בונטעווען זיי זיך געגן די עלטערן און געגן די לערער. עס ווילט זיך זיי ניט, אַז מען זאָל מיט זיי קאָמאַנדירן, מ׳זאָל זיי געבן באַפעלן. עס קען אפילו פּאַסירן, אַז וואָס מער מיר וועלן לערנען מיט די קינדער, וואָס מער מיר וועלן פּרובירן זיי צו דערציען אין אונדזער גייסט, אַלץ מער וועלן זיי אינערלעך פּראַטעסטירן און זיי וועלן אויף אונדז קוקן ווי אויף טיראַנישע דיקטאַטאָרן, וואָס ווילן געוועלטיקן

איבער זיי ביד חזקה און ווילן זיי ניט איבערלאָזן קיין סימן פון פרייהייט. אַזאַ דערציונג, וואָס ווערט בלויז ארויפגעצוווּנגען אויף דעם יונגן דור, קען אפילו ברענגען מער שאָדן ווי נוצן. מוזן מיר אַזוי אַרום געפינען דעם וועג צו דער נשמה פון דעם היינטיקן יונגן מענטשן.

דאַרפן מיר ממילא קומען צו די קינדער און זיי ווייזן, אַז יידישע דערציונג איז זייער זאַך. זיי זיינען גאַרניט אַזעלכע אומבאַהאָלפענע באַשעפעניש און דעריבער טראָגן זיי די אחריות פאַר זייער אייגענער דערציונג. מיר, די עלטערן און לערער, זיינען גרייט זיי צו העלפן. מיר זיינען גרייט זיך צו טיילן מיט זיי מיט אונדזער וויסן און אונדזער דערפאַרונג. דער עיקר אָבער, מוזן זיי זיך אַליין העלפן.

און דאָס דאַרף געטאָן ווערן ניט נאָר מיט לאָגישע אַרגומענטן, לערנט אונדז ווייטער דער מחבר פון "חובת התלמידים". דער יונגער מענטש מוז מיטן גאַנצן האַרצן, מיט אלע זיינע אברים פילן די וויכטיקייט פון זיין אייגענער דערציונג. דאָס לערנען מוז אים פאַרשאַפן פרייד, דאָס לערנען מוז אים באַגייסטערן און דערהויבן.

מיט אַט דער אויפגאַבע פאַרנעמט זיך דער ספר "חובת התלמידים". דער מחבר פאַרשטייט די נייטיקייט פאַרן יונגן מענטשן צו שפּילן, שטיפן און פאַרברענגען. גלייכצייטיק אָבער ווייזט ער דעם תלמיד, ווי וויכטיק עס איז אויסצונוצן אויף א געהעריקן אופן די יונגע יאָרן, ווי טייער עס איז די צייט, די בעסטע צייט, וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט. אין די יונגע יאָרן ווערט אויסגעפורעמט דער דערוואַקסענער. אין די יונגע יאָרן ווערט באַשטימט דער גורל פון דעם מענטשן. טאָר מען דעריבער ניט פאַרנאַכלעסיקן די בעסטע צייט. מען קאָן פאַרלירן דאָס גאַנצע לעבן, ווען מען פאַרלירט די צייט פון דער יוגנט.

מיר האָבן, ליידער, ניט די מעגלעכקייט איבערצוגעבן אויספירלעך דעם אינהאלט פון אַט דעם מערקווערדיקן ספר, האָבן מיר זיך דאָ אָפּגעשטעלט בלויז אויף דער צענטראַלער אידעע: דער וועג פון דער יידישער דערציונג איז דער וועג צו דער נשמה פון דעם תלמיד. געווינען די תלמידים — דאָס איז אונדזער ערשטע אויפגאַבע. מיר קאָנען עס דערגרייכן, ווען מיר קאָנען פאַר זיי קלאָר מאַכן די וויכטיקייט און דעם טיפערן זין פון יידישן לערנען און יידישן וויסן.

אין דעם פּרט, גלויב איך, האָט אונדזער מאָדערנע יידישע פּעדאַגאָגיק — פון אַלע ריכטונגען — שטאַרק געזינדיקט. מיר זיינען צוגעגאַנגען צו דעם יידישן תלמיד ווי צו אַ קינד, מיר האָבן פאַר אים געשאַפן אַ קינדער־וועלט, אַ ליטעראַטור פאַר קינדער, זשורנאַלן פאַר קינדער, יום־טובים פאַר קינדער א.אַז.וו. א.אַז.וו. דער אמת איז, אַז קינדער זיינען גאָר ניט קיין קינדער, זייער גרעסטע אַמביציע איז צו זיין דערוואַקסענע. עס קאָן ניט זיין קיין יידישקייט פאַר קינדער און עס קאָן ניט זיין קיין יידישע דערציונג בלויז פאַר קינדער. איך גלויב, אַז אפילו אונדזערע לערנביכער דאַרפן ווערן צוגעגרייט אַזוי, אַז זיי זאָלן קאָנען באַנוצט ווערן, אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך, אויך פון דערוואַקסענע. פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס דער תלמיד קומט אַריין אין דער יידישער שול, דאַרף ער דערפילן דעם

אָטעם פון יידיש לעבן און פון יידישער געשיכטע. יידישע דערציונג איז די דערציונג פון גאַנצן פאָלק — קינדער און דערוואַקסענע. האָב איך דעריבער די גרעסטע ספקות בנוגע אַ ספּעציעלן תנ״ך פאַר קינדער, אָדער אַ חומש פאַר קינדער. און דאָס זעלבע איז גילטיק בנוגע אַ סך אַנדערע ספרים און טעקסטן, וואָס ווערן באַנוצט אין אונדזערע שולן. איך האָב אויך ספקות צי איז עס ריכטיק צו לערנען חסידות דורך פּרצן. איך בין גראָד אַ חסיד פון פּרצן, איך גלויב, אָבער, אַז יידישקייט דאַרף מען לערנען פון דעם ערשטן קוואַל: פון תנ״ך, פון תלמוד, פון דער חסידישער ליטעראַטור, פון דער מוסר־ליטעראַטור א.אַ.וו. יידישקייט איז א סך מער ווי י.ל. פּרץ און ווי ליטעראַטור.

דער מחבר פון ״חובת התלמידים״ ציטירט אין זיין אַריינפיר דעם ווייטערדיקן מדרש:

״קום און זע ווי באַליבט די קינדער זיינען פאַר גאָט ברוך הוא. ווען דער סנהדרין איז פאַרטריבן געוואָרן פון ירושלים, איז די שכינה ניט פאַרטריבן געוואָרן מיט זיי; ווען די כהנים און לויים זיינען פאַרטריבן געוואָרן, איז די שכינה ניט פאַרטריבן געוואָרן מיט זיי. ווי נאָר אָבער די קינדערלעך זיינען פאַרטריבן געוואָרן, איז די שכינה מיטגעגאַנגען מיט זיי״. איז די שכינה אויך נאָך היינט מיט אונדזערע יידישע קינדער אין אונדזערע יידישע שולן?

אריינברענגען די שכינה אין דער יידישער שול און פון דער יידישער שול אין דער יידישער היים — דאָס איז דער טיפערער זין פון דער יידישער דערציונג. אויך דער היינטיקער לערער דאַרף קאָנען זאָגן צו זיינע תלמידים: יידישע קינדער, אויף אייך האַלט זיך דאָס הויז פון ישראל! פון אייך דאַרפן ארויסקומען די יידישע פירער, די יידישע גאונים און חכמים! איר זייט אונדזער צוקונפט, לערנט יידישקייט, העלפט בויען יידיש לעבן! יידישע דערציונג איז אייער פליכט, אייער זאַך. מיר, לערער און עלטערן, ווילן אייך דערין בלויז העלפן צו ווערן בעסערע יידן, בעסערע מענטשן, גייט און געווינט די וועלט. העלפט מיט בויען אַ בעסערע און גערעכטערע וועלט!

די ישיבה

וועלטלעכע קולטור פאַר זיך אַליין איז ניט גענוג. די אימפּאָזאַנטע דייטשע קולטור האָט זיך פאַרענדיקט מיטן היטלעריזם. און אויך דער סטאַליניזם איז אַ געזעצלעך קינד פון דער מאָדערנער וועלטלעכקייט. דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די גאַנצע טראַגישקייט פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צו באַנוצן פייער, און פייער קען זיין אַ כוח פון שאַפן און אַ כוח פון צושטערן. דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צו שמידן אייזן, און פון דעם וווּנדערלעכן מעטאַל קען מען אויסשמידן סיי אַקעראייזנס און סיי שווערדן.

די פּראָבלעם פון אונדזער צייט איז: ווי אזוי פאַרווירקלעכט מען די נבואה

פון דעם גרויסן ישעיהו? ווי קענען מיר פועלן ביי זיך אַליין איבערצושמידן אונדזערע שווערדן אויף אַקעראייזנס? דאָס איז געווען אַ פּראָבלעם פאַר אַלע צייטן. דאָס איז די גורלדיקע פּראָבלעם אין אונדזער צייט. און דערפאַר גלויב איך אַזוי פיל אין דעם חוב פון אונדזער יידישער טראַדיציע, אין דער היסטאָרישער שליחות פון די ישיבות.

לאָמיר דאָ קודם כל פאַרצייכענען, אַז די ישיבות אין אַמעריקע שטעלן מיט זיך פאַר אַ נייעם עקספּערימענט. אונדזערע ישיבות גיבן אַ פולן קורס פון די וועלטלעכע לימודים, וואָס ווערן געלערנט אין די אַלגעמיינע שולן. און די תלמידים אין די ישיבות צייכענען זיך גראַד אויס מיט זייערע דערגרייכונגען, אויך וואָס איז שייך די אַלגעמיינע לימודים. אונדזערע ישיבות געהערן צו די בעסטע שולן אין לאַנד.

די אַלע, וואָס פירן אַ מלחמה געגן די ישיבות, טאָרן ניט פאַרגעסן אָט דעם קאָנקרעטן פאַקט: די ישיבה אין אַמעריקע איז גאָר אַן אייגנאַרטיקער עקספּערימענט צו פאַרבינדן צוויי ציוויליזאַציעס, צוויי קולטור־טראַדיציעס: די וועלטלעכע קולטור־טראַדיציע פון גריכישע דענקער און די רעליגיעז־מאָראַלישע קולטור־טראַדיציע פון די נביאים.

מיט דער קולטור־טראַדיציע פון דער ישיבה אַליין וואָלטן מיר ניט געקענט באַוויזן אויפצובויען אַ היים פאַר אונדזער פאָלק אין ישראל. אָבער אָן דער טראַדיציע פון חדר און ישיבה וואָלט אונדז געפעלט דער ווילן, דער מאָראַלישער כוח צו נעמען אויף זיך אַזאַ אויסערגעוויינטלעך שווערע אויפגאַבע.

ס׳איז אמת, ניט אַלע חלוצים זיינען געקומען פון חדר און ישיבה. זייערע עלטערן אָבער זיינען דערצויגן געוואָרן אין דער טראַדיציע פון די חדרים און ישיבות. איך זע אין אָט דעם פּרווו צו פאַרבינדן וועלטלעכקייט מיט יידישקייט, צו פאַרבינדן די קולטור־טראַדיציע פון אַלטן גריכנלאַנד מיט דער קולטור־טראַדיציע פון תורה און הלכה, דעם גרעסטן דערציערישן עקספּערימענט אין אונדזער צייט.

איינע פון די גרעסטע מעלות פון דער ישיבה איז דער פּרינציפּ פון לערנען תורה לשמה, לערנען צוליב לערנען. פרומע עלטערן שיקן זייערע קינדער אין ישיבה ניט מחמת פּראַקטישע טעמים. מען קען אין אַמעריקע מאַכן אַ גאַנץ גוטע קאַריערע אָן יידיש און אָן יידישקייט. יידישע דערציונג בכלל איז היינט־צו־טאָג אינגאַנצן אַ אידעישער, אַ גייסטיקער ענין, — תורה לשמה. יעדע פאָרם פון יידישער קולטור און יידישער דערציונג איז לשמה. אין דער ישיבה אָבער האָט די אידעע פון תורה לשמה, אַז תורה איז די בעסטע סחורה — געקריגן איר תיקון.

די גאַנצע וועלטלעכע דערציונג, אריינגערעכנט אונדזערע קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן, האָט אין זינען קודם כל פּראַקטישע צוועקן, תכלית. דאָס איז אַפילו ריכטיק בנוגע די סטודענטן אין אונדזערע סעמינאַרן און קאָלעדזשעס פאַר רעליגיע. די אַבזיכט פון די תלמידים איז צו מאַכן אַ קאַריערע אַלס רעליגיעזע פירער.

איך בין דערמיט ניט אויסן צו זאָגן, אַז די אידעע פון וויסן לשם וויסן פעלט אינגאַנצן אין אונדזערע וועלטלעכע אינסטיטוציעס. ס׳איז אָבער קלאָר: דער צענטראַלער מאָטיוו פון דער וועלטלעכער דערציונג איז אַ פּראַקטישער: תּכלית.

אין דער ישיבה אָבער קומט דער תּלמיד דער עיקר מיט דער אַמביציע צו לערנען תּורה לשמה. ער טראַכט בדרך כּלל גאָר ווייניק וועגן דער מעגלעכקייט פון מאַכן אַ קאַריערע אַלס רבֿ. זיין ציל איז צו ווערן אַ תּלמיד חכם. און גראָד אָט די טראַדיציע פון לערנען לשמה האָט אונדז אָן אַ שיעור געהאָלפן אין אונדזערע פּראַקטישע דערגרייכונגען. מיר וואָלטן היינט אין אַמעריקע אינגאַנצן ניט געהאַט קיין נעגער־פּראָבלעם, ווען די נעגערשע באַפעלקערונג וואָלט געהאַט די טראַדיציע פון לערנען צוליב לערנען.

יידן האָבן געוווסט וועגן דער נייער מעטאָדע פון בוך־טעראַפּיע — באַהאַנדלען קראַנקע מיט גייסטיקע פּראָבלעמען דורך ביכער — נאָך מיט דריי טויזנט יאָר צוריק. זאָגט דאָך אונדז דער דיכטער פון תּהילים: ״ווען ניט די דערקוויקונג פון דיין תּורה, וואָלט איך פאַרלאָרן געגאַנגען אין מיין פּיין״ (לולי תורתך שעשעי אז אבדתי בעניי). אונדזער גאַנצע יידישע ליטעראַטור איז פול מיט אָט דעם מאָטיוו: די שמחה פון תּורה, די דערמוטיקונג וואָס לערנען תּורה ברענגט דעם מענטשן אין שווערע צייטן. תּורה גיט אונדז גלויבן, האָפענונג, און תּורה, לערנען תּורה, זיך פאַרטיפן אין תּורה, איז אַ הילף פאַר אַ סך מענטשן.

איך האַלט אויך גאָר אַ סך פון דעם מאמר: ״תּלמידי חכמים מרבים שלום בעולם״, תּלמידי חכמים שטאַרקן דעם שלום אויף דער וועלט. תּורה איז אַ וועג פון שלום, ווייל די לערנער פון תּורה האָבן זיך ניט געיאָגט נאָך פּאָליטישער מאַכט.

דער באַקאַנטער דענקער און פּסיכאָלאָג וויליאַם דזשעימס האָט בערך מיט 60 יאָר צוריק באַהאַנדלט די פראַגע וועגן געפינען אַ מאָראַלישן עקוויוואַלענט פאַר מלחמה, געפינען עפּעס, וואָס זאָל באַפרידיקן די מענטשלעכע אַמביציעס, אָבער אָן די ברוטאַלע מעטאָדן פון קאַמף און בלוט־פאַרגיסונג.

וויליאַם דזשעימס איז אַרויס פון דער הנחה, אַז דער אינסטינקט פון קאַמף איז אַ טייל פון דער מענטשלעכער נאַטור. ער האָט אָבער אויך געגלויבט, אַז מען קען אָט דעם אינסטינקט אויסלייטערן, פאַרגייסטיקן. איך האָב דאָס געפיל, אַז אין תּוך האָט וויליאַם דזשעימס ריכטיק אָפּגעשאַצט די פּראָבלעם. מיר קענען געפינען אַ וועג צו באַפרידיקן אונדזערע מענטשלעכע אַמביציעס אָן בלוט־פאַרגיסונג. און דאָס איז דער וועג פון תּורה. פאַראַן גענוג קנאה און אפילו שנאה צווישן תּלמידי חכמים. און מיר געפינען אין תּלמוד דעם אויסדרוק: ״די מלחמה פון תּורה״. אָבער אַזוי לאַנג ווי תּלמידי חכמים און געלערנטע האָבן ניט קיין פּאָליטישע מאַכט, זיינען אַזעלכע גייסטיקע מלחמות ניט געפערלעך. דאָס זיינען מלחמות אָן בלוט־פאַרגיסונגען, מלחמות וואָס העלפן דעם שלום.

*

די טענות, מיט וועלכע מען האָט באַגעגנט מיין אַרטיקל וועגן די ישיבות,

מאַכן עס פאַר מיר אַלץ מער און מער קלאָר, אַז עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר וויכוחים בנוגע אַזאַ דעליקאַטן ענין. מיר רעפּרעזענטירן צוויי באַזונדערע וועלטן. מיין קריטיקער איז אָפּטימיסטיש און רויק בנוגע דער צוקונפט פון יידן און יידישקייט אין אַמעריקע, פילט ער דעריבער ניט די נייטיקייט פון גרויסע, ממש איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען. די צייט וועט שוין ״אויספּרעסן״ אַלע שוועריקייטן איך בין אָנקעגן דעם שטאַרק פּעסימיסטיש בנוגע דער צוקונפט פון יידן אין אַמעריקע. איך וועל גיין אַפילו אַ ביסל ווייטער: איך בין שטאַרק פּעסימיסטיש בנוגע דעם גורל פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע בכלל. זוך איך מיט פאַרצווייפלונג וועגן ווי אויפצוהיטן יידיש לעבן און יידישקייט.

מיין קאָלעגע און קריטיקער מאַכט דעריבער אַ טעות, ווען ער מיינט, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ לאָגישער דעבאַטע. די לאָגיק פון אַ רויקן אָפּטימיזם איז גאָר אַן אַנדערע ווי די לאָגיק פון אַ שטאַרק אומרויקן יידישן מענטשן. עס קען זיין, אַז מיין פּעסימיזם איז אַ ביסל איבערגעטריבן. אָבער ווי קען אַ יידישער מענטש, וואָס טראַכט כסדר וועגן יידישע פּראָבלעמען, זיין רויק אין אַ צייט פון קאַטאַסטראָפעס?

איך האָב אויף זיך גענומען אַ ספּעציעלע אויפגאַבע ווי אַ שרייבער און אַ פאָרשער. איך שרייב דער עיקר וועגן יידישע ענינים, איך שטודיר, אויף ווי ווייט מעגלעך, אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו יידן און יידישקייט. איז דעריבער מיין צוגאַנג צו ישיבות גאָר אַן אַנדערער, ווי דער צוגאַנג פון מיין קריטיקער. איך גלויב, אַז די ישיבות זיינען גאָר אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין אונדזער קאַמף פאַרן קיום. און ווען איך רייד וועגן ישיבות, מיין איך קודם כל אַלע אינסטיטוציעס פון חינוך, וואָס גיבן זייערע תלמידים אַ פולע יידישע דערציונג. איך וועל פונקט אַזוי אונטערשטיצן העברעיִשע און יידישע וועלטלעכע שולן, הגם איך האָב די גרעסטע ספקות בנוגע דער מעגלעכקייט פון יידיש־וועלטלעכע טאָג־שולן דאָ אין אַמעריקע.

איך זע דאָ ניט קיין צוקונפט פאַר יידן און יידישקייט אָן אַן אינטענסיווער יידישער דערציונג. עס איז לכל הפחות וויכטיק צו האָבן אַזאַ פולע יידישע דערציונג פאַר אַ פּיאָנערישן טייל פון אונדזער יוגנט. מיר נויטיקן זיך אין לערער, אין רעליגיעזע פירער און כלל־טוער. אין יידן, וואָס קענען אריינקוקן אין אַ ספר; מיר נויטיקן זיך אין גייסטיקע יורשים. און איך וויל דאָ אָפּן ארויסברענגען מיינע שטימונגען: איך וואָלט ניט געוואָלט אַז אונדזער דור זאָל אָוועקגיין פון דער וועלט אָן אַ קדיש. איך וואָלט געוואָלט זען יונגע לייענער פון אַ יידישער צייטונג, פון אַ יידיש בוך. איך וואָלט געוואָלט זען יונגע יידישע געלערנטע מיט דעם געהעריקן וויסן, וואָס זאָלן זיין ראוי צו פאַרצייכענען פאַר צוקונפטיקע דורות די געשיכטע פון אונדזער גרויסן דור, פון דעם דור, וואָס איז געקומען פון חדרים און ישיבות און האָט באַוויזן אופצובויען יידישע געמיינדעס, אַ יידישע פּרעסע, אַ יידישע ליטעראַטור, און דערזעלביקער דור, וואָס איז געקומען פון חדרים און ישיבות, האָט אויפגעבויט מדינת ישראל. און ווו געפין איך אָט די יונגע מענטשן,

וואָס פילן זיך שטאַרק פאַרבונדן מיטן יידישן גורל און מיטן יידישן כלל און וואָס זיינען נאָך דערצו באַוואָפנט מיט די געהעריקע יידישע קענטענעשן ? איך געפין זיי קודם כל צווישן די תלמידים פון די ישיבות.

און נאָך עפּעס : איך גלויב בפירוש, אַז די ישיבות אין אַמעריקע שטעלן מיט זיך פאָר גאָר אַ באַזונדערס וויכטיקן דערציערישן עקספּערימענט. לאָמיר טאַקע דעם ענין באַהאַנדלען אַ ביסל ברייטער.

עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אונדזער צוגאַנג צו דער יידישער געשיכטע און וועגן דער ראָל פון דער יידישער טראַדיציע אין דער וועלט-געשיכטע. די מאָדערנע מערבדיקע קולטור האָט אין זיך אַריינגענומען דריי עלעמענטן : טיילן פון דער יידישער קולטור-טראַדיציע, טיילן פון דער העכערער גריכישער קולטור און גאָר שטאַרקע עלעמענטן פון פּאַגאַניזם, פוןווילדן און ליידנשאַפטלעכן געצנדינסט.

אַז די יידישע טראַדיציע האָט אויפן שטאַרקסטן אופן באַאיינפלוסט די גאַנצע קריסטלעכע קולטור, איז גענוג באַקאַנט. אין דער קריסטלעכער וועלט גופא לאָזן זיך מערקן פאַרשיידענע ניואַנסן. דער ענגלישער פּוריטאַניזם, למשל, האָט אין זיך אַריינגענומען גאָר שטאַרקע יידישע עלעמענטן. פון דער אַנדער זייט האָט דער דייטש-לוטעראַנישער פּראָטעסטאַנטיזם אָפּגעוואָרפן דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער טראַדיציע.

איך גלויב בפירוש, אַז דערמיט דערקלערט זיך די דעמאָקראַטישע טראַדיציע אין די אַנגלאָ-סאַקסישע לענדער, פון איין זייט, און דער קולט פון מלחמה און מאַכט אין דייטשלאַנד, פון דער צווייטער זייט. פאַר די פרומע ענגלענדער איז דער תנ"ך געווען אַ וועגווייזער, און זונטיק איז פאַר זיי ניט סתם געווען א טאָג פון אָפּרו, נאָר אַ הייליקער טאָג, לויטן מוסטער פון יידישן שבת. מאַרטין לוטער האָט, אנקעגן דעם, אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן די אידעע פון אַ הייליקן טאָג. און די גאַנצע ווייטערדיקע דייטשע געשיכטע איז געוואָרן אויסגעליידיקט פון דער אידעע פון הייליקייט.

עס וועט זיין ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז וואָס מער יידישקייט אַ פאָלק האָט אויפגענומען, אַלץ מער האָט עס באַוויזן צו אַנטוויקלען אינסטיטוציעס פון דעמאָקראַטיע און א געפיל פאַר מענטשלעכע רעכט. אַנקעגן דעם איז דייטשלאַנד אַוועק אַלץ מער און מער אויפן געצנדינערישן וועג, און דער קולט פון מאַכט און מלוכה, פון ברוטאַלער און נאַקעטער מאַכט, האָט דאָ פאַרנומען דעם פּלאַץ פון מאָראַל און רעליגיע. דעם וועג האָט געוויזן מאַרטין לוטער, און דענקער ווי העגעל און ניצשע האָבן דאַן צוגעגרייט דעם באָדן פאַרן נאַציזם.

העגעל און ניצשע זיינעןביידע געווען ווייט פון נאַציזם. זיי האָבן ביידע ממשיך געווען די גרויסע גריכישע טראַדיציע. העגעל האָט אפילו שטאַרק באַאיינפלוסט א צאָל ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע דענקער. אָבער די פילאָזאָפישע שיטות פון העגעל און ניצשע האָבן אומפאַרמיידלעך געפירט צום נאַציזם. אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין. די גרויסע זינד איז דאָ געווען : דער קולט פון מאַכט,

די ראָמאַנטיק פון מאכט, די ראָמאַנטיק פון דעם פירער, פון דעם "איבערמענטשן". אויך אין דעם רוסישן קאָמוניזם האָט די ראָמאַנטיק פון מאַכט און די ראָמאַנטיק פון דעם פירער געשפּילט א גרויסע ראָל.

איך האַלט, אז אונדזער מאָדערנע קולטור נויטיקט זיך אין מער יידישקייט, אַז אונדזער מאָדערנע קולטור נויטיקט זיך אין דעם גייסט פון תורה, אין דעם גייסט פון די ישיבות.

איך וועל קודם כל אָנווייזן אויף צוויי פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון דער יידישער קולטור־טראַדיציע:

דער וועג פון תורה איז ביי אונדז געווען תורה לשמה. דרך ארץ פאַר תורה, רעספּעקט פאַר לערנען. דערפון נעמען זיך אין א גרויסער מאָס אונדזערע דערגרייכונגען אויף די פארשיידנסטע געביטן פון וויסן.

דער צווייטער וויכטיקער פּרינציפּ איז — די באַדייטונג פון מענטשלעכן ווילן. דער גלויבן אין מענטשן, אין דעם מענטשלעכן כוח צו שטייגן, זיך צו דערהויבן, צו ווערן אַ בעסערער מענטש, איז דער צענטראַלער מאָטיוו אין דער יידישער טראַדיציע. דאָס איז די אידעע פון תיקון המידות, ווי עס ווערט באצייכנט ביי די מוסרניקעס. אָט דער גלויבן אין מענטשן האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט אריבערצוטראָגן אַלע שווערע ניסיונות פון גלות.

כמעט אלע מאָדערנע סאָציאַל־פּאָליטישע טעאָריעס זיינען אין תוך טעאָריעס פון ניט־גלויבן אין מענטשן. דער דורכשניטלעכער בירגער, ווערט כסדר באַטאָנט, איז אַ פּראָדוקט פון די באַדינגונגען. בלויז געציילטע פירער קענען צערייסן די קייטן פון דער ווירקלעכקייט. לייגן זיי ממילא זייערע האָפענונגען אויף די פירער, און נאָר אויף די פירער. דאָס איז די ניצשעאַנישע פילאָזאָפיע פון דעם "איבערמענטשן". אויך דער מאָדערנער ליבעראַליזם איז ניט פריי פון דעם קולט פון די פירער.

די טראַדיציע פון דער ישיבה איז גאָר אַן אַנדערע. די יידישע טראַדיציע האָט ניט געהאַלטן פון פירער. דער גרויסער וועגווייזער איז פאַר אונדז אַ רבי, אַ לערער. און יעדער ייד, אויך דער פּשוטסטער, קען דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון א לערער און וועגווייזער. אזוי לערנט אונדז דער רמב"ם: זאָלסט ניט טראַכטן ווי עס טראַכטן דער רוב טפשים פון די ניט־יידן און דער רוב גולמים צווישן אונדז יידן, אז דעם מענטשנס וועג איז באשטימט פון פאַרויס צו זיין אַ רשע. נייערט יעדער מענטש האָט די מעגלעכקייט צו זיין א צדיק ווי משה רבינו, אָדער אַ רשע ווי ירבעם (אלא כל אדם ראוי לו להיות צדיק כמשה רבינו או רשע כירבעם). אָט דער מאמר האָט פאַר אונדז אויך היינט א געוואַלדיקע, ממש אַ קאָלאָסאַלע באדייטונג. יעדער מענטש קאָן דערגרייכן צו דער מדרגה פון משה רבינו.

קיום האומה און טראַדיציע

פעלקער האָבן פּראָבלעמען, פעלקער האָבן זאָרגן, פעלקער ווערן געבוירן, און עס פּאַסירט אויך, אַז פעלקער גייען פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט.

גאָר שווער און קאָמפּליצירט זיינען די פּראָבלעמען פון פעלקער אין גלות, פון פעלקער צעשפּרייט איבער דער וועלט. קען אַ פאָלק אָן אַ מלוכה זאָרגן פאַר זיין קיום ?

אונדזערע אידעאָלאָגישע וויכוחים אין לויף פון די לעצטע דורות דרייען זיך דער עיקר אַרום דער פראַגע פון קיום — ווי קענען מיר פאַרזיכערן די ווייטער־דיקע עקזיסטענץ פון יידן ווי אַ פאָלק. די פראַגע האָט זיך געשטעלט אין איר פולער שאַרפקייט, ווייל אונדזער אַלטע רעליגיעזע טראַדיציע האָט פאַרלאָרן אַ סך פון איר אויטאָריטעט און פּרעסטיזש. אַ טייל יידישע דענקער האָבן געזוכט דעם ענטפער אין דער אויפריכטונג פון אַ טעריטאָריאַלער היים פאַרן יידישן פאָלק. דאָס איז קודם כל געווען דער ענטפער פון דר. הערצל. אָנקעגן דעם האָט אחד העם געגלויבט אין אַ גייסטיקן צענטער, און דאָס וועט זיין די היסטאָרישע שליחות פון דעם ישוב אין ארץ ישראל.

גאָר אַן אַנדער וועג האָט געזוכט דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, דער באַגרינדער פון דער פילאָזאָפיע פון אויטאָנאָמיזם. שמעון דובנאָוו האָט געגלויבט אין דעם נאַציאָנאַלן אינסטינקט, וואָס וועט יעדן יידישן יחיד אונטערזאָגן וואָס ער דאַרף טאָן. און דובנאָוו האָט אפילו געגלויבט, אַז דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט האָט דאָס געהאָלפן אויסשמידן די שטרענגע הלכהשע טראַדיציעס פון דער אַלטער יידישקייט ווי אַ פאַנצער געגן אַסימילאַציע.

איך גלויב, אַז שמעון דובנאָוו האָט איבערגעשאַצט די ראָל פון נאַציאָנאַלן אינסטינקט און האָט ניט אָפּגעשאַצט אין דער געהעריקער מאָס דעם כוח פון דער רעליגיעזער טראַדיציע. רעליגיע איז רעליגיע, און ס'איז אַ טעות צו גלויבן, אַז רעליגיע איז בלויז געווען אַ מיטל כדי אויפצוהאַלטן אונדזער קיום אין גלות. אחד העם און דובנאָוו האָבן געשטאַרקט דעם גלויבן אין יידישן קיום ביי דעם יידן, וואָס האָט זיך ניט מער געפילט געבונדן דורך דער רעליגיעזער טראַדיציע. אין דעם זין האָבן זיי אַ סך אויפגעטאָן. אָבער קיין ענטפער האָבן זיי ניט געפונען.

יידישקייט איז מיסטיק, יידישקייט איז די וויזיע פון אַ גרויס פאָלק, פון א הייליק פאָלק, וואָס מאַכט דורך זיין וועג דורך דער געשיכטע פון אברהם אבינו, פון מתן תורה ביז צו די טעג פון אחרית הימים. יידישקייט איז דער סוד פון א

פאָלק, וואָס פאַרשטייט דעם זין פון געשיכטע, פון א פאָלק, וואָס האָט געקעמפט, פון א פאָלק, וואָס האָט געשאפן — שאַפט היינט און וועט ווייטער שאַפן. און יידישקייט איז מענטשלעכקייט אין דעם סאַמע געלייטערסטן זין פון דעם וואָרט.

און וואָס זאָל טאָן דער ניט־גלויביקער ייד? אויך דער ניט־גלויביקער יידישער מענטש קען, לויט מיין מיינונג, געפינען אַן אָנשפּאַר און אינהאַלט אין דער טראַדיציע פון דורות, אין דעם גרויסן גייסטיקן אוצר פון יידישן כלל, פון דער יידישער געשיכטע.

גלויבן און אויסלייזונג

די געשיכטע פון יידן ווי אַ פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן אין גלות, אין גלות מצרים. און פּונקט אַזוי איז עס ריכטיק, אַז די יידישע געשיכטע הויבט זיך אָן מיט גאולה, מיט דער אויסלייזונג פון מצרים. עס וואָלט אָבער געווען דער גרעסטער טעות זיך פאַרצושטעלן, אַז גלות איז שטענדיק פאַרבונדן מיט קנעכט־שאַפט. און אויב אונדזער פאָלק האָט אין לויף פון יאָרהונדערטער אַזוי פיל געוואָנדערט, איז עס געווען, ווייל מיר האָבן געזוכט די פרייהייט צו בלייבן יידן. אפילו ווען אונדזערע עלטערן האָבן פאַרלאָזן ארץ ישראל אין צייטן פון גזרות און רדיפות, איז עס געווען דער עיקר ווייל זיי האָבן געוואָלט בלייבן פריי. עס איז מער ווי וואַרשיינלעך, אַז אַ צאָל פון די יידן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין ארץ ישראל נאָכן חורבן בית שני, האָבן זיך מיט דער צייט פאַרמישט מיט דער ניט־יידישער באַפעלקערונג און האָבן שפּעטער אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. דאָס איז די מיינונג פון א צאָל ערנסטע געלערנטע. זיי גלויבן, אַז אַ געוויסער טייל פון דער אַראַבישער דאָרפס־באַפעלקערונג זיינען גאָר, לויט זייער אָפּשטאַם, אור־אור־אייניקלעך פון די יידישע פּויערים פון אמאָל.

עס איז יעדנפאַלס אַ פאַקט, אַז אין גלות, דווקא אין דעם נע־ונד פון טויזנטער יאָרן האָבן מיר באַוויזן זיך איינצוהאַלטן ווי אַ פאָלק און אָפּצוהיטן אונדזערע גייסטיקע אוצרות. די געשיכטע פון די יידישע וואַנדערונגען איז אַ געשיכטע פון קאַמף פאַר פרייהייט, פון קאַמף געגן קנעכטשאַפט.

דערפאַר האָבן די יידן אין די גלות־לענדער געזוכט אַזעלכע פּראָפעסיעס, וואָס זאָלן זיי גאַראַנטירן די מעגלעכקייט אָפּצוהיטן זייער גלויבן און זייערע טראַדיציעס. פאַר דעם צוועק זיינען די האַנדלס־פּראָפעסיעס געווען באַזונדערס צוגעפּאַסט. די פּויערים זיינען אין מיטלאַלטער, און נאָך אפילו ביז צום ניינצעטן יאָרהונדערט, כמעט אומעטום געווען פאַרשקלאַפט. אַלס פּויערים וואָלט פאַר די יידן געווען כמעט ווי אוממעגלעך אָפּצוהיטן זייער גלויבן און זייער נאַציאָנאַלע קולטור. אַנקעגן דעם האָבן זיך יידן זייער אַ סך פאַרנומען מיט מלאכה, ווו נאָר זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט דערצו.

דערמיט האָב איך אינגאַנצן ניט בדעה צו שאַפן אַ ראָמאַנטיק פון גלות.

קען מען דען פאַרגעסן די אַלע רדיפות, גזירות און אומגליקן, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין אויף דעם לאַנגן און אַזוי יסורים־פולן וועג פון אונדזערע גלות־וואַנדערונגען ? עס איז אָבער יע וויכטיק ערלעך און אָביעקטיוו אָפּצושאַצן דעם געוואַלדיקן מאָראַלישן כוח, וואָס מיר האָבן ארויסגעוויזן ביי די שווערסטע ניסיונות, פאַר וועלכע מיר זיינען אַזוי אָפט געשטעלט געוואָרן.

גלות איז געווען אונדזער טראַגישער גורל. דעם וועג פון נע־ונד האָבן מיר ניט פרייוויליק אויסגעקליבן. און אויב מיר האָבן געהאַט דעם כוח צו נעמען אויף זיך מיט שטאָלץ און מוט דעם היסטאָרישן גורל, איז עס געווען אין דער ערשטער שורה אַ דאַנק אונדזער טיפן און אומשטערבלעכן גלויבן אין אויסלייזונג. דער גלויבן אין גאולה האָט אונדז געהאָלפן זיך אויפצוהאַלטן אין גלות און האָט אונדז געהאָלפן צו בלייבן פריי אין גלות. דער גלויבן אין גאולה איז אויך נאָך ביז צום היינטיקן טאָג די גאַראַנטיע פאַר אונדזער פרייהייט, פאַר אונדזער קיום און פאַר אונדזער צוקונפט.

יידישע אחדות

די גרויסע יידישע פּראָבלעם איז תמיד געווען ווי אויפצוהאַלטן דעם יידישן כלל, ווי אויסצומיידן פאַרביטערטע מחלוקתן ? ווייל שווערע איינעווייניקסטע רייסערייען קענען נאָך, חס ושלום, פירן צו אָפּשפּאַלטונגען, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די קראַימער, מיט די אַנהענגער פון שבתי צבי און מיט די פראַנקיסטן.

פאַר אַ פאָלק אין גלות איז אַזאַ צעברעקלונג, אַזאַ צעריסנקייט אַ שטענדיקע געפאַר. האָבן מיר מחמת דעם אַזוי מורא געהאַט פאַר סעקטעס.

און ערנסטע יידישע דענקער פון אַלע צייטן האָבן זיך גאָר אַ סך פאַרנומען מיט דער פּראָבלעם פון יידישער גייסטיקער אחדות. די תורה זאָל, חס ושלום, ניט ווערן ווי צוויי תורות. אַזוי איז דער תלמוד בבלי אָנגענומען געוואָרן ווי די אַנטשיידנדיקע אויטאָריטעט אין ענינים פון הלכה פון די יידישע ישובים איבער גאָר דער וועלט. עס איז, אמת, געבליבן געוויסע פּלאַץ פאַר וואַריאַנטן און ניואַנסן, אפילו וואָס איז שייך דעם נוסח פון דאַווענען. אָבער דאָס זיינען געווען קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער טראַדיציע, וואָס האָט פאַראייניקט דאָס גאַנצע פאָלק.

און דאָס איז אַ באַזונדערס שווערע און ביז גאָר אַ דעליקאַטע פּראָבלעם פאַר אונדז היינט. מיר טאָרן ניט זיין צו שטרענג, מען טאָר קיינעם ניט אָפּשטויסן. אָבער יעדע איינצעלנע גרופּע פאַר זיך מוז האָבן אין זינען, אַז זי איז אַ טייל פון יידישן כלל, אַז זי מוז אויף זיך נעמען אַ טייל פון אַלגעמיינער יידישער דיסציפּלין. און ממילא מוזן מיר כסדר טראַכטן וועגן דער פראַגע : וואָס פאַראייניקט די פאַרשיידענע פּאַרטייען און אידעאָלאָגישע ריכטונגען ? די

צענטראַלע יידישע פראַגע אין אונדזער צייט איז — וואָס איז יידישקייט ? דאָס איז די פראַגע, וואָס מיר אַליין שטעלן זיך גאָר אָפּט, און דאָס איז אויך די פראַגע, וואָס באַאומרויקט אונדזערע קינדער.

מיר האָבן ניט קיין איינהייטלעכע שפּראַך, וואָס זאָל פאַרבינדן אַלע טיילן פון אונדזער פאָלק. יידיש און העברעיש געהערן ביידע צו אונדזער קולטור־פאַרמעגן. דער רוב בנין ורוב מנין פון יידישן פאָלק לעבט זיך, ליידער, אויס אין פרעמדע שפּראַכן.

עס קען אויך ניט זיין קיין רייד וועגן מאָדערנע פּאָליטישע אָדער פילאָזאָפישע אידעאָלאָגיעס, וואָס זאָלן אונדז פאַראייניקן. בלייבט בלויז איבער ווי אַ שותפות־דיקער פאַרמעגן אונדזער געשיכטע און דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן געשאַפן אין לויף פון אונדזער געשיכטע. אונדזער יידישקייט איז דער גרויסער יידישער קולטור־פאַרמעגן. און דאָס אַלץ, וואָס מיר שאַפן היינט, איז בלויז אַ באַשיידענער טייל פון אונדזער קולטור־אוצר. איז ממילא מוז אויך אונדזער רעליגיעזע טראַדיציע פאַרנעמען אַ צענטראַלן פּלאַץ אין אונדזער היינטיקער יידישקייט. ערשט אין דער פאַרבינדונג מיט דער רייכער יידישער טראַדיציע ווערט דער אָדער יענער ניואַנס פון אונדזער היינטיקער שעפערישקייט אַ טייל פון יידישקייט. דעריבער קען ניט זיין קיין שום רייד וועגן אַ וועלטלעכער יידישקייט. דער אמת איז דאָך, אַז אפילו אין אונדזער מאָדערנער וועלטלעכער ליטעראַטור פאַרנעמט די יידישע טראַדיציע אַ צענטראַלן פּלאַץ. יידישע יום־טובים, מינהגים, אידעען און געשטאַלטן פון יידישן אַמאָל פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אַפילו אין אונדזער מאָדערנער, אַזוי גערופענער וועלטלעכער ליטעראַטור.

קומען מיר צוריק צו דער פראַגע, וואָס זאָל טאָן דער ניט־גלויביקער ייד ?

איז קודם כל וויכטיק צו דערמאָנען, אַז אונדזער רעליגיעזע טראַדיציע איז אַ סך מער ווי רעליגיע אין ענגן זין פון דעם וואָרט. יידישקייט איז הלכה, אַ וועג פון לעבן, אַ וועג פון מאָראַל, פון מענטשלעכקייט. די יידישע רעליגיעזע טראַדיציע איז פול מיט גרויסע אַלגעמיין־מענטשלעכע ווערטן. אין פּרט פון אוניווערסאַליזם איז די טראַדיציאָנעלע יידישקייט גאָר ניט אין אַן ערך רייכער ווי די מאָדערנע יידיש וועלטלעכע קולטור. איר געפינט אין דער תלמודישער הלכה, אין קבלה, חסידות און דער מוסר־ליטעראַטור גאָר ניט אין אַן ערך מער אַלגעמיין מענטש־לעכע אידעען ווי אין אונדזער מאָדערנער וועלטלעכער ליטעראַטור. טראַדיציאָ־נעלע יידישקייט איז בכלל מער אוניווערסאַל ווי נאַציאָנאַל. אונדזערע גרויסע רעליגיעזע דענקער האָבן געזען אין יידישקייט אַ וועג פאַר דער וועלט, אַ וועג פאַר אַלע פעלקער. און אָט די האָפענונג, אַז אַלע פעלקער וועלן קומען קיין ציון זוכן גאָטס וואָרט, איז אויך נאָך היינט די האָפענונג פון דעם פרומען יידן. אַנקעגן דעם איז אונדזער וועלטלעכע יידישע קולטור אַ סך מער נאַציאָנאַל. איז טאַקע מחמת דעם אונדזער אַזוי גערופענע וועלטלעכע יידישקייט אָרעם אין אידעען.

אַלץ וואָס איז שעפעריש אין אונדזער ליטעראַטור, אין אונדזער פּאָליטישן לעבן, אין אונדזערע דערגרייכונגען במשך פון די לעצטע דורות, איז פאַרבונדן

מיט דער יידישער טראַדיציע. אונדזער טראַדיציע איז דער אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון יידישער באַגייסטערונג. דאָס האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען א דענקער ווי פּראָפ. ליבמאַן הערש. אין זיין זאַמלונג עסייען "אויף דער גרענעץ פון צייטן" באַמערקט דער סאָציאַליסט ליבמאַן הערש, אַז מיר קענען אויך נאָך היינט געפינען:

"אין אונדזער נאַציאָנאַלער, און טאַקע אויך רעליגיעזער ירושה, אַזעלכע גרויסע קולטור־אוצרות, אַזעלכע טיף מענטשלעכע קוואַלן און אַזעלכע הויכע סאָציאַלע אידעאַלן, וואָס מיט זיי קען אונדזער פאָלק לעבן און שאַפן ביים קולטורעלע ווערטן אַזוי לאַנג, ווי עס וועלן מיט זייערע נאַציאָנאַלע קולטורן לעבן פעלקער אויף דער וועלט".

די אייגנאַרטיקייט פון אונדזער יידישער קולטור־טראַדיציע באַשטייט דערין, וואָס מיר האָבן געפונען דעם וואונדערלעכן וועג ווי צו דערהויבן דעם מענטשן. א קלאַסישער ביישפּיל איז אין דעם פאַל אונדזער שבת־טראַדיציע.

אונדזער יידישע טראַדיציע איז פול מיט אידעען, מיט גרויסע קולטור־ווערטן. אַזאַ גרויסער ענין איז בר מיצווה. גאָר וויכטיק זיינען אונדזערע יום־טובים. פּסח, שבועות, סוכות און אוודאי און אוודאי אַזעלכע טעג פול מיט דערהויבנקייט ווי ראש השנה און יום כיפּור. אפילו אַ פריידענקער מעג זיך א מאָל אריינכאַפּן אין בית המדרש כדי זיך צו פאַראייניקן מיטן כלל ישראל.

*

פון צייט צו צייט קומען לייענער מיט שאלות. דער עיקר האַנדלט עס זיך וועגן פראַגן פון יידישקייט. איז עס מעגליך אין אונדזער צייט, איז אָפט די פראַגע, אָפּצוהיטן די יידישע טראַדיציע ווי אונדזערע עלטערן האָבן עס אָפּגעהיט אין דער אַלטער היים? און אויב עס זיינען נויטיק ענדערונגען, ווער איז באַרופן אַזעלכע ענדערונגען דורכצופירן?

אַנדערע ווידער קומען מיט טענות. דאָס זיינען די אַנהענגער פון אָדער — אָדער. אָדער יידישקייט ווי אַמאָל, אָדער אינגאַנצן ניט קיין יידישקייט. אַלע פשרות זיינען ניט מער ווי סימנים פון אידעישער "ניט־אויסגעהאַלטנקייט" און אפילו פון צביעות.

אָבער ווער איז באַרופן צו פסקענען אַזוי קאַטעגאָריש וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט? פאַראַן צייטן, ווען דער עקסטרעמער וועג איז דער ריכטיקער און פאַראַן צייטן ווען דער מיטעלער וועג, דער וועג פון פשרות, איז דער סאַמע ריכטיקער. די פילאָזאָפיע פון אָדער — אָדער האָט אונדז געבראַכט גאָר א סך שאָדן. אונדזערע רעליגיעזע פירער האָבן ניט געזען די ווירקלעכקייט אויף דער ערד און אונדזערע וועלטלעכע פירער האָבן ניט געזען דעם הימל.

די אויפגאַבע פון אַ יידישן פירער איז צו זיין אַ וועגווייזער פאַרן פאָלק, אָבער אויך צו פאַרשטיין די נויטן און זאָרגן פונם פאָלק. פון צייט צו צייט מעג מען זיך אפילו צוהערן צו די פאַרלאַנגען און ווונטשן פון פּשוטע מענטשן. אויך לערער און וועגווייזער קענען מאַכן טעותן. און אַזעלכע טעותן זיינען געמאַכט געוואָרן.

אונדזער רעליגיעזע פירערשאַפט, למשל, האָט כמעט ניט געזען די פּראָבלע־מען פון אונדזער צייט. אַ פאָלק מיט אַזאַ רייכער קולטור־טראַדיציע ווי יידן האָט זיך ניט געקענט אָפּשליסן פון דער וועלט, האָט ניט געקענט אָפּזאָגן זיך פון דער מעגלעכקייט צו ווערן אַ שותף צו דער קולטור פון דער וועלט. אין לויף פון אַ לאַנגער צייט האָבן אונדזערע רעליגיעזע פירער אין רוסלאַנד און פּוילן מיט מוט און עקשנות באַקעמפט יעדן פּרווו איינצופירן אַ מינימום פון וועלטלעכע לימודים אין די חדרים און ישיבות. איז עס געווען ריכטיק אַזוי עקשנותדיק זיך אַנקעגנצושטעלן די פאָדערונגען פון דער צייט? די געשיכטע גיט אונדז דערויף אַ גאַנץ קלאָרן ענטפער:

מיט זעכציק יאָר צוריק איז אין ניו יאָרק געעפנט געוואָרן די ר׳ יצחק אלחנן ישיבה, וואָס איז היינט מער באַקאַנט אונטערן נאָמען ישיבה־אוניווערזיטעט. דאָ ניט לאַנג צוריק האָט די ישיבה־אוניווערזיטעט געעפנט אַ קאָלעדזש פאַר מעדיצין אויפן נאָמען פון אַלבערט איינשטיין. און מערקווערדיק, ס׳איז קיינעם פון אונדז אפילו ניט איינגעפאַלן צו פרעגן: אַ ישיבה און אַ קאָלעדזש פאַר מעדיצין? ר׳ יצחק אלחנן און אַלבערט איינשטיין?

עפענען אַ קאָלעדזש פאַר מעדיצין איז פאַרבונדן מיט גאָר גרויסע שוועריקייטן פון דעם שטאַנדפּונקט פון יידישן דין. די פירערשאַפט פון דער ישיבה־אוניווער־זיטעט האָט זיך דערפאַר ניט אָפּגעשראָקן.

די רעליגיעזע פירערשאפט האָט אויך ניט געזען די זאָרגן און נויטן פון דעם יידישן אַרבעטס־מענטשן, און זי האָט דערפאַר פאַרלאָרן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. פּונקט אַזוי האָט אונדזער רעליגיעזע פירערשאַפט ניט פאַרשטאַנען די ציוניסטישע באַוועגונג און דערפאַר איז דער איינפלוס פון די רעליגיעזע גרופּעס אין מדינת ישראל אַזוי באַשיידן.

גייסטיקע מנהיגים זיינען מחוייב צו גיין צוזאַמען מיטן פאָלק, און אפילו בלאָנדזשען מיטן פאָלק, ווען דאָס איז נויטיק. דאָס האָבן ניט פאַרשטאַנען די רעליגיעזע פירער און דאָס האָט אויך ניט פאַרשטאַנען אונדזער יידישיסטיש־וועלטלעכע אינטעליגענץ. אין דער גרויסער יידישער אויסוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָך די פּאָגראָמען אין דרום רוסלאַנד אין 1881, זיינען קיין אַמעריקע געקומען קודם כל די אָרעמסטע פּשוטסטע פאָלקס־מענטשן. זיי זיינען דאָ געווען אָן לערער און אָן וועגווייזער. יידן לומדים און אינטעליגענטן זיינען קיין אַמעריקע ווייניקער געפאָרן. פאַרשיידענע סיבות האָבן דערצו געפירט. ס׳איז אָבער וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז אַזאַ רבנישע אויטאָריטעט ווי חיים בריסקער האָט שטאַרק באַדויערט דעם פאַקט, וואָס מ׳האָט איבערגעלאָזן דעם ישוב אין אַמעריקע אויף גאָטס באַראָט. די אויפגאַבע פון די רבנים האָט געדאַרפט זיין, האָט ער ערקלערט, צו פאָרן צוזאַמען מיט די אויסוואַנדערער און טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך, כדי אָפּצוהיטן אין דער נייער וועלט די וועגן פון יידישן לעבן.

דעמזעלביקן טעות האָבן אָבער אויך געמאַכט אונדזערע סאָציאַליסטישע

פאַרטייען. אין פרט פון אַרגאַניזאַציע האָבן די יידישע סאָציאַליסטן און אַרבעטער־טוער אין אַמעריקע אָן אַ שיעור אויפגעטאָן. ווען ס'האָט זיך אָבער געשטעלט די פראַגע וועגן נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, זיינען די יידישע אַרבעטער דאָ אין לאַנד געבליבן כמעט ווי איזאָלירט. דער "בונד" האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די גרענעצן פון פוילן און רוסלאַנד, בעת די פועלי ציון האָבן געווענדעט זייערע בליקן דער עיקר צו דעם לאַנד פון די אבות. אונדזער סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ האָט בכלל שטאַרק איבערגעשאַצט די ראָל פון פּאָליטיק און צו וויניק אָפּגעשאַצט די ראָל פון קולטור און קולטור־ירושה. עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי פּאַרטיי־קולטור. עס איז אָבער פאַראַן אַ פאָלקס־קולטור, אַ נאַציאָנאַלע קולטור. פּאַרטייען זיינען שותפים אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון פאָלק.

איז מעגלעך אַ יידישע קולטור, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון דער פאַרגאַנגענהייט? איך גלויב ניט אין אַזאַ מעגלעכקייט. און איך גלויב דעריבער ניט אין אַ יידישער קולטור אָן יידישקייט. און יידישקייט איז דער סך הכל פון אונדזער פאָלקסשאַפן דורך דורות: תנ"ך און תלמוד, יום־טובים און תפילות, יידישע און העברעישע ליטעראַטור, גלות און ארץ ישראל, יידיש גלויבן און יידיש לעבן, דאָס אַלץ צוזאַמען איז יידישקייט. און די העכסטע מדרגה פון יידישקייט איז שותפות. שותפות מיטן גורל פון פאָלק, שותפות מיטן לעבן און שאַפן פון פאָלק, שותפות מיטן יידישן יחיד און שותפות מיטן יידישן כלל.

די מיצווה פון זוכן און געפינען יידן

וואָס איז די סאַמע וויכטיקסטע אויפגאַבע פון יידישע מנהיגים אין אונדזער צייט? איך זע ניט קיין גרעסערע מיצווה ווי די מיצווה פון געפינען יידן, מקרב זיין יידן, ברענגען די אָפּגעריסענע צווייגן פון פאָלק צוריק צום שטאַם, דערמוטיקן די שוואַכע, די וואַקלדיקע און ברענגען זיי צוריק צום פאָלק, זוכן יידן, אויפוועקן אין אַלע טיילן פון אונדזער פאָלק דאָס געפיל פון יידישער אחדות.

מיר האָבן איבערגעלעבט די שוידערלעכסטע קאַטאַסטראָפע אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, מיר האָבן פאַרלאָרן די איינגעוואָרצלטע יידישע קיבוצים אין דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּע. דער מצב פון יידישקייט אין רוסלאַנד איז אַ פאַרצווייפלטער און אפילו אין דער דעמאָקראַטישער וועלט ווערן מיר אַלץ מער און מער פאַרפלייצט פון אַ כוואַליע פון אַסימילאַציע. איז איצט די צייט זיך צו גריבלען אין "משפחה־כשרות", איז איצט די צייט צו פאַר־שטויסן יידן, אָפּצורייסן פאַרוואָרפענע יידישע שבטים פון יידישן שטאַם?

אויך אין בעסערע צייטן האָבן יידישע טרוימער געזוכט יידן, פאַרגעסענע יידישע ישובים. מען האָט געזוכט די עשרת השבטים, מען האָט געזוכט די יידן אויף יענער זייט סמבטיון. עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן צו פרעגן: האָבן אָט

די פּאַרוואָרפֿענע און פֿאַרגעסענע יידישע שבטים אָפּגעהיט אַלע געבאָטן פֿון דער תורה ?

דער יידישער פּרינציפּ איז שטענדיק געווען: מען זוכט ניט קיין ממזרים! ווערט דאָך בפּירוש געזאָגט: "משה רבינו לא רצה לגלות את הממזרים". משה רבינו האָט ניט געוואָלט אויפֿדעקן די ממזרים. ס'איז אפילו לויט דער הלכה אינגאַנצן ניט ריכטיק צו זוכן כשרות פֿון דער משפּחה אויפֿן גרונד פֿון אַ ווייטן חשד. מען טאָר על פּי דין אַזעלכע חשדים גאָרניט דערמאָנען.

אַ רעליגיעזער מנהיג מוז אין קריטישע צייטן נעמען אויף זיך די זינד פֿון פֿאָלק, אויב דאָס פֿאָלק זינדיקט. צוזאַמען מיטן כלל ישראל, אפילו מיטן פֿאַר־זינדיקטן כלל ישראל! פֿאַראַן אַ ווונדערלעכער מאמר אין מדרש תנא דבי אליהו. "צוויי זאַכן זיינען דאָ אויף דער וועלט און איך האָב זיי ליב מיט מיין גאַנצן האַרצן, תורה און ישראל. אָבער איך ווייס ניט, וואָס קומט פֿריער? דער שטייגער פֿון דער וועלט איז צו זאָגן: די תורה קומט פֿריער, אָבער איך זאָג: ישראל קומט פֿריער" (ב' דברים יש בעולם ואני אוהבם בלבבי אהבה גמורה תורה וישראל, אבל איני יודע איזה מהם קודם. דרכן של בני אדם אומרים תורה קדמה אבל אני אומר ישראל קדמו). איך האָב ניט דעם מינדסטן ספק, אַז פֿאַר אונדזער קריטישער צייט איז אָט דער מאמר אַ וועגווייזער, מיר קענען האָבן אַ תורה נאָר אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן דאָס פֿאָלק ישראל.

די געשיכטע פֿון אַ דור און זיין ירושה

צוויי מאָטיוון פֿאַרנעמען אַ צענטראַלן פּלאַץ אין אַלע פּאַרטייאישע און אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס פֿון אונדזער צייט. דאָס זיינען: גלות און גאולה. די מאָדערנע יידישע באַוועגונגען, סיי די ציוניסטישע און סיי די סאָציאַליסטישע ריכטונגען, זיינען לויט זייער גאַנצן כאַראַקטער משיחישע באַוועגונגען. זיי קענען ניט שלום מאַכן מיטן פֿאַקט פֿון גלות־לעבן. האָט מען געקעמפֿט געגן גלות אויך אידעיש מיט אַלע מיטלען פֿון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע. מען האָט זיך באַמיט ארויסצורופֿן ביים פֿאָלק אַ געפֿיל פֿון פֿאַראַכטונג, אפילו עקל, צום יידישן גלות־לעבן.

צוויי טענות זיינען מיט אַ באַזונדערער שאַרפֿקייט ארויסגעבראַכט געוואָרן געגן דער לאַנגער געשיכטע פֿון אונדזערע וואַנדערונגען איבער דער וועלט. די ערשטע טענה איז — אין גלות זיינען מיר געווען אַ פֿאָלק וואָס אַנטלויפֿט פֿון אַרבעט, וואָס איז ניט פּראָדוקטיוו. די צווייטע טענה געגן גלות איז דער עיקר אַ מאָראַלישע. מיר האָבן אין גלות פֿאַרלאָרן אונדזער מענטשלעכע ווערדע. מיר זיינען געוואָרן צו שאַנד און שפּאָט אין דער וועלט און אויך אין אונדזערע אויגן.

די טענות געגן גלות זיינען געקומען דער עיקר פֿון ציוניסטישע דענקער. אָבער אויך דער "בונד" האָט דראַדיקאַל אָפּגעוואָרפֿן די יידישע פֿאַרגאַנגענהייט.

די בונדישע שרייבער האָבן זיך אָבער אָפּגעשטעלט דער עיקר אויפן צווייטן פונקט, אויף דער אַזוי גערופענער מאָראַלישער געפאַלנקייט פון דער אַלטער יידישער וועלט. מען האָט ניט קריטיקירט די יידישע עקאָנאָמישע טעטיקייט. גראָד פאַרקערט. די בונדישע שרייבער האָבן שוין אין דער פרי־תקופה פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די טענות פון די אַנטי־סעמיטן, אַז יידן זיינען אַ פאָלק פון פּאַראַזיטן. די עצם עקזיסטענץ פון "בונד" איז דאָך געבויט אויפן גלויבן אין יידישן אַרבעטס־מענטשן. אָבער איר געפינט נאָך ביז צום היינטיקן טאָג אין דער בונדישער ליטעראַטור די שאַרפסטע קריטיק פון דער אַלטער יידישער וועלט, פון דער יידישער רעליגיעזער פירערשאַפט און פון אַלטן יידישן לעבן בכלל.

אונדזער דור איז געווען אַ דור פון משיחישע רעוואָלוציאָנערן. רעוואָלוציאָנער איז געווען דער בונד און רעוואָלוציאָנער איז געווען דער ציוניזם. דער ציוניזם איז אייגנטלעך געווען די גרעסטע רעוואָלוציע און דער גרעסטער אויפטו אין דער יידישער געשיכטע פאַר די לעצטע דורות. די אויפריכטונג פון מדינת ישראל איז אַ געשעעניש, וואָס האָט אפשר ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער וועלט בכלל. און טאַקע דער אויפקום פון מדינת ישראל איז דער שטאַרקסטער אַרגומענט געגן דער ציוניסטישער קריטיק פון גלות. אויב אַ גלות פאָלק האָט געקענט אויפבויען אַ מדינה, וואָס קענט איר מער פאַרלאַנגען?

און פונקט אַזוי איז דער יידישער אָנטייל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דער שטאַרקסטער אַרגומענט געגן דער בונדישער קריטיק פון דער אַלטער יידישקייט. אַ פאָלק, וואָס האָט געקענט אַרויסגעבן אַזוי פיל מוטיקע קעמפער פאַר סאָציאַליזם און גערעכטיקייט, אַזאַ פאָלק קען ניט באַשטיין פון פּחדנים. איז עס אוודאי אומגערעכט צו ריידן וועגן דער מאָראַלישער געפאַלנקייט פון דער אַלטער יידישער וועלט.

און דאָס זעלביקע איז ריכטיק וועגן דער יידישער מאָראַלישער שעפערישקייט. אַ פאָלק, וואָס האָט אין לויף פון די לעצטע צוויי־דריי דורות אַרויסגעגעבן אַזוי פיל געלערנטע, קינסטלער, דענקער און פאַרשער, קען ניט באַצייכנט ווערן ווי אַ פאָלק פון גייסטיקע פּאַראַזיטן, ווי אַ פאָלק, וואָס לעבט בלויז פון פרעמדער שעפערישקייט.

מען קען אוודאי זאָגן: דאָס איז די לאָגיק פון רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. אַ רעוואָלוציאָנער מוז קריטיקירן די פאַרגאַנגענהייט. אָבער ווי לאַנג איז דער שיעור צו קריטיקירן. עס מוז דאָך קומען אַ צייט פון אָביעקטיוער אָפּשאַצונג! און אַזאַ צייט, גלויבט דער שרייבער פון די שורות, איז איצט געקומען. און פאַראַן צווישן אונדז וואָס גלויבן, אַז אַט די גלות־יידן זיינען געווען גרויסע יידן און הייליקע יידן. און אַז מיר האָבן געזינדיקט, אַן אַ שיעור געזינדיקט, אין אונדזער קריטיק פון דער אַלטער יידישער וועלט.

דער גרויסער העברעישער דיכטער דוד שמעוני (שמעונוביץ) האָט געשריבן מיט צער און ווייטיק וועגן דער פליכט פון "שארית ישראל", וועגן דער פליכט

פון אונדז אַלעמען, פון אַלע גערעכטעוועטע. "מיר דאַרפן זיך מער באַקענען מיט זיך אַליין" — רופט אויס דער דיכטער — "און איך בין זיכער, אַז ווען מיר וועלן מער זיך דערנענטערן צו זיך אַליין, אויב מיר וועלן זיך אַליין מער דערקענען, וועלן מיר זיך אויך אויסלערנען מער צו שעצן זיך אַליין... איך וואָג צו זאָגן, אַז אַפילו דער "מה־יפית־ייד", וואָס איז געווען געצוווּנגען צו טאַנצן און זינגען פאַר וועלכן עס איז פוילישן סאַדיסט, ווען ער האָט אין די טיפענישן פון זיין נשמה מבטל געמאַכט כעפרא דארעא, איז אין דער אמתן געווען אַ סך שטאָלצער פון פיל מענטשן פון אונדזער דור". און אַז מיר וועלן זיך באַקענען מיט זיך אַליין, שרייבט ווייטער שמעוני, "וועלן מיר זיך איבערצייגן, אַז פיל ווערטן פון די גויים, וואָס מיר האָבן זיי אַזוי שטאַרק פאַרערט און אַזוי פיל געקעמפט פאַר זיי, זיינען אַבסאָלוט ניט ווערט די דאָזיקע פאַרערונג און מסירת־נפש, וואָס מיר האָבן אַרויסגעוויזן קעמפנדיק פאַר זיי, און דעמאָלט וועלן מיר אפשר אויך אַנטדעקן אַז אַ סך יידישע ווערטן, וואָס מיר האָבן זיי מזלזל געווען, זיינען גאָר ניט אָפּצושאַצן אין זייער דערהויבנקייט און חשיבות". — יעדער ייד, וואָס טראַכט וועגן יידישע פּראָבלעמען, מוז לייענען און שטודירן ממש יעדע שורה פון דעם דיכטערס טיף־רירנדן רוף, וואָס טראָגט דעם טיטל: "די פליכט פון שארית ישראל".

*

קיין מענטש איז היינט ניט אימשטאַנד צו נעמען אויף זיך דעם פולן יאָך פון הונדערט דורות יידיש לעבן. אַפילו די שטרענג פרומע יידן קענען ניט אָפּהיטן אַ היפּשע צאָל מיצוות, וואָס מיר געפינען אין דער תורה. מיר היטן ניט היינט אָפּ די דינים וועגן הלוואות און פּראָצענטן, וועגן שמיטה און יובל. שוין די בעלי התלמוד האָבן אין געוויסע פאַלן גרינגער געמאַכט די דינים פון שבת. די גאַנצע הלכה־ליטעראַטור וועגן עירובין האָט דעם צוועק צו געבן דעם יידישן מענטשן מער פרייהייט פון באַוועגן זיך אין דעם הייליקן טאָג שבת.

מען האָט ניט איבערגעריסן מיט דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר מען האָט געזוכט וועגן ווי צו פאַרבינדן די פאַרגאַנגענהייט מיט דער געגנוואַרט און דער צוקונפט. די בעסטע אילוסטראַציע איז אין דעם פּרט די געשיכטע פון דער חסידות באַוועגונג. עס קען קיין שום ספק ניט זיין, אַז חסידות האָט פאַקטיש באַדייט אַ רעוואָלוציע אין יידיש לעבן. איינצעלנע חסידישע דענקער האָבן זיך אפילו פון צייט צו צייט אַרויסגעזאָגט זייער שאַרף געגן דער רבניש־לומדישער יידישקייט. און דאָך איז חסידות געבליבן אינגאַנצן פאַרבונדן מיט דער טראַדיצ־יאָנעלער יידישער וועלט. חסידות האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דעם מינדסטן טייל פון דער יידישער ירושה. עס איז פאַקטיש כמעט ניט קיין אונטערשייד צווישן חסידים און מתנגדים אין פראַגן פון הלכה און מיצוות.

אונדזער דור איז געווען מער רעוואָלוציאָנער. מיר האָבן בפירוש געמאַכט דעם פּרווו איבערצורייסן מיט דער אַלטער יידישקייט. און דער פּרווו האָט זיך

ניט איינגעגעבן צוליב אַ פשוטן טעם.

צווישן אונדז און אונדזערע קינדער איז אפשר פֿאַראַן אַ באַדייטנד גרעסערער תהום ווי צווישן אונדז און אונדזערע עלטערן. אונדזער דור איז געווען אַ גרויסער דור, אַ דור וואָס האָט א סך געזוכט, א סך געבלאָנדזשעט, אַ סך געליטן און גאָר אַ סך געשאַפֿן. אָבער דער יונגער דור, אונדזערע קינדער און אייניקלעך, קענען דאָס אַלץ ניט אָפּשאַצן. זיי לעבן אין אַ נייער וועלט. זיי זיינען ווייט פון דעם טראַדיציאָנעלן לעבן פון דער אַלטער היים. זיי זיינען אפילו ווייט פון דעם לעבן פון די יידישע פּיאָנערן דאָ אין אַמעריקע. די אַמעריקאַנער "איסט־זייד" פון אַמאָל איז פֿאַר זיי אַ פֿאַרגאַנגענהייט. זיי בענקען ניט נאָך דער אַמאָליקער "איסט־זייד" פּונקט ווי זיי בענקען ניט נאָך דעם אַמאָליקן שטעטל. און מיר קענען צו זיי קיין טענות ניט האָבן.

טוט עס אונדז וויי. עס ווילט זיך ניט זיין קיין פֿאַרלאָרענער דור. מיר זוכן יורשים. אָט באַקלאָגט זיך פֿאַר מיר אַ פריינט: אַ גאַנץ לעבן געקויפט ספרים און ביכער. אין אָט די ספרים און ביכער האָב איך אריינגעלייגט אָן א שיעור ליבע. ווּעמען וועל איך עס איבערלאָזן? מיינע קינדער קענען יידיש, שרייבן מיר בריוו אין יידיש, אָבער אַ יידיש בוך זאָגט זיי זייער ווייניק. זיי לייענען ניט קיין יידישע ביכער, קיין העברעישע אוודאי ניט. — אַזעלכע ווערטער קומט אונדז אַלעמען אויס אָפט אויסצוהערן.

די פראַגע איז ניט די אָדער יענע פֿאָרם פון מאָדערנער יידישקייט, די פראַגע איז — די באַציונג צו דער ירושה פון דורות. עס איז ניט מעגלעך צו שאַפֿן פֿאַר יעדן דור אַ נייע יידישקייט. ממילא איז אינגאַנצן פֿאַלש צו שטעלן די פראַגע — אַלטע אָדער נייע יידישקייט. עס איז ניט מעגלעך קיין נייע יידישקייט, אויב מיר וואַרפן אינגאַנצן אָפּ די אַלטע יידישקייט. יידיש קולטור־לעבן איז מעגלעך נאָר אין די פֿאָרמען פון ביסלעכווייזער אַנטוויקלונג, פון עוואָלוציע, פון המשך. ווען מיר ריידן דעריבער וועגן מאָדערנער יידישער קולטור, מוזן מיר קודם כל שטעלן די פראַגע ווי איז אונדזער באַציונג צו דער ירושה פון דורות, צום תנ"ך, צום תלמוד, צו דער יידיש רעליגיעזער וועלט? עס קען ניט זיין קיין רייד בלויז וועגן אַ ירושה פון צוויי־דריי דורות.

און דערמיט קומען מיר צו אַ צווייטן וויכטיקן פּונקט: ווערטער אָדער מעשים? די ירושה פון אונדזער דור איז אין גאַר אַ גרויסער מאָס אַ ירושה פון ליטעראַטור, פון געשיכטע, פון ווערטער. דער טראַדיציאָנעלער יידישער וועג איז געווען גאָר אַן אַנדערער.

איך האָב געזען הייסע יידישיסטן, וואָס האָבן אין זייער היים קיין וואָרט יידיש ניט גערעדט. און געווען אויך אַזעלכע העברעיסטן. אָבער כדי אויפצוהאַלטן יידיש און יידישקייט זיינען נויטיק מעשים, ממש הערהאַישע מעשים.

און מיר מוזן האָבן אין זינען נאָך אַ פּונקט, וואָס האָט אַ שייכות צו מעשים.

איך מיין דאָ דעם גרויסן ענין פון מיצוות, וואָס פאָדערט נאָך א געהעריקע אָפּשאַצונג.

דער יידישער מענטש מאַכט שבת, מאַכט יום־טוב, פּראַוועט א סדר. יידישקייט איז פול מיט דראַמע. יידיש לערנען, למשל, איז ניט קיין אַריינקוקן אין אַ ספר. לערנען מיינט זיך אריינגלידערן אין דער געשיכטע פון פאָלק ישראל, ווערן אַ שותף מיטן כלל ישראל, האָט מען טאָקע געלערנט מיט א ניגון, מיט התלהבות.

"נאָך קלינגט מיר אין מיין אויער יענער שטילער קול, געמ־שט פון בענק־שאַפט, האָפענונג און גלויבן — — — דאָס איז דער זיידע לעבן טיש געזעסן, געבויגן ביי דער אָפענער גמרא און אַלץ און אַלעמען פאַרגעסן... (דוד איינהאָרן: "דער גמרא ניגון").

און אוודאי איז דער גאַנצער סדר פון אונדזערע תפילות פול מיט דראַמע, און דורך און דורך דראַמאַטיש איז אָנצינדן שבת ליכט, מאַכן קידוש, מאַכן הבדלה א.אַז.וו.

דאָס וואָס מיר רופן מאָדערנע יידישקייט איז קאַלט, איז אינגאַנצן אָן דראַמע, יעדנפאַלס פאַרן דורכשניטלעכן מענטשן. דאָ האָב איך קודם כל אין זינען די פּאַקטישע לאַגע אין אַמעריקע. יידיש לעבן אין ישראל איז פול מיט דראַמע און פול מיט מעשים, אָבער מיר ווייסן עס אַלע זייער גוט, ציוניזם אין אַמעריקע איז דער עיקר אַ ציוניזם פון ווערטער, און דאָס איז צו ווייניק.

געווני דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע אונדזער היינטיקן יידישן סאָציאַליזם. אין יענער העראָישער תקופה, מיט פופציק־זעכציק יאָר צוריק, איז סאָציאַליזם געווען אַ פּיאָנערישער וועג, פול מיט מעשים, מיט אידעאַליזם, מיט דראַמע. די פראַגע שטעלט זיך: ווי אַזוי קענען מיר עס היינט איבערלעבן יענע באַגייסטערונג, וואָס אַ סך פון אונדז האָבן איבערגעלעבט אין יענעם ראָמאַנטישן פּעריאָד פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ?

די דראַמע פון יידיש לעבן איז געשאַפן געוואָרן אין לויף פון יאָרטויזנטער. דער באַזונדערער כאַראַקטער פון דער יידישער דראַמע באַשטייט דערין, וואָס זי שפּילט זיך אָפּ אין לעבן פון יעדן יחיד, פון יעדער יידישער פאַמיליע. אין דער זעלביקער צייט אָבער פאַראייניקט זי דעם יידישן מענטשן מיטן כלל ישראל, מיט דער וווּנדערלעכער יידישער געשיכטע. די יידישע היים און די אידעע פון כלל ישראל — דאָס זיינען די צענטראַלע פונקטן פון יידיש לעבן און יידיש שאַפן.

יידיש לעבן איז מער ווי פּאָליטיק און אוודאי אַ סך מער ווי פּאַרטיי־פּאָליטיק. געווען פאַרשיידענע פּאַרטייען און פאַרשיידענע ריכטונגען ביי יידן, אָבער כלל ישראל בלייבט. מוזן אַלע ריכטונגען אין דער יידישער וועלט פאַרשטיין, אַז ס'איז זייער חוב זיך איינצוגלידערן אין יידיש לעבן. וואָס וואָלט, למשל, געווען חסידות אָן תנ"ך, אָן תלמוד, אָן דעם זוהר, אָן יידישע יום־טובים און יידישע טראַדיציעס ? עס איז גאָר אוממעגלעך וועגן דעם צו טראַכטן. קען מען זיך

פאַרשטעלן חסידים אַן דאַוונען ? חסידים אָן טלית און תפילין, חסידים, וואָס מאַכן ניט קיין ברכה ביים עסן ?

אַלע אונדזערע פּאַרטייען און באַוועגונגען וואָלטן געקענט אַן אַ שיעור לערנען פון דעם וועג פון חסידות. אויב חסידות איז נאָך היינט גאַר אַ באַדייטנ־דער כוח אין יידישן לעבן, איז עס דערפאַר, ווייל די חסידישע פירער האָבן פאַרשטאַנען דעם זין פון ירושה, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם סוד פון כלל ישראל.

יידן און יידישקייט אין אַן אומרויקער צייט

כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען פון אונדזער צייט איז די רעוואָלוציע געגן דער יידישער קולטור־ירושה, געגן דער גאַנצער יידישער פילאָזאָפיע וועגן מענטש און וועלט. דער מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם איז דער בולטסטער אויסדרוק פון אַט דער מלחמה געגן יידישקייט. דער דייטשער נאַציזם איז ווייט ניט קיין צופאַל. אידעיש איז דער נאַציזם צוגעגרייט געוואָרן דורך אַ גייסטיקער אַנטוויק־לונג, וואָס האָט געפּרובירט אינגאַנצן אונטערצוגראָבן די מאָראַלישע יסודות פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן.

די אַנטי־יידישע אידעאָלאָגיע ווערט רעפּרעזענטירט דער עיקר דורך פיר נעמען : מאַרטין לוטער, העגעל, דאַרווין און ניצשע. מאַרטין לוטער, דער באַגרינ־דער פון פּראָטעסטאַנטיזם, האָט מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט געפירט אַ מלחמה געגן דער יידישער טראַדיציע. אַ דענקער ווי ערנסט טרעלטש, האָט ריכטיק אָנגעוויזן אויף דעם פונדאַמענטאַלן אונטערשייד פון לוטערס פּראָטעסטאַנטיזם און דער קאַלוויניסטישער ריכטונג פון פּראָטעסטאַנטיזם. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דער פּראָבלעם פון מאָראַלישער דיסציפּלין. לוטער האָט ניט געגלויבט אין דעם כוח פון מענטשן זיך אַליין צו דיסציפּלינירן. מען קען פון דעם זינדיקן שוואַכן מענטשן ניט צו פיל פאַרלאַנגען. דאָס איז די אויפגאַבע פון דער מלוכה. נאָר פיזישע מורא, די מורא פאַר דער מלוכה־מאַכט, קען אים צוימען. אַנקעגן דעם האָט דער קאַלוויניסטישער פּראָטעסטאַנטיזם, וואָס האָט אַזוי שטאַרק באַאיינפלוסט דאָס רעליגיעזע לעבן אין האָלאַנד, ענגלאַנד און אַמעריקע, אריינגענומען אין זיך וויכטיקע עלעמענטן פון דער יידישער טראַדיציע. די העכסטע אויטאָריטעט איז פאַר די פּוריטאַנער געווען די ביבל. דאָ פלעגן זיי זיך כסדר פאַררופן אויפן ביישפּיל פון די נביאים, וואָס האָבן אַזוי מוטיק געקעמפט געגן די זינדיקע הערשער פון זייער צייט.

אין זיין גאַנצער באַציונג צו דער יידישער אידעע פון מיצוות איז לוטער געווען אַ געצנדינער. אָט די געצנדינערישע טענדענץ האָט אין אייראָפּע אַנגענומען באַזונדערס געפערלעכע פאָרמען אין לויף פון 19טן יאָרהונדערט.

דער דייטשער דענקער העגעל האָט אויף אַ קלאַסישן אופן פאָרמולירט די

פילאָזאָפיע פון מאַכט און מלוכה. דער יחיד, דער איינצעלנער בירגער עקזיסטירט פאַר אים אינגאַנצן ניט. אין דער מלוכה, האָט העגעל געלערנט, אַנטפּלעקט זיך דער "וועלט־גייסט". אויך אונדזערע מאָראַלישע באַגריפן מוזן זיך צופּאַסן צו דער מלוכה. מלוכה איז מער ווי מאָראַל.

די פילאָזאָפיע פון טשאַרלז דאַרווין האָט קיין דירעקטע שייכות צו די פילאָזאָפישע און מאָראַלישע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט. אָבער אַ צאָל פון זיינע תלמידים האָבן געפּרובירט באַווייזן, אַז דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס שפּילט אַזאַ גורלדיקע ראָל אינם לעבן פון בעלי חיים, איז אויך דער אַנטשיידנ־דיקער פּרינציפּ אין סאָציאַלן צוזאַמענלעבן צווישן מענטשן. דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ האָט די פונקציע, לערנען אונדז די "נעאָ־דאַרוויניסטן", צו פאַרטיליקן די שוואַכע און לאָזן לעבן בלויז די שטאַרקע, די בעסטע, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צום קאַמף פאַרן לעבן. דאָס איז "אַ געזעץ פון דער נאַטור". רחמנות לגבי די שוואַכע איז פון אַ צאָל נעאָ־דאַרוויניסטישע טעאָרעטיקער באַטראַכט געוואָרן ממש ווי אַ זינד געגן דער נאַטור. מאַכט איז וויכטיקער ווי מענטשלעכקייט.

פרידריך ווילהעלם ניצשע איז אויפן שטאַרקסטן אופן באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער דאַרוויניסטישער וועלט־אַנשויונג. זיין פילאָזאָפיע איז אַ פילאָזאָפיע פון מאַכט, געמישט מיט אַ פּאָעטישער ראָמאַנטיק און מיט עלעמענטן פון אַריסטאָקראַ־טישער איידלקייט. דער ווילן צו מאַכט איז לויט ניצשעס פילאָזאָפיע דאָס העכסטע מאָראַלישע געבאָט. ער מאַכט אַ פונדאַמענטאַלן אונטערשייד צווישן דעם אַזוי גערופענעם איבערמענטשן, וואָס איז באַרופן צו הערשן, און דער גרויסער "סטאַדע פון מענטשלעכע בהמות". די מאָראַלישע פּרינציפּן, וואָס אַט די סטאַדע בהמות האָט געשאַפן, זיינען לויט ניצשעס פילאָזאָפיע אַבסאָלוט ניט גילטיק פאַר די אויסדערוויילטע, פאַר די, וואָס זיינען באַרופן צו פירן די וועלט. ניצשע האָט דעריבער געפּרעדיקט אַ נייע מאָראַל, די מאָראַל פון דעם איבערמענטשן. און ניצשעס פילאָזאָפיע פון דעם איבערמענטשן, זיין פאַראַכטונג צום פּשוטן מענטשן, זיין רוף זיך אָפּצוזאָגן פון די עלעמענטאַרע געבאָטן פון מענטשלעכקייט, האָט בלי ספק גאָר אַ סך געהאָלפן די נאַציס אין זייער קאַמף פאַר מאַכט, אין זייער קאַמף געגן דעם "יידישן גייסט", ווי זיי האָבן דאָס פאָרמולירט.

אלע אונדזערע היינטיקע וויכוחים, אַלע אונדזערע חילוקי דעות וועגן דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור, וועגן די פּראָבלעמען פון אָרעמקייט, וועגן פאַמיליע און סעקסועלע מאָראַל, וועגן אונדזערע סאָציאַלע פליכטן און אויפגאַבן, האָבן גאָר אַ גרויסע שייכות צו דעם אייביקן אידעישן קאָנפליקט צווישן יידישקייט און דער געצנדינערישער וועלט. די פילאָזאָפיע פון יידישקייט פירט כסדר אַ מלחמה געגן דער מענטשלעכער "אונטערוועלט", געגן אונדזערע פּרימיטיווע אינסטינקטן, געגן דעם "נאַטור־מענטש". אויך יידישקייט האָט אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון די אוראינסטינקטן אין דער מענטשלעכער נאַטור. אויך יידישע דענקער האָבן געוווּסט, אַז מען טאָר ניט אינגאַנצן אונטערדריקן די גשמיותדיקייט אין מענטשן. מען דאַרף אָבער די חיה האַלטן אין צוים. מען מוז די חיה דיסציפּלינירן, און דאָס איז

ניט בלויז דערפֿאַר, ווייל דאָס איז נויטיק פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, כדי מענטשן זאָלן קענען לעבן צוזאַמען. ניין, די יידישע פֿילאָזאָפֿיע גלויבט באמת, אַז דער מענטש איז אויך אַ גייסטיקע באַשעפֿעניש, אַז ער האָט אין זיך געטלעכקייט. יידישקייט רעפּרעזענטירט אַזוי אַרום די העכערע מענטשלעכע אידעע, די מענטשלעכקייט אין דעם מענטשן. יידישקייט גלויבט, אַז מאָראַל איז אַ טייל פֿון דער מענטשלעכער נאַטור. און מיט מאָראַל מיינט יידישקייט ניט בלויז ליבע און רחמנות, נאָר קודם כל — גלויבן אין מענטשן, דרך ארץ פֿאַרן מענטשן, רעספּעקט פֿאַר דער אייגענער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. יידישקייט זאָגט, אַז יעדער מענטש איז אַ איבערמענטש.

קען מען זיין א ייד אָן יידישקייט?

מיר ווייסן, אַז מיר זיינען יידן, מיר ווייסן פֿאַרוואָס מיר זיינען יידן. עס איז אונדז אָבער שווער צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע — אין וואָס באַשטייט אונדזער יידישקייט?

קען מען זיין אַ ייד אָן יידישקייט? דער באַקאַנטער יידיש־ענגלישער דיכטער קאַרל שאַפּיראָ, ווייזט אויס, גלויבט אַז יע. אין דעם אַריינפֿיר צו זיין בוך "פּאָעמען פֿון אַ יידן" (אין ענגליש) ערקלערט ער: "זיין אַ ייד הייסט דער באַוווסטזיין, אַז מען איז א ייד. און יידישע אידענטיטעט מיט אדער אָן רעליגיע, מיט אָדער אָן געשיכטע, איז דער אַנטשיידנדער פֿאַקט". אָבער אָט די יידישקייט איז אַ קרענקלעכע, טראַגישע יידישקייט. פֿאַרפֿאַלן, מען איז געבוירן געוואָרן א ייד! פֿון דעם גורל קען מען ניט אַנטלויפֿן. "און אפילו ווען אַ ייד ווערט אַן אַטעיסט, בלייבט ער א ייד; אפילו ווען אַ ייד נעמט אָן דעם קאַטוילישן גלויבן, בלייבט ער א ייד". געוויס, דער דיכטער איז גערעכט. איז דאָס אָבער גענוג? אָט די טראַגיש־קרענקלעכע יידישקייט איז אַן ערנסטע פּראָבלעם אין אונדזער צייט. עס איז אָבער זיכער ניט קיין ענטפֿער און אוודאי ניט קיין אויסוועג. עס איז ניט גענוג וואָס מען קען ניט אַנטלויפֿן פֿון יידישקייט. עס איז אקעגן דעם אַ סך מער וויכטיק צו געפֿינען דעם וועג צו יידישקייט. קענען מיר געפֿינען אַ זין אין אונדזער יידישן גורל? קענען מיר געפֿינען אַ זין אין אונדזער יידישן באַוווסטזיין?

דער דור, וואָס איז דאָ געבוירן און דאָ דערצויגן געוואָרן, האָט זייער ווייניק ידיעות וועגן יידיש לעבן און וועגן יידישקייט בכלל. אַזוי האָב איך געהערט פֿון יידישע יוגנדלעכע — אַ קרייז יונגע מענטשן, וואָס האָבן גראָד געהאַט אַן אינטערעס פֿאַר יידישע פֿראַגן — אַז דער מינהג צו רוען דעם זיבעטן טאָג אין וואָך נעמט זיך פֿון דעם קריסטלעכן זונטיק. זיי האָבן ניט געהאַט קיין אָנונג, אַז מיר יידן האָבן די ערשטע איינגעפֿירט דעם פּרינציפּ פֿון אָפּרו פֿאַר אַלע אַרבעטנדיקע. דער באַקאַנטער פּסוק ואהבת לרעך כמוך (דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין), ווערט אָפֿט ציטירט פֿון קריסטלעכע קוואַלן. אפילו יידישע

שריפטשטעלער, וואָס שרייבן אין פּרעמדע שפּראַכן, האָבן אָפּט ניט געוווּסט, אַז דער פּסוק געפינט זיך אין תנ״ך.

פאַראַן אַ פסוק אין דברים: ״כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם״, ניט מיט ברויט אַליין לעבט אַ מענטש. דער אויסדרוק ווערט באַנוצט אין די פאַרשיידנסטע שפּראַכן און אפילו אין היינטיקן רוסלאַנד איז מיט אַ צייט צוריק אַרויס אַ בוך אונטערן טיטל: ״ניט מיט ברויט אַליין״. און איך געפין אין אַ בוך פון אַן ערנסטן געלערנטן, אַז ער ציטירט אָט די ווערטער ניט פון חומש, נאָר פון אַ קריסטלעכן מקור. ער האָט פשוט ניט געוווּסט, אַז די ווערטער זיינען גענומען פון תנ״ך.

דערפאַר ווייסט כמעט יעדער קריסט, און עס געפינען זיך אויך גענוג יידן, וואָס חזרן עס איבער, אַז יידישקייט איז א שטרענגער, גאָר אַ שטרענגער גלויבן, און אַז קריסטנטום איז אַנקעגן דעם לויטער רחמנות. שטייט דאָך אין דער תורה בפירוש געשריבן: אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן (עין תחת עין, שן תחת שן). די שטעלע פון חומש ווערט ציטירט אין דעם נייעם טעסטאַמענט און עס ווערט נאָך דערביי צוגעגעבן ווי ישו הנוצרי זאָגט צו זיינע צוהערער: ״איך אָבער זאָג אייך, איר זאָלט זיך ניט אנקעגנשטעלן דאָס שלעכטס, און ווען איינער שלאָגט דיר אין איין באַק, שטעל אים אונטער די צווייטע באַק!

קודם כל איז דאָ וויכטיק פעסטצושטעלן, אַז לויטן תלמוד מיינט דער כלל ״אַן אויג פאַר אַן אויג״ ניט קערפּערלעכע באַשטראָפונג, נאָר אַ מאַטעריעלע קאָמפּענסאַציע. אויב מען באַשעדיקט דעם חבר קערפּערלעך, מוז מען אים באַצאָלן פאַר דעם שאָדן, וואָס ער האָט געהאַט, פאַר די יסורים, וואָס ער האָט געליטן, פאַר די הוצאות אויף היילן זיך און פאַר דעם, וואָס מען האָט אים פאַרשעמט. אין תלמוד ווערט דערביי אָנגעוויזן אויף אַ פסוק אין במדבר: ״איר זאָלט ניט נעמען קיין אויסלייז-געלט פאַר דעם לעבן פון אַ רוצח, וואָס איז שולדיק און האָט פאַרדינט טויטשטראָף״ (ולא תקחו כפר לנפש רצח אשר הוא רשע למות). צו וואָס איז נויטיק אָט די באַזונדערע דערקלערונג, פרעגט דער תלמוד. עס שטייט דאָך בפירוש נפש תחת נפש, אַ לעבן פאַר א לעבן. דערפון איז קלאָר, אַז נאָר ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ מאָרד, וועגן אַוועקנעמען אַ לעבן פון אַ מענטשן, טאָר מען ניט נעמען קיין אויסלייזגעלט. ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן אַ פאַל פון קערפּערלעך באשעדיקן אַ מענטשן, דאַן מעג מען יע נעמען אויסלייז-געלט. עס קען ניט זיין דער מינדסטער ספק, אַז אין אָנהויב פון דער קריסטלעכער צייט איז דער דין אַפּגעהיט געוואָרן לויטן תלמוד.

עס לאָזט זיך ווייטער מיט זיכערקייט באַווייזן, אַז די אויסטייטשונג פון תלמוד (בבא קמא, פ״ג) איז די ריכטיקע. ביי אַ סך אַלטע פעלקער איז געווען דער מינהג, אַז די משפחה פון דעם געהרגעטן פלעגט אָננעמען אויסלייזגעלט ביי דער משפחה פון דעם מערדער. מאָרד איז געווען אַ פּריוואַטער ענין פון דער משפחה. און אויב די משפחות פלעגן צווישן זיך דורכקומען, האָט זיך קיינער אין דעם ניט אריינגעמישט. די משפחה פון דעם געהרגעטן האָט געקענט ניט אָננעמען

דאָס אויסלייז־געלט און דאָ האָט דער גואל הדם, דער נאָענטסטער קרוב פון דעם אומגעקומענעם געזוכט די וועגן צו נעמען נקמה פון דעם מערדער.

אָט דער מינהג איז אויך געווען אָנגענומען ביי די יידישע שבטים אין די אַלטע צייטן, און דער גואל הדם (דער אויסלייזער פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט) ווערט נאָך דערמאָנט אין תנ״ך. איצט פאַרשטייען מיר בעסער דעם זין פון דעם געזעץ אין במדבר. דורכקומען מיט דער משפחה פון דעם געהרגעטן איז געווען גרינגער, אויב די משפחה פון דעם רוצח האָט געהערט צו די רייכע און שטאַרקע משפחות. די קרובים פון דעם אָרעמען און אומגליקלעכן קרבן זיינען אָפט געווען געניטגט נאָכצוגעבן, ווען דער רוצח האָט געהאַט שטאַרקע באַשיצער און איז געווען גרייט צו באַצאָלן דעם פּרייז. דער רייכער און שטאַרקער האָט זיך דעריבער געקענט אויסקויפן. דער אָרעמער אָבער האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן. דאָס געזעץ, אַז מען טאָר ניט נעמען קיין אויסלייז־געלט פאַר אַ מאָרד, האָט בפירוש דעם צוועק צו באַזייטיקן אָט דעם צושטאַנד פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. גאָר אַנדערש איז עס אין דעם פאַל ווען דער באַוועלטער בלייבט ביים לעבן. דאָ איז עס דורכאויס אין די אינטערעסן פון דעם באַוועלטן און אויך אין די אינטערעסן פון דעם כלל, אַז דער באַשעדיקטער זאָל באַקומען אַ געהעריקע קאָמפּענסאַציע אין געלט.

אָבער אפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ מאָרד, איז די תורה ניט באַשטאַנען אויסשליסלעך אויפן פּרינציפּ פון אַ לעבן פאַר אַ לעבן. מיר ווייסן עס פון דער געשיכטע פון דעם ערשטן מאָרד, וואָס איז געווען אַ ברודער־מאָרד. ווען קין האָט דערהרגעט זיין ברודער הבל, האָט אים גאָט פאַרשאָלטן, אַ גאַנץ לעבן זאָל ער זיין נע ונד, אַרומוואָגלען איבער דער וועלט. פאַרוואָס האָט אים גאָט ניט באַשטראָפט מיט טויט ?

דער ענטפער איז קלאָר: ס׳איז געווען ביי יידן אָנגענומען, אַז אין געוויסע פאַלן קען מען פאַרבייטן טויט־שטראָף מיט דער שטראָף פון גלות, מיט פאַרטריבן ווערן פון דער היים, אפילו ווען דער רוצח איז געווען שולדיק. מען האָט יעדן פאַל באַהאַנדלט באַזונדער. און אויב מען האָט געמאַכט אויסנאַמען אין פאַלן פון מאָרד, איז אַבסאָלוט קלאָר, אַז דאָס געבאָט פון ״אָן אויג פאַר אַן אויג״ איז געווען געמיינט אין דעם זין ווי דער תלמוד האָט עס אויסגעטייטש.

לאָמיר זיך דאָ ווידער אומקערן צו דער קריסטלעכער מאָראַלישער פאָדערונג: ״ווען איינער גיט דיר אַ פּאַטש אין איין באַק, שטעל אונטער די צווייטע באַק. שטעל זיך ניט אנקעגן דאס שלעכטס״. ווייל איך דאָ ניט אַריינגייען אין דעם פילאָזאָפישן וויכוח בנוגע דעם ענין פון ניט אַנקעגנשטעלן זיך דאָס בייז. וועגן דעם האָט מען אַ סך געשריבן און מען קען נאָך אַ סך שרייבן אויך אין אונדזער צייט. די פראַגע איז אָבער קאָנקרעט: האָבן די קריסטן אין דער מינדסטער מאָס זיך געהאַלטן ביי דעם פּרינציפּ ?

מיר ווייסן, אַז אין די קריסטלעכע לענדער האָט מען נאָך ביז צום 19טן יאָרהונדערט באַנוצט טויטשטראָף פאַן אַן אַ שיעור פאַרברעכנס, אַריינגערעכנט

גזלה און גנבה. אַזאַ סאָרט שטרענגקייט איז ביי יידן ניט געווען מעגלעך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. אין תנ״ך געפינען מיר אפילו, אַז מען דאַרף ניט פאַרשעמען אַ גנב, ווען ער גנבעט אויס נויט (לא יבוזו לגנב כי יגנוב למלא נפשו כי ירעב). ס׳איז ניט געווען, גלויב איך, נאָך אַ פאַלק אין דער אַלטער צייט, וואָס האָט אַזוי פעסט זיך געהאַלטן ביי דעם כלל פון דער הייליקייט פון מענטש־לעכן לעבן, וואָס האָט אַזוי פאַרשטאַנען דאָס געמיט פון די שוואַכסטע, פון די אָרעמסטע, ווי יידן. און אויך היינט קענען מיר זיין שטאָלץ מיט אונדזער יידישער טראַדיציע, אַ טראַדיציע, וועלכע מיר האָבן אַזוי פאַרגעסן און וועלכע מיר פאַרשטייען אַזוי ווייניק. מיר מוזן אָנהויבן פון פאַרשטיין זיך אַליין, דאַן וועט אויך דער יינגערער דור בעסער פאַרשטיין דעם זין פון יידישקייט, דאַן וועט אויך די וועלט אונדז אָנהויבן צו פאַרשטיין.

פארבלאָנדזשעטע יידן און וואָס בלאָנדזשען

פאַראַן אַן אַלטער יידישער כלל: ווען אפילו אַ ייד זינדיקט, בלייבט ער אַלץ אַ ייד (ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא). און עס איז באמת זייער אַ וויכטיקער כלל, באַזונדערס אין אונדזער צייט.

צווישן די באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך פאַרשאַפט אַ נאָמען אַלס גרויסע דענקער, שרייבער און געלערנטע, זיינען פאַראַן אַ היפּשע צאָל פאַרבלאָנדזשעטע און אָפּגעפרעמדטע יידן. געהערן זיי נאָך צום כלל ישראל? איז, למשל, אַ דיכטער ווי היינריך היינע אונדזערער? קיינער האָט אים ניט געצוווּנגען זיך צו שמדן. און דאָך וואָלט אונדז געווען שווער, זייער שווער, זיך אָפּצוזאָגן פון אַ דיכטער, וואָס איז נאָך אַלעמען, נאָך אַלע זיינע בלאָנדזשענישן, אויך געווען אַ יידישער דיכטער.

בלאָנדזשען איז מענטשלעך. ווען אָבער גרויסע פּערזענלעכקייטן בלאָנדזשען און פאַרבלאָנדזשען אַזוי ווייט, קען עס ווערן געפערלעך. דער עולם גלויבט, אַז זיי ווייסן דעם ריכטיקן וועג, און מען גייט זיי נאָך.

די פראַגע ווערט זייער דעליקאַט, ווען אָפּגעפרעמדטע און פאַרבלאָנדזשעטע יידן נעמען זיך שרייבן וועגן יידישע פּראָבלעמען. מיר ווייסן וויפל שאָדן עס האָבן אונדז געבראַכט די אָפּהאַנדלונגען פון קאַרל מאַרקס וועגן דער יידישער פראַגע. און פרוידס בוך וועגן משה רבינו איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די בלאָנדזשענישן פון אַ גרויסן יידישן דענקער, וואָס ווייס ווייניק וועגן יידיש לעבן און יידישקייט.

אויך יידישע שרייבער, ווי שלום אַש און דר. חיים זשיטלאָווסקי, און העברעישע שרייבער, צווישן זיי אַזעלכע וווּנדערלעכע פּערזעלעכקייטן, ווי א.ד. גאָרדאָן און י.ח. ברענער האָבן אָפּט געבלאָנדזשעט. ניטאָ אין אונדזער גלות־געשיכטע קיין דערהויבנקייט, טענהט ברענער, אונדזער גאַנץ גלות לעבן איז מיאוס. ס׳איז מאָראַלישע געפאַלנקייט.

גאַנץ ריכטיק האָט אַזאַ ערנסטער דענקער ווי יחזקאל קויפמאַן אָנגעוויזן, אַז אָט דער גאַנצער צוגאַנג צו יידיש לעבן איז אַ רעזולטאַט פון דעם אַנטיסע־מיטישן סם, וואָס האָט זיך אויך אַריינגעריסן אין אונדזער יידישער וועלט.

ניטאָ דער מינדסטער סימן פון גרינגשעצונג צו אַרבעט אין דער תלמודישער ליטעראַטור. גראָד פאַרקערט, גראָד אַ היפּשע צאָל פון די בעלי התלמוד זיינען געווען אַרבעטסמענטשן, און די וויכטיקייט פון אַרבעט ווערט אויף שריט און טריט באַטאָנט.

ריכטיק, ניט געווען ביי אונדז קיין אידעאַליזירונג פון פיזישער אַרבעט, וואָס זאָל שטעלן אין שאָטן די גייסטיקע אַרבעט און דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן. מ׳ט אונדזער דרך ארץ צום לערנען און צו די לערנער האָבן מיר זיך ניט וואָס צו שעמען. איך גלויב אָבער אַז די אַלע חקירות וועגן דעם כלומרשטן ביטול צו אַרבעט ביי יידן זיינען ניט מער ווי בטלנות. דער אמת איז, אַז אַלע מענטשן — יידן און ניט יידן — שטרעבן זיך אַרויפצואַרבעטן. איך האָב אין מיין לעבן געזען אַ סך אַרבעטער, וואָס זיינען געוואָרן פירער אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אין דער יוניאָן־באַוועגונג א.אַז.וו. איך האָב געטראָפן זייער ווייניק פירער, וואָס זיינען געוואָרן פשוטע אַרבעטער. פאַראַן אויסנאַמען, אָבער גראָד די אויסנאַמען באַשטעטיקן דעם כלל. שרייבן אַרטיקלען, האַלטן דרשות וועגן פּראָדוקטיווער אַרבעט איז איין זאַך, פאַרווירקלעכן עס אין אייגענעם לעבן און דערציען אייגענע קינדער, זיי זאָלן ווערן אַרבעטער, דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער זאַך. און דער ערנסטער פּרווו, צו פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם אידעאַל פון אַרבעט, איז געמאַכט געוואָרן אין ישראל גראָד פון די קינדער פון דעם פאָלק, וואָס ווערט אַזוי אָפט באַשולדיקט אין פירן אַ לעבן פון פּאַראַזיטן.

עס איז, ליידער, אַ פאַקט, אַז אַנטיסעמיטישע העצער נוצן אויס אויפן שענדלעכסטן אופן די אומגליקלעכע אָדער ניט־געראָטענע אויסדרוקן פון פאַר־שיידענע מחברים. איז דעריבער אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די בלאַנדזשענעשן פון יידישע פערזענלעכקייטן רופן אַרויס אַזעלכע פאַרביטערטע דיסקוסיעס. מיר מוזן זיך פונדעסטוועגן שטאַרק היטן, אויך אין אַזעלכע פאַלן ניט איבערטרייבן די מאָס. איז דאָך ״ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא״, אויך ווען אַ ייד בלאָנדזשעט, בלייבט ער אַ ייד.

אין תלמוד ווערט דערציילט די באַקאַנטע געשיכטע מיטן תנא אלישע בן אבויה. דאָס איז פאַר זיך זייער אַן אינטערעסאַנטער און וויכטיקער קאַפּיטל. דאָ וויל איך בלויז פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז אין דער תלמודישער ליטעראַטור ווערן געבראַכט אַ צאָל מאמרים פון דעם פאַרבלאָנדזשעטן תנא (אין אבות און אין אבות דר׳ נתן). זיין געוועזענער תלמיד ר׳ מאיר איז געבליבן מיט אים אין פאַרבינדונג ביז צו זיינע לעצטע טעג. פאַראַן אין תלמוד אייניקע רירנדיקע אגדות וועגן די באַציונגען צווישן דעם תנא ר׳ מאיר און זיין געוועזענעם רבין. אין תלמוד ווערט אויך דערקלערט אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן ר׳ מאירס צוגאַנג. דער תנא ר׳ מאיר, ווערט דאָ געזאָגט, האָט געפונען אַ מילגרוים. דעם איינעווייניקסטן טייל

האָט ער געגעסן, די שאָלעכץ האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן. (ר׳ מאיר רמון מצא, תוכו אכל קלפתו זרק). דאָס איז, ווייזט מיר אויס, אויך דער ריכטיקער צוגאַנג פֿאַר אונדזער צייט.

די ״ניט־יידישע יידן״

אַסימילאַציע איז אַן אַלטע יידישע פּראָבלעם. אונדזער לעבן ווי אַ מינדערהייט אין אַ ניט־יידישער סביבה איז כסדר פֿאַרבונדן מיט קאָנפֿליקטן. אפֿילו ווען מיר האָבן נאָך געפֿירט אַן אָפּגעשלאָסענע עקזיסטענץ אין באַזונדערע יידישע קוואַרטאַלן, אין די אַזוי גערופֿענע געטאָס, האָבן מיר זיך דאָך טאָג־טעגלעך געמוזט באַגעגענען מיט אונדזערע ניט־יידישע שכנים. האָבן מיר טאַקע גאָר אָפֿט איבערגענומען אפֿילו די שפּראַך פֿון דעם אַרום. און מערקווערדיק איז דער פֿאַקט, וואָס אָפֿט האָבן מיר אויך באַוויזן צו פֿאַריידישן די פֿרעמדע שפּראַכן. אונדזער יידיש איז אפֿשר די סאַמע בעסטע, אָבער ווייט ניט די איינציקע, אילוסטראַציע פֿון אָט דעם דעליקאַטן פּראָצעס פֿון אַסימילאַציע און פֿאַריידישונג.

אַזוי לאַנג ווי אונדזער רעליגיעזע טראַדיציע איז געווען אין איר פֿולער קראַפֿט, זיינען פֿאַלן פֿון הונדערט פּראָצענטיקער אַסימילאַציע, פֿון נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער אָפּטריניקייט, געווען אַ לפֿי ערך גאָר זעלטענע דערשיינונג.

דאָס האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט זינט דער צווייטער העלפֿט פֿון 18טן יאָר־הונדערט. מיטן אָנהויב פֿון דער תקופֿה פֿון עמאַנציפּאַציע און השכלה אין מערב אייראָפּע. די סעקולאַריזירונג, די פֿאַרוועלטלעכונג פֿון פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן האָט געשאַפֿן אַ גאַנץ נייע סיטואַציע פֿאַר דער יידישער באַפֿעלקערונג. ס׳איז ביסלעכווייז געוואָרן מעגלעך צו פֿאַרלאָזן יידישקייט אָן דעם אַקט פֿון שמד. מען איז מער ניט געווען געצוווּנגען אָנצונעמען אַ נייעם גלויבן, כדי איבערצו־רייסן מיט דער יידישער פֿאַרגאַנגענהייט. און אפֿילו ווען מען האָט פֿאָרמעל אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, האָט דאָס צו גאָרניט מחייב געווען. קאַרל מאַרקס און היינריך היינע זיינען קיין קריסטלעכע גלויביקע ניט געוואָרן, הגם זיי זיינען פֿאָרמעל געווען קריסטן.

אַסימילאַציע איז איצט געוואָרן גרינגער. מען האָט פּשוט איגנאָרירט די פֿאַרבינדונג מיט דער יידישער וועלט, מיטן יידישן גורל. דער פֿול אַסימילירטער ייד האָט זיך באַטראַכט בלויז ווי אַ בירגער פֿון זיין לאַנד. אַזוי איז עס געווען אין דייטשלאַנד, אַזוי איז עס געווען אין פֿראַנקרייך און אַזוי איז עס אויך געווען אין אַנדערע לענדער.

אַ סך פֿון אָט די עמאַנציפּירטע דייטשן, פֿראַנצויזן און רוסן האָבן אפֿילו אָפֿט אָראָפּגעקוקט מיט אַ באַציִונג פֿון ביטול אויף יענע יידן, וואָס האָבן מיט אַלע כוחות אָנגעהאַלטן זייער פֿאַרבינדונג מיטן יידישן כלל, מיט דער יידישער געשיכטע.

עס איז, אגב, כדאי צו פֿאַרצייכענען, אַז די יידישע אינטעליגענץ האָט זיך אַפֿט גיכער אַסימילירט ווי די יידישע בורזשואַזיע. דאָ האָט זיך אין גאַר אַ סך פֿאַלן געשאַפֿן אַ פֿאַמיליע־טראַדיציע פֿון פֿילאַנטראָפּיש־אַקטיווער יידישקייט. די ראַדיקאַלע יידישע אינטעליגענץ האָט זיך אָבער אין גאַר אַ גרויסער מאָס אויס־געלעבט אין אַ ניט יידישער וועלט. געווען, אמת, אַ צאָל אויסנאַמען, אָבער ניט מער ווי אויסנאַמען.

דער אויפֿקום פֿון די מאָדערנע פּאָליטישע באַוועגונגען ביי יידן — ציוניזם און סאָציאַליזם — האָט אריינגעבראַכט געוויסע ענדערונגען. אין סך הכל אָבער האָט אַ באַדייטנדער טייל פֿון אונדזער אינטעליגענץ נאָך אַלץ געבליבן אָפּגע־פֿרעמדט פֿון יידישן לעבן. דאָס איז קודם כל ריכטיק בנוגע די קאָמוניסטן און די פֿאַרשיידענע לינקע מאַרקסיסטן און ראַדיקאַלן.

דער אידעאַל פֿון די "ניט־יידישע יידן" (ווי עס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן אַ לינקער מאַרקסיסט) זיינען די גרויסע יידישע רעוואָלוציאָנערן פֿון דער מאָדערנער צייט, ווי ספּינאָזאַ, היינע, מאַרקס, ראָזאַ לוקסעמבורג, טראָצקי און פֿרויד. אָט די "גרויסע רעוואָלוציאָנערן" האָבן אַריבערגעשפּרייזט די ענגע ראַמען פֿון יידישקייט און האָבן געקעמפֿט פֿאַר די אַלגעמיינע אידעאַלן פֿון דער מענטשהייט.

און עס שטעלט זיך אַ פּשוטע פֿראַגע: איז טאַקע נויטיק אַנטלויפֿן פֿון יידיש־קייט, צו ווערן "אַ ניט־יידישער ייד", כדי צו קעמפֿן פֿאַר די אַלגעמיין מענטשלעכע אידעאַלן? מיר האָבן גענוג ביישפּילן פֿון יידישע יידן, וואָס האָבן געקעמפֿט פֿאַר די אַלגעמיינע אידעאַלן פֿון דער מענטשהייט. אַזעלכע יידן זיינען געווען די נביאים. אַזעלכע יידן זיינען געווען משה העס און אַלבערט איינשטיין. און אויך סאָציאַליסטישע פֿירער, ווי עדואַרד בערנשטיין און לעאָן בלום, האָבן ניט געלייקנט זייער פֿאַרבונדנקייט מיטן יידישן גורל. די עצם אידעע, אַז מען מוז איבעררייסן מיט דער אייגענער קולטור און דער אייגענער טראַדיציע, כדי צו ווערן אַ וועלטמענטש, איז היינט צו טאָג דער גרעסטער אומזין. אָבער די "ניט־יידישע יידן" פֿירן אַ מלחמה געגן דער עצם יידישער עקזיסטענץ ווי אַ נאַציאָנאַלע גרופּע. זיי האָבן ניט דעם מוט צו אָנערקענען זייער יידישקייט, זייער פֿאַרבונדנקייט מיטן יידישן גורל, כדי מען זאָל זיי, חס ושלום, ניט חושד זיין אין יידישן נאַציאָנאַליזם. ווערן זיי אַפּאַטריניקעס, פּרובירן זיי דעמאַנסטרירן עפּנטלעך זייער ניט־יידישקייט.

*

די מוזיק פֿון רעוואָלוציע, פֿון סתם ר'עוואָלוציע, אַפּעלירט צו מיר גאַר ווייניק. איך בין אָבער גראָד אַ חסיד פֿון שטילע, פֿרידלעכע און שעפֿערישע רעוואָלוציעס, פֿון שעפֿערישע עקספּערימענטן.

איך גלויב אין דעם אידעאַליזם פֿון פּיאָנערן, פֿון חלוצים; איך גלויב אין דער רעוואָלוציע פֿון אַרבעט און קאָאָפּעראַציע. און די גאַנצע געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק איז אייגנטלעך אַ געשיכטע פֿון אַ פֿרידלעכער און פּיאָנערישער רעוואָלוציע. עס איז געווען אַ רעוואָלוציע געגן דער וועלט, געגן געצנדינסט, געגן

דעם קולט פון מאַכט און מלוכה, אַ רעוואָלוציע געגן די נידריקסטע מענטשלעכע אינסטינקטן — א רעוואָלוציע פון אידעאַליזם אין דעם סאַמע איידלסטן זין פון וואָרט.

מ׳קען אוודאי פרעגן: איז אפשר די אָפּשאַצונג פון דער יידישער געשיכטע ניט מער ווי פוסטע באַרימעריי? אַזאַ פראַגע איז בלי ספק באַרעכטיקט. סתם שאָוויניזם איז זיכער ניט קיין מעלה. מיר האָבן אָבער קלאָרע באַווייזן, באמת אָביעקטיווע עדות, אַז אַזוי זעען אויס די פאַקטן פון אונדזער געשיכטע.

לאָמיר אָנהויבן פון דעם צענטראַלן פאַקט, וואָס האָט אַזוי אויסגעצייכנט דעם גאַנצן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע — די ליידנשאַפט פאַר לערנען, די שמחה מיט תורה, דער גאַנצער גייסטיקער כאַראַקטער פון דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

דער ניגון פון תורה האָט אויסגעפילט די יידישע וועלט, די יידישע גאַס און די יידישע היים. מיטן כוח פון תורה זיינען מיר דורכגעגאַנגען אַ וועלט, תורה האָט אונדז אויפגעהאַלטן. תורה איז געווען אונדזער שיכרות. דער פסוק: ״זמירות היו לי חקיך בבית מגורי״ (געזאַנגען זיינען פאַר מיר געווען דיינע געזעצן אין מיין לעבן פון אָפּגעפרעמדקייט) איז ניט סתם אַ פּאָעטישע מליצה. דאָס איז געווען און געבליבן די יידישע ווירקלעכקייט דורך דורות און דורות. דאָס געמיט פון דעם תורה־לערנער ווערט אויף א וווּנדערלעכן אופן אַרויסגעבראַכט אין דעם געזאַנגט פון אשרי תמימי דרך, דאָס גרויסע יידישע פאָלקסגעזאַנג. אַזוי, צום ביישפּיל, זאָגט אונדז דער דיכטער: ״בעסער איז מיר די תורה פון דיין מויל, ווי טויזנטער פון גאָלד און זילבער״ (טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף). ווידער און ווידער ווערט דאָ איבערגעחזרט די גרויסע דערמוטיקונג און דער־מונטערונג, וואס דאָס לערנען תורה האָט געבראַכט דעם אָרעמען יידישן מענטשן: ״ווען ניט די תורה וואָלט געווען מיין דערמונטערונג, וואָלט איך אונטערגעגאַנגען אין מיין עלנט״ (לולי תורתך שעשעי אז אבדתי בעניי).

איך וועל מיך דאָ דער עיקר קאָנצענטרירן אויף דעם גייסטיקן כאַראַקטער פון דער יידישער רעוואָלוציע. דער שטרענגער פאַרבאָט פון פאַרשטעלן די געט־לעכקייט אין וואָסער עס איז קאָנקרעטער געשטאַלט איז אין דעם פרט באַזונדערס באַלערנדיק. דאָ האָבן מיר דעם שאַרפסטן פּראָטעסט געגן די אַלע פאָרמען פון געצנדינערישע קולטן און געגן דעם קולט פון גשמיותדיקייט בכלל, ווייל דער מענטש איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין דער געשטאַלט פון זיין באַשעפער, איז ממילא דער ענין גייסטיקייט אַזוי קאָלאָסאַל וויכטיק — דער מענטש לעבט ניט מיט ברויט אַליין.

צוליב דעם טעם האָט אונדזער טראַדיציע געהאַט אַ רעזערווירטע באַציונג צו קונסט, גאָר באַזונדערס צו פּלאַסטישער קונסט. אונדזערע לערער און וועג־ווייזער האָבן געזען אין קונסט אַ פאָרעם פון געצנדינערישער קולטור. און ווער עס איז נאָר אַ ביסל באַקאַנט מיט די מאָדערנע שטרעמונגען אין דער וועלט פון קונסט און ליטעראַטור, וועט מוזן מודה זיין, אַז די סכנה פון געצנדינערישער

שיכרות, וואָס ווערט באַאיינפלוסט אויף אַ קינסטלערישן אופן, איז זייער גרויס.

מען שרייבט לעצטנס אַ סך וועגן דער אַזוי גערופענער קולטור פון אָרעמ־קייט. אַט די פּראָזע ווערט אין אונדזער מאָדערנער סאָציאָלאָגיע באַנוצט ווי אַן איידעלע באַצייכענונג פאַר דער קולטורלאָזיקייט פון אָרעמקייט. אָבער ביי אונדז איז תורה באמת געווען די קולטור פון די אָרעמסטע. מיר זיינען געווען און געבליבן דאָס פאָלק פון דעם ספר. מיט תורה האָבן מיר געלעבט, תורה איז געווען אונדזער שטאָלץ, הייליק איז ביי אונדז געווען דאָס וואָרט. מיטן כוח פון וואָרט איז דאָך די וועלט באַשאַפן געוואָרן. מיר האָבן זיך אָבער ניט באַנוגנט סתם מיט ווערטער, ווייל תורה איז קודם כל אַ וועג פון לעבן, דער וועג פון מעשים און דער וועג צו מעשים.

די יידישע רעוואָלוציע איז די רעוואָלוציע פון תורה, די רעוואָלוציע פון שלום, ווייל תורה איז דער וועג צו לעבן מיט זיך און צו לעבן מיט מענטשן. תורה איז אויך דער וועג פון שותפות, פון קאָאָפּעראַציע. אונדזערע שטעט און שטעטלעך אין דער אַלטער היים זיינען פול געווען מיט חברות פאַר לערנען תורה. און אויב ס'איז ניט געווען קיין חברה, האָבן צוויי־דריי יידן געלייענט צוזאַמען בחברותא.

וועגן דער געוואַלדיקער וויכטיקייט פון קאָאָפּעראַציע, פון יידישער סאָלידאַ־ריטעט, פון דער כלל־ישראל פילאָזאָפיע, וועט נאָך אונדז אויסקומען צו שרייבן. דער פאַקט פאַר זיך אַליין לאָזט זיך דאָך ניט לייקענען. ווי וואָלט דאָך אַנדערש מעגלעך געווען דער יידישער קיום אָן אַט דעם געפיל פון שותפות צווישן יידן פון גאָר דער וועלט און יידן פון אַלע דורות?

ווען דער היסטאָריקער דובנאָוו האָט פאָרמולירט די אידעע, אַז יידן שטעלן מיט זיך פאָר אַ גייסטיקע נאַציע, צום אונטערשייד פון אַ סך אַנדערע פעלקער, איז דאָס געווען אינגאַנצן אין הסכם מיטן גאַנג פון אונדזער געשיכטע. שמעון דובנאָוו האָט אָבער ווייט ניט אָפּגעשאַצט די באַזונדערע באַדייטונג פון דער יידישער רעליגיעזער קולטור. ווייל סתם קולטור, וועלטלעכע קולטור פאַר זיך אַליין, איז ניט גענוג, אויפצוהאַלטן אַ פאָלק.

תורה און גייסטיקייט ווי אַ וועג פון לעבן, ווי דער אינהאַלט פון לעבן — דאָס איז דער זין פון דער יידישער רעוואָלוציע. יידישקייט האָט קיינמאָל ניט געלייקנט די באַדייטונג פון מאַטעריעלע פאַקטאָרן, און יידישקייט האָט ניט פּרובירט אָפּטויטן די מענטשלעכע נאַטור. מיר האָבן ניט געהאַלטן פון דער פילאָזאָפיע פון אַסקעטיזם. מיר האָבן ניט געזען קיין זינד אין געניסן פון דער וועלט, אָבער יידישקייט האָט באַקעמפט די שיכרות פון עולם הזה. דער טאָג שבת איז אין דעם פּרט סימבאָליש. ס'איז אַ טאָג פאַרן מענטשן און אַ טאָג פאַר גייסטי־קייט, פאַר דער נשמה, פאַר תורה און מיצוות. און יידישקייט האָט זיך אויפגעהאַלטן ניט נאָר מיט דער אַרבעט פון דער וואָך, נאָר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס מיט דער גייסטיקייט פון שבת. ווייל שבתדיקע יידישקייט איז ניט סתם אַ פּראָדוקט פון דער פאַנטאַזיע, נאָר אַ פאַקט פון לעבן. דער שבתדיקער ייד האָט געלעבט און געשאַפן, דער שבתדיקער ייד האָט פּרעזענטירט די יידישע אידעע, די יידישע

קולטור־טראַדיציע. שבת איז דער סימבאָל פון דער יידישער רעוואָלוציע. די מנוחה פון שבת איז סימבאָליש פאַר דער יידישער אידעע פון שלום.

און אַזוי קומען מיר צו דער קאָנטער־רעוואָלוציע פון די ״ניט־יידישע יידן״, אַ קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס האָט אויך אין זיך געהאַט געוויסע יידיש־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן.

דער פראָטעסט געגן דער יידישער גייסטיקייט איז געקומען צום אויסדרוק אויף אַ קלאַסישן אופן סיי אין דער פילאָזאָפיע פון קאַרל מאַרקס און סיי אין דער פסיכאָלאָגיע פון זיגמונד פרויד. אָט די ביידע יידישע דענקער לייקענען פּאַקטיש די ראָל פון גייסטיקייט. דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין דער פולסטער שאַרפקייט דער קאָנפליקט צווישן דער ״גויישער געצנדינערישקייט״ און דער יידישער אידעע פון גייסטיקע ווערטן.

און מערקווערדיק איז דער פאַקט, וואָס סיי מאַרקס און סיי פרויד זיינען אין תוך געווען מענטשן פון גייסט, מענטשן פון לערנען, מענטשן פון וויסן. מאַרקס׳ סאָציאַליזם איז דאָך אַ ״וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם״. ער האָט געפּרובירט באַווייזן מיט וויסנשאַפטלעכע אַרגומענטן, ווי ער האָט דאָס פאַרשטאַנען, די ריכטיקייט פון זיין טעאָריע. ער האָט אָבער פאַרגעסן איין קלייניקייט: ער האָט פאַרגעסן, אַז די גאַנצע יידישע געשיכטע איז אַ דירעקטע אָפּלייקענונג פון זיין טעאָריע פון עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם און עקאָנאָמישן דעטערמיניזם. ווייל יידן האָבן זיך אויפגעהאַלטן ווי אַ גייסטיקע גרופּע, ווי אַ רעליגיעזע גרופּע. ס׳איז ניט געווען קיין שום פּלאַץ פאַר אַ ריין עקאָנאָמישער סאָלידאַריטעט צווישן דער יידישער בורזשואַזיע און דער יידישער אַרעמקייט; ס׳איז ניט געווען קיין שום עקאָנאָמישע שותפות צווישן די ראָטשילדס, די שיפס און די וואַרבורגס אין אייראָפּע און אַמעריקע און דעם אָרעמען יידישן אַרבעטס־מענטשן אין רוסלאַנד און פּוילן; ס׳איז ניט געווען קיין שום דירעקטע עקאָנאָמישע שותפות צווישן די יידן אין אַפריקע און אַזיע און די יידן אין אייראָפּע. און דאָך האָבן זיי זיך אַלע געפילט ווי קינדער פון איין פאָלק, ווי קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב.

דאָס האָט דער דענקער קאַרל מאַרקס ניט געקענט באַגרייפן, און ער האָט זיך געבייזערט אויף אָט די ״מאָדנע״ יידן, וואָס לייקענען אינגאַנצן אָפּ זיין טעאָריע. און מאַרקס האָט גראָד געהאַלטן פון גייסטיקייט און מאָראַל. אָבער דאָס האָט ער איבערגעלאָזן פאַר משיחס צייטן. ערשט נאָך דער ערפאָלגרייכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, נאָך דער איינפירונג פון דער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, האָט מאַרקס געגלויבט, וועט דער מענטש זיך באַפרייען פון זיינע עקאָנאָמישע קייטן — ערשט דאַן וועט מעגלעך ווערן דער איבערגאַנג פון דער אימפּעריע פון צוואַנג צו אַ סדר פון פולער פרייהייט.

די גאַנצע מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע איז פול מיט קאָנפליקטן צווישן מאַרקס׳ יידישקייט און זיין ״גוישקייט״. דערפון האָט זיך אויך גענומען זיין פאַרביטערט־קייט געגן מענטשן, אָפט געגן זיינע נאָענטסטע פריינד — זיין פאַרביטערטקייט

געגן יידן און יידישקייט און געגן זיך אַליין. מאַרקס האָט ניט פאַרשטאַנען די קונסט פון לעבן מיט זיך און לעבן מיט מענטשן.

דער כלל: תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם, אַז דער תלמיד חכם ברענגט אַריין שלום אויף דער וועלט, איז ניט אַלע מאָל געווען אין הסכם מיט דער ווירקלעכקייט, אפילו אין אונדזער יידישער וועלט. עס קען אָבער ניט געלייקנט ווערן, אַז די פונקציע פון דעם רב אין דער יידישער קהילה, למשל, איז געווען דער עיקר א פונקציע פון שלום. אַ דאַנק אָט די תלמידי חכמים פון שלום האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן. קאַרל מאַרקס איז אָבער לויט זיין גאַנצער נאַטור געווען אַ מענטש פון קאַמף, אַ מענטש פון קאָנפליקטן. ער האָט ניט געגלויבט אין פשרות, ער האָט ניט געגלויבט אין שלום.

און אויך זיגמונד פרויד רעפרעזענטירט פאַר אונדז דעם קאָנפליקט צווישן יידישקייט און געצנדינערישער גויישקייט. אין אַ געוויסער הינזיכט איז פרויד געווען דער אַנטדעקער פון דער חיה אין מענטשן, פון דער מאַכט פון די מענטשלעכע אינסטינקטן, קודם כל פון דעם סעקסועלן אינסטינקט, ווי אַ דאָמינירנדיקן פאַקטאָר אין מענטשלעכן לעבן, אין זיינע חלומות, אין זיין טראַכטן און אין זיינע מעשים.

אויך זיגמונד פרויד האָט ניט באַגריפן די אידעע פון תורה, פון שבתדיקייט, פון דער שבתדיקער נשמה. אויך אַ דענקער ווי פרויד איז געשטאַנען פאַר דער רעטעניש פון דער יידישער געשיכטע, וואָס איז פאַקטיש געווען אַן אַפּלייקענונג פון זיין גאַנצער פילאָזאָפיע. ווייל זיגמונד פרויד האָט אַלץ געבויט אויפן קאָנפליקט צווישן דורות, אויף דעם אַזוי גערופענעם עדיפּוס-קאָנפליקט, בעת די גאַנצע יידישע געשיכטע איז אַ קלאַסישער ביישפיל פון שותפות צווישן דורות. און אויך זיגמונד פרויד האָט זיך געבייזערט. האָט ער אין זיין בוך וועגן משה רבינו אויף אַן אומגליקלעכן אופן געפרובירט מאַכן דעם חשבון מיט דער יידישער קולטור-טראַדיציע. עס איז אים בפירוש געגאַנגען אין לעבן צו באַווייזן, אַז משה רבינו איז ניט געווען קיין ייד. דאָס האָט זיך אים, נאַטירלעך, ניט איינגעגעבן. זיין בוך וועגן דעם גרויסן יידישן געזעץ-געבער זאָגט אונדז אַבסאָלוט גאָרניט וועגן יידן און יידישקייט. אָבער גאָר אַ סך וועגן דעם מענטשן זיגמונד פרויד. וועגן די איינעווייניקסטע קאָנפליקטן צווישן זיין יידישקייט און זיין געצנדינערישער "גויישקייט".

אָט דער פּראָטעסט געגן יידישקייט, געגן דער יידישער רעוואָלוציע, איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר געוויסע ראַדיקאַלע שטרעמונגען אין אונדזער צייט.

קיין אפיקורסים ביי יידן זיינען ניטא
(געדאַנקען וועגן די "אייביקע פּראָבלעמען")

פֿאַראַן אַ ווונדערלעכער פּסוק אין מלאכי. דער פּסוק לייענט זיך: "וואָרים פֿון דעם אויפגאַנג פֿון דער זון ביז איר אונטערגאַנג איז מיין נאָמען גרויס צווישן די פֿעלקער, און אומעטום ווערט געבראַכט ווייַרוך צו מיין נאָמען און אַ מנחה אַ ריינע, וואָרים גרויס איז מיין נאָמען צווישן די פֿעלקער, זאָגט גאָט צבאות (כי ממזרח שמש ועד מבואו גדול שמי בגויים ובכל מקום מקטר מגש לשמי כי גדול שמי בגויים אמר ה׳ צבאות). די גאַנצע וועלט ווייסט פֿון גאָט, די גאַנצע וועלט גיט אָפּ כבוד גאָטס נאָמען. אַלע פֿעלקער, אויך די וואָס דינען צו די אָפּגעטער, זוכן דעם וועג צו געטלעכקייט. זיי בלאָנדזשען, אָבער זייער ווילן און זייערע כוונות זיינען גוטע.

און אויב דער נביא מלאכי האָט אונדז מיט קרוב צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָר צוריק געלערנט צו פֿאַרשטיין די זוכענעשן און בלאָנדזשענעשן פֿון די פֿעלקער פֿון זיין צייט, זיינען מיר אוודאי מחוייב צו מאַכן דעם פּרווו צו פֿאַרשטיין די זוכענעשן און בלאָנדזשענעשן פֿון דעם יידישן מענטשן אין אונדזער צייט. אַלע זוכן מיר דעם וועג צו געטלעכקייט, מיר גייען זיך פֿונאַנדער אין אונדזערע בלאָנדזשענעשן. אין אונדזערע בענקענעשן און אין אונדזערע חלומות זיינען מיר אָבער א סך נענטער איינער צום אַנדערן.

ארץ ישראל איז אויפגעבויט געוואָרן מיטן כוח פֿון גלויבן. אונדזערע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס זיינען אויפגעבויט געוואָרן מיטן כוח פֿון גלויבן. ניטאָ קיין אָביעקטיווע כוחות וואָס זאָלן אויפהאַלטן יידן און יידישקייט. יידיש לעבן איז גלויבן. לאָמיר עס פֿאַרשטיין, לאָמיר פֿאַרשטיין און רעספּעקטירן דעם גלויבן פֿון אונדזערע געגנער און לאָמיר ניט צעשטערן אונדזער אייגענעם גלויבן.

אַלע יידן דאַווענען, הגם ניט פֿון דעם זעלביקן סידור. עס דאַווענט מיט כוונה און התלהבות דער סאָציאַליסט און יידישיסט, עס דאַווענען מיט עקשנות און מסירת נפש די חלוצים אין ארץ ישראל און פֿרומע יידן דאַווענען דאָך אוודאי און אוודאי. און ווער עס וויל פֿאַרשטיין דעם סוד פֿון יידישן קיום, מוז קודם כל פֿאַרשטיין דעם סוד פֿון יידישער תפילה.

דער מענטש איז אַ טייל פֿון דער נאַטור. פּרימיטיווע פֿעלקער האָבן געדינט צו דער מוטער ערד, און דאָך וועט דער מענטש קיינמאָל ניט זיין צופֿרידן מיט זיין ערדישן גורל. פֿאַראַן עפּעס מער אין מענטשן ווי נאַטור; פֿאַראַן אין אים אַ פֿונק פֿון געטלעכקייט, וואָס טיילט אים אָפּ פֿון דער וועלט אַרום אים. איז ער כסדר אין אַ מלחמה מיט זיך אַליין, אַ מלחמה וואָס הערט קיינמאָל ניט אויף. און דאָס ערקלערט אונדז ניט נאָר די איינזאַמקייט פֿון דעם מענטשן, נאָר אויך זיין מורא צו בלייבן אַליין, בלייבן אַליין מיט דער נאַטור.

איינזאַמקייט און מורא, דאָס איז אונדזער גורל. מיר האָבן מורא פֿאַר דער וועלט, מיר האָבן מורא פֿאַרן חבר מענטש און מיר האָבן אפילו מורא פֿאַר זיך

אַליין. פירן מיר אַ מלחמה מיטן גורל, זוכן מיר דעם וועג צו אייביקייט. און דאָס איז דער סוד פון תפילה.

וואָס איז אייגנטלעך דער טיפערער זין פון אונדזער קאַמף פאַרן קיום פון יידישן פאָלק? עס איז צום טייל אויך דער קאַמף פאַר אונדזער פערזענלעכן קיום. מיר, יידישע יחידים, לעבן מיט אונדזער פאָלק. יידישע אייביקייט איז אונדזער אייביקייט. און כל זמן ס'איז דאָ יידיש לעבן, כל זמן מען הערט אַ יידיש וואָרט, כל זמן יידן לערנען און דאַוונען — לעבן מיר צוזאַמען מיטן יידישן כלל, ווייסן מיר, אַז אונדזער לעבן איז ניט געווען אומזיסט, ווייסן מיר, אַז אונדזער געשיכטע האָט געהאט אַ זין, ווייסן מיר, אַז דורות וואָס זיינען אַוועק און דורות וואָס וועלן קומען, זיינען שותפים מיט אונדז.

פאַראַן צייטן אין אַ מענטשנס לעבן, ווען ריידן מיטן באַשעפער איז נאָך וויכטיקער ווי ריידן מיט אַ מיטמענטשן. דאָס זיינען די צייטן פון גרויסער איינזאַמקייט, וואָס יעדערער פון אונדז לעבט זיי אַ מאָל דורך. און ווען מיר דערפילן זיך אין דער נאָענטקייט פון דעם באַשעפער, אין דער נאָענטקייט פון דעם איין סוף, ווערן אונדז אויך די מענטשן נענטער, באַפרייען מיר זיך פון אונדזער איינזאַמקייט. מיר הויבן אָן מיט אַ תפילה פאַר זיך, שטיל, קוים די ליפן עפענען זיך, ווי דאָס איז געווען די תפילה פון חנה, די מוטער פון שמואל הנביא, און מיר קומען צו דער תפילה מיטן כלל, צו די תפילות בציבור, תפילות וואָס פאַראייניקן אונדז מיט אונדזער פאָלק, מיט דער וועלט און מיט דעם באַשעפער פון דער וועלט.

עס איז שווער פאַרן מענטשן צו זיין אַליין, און מיר טאָרן גאָרניט זיין אַליין. מיר זוכן דעריבער פריינדשאַפט, חברשאַפט, שותפות מיט אַנדערע מענטשן, שותפות מיט דער וועלט. עס איז שווער צו לעבן אַליין. עס איז נאָך שווערער צו גיין דעם לעצטן וועג אַליין. געפינען מיר דעם אויסוועג אין תפילה. אין דער געמיינדע פון מתפללים זיינען מיר מער ניט אַליין. דאָ איז די שכינה מיט אונדז, דאָ דערפילן מיר זיך ווי אַ טייל פון דער אייביקייט, ווי אַ טייל פון אונדזער פאָלק און ווי אַ טייל פון דער וועלט.

ניטאָ קיין אַפיקורסים ביי יידן. אַלע גלויבן מיר און אַלע דאַוונען מיר. מיר האָבן אָבער פאַרגעסן דעם וועג פון תפילה און דערפאַר זיינען ביי אונדז פאַראַן אַזוי פיל שטומע דאַוונער. שטיל, פאַר־זיך ברענגען מיר ארויס אונדזער תפילה. מיר זאָגן עס זיך אַליין ניט אויס, און מיר פרובירן זיך פאַרענטפערן. ניטאָ וואָס זיך צו פאַרענטפערן!

איינזאַמקייט

פאַראַן אַן איינזאַמקייט וואָס מיר וואָלטן געקענט באַצייכענען ווי די קאָסמישע אָדער רעליגיעזע איינזאַמקייט. די וועלט איז אַזוי גרויס, אונדזער ערד

איז דאָך נישט מער ווי אַ קליין פּינטעלע אין דעם קאָסמאָס. אָט דאָס געפיל פון קאָסמישער איינאַמקייט און נישטיקייט קומט אַזוי ווונדערלעך צום אויסדרוק אין תהילים, קאַפּיטל ח׳. דער גרויסער דיכטער קומט דאָ מיט זיין ליבּ־געזאַנג צום באַשעפער:

וועז איך זע די הימלען, דאָס ווערק פון דיינע פינגער,
די לבנה און די שטערן, וואָס דו האָסט אויפגעריכט;
וואָס איז דאַן אַ מענטש, אַז דו זאָלסט אָן אים געדענקען?
און אַ מענטשנקינד, אַז דו זאָלסט אים דערמאָנען?

אונדזער דיכטער זעט די מענטשלעכע נישטיקייט, אָבער ער באַוווּנדערט גלייכצייטיק די מענטשלעכע גרויסקייט. וואָרים דער מענטש איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, און עס פעלט אים גאָר ווייניק צו געטלעכקייט (ותחסרהו מעט מאלהים). שוין דער עצם פאַקט, וואָס דער מענטש גיט זיך אָפּ אַ חשבון וועגן דער גרויסקייט פון דער וועלט, וואָס ער פּרובירט זיך אַלץ מער און מער פאַרטיפן אין די סודות פון דער וועלט, שוין דערין באַווייזט זיך דער פונק פון געטלעכקייט, וואָס איז באַהאַלטן אין אונדז. ווי גרויס איז דער מענטש און ווי טראַגיש איז זיין גורל! מיט זיין גייסט נעמט ער אַרום די וועלט, זיינע אַמביציעס זיינען אומענדלעך, און זיין לעבן איז אַזוי קורץ, ווי אַ בלום וואָס פאַרוועלקט אַזוי גיך.

איז די גרויסע וועלט אַרום אונדז אַ שטומע וועלט? האָבן מיר ניט קיין שום מעגלעכקייט פון קאָמוניקאַציע, פון פאַרבינדונג מיט דער וועלט אַרום אונדז? אונדזער וויסנשאַפט גיט אונדז דערויף ניט קיין ענטפער. ערווין שרעדינגער, איינער פון די גרעסטע געלערנטע פון אונדזער צייט, האָט ריכטיק באַמערקט: די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט אונדז טיילוויז געגעבן אַ שליסל צו אַ טויטער וועלט. זי גיט אונדז אָבער ניט קיין ענטפער אויף אונדזערע סאַמע וויכטיקסטע מענטשלעכע פּראָבלעמען. די פאַרצווייגטע געביטן פון מאָראַל, קונסט און רעליגיע ליגן אויסער די גרענעצן פון אונדזער וויסנשאַפטלעכן דענקען, די וועלט פון דער וויסנשאַפט איז אַ שטומע וועלט, א טויטע וועלט. אונדזערע אַלע זוכענישן און בענקענישן, אונדזערע חלומות און האָפענונגען געפינען ניט זייער ענטפער אין דער סיסטעם פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. וואָס זאָגט עס אונדז?

פאַראַן דענקער וואָס טראַכטן, אַז די וועלט אַרום אונדז איז טאַקע אַ שטומע וועלט. אַזעלכע מענטשלעכע איבערלעבונגען ווי זוכן און טרוימען, בענקען און ליב האָבן, זיינען ריין מענטשלעכע סענטימענטן. די נאַטור ווייס דערפון ניט. ווי האָט זיך אויסגעדריקט איינער פון די רוסישע קאָסמאָס־פליער: ער האָט געזוכט גאָט אין וועלט־רוים און ער האָט אים ניט געפונען.

אָבער פאַרוואָס אייגנטלעך פאַרנעמען מיר זיך מיט אָט די מערקווערדיקע עקספּערימענטן, וואָס דאַרפן פאַר אונדז מעגלעך מאַכן אַ רייזע אין די הימלען?

וואָס קימערט אונדז די לבנה? איז עס אפשר די טיף מענטשלעכע, די דורך און דורך רעליגיעזע בענקענעש נאָכן אין־סוף?

אין דער בונדישער "שבועה" שטויסן מיר זיך אָן אויף די ווייטערדיקע ווערטער:

"הימל און ערד וועלן אונדז הערן
עדות — די ליכטיקע שטערן..."

וואָס זאָגן אונדז אָט די ווערטער? וועלן הימל און ערד אונדז הערן? וועלן אונדזערע עדות זיין די שטערן? דאָס איז פּאָעזיע, וועט מען מיר ענטפערן. געוויס, דאָס איז פּאָעזיע און אפשר אפילו אַ ביסל מער ווי פּאָעזיע. אפשר באַווייזן זיך דאָ פונקען פון רעליגיעזער בענקענעש? פון תפילה־שטימונגען? די שטערן, הימל און ערד, דאָס איז פּאָעזיע, דאָס איז אויך רעליגיע. מיר אַלע דאַווענען, מיר ווייסן אָבער אָפט ניט, אַז מיר דאַווענען.

אַזאַ ערנסטער סאָציאַליסטישער שרייבער און דענקער ווי צביון האָט מיר אַ מאָל געזאָגט: "ווען עס ווילט זיך מיר דאַווענען, קום איך אין מיין בונדישן בית מדרש און זינג צוזאַמען מיט די אַנדערע חברים "די שבועה".

ווען אַ וועלטלעכער ייד ווערט פאַרכאַפּט פון "רעאַקציאָנערע" רעליגיעזע בענקענעשן, ראַטעוועט ער זיך מיט אַ ביסל פּאָעזיע. איז עס אויך אַ וועג. אָבער קיין געהעריקער ענטפער איז עס נאָך אַלץ ניט. עס איז יעדנפאַלס קלאָר — קיינער פון אונדז איז ניט פריי פון קאָסמישע אדער רעליגיעזע בענקענעשן. מיר פאַרבייטן דאָס וואָרט גאָט מיט נאַטור, מיר זינגען ליבעזאַנגען צו דער זון, צו דער לבנה, צו די שטערן. מיר קערן זיך אום צוריק צו דעם גלויבן פון די געצנדינער. אונדזער גאַנצע מאָדערנע קולטור ווערט אין גאָר אַ גרויסער מאָס באַהערשט פון געצנדינערישע, פּאַגאַניסטישע שטימונגען און איבערלעבונגען. אָבער אויך דאָ אַנטפּלעקט זיך די קאָסמישע בענקענעש. ווייל מיר קענען ניט בלייבן איינזאַם. מיר קענען ניט לעבן אין אַ שטומער וועלט. מיר זוכן אַ וועג פון פאַרבינדונג מיט דער וועלט, מיט דער געטלעכקייט אין דער וועלט.

פאַראַן אַ וווּנדערלעכע חסידישע מעשהלע:

ווען דער בעש"ט האָט געהאַט אַ שווערן ענין צו באַזאָרגן, איז זיין שטייגער געווען, ער פלעגט אַוועקגיין אויף אַ באַשטימטן פלאַץ אין וואַלד, פלעגט אָנצינדן אַ פייער, זאָגן זיין תפילה מיט גרויס כוונה און זיין בקשה פלעגט דערפילט ווערן. אָבער שפּעטער, ווען זיין תלמיד, דער מגיד פון מעזעריטש, פלעגט דאַרפן מתפלל זיין וועגן אַ וויכטיקן ענין, פלעגט ער אַוועקגיין אויף דעם זעלבן פלאַץ אין וואַלד און פלעגט זאָגן: דעם פייער קאָנען מיר מער ניט אָנצינדן, אָבער די תפילה קענען מיר זאָגן — און זיין בקשה פלעגט דערפילט ווערן. נאָך א דור שפּעטער, ווען ר' משה לייב סאַסעווער פלעגט דאַרפן פועלן דאָס זעלביקע, פלעגט ער אַוועקגיין אין וואַלד און זאָגן: די תפילה קענען מיר ניט זאָגן, אָבער דעם פלאַץ אין וואַלד קענען מיר נאָך געפינען, און דאָס דאַרף זיין גענוג. — און גענוג איז

עס געווען. ס׳איז אַריבער נאָך אַ דור און ווען ר׳ ישראל ריזשינער פלעגט דאַרפֿן פּויעלן גאָטס הילף וועגן א וויכטיקן ענין, פלעגט ער זיך זעצן אין זיין גאָלדענעם שטול און פלעגט זאָגן: דאָס פייער קענען מיר ניט אָנצינדן; די תפילה קענען מיר ניט זאָגן; דעם פּלאַץ אין וואַלד קענען מיר ניט געפינען. אָבער די מעשה קענען מיר דערציילן, און דאָס איז אויך געווען גענוג.

אין אונדזער צייט זיינען מיר געקומען צו דער לעצטער מדרגה. דעם פלאַם פון יידישקייט קענען מיר ניט אָנצינדן; דאַוונען קענען מיר ניט; אָבער די מעשה קענען מיר נאָך דערציילן. מיר קענען דערציילן די געשיכטע פון דער וואונדער־לעכער יידישער טראַדיציע. איך ווייס, דאָס איז ניט גענוג, ווייט ניט גענוג. אָבער אפשר פאַר אַן אָנהויב פון א ווידעראויפלעבונג וועט עס מוזן זיין גענוג. לאָמיר ווייניקסטנס ניט פאַרגעסן די מעשה צו דערציילן.

שותפות מיט דער וועלט און דעם באַשעפער

וואָס האָט ארויסגערופן דעם באַנייטן אינטערעס פאַר רעליגיע? דער היינטיקער מענטש האָט דערפילט זיין איינזאַמקייט אין דער וועלט. געווען אַ צייט, ווען דער מאָדערנער מענטש איז געווען פול מיט גלויבן אין זיינע אייגענע כוחות. אָט דער גלויבן איז געווען באַרעכטיקט און איז נאָך היינט באַרעכטיקט. די דערגרייכונגען פון דעם מענטשלעכן שכל שטייגן אַריבער אַלץ וואָס מיר האָבן זיך געקענט פאָרשטעלן נאָך מיט צוויי־דריי דורות צוריק. אָבער אין דער זעלביקער צייט זיינען גראָד אונדזערע גרעסטע געלערנטע אַלץ מער באַהערשט געוואָרן פון דעם געדאַנק — ווי קליין און ווי נישטיק איז דער מענטש אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער וועלט!

מיר באַוואונדערן דעם מענטשן, מיר באַוואונדערן נאָך מער די וועלט און דער גרעסטער וואונדער איז — וואָס דער קליינער און אַזוי הילפלאָזער מענטש קען בכלל עפּעס פאַרשטיין פון דעם, וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אין דער גרויסער וועלט.

א דענקער און געלערנטער ווי אַלבערט איינשטיין האָט עס קלאָר ארויס־געבראַכט — אויך וויסנשאַפט איז אַ פאָרם פון רעליגיעזן גלויבן, האָט ער באַטאָנט. ווען אַ געלערנטער פאַרנעמט זיך מיט פאָרשן די נאַטור, די קליינע וועלטן און די גרויסע וועלטן אַרום אונדז, טוט ער עס אין תוך געגומען מיט אַ טיפן רעליגיעזן געפיל. אַלבערט איינשטיין האָט ניט געהאַלטן פון רעליגיעזע צערעמאָניעס, הגם ער איז געווען דורך און דורך רעליגיעז לויט זיין גאַנצער נאַטור. ער האָט געגלויבט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אין דעם גאָט פון ספּינאָזאַ. וויל איך די דיסקוסיע וועגן דעם פילאָזאָפישן גלויבן דאָ לאָזן אַן אַ זייט. מען קען אָבער מיט אַן אַבסאָלוטער זיכערקייט זאָגן, אַז אַלבערט איינשטיין האָט אויף זיין אופן געדאַוונט, הגם ער האָט זיך וועגן דעם קיין רעכענונג ניט אָפּגעגעבן.

די אייגנטלעכע תפילה הויבט זיך אָן ביי יידן מיט דער ברכה פון "יוצר". מיר דאַנקען גאָט וואָס ער האָט באַשאַפן די וועלט. מיר מאַכן אַ ברכה אויף גאָטס וועלט. מיט אָט דער ברכה אויף גאָטס באַשאַף הויבט זיך אָן דער יידישער טאָג. מיר באַוווּנדערן דעם באַשעפער, "די הימלען דערציילן גאָטס כבוד". די גרויסע געלערנטע, וואָס פאַרטיפן זיך אין גאָטס וועלט, זאָגן זייער גאַנץ לעבן פּאַקטיש די תפילה פון "יוצר". זיי זינגען שירה פאַרן וווּנדער פון באַשאַף צוזאַמען מיט דער וועלט.

דער פּשוטער מענטש קען דאָך ניט דאַוונען פון איינשטיינס סידור. ער האָט ניט די צייט און די מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיפן אין די סודות פון דער וועלט. אָבער אַ ברכה אויף דער וועלט וויל ער מאַכן. שירה צום באַשעפער פון דער וועלט וויל ער זינגען. ער פילט זיך פאַרבונדן מיט דער וועלט. ער וויל ניט זיין אַליין אין דער וועלט, ער האָט מורא פאַר דער גרויסער און אומענדלעכער איינזאַמקייט. דאַוונט ער, זינגט ער שירה: "ווי וווּנדערלעך זיינען דיינע שאַפונ-גען, גאָט!"

און פּונקט ווי דער מענטש פילט זיין איינזאַמקייט און נישטיקייט, ווען ער באַטראַכט די גרויסקייט פון דער וועלט און רוים, אַזוי פילט ער אויך זיין עלנט און נישטיקייט, ווען ער באַטראַכט די געציילטע טעג, וואָס אים איז באַשערט צו לעבן, אין פאַרגלייך מיט די שיער ניט אומענדלעכע צייטן פון גאָטס באַשאַף, פון דער נאַטור. וואָס פאַר אַ באַדייט האָט זיין לעבן? און דאָך איז דער מענטש אַ טייל פון גאָטס באַשאַף, אַ טייל פון דער גרויסער וועלט. דערמיט קומען מיר צום צווייטן פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ פון רעליגיעזן לעבן — די פאַרבינדונג פון דעם מענטשן מיט דער אייביקייט, מיט פאַרגאַנגענע דורות און מיט קומענדיקע דורות.

פאַראַן דענקער און פאָרשער פון רעליגיעזן לעבן, וואָס גלויבן, אַז די וויכטיקסטע רעליגיעזע פאַרשטעלונגען האָבן זייערע וואָרצלען אין דעם לעבן פון דער פאַמיליע. באַזונדערס האָט די אידעע אַנטוויקלט דער שעפער פון דער פּסיכאָאַנאַליטישער שיטה, זיגמונד פרויד. עס איז, לויט פרוידן, די אילוזיע פון די קינדעריאָרן, וואָס פירט דעם מענטשן צום רעליגיעזן גלויבן.

דאָס יונגע קינד איז פול מיט פאַמיליע-פּראָבלעמען. פאַראַן קאָנפליקטן צווישן קינדער און עלטערן, לערנט אונדז פרויד, שוין אין די פריסטע קינדעריאָרן. און פון דער אַנדער זייט קען זיך דאָך דאָס קינד ניט אַ ריר טאָן אָן דער הילף פון די עלטערן. דער פאָטער איז אַלמעכטיק, ער ווייס אַלץ און ער קען אַלץ. און אָט די פאָטער-געשטאַלט, האָט פרויד געגלויבט, נעמט שפּעטער אָן געטלעכע פאָרמען. ווען מיר זאָגן דעריבער: גאָט איז אַ פאָטער — מיינען מיר עס טאַקע. דאָס זוכן מיר די אַלמעכטיקע פאָטער-געשטאַלט פון אונדזערע קינדעריאָרן. רעליגיע איז ניט מער ווי די קינדערשע אילוזיע פון אַ פאָטער-געשטאַלט.

עס איז דאָ ניט מעגלעך צו באַהאַנדלען די פראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם. וועט זיין גענוג אָנצווייזן אויף דער וויכטיקסטער טענה געגן פרוידס שיטה.

די טענה איז זייער אַ פּשוטע. די פֿאַמיליע, און גאָר באַזונדערס די עצם אינסטי־טוציע פֿון פֿאַטערשאַפֿט, איז גאָרניט אַזאַ איינפֿאַכער ענין. די פֿאַמיליע אַליין געהערט צו די גרעסטע וווּנדער פֿון מענטשלעכן לעבן. איז עס באמת אַזוי גרינג אויפֿצוהאַלטן אַ פֿאַמיליע?

דאָס פֿאַמיליע־לעבן פֿאָדערט אַן אַ שיעור קרבנות. דאָס איז ריכטיק באַזונדערס פֿאַר פּרימיטיווע פֿעלקער. אויפֿהאָדעווען קינדער אין נויט, אין אָרעמ־קייט, אין צייטן פֿון מגפֿות, מלחמות און דורך הונגער־יאָרן, איז עס דען אַ געוויינטלעכע זאַך? מען קען צום טייל ריידן וועגן אַ מוטער־אינסטינקט, אָבער ווי אַזוי האָט מען דעם פֿאָטער איינגעשפּאַנט אין דעם יאָך פֿון דער פֿאַמיליע? וואָס האָט געצווונגען דעם פֿאָטער זיך צו טיילן מיט זיין לעצטן ביסן מיט די קינדער? פֿאָטערשאַפֿט איז ווייט ניט אַזאַ נאַטירלעכער ענין ווי מיר שטעלן עס זיך פֿאָר. פֿאָטערשאַפֿט איז איינע פֿון די גרעסטע וווּנדער פֿון אונדזער קולטור־לעבן.

אַלע פֿעלקער און אַלע קולטורן האָבן ספּעציעלע מינהגים, געזעצן און צערעמאָניעס, וואָס דאַרפֿן אָפּהיטן און שטאַרקן דאָס פֿאַמיליע־לעבן. אָפֿט פֿרעגט מען זיך: צו וואָס זיינען נויטיק אָט די אַלע חתונה־צערעמאָניעס? זיי זיינען נויטיק כּדי צו צווינגען דעם ריין ביאָלאָגישן פֿאָטער צו ווערן אַ פֿאָטער פֿון דער פֿאַמיליע.

באַקענט מען זיך נענטער מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער פֿאַמיליע, דאַן זעט מען קלאָר, אַז ווו עס ווערט דערשיטערט דער גלויבן אין גאָט, ווערט אויך טייל־ווייז דערשיטערט דער פֿונדאַמענט פֿון דער פֿאַמיליע. דער פֿאָטער ווערט ערשט דאַן אַ פֿאָטער אין פֿולן זינען פֿון וואָרט, ווען מיר זעען אין אים אַ פֿונק פֿון געטלעכקייט. די גאַנצע פֿאָטער־געשטאַלט איז ניט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דער געטלעכקייט, וואָס מיר האָבן אין זיך. סוף כּל סוף וואָס איז אַן אָרעמער, שוואַכער און אָפֿט קראַנקער פֿאָטער פֿאַר אַ יונגן מענטשן! רעספּעקט פֿאַר טאַטע־מאַמע איז רעספּעקט פֿאַר הייליקייט, עס איז רעספּעקט פֿאַר דורות, רעספּעקט פֿאַר דער אייביקייט.

און אויך אין דער ליבע צום קינד, אין דער זאָרג פֿאַרן קינפֿטיקן דור, איז פֿאַראַן אַ טיף רעליגיעז געפֿיל. דאָס איז אונדזער געפֿיל פֿון אייביקייט, פֿון ליבע צו יורשים, וואָס וועלן איבערנעמען אונדזער אַרבעט, אונדזער פּלאַץ אין דער וועלט. די גאַנצע משפּחה איז פֿול מיט רעליגיעזע אידעען און רעליגיעזע איבער־לעבונגען. דעריבער האָבן פֿאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אָפֿט געפֿירט אַ פֿאַרביטערטע מלחמה געגן דער משפּחה. דאָס האָט זיך אָבער קיין מאָל ניט איינגעגעבן.

אָן אַ טיפֿערן רעליגיעזן גלויבן איז שווער אויפֿצוהאַלטן אַ נאָרמאַל לעבן אין דער פֿאַמיליע און אָן אַ רעליגיעזן גלויבן איז כּמעט ניט מעגלעך קיין נאָרמאַלע דערציונג פֿון דעם יונגן דור.

אין אַ רעליגיעזער אַטמאָספֿערע איז גרינגער צו געבן צו פֿאַרשטיין די

קינדער פאַרוואָס זיי מוזן געוויסע זאַכן אָפּהיטן. אויך די עלטערן היטן אָפּ די זעלביקע געבאָטן. די יידיש̈ע טראַדיציע נעמט אָפּילו אָן, אַז עלטערן האָבן מער פליכטן ווי די קינדער. אפילו אין אַזאַ הייליקן תענית ווי יום כיפּור, למשל, זיינען קינדער ניט מחוייב צו פאַסטן. עס פּאַסירן גראָד פאַלן ווען קינדער הויבן אָן אַליין פריער צו פאַסטן. ווען זיי ווילן מען זאָל זיי באַטראַכטן ווי דערוואַקסענע.

דערמיט קומען מיר צום סאַמע פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ פון רעליגיעזן לעבן. דאָס איז די אידעע פון בר מיצווה, פון אַ מענטשן וואָס נעמט אויף זיך פליכטן און אויפגאַבן.

פליכטן זיינען אָפט פאַרבונדן מיט קרבנות. דער ריטואַל פון קרבנות האָט געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָל אויך אין יידישן רעליגיעזן לעבן אין דער צייט פון תנ"ך. דער מענטש, וואָס ברענגט אַ קרבן, זאָגט זיך פון עפּעס אָפּ. ביי אַנדערע פעלקער האָט דער מינהג פון קרבנות אָפט אָנגענומען ווילדע פּאַטאָלאָגישע פאָרמען. די נביאים האָבן געפירט דעם שאַרפסטן קאַמף קעגן די שוידערלעכע רעשטלעך פון די געצנדינערישע מינהגים, וואָס האָבן זיך אין געוויסע קרייזן אויפגעהאַלטן. דער אמת איז, אַז מיר זיינען נאָך אָפּילו היינט ניט פריי פון די ווילדע געצנדינערישע מינהגים פון מענטשלעכע קרבנות. באַקענט מען זיך מיט דער געשיכטע פון טעראָר אין די צייטן פון דער ספּאַנישער אינקוויזיציע, אָדער אפילו אין די צייטן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דאַן פאַלט אויף די ענלעכקייט מיט די פּרימיטיווע מענטשלעכע קרבנות. אויך די שוידערלעכע פּראָצעסן אין דער סטאַלין־צייט זיינען געווען פאַקטיש פּייערלעכע פּאַראַדן פון מענטשלעכע קרבנות. דאָס איז געווען געצנדינסט.

די יידישע טראַדיציע האָט אינגאַנצן אַן אַנדער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון מאָראַלישער דיסציפּלין און קרבנות. יידישקייט פאָדערט קרבנות ניט כדי צו פאַרניכטן לעבן, נאָר כדי צו ראַטעווען לעבן, כדי צו הייליקן דאָס לעבן. פּיקוח נפש, ראַטעווען אַ מענטשלעך לעבן, געהערט צו די גרעסטע און הייליקסטע מיצוות. דער מענטש האָט פליכטן, דער מענטש האָט אויפגאַבן, אָבער היטן דאָס לעבן, אויך דאָס אייגענע לעבן, געהערט צו די סאַמע הייליקסטע געבאָטן. די קרבנות, וואָס יידישקייט פאָדערט, געהערן צו גאָר אַן אַנדער קאַטעגאָריע. דער מענטש דאַרף זיך קענען אָפּזאָגן פון אַ סך פאַרגעניגנס כדי אָפּצוהיטן די פליכטן פון ליבע און גערעכטיקייט. אפילו ווען מיר פאַסטן, לערנט אונדז דער נביא (ישעיה נ"ח), מוזן מיר דער עיקר האָבן אין זינען די געבאָטן פון גערעכטיקייט, העלפן די באַעוולטע, געבן ברויט דעם אָרעמאַן, א בגד דעם נאַקעטן, באַפרייען דעם געפאַנגענעם. דאָס איז דער זין פון תענית.

דער תענית פון יום כיפּור האָט דערפאַר קודם כל אַ סימבאָלישע באַדייטונג. ער איז אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט, פון שותפות מיט אַלע ליידנדע, מיט אַלע עלנטע, שותפות מיט דער וועלט און שותפות מיט דעם באַשעפער פון דער וועלט. דאָס איז דער זין פון די טיפע רעליגיעזע זוכענישן פון דעם מענטשן, פון די רעליגיעזע זוכענישן פון אונדזער צייט.

אויף די וועגן פון יידיש און יידישקייט

אין די געטאָס און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָט מען פון צייט צו צייט אויך דיסקוטירט דעם ענין רעליגיע. געווען פאַלן ווען טיף גלויביקע האָבן פאַרלאָרן זייער אמונה. געווען, פאַרקערט, אויך פאַלן ווען ניט־רעליגיעזע האָבן געפּרובירט זוכן אַ טרייסט אין דער רעליגיעזער טראַדיציע.

אין סך הכל האָב איך דעם איינדרוק, זיינען קיין גאָר גרויסע ענדערונגען ניט פאָרגעקומען: די מערהייט פון די גלויביקע זיינען געבליבן ביי זייער גלויבן, און די מערהייט פון די ניט־גלויביקע זיינען געבליבן ביי זייער רעזערווירטער באַציונג צו רעליגיע.

די דעבאַטן זיינען קיינמאָל ניט אַוועק צו ווייט, ווייל ביידע צדדים האָבן גאָר גיך אויסגעשעפּט זייערע אַרגומענטן. די גלויביקע זיינען געווען ניט ווייניקער צערודערט ווי די ניט־גלויביקע.

אַלע באַריכטן פון יענע טראַגישע יאָרן באַווייזן, אַז מענטשן מיט אַ גלויבן האָבן בדרך כלל אַרויסגעוויזן מער מאָראַלישן ווידערשטאַנד ווי די, וואָס האָבן קיין גלויבן ניט געהאַט. און איך רייד דאָ וועגן גלויבן אין דעם סאַמע ברייטסטן זין פון וואָרט. איך האָב דאָ אין זינען ניט נאָר דעם רעליגיעזן גלויבן. די ציוניסטישע יוגנט־גרופּעס און די בונדיסטן האָבן גענומען, ווי מיר ווייסן, אַ פירנדיקן אָנטייל אין די ווידערשטאַנדס־באַוועגונגען אין די געטאָס. די גרעסטע ראָל האָט דאָ געשפּילט גלויבן אין אַן אידעע און חברשאַפט. דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט מיט אַ צאָל חברים איז געווען אין די שווערסטע צייטן פון נסיון אַ געוואַלדיקע דערמוטיקונג.

געווי דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע די ניט־יידישע געפאַנגענע אין די פאַרשיידענע דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. רעליגיעזע און פּאָליטישע גרופּעס האָבן בדרך כלל אַרויסגעוויזן מער מאָראַלישע פעסטקייט. באַקענט מען זיך נענטער מיט די פאַקטן וועגן די חסידי אומות העולם, דאַן באַקומט זיך דאָס זעלביקע בילד. דעם ערשטן פּלאַץ פאַרנעמען דאָ קריסטלעכע גייסטלעכע און פרומע פּויערים, דאַן קומען אידעאַליסטישע קריסטן, דער עיקר סאָציאַליסטן פון אַלע ריכטונגען. און מיט דער פולסטער זיכערקייט קענען מיר זאָגן, אַז ווער עס האָט מורא געהאַט פאַר גאָט און פאַר זיין אייגענעם געוויסן, דער האָט ווייניקער מורא געהאַט פאַר די נאַציס. די ברירה איז אָפט געווען: **מורא פאַר גאָט אָדער מורא פאַר מענטשן.**

די צענטראַלע פּראָבלעם פון אונדזער צייט איז — די מורא פאַרן מענטשן, די מורא פאַר דער שיכרות פון מענטשלעכער גאווה און מענטשלעכער מאַכט. די אַמביציע זיך צו פאַרגלייכן מיט גאָט, דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער באַגריף פון מענטשלעכער זינד ווי די תורה האָט עס פאַרשטאַנען.

די גאַנצע ביבלישע ליטעראַטור איז פול מיט דעם פּראָטעסט געגן מענטש־לעכער גאווה, געגן יעדן פּרווו צו פאַרגעטערן די פירער, דער ספר דניאל גיט

אונדז אַ גאַנצע פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע, ווו דער מחבר באַווייזט ווי נישטיק עס זיינען אַט די אַלע מענטשלעכע פּרווון זיך צו פאַרגלייכן מיטן באַשעפער.

די פּאַטאָלאָגישע גאווה ווערט אין דער אַלטער גריכישער ליטעראַטור באַצייכנט מיט דעם וואָרט „היבריס". און דער ענטפער אויף דער מענטשלעכער „היבריס" איז געוויינטלעך דער צאָרן און די שטראָף פון די געטער.

אין דער תלמודישער ליטעראַטור ווערט די ווילדע מענטשלעכע גאווה פאַרגליכן מיט עבודה זרה, מיט געצנדינסט. אַ מאמר אין סנהדרין זאָגט, אַז משיח וועט קומען נאָר דאַן, ווען יידן וועלן פּטור ווערן פון די בעלי גאווה. און אויסלערנען דעם מענטשן די מידה פון באַשיידנקייט איז דער טיפערער זין פון אַלע אונדזערע ברכות און תפילות, כדי דער מענטש זאָל ניט זאָגן: דאָס אַלץ האָב איך דערגרייכט מיט מיין אייגענער בריהשקייט.

איז דעריבער ניט שווער צו פאַרשטיין די רעליגיעזע שטימונגען גראָד צווישן אַ צאָל ערנסטע דענקער אין אונדזער צייט. מיר באַגעגענען זיך דאָ מיט דעם פּרוּוו צו באקעמפן די עבודה זרה פון אינדיווידועלער און קאָלעקטיווער גאווה, וואָס האָט געפונען איר שוידערלעכסטן אויסדרוק אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. די פּאַטאָלאָגישע גאווה פון דעם פירער אַדאָלף היטלער האָט זיך דאָ פאַראייניקט מיט דעם ווילדן דייטשן נאַציאָנאַליזם.

אויף פאַרשיידענע וועגן האָבן מענטשן פון אַלע צייטן געפּרובירט אויסטייטשן זייערע רעליגיעזע געפילן, זייער באַגעגענעש מיט דער אייביקייט. דער ערשטער וועג איז דער פילאָזאָפיש־פּאָעטישער: די קלאַסישע פאָרמולירונג געפינען מיר שוין אין תהלים: „השמים מספרים כבוד אלק׳" (די הימלען דערציילן גאָטס כבוד). עס איז די וואונדערלעכע האַרמאָניע פון דער וועלט, וואָס באַווייזט אונדז אַז ס׳איז דאָ אַ באַשעפער. אויך צווישן אַ צאָל מאָדערנע פיזיקער באַגעגענען מיר אַט די רעליגיעזע שטימונג.

דער צווייטער וועג איז דער עטישער. דאָ ווערט דער ענין אַ ביסל קאָמפּליצירטער. מיר באַוואונדערן די האַרמאָניע פון דער וועלט, און דער סאַמע גרעסטער וואונדער איז — די לעבעדיקע און די שכלדיקע וועלט. אָבער דאָ קומען מיר צו אַ גרענעץ: מיר פאַרשטייען ניט די געוואַלדיקע פאַרשווענדונג און די געוואַלדיקע גרויזאַמקייט אין דער לעבעדיקער וועלט. דער קאַמף פאַרן לעבן איז פול מיט ברוטאַליטעט, מיט שוידערלעכעליידן. עס איז שווער שלום צו מאַכן מיט דער גרויזאַמערווירקלעכקייט. האָבן טיפע רעליגיעזע טרוימער פון אַלע צייטן דערפאַר געחלומט וועגן אַ משיחישער וועלט וואָס דאַרף קומען. און אונדזערע יידישע מיסטיקער האָבן גערעדט וועגן דער וועלט פון תיקון, דער מענטש דאַרף דורך זיינע מעשים אויסבעסערן די וועלט, דאָס קען דער מענטש דערגרייכן דורך זיין שותפות מיט גאָט.

עס איז דעריבער ניט די מאָראַלישע ווירקלעכקייט, נאָר אונדזער מאָראַלישער אידעאַל וואָס ברענגט אונדז אויפן שוועל פון אַ רעליגיעזער וועלט־באַטראַכטונג.

און דערמיט קומען מיר צום דריטן וועג. דאָס איז דער רעליגיעז־מיסטישער וועג. דער רעליגיעז־מיסטישער דרך זאָגט אונדז, אַז מענטש און גאָט באַגעגענען זיך כסדר. דאָס גאַנצע לעבן איז אַ דיאַלאָג צווישן דעם מענטשן און דער אומענד־לעכקייט, דעם איין סוף. דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע דער מענטשלעכער געשיכטע. אונדזער באַגעגענעש מיט דער געטלעכקייט איז ניט קיין לאָגישע, נאָר אַ מעטאַפיזישע. פאַרן שכל איז דער באַשעפער אַ פאַרבאָרגענער גאָט, ווי דער נביא ישעיה האָט עס געזאָגט (אכן אתה אל מסתתר). און דאָך באַווייזט זיך גאָט צו אונדז אויף אַנדערע אופנים און דער דיאַלאָג צווישן מענטש און אין סוף ווערט כסדר געפירט.

די יידישע טראַדיציע האַלט, ווי מיר ווייסן, פון כלל, אַז "מלא כל הארץ כבודו", די גאַנצע וועלט איז פול מיט געטלעכקייט. די אידעע פון "מלא כל הארץ כבודו" פאַרנעמט גאָר אַ באַזונדערן פּלאַץ אין דער פילאָזאָפיע פון חסידות. און פונדעסטוועגן האָבן יידן תמיד געהאַלטן גאָר אַ סך פון דער הייליקייט פון באַשטימטע פּלעצער. יידן פון דער גאַנצער וועלט פלעגן עולה זיין קיין ירושלים, ווייל דאָרט איז געווען דער בית המקדש. אין ירושלים איז מער קדושה. דאָ פילט מען די קדושה. אַ חסידישער דענקער האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז ווען די חסידים פלעגן זיך צונויפזאַמלען ביים רבין, פלעגט מען ממש שעפּן קדושה מיט עמערס.

מיט אַ ציבור קענען מיר שטאַרקער איבערלעבן קדושה ווי ביחידות. דאָ האָבן מיר די אידעע פון קדושה, די באַגעגענעש פון אַ גאַנצער עדה מיט דער געטלעכקייט.

און דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע דעם הייליקן טאָג, בנוגע שבת. עס איז די באַגעגענעש צווישן גאָט און מענטש אונטערן צייכן פון שבתדיקייט.

די אידעע פון קדושה פאַרנעמט אַ צענטראַלן פּלאַץ אין דער רעליגיעז־פילאָזאָפישער ליטעראַטור פון אונדזער צייט. און עס איז מערקווע־דיק, וואָס גראָד אַ צאָל רעליגיעז־סאָציאַליסטישע דענקער האָבן זיך באַזונדערס פאַרטיפט אין אָט די רעליגיעז־מעטאַפיזישע פּראָבלעמען.

דערמיט איז ניט געזאָגט, אַז מיר דאַרפן לאָזן איינגאַנצן אָן אַ זייט די ריין פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען. די מאָדערנע וויסנשאַפט לאָזט בפירוש מערער פּלאַץ פאַר אַ רעליגיעז־פילאָזאָפישער אויסטייטשונג פון די רעטענישן פון דער וועלט. סיי די מאָדערנע פיזיק, סיי די מאָדערנע ביאָלאָגיע און סיי אונדזער היינטיקע פּסיכאָלאָגיע, זיינען אַ סך ווייניקער רעזערווירט בנוגע רעליגיעזע אויסטייטשונגען ווי עס איז געווען דער פאַל מיט אַ דור צוריק. עס וואָלט אָבער געווען איינגאַנצן נאַיוו צו זאָגן, אַז די וויסנשאַפט האָט באַוויזן די ריכטיקייט פון אונדזערע אָנגענומענע רעליגיעזע אמתן.

דער שליסל צו דער רעליגיעזער וועלט איז דאָס געפיל פון קדושה, דאָס געפיל פון הייליקייט. און דאָ קומען מיר צו אונדזער אייגנטלעכער טעמע: אויף די וועגן פון יידיש און יידישקייט. רעליגיעזע קדושה באַווייזט זיך צו אונדז אין פאַרשיידענע געשטאַלטן. גאָר אָפט ווערט רעליגיעזע קדושה רעפּרעזענטירט דורך

מענטשן. און אַלע מענטשן, אַריינגערעכנט רעליגיעזע פירער, זיינען באַלאָדן מיט חסרונות, מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן. פאַראַן גאווה צווישן רעליגיעזע פירער, פאַראַן קנאה־שנאה און פאַראַן גאָר אָפט דער יוצר הרע פון מאַכט, אַט דאָס וואָס מיר רופן קלעריקאַליזם. די מורא פאַרן קלעריקאַליזם פאַרטרייבט אונדז אָפט צו ווייט. די פאַרטייאישע פובליציסטיק האָט כסדר געזען פאַר זיך די ״פינצטערע״ כוחות פון יידישן קלעריקאַליזם און מען האָט דערביי געוואַלדיק איבערגעטריבן. אַנקעגן דעם האָבן אונדזערע בעסטע קינסטלער געזען די קדושה פון יידישקייט. און א געפיל פון ווייטאָג און בענקענעש האָט זיי אַרומגענומען, ווען זיי האָבן געזען ווי אַט די קדושה גייט אַוועק. עס איז ניט אינגאַנצן ריכטיק ווען מען זאָגט ביי אונדז, אַז די רעליגיעזע שטימונגען אין דער יידישער ליטעראַטור זיינען אַ רעזולטאַט פון אונדזער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע. דאָס איז ניט מער ווי אַ האַלבער אמת. מיר ווייסן אַלע פון דער חסידות ראָמאַנטיק אין די שריפטן פון הלל צייטלין און י.ל. פרץ. געגנוג ווייטער צו דערמאָנען אַזעלכע לידער ווי ״געשטאָרבן דער לעצטער בעל תפילה״ און ״מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול״ (1910), געשריבן פון דעם דעמאָלט נאָך גאָר יונגן דיכטער דוד איינהאָרן:

מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול

— — — — — — — — — — — — —

מיין קינד!

— — — — — — — — — — — — —

די שול דאַרף ניט קיין עולם פון טויזנטער מענטשן —
פון אייביק אַן היטן יחידים איר פּראַכט.
זי וועט ווי אַ מאַמע אונדז טולען און בענטשן

— — — — — — — — — — — — —

מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול.

דער דיכטער קען בשום אופן ניט שלום מאַכן מיט דער וואַכעדיקייט. ער פרעדיקט ניט, ער רופט ניט צו פרומקייט. ער באַשליסט אָבער פאַר זיך ווידער אָנצוצינדן דעם פאַרלאָשענעם נר תמיד. ״און שחרית, און מנחה און מעריב פאַר אַלע דאָן וועלן מיר דאַוונען און בעטן אַליין״. אַט די ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן מיט איבער פופציק יאָר צוריק. און זינט יענער צייט האָבן נאָך אַנדערע יידישע קינסטלער דערפילט זייער שליחות. זיי האָבן אונדז דערציילט וועגן יידישער קדושה, וועגן דער שכינה פון פאָלק וואָס האָט אונדז פאַרלאָזן.

יידישע הייליקייט און יידישע אייביקייט

דער טויט פון א גרויסער פערזענלעכקייט ווייזט אונדז מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט דעם טראַגישן כאַראַקטער פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. מיר

באַוווּנדערן די גרויסקייט פֿון דעם מענטשן: זיין פֿאַנטאַזיע, זיינע האָפֿענונגען, זיינע מעגלעכקייטן, זיינע אַמביציעס. דער מענטש קען אַזוי פֿיל שאַפֿן, אַזוי פֿיל אויפֿטאָן. מיר זעען ממש דאָס געטלעכע אין דעם מענטשן. און אין דער זעלביקער צייט ווערן מיר דערדריקט פֿון דעם געפֿיל פֿון דער מענטשלעכער הילפֿלאָזיקייט און נישטיקייט. אַ טראַגישער צופֿאַל קען מיט אַ מאָל אויסלעשן אַ לעבן פֿול מיט אַזוי פֿיל מעגלעכקייטן און האָפֿענונגען.

פֿאַראַן אַ יידישער צוגאַנג צום לעבן און אַ יידישער צוגאַנג צו דעם טראַגישן סוף פֿון מענטשלעכן לעבן, צו דער מיסטעריע פֿון טויט. דער יידיש דענקענדיקער זעט אין דער טראַגישער עקזיסטענץ פֿון דער גרויסער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט די טיפֿע טראַגעדיע פֿון יעדן מענטשן, פֿון יעדן איינצלנעם, ווייל אין תוך איז איטלעכער מענטש אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, אַ גאַנצע וועלט.

וואָס קען אַ מענטש טאָן ווען ער שטייט אין אָנגעזיכט פֿון דער מיסטעריע פֿון טויט? אָרעם איז די מענטשלעכע שפּראַך, ווען עס קומט אונדז אויס איבער־צוגעבן איבערלעבונגען פֿון אומענדלעכן טרויער און ווייטאָג. מיר האָבן ניט מער קיין ווערטער און מיר זוכן אַ פּאַסיקן אויסדרוק אין צערעמאָניעס, אין ריטואַל, אין אַ פּסוק פֿון אַ תּפֿילה. מיר האָבן ניט געפֿונען קיין פּראַקטישע, קיין שכלדיקע פֿאָרמולירונגען. זוכן מיר מער פּאָעטישע, ריין אינטואיטיווע, איך וואָלט אפֿילו געזאָגט, איבער־שכלדיקע, איבער־מענטשלעכע, אייביקע און הייליקע פֿאָרמען און אויסדרוקן.

די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, די מענטשלעכע עקזיסטענץ איז אין תוך אַ איבער־שכלדיקע, א געטלעך־הייליקע קאַטעגאָריע. דאָס איז דאָך דער זין פֿון דער יידישער אידעע, אַז דער מענטש איז באַשאַפֿן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. איז דערפֿאַר פֿאַרשטענדלעך דער יידישער צוגאַנג, אַז עס איז אונדזער חוב אָפּצוגעבן כּבֿוד אפֿילו דעם אָרעמסטן מענטשן. איינע פֿון די הייליקסטע מיצוות איז ביי אונדז צו ברענגען צו זיין לעצטער רו אַן עלנטן מענטשן וואָס האָט ניט קיין קרובֿים, וואָס זאָלן אים באַזאָרגן זיין רעכט. מיר האָבן דערפֿאַר געשאַפֿן דעם אויסדרוק פֿון מת מיצווה. מיר דאַרפֿן אָפּהיטן דעם כּבֿוד פֿון דעם סאַמע עלנדסטן, ער זאָל ניט ליגן פֿאַריתומט, עס זאָל ניט קומען צו אַ בזיון פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. וואָרים בזיון המת געהערט צו די גרעסטע עבֿרות.

אין אונדזערע יידישע שטעט און שטעטלעך זיינען דערפֿאַר תּמיד געווען חבֿרות וואָס האָבן אויף זיך גענומען די מיצווה פֿון הלוית המת, באַגלייטן דעם פֿאַרשטאָרבענעם אויף זיין לעצטן וועג. עס איז געווען געוויינטלעך אָנגענומען צו שיקן פֿאַר דעם צוועק א מנין יידן כּדי מען זאָל קענען זאָגן קדיש ביים קבֿר.

מיר טראַכטן אָפֿט, אַז דאָס זיינען אַלץ קלייניקייטן. און מיר פֿרעגן: זיינען די אַלע צערעמאָניעס וויכטיק, איז דער גאַנצער ריטואַל וויכטיק? איך האָב דערויף בלויז איין ענטפֿער. אויב מיר גלויבן, אַז דער מענטש איז הייליק, אַז איטלעכער מענטש איז אַ גאַנצע וועלט, זיינען געוויס די צערעמאָניעס וויכטיק, ווייל דער סאַמע פּשוטסטער מענטש האָט אין זיך אַ פֿונק פֿון געטלעכקייט, ווייל

מיטן טויט פון דעם סאַמע פּשוטסטן מענטשן גייט פון אונדז אוועק אַ וועלט מיט זוכענעשן און ראַנגלענעשן, אַ וועלט מיט שטרויכלונגען און דערגרייכונגען, אַ וועלט מיט האָפענונגען און אַנטוישונגען. עס איז גאָר ניט דאָ אַזאַ זאַך ווי קליינע מענטשעלעך, מיר זיינען אַלע מענטשן, קינדער פון איין טאַטן, איין גאָט האָט אונדז באַשאַפן.

*

יידישקייט איז אַ וועג פון לעבן. אָבער אויך אַ וועג פון אייביקייט, אַ וועג פון גייסטיקער ירושה, אַ וועג פון המשך פאַר דורות און דורות. אָבער אין דער ערשטער שורה איז יידישקייט אַ וועג פון הייליקן דאָס לעבן. קולטור באַשטייט ניט נאָר פון אַנטדעקונגען און דערפינדונגען. ניט נאָר פון גרויסע אַטנדעקונגען אויפן פעלד פון וויסנשאַפט און ליטעראַטור, קונסט און פילאָזאָפיע. קולטור איז קודם כל פאַרבונדן מיט מאָראַל, מיט קדושה, מיט דער באַציונג צום מיטמענטשן, צום חבר. רעספּעקט פאַרן מענטשן, רעספּעקט פאַר דער הייליקייט פון מענטשלעך לעבן — דאָס איז דער סימן פון קולטור.

אין אונדזער וואָכעדיקער צייט האָבן מיר אינגאַנצן פאַרגעסן די באַדייטונג פון קדושה.

אין די לעצטע וואָכן איז מיר אויסגעקומען אַ סך צו טראַכטן וועגן אייביקייט. פאַראַן מאָמענטן אין מענטשלעך לעבן, ווען דער גורל שטעלט אונדז אַוועק פאַר אָט דער טראַגישער פראַגע. עס גייט אַוועק אין דער אייביקייט אַ נאָענטער מענטש און עס ווערט אָפּגעריסן אַ טייל פון אונדזער פערזענלעכן לעבן. מען לעבט דאָך ניט אַליין. מען טיילט זיך כסדר מיט נאָענטע און פריינד אין צייטן פון פרייד און אין צייטן פון צער. איז עס אוממעגלעך שלום צו מאַכן מיט דעם טראַגישן און ברוטאַלן פאַקט אַז דער נאָענטער מענטש איז ניט מער מיט אונדז.

מיר זיינען אינגאַנצן הילפלאָז ווען מיר באַגעגענען זיך מיטן גרויזאַמען מענטשלעכן גורל. דער איינצעלנער פילט זיך פאַרלוירן. זוכן מיר אָן אָנהאַלט אין אַזעלכע שווערע טעג און וואָכן אין דער יידישער אייביקייט. מיר קאָנען ניט און מיר טאָרן ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַלץ וואָס עס פאַרבלייבט פון דעם אַוועקגעגאַנגענעם זיינען ניט מער ווי די קערפּערלעכע רעשטלעך.

עס איז מענטשלעך און פאַרשטענדלעך, אַז מען ווערט באַהערשט פון מיסטישע שטימונגען, ווען מען באַגעגנט זיך פּנים אל פּנים מיט דער אייביקייט. אַלע אונדזערע פּראַקטישע און רעאַליסטישע חשבונות פאַרלירן זייער זין. מיר פילן די פליכט, די רעליגיעזע פליכט, אָפּצוגעבן כבוד דעם נאָענטן מענטשן, וואָס איז פון אונדז אוועקגעגאַנגען. און דאָ איז אין תוך ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן פרומע און ניט־פרומע, צווישן גלויביקע און ניט־גלויביקע. אַלע ווערן מיר באַהערשט פון רעליגיעזע געפילן, ווען מיר שטייען פאַר דער אייביקייט, ווען מיר שטייען פאַרן גרויסן סוד פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. דער גלויביקער זאָגט אַ תפילה, דער ניט־פרומער זאָגט אַ פּאָר ווערטער. און אויב עס זיינען די

פּאַסיקע ווערטער, איז עס אויך אַ תּפילה. וואָרים וואָס קענען מיר דעם אַנדערש זאָגן אין שעהען פון טיפסטן צער?

דער באַזונדערער זין פון דער רעליגיעזער טראַדיציע באַשטייט דערין, וואָס זי מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן מענטש און מענטש. די זעלביקע תּפילה, דאָס זעלביקע קאַפּיטל תהילים, דאָס זעלביקע זאָגן קדיש פאַר גרויסע מענטשן און פאַר פּשוטע פּאַלקסמענטשן. מיר גיבן אָפּ כבוד דעם מענטשן, ווייל איטלעכער מענטש איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פּאַרעם און אין זיין געשטאַלט.

די רעליגיעזע טראַדיציע גיט אונדז די מעגלעכקייט אָפּצוהיטן אונדזער מענטשלעכקייט אין אַזעלכע טראַגישע מאָמענטן. פאַראַן אַן אַ שיעור מענטשלעכ־קייט, טיפע מענטשלעכקייט, אין די אַלטע יידישע מינהגים: אַ מנין יידן, אַ קאַפּיטל תהילים, קדיש. אַזוי ווערט די קדושה פון דער אייביקייט פאַרבונדן מיט דער קדושה פון לעבן.

האָט עס אַ זין איינצופירן נייע מינהגים? איך זע ניט קיין שום נייטיקייט דערין. אַ סך פון אונדז היטן אָפּ אַ געוויסן מאָדערנעם ריטואַל, ווען עס האַנדלט זיך וועגן פּאַרטיי מענטשן אָדער באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן, ווי שרייבער, פּאָליטישע פירער א.אַז.וו. מיר היטן אָפּ די יאָרצייטן פון אָנגעזעענע פּערזענלעכ־קייטן. אָבער פאַרן פּשוטן מענטשן האָבן מיר ניט געפונען קיין מאָדערנעם ריטואַל און מיר קענען אַזאַ ריטואַל ניט געפינען און ניט שאַפן. דאָ האָבן מיר איין און איינציקן וועג — דאָס איז דער וועג פון דער יידישער טראַדיציע, דער וועג פון יידישער קדושה, וואָס פאַראייניקט די דורות, וואָס פאַרבינדט דעם כלל ישראל.

איך שרייב די ווערטער ניט נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין פּערזענלעכן פאַרלוסט, מיטן אַוועקגיין פון מיין איינציקן ברודער. ווען אַ מענטש גייט אַוועק, ווערן קודם כל געטראָפן די נאָענטסטע. אָבער דאָס אַוועקגיין פון יעדן איינצלנעם איז אַ פאַרלוסט פאַרן גאַנצן כלל. דערפאַר פאַרשטייען מיר די מיצווה פון באַגלייטן דעם פאַרשטאָרבענעם, דער כלל ווערט אַ שותף צום טרויער, דערפאַר זוכן מיר וועגן ווי אָפּצוהיטן דעם אָנדענק פון אַ פאַרשטאָרבענעם בציבור, אין בית מדרש. אָפּגעבן כבוד אַ מענטשן ביים לעבן און אויף זיין לעצטן וועג, איז אַ עיקרדיקער טייל פון אונדזער מענטשלעכער קולטור.

*

דער קדוש שמואל מרדכי זיגלבוים (אַרטור) איז דאָ איצט געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו. מיר ווייסן, ווי טראַגיש אַרטור זיגעלבוים האָט פאַרענדיקט זיין לעבן. דאָס איז געווען אין יענע שוידערלעכע יאָרן ווען אונדזערע ברידער און שוועסטער זיינען אומגעקומען אין די גאַז־אויוונס. אַרטור זיגעלבוים האָט מער ניט געקענט לעבן. ער האָט געוואָלט גלויבן, אַז זיין פרייוויליקער טויט וועט אפשר העלפן אויפרודערן דאָס געוויסן פון דער וועלט. די גרויסע וועלט איז ליידער ניט אויפגערודערט געוואָרן. אָבער אין אונדזער יידישער אייביקייט וועט דער קדוש שמואל מרדכי זיגלבוים פאַרנעמען אַ פּלאַץ צווישן די גרויסע קדושים פון אונדזער פאָלק, צווישן די קדושים פון דער צייט פון די חשמונאים, צווישן

די קדושים פון דער צייט פון ר׳ עקיבא, צווישן די קדושים פון אַלע צייטן. אין טאָג־טעגלעכן לעבן קומט אונדז גאָר אָפט אויס צו קעמפן איינער געגן דעם אַנדערן. אָבער גאָר אַנדערש מוז זיין אונדזער צוגאַנג ווען מיר טראַכטן וועגן דער יידישער אייביקייט. אין די געטאָס און אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן זיינען אָפּגעווישט געוואָרן אַ סך אונטערשיידן. עס זיינען אומגעקומען ווי קדושים פרומע און ניט פרומע, ציוניסטן און ניט ציוניסטן, סאָציאַליסטן און ניט סאָציאַליסטן. דאָ זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע גרענעצן, אַלע מחיצות צווישן ייד און ייד. אין דער יידישער אייביקייט זיינען אַלע גלייכע שותפים. אין דער געשיכטע געהערן מיר אַלע צום כלל ישראל.

אין תנ״ך ווערט לפי ערך ווייניק געזאָגט וועגן דעם ריטואַל פון אבלות, וועגן די מינהגים פון טרויער. טיילווייז האָבן די נביאים אָפּילו באַקעמפט די איבערגעטריבענע צערעמאָניעס פון טרויער. דערפאַר ווערט אָבער אין תנ״ך באַזונדערס ארויסגעבראַכט דער געדאַנק וועגן אָפּהיטן די צוואה פון די אַוועק־געגאַנגענע. אַזוי ווערט וועגן אברהם אבינו געזאָגט אין חומש, אַז ער וועט פאַרזאָגן זיינע קינדער זיי זאָלן אָפּהיטן גאָטס וועג, זיי זאָלן טאָן רעכט און גערעכטיקייט (למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט). ווייטער ווערט אונדז דערציילט ווי יעקב אבינו האָט צונויפגערופן זיינע קינדער, ווען זיינע לעצטע טעג האָבן זיך דערנענטערט, און ער האָט זיי געגעבן זיינע ברכות. און אויך משה רבינו האָט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן זיך געזעגנט מיטן גאַנצן פאָלק. דאָס זעלביקע לייענען מיר וועגן יהושע. יידיש־קייט איז די פאַרווירקלעכונג פון אַ גרויסער צוואה. עס איז די צוואה פון די גרויסע לערער און וועגווייזער, די צוואה פון פאַרגאַנגענע דורות, די צוואה פון קדושים. און ווען מיר היטן אָפּ אָט די צוואה, באַהעפטן מיר זיך מיט אַלע דורות פון דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, באַהעפטן מיר זיך מיטן כלל ישראל. יידיש לעבן איז פול מיט קידוש השם, אויב מיר האָבן דעם כוח צו לעבן ווי יידן.

דאָס איז מיסטיק. לאָמיר זיך ניט שרעקן פאַרן וואָרט מיסטיק. אונדזער גאַנצע פראַקטישע חכמה איז ווייניק וואָס ווערט, ווען מיר שטייען פאַר דער אייביקייט, פאַר דער הייליקער אייביקייט. מיר מוזן פאַרשטיין, אַז אויך יידישע קולטור איז מיסטיק. עס איז דער וועג פון פאַרבינדן די הייליקייט פון דער אייביקייט מיט דער הייליקייט פון צייט. קדושה און קידוש השם געהערן צוזאַמען. דאָס איז דער סוד פון קדיש, פון דער הייליקער משיחישער תפילה, וואָס אַ פאָלק אין הייליקער בענקעניש האָט געשאַפן. דער וועג פון יידישער הייליקייט איז דער וועג צו יידישער אייביקייט, צו יידישער שותפות וואָס נעמט אריין יעדן יחיד אין דעם הייליקן כלל ישראל.

*

וואָס זוכט דער מענטש, וואָס וויל דער מענטש ? מענטשלעכע אומצופרידנ־קייט איז אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, און מיר באַגעגענען אָט די אומצופרידנ־קייט אין אַלע קרייזן פון די סאַמע נידעריקסטע ביז די סאַמע העכסטע. אין צייטן

פון גרויסער נויט זייַנען אונדזערע אַמביציעס און באַגערן שטאַרק באַגרענעצט. קלעטערן מיר אַרויף אַ פּאָר שטאַפּלען העכער אויפן סאָציאַלן לייטער, דאַן זעען מיר זיך אַרום, אַז ברויט און ליבע איז נאָך ניט אַלץ. מען הויבט אָן צו טראַכטן וועגן געפינען אַ זין אין לעבן, וועגן דעם העכערן תכלית פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. עס באַווייזט זיך די מעטאַפיזישע נויט. און אַט די דורך און מענטשלעכע אַמביציע קומט צום אויסדרוק ניט נאָר אין אונדזערע חלומות און פאַנטאַזיעס, נאָר אויך אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן. אין דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור פאַרנעמט מען זיך לעצטנס לפי ערך מער מיט אַט דעם קאָמפּלעקס פון מענטשלעכע פּראָבלעמען.

מיט קנאַפּע אַכט יאָר צוריק איז פון אונדז אַוועק דער באַקאַנטער סאָציאַליס־טישער דענקער און געלערנטער ליבמאַן הערש. זייַן בוך "אויף דער גרענעץ פון צייטן", וואָס איז אַרויס אין 1952, איז, לויט מייַן מיינונג, דער אָריגינעלסטער פּרווו צו פאָרמולירן אַ פּראָגראַם פון אַ יידישן סאָציאַליזם פאַר די תפוצות, פאַרן יידישן וועלט־פאָלק. פּראָפעסאָר ליבמאַן הערש האָט די פּראָבלעם ווייט ניט פאַרענטפערט. אָבער מיר האָבן דאָ גאָר אַן ערנסטן אָנהויב.

מען וואָלט אוודאי געקענט טראַכטן, אַז ליבמאַן הערש האָט ניט געהאַט קיין גרונד צו זייַן אומצופרידן. ער האָט פאַרנומען אַ חשובע פּאָזיציע אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. זייַנע גרינדלעכע פאָרשונגען אויפן פעלד פון סטאַטיס־טיק האָבן אים פאַרשאַפט אַ גרויסן נאָמען. ליבמאַן הערש האָט אויך באַוויזן צו באַרייכערן אונדזער וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אין יידיש. ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן, צו זייַן אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג. זייַנען מיר אַלע געווען איבעראַשט ווען מיר זייַנען געוווּיר געוואָרן וועגן זייַן לעצטן ווילן. אין זייַן צוואה האָט פּראָפעסאָר הערש אָנגעזאָגט, אַז אויף זייַן מצבה זאָל זייַן די אויפשריפט אין העברעיש:

"פה ינוח פסח־ליבמאַן בן מאיר־דוד הערש, שבחייו לא מצא דרכו".
אין יידיש הייסט עס: "דאָ טוט רוען פסח ליבמאַן דער זון פון
מאיר־דוד הערש, וואָס האָט בעת זייַן לעבן ניט געפונען זייַן וועג".

עס וואָלט, נאַטירלעך, געווען דער גרעסטער טעות צו טראַכטן, אַז ליבמאַן הערש איז געווען אַנטוישט אין שייכות מיט זייַן וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט אָדער מיט זייַן פּאָליטישער אַרבעט. מיר ווייסן גאַנץ גענוי, אַז דאָס איז ניט ריכטיק. עס איז אָבער קלאָר, אַז ער האָט געזוכט מער, אַז ער האָט זיך געשטעלט ברייטערע אויפגאַבן, און אַז ער האָט פאַרענדיקט זייַן לעבן מיט אַ געפיל — אַז זייַן וועג האָט ער ניט געפונען, אין זייַנע מעטאַפיזישע זוכענעשן האָט ער ניט געפונען זייַן וועג.

און ליבמאַן הערש איז אין דעם פּרט זיכער ניט געווען קיין אויסנאַם. עס איז ניט אַזוי גרינג פאַר אַ מענטשן צו געפינען זייַן וועג אין לעבן.

ליבמאַן הערש איז געווען דורך און דורך אַן ערלעכע און אויפריכטיקע פּערזענלעכקייט. ער איז געווען אַ גרינדלעכער געלערנטער און אַ דענקער פון

אַ באַדייטנדיקן פאָרמאַט. איז ממילא ניטאָ דער מינדסטער ספק, אַז זיין לעצטער ווילן איז דער אויסדרוק פון גאָר טיפע און דויערנדיקע איבערלעבונגען. ליבמאַן הערש האָט זיין וועג אין לעבן ניט געפונען. און ער האָט ניט געקענט אוועקגיין דוּיק פון דער וועלט, מיטנעמען זיין סוד מיט זיך. ער האָט אימיצן געמוזט זאָגן, האָט ער געזאָגט פאַר דער אייביקייט. און ער האָט עס געזאָגט אין העברעיש. קיין לאָגיק איז דאָ אפשר ניטאָ. דאָס איז ריינע מיסטיק, אָבער דאָס איז די מיסטיק פון דער מענטשלעכער נאַטור.

און עס איז אויך ניטאָ קיין גרונד זיך צו וווּנדערן, וואָס אַזאַ אָנגעזעענער בונדיסט און יידישיסט האָט בפירוש אָנגעזאָגט, אַז די אויפשריפט אויף זיין מצבה זאָל זיין אין העברעיש. ווען מען רעדט צו דער אייביקייט, באַנוצט מען דעם לשון פון דער יידישער אייביקייט.

איז ליבמאַן הערש געווען אַ רעליגיעזער מענטש? עס איז זייער שווער דערויף צו געבן אַן ענטפער. אין אַ קליינער שריפט אונטערן טיטל ״מיין יידישקייט״ (געווען געדרוקט אין פראַנצויזיש און אין יידיש) האָט ער אונדז געפּרוּבירט געבן זיין פילאָזאָפישן צוגאַנג צו יידישקייט. איך קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז ליבמאַן הערש איז ניט געווען פריי פון רעליגיעזע שטימונגען, אַז ער איז ניט געווען פריי פון א רעליגיעז־מיסטישן צוגאַנג צו די אייביקע פּראָבלעמען פון ייד און וועלט. און אין זיין בוך ״אויף דער גרענעץ פון צייטן״ באַגעגענען מיר די באַמערקונג, אז מען קען געפינען ״אין אונדזער נאַציאָנאַלער, און טאַקע אויך רעליגיעזער ירושה, אַזעלכע גרויסע קולטורעלע אוצרות, אזעלכע טיף מענטשלעכע קוואַלן און אזעלכע הויכע סאָציאַלע אידעאַלן, וואָס מיט זיי קען אונדזער פאָלק לעבן און שאַפן נייע קולטורעלע ווערטן אַזוי לאַנג, ווי עס וועלן מיט זייערע נאַציאָנאַלע קולטורן לעבן פעלקער אויף דער וועלט״. לאָמיר זיך נאָר קורץ באַקענען מיט אַ צווייטן יידישן געלערנטן, וואָס האָט אונדז אויך דערציילט וועגן זיינע מעטאַפיזישע זוכענישן.

אַ געלערנטער און דענקער ווי איינשטיין האָט פאַרשטאַנען דעם טיפערן זין פון אונדזערע מיסטישע זוכענישן און אונדזער מעטאַפיזישער אומרויקייט. אין אַ צאָל עסייען באַהאַנדלט איינשטיין אויך די פּראָבלעמען פון רעליגיע. ער ברענגט באַזונדערס ארויס די שטאַרקע רעליגיעזע אימפּולסן, וועלכע שטויסן דעם פאַרשער זיך צו פאַרטיפן אין די סודות פון דער נאַטור. אין דעם זין, ערקלערט ער, איז יעדער גרויסער פאַרשער אַ רעליגיעזער מענטש. גאָר באַזונדערס באַטאָנט איינשטיין די באַדייטונג פון דעם קאָסמישן רעליגיעזן געפיל. פאַר אַ דענקער ווי איינשטיין, ווי מיר זעען, איז רעליגיע דער עיקר געווען פאַרבונדן מיט דעם קאָסמישן געפיל. דערפאַר זיינען פאַר אים די קאָנקרעטע פאָרמען פון רעליגיעזן לעבן געווען גאָר ווייניק וויכטיק. ער האָט ניט געהאלטן פון צערעמאָניעס און ריטואַל. און ער האָט אינגאַנצן ניט געהאַלטן פון אָרגאַניזירטער רעליגיע. אַקעגן דעם איז ליבמאַן הערש געווען מער פאַרבונדן מיט דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע. ליבמאַן הערש האָט גוט געקענט יידיש

לעבן און ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר די פּראָבלעמען פון דער יידישער געשיכטע. איך גלויב, אַז אין זיין לעצטן ווילן האָט פּראָפעסאָר הערש פאַר אונדז אַנטפּלעקט דעם סוד פון זיינע זוכענעשן. ליבמאַן הערש האָט געזוכט ניט נאָר אַ וועג פאַר זיך, ער האָט געזוכט אַ יידישן וועג, וואָס זאָל זיין דער וועג פאַר אים און דער וועג פאַרן גאַנצן פאָלק. גראָד נאָך די יאָרן פון חורבן האָט ער אַזוי שטאַרק איבערגעלעבט דעם פאַקט, וואָס ער האָט ניט געפונען אָט דעם יידישן וועג. ער האָט געזען אַ סך וועגן און שטעגן, אָבער ניט דעם ברייטן וועג, וואָס זאָל פאַראייניקן די צעריסענע טיילן פון אונדזער פאָלק אין איין ברודערלעכן כלל. וועגן דעם האָט פּראָפעסאָר הערש, אגב, געשריבן אין זיין בוך "אויף דער גרענעץ פון צייטן". ער איז געבליבן ביי דער גרענעץ און מיר אַלע שטייען נאָך "אויף דער גרענעץ פון צייטן".

אַלבערט איינשטיין האָט ריכטיק אָנגעוויזן אויף דער צענטראַלער באַדייטונג פון דעם קאָסמישן רעליגיעזן געפיל, ווען דער מענטש רייסט זיך אַרויס פון זיין געבונדנקייט, ווען ער גייט אַריבער די גרענעץ פון זיין אייגענעם איך און גיסט זיך צונויף מיט דער וועלט. וועגן דעם ענין האָט מען, אמת, אַ סך געשריבן. אָבער פאַר אונדז איז וויכטיק דער פאַקט, וואָס איינשטיין דערציילט אונדז וועגן זיין פערזענלעכער איבערלעבונג.

עס איז וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז די קאָסמישע בענקענעש איז אַ צענטראַלער מאָטיוו אין דער יידישער טראַדיציע. די תורה הויבט זיך אָן מיט דער באַשאַפונג פון דעם קאָסמאָס, מיט "בראשית ברא". דאָס איז זיכער ניט קיין צופאַל. די געשיכטע פון מעשה בראשית פאַרנעמט אַ צענטראַלן פּלאַץ אין דער יידישער פילאָזאָפיע און אונדזערע תפילות. דער גאָט פון ישראל איז דער באַשעפער פון דער וועלט.

אויך דער הייליקער טאָג שבת איז אַ דערמאָנונג אָן מעשה בראשית. דער טאָג פון אָפּרו איז אַ טאָג פון קאָסמישער אוניווערסאַלער פרייהייט. דער זיבעטער טאָג פאַרענדיקט די געשיכטע פון דעם באַשאַף.

די טעג פון פסח, ווידער, זיינען אַ דערמאָנונג און אפילו מער ווי אַ דערמאָנונג, אַ דראַמאַטישע איבערלעבונג פון דער געשיכטע פון יציאת מצרים. די פאַרבינדונג פון דעם יידישן מענטשן מיטן קאָסמאָס און מיט דער געשיכטע. דאָס איז דער זין פון די הייליקע טעג.

די טעג פון שבת און יום־טוב העלפן אונדז צו געפינען אַן ענטפער אויף די אייביקע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן לעבן. זיי העלפן אונדז צו זוכן דעם וועג. זיי העלפן אונדז צו פאַרשטיין דעם זין פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. די טעג פון שבת און יום־טוב באַפרייען דעם מענטשן טיילווייז פון זיין מאַטעריעלער געבונדנקייט, פון זיינע פערזענלעכע זאָרגן. ער ווערט אַ טייל פון דער וועלט און ער באַהעפט זיך מיט דער געשיכטע פון זיין פאָלק. געוויס, אויך די טעג פון שבת און יום־טוב קענען אונדז ניט געבן דעם פולן ענטפער אויף די פּראָבלעמען פון ייד און וועלט. אַזאַ פולער ענטפער איז גאָר אפשר ניטאָ.

אָבער אונדזערע אַפּט אַזוי הילפלאָזע זוכענעשן און בלאָדנזשענעשן זיינען אַ טייל פון דעם ענטפער. צופרידן וועלן מיר אוודאי ניט זיין. דעם וועג וועלן מיר אפשר קיינמאָל ניט געפינען. אָבער ניט געקוקט אויף דעם ברענגען אונדז די טעג פון יום־טוב די גרויסע פרייד פון זוכן געטלעכקייט און געפינען מענטשלעכקייט.

*

איז די געשיכטע פון אונדזער פאָלק ניט מער ווי אַ לאַנגע קייט פון צופעליקע עפּיזאָדן, פאַרפאָלגונגען און וואַנדערונגען, אָדער איז אפשר דאָ אַ טיפערער זין אין דעם פאַרלויף פון דער יידישער געשיכטע, אין דעם גאַנג פון אונדזער פאָלק דורך דער וועלט ?

אָט די פראַגע האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אונדזער צייט. מיר פירן אַן עקשנותדיקע מלחמה פאַר אונדזער עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק. וואָס איז דער זין פון אונדזער מלחמה פאַרן קיום ? איז דער יידישער ווילן צום לעבן ניט מער ווי א ביאָלאָגישער אינסטינקט ?

דער שרייבער פון די שורות גלויבט, אַז יידישקייט איז אַ סך מער ווי אַ ריין ביאָלאָגישער אינסטינקט. פאַראַן אַ זין אין דער יידישער געשיכטע. יידישקייט איז אַ גרויסע אידעע און יידישקייט איז נאָך ווייטער באַרופן צו ווערן אַ ליכט פאר דער וועלט. אָבער דאָס ליכט פון יידישקייט קען, חס ושלום, אויסגעלאָשן ווערן דורך די שטורעמדיקע קאַלטע ווינטן פון דער איצטיקער צייט. דערפון, דאָס געפיל פון מורא ביי דעם הייַנטיקן יידן.

איך געהער צו די אומרויקע יידן. איך האָב געפילט אָט די אומרויקייט נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. זינט דעם חורבן אין אייראָפּע איז מיין אומרויקייט געוואָרן גרעסער. פּרובירן מיר זיך נאָך מער פאַרטיפן אין דער יידישער געשיכטע. זוכן מיר הייַנט מיט אַ באַזונדערער ליידנשאַפט דעם סוד און דעם זין פון אונדזער קיום.

איז עס דען אַ ווונדער, ווען אַ יידישער סאָציאַליסט פילט זיך הייַנט צערודערט און פאַרלאָרן ? אין מיינע יונגע יאָרן, זיינען מיינע האָפנונגען געווען פאַרבונדן מיט רוסלאַנד און דייטשלאַנד, מיט דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. וואָס איז פאַר אונדז הייַנט דייטשלאַנד ? וואָס איז פאַר אונדז הייַנט רוסלאַנד ? זוך איך אַ וועג פון תשובה און איך גלויב, אַז אויף דעם אָדער יענעם אופן זוכן מיר אַלע אַ וועג פון תשובה.

איך טראַכט וועגן יידישקייט אין די ראַמען פון דער יידישער געשיכטע, פון יידישקייט אַמאָל און פון יידישקייט פאַר קומענדיקע דורות. דערפאַר איז מיין צוגאַנג אַן אַנדערער ווי דער צוגאַנג פון אַ צאָל פון מיינע פריינד, וועלכע טראַכטן מער אין פּאָליטישע קאַטעגאָריעס. דער היסטאָריקער קען ניט איגנאָרירן די פאַקטן פון דער יידישער געשיכטע. און אונדזער געשיכטע איז ניט נאָר די געשיכטע פון אַ פאָלק, נאָר דער עיקר — די געשיכטע פון אַ גרויסער רעליגיעזער אידעע.

עס איז ניט נאָר ראָמאַנטיק וואָס שטויסט אַ סך פון אונדז זיך אַריינצוטראַכטן אין דעם סוד פון דער יידישער געשיכטע. דאָ קומען אויך אַריין אין שפּיל ערנסטע פילאָזאָפישע און מאָראַלישע מאָטיוון. אויב די געשיכטע פון אונדזער פאָלק האָט אַ זין, דאַן האָט אונדזער דור אַ גרויסע און הייליקע שליחות.

רעליגיעזע זוכענעשן, רעליגיעזע ראָמאַנטיק, איז ניט נאָר אַ יידישע פּראָבלעם. און רעליגיעזע ראָמאַנטיק איז ניט סתם אַ פּראָבלעם פון בעל הביתישע מענטשן. אַ צאָל פון די אָריגינעלסטע סאָציאַליסטישע דענקער פון אונדזער צייט האָבן געזוכט אַן ענטפער אויף די פּראָבלעמען פון די איינצעלנע מענטשן אין אַ רעליגיעזער פילאָזאָפיע. לאָמיר דאָ דערמאָנען די נעמען פון ריינהאָלד ניעבור, פּאַול טיליך, מאַרטין בובער און קאָרל באַרט. פון וואַנען נעמט זיך ביי מענטשן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען אַ סאָציאַליסטישע שולע, אַזאַ טיפע בענקענעש נאָך אַ רעליגיעזער פילאָזאָפיע ?

דער ענטפער איז : דאָס לעבן פון דעם איינצעלנעם מענטשן איז אין אונדזער צייט געוואָרן הפקר. אפילו אין דער דעמאָקראַטישער וועלט ווענדן מיר די בליקן כסדר צו די מאַסן, צום קאָלעקטיוו און מיר פאַרגעסן דעם יחיד. מיר לעבן אין אַ וואָכעדיקער קולטור.

און דאָ קומט מיט אַ מאָל דער וועלטלעך דענקענדער מענטש און ווערט געשטעלט פאַרן סוד פון זיין און ניט־זיין. די פּראָבלעם פון טויט, פון ניט־זיין, איז דאָך אַ צענטראַלער מאָטיוו אין דער מאָדערנער עקזיסטענץ־פילאָזאָפיע, אויך ביי אַזעלכע וועלטלעכע דענקער ווי היידעגער און סאַרטר.

לאָמיר נעמען די באַציונג פון דער מלוכה צו דעם איינצעלנעם בירגער. אַזוי לאַנג ווי ער לעבט, איז ער אַ רעגיסטרירטער בירגער. פאַרענדיקט דער בירגער זיין לעבן, האָט ער אויפגעהערט צו עקזיסטירן פאַר דער מלוכה, סיידן ער איז געווען שולדיק שטייערן. געלעבט האָט אַ מענטש און איז מער ניטאָ. ווי אַ פּערזענלעכקייט מיט אַ נאָמען, מיט אַן אינדיווידועלער געשיכטע, האָט ער אויפגעהערט צו עקזיסטירן. געווען איז אַ מענטש און איז מער ניטאָ. פאַר דער רעליגיעזער וועלט אָבער האָט דער פאַרשטאָרבענער ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. ער איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. טוט מען אַלץ וואָס איז מעגלעך, כדי אים אָפּצוגעבן דעם געהעריקן כבוד אויף זיין לעצטן וועג. מען פּרובירט דערמאָנען דעם פאַרשטאָרבענעם ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. מען זאָגט קדיש, מען האַלט יאָרצייט, מען דערמאָנט אים צו יזכור. געווען אַ מענטש און ער איז נאָך דאָ מיט אונדז. מיר פאַרגעסן ניט זיין נאָמען. דאָס איז אויך דער צוגאַנג פון די יידישע ראָמאַנטיקער צו די דורות פון אַמאָל. געווען זיינען יידן און זיי זיינען נאָך דאָ מיט אונדז. און זייער אָנדענקען וועט פאַרבלייבן פאַר דורות און דורות. און אויך זייער קולטור־ירושה ווילן מיר אָפּהיטן, ווילן מיר איבערגעבן צו די דורות וואָס וועלן קומען. דאָס איז יידישקייט אויף דער גרענעץ פון אייביקייט.

אלטע און נייע יידישקייט

עס איז פֿאַראַן אַן אַלטע יידישע טראַדיציע: ווען משיח וועט קומען, וועלן יידן באַפֿרייט ווערן ניט נאָר פֿון די צרות פֿון גלות, פֿון שעבוד מלכיות, נאָר אויך פֿונעם יאָך פֿון יידישקייט: "מצוות בטלות לעתיד לבוא", אין משיחס צייטן וועלן יידן זיין פּטור פֿון מצוות. אַז דאָס איז ניט סתם קיין צופֿעליקער מאמר, באַווייזט די געשיכטע פֿון די משיחישע באַוועגונגען ביי יידן, ווו אַט דער מאָטיוו — באַפֿרייען דאָס פֿאָלק פֿונעם יאָך פֿון די מצוות, אַראָפּוואַרפֿן די שווערע משא, וואָס דורות טראַדיציע האָבן אויפֿן יידישן מענטשן אַרויפֿגעלייגט, האָט אָפֿט געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל. כמעט די גאַנצע משיחישע ליטעראַטור, פֿון קריסטנטום ביז צום פֿראַנקיזם, איז דורכגעאַר פֿול מיט די שאַרפֿסטע אָנפֿאַלן קעגן די פּרושים און בעלי־התלמוד, וואָס האָבן נאָך צו די מצוות פֿון דער תורה צוגעגעבן זייערע אייגענע פֿאַרבאָטן און געבאָטן. ניט אומזיסט האָבן מחמת דעם פֿרומע יידן תמיד געקוקט מיט גרויס חשד אויף יענע, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט אויסרעכענען דעם קץ און וואַרטן צו אומגעדולדיק אויף דער גאולה. די דערפֿאַרונג האָט זיי געלערנט, אַז די מייסטע פּרוּוון צו ברענגען די גאולה האָבן זיך סוף כל סוף פֿאַרענדיקט מיט אַפּיקורסות און שמד. עס איז פֿאַר די אָפּגענאַרטע און אַנטוישטע שטענדיק געווען אויסערגעוויינלעך שווער נאָך די גרויסע האָפֿנונגען און דערוואַרטונגען זיך ווידער איינצושפּאַנען אין דעם יאָך פֿון גלות און יידישקייט.

דאָס גאַנצע יידישע לעבן פֿון אונדזער תקופה ווערט באַהערשט פֿון גאולה־האָפֿענונגען און שטייט אונטערן צייכן פֿון משיחס צייטן. השכלה און אַסימילאַציע, ציוניזם און סאָציאַליזם, האָבן אַלע איין ציל: מאַכן אַ סוף צום גלות, עפֿענען די טויערן פֿון געטאָ און באַפֿרייען דאָס יידישע פֿאָלק ניט נאָר פֿון שעבוד מלכיות, נאָר אויך פֿון דעם יאָך פֿון דער טראַדיציע. די מרידה קעגן "גלות" איז געווענדט מער כלפּי פּנים ווי כלפּי חוץ און, אויף וויפֿיל מען האָט נאָך גערעדט וועגן יידישקייט, האָט מען געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו באַטאָנען, אַז דאָס מיינט מען "וועלטלעכע" יידישקייט. אין דעם פּרט איז אייגנטלעך ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן יידישיסטן און העברעיסטן, ציוניסטן און סאָציאַליסטן. דער גרויסער העברעישער דיכטער טשערניכאָווסקי זינגט לידער צו די אַלטע געטער פֿון כנען, צו דער עשתרת, צום בעל און צו דער אשרה. "טאָל פֿון יזרעאל, טאָל פֿון פֿאַרצייטנס — קלאָגט ביי אים דער נביא פֿון דער אשרה ("חזון נביא האשרה")

— ווען גאָט איז אויף דיר געוואָרן קיניג — ביזטו פאַרוואָרלאָזט געוואָרן!"
"די דינים פון שבת און יום־טוב האָט איר שטרענג געמאַכט — טענהט דער זעלביקער נביא — אייערע הענט האָבן זיך באַפרייט פון אַרבעט און פראַצע; אַנדערע וועלן אַרבעטן — און איר וועט עסן; אַנדערע וועלן פיטערן — און איר וועט זאַט ווערן". אַ צווייטער גרויסער העברעישער שרייבער, מ.י. בערדיטשעווסקי, דריקט זיך אויס אין איינעם פון זיינע מאמרים: "ווען אליהו התשבי וואָלט ניט באַזיגט די נביאים פון בעל, וואָלט אפשר די גאַנצע יידישע געשיכטע באַקומען אַן אַנדער אויסזען... מיר וואָלטן דאַן אפשר ניט פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד און מיר וואָלטן ניט פאַרלאָרן אונדזער באָדן".

זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע גייט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער אייראָפּעישער קולטור־וועלט אונטער דער פאָן פון וועלטלעכקייט. די מענטשן קענען מער ניט וואַרטן ביזן "סוף פון די טעג" און ווילן די גאולה שוין איצט, גליק און פרייד אויף דער וועלט:

פון פרייהייט, גלייכהייט אַ גן־עדן,
באַשאַפן וועט דער אַרבעטס־מאַן.

וועלטלעכקייט הייסט אייגנטלעך עולם־הזהדיקייט. אונדזערע עלטערן האָבן געוווּסט, אַז עס איז שווער צו זיין אַ ייד, אַז יידישקייט איז פאַרבונדן מיט פליכטן און קרבנות, מיט יסורים און טרערן, און זיי האָבן אויף זיך אָט די שווערע שליחות גענומען. אונדזער דור אָבער האָט געוואָלט אַ גרינגע יידישקייט און אונדזערע וועלטלעכע פירער האָבן זיך דערפאַר געמוזט באַמיען צו באַווייזן, אַז אָט־אָט ענדיקט זיך דער גלות און עס וועט ווערן גרינג צו זיין אַ ייד. אונדזער יידישיזם האָבן מיר באַגרינדעט דערמיט, וואָס עס איז דערצו ניט נייטיק קיין שום אָנשטרענגונג, וואָרעם "יידיש רעדט זיך" און "מען פאַרשטייט ממש יעדעס וואָרט". אַ יידיש קינד דאַרף גיין אין אַ יידישער שול, ניט חס ושלום צוליב יידישקייט, נאָר ווייל יידיש איז גרינגער פאַרן קינד צו פאַרשטיין, ווייל די פּעדאַגאָגיק הייסט אַזוי. אונדזער גאַנצע מאָדערנע יידישע קולטור איז אַ קולטור פון פאַרברענגען און הנאה האָבן, יידיש טעאַטער, יידישע מוזיק, אַ יידישער ראָמאַן און אפילו פון שבת האָבן מיר אין בעסטן פאַל גענומען דעם "עונג שבת".

אָט די גרינגע יידישקייט האָט ניט אויסגעהאַלטן, ווייל גרינגער פון אַלץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אַוועקצוגיין פון יידישקייט, ווייל אַ יידיש לעבן איז ניט מעגלעך אָן אָנשטרענגונגען און אָן קרבנות.

עס זיינען אפילו געמאַכט געוואָרן פּרוּוון, צו באַווייזן, אַז יידן זיינען תמיד געווען אַ וועלטלעך פאָלק און די רעליגיע האָט אין דער יידישער געשיכטע גאָרניט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל. שוין ביי ליליענבלומען געפינען מיר, אַז "די יידישע אמונה איז נאָר דער לבוש, אין וועלכן עס אָנטפּלעקט זיך דער שטאַרקער נאַציאָנאַלער געפיל פון אונדזער פאָלק". ענלעכע געדאַנקען באַגעגענען מיר ביי

אַ סך פון אונדזערע היינטיקע שרייבער, וועלכע גלייבן, אַז דער יידישער רעליגיעזער לעבנסשטייגער און די מיצוות האָבן געהאַט בלויז די פונקציע אויפצוהיטן דעם קיום האומה. עס איז, לויט מיין מיינונג, שוין צייט איינצוזען, אַז דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט האָט זיך קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן אַזוי ווייט־זיכטיק ווי מיר ווילן עס האָבן. נאַציאָנאַלע מיעוטים האָבן זיך בדרך כלל אומעטום אַסימילירט, אַקעגן דעם האָבן רעליגיעזע גרופּעס און סעקטעס זיך אָפט באַוויזן איינצוהאַלטן אין אַ פרעמדער סביבה אפילו ווען נאַציאָנאַלע מאָטיוון האָבן דערביי קיין שום ראָל ניט געשפּילט.

פונקט אַזוי פאַלש איז די פאַרשטעלונג, אַז יידן האָבן זיך ביז איצט איינ־געהאַלטן צוליב „אָביעקטיווע אומשטענדן". מיר מיינען דאָ דעם פּרווו פון מאַרקס, וואָס האָט געזוכט דעם סוד פון יידישן קיום ניט אין זיין גלויבן, נאָר אין זיין עקאָנאָמישער פונקציע. „באַשטימט דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע — גלייבט מאַרקס — האָט ניט דער שבתדיקער, נאָר דער וואָכעדיקער ייד". „וואָס איז די וועלטלעכע באַזע פון יידנטום? פּראַקטישע נויטן, עגאָיזם... וואָס איז דער וועלטלעכער קולט פון יידן? געשעפט. וואָס איז זיין וועלטלעכער גאָט? געלט!" — „געלט — זאָגט מאַרקס אין אַ צווייטער שטעלע — איז דער אל קנא ונוקם פון ישראל, וואָס דערלאָזט ניט נעבן זיך קיין שום אַנדער גאָט". און דער אויספיר פון דעם איז: „יידן האָבן זיך איינגעהאַלטן ניט קעגן, נאָר אַ דאַנק דער געשיכטע". אָט די גרונט־געדאַנקען פון מאַרקסן באַגעגענען מיר ניט זעלטן — הגם אין אַ געמילדערטער פאָרם — אויך ביי אַ ריי יידישע שרייבער און געלערנטע פון אונדזער צייט. איז עס טאַקע באמת אַזוי, אַז ניט דער שבתדיקער, נאָר דער וואָכעדיקער ייד האָט באַשטימט דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע?

די פראַגע האָט פאַר אונדז היינט, לויט מיין מיינונג, אַן אויסערגעוויינלעך־אַקטועלן אינטערעס און עס לוינט זיך דערויף אָפּצושטעלן אַביסל אויספירלעכער.

אַז עקאָנאָמישע פאַקטאָרן האָבן געשפּילט גאָר אַ באַדייטנדע ראָל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, קען נאַטירלעך היינט ניט געלייקנט ווערן. דאָס האָט אָבער, לויט מיין מיינונג, קיין שום שייכות ניט צו דער פראַגע פון יידישן קיום אין גלות. האַנדל און פאַרמיטלעריי, די אַזוי גערופענע יידישע פונקציעס — וואָס זיינען אגב קיינמאָל ניט געווען קיין אויסשליסלעך יידישע געשעפט־צווייגן — זיינען בדרך כלל געווען גיכער אַ פאַקטאָר פון אַסימילאַציע ווי פון נאַציאָנאַלן קיום. דער ייד איז דורכדעם געוואָרן איינגעגלידערט אין אַ קולטור־פרעמדן ווירט־שאַפטלעכן אָרגאַניזם, האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו זיינע קונדן און ריידן זייער שפּראַך. דער וואָכעדיקער ייד, דער געשעפטסמענטש, האָט זיך ניט געניטיקט אין יידישקייט, דער געלט־ייד האָט זיכער געקענט זיך באַגיין אָן אַן אל קנא ונוקם.

די קולטור פון אַ פאָלק ווערט באַשטימט ניט בלויז דורך דרויסנדיקע פאַקטאָרן... די אַלגעמיינע רעכטלאָזיקייט האָט אָפט באַדייטנדע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג געשטופּט אין דער אונטערוועלט אָדער יעדנפאַלס אויפן ראַנד פון דער אונטערוועלט... לויט זייערע פרנסות און לעבנס־באַדינגונגען

וואָלטן יידן געדאַרפט ווערן אַ פאָלק פון שיכורים און פאַרברעכער, וואָלט דאָס יידישע פאַמיליע־לעבן געדאַרפט אויסזען גאָר ניט אין אַן ערך ערגער און צעריסענער ווי ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג, וואָלט באמת דער עגל־הזהב געדאַרפט זיין דער איינציקער גאָט פון יידישן פאָלק. אויב יידן האָבן פון דעסטוועגן איינגעהאַלטן אַ קולטור, איז עס געוועזן ניט אַ דאַנק, נאָר קעגן דעם לעבן... דער שבתדיקער ייד האָט געשפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָל אין דער יידישער געשיכטע, ווי מען שטעלט עס זיך געוויינלעך פאָר. און וואָס איז שייך דעם יידישן קיום האָט דאָ די שבתדיקע און יום־טובדיקע יידישקייט געשפּילט די אנטשיידנדיקע ראָל. נעמען מיר טאַקע אַ שטייגער אַזאַ אינסטיטוציע ווי שבת. מען קען אפשר אויסגעפינען די מאַטעריעלע סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צו דער אַנטשטייונג פון שבת אין דער ביבלישער צייט. וואָס האָט אָבער געטריבן יידן אין גלות יעדן זיבעטן טאָג צו פאַרמאַכן די געשעפטן און זיך איזאָלירן פון דער וועלט ?

עס איז קוים פאַראַן נאָך אַ פראָפעסיאָנעלע גרופּע, וואָס האָט אַזוי ווייניק באַדערפענעש אין אַ פעריאָדישן אָפּרו־טאָג ווי הענדלער. ביים אַרבעטער זיינען פאַראַן ריין־קערפּערלעכע מאָמענטן, וואָס צווינגען אים אָפּצורוען. די פיזישע כוחות פון מענטשן זיינען באַגרענעצט און אויב ער אַרבעט צופיל, מוז עס זיך אָפּרופן אויף זיין געזונט און זיין אַרבעטס־פעיקייט. צוליב דעם טעם איז אויך די באַגרענעצונג פון דער אַרבעטס־צייט קודם כל דורכגעפירט געוואָרן ביי אַרבעטער. אַ קרעמער אָקעגן קען זיצן אין געשעפט פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט 365 טעג אַ יאָר. און דערפאַר טאַקע זיינען די געזעצן פון זונטיק־רו נאָך עד היום אין אַ סך לענדער ניט חל אויף קרעמער. אין אַמעריקע, ווייסן מיר, אַז גראָד אַ היפּש ביסל יידישע געשעפטן זיינען אָפן 362 טאָג אַ יאָר (אַחוץ ראש־השנה און יום־כיפור). וואָס האָט דאַן אונדזערע עלטערן געצוווּנגען צו פאַרמאַכן זייערע געשעפטן יעדן פרייטיק צו נאַכט, הגם דאָס איז גאָר אָפט געווען קעגן זייערע ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן ?

מע באַצייכנט ביי אונדז אָפט יידיש ווי די שפּראַך פון גאַס און פון מאַרק, די שפּראַך פון דער וואָכנס. אויך אפילו דאָס איז נאָר צום טייל ריכטיק. די שפּראַך פון מאַרק איז, אייגנטלעך, מייסטנס ניט געווען יידיש. אויך די שפּראַך פון גאַס איז אפילו אין אַזאַ קאָמפּאַקטן ישוב ווי פוילן, לפּחות פאַר איבער אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג, געווען ניט יידיש. 30 ביז 40 פּראָצ. יידן האָבן דאָ געלעבט אין דערפער און אַ היפּשער טייל יידישע הענדלער און בעלי מלאכות פון די שטעטלעך האָבן אַ גאַנצע וואָך פאַרבראַכט אין דערפער. זייער שפּראַך אין גאַס איז געווען ניט יידיש. ערשט ווען זיי זיינען געקומען אויף שבת צו זיך אין שטעטל, צו ווייב און קינדער, האָט מען ווידער גענומען אַ יידיש וואָרט אין מויל.

יידיש האָט געהאַט אַ קיום, ווייל פון אַ שפּראַך פון מאַרק איז זי מיט דער צייט געוואָרן אַ שפּראַך פון דער יידישער היים, די שפּראַך פון בית־מדרש און פון חדר. און עס איז אַבסאָלוט ניט קיין צופאַל, וואָס אין אַמעריקע און ארץ ישראל

האָט זיך יידיש אָמבעסטן איינגעהאַלטן גראָד אין די ישיבות. גמרא לערנט מען ביז צום היינטיקן טאָג נאָך בעיקר אויף יידיש.

די אַלטע יידישקייט איז געווען אַ כסדרדיקער קאַמף קעגן די אָביעקטיווע באַדינגונגען, קעגן דער דרויסנדיקער וועלט. דאָס יידישע לעבן איז נאָר צום טייל געווען אַ פּראָדוקט פון די פאַרהעלטענישן, בעיקר אָבער האָט עס אַליין געשאַפן די פאַרהעלטענישן. יידישקייט האָט בכן געפאָדערט כסדרדיקע אָנשטרענגונגען און קרבנות, ניט נאָר פון כלל, נאָר פון יעדן יחיד אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן.

דער טיפער פּאָליטישער און מאָראַלישער קריזיס פון אונדזער צייט אין אַלגעמיינעם ווי אין יידישן לעבן באַשטייט דעריין, וואָס מיר האָבן באמת געמיינט, אַז מ׳יר לעבן אין משיחס צייטן און מיר זיינען דערפאַר געוואָרן פטור פון מצוות און קרבנות. דאָס האָט געבראַכט אונדזער קולטור־וועלט אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג. פראַנקרייך, דאָס וויגעלע פון דער מאָדערנער וועלטלעכער קולטור, האָט דעם היסטאָרישן ניסיון ניט אויסגעהאַלטן. און אין ענגלאַנד איז נאָך אין דער ריכטיקער צייט געקומען אַ פירער, וואָס האָט ניט צוגעזאָגט קיין גליקן און וווּנדער, נאָר האָט זיין פאָלק געזאָגט דעם ביטערן אמת — ״בלוט, שווייס און טרערן !״

משיח איז נאָך ניט געקומען, אָוודאי ניט פאַר אונדז יידן... און נייע יידישקייט איז נאָר מעגלעך ווי אַ המשך פון דער אַלטער פּרושישער יידישקייט !

מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט דאָס נייע יידישע לעבן לויטן מוסטער פון דער מלוכה מיט קהילות, שטייערן, צענטראַלע אָרגאַנען פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע א.אַז.וו. מיר האָבן געגלויבט, אַז דאָס יידישע לעבן קען אָרגאַניזירט ווערן פון אויבן און מיר האָבן דערפאַר אינגאַנצן אַרויסגעלאָזן פון אויג דעם יחיד, די יידישע היים און די יידישע פאַמיליע. אויף וויפל דער פּשוטער מענטש האָט פאַר אונדז עקזיסטירט, איז דאָס קיינמאָל ניט געווען ווי אַ יחיד, נאָר ווי אַ קאָלעקטיוו. מיר האָבן דעם יידן קיינמאָל ניט געזען אין דער היים, נאָר אויף דער גאַס : ״אין די מאַסן, אויף די גאַסן״. און ווי אַזוי האָבן מיר זיך באמת געקענט אינטערעסירן מיט אַזעלכע ענינים ווי היים און פאַמיליע, ווען דאָס אַלץ איז, לויט אונדזערע אַמאָליקע פּרימיטיווע פאַרשטעלונגען וועגן סאָציאַליזם, שוין געווען פאַרמשפט צום אונטערגאַנג. די גאַס איז אָבער קיינמאָל ניט געווען הונדערט־פּראָצענטיק יידיש, אפילו ניט אין געטאָ, ווייל יידן זיינען ווירטשאַפטלעך תמיד געווען פאַרבונדן מיט דער אַרומיקער ניט־יידישער סביבה.

אַ יידיש לעבן קען אויפגעהאַלטן ווערן נאָר דורך אַ יידישער היים, יידישע קולטור קען אויפגעבויט ווערן נאָר מיט דער אַקטיווסטער אונטערשטיצונג פון יעדן יידישן יחיד. אַ יידישע קולטור קען ניט זיין בלויז יידיש לויט דער פאָרם, נאָר זי מוז אויך זיין יידיש לויטן אינהאַלט. דאָס איז, ווי מ׳יר דוכט, ניט מעגלעך אָן אַ רעליגיעזער קולטור.

און דערמיט קומען מיר צום צענטראַלן פּראָבלעם פון אונדזער היינטיקן יידישן

קולטור־לעבן. מע רעדט און מע שרייבט ביי אונדז היינט זייער אַ סך וועגן טראַדיציע, וועגן יידישן לעבנס־שטייגער און רעליגיע. איז עס בלויז אַ ראָמאַנטישע בענקענעש נאָך אַ פאַרגאַנגענער קולטור, צו וועלכער מיר קענען זיך מער ניט צוריקקערן, אָדער אַנטפּלעקן זיך דאָ פּאַר אונדז די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ נייעם יידישן קולטור־לעבן ?

איך גלויב, אַז אין אונדזערע ״גאָט־זוכנעשן״ איז פאַראַן אַ סך מער ערנסט, ווי מען שטעלט עס זיך געוויינלעך פאָר. עס האַנדלט זיך לחלוטין ניט וועגן רעליגיעזע ״שטימונגען״ פון אַנטוישטע און פאַרבלאָנדזשעטע אינטעליגענטן, נאָר וועגן בלאָנדזשענישן פון אַ גאַנצן דור, וועגן אַ וועלט, וואָס זוכט איר וועג צו גאָט.

אויך אונדזערע שרייבער און דיכטער האָבן נאָך ניט געפונען די ריכטיקע ווערטער פאַר אָט דעם נייעם און אייביק־אַלטן געפיל, וואָס איז ווידער אויפגע־וואַכט אין אונדז. מיר רעכענען פונדעסטוועגן, אַז עס לאָזט זיך שוין היינט אָנצייכענען, לפּחות, אין גאַנץ אַלגעמיינע ליניעס, די ריכטונג פון אָט דער נאָך ניט אויסגעפורעמטער נייער קולטור־באַוועגונג.

*

די אָנהענגער פון וועלטלעכער יידישקייט האָבן צו אונדז, די אַזוי גערופענע גאָט־זוכער, אַ האַרבע טענה: פאַרוואָס זייט איר עפּעס געקומען מיט אייערע תשובה־אידייען גראָד איצט, אין אַ צייט פון יאוש און פינצטערסטער רעאַקציע ? איז עס בלויז אַ צופאַל ? אָדער איז עס אפשר גיכער אַ באַשטעטיקונג פון דער מיינונג, אַז גאָט־זוכעניש און רעאַקציע זיינען גאָר נאָענטע קרובים ? היסטאָרישע ביישפּילן פעלן ניט. געוויי דאָס זעלביקע, טענהן ווייטער אונדזערע וועלטלעכע ראַדיקאַלן, איז דאָך פאַרגעקומען נאָכן דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. ווי נאָר די צאַרישע מאַכט האָט זיך פאַרפעסטיקט, איז דער עולם ווידער געוואָרן גוט און פרום, און אַלע, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן אין רעוואָלוציע, האָבן אָנגעהויבן גלייבן אין גאָט. אין פלוג קען אויסווייזן, אַז די דערמאָנטע טענות האָבן טאַקע אַ יסוד. באַטראַכט מען אָבער דעם ענין אַביסל ערנסטער, דאַן באַקומט זיך גאָר אַן אַנדער בילד.

עס איז קודם כל פאַלש, אַז נאָכן דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע איז די רעאַקציע געגאַנגען אונטערן צייכן פון רעליגיעזער תשובה. איינצלנע פון די אַנטוישטע רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן — דאָס זיינען אגב געווען די טיפערע און ריינערע נאַטורן צווישן זיי — זיינען געוואָרן גאָט־זוכער. די אייגנטלעכע רעאַקציע האָט זיך אָבער געזאַמלט אונטער דער פאָן פון אויסגעלאַסנקייט, עולם הזה און פּראַקטישקייט. ״סאַנין״, דאָס איז דער סימבאָל פון דער רעאַקציע אין רוסלאַנד נאָך די רעוואָלוציע־יאָרן 6־1905. עס איז, אין תוך גענומען, געווען אַ רעאַקציע קעגן דעם אידעאַליסטישן, אַסקעטיש־רעליגיעזן שטראָם, וואָס האָט פאַקטיש באַהערשט די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע. אין

נאָמען פון תכלית, עולם הזה, האָט מען אויסגעלאַכט די רעוואָלוציאָנערע יוגנט, וואָס האָט מיט אַ רעליגיעזן פּאַנאַטיזם זיך אָפּגעזאָגט פון דער אייגענער היים, פון קאַריערעס, האָט פאַרלאָזן די אוניווערסיטעטן און איז געגאַנגען זיך באַהעפטן מיטן פאָלק און קעמפן פאַר זיינע רעכט. געגנוג זיך פאַרנעמען מיט "נאַרישקייטן" און זאָרגן פאַר דער וועלט, האָט דערפאַר געשריען די רעאַקציע צו דער יוגנט, שוין צייט צו ווערן מענטשן און טראַכטן וועגן מאַכן אַ לעבן פאַר זיך.

נאָך אַ גרעסערן טעות מאַכט מען, ווען מע מישט היינט צונויף רעליגיע מיט רעאַקציע. די צייט ווען די קירך איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע שטיצעס פון די אויטאָריטער־רעאַקציאָנערע רעזשימען איז שוין לאַנג אַוועק. גראַד די ווילדעסטע רעאַקציע איז היינט אַנטי־רעליגיעז. אין דעם פּרט קען מען גיכער ריידן וועגן אַ קרובהשאַפט צווישן דעם וועלטלעכן ראַדיקאַליזם און דעם היטלעריזם. עס איז דערפאַר ניט קיין חידוש, וואָס גראַד אין די רעליגיעזע קרייזן באַגעגענען מיר אָפט די שאַרפסטע קעגנער פון פאַשיזם און נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם.

מען האָט אַמאָל ערנסט געגלויבט, אַז מיט דעם, וואָס מיר "באַפרייען" דאָס פאָלק פון זיינע רעליגיעזע "פאָראורטיילן", נעמען מיר אַוועק ביי די פינצטערע כוחות זייער שטאַרקסטן געווער. דאָס איז געווען די סיבה, וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט כמעט אומעטום געפירט פונקט אַזאַ שאַרפן קאַמף קעגן גאָט ווי קעגן קיסר. מיר האָבן מיט אונדזער קאַמף, אמת, זייער אַ סך דערגרייכט. האָבן מיר אָבער אַ גרונד צו זיין שטאָלץ מיט די רעזולטאַטן? די לעצטע יאָרן האָבן אונדז אַ סך געלערנט און מיר קענען איצט רויקער און אָביעקטיווער באַטראַכטן די פּראָבלעם וועגן דער היסטאָרישער ראָל פון דער רעליגיעזער קולטור און איר פּלאַץ אין אונדזער היינטיקן לעבן.

מיר ווילן אָבער דערמיט לגמרי ניט לייקענען, אַז די יידישקייט־שטימונגען, וואָס האָבן זיך לעצטנס ביי אונדז, באַזונדערס אין די קרייזן פון דער אינטעליגענץ, אַזוי פאַרשטאַרקט, זיינען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַ רעזולטאַט פון די ביטערע דערפאַרונגען און שווערע אַנטוישונגען פאַר די לעצטע פאַר צענדליק יאָר. עס וואָלט געוויס ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר תשובה־שטימונגען ווען די דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע וועלט וואָלט אויסגעהאַלטן דעם היסטאָרישן עקזאַמען. דאָס איז ליידער ניט געשען און עס פרעגט זיך ממילא, צי איז אפשר דער פּראַקטיש־וועלטלעכער צוגאַנג צו אַלע ענינים פון מאָראַל און מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, די ביטול־באַציונג צו אַלץ, וואָס דערמאַנט אָן אייבּיקע ווערטן, אויך טיילווייז שולדיק אין דעם מאָראַלישן קריזיס פון אונדזער צייט? דערפאַר שטעלט זיך פאַר אונדז די פראַגע: וואָס פאַר אַ מוסר־השכל קענען מיר אָפּלערנען פון די מפּלות און קאַטאַסטראָפעס, וואָס זיינען לעצטנס אויסגעפאַלן אויפן גורל פון דער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער וועלט. עס האָט ניט קיין שום זין צו לייקענען, אַז גראַד די ווערטפולסטע דערגרייכונגען פון אונדזער וועלטלע־כער קולטור־תקופה, ווי פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, פרייהייט פון געדאַנק, רעספּעקט פאַר דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט וכו׳, זיינען כמעט ווי אונטערגעגאַנגען אין

די שטורעמס פון מלחמות און רעוואָלוציעס. מיר מוזן איצט בכן אויסגעפינען אַ מער פעסטערן און דויערהאַפטיקערן יסוד פאַרן אויפבוי פון אַ נייער קולטור.

דאָס גאַנצע דענקען און טראַכטן פון די לעצטע דריי דורות ווערט באַהערשט פון איין אידעע־פיקס — קאַמף. די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון קאָנקורענץ־קאַמף; דאַרווין האָט אונדז געלערנט, אַז די עוואָלוציע אין דער גאַנצער אָרגאַנישער וועלט ווערט באַשטימט דורכן קאַמף פאַרן קיום; די צענטראַלע אידעע פון מאָדערנעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם איז קלאַסנקאַמף; און אפילו פרויד, וואָס האָט זיך דערגראָבן צו די טיפסטע שיכטן פון דער מענטשלעכער נשמה, האָט אין דעם עדיפּוס־קאָמפּלעקס, דעם קאַמף צווישן פאָטער און זון, געזען די צענטראַלע טרייבקראַפט פון דער מענטש־לעכער קולטור. פרויד האַלט אַ סך פון יצר הרע און גלייבט אפילו, אַז דער צעשטערונגס־אינסטינקט איז אַן אורעלעמענט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, ער לייקנט אָבער, אַז סאָציאַלע פליכטן, מאָראַל און רעליגיע זאָלן קענען באַצייכנט ווערן ווי מענטשלעכע אורגעפילן. די מענטשלעכע געשיכטע הייבט זיך אָן, לויט די הערשנדיקע פאַרשטעלונגען פון אונדזער תקופה, מיט קאַמף, מיט קאַמף אָן רחמנות, ערשט שפּעטער, אויפן וועג פון נייראָזן, סובלימירונגען און פאַראורטיילן, האָט זיך אַנטוויקלט יענע גאַנצע סיסטעם פון מאָראַלישע, רעליגיעזע און עסטעטישע אידייען, וועלכע מיר באַצייכענען מיטן נאָמען קולטור.

קאַמף, ווי וויכטיק עס זאָל ניט זיין, איז אין בעסטן פאַל אַ נעגאַטיווער כוח. עס איז אַ מאָל דרינגענדיק נייטיק צו צעשטערן, כדי אַפּצוראַמען דעם פּלאַץ פאַר עפּעס נייעס; צעשטערן איז אָבער ניט מער ווי צעשטערן. אויף עפּעס אויפצובויען זיינען נייטיק פּאָזיטיווע, שעפערישע כוחות. אין משך פון דורות האָבן מיר צעשטערט אַלץ, וואָס האָט געצוימט און געבונדן די ווילדע חיה אין מענטשן. מיר האָבן דעם מענטשן באַפרייט פון אַלע רעליגיעזע און מאָראַלישע ״פאַראור־טיילן״, ווייל מיר האָבן תמימותדיק געגלייבט, אַז דער שכל און די פּראַקטישע אינטערעסן וועלן אים שוין פירן אויפן ריכטיקן וועג. היינט שטייען מיר פאַרן אָפּגרונט, ביי די חורבות פון אַ קולטורוועלט, וואָס וועט קענען ווידער אויפגעריכט ווערן נאָר דורך די גרעסטע אָנשטרענגונגען און קרבנות.

פּראַקטישע אינטערעסן שאַפן ניט קיין מאָראַל, ווייל דער עיקר פון מאָראַל זאָגט: זיי גערעכט אפילו דאַן, ווען דאָס איז קעגן דיינע אינטערעסן. עס איז אגב אויך ניט באַוויזן, אַז די רשעים לעבט זיך אַזוי שלעכט אויף אונדזער וועלט. און עס איז ממילא אויך ניט באַוויזן, אַז מאָראַל איז אַ פּראַקטישער ענין. מיר איבערשאַצן בכלל די ראָל פון שכל אין אונדזערע האַנדלונגען. פּראַקטישקייט פירט געוויינלעך צו שוואַכקייט און קורצזיכטיקייט. מיר זעען עס גאַנץ דייטלעך היינט אין אונדזער אויפגעקלערטן דור. היטלערס גאַנצער מלחמה־פּלאַן איז געווען אויפגעבויט אויף דער פּראַקטישקייט פון זיינע קעגנער. ער האָט געוווסט אַז קיין שום לאַנד וועט ניט וועלן ריזיקירן קיין מלחמה, כדי זיך איינצושטעלן פאַרן שכן. אַלע האָבן געזען ווי היטלער פאַרשלינגט איין לאַנד נאָכן אַנדערן און ביז צום

היינטיקן טאָג האָבן נאָך די "פּראַקטישע" מענטשן דערפון גאָרניט אָפּגעלערנט. ניין! די מאָראַלישע אידייען זיינען ביים מענטשן אויפגעקומען ניט דורך אויס־רעכענונג, נאָר ספּאָנטאַן. די מאָראַל איז געשאַפן געוואָרן ניט פון פּראַקטיקער, נאָר פון אוטאָפּיסטן, ניט פון מענטשן, וואָס האָבן געטראַכט וועגן זיך, נאָר פון אַזעלכע, וואָס האָבן זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן און אָפּט אויך זייער לעבן געבראַכט אַ קרבן פאַרן כלל. און דערפאַר איז עכטע מאָראַל לויט איר עצם מהות רעליגיעז, ווייל זי איז פאַרבונדן מיט דער אידייע פון קרבן און ביטול היש, ווייל דער יחיד באַטראַכט זיין לעבן ווי אַ שליחות און שטעלט עס אין דינסט פון אַ הייליקן אידעאַל.

מאָראַל איז מאָראַל און רעליגיע איז רעליגיע, זיי ווערן דערקלערט ניט דורך אינטערעסן און ניט דורך פאַראורטיילן, נאָר דורך זיך אַליין, דורך די רעליגיעז־מאָראַלישע אורגעפילן, וואָס ווירקן אין מענטשן און האָבן געשאַפן אונדזער קולטור. דער יצר טוב איז געגעבן אַזוי עכט און אורמענטשלעך ווי דער יצר הרע, און עס איז פּונקט אַזוי באַרעכטיקט צו ריידן וועגן אייביקע און אוניווערסאַלע אידעאַלן, ווי מיר קענען ריידן וועגן דער אייביקייט פון ליבע אָדער וועגן דער אייביקייט פון מענטשלעכן עגאָיזם. אונדזער קולטור איז געשאַפן געוואָרן ניט דורך עולם הזהדיקע מענטשן, אויך ניט דורך דעם גייסט פון קאַמף און צעשטערונג, נאָר דורך פּיאָנערן און טיף רעליגיעזע נאַטורן. ווען דער מענטש וואָלט געוועזן ניט מער ווי אַן עולם הזהניק, וואָלטן מיר נאָך היינט געלעבט אין אורוואַלד. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מענטשלעכער קולטור איז ניט דער געניסער, ניט דער קעמפער, נאָר דער פּיאָנער, דער שטרענגער פּוריטאַנער, וואָס שאַפט פאַר זיך און פאַר די קומענדיקע דורות. אין יעדן עכטן גרויסן קולטור־אויפטו איז פאַראַן אַן עלעמענט פון אַסקעטיזם, פון גובר זיין דעם יצר הרע, פון טראַכטן וועגן עולם הבא, דער וועלט, וואָס וועט קומען.

אורמענטשלעך און קולטור־שעפעריש איז קודם כל דאָס געפיל פון פריינד־שאַפט און חברשאַפט. די נייסטע פאָרשונגען לערנען אונדז, אַז דער מענטש האָט אַנגעהויבן האָדעווען בעלי חיים ניט אויס אינטערעס, ווייל ער האָט געברויכט זייער מילך און פלייש, נאָר אויס פריינדשאַפט. דער הונט איז דער עלטסטער בעל חי, וואָס איז געוואָרן היימיש אין דער מענטשלעכער סביבה. אויך די אַנדערע בעלי חיים, וואָס דער מענטש האָט פאַרהיימישט, זיינען לכתחילה געוועזן די חברים און פריינד פון דעם מענטשן. נאָר אין צייטן פון אויסערגעוויינלעכער נויט, אין צייטן פון הונגער און מלחמות, האָבן די מענטשן זיך דערלויבט צו באַנוצן דאָס פלייש פון בהמות, וואָס זיי האָבן אַליין געהאָדעוועט. אַ ריי פעלקער אין אַזיע און אַפריקע, וואָס באַנוצן רינדער אַלס אַרבעטס־בהמות, ד"ה, אין פּרימיטיווע פויערישע פאַרהעלטענישן אַלס אַרבעטס־חברים, עסן עד היום ניט קיין רינדפלייש, פּונקט ווי דאָס רוב פעלקער אין אייראָפּע און אַמעריקע באַנוצן געוויינלעך ניט קיין פערדפלייש צום עסן. מיר ווייסן, אַז ביי געוויסע פעלקער איז געוועזן דערלויבט צו באַנוצן היימישע בהמות נאָר פאַר קרבנות, ד"ה הייליקע סעודות, צו

וועלכע מע פלעגט פאַרבעטן די גאַנצע געמיינדע. אַזאַ געזעץ געפינען מיר נאָך אפילו אין חומש ויקרא. אין קאַפּיטל 17 לייענען מיר: יעדער ייד, וואָס וועט קוילענען אַ רינד, אַ שאָף אָדער אַ ציג... און ער האָט ניט געבראַכט צו דער טיר פון גאָטס געצעלט צו ברענגען אַ קרבן פאַר גאָט... ווי בלוט זאָל דאָס אים פאַררעכנט ווערן, בלוט האָט ער פאַרגאָסן (דם יחשב לאיש ההוא דם שפך). ערשט שפּעטער האָט מען דערלויבט צו עסן דאָס פלייש פון רינדער און שאָף אויף דעם זעלביקן אופן ווי דאָס פלייש פון די חיות פון פעלד, פון הירשן און הינדן (כצבי וכאיל). ענלעכע אידייען און מנהגים באַגעגענען מיר אין גריכנלאַנד, איראַן און ביי די אַלטע אַראַבישע מדבר־שבטים. פריינדשאַפט און געטריישאַפט צווישן מענטש און חיה איז אָבער זיכער ניט עלטער ווי צווישן מענטש און מענטש.

אויך אונדזער שפּראַך איז ניט קיין פּראָדוקט פון אַ פּראַקטישן אינטערעס, נאָר פון דעם טיפן דראַנג אין מענטשן זיך אויסצורעדן, זיך טיילן מיט געדאַנקען און געפילן. כדי דורכצופירן געמיינזאַם זייערע יאַגד־אַקציעס — זאָגט אַ באַקאַנטער פאָרשער — האָבן זיך אונדזערע אורעלטערן געניטיקט אין אַ גאַנץ מינימאַלער צאָל עלעמענטאַרע קלאַנגען, ריידן און זינגען האָט זיך זיי פאַרגלוסט, ווען זיי האָבן נאָך אַ געראָטענעם פאַנג גוט אָפּגעגעסן און די גאַנצע אורמשפּחה האָט פריילעך פאַרבראַכט. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו ריידן אויף "באַנקעטן". זיי האָבן בכן אָנגעהויבן ריידן ניט ווייל זיי האָבן געדאַרפט ריידן (דאָס רוב מענטשן ריידן נאָך היינט אַ סך מער ווי מע דאַרף), נאָר ווייל אַן אינעווייניקסטער דראַנג האָט זיי געטריבן צו ריידן, ווייל זיי האָט זיך געוואָלט ריידן.

ניט די דרויסנדיקע כוחות, ניט די סביבה, נאָר די אינעווייניקסטע כוחות אין מענטשן זיינען די עיקר סיבה פון דער אַנטוויקלונג. עוואָלוציע איז אַ שעפערישער פּראָצעס און ווערט געטריבן דורך דעם אָרגאַנישן ספּאָנטאַנעם "לעבנס־אימפּעט", ווי עס דריקט זיך אויס בערגסאָן. די דרויסנדיקע פאַקטאָרן שפּילן תמיד אַ געוויסע ראָל, אַ גינסטיקע אָדער אומגינסטיקע, זיי זיינען אָבער ניט די ערשטע סיבות פון דער עוואָלוציע. און ווען מיר באַמיען זיך דערפאַר צו דערגיין צו די וואָרצלען פון אונדזער קולטור, כדי דערפון צו לערנען פאַר דער צוקונפט, מוזן מיר זיך ווענדן צום לעבעדיקן מענטשן, מוזן מיר זיך פאַרטיפן אין דער מענטשלע־כער נשמה. דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון קולטור און סביבה, לערנט אונדז די מעכאַניסטישע וועלט־אַנשויונג, דאָס איז אָבער נאָר אַ טייל אמת: נאָך אַ סך וויכטיקער איז פאַר אונדז צו וויסן, אַז דער מענטש איז אין דער ערשטער שורה דער שעפער פון קולטור און סביבה.

רודאָלף אָטאָ, אַ פּראָטעסטאַנטישער טעאָלאָג, און איינער פון די טיפסטע רעליגיעזע דענקער פון אונדזער צייט, האָט אַ מאָל אויף אַ רייזע אין מאַראָקאָ באַזוכט יום־כיפור אַ יידישן בית מדרש. די טיפע רעליגיעזע שטימונג פון די מתפּללים האָט אויף אים געמאַכט אַ גוואַלטיקן איינדרוק. עס איז פאַר אים מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן די עלעמענטאַרע מאַכט פון די רעליגיעזע געפילן, די טיפע אינערלעכקייט פון רעליגיעזן גלויבן. רעליגיע קען דערקלערט ווערן נאָר

דורך זיך אַליין, איז געווען זיין אויספיר, און דאָס האָט אים געגעבן דעם ערשטן שטויס צו דער טעאָריע, וואָס ער האָט אַנטוויקלט אין זיין באַרימטן בוך ״דאָס הייליקע״.

די מאָדערנע רעליגיע־פאָרשונג זוכט ניט מער דעם ״אורשפּרונג״ פון רעליגיעזן גלויבן, נאָר באַמיט זיך צו דערגיין דעם מהות פון רעליגיעזן פילן און דענקען. אמונה איז ניט קיין רעאַקציע אויף בייזע חלומות און אַנגסטגעפילן ביים פּרימיטיוון מענטשן, נאָר אַ טיפע אורמענטשלעכע אַנונג פון אין סוף, פון אַ העכערער וועלט און אַ העכערער אחריות. אָט די אַנונג ליגט אין יסוד פון אונדזערע רעליגיעזע געפילן, וואָס צווינגט אונדז צו נעמען אויף זיך פליכטן, דעם יאָך פון מצוות, און דערהייבט אונדז איבער די טאָגטעגלעכע זאָרגן און עולם הזהדיקע אינטערעסן. אויב די תורה און דער תלמוד האָבן אויפן יידישן פאָלק אַרויפגעלייגט אַזוי פיל געבאָטן און פאַרבאָטן, איז עס ניט געווען דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך ניט געקענט באַפרייען פון אַלטע אַבערגלויבנס. עס איז מיר ניט באַקאַנט קיין איינציקע אמונה, וואָס איז אין אַזאַ מאָס פריי פון אַבערגלויבנס ווי די יידישע, נאָר ווייל די גאַנצע יידישע רעליגיעזע קולטור ווערט באַהערשט פון דער אידעע, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן ניט פאַר זיך און אַז ער האָט אויסצופירן אַ שליחות אויף דער וועלט.

די געוואַלטיקע וועלט־היסטאָרישע ווירקונג פון דער יידישער אמונה, פון די נביאים און פרושים, נעמט זיך דערפון, וואָס זיי האָבן אויף אַזאַ שלמותדיקן אופן געפונען די געהעריקע פאָרמולירונגען און אויסדרוקס־פאָרמען פאַר אונדזערע רעליגיעזע איבערלעבונגען. אין קיין שום גלויבן פון דער אַלטער וועלט האָט דאָס רעליגיעזע אורגעפיל ניט געפונען אַזאַ קלאַסישן אויסדרוק ווי אין ביבלישן מאָנאָטעיזם.

עס איז נאַטירלעך ניט מעגלעך אין די ראָמען פון דעם אַרטיקל צו באַהאַנדלען אויספירלעך די פּראָבלעם וועגן דעם מהות פון רעליגיעזן גלויבן. עס איז אַגב אַן ענין, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרענטפערן בלויז דורך לאָגישע חקירות. פאַר אַפּיקורסים, וואָס ווילן ניט און קענען ניט גלויבן — אויב אַזעלכע אַפּיקורסים זיינען בכלל פאַראַן, פרעגערס יוחנן מלמד לייקנט עס — האָב איך ניט קיין ענטפער. די שורות זיינען געווענדט צו יענער גרויסער צאָל יידן, וואָס האָבן אָנגעוואָרן דעם נאַיוון גלויבן אין דער השכלה און וואָס זוכן אַ זין אין לעבן און דעם וועג צו גאָט.

עס זיינען געוויס פאַראַן אָביעקטיווע מאָמענטן, וואָס קענען פאַרשטאַרקן אָדער אָפּשוואַכן אין מענטשן דאָס רעליגיעזע געפיל. ער קען אָבער קיינמאָל ניט ווערן אין גאַנצן אונטערדריקט. ווען מע נעמט דערפאַר צו ביים מענטשן זיין גלויבן, שאַפט ער זיך אַן אַבערגלויבן: ווען מע נעמט ביי אים צו זיין גאָט, שאַפט ער זיך אַן אָפּגאָט. עס איז מחמת דעם לגמרי ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד אין אונדזער גאָטלאָזער צייט האָט די פאַרגעטערונג פון פירער געפונען אַזאַ גינסטיקן באָדן. אין תוך קענען זיך אפילו די ״אַפּיקורסים״ ניט באַגיין אָן

אַזעלכע רעליגיעזע אויסדרוקן, למשל, ווי "הייליקייט", "באַגייסטערונג", "מסירת נפש", "שליחות", "פליכטן" א.אַז.וו. א.אַז.וו. מען פאַרגעסט דערביי, אַז אַט די אַלע ווערטער האָבן אייגנטלעך ניט קיין שום זינען אין אַ וועלט פון פּראַקטישער מאָראַל און קאַמף פאַר אינטערעסן. עס איז אַבסאָלוט אוממעגלעך צו באַווייזן, אַז קלאַסן־אינטערעסן זיינען הייליק, אַז עס איז די פליכט פון אַן אַרבעטער זיך מוסר נפש צו זיין פאַר זיינע קלאַסן־חברים. וואָס איז נוגע זיינע אינטערעסן איז יעדער מענטש פאַר זיך אַליין דער פּוסק־אחרון. עס איז אגב בכלל אוממעגלעך צונויפצופּאָרן אַזעלכע באַגריפן ווי הייליקייט און מסירת־נפש מיט אינטערעסן. דאָס זיינען צוויי גאַנץ באַזונדערע קאַטעגאָריעס, צוויי גאַנץ באַזונדערע וועלטן.

ניט דאָס גלויבן אין גייסטיקע וועזנס, נאָר דאָס געפיל פון הייליקייט, איז, לויט דער מיינונג פון די באַדייטנדיקסטע רעליגיעזע פאָרשער פון אונדזער צייט, דער יסוד פון רעליגיעזן לעבן. מיר האָבן אין בודיזם אַן אמונה אָן אַ גלויבן אין געטער. אויך די אַלטע גריכן האָבן געוווּסט פון הייליקע פּרינציפּן און געזעצן, וואָס בינדן אפילו די געטערוועלט. דער רעליגיעזער גלויבן האָט געהאַט בעיקר די פונקציע ניט אַזוי צו העלפן דעם מענטשן אין זיינע עולם־הזהדיקע געשעפטן (צו אַזעלכע פּראַקטישע צוועקן האָט זיך דער מענטש אָפטער באַנוצט מיט כישוף), ווי העלפן אים אויסצוטאָן זיך פון דער וועלט און זיך אויפצוהייבן איבער די גשמיותדיקע אינטערעסן. דער רעליגיעזער מענטש האָט אויסגעטיילט אין דער אַרומיקער וועלט און אין זיין פּערזענלעך לעבן אַ באַזונדערע הייליקע ספערע, הייליקע פּלעצער און הייליקע צייטן, ווען עס האָבן אויפגעהערט ווירקן די פּראַקטישע, געשעפטלעכע נעזעצן און באַציונגען צווישן מענטשן. שבת זיינען די קנעכט און אַרבעטס־בהמות פריי פון אַרבעט, ביים מזבח געפינט יעדער גערודפטער און באַעוולטער שוץ און הילף. אין די הייליקע דערהויבענע מאָמענטן פון זיין לעבן דערמאָנט זיך דער מענטש, אַז ער לעבט ניט נאָר פאַר זיך, אַז ער האָט אַ שליחות אויף דער וועלט און אַז ער טראָגט אחריות לגבי דעם עבר ווי לגבי די צוקונפטיקע דורות.

די שבתים און יום־טובים זיינען געווען ניט נאָר טעג פון אָפּרו און פרייד, נאָר אויך טעג פון הייליקייט, ווען דער מענטש האָט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זיינע וואָכעדיקע און פּערזענלעכע ענינים. דער עיקר אין שבת און יום־טוב איז געווען די יום־טובדיקייט, די נשמה־יתירה. אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטס־מענטשן האָבן היינט צוויי פרייע טעג אין וואָך. הייסט עס, אַז זיי האָבן צוויי שבתים? ניין! דאָס זיינען טעג, ווען מע אַרבעט ניט, אָבער אָן שבתדיקייט. מיר האָבן ביים יידישן פאָלקסמענטשן אַוועקגענומען דעם קידוש, די הגדה, די ברכות און די תפילות, אָבער זיין געמיט לעכצט נאָך יום־טובדיקייט און בלית ברירה איז ער געבליבן ביי די געפילטע פיש, ביי די קרעפּלעך און די פּסחדיקע קניידלעך. אַזוי האָט זיך מיט אונדזער הילף אויסגעפורעמט אַ נייער יידישער לעבנס־שטייגער, דער לעבנס־שטייגער פון "בויך־יידישקייט" (לויט מאַקס נאָרדויס אַן אויסדרוק).

ווער עס איז נאָר פעיק אויפמערקזאַם צו אַבסערווירן דאָס יידישע לעבן, וועט ניט קענען לייקענען, אַז רעליגיעזע שטימונגען און רעליגיעזע זוכענישן זיינען צווישן פשוטן עולם נאָך מער פאַרשפרייט ווי צווישן דער אינטעליגענץ. אויב דער גרעסטער טייל פון אונדז האָט עס ניט געזען, איז דערין שולדיק אויסשליסלעך אונדזער בלינדע משכילישע גאווה. עס קומט ניט זעלטן אויס צו הערן ווי מע רעדט ביי אונדז מיט ביטול און איראָניע וועגן דער בר־מצווה און יאָרצייט־יידישקייט. מיר פאַרגעסן דערביי בלויז די קלייניקייט, אַז דאָס איז אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס ריכטיק גראָד בנוגע אונדזער וועלטלעכער יידישקייט. אויב מען מאַכט ערגעץ ווו אַ קולטור אונטערנעמונג, אויב איר באַגעגנט מיטאָמאָל אין יידישע צייטונגען אַרטיקלען וועגן אַ יידישן שרייבער אָדער אַ פּאָליטישן טוער, דאַן קענט איר כמעט מיט זיכערקייט זאָגן: עס האַנדלט זיך וועגן אַ באַנקעט, אַ יובילעי אָדער אַ יאָרצייט. עס זיינען ביי אונדז אפילו פאַראַן קולטור־טוער, וואָס מיינען ערנסט, אַז מע קען פאַרבייטן די טראַדיציאָנעלע יידישע יום־טובים מיט פייערונגען פאַר מענדעלען, פּרצן, שלום עליכמען א״אַ. אונדזערע אַמאָליקע יידישע דיכטער זיינען פאַראייביקט געוואָרן דורך דעם, וואָס זיי האָבן געשריבן פיוטים פאַר די יום־טובים, היינט ווילן מיר מאַכן יום־טובים פאַר די פּאָעטן און מיר מיינען באמת, אַז דאָס איז אַ גרויסער קולטור־אויפטו. מיר מאַכן הזכרות נאָך אונדזערע פאַרשטאָרבענע שרייבער, מיר פּראַוועון יאָרצייטן נאָך אונדזערע פאַרשטאָרבענע פירער, מיר טוען אַלץ כדי אויפצוהיטן דעם אָנדענק און פאַראייביקן די נעמען פון אונדזערע גרויסע פּערזענלעכקייטן. אָבער ווען דער ייד וויל אויך אַ ביסעלע אייביקייט פאַר זיך אָדער פאַר זיין טאַטע־מאַמען, וואָס זיינען ניט געווען קיין ״גרויסע פּערזענלעכקייטן״, זיינען מיר שטאַרק אומצופרידן און ריידן ניט זעלטן מיט כעס וועגן די ״פאַראורטיילן״ פון די פינצטערע מאַסן.

אַ סך פון אונדזערע אַמאָליקע תנאים און אמוראים האָבן אויך פאַרמאָגט אַ היפּשע דאָזע לומדישע גאווה. עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַר די תלמידי־חכמים און צדיקים האָט מען רעזערווירט די בעסטע פּלעצער אין גן־עדן. זיי זיינען פונדעסטוועגן געווען אויף אַזויפיל דעמאָקראַטיש צו דערקלערן, אַז ״כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״, אַ שטיקעלע עולם הבא האָבן זיי געגעבן יעדן יידן. מיר, היינטיקע אויפגעקלערטע, מיינען, אַז פאַר די ״מאַסן״ איז גענוג עולם־הזה, אייביקייט איז דער חלק נאָר פון די גרויסע גייסטער און פירער. מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז אויך פאַרן פּראָסטן יידן איז ניט זעלטן אַ ברעקל אייביקייט, אַ שטיקעלע עולם־הבא, מער ווערט ווי די גאַנצע עולם־הזה. און יידן שטעלן יאָרצייט און זאָגן קדיש ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבן מורא פאַר גיהנום, נאָר ווייל אין אָט דעם ריטואַל אַנטפּלעקט זיך די טיף־מענטשלעכע אָנונג פון אייביקייט, די פאַרבינדונג פון דורות, דאָס אחריות־געפיל, וואָס האָט פון מענטשלעכע יחידים געשאַפן אַ קולטור־געמיינשאַפט.

אונדזערע וועלטלעכע קולטור־טוער קענען זיך אויך ניט געבן קיין עצה מיט אַזאַ ענין ווי בר־מצווה. ווען אַ יידישער שרייבער אָדער אַ יידישער כלל־

טוער פראַוועט אַ יובילײ פון זײַן 25־ אָדער 30־יאָריקער ליטעראַרישער אָדער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, איז עס ביי אונדז אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט און מע שרייבט אפילו וועגן דעם אין די גאַזעטן. אָבער ווען אַ פּראָסטער שניידער וויל פּראַוועט אַ שמחה, ווייל זײַן קינד, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל זאָרג און ליבע אויפגעהאָדעוועט, איז געוואָרן 13 יאָר, דאַן וווּנדערן מיר זיך. אפילו פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט וואָלטן מיר עס געמעגט פאַרשטיין, אַז אויפהאָדעווען קינדער און דערציִען זיי פאַר יידן איז גאָר ניט אין אַן ערך אַ גרעסערער נאַצ־אָנאַלער אויפטו ווי שרייבן ביכער און זיך עוסקן אין כּלל ענינים. אין בר־מצוה איז אָבער פאַראַן נאָך אַ טיפערער סוד, וואָס אַ וועלטלעכער מענטש קען עס ניט משיג זײַן: בר־מצוה הייסט נעמען אויף זיך מצוות, פליכטן און שליחות, נעמען אויף זיך יידישקייט, ווייל עס איז שווער צו זײַן אַ ייד. אויב יידן וועלן בלייבן אַ פאָלק, אויב יידישע קולטור וועט אויפגעהיט ווערן, וועט עס נאָר קענען געשען דאַן, ווען בר־מצווה וועט ווידער קריגן איר תחילתדיקן זין, און די יידישע יוגנט וועט ווייטער שפּינען דעם פאָדעם פון אונדזער טויזנט־יאָריקער געשיכטע און קולטור.

אויב די ברייטסטע יידישע פאָלקסשיכטן קלאַמערן זיך נאָך הייַנט אָן די רעשטלעך פון אונדזער אַלטער טראַדיציע, אויב דאָס רוב יידן גייען יום־כיפור אין שול, היטן אָפּ יאָרצייט, באַמיִען זיך צו געבן די קינדער אַ ברעקל יידישע דערציִונג, איז עס דער בעסטער באַווייז, אַז דער פּשוטער ייד איז אומרוּיִק, אַז דאָס פאָלק זוכט און בלאָנדזשעט. עס איז הייַנט איבעריק צו באַווייזן, אַז אונדזער וועלטלעכע קולטור האָט ניט געגעבן און קען ניט געבן קיין ענטפער אויף אָט די איראַציאָנאַלע, מיסטישע פאַרלאַנגען פון אונדזער דור. עס איז קודם כּל וויכטיק צו דערקענען, אַז דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דער שעפערישער דראַנג צו נייע פאָרמען און אַ נייעם אינהאַלט פון רעליגיעזן לעבן. רעליגיע איז ניט בלויז טראַדיציע. עס איז אַ שעפערישער פּראָצעס, וואָס באַווייזט זיך ביי פאַרשיידענע פעלקער און אין פאַרשיידענע צייטן אין פאַרשיידענע לבושים. עס איז אַ טעות, ווען מע מיינט, אַז רעליגיע איז מעגלעך נאָר אין אַלטע פאַרגליווערטע פאָרמען. די נביאים, וועלכע האָבן צעשטערט די געטער־בילדער, די אַלטע במות און מזבחות, וואָס זיינען ביים פאָלק געווען שטאַרק באַליבט, האָבן דערמיט לגמרי ניט געמינערט די קראַפט פון דער יידישער אמונה. אין דער אַלטער רוימישער און גריכישער וועלט האָט מען אפילו אָפט באַשולדיקט די יידן אין גאָטלאָזיקייט, ווייל זיי האָבן ניט קיין געטער־בילדער. די געשיכטע האָט אָבער באַוויזן, אַז דער יידישער "אַבסטראַקטער" גאָט האָט געהאַט אין זיך מער לעבן ווי די "קאָנקרעטע" געטער פון דער אַלטער וועלט. אויך דער גלויבן פון אונדזער צייט מוז געבראַכט ווערן אין הסכם מיט אונדזער וועלטבילד און מיט אונדזערע הייַנטיקע מאָראַלישע פאָדערונגען און אידעאַלן. עס מוז געשאַפן ווערן אַ נייע רעליגיעזע געמיינדע, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן דעם אויפבוי פון אַ העכערער און גערעכטערער סאָציאַלער אָרדענונג.

*

נאָוועמבער, 1941

עס איז געווען אַ צייט, ווען מע האָט אין אונדזערע סאָציאַליסטישע און יידישיסטישע קרייזן דאָס וואָרט רעליגיעזע יידישקייט אפילו ניט געטאָרט דערמאָנען. היינט, באַזונדערס דאָ אין אַמעריקע, איז מען ליבעראַלער. מייסטנס קוקט מען אָבער נאָך אַלץ מיט ביטול אויף אָט דער "נייע מאָדע". עס ווילט זיך ניט מודה זיין, אַז עס איז טאַקע אַן ערנסטער ענין, און מע באַטראַכט עס מער ווי אַ "שוואַכקייט" פון אַ געוויסער שיכט פון דער יידישער אינטעליגענץ. און היות מע האָט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט, איז דאָס גאַנצע פּראָבלעם שוין געלייזט. וואָרעם ווערטער האָבן נאָך אויך היינט אַ מאַגישן כוח. מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק, למשל, האָט מען געקענט דערהרגענען אַ מענטשן מיטן וואָרט "קליינבירגערלעך", הגם קיינער האָט גענוי ניט געקענט זאָגן, וואָס דאָס איז אַזוינס און פאַרוואָס קליינבירגערלעך מוז תמיד זיין שלעכט. פּאַרקערט, האָט מען געקענט ראַטעווען די געפערלעכסטע סיטואַציע מיטן כישוף־וואָרט "דיאַלעקטיק". עס איז ממש ניט געווען אַזאַ אומזין, וואָס זאָל זיך ניט לאָזן באַווייזן "דיאַלעקטיש". עס וועט מחמת דעם ניט זיין איבעריק צו דערמאָנען, אַז נאָך בערך מיט 40 יאָר צוריק איז געווען אַ "מאָדע" אויף קאָסמאָפּאָליטיזם. דאָס רוב סאָציאַליסטן זיינען דעמאָלט נאָך געווען זיכער, אַז ליבע צום אייגענעם פאָלק איז אַן ענין, וואָס די בורזשואַזיע האָט אויסגעטראַכט. "דער פּראָלעטאַריער האָט ניט קיין פאָטערלאַנד". די באַציונג פון יידישע סאָציאַליסטן צו יידיש און יידישער קולטור איז אָפט געווען ניט קיין סך בעסער ווי צו רעליגיע. דעם "בונד" איז נאָך אויסגעקומען צו פירן שווערע קאַמפן, ווען ער האָט פאָרמולירט זיין פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. כמעט אַלע פירנדיקע טוער פון דער רוסישער און פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָבן אים דערפאַר באַשולדיקט אין שאָוויניזם. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און "אַסימילאַציע" איז געוואָרן אַ זידלוואָרט. די געפאַרן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די נאַציאָנאַלע אַמביציעס פון די איינצלנע פעלקער, זיינען היינט אוודאי ניט קלענער ווי מיט 40—50 יאָר צוריק און דאָך איז די באַציונג פון דער סאָציאַליסטישער וועלט צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע היינט גאָר אַן אַנדערע ווי דעמאָלט. וואָס האָט זיך זינט יענער צייט געענדערט? דער ענטפער איז גאָר איינפאַך: מיר האָבן זיך אַרומגעזען, אַז צוגעבונדנקייט צום אייגענעם פאָלק איז ניט קיין "פאָראורטייל", נאָר אַ נאַטירלעכער מענטשלעכער געפיל, וואָס לאָזט זיך ניט אונטערדריקן און וואָס קיין שום "אויפקלערונג" קען אים ניט באַזייטיקן. עס איז ריכטיק, אַז די נאַציאָנאַלע פּראָפּאַגאַנדע ווערט גאָר אָפט באַנוצט ווי אַ מיטל אָפּצונאַרן דאָס פאָלק אין די אינטערעסן פון באַשטימטע קלאַסן און גרופּן. אָבער קיינער וועט ניט נעמען אין האַנט קיין פאַלשע מטבע, אויב זי וועט ניט אויסזען ווי אַן אמתע. אויב פעלקער לאָזן זיך אַזוי אָפט פאַרפירן פון נאַציאָנאַלן משוגעת, איז דאָס דער בעסטער באַווייז, אַז דאָס נאַציאָנאַלע געפיל איז עכט און טיף מענטשלעך. ווען עס וואָלט ניט געווען קיין אמתער נאַציאָנאַליזם, וואָלט ניט געווען מעגלעך דער פאַלשער נאָכגעמאַכטער נאַציאָנאַליזם.

אין דער תקופה פון שכל און אויפקלערונג האָט, פאַרשטייט זיך, אויך דער סאָציאַליזם געמוזט באַקומען אַ "וויסנשאַפטלעכע" באַגרינדונג. די מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן האָבן כסדר געהאַלטן אין טענהן, אַז זיי זיינען סאָציאַליסטן ניט דערפאַר, ווייל זיי שטרעבן צו אַ מער גערעכטן סדר העולם ווי די "אוטאָפּישע" סאָציאַליסטן, נאָר ווייל די אָביעקטיווע באַדינגונגען פירן אומפאַרמיידלעך צום אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם און דער איינפירונג פון אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. היינט זיינען שוין פאַראַן ערנסטע מאַרקסיסטן, וואָס צווייפלען אין דער דאָזיקער אומפאַרמיידלעכקייט און וועלכע גלייבן, אַז אַ חוץ די אָביעקטיווע באַדינגונגען וועט מען נאָך אויך מוזן מאָביליזירן יענע מאָראַלישע כוחות, צו וועלכע עס האָט אַפּעלירט דער אויסגעלאַכטער אוטאָפּישער סאָציאַליזם. אַלע פּרוּוון פון סאָציאַליסטישער רעאַליזירונג, צו זיי זיינען געמאַכט געוואָרן פון קאָמוניסטן אָדער דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן, האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דורכפאַלן. דער פּאָליטישער, דער וועלטלעכער סאָציאַליזם, האָט דעם היסטאָרישן עקזאַמען ניט אויסגעהאַלטן. און דאָך הייסט עס ניט, אַז מיר דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון סאָציאַליזם. דער בעסטער באַווייז, אַז די סאָציאַליסטישע אידייע לעבט און ווירקט ווייטער, איז דער פאַקט, וואָס עס איז פאַראַן אַ פאַלשער, אַ נאָכגעמאַכטער סאָציאַליזם. די רעאַקציע וואָלט קיינמאָל ניט באַנוצט קיין סאָציאַליסטישע פראַזעאָלאָגיע, אויב אין פאָלק וואָלט ניט געווען לעבעדיק די בענקענעש נאָך אַ בעסערן סדר, נאָך סאָציאַלער גערעכטיקייט. דערמיט דערקלערט זיך די הצלחה פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע עבודה זרה איז אַ באַווייז אַז עס איז פאַראַן אַ עכטער, אַ לויטערער סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע חלומות פון דורות און פעלקער זיינען מהאי טעמא פאַר אונדז ניט ווייניקער וויכטיק ווי דער וויסנשאַפטלעכער אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. און אויב מיר הערן איצט פון צייט צו צייט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט דעם רוף: צוריק צום אוטאָפּישן סאָציאַליזם, איז דאָס ניט קיין אויסגעשריי פון יאוש, נאָר פאַרקערט — פון אַ טיפערן און שטאַרקערן גלויבן אין סאָציאַליזם.

עס איז שוין צייט זיך צו באַפרייען פון דעם כישוף פון פראַזעס און פסוקים, וואָס האָבן אַמאָל, ביי גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען, אפשר געהאַט אַ זין, וואָס זיינען אָבער היינט אינגאַנצן אויסגעלעבט. סאָציאַליזם און וועלטלעכע יידישקייט זיינען פונקט אַזוי ווייניק וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט ווי רעליגיע. יידישיזם איז ניט ווייניקער מיסטיק ווי יידישקייט. מיר האָבן דאָ בכלל צו טאָן מיט ענינים, וואָס ליגן מחוץ דעם גבול פון וויסנשאַפטלעכן דענקען. מיר זיינען יידן, ווייל מיר ווילן יידיש לעבן; מיר זיינען סאָציאַליסטן, ווייל מיר ווילן סאָציאַליזם און מיר גלויבן, ווייל מיר ווילן און ווייל מיר מוזן גלויבן.

מען באַשולדיקט אונדז, די "גאַטזוכער", אַז מיר רופן דאָס יידישע פאָלק צוריק אין געטאָ. אָבער אַ יידישע קולטור, אין וואָס פאַר אַ פאָרם עס זאָל ניט זיין, פאָדערט אַ געוויסע אָפּגעזונדערטקייט פון דער אַרומיקער וועלט.

ניט נאָר דאָס יידישע פאָלק, נאָר אויך די גאַנצע אייראָפּעיש־אַמעריקאַנישע

קולטור וועט ניט האָבן קיין קיום, אויב דער עולם הזהדיקער וועלטלעכער שטראָם וועט ווייטער באַהערשן אונדזער לעבן. אָן אַ טיפער עטיש־רעליגיעזער רענעסאַנס וועלן אויך די ראַדיקאַלסטע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע רעפאָרמעס ניט האָבן קיין שום פּעולה. מיר מוזן ניט נאָר ענדערן די באַדינגונגען, נאָר אויך די מענטשן. און דאָס איז ניט מעגלעך, אויב אונדז וועט זיך ניט איינגעבן ווידער צו עפענען די קוואַלן פון הייליקייט און ליבע.

אויב גאָט וואָלט ניט געווען, וואָלטן מיר אים ניט געקענט אויסטראַכטן. די מענטשן דינען, אמת, גאָר אָפט צו עבודה זרהס, אָבער גראָד דערפון קענען מיר לערנען ווי שטאַרק, ווי טיף איינגעוואָרצלט עס איז ביים מענטשן דאָס רעליגיעזע געפיל. רעליגיע איז אָבער ניט נאָר א ענין פון וועלטאַנשויונג, עס איז ניט נאָר אַ ענטפער אויף די רעטענישן פון וועלט און לעבן. רעליגיע איז אין דער ערשטער שורה אַ באַשטימטער אופן פון לעבן, פון אויפפירן זיך. גלויבן אָן מצוות איז ווי אַ נשמה אָן אַ גוף. רעליגיע איז קודם כל דער רוף צו מעשים און פליכטן. דו זאָלסט! דאָס איז דער אָנהייב פון דער מענטשלעכער קולטור.

איך גלויב, אַז עס איז שווער צו קומען צו אַ העכערער מער געלייטערטער אמונה, אויב מען איז ניט דורכגעגאַנגען דעם עטאַפּ פון ניט־גלויבן. די השכלה איז ניט געווען אינגאַנצן אומגערעכט מיט איר קאַמף קעגן די אַלטע פאָרמען פון יידישן לעבן. זי האָט בלויז געזינדיקט מיט דעם, וואָס זי האָט צוזאַמען מיט דער שאָלעכץ אויך אַרויסגעוואָרפן דעם געזונטן קערן פון דער אַלטער יידישקייט און האָט געמאַכט דעם שכל פאַרן פּוסק אחרון. גאָט אָנטפּלעקט זיך ניט צו יענע, וואָס האָבן אים, נאָר צו די, וואָס זוכן אים. גאָר אַ סך צרות איז געקומען אויף דער וועלט פון די, וואָס האָבן שוין געענדיקט זוכן און וואָס האָבן געגלויבט, אַז זיי האָבן שוין דעם פולן, דעם ענדגילטיקן אמת. אמתע פרומקייט ווערט נאָך אין תנ״ך באַצייכנט מיטן אויסדרוק (דרשו את השם וחיו) ״זוכן גאָט״.

די געפאַר פון אַ פאַרגליווערטער, בלויז אויסערלעכער, יידישקייט איז ניט קלענער ווי פון אַ גרינגער יידישקייט, וואָס קאָסט גאָרניט און וואָס איז דערפאַר גאָרניט ווערט. רעליגיע איז אַ סך מער ווי צערעמאָניעס און לעבנסשטייגער. איר העכסטן אויסדרוק געפינט די אמונה אין דער אידייע פון קרבן און שליחות, פון נעמען אויף זיך פרייוויליק פליכטן און אויפגאַבן. דער רעליגיעזער העלד איז דער נזיר, דער אַסקעט, דער הייליקער, וואָס נעמט אויף זיך מצוות, וועלכע קיינער איז געוויינלעך ניט מחויב אָפּצוהיטן. די וויכטיקסטע קרבנות זיינען שוין אין דער ביבלישער צייט געווען נדרים און נדבות, ד״ה, פרייוויליקע אָפּגאָבן. לויט דער ביבלישער טראַדיציע האָבן יידן אפילו די תורה גענומען אויף זיך פרייוויליק. ווען משה איז אַראָפּ פון בארג סיני און האָט פאַרן פאַרזאַמלטן פאָלק פאַרגעלייענט די תורה האָט דאָס גאַנצע פאָלק געענטפערט ״נעשה ונשמע״. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון רעליגיעזן געדאַנק באַגעגענען מיר דאָ די אידייע פון אַן אָפּמאַך (ברית) צווישן גאָט און מענטש. יידן זיינען פאַרפליכטעט אָפּצוהיטן די מצוות ניט, מחמת גאָט האָט זיי געבאָטן, נאָר ווייל זיי האָבן עס אַליין אויף

זיך געגומען. נאָך קלאָרער קומט דער דאָזיקער געדאַנק צום אויסדרוק אין יהושע כ״ד. נאָכדעם ווי די יידן האָבן איינגענומען דאָס לאַנד כנען, דערציילט אונדז דער מחבר, האָט יהושע פאַרזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל און ווענדט זיך צו זיי מיט די ווערטער: קלייבט אייך איצט אויס, וועמען ווילט איר דינען (בחרו לכם היום את מי תעבודון), צי די געטער, וואָס אייערע עלטערן האָבן געדינט אויף יענער זייט טייך, צי די געטער פון די אמורים, וואָס איר וווינט אין זייער לאַנד? אָבער איך און מיין פאַמיליע וועלן דינען ה׳. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט: חלילה, מיר זאָלן פאַרלאָזן ה׳ צו דינען פרעמדע געטער! (חלילה לנו מעזב את ה׳ לעבד אלהים אחרים)״. יהושע חזרט איבער די פראַגע און דאָס פאָלק ענטפערט צום צווייטן מאָל ״לא כי את ה׳ נעבד״ (ניין, נאָר ה׳ וועלן מיר דינען). די דאָזיקע פייערלעכע סצענע פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער: ״ויאמר יהושע אל העם עדים אתם בכם כי אתם בחרתם לכם את ה׳ לעבד אותו ויאמרו עדים (און יהושע האָט געזאָגט צום פאָלק: איר זייט עדות, אַז איר אַליין האָט אויסגעקליבן ה׳ אים צו דינען, און זיי האָבן געזאָגט עדות.

אָט די אידעע פון פרייוויליק נעמען אויף זיך אַ אמונה, אַ תורה און מצוות, האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע וועלט־היסטאָרישע ווירקונג. אין תוך גענומען שטעקט דאָ שוין דער געדאַנק, וועלכן מיר באַגעגענען אין דער שפּעטערדיקער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור, אַז יעדער דור און יעדער יחיד דאַרף באַנייען זיין בונד מיט גאָט. ביי די נביאים געפינען מיר אפילו די אידעע פון אַ נייעם בונד, וואָס גאָט וועט שליסן מיט די יידן אין דער צוקונפט. אַלע רעליגיעזע רעפאָרמעס אין דער ביבלישער צייט (יאשיהו, עזרא) זיינען דערפאַר דורכגעפירט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ בונד צווישן פאָלק און גאָט.

איך בין דערמיט לחלוטין ניט אויסן צו באַווייזן מן התורה, אַז מען מעג דורכפירן רעפאָרמעס. פּסוקים קען מען געפינען גענוג פאַר און קעגן. די רעפאָרמעס זיינען שוין אגב דורכגעפירט געוואָרן און אביסל צופיל. איך האָב דאָ געוואָלט בלויז אָנווייזן אויף אָט דער צענטראַלער אידעע, וועלכע אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם טיפערן זין פון רעליגיעזן לעבן און וואָס איז באַזונדערס וויכטיק פאַר אונדז אין דער איצטיקער צייט.

די באַפּטיסטישע סעקטעס האָבן פאַרשטאַנען די גרויסע באַדייטונג פון פרייוויליקייט און זיי פירן דערפאַר דורך די צערעמאָניע פון טבילה (דאָס אריינ־נעמען אין דער קריסטלעכער געמיינדע) ניט ביי קינדער, נאָר ביי דערוואַקסענע, וועלכע פאַרשטייען די באַדייטונג פון די פליכטן, וואָס זיי נעמען אויף זיך.

מענטשן קענען דינען גאָט אויף פאַרשיידענע אופנים און אָפט אפילו בלא יודעים. עס וואָלט אָבער געווען א טעות צו לייקענען, אַז דער איינצלנער מענטש איז מייסטנס שוואַך און קען זיך אַליין מיט אייגענע כוחות ניט באַפרייען פון די טעגלעכע זאָרגן און פון דעם עול פון דער וועלט. דערפאַר זיינען נויטיק אויסער־לעכע פאָרמען און נאָרמעס, וואָס זאָלן העלפן דעם מענטשן און אים ווייזן, וואָס

מע מעג און וואָס מע טאָר ניט, ווען ער דאַרף אַרבעטן פאַר זיך און ווען ער דאַרף טראַכטן וועגן אַנדערע, וועגן דער וועלט. מיר מוזן אָבער דערביי האָבן אין זינען, אַז מיר קענען זיך שטעלן נאָר אַזעלכע אויפגאַבן, וואָס מיר זיינען אימשטאַנד זיי דורכצופירן. דאָס וואָס איך זאָג דאָ ווייטער, זיינען בלויז ראשי פרקים, וואָס קענען אויסגעפילט ווערן ניט דורך אַ יחיד, נאָר דורך אַ ציבור.

קודם כל מוזן מיר ווידער אַריינברענגען הייליקייט אין אונדזער יידיש לעבן. עס מוז נעמען אַ סוף צו דער ענדלאָזער וואָכעדיקייט. אין דער יידישער פרעסע האָט מען לעצטנס אויפגעהויבן די פראַגע וועגן אַ יידישן טאָג. אין אָט דער אידעע איז בלי ספק פאַראַן אַן ערנסטער קערן. אַזאַ יידישער טאָג, וואָס זאָל אָפרייסן דעם יידן פון זיינע עולם הזהדיקע אינטערעסן, פון תאוות און אַמביציעס, פון קנאה און שנאה איז ביי אונדז געווען. און זיין נאָמען איז שבת. די ווידעראויפלעבונג פון שבת טאָר זיך ניט באַגרענעצן מיט פרייטיק צונאַכטיקע ליטעראַריש־קינסט־לערישע אונטערנעמונגען פון דעם עונג־שבת טיפ. עס מוז ווידער ווערן אין אַ געוויסער מאָס אַ הייליקער שבת, וואָס זאָל דעם פשוטן יידן ווידער ברענגען זיין נשמה יתרה. עס מוז לפחות אויסגעטיילט ווערן אַ טייל פון שבת, ווען סיי די דערוואַקסענע, סיי די קינדער, לעבן נאָר ווי יידן, ריידן נאָר יידיש (געווען אַמאָל פרומע יידן, וואָס פלעגן שבת ריידן נאָר לשון קודש), לייענען אַ יידיש ספר, קומען זיך צונויף און אינטערעסירן זיך נאָר מיט יידישע ענינים. עס מוז ווידער געשאַפן ווערן אַ סטיל פון פייערן שבת אין פאַמיליען־קרייז. די יידישע שול און די יידישע דערציִונג בכלל מוז דעם שבת אַריינעמען ווי אַ צענטראַלן עלעמענט פון יידיש לעבן. און מיר מוזן אויך האָבן דעם מוט צו פאָדערן, אַז געוויסע זאַכן טאָר מען שבת ניט טאָן (אַ שטייגער שפילן אין קאָרטן און ניט דווקא דאָס) עס מוז ווידער אויפגעלעבט ווערן דאָס געפיל, וואָס האָט ניט דערלאָזן חילול שבת.

נאָר ווען שבת וועט ווערן אַ הייליקער טאָג, וועט ער קענען דערפילן די פונקציע פון אַ יידישן טאָג.

יידישקייט איז אייגנטלעך נאָך מער ווי רעליגיע אין געוויינלעכן זין. יידן זיינען געווען אַ רעליגיעזער אָרדן און נאָר אויף אַזאַ אופן האָבן זיי זיך געקענט אויפהאַלטן. עס האָבן אין אונדזער לעבן שטענדיק געקעמפט צוויי עקסטרעמען... דאָס טעגלעכע לעבן האָט אונדז כסדר געשלעפט באַרג אַראָפ. דער גלויבן אָקעגן האָט אונדז אויפגעהאַלטן און תמיד ווידער אויפגעהויבן. פאַר דער לעצטער צייט לאָזן זיך מערקן אין יידישן לעבן סימנים פון מאָראַלישער ירידה. דער יחיד פאַרגעסט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס ער איז שולדיק דער וועלט און זיינע מיט־מענטשן. נאָר אַ ראַדיקאַלע ענדערונג פון אונדזער דערציונג און אונדזער גאַנצער מאָראַלישער האַלטונג לגבי זיך און דער וועלט, ווו די אידעע פון פליכט און שליחות זאָל שפילן אַ רעגולירנדיקע ראָל, קען דאָ העלפן.

אין צענטער פון אונדזער קולטור און דערציונגס־אַרבעט מוז ווידער אַוועק־געשטעלט ווערן — די פאַמיליע. אויב מיר וועלן ניט באַוויזן אַריינצוברענגען יידישע קולטור אין דער יידישער היים, איז אונדזער גאַנצע אַרבעט אַרויסגעוואָרפן.

עס איז בכלל ניט מעגלעך, באַזונדערס ביי יידן, קיין נאַציאָנאַלע קולטור אָן אַ פאַמיליע־קולטור. אָן עכטן רעספּעקט צו די עלטערן איז ניט מעגלעך קיין רעספּעקט צום פאָלק, צו וועלכן זיי געהערן. יידן קענען זיך איינהאַלטן נאָר ווי אַ פאָלק מיט אַ יחוס־געפיל. דערפאַר האָבן אַזעלכע מנהגים ווי יאָרצייט, אין וואָס פאַר אַ פאָרם מע זאָל עס ניט דורכפירן, גאָר אַ טיפן זין. דאָס וויכטיקסטע אָבער איז צו וויסן, אַז יחוס גיט ניט קיין פּריווילעגיעס, נאָר פאַרקערט — יחוס פאַרפליכטעט.

אַ וויכטיקער כלל איז, צו וויסן, אַז עס זיינען פאַראַן פליכטן פון מענטש צו מענטש. מיר האָבן שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט דעם געביט, ווייל מיר האָבן געגלויבט, אַז די ענדערונג פון סאָציאַלן סדר וועט אויטאָמאַטיש לייזן אַלע פּראָבלעמען און מיר האָבן דערביי אַרויסגעלאָזן פון אויג דאָס שווערסטע פּראָבלעם — דעם מענטשן. מיר האָבן אַחוץ דעם אין משך פון די לעצטע דורות אַזויפיל געמוזט קעמפן פאַר אונדזערע רעכט, אַז מיר האָבן אין גאַנצן פאַרגעסן אָן אונדזערע פליכטן. דאָס האָט אויך דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס איז געווען אויפגעבויט אויפן פּרינציפּ פון אינטערעסן און פאָדערונגען, געבראַכט אַ געוואַלטיקן שאָדן. עס איז דערביי כאַראַקטעריסטיש, וואָס גראָד די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, די יוניאָנס, זיינען אויפגעבויט אויף ריין געשעפטלעכע, בירגער־לעכע פּרינציפּן: די יוניאָן האָט צו זאָרגן נאָר פאַר מיטגלידער און אַ מיטגליד איז נאָר יענער, וואָס צאָלט מיטגלידס־אָפּצאָל. די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע אָקעגן — שטעלט אויפן ערשטן פּלאַץ דעם פּרינציפּ פון קרבן. איך בין פאַר־פליכטעט צו העלפן, אפילו ווען דער נצרך איז אַ ווילד פרעמדער. די רעליגיע האָט געשאַפן דעם אינסטיטוט פון אַזיל־רעכט און הכנסת אורחים, די געשעפט־לעכע מאָראַל אָקעגן לערנט, אַז "פרעמדע" האָבן נאָר דאָן רעכט צו אַרבעטן, ווען די "אייגענע" זיינען באַזאָרגט. אָט די איינטיילונג פון דער וועלט אין אייגענע און פרעמדע, אין בעלי בתים און שכנים איז דורך און דורך אַנטירעליגיעז, ווייל די וועלט געהערט דעם רבונו של עולם און מיר זיינען אַלע שכנים אויף איר. ניט אומזיסט האָט די תורה דאָס באַוועלענען פון שוצלאָזע אורחים באַטראַכט ווי די גרעסטע זינד, די זינד פון סדום. אַזאַ וועלט, זאָגט דער ביבלישער דיכטער, האָט געמוזט אונטערגיין!

די מצוות פון בין אדם לחבירו באַגרענעצן זיך ניט מיטן געביט פון עקאָנאָ־מישע אינטערעסן. ניט ווייניקער געפערלעך זיינען די קאָנפליקטן צוליב אַמביציעס, מאַכט און כבוד. די לעצטע צוואַנציק יאָר פון סאָציאַליסטישער פּראַקטיק לערנען אונדז, אַז קיין שום פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע רעפאָרמען קענען ניט באַזייטיקן אָט דעם געפערלעכסטן מקור פון מענטשלעכע קאָנפליקטן. נאָר אַ רעליגיעזע קולטור קען דעם מענטשן דערציען צו חברשאַפט, הכנעה און באַשיידנקייט; נאָר אַ געלייטערטע רעליגיעזע קולטור קען אַרויסברענגען דעם טיפּ פון דעם הייליקן, וואָס איז ניט קיין פירער, ניט קיין העלד, נאָר אַ דינער פון כלל, וואָס לעבט ניט מיט זיך, נאָר מיט דער זאַך, וואָס פאַרלאַנגט גאָרניט, נאָר איז אַלץ מקריב.

אַ רעליגיעזע קולטור קען געשאַפֿן ווערן נאָר בציבור, אין די ראַמען פֿון אַ רעליגיעזער געמיינדע. די גאַנצע מאָדערנע קולטור, באַזונדערס דאָס גרויס־שטאָטישע לעבן, האָט די טענדענץ צו פֿאַרשטאַרקן דעם מעכאַנישן, געשעפֿטלעכן עלעמענט אין די באַציונגען צווישן מענטשן. אין דער מאָדערנער מלוכה, אין דער גרויסער שטאָט, אין דער פֿאַבריק, איז דער יחיד ניט קיין לעבעדיקע פּערזענלעכ־קייט, נאָר א נומער, אַ מעכאַנישער טייל פֿון אַ גרויסער מאַשין. ער איז איינער פֿון אַ מאַסע, און זיין פּריוואַט לעבן, זיינע פּערזענלעכע פֿריידן און ליידן, קענען קיינעם ניט אינטערעסירן. אויך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך ניט געקענט באַפֿרייען פֿון אָט דעם מאַסן־געפֿיל. אין דער קליינער געמיינדע, אין דאָרף אָדער אין קליינעם שטעטל אָקעגן, איז יעדער יחיד געווען אַ פּערזענלעכקייט, איז געווען אָרגאַניש איינגעגלידערט אין אַ געמיינשאַפֿט. אַלע האָבן איינע די אַנדערע פּערזענלעך געקענט, געשעענישן פֿון פּריוואַטן לעבן זיינען געווען אַ ענין פֿון גאַנצן כלל. דער היינטיקער מענטש קען אָפּלעבן יאָרן אין אַ גרויסער שטאָט און בלייבן אַזוי עלנט ווי ער איז געקומען, אָן חברים, אָן פֿריינד און אָן באַקאַנטע. מענטשן לעבן, מענטשן ליידן, מענטשן שטאַרבן אין אונדזערע היינטיקע גרויסע שטעט, און קיינער ווייס ניט, קיינער קימערט זיך ניט.

אויך דאָס מאָדערנע קולטורלעבן האָט פֿאַרלאָרן דעם עלעמענט פֿון נאָענט־קייט, וואַרעמקייט און אינטימקייט. די יידישע רעליגיע האָט געשאַפֿן די געמיינדע־קולטור, די רעליגיעזע עדה מיטן בית תפילה אדער דעם בית מדרש אלס צענטער, וועלכע די קריסטלעכע קירך האָט איבערגענומען. די מתפללים אין בית מדרש האָבן געבילדעט איין אידעישע משפחה, דער פֿירער פֿון דער געמיינדע, דער רב, איז געשטאַנען אין דעם נאָענטסטן קאָנטאַקט מיט די מיטגלידער פֿון זיין עדה. דער פּשוטסטער ייד איז אין זיין בית מדרש, אין זיין מנין, געווען אַ לעבעדיקע פּערזענלעכקייט און האָט פֿאַרנומען אַ מער ווייניקער קענטיקן פּלאַץ.

מענטשן זוכן פֿריינדשאַפֿט, נאָענטקייט, ברודערשאַפֿט. דער יחיד קען זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט אַ פּאַסיווער ראָל. ער וויל ניט זיין בלויז אַ צוהערער. די מאָדערנע וועלטלעכע קולטור קען אים די דאָזיקע מעגלעכ־קייטן ניט געבן, די רעליגיעזע געמיינדע דאַקעגן האָט געשאַפֿן און קען שאַפֿן אַ קולטור געמיינשאַפֿט ווו יעדער יחיד זאָל געפֿינען זיין פּלאַץ. דער רעליגיעזער ריטואַל גיט דעם מענטשן דאָס געפֿיל פֿון אַקטיווער באַטייליקונג אין די געשעענישן פֿון דער וועלט און מאַכט אים אַ שותף צו מעשי בראשית. אונדזער וועלטלעכע קולטור איז באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פֿון תורה, פֿון טרוקענער תורה, בעת עכטע פֿאָלקס־קולטור קען קומען צום אויסדרוק נאָר אין דער פֿאָרם פֿון עבודה.

דאָס חרובֿע יידישע לעבן קען אויפֿגעבויט ווערן נאָר פֿון אונטן. מיר מוזן אָנהייבן מיט דער נייער געמיינדע, מיט דער בילדונג פֿון קליינע רעליגיעזע עדות, וואָס שטעלן זיך דעם ציל מקיים צו זיין לפּחות די וויכטיקסטע מצוות פֿון בין אדם לחברו און בין אדם למקום. עס מוז נעמען אַ סוף מיטן מאַכן סאָציאַליזם פֿאַר

אַנדערע, פון פּראָדוצירן קולטור פאַרן מאַרק. מיר מוזן אָנהייבן פון זיך אַליין. דער אָנהייב קען זיין נאָר אַ באַשיידענער, דער וועג איז אַ שווערער, אָבער, ווי איך גלויב, אַ ריכטיקער.

דעצעמבער, 1941

*

נאָך אַ מאָל וועגן אַלטער און נייער יידישקייט

נאָך אַן ערך מיט 40 יאָר צוריק האָבן סאָציאַליסטן און קודם כל יידישע סאָציאַליסטן געקוקט מיט גרויס חשד אויף אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו נאַציאָנאַלער קולטור און צו נאַציאָנאַלער אַרבעט. יידישע און ניט־יידישע סאָציאַ־ליסטן האָבן דעמאָלט ניט געקענט פאַרשטיין, צו וואָס איז נויטיק אַ באַזונדערע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. ביסלעכווייז האָבן מיר זיך אויסגעלערנט צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן נאַציאָנאַל און נאַציאָנאַליסטיש. הייַנט צו טאָג ווייסט שוין קיין שום מענטשן ניט איינפאַלן צו זאָגן, אַז נאָר יענער ייד, וואָס פאַרלאָזט זיין פאָלק און קולטור, ווי דאָס האָבן געטאָן אונדזערע ערשטע סאָציאַליסטישע אסימילאַטאָרן אין אַלטן רוסלאַנד, קען זיין אַ סאָציאַליסט. די געפאַר פון נאַציאָ־נאַליזם איז אין די לעצטע יאָרן געוויס ניט געוואָרן קלענער. קיינער מאַכט אָבער דערפון ניט דעם אויספיר, אַז מע מוז צוליב דעם בכלל מאַכן אַ סוף צו דער עצם עקזיסטענץ פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס און באַזונדערע נאַציאָנאַלע קולטורן.

אויב נאַציאָנאַלע קולטור איז שוין היינט לכל הדעות כשר, האַלטן מיר אָבער נאָך ניט אַזוי ווייט מיט רעליגיע. אונדזערע ראַדיקאַלן און פרייַדענקער קענען זיך נאָך ניט אָפּזאָגן פון דעם אַלטן פּזמון, אַז רעליגיע איז רעאַקציע, רעליגיע איז פינצטערניש. עס איז דערפאַר ניט קיין חידוש, וואָס מיינע אַרטיקלען וועגן אַלטער און נייער יידישקייט האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט ביי אַ סך פרומע אַפּיקורסים. אַט באַווייזט מען, למשל, ניט מער און ניט ווייניקער, אַז איך בין באַאיינפלוסט פון דער היטלעריסטישער אידעאָלאָגיע. און, אַז מיין פּרוּוו צו "כשרן רעליגיע" און די אַלטע יידישקייט איז "נאַציסטיש־פאַשיסטיש־רעאַקציאָנעריש".

פאַרפאַלן! איך זע, אַז איך בין פאַרמשפּט. וויל איך בלויז בעטן מיינע שטרענגע ריכטער, מע זאָל צוזאַמען מיט מיר אָוועקזעצן אויפן באַשולדיקונגס־באַנק נאָך אייניקע פאַרברעכער פון דעם זעלביקן מין. דער פּרוּוו צו "כשרן" ניט נאָר דעם גלויבן אין גאָט נאָר אפילו דעם גלויבן אין השארת הנפש האָט שוין געמאַכט פריער פאַר מיר אַזאַ ערנסטער סאָציאַליסטישער דענקער ווי מאַקס אַדלער. רעליגיעזע סאָציאַליסטן האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין שווייץ. דער געפערלעכסטער "נאַציסטיש־ פאַשיס־

טישער רעאַקציאָנער״ (לויט דער דעפיניציע פון מיינעם אַ קריטיקער) איז אָבער געוועזן לעוו טאָלסטאָי. ער האָט כידוע גאָר שטאַרק קריטיקירט די השכלה (אויך ביי די אומות העולם איז געווען אַ השכלה־באַוועגונג) און ער האָט דערצו נאָך גערופן די וועלט תשובה צו טאָן און זיך אומקערן צוריק צום גלויבן פון דער אורקריסטלעכער געמיינדע.

איך וואָלט געקענט ברענגען נאָך אַ גאַנצע ריי אַזעלכע ביישפּילן. איך וויל זיך אָבער איצט באַנוגענען בלויז צו פאַרצייכענען, אַז אויך אין אַמעריקע איז פאַראַן אַ קרייז רעליגיעזע סאָציאַליסטן, וועלכע גיבן ארויס אַן אייגענע צייט־שריפט. דער רעדאַקטאָר איז ניט קיין אַנדערער ווי ריינהאָלד ניבור.

עס איז בכן ניט קיין פּראָבלעם פון אַ פּאָר אַנטוישטע יידישיסטן. אונדזערע פריידענקער וועלן זיך דערפאַר מוזן אַריינלאָזן אין אַ ביסל גרעסערע גייסטיקע הוצאות, כדי צו פירן דעם קאַמף געגן רבונו של עולם. מיט אַזעלכע אויסגעניצטע פראַזן ווי ״רעליגיע און רעאַקציע״ וועלן זיי ווייניק וואָס דערגרייכן.

אַט דער קינדערשער שפּיל מיט ווערטער ווי רעאַקציע, פינצטערניש, מיטל־אַלטער, איז ניט מער ווי אַ סימן פון גייסטיקן דלות פון דער ראַדיקאַלער אַפּיקורסות... וואָס פאַר אַ סמיכות הפּרשיות איז פאַראַן צווישן דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן וואָטאַן־קולט און מיין אַלטער יידישקייט ?... קיין שום ״פריידענ־קערישע״ דעמאַגאָגיע קען ניט פאַרשיטן דעם תהום, וואָס טיילט אָפּ דעם גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, דעם טאַטע פון יתומים און דעם ריכטער פון די אלמנות, פון די פינצטערע בלוטדורשטיקע שאַטנס, וואָס די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגן האָבן אַרויסגערופן פון דער אונטערוועלט...

ראַדיקאַלע משכּילים און פריידענקער זיינען באַזונדערס שטאָלץ מיט זייער ״וויסנשאַפט״. עס פעלט זיי אינגאַנצן די באַשיידנקייט פון דעם עכטן פאָרשער, וואָס ווייס די גרענעצן פון וויסן און ניט־וויסן. זיי האָבן ״וויסנשאַפטלעך״ באַוויזן, אַז קיין גאָט איז נישטאָ, קען קיין שום ספק מער ניט זיין דעריין, אַז רעליגיע איז פינצטערניש, און דערמיט זיינען פאַר די ״פריידענקער״ אַלע פּראָבלעמען פון אַלטער און נייער יידישקייט פאַרענטפערט.

איז טאָקע די אַלטע יידישקייט ניט מער ווי אַ פּראָדוקט פון אָבערגלויבן און פינצטערן קלעריקאַליזם, וואָס האָט פאַר אונדז היינט אין בעסטן פאַל ניט מער ווי אַ היסטאָרישן אינטערעס ? דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס קען אגב ניט פאַר־ענטפערט ווערן בלויז פאַר יידן. די אייגנטלעכע פראַגע איז : האָט די רעליגיע באמת פאַרענדיקט איר פונקציע אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אָדער איז איר נאָך באַשערט צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין אונדזער קולטורלעבן ? עס איז לויט מיין מיינונג באַזונדערס וויכטיק אָפּצורייניקן די דיסקוסיע אַרום אַט דער צענטראַ־לער פראַגע פון אַלע אַלטע פּאָליטיש־פּאַרטייאישע און ״אַפּיקורסישע״ פאַראורטיילן. מע קען זיין אַ רעליגיעזער מענטש און אַ גוטער סאָציאַליסט און מע קען זיין אַ פריידענקער און אַ פאַשיסט. היינט, נאָך די דערפאַרונגען פון די לעצטע 20 יאָר, קען דעריין דער מינדסטער ספק ניט זיין.

איז די רעליגיע געווען, איז זי נאָך היינט אַ לעבעדיקער כוח? אָדער האָט זי זיך געהאַלטן בלויז אויפן בלינדן גלויבן אין דעם, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן דערציילט? איז דער גאַנצער ענין אמונה ניט מער ווי אַ טעות, אַ "נעווראָז"? אָדער אַנטפּלעקט זיך אין די אמונות פון די פאַרשיידנסטע פעלקער און צייטן אַ טיפע אַנונג פון אַ העכערער וועלט, אַ געפיל פון פאַרבונדנקייט מיטן אין סוף, וואָס איז מער ווירקלעכקייט ווי די אַזוי גערופענע "רעאַלע" וועלט? איז דאָס רעליגיעזע לעבן פון מענטשן אַ כסדרדיקער שעפערישער פּראָצעס? איז פאַראַן אַ לעבעדיקער גלויבן? אָדער איז מעגלעך בלויז אַ פאַרגליווערטער גלויבן?

איך האָב די פראַגע צום טייל באַהאַנדלט אין מיינע אַרטיקלען איבער "אַלטע און נייע יידישקייט". און האָב דאָרטן געפּרוווט רעזומירן: "רעליגיע איז אַ סך מער ווי צערעמאָניעס און לעבנסשטייגער. איר העכסטן אויסדרוק געפינט די אמונה אין דער אידעע פון קרבן און שליחות, פון נעמען אויף זיך פרייוויליק פליכטן און אויפגאַבן". די גאַנצע געשיכטע פון יידישן גלויבן, ווו אַט די צענטראַלע רעליגיעזע אידעע פון קרבן און שליחות האָט אפשר געפונען איר העכסטן אויסדרוק, באַשטעטיקט עס. וואָס האָט געצווונגען דאָס יידישע פאָלק אויסצוקלייבן פאַר זיך דעם שווערן וועג פון רעליגיעזער יידישקייט און נעמען אויף זיך ניט נאָר די מצוות פון דער תורה, נאָר אויך אַלע שפּעטער־דיקע חומרות און סיוגים? דער געוויינלעכער תירוץ איז: יידן האָבן אויף זיך גענומען דעם יאָך פון יידישקייט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר גאָטס שטראָף אויף יענער וועלט. דערמיט איז אָבער גאָרניט פאַרענטפערט. די בעלי התלמוד, וואָס האָבן געפונען אַזוי פיל פסוקים און טעמים אויף שווערער צו מאַכן דאָס יידישע לעבן, וואָלטן זיכער מיט דער זעלביקער שאַרפזיניקייט ווי אונדזערע היינטיקע רעפאָרם־ראַביים געקענט געפינען גענוג פסוקים און ראיות פון דער תורה, כדי גרינגער צו מאַכן דעם עול פון מלכות שמים. מע האָט שוין אין יענער צייט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז מע קען אפילו מטהר זיין אַ שרץ מיט 150 טעמים. דער תירוץ אָבער איז, אַז די פּרושים האָבן גאָרניט געוואָלט קיין רעפאָרמעס. אין דער צייט פון בית שני זיינען ביי יידן געווען די פאַרשיידנסטע רעליגיעזע און פּאָליטישע ריכטונגען. געווען צווישן אַנדערע אויך די כתה פון די קריסטן, וועלכע האָבן געפירט אַ קאַמף פאַר אַ גרינגער יידישקייט. פּוילוס האָט באַפרייט זיינע אָנהענגער פון כמעט אַלע מצוות און האָט צוגעזאָגט די גאולה און יענע וועלט, אויב נאָר מע גלויבט אין קריסטוסן. געווען דעמאָלט ביי יידן אויך פריידענקער פון דעם טיפּ פון אלישע בן אבויה. געזיגט האָבן פונדעסטוועגן די פּרושים, און אויסשליסלעך אַ דאַנק זייער ווירקונג אויפן פאָלק. פאַרוואָס האָט דער יידישער פאָלקסמענטש אויסגעקליבן גראָד די ריכטונג, וואָס האָט אויף אים אַרויפגעלייגט די שווערסטע משא? אויף דער פראַגע איז מעגלעך נאָר איין ענטפער. דער יידישער פאָלקסמענטש האָט זיך ניט געשראָקן פאַרן עול מלכות שמים.

ניט דערפאַר האָבן יידן מקיים געווען מצוות און האָבן אָפּגעהיט פליכטן לגבי

גאָט און לגבי מענטשן, ווייל מע האָט זיי "איינגערעדט", אַז גאָט האָט עס געבאָטן, נאָר דער עיקר דערפאַר, ווייל זיי האָבן געהאַט גאָט און זיינע געבאָטן אין זייער האַרצן.

יעדער מענטש איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַליין דער שעפּער פון זיין גלויבן. רעליגיע, און ניט בלויז רעליגיע, נאָר אַלץ, וואָס מיר באַצייכענען מיטן וואָרט אידעאַליזם, הייסט אַפּזאָגן זיך פון אַ טייל פון עולם הזה און נעמען אויף זיך אַ יאָך. אַלע עכטע אידעאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן האָבן אויסגעקליבן ניט דעם גרינגסטן און אָנגענעמסטן, נאָר דעם שווערסטן און אָפט דעם ביטערסטן וועג, הגם מע האָט זיי דערפאַר קיין גן עדן ניט צוגעזאָגט. דער יאָך פון יידישקייט איז געווען שווער. אָבער קיין שום זאַך האָט אונדזער פאָלק ניט אַזוי צונויפגע־האַלטן, האָט אונדז ניט פאַרשאַפט אַזוי פיל קראַפט און טרייסט אין צייטן פון קריזיסן ווי אָט די שווערע יידישקייט.

אין יעדן פון אונדז לעבט אַ פונק פון הייליקייט און דערפאַר קענען מיר בשום אופן ניט שלום מאַכן מיט דער טאָטאַלער עולם הזהדיקייט. דערפון נעמט זיך אונדזער רעספּעקט פאַרן הייליקן, פאַרן מאַרטירער, פאַר "גאָטס קנעכט" (ישעיהס עבד ה׳), וואָס נעמט אויף זיך די זינד און די יסורים פון זיין דור.

פאַר אַ סך פון אונדזערע ראַדיקאַלן באַשטייט די גאַנצע תנ"ך־וויסנשאַפט אין דעם, וואָס זי האָט באַוויזן, אַז משה האָט ניט געשריבן די תורה און אַז די סיפּורים פון חומש זיינען "לעגענדעס". זיי קענען ניט פאַרשטיין, אַז דערמיט הויבט זיך די גאַנצע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט ערשט אָן...

וואָס מיינט דאָס וואָרט ברית? אין תנ"ך ווערט עס געוויינלעך באַנוצט ווי אַ באַצייכענונג פאַר אַ פּריוויליקן אָפּמאַך צווישן צוויי צדדים. האָט עס דיזעלביקע באַדייטונג אויך, ווען עס רעדט זיך וועגן דעם בונד צווישן גאָט און דעם פאָלק ישראל? צענדליקער שטעלן אין תנ"ך גיבן אונדז דערויף אַ גאַנץ קלאָרן און פּאָזיטיוון ענטפער. איך וועל זיך אָבער דאָ צוליב דוחק אין פּלאַץ באַנוגענען מיט ציטירן בלויז אייניקע באַזונדערס וויכטיקע טעקסטן, וועלכע האָבן אגב פאַר אונדזער גאַנצער פּראָבלעם אַ פונדאַמענטאַלע באַדייטונג.

די וויכטיקסטע היסטאָרישע געשעעניש אין דער געשיכטע פון יידישן גלויבן איז, לויט דער ביבלישער טראַדיציע, געווען די פאַרזאַמלונג ביים באַרג סיני, ווו גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צום פאָלק ישראל און האָט זיי געגעבן די תורה. מע באַמערקט אָפט ניט דעם אייגנציקאַרטיקן און גראַנדיעזן כאַראַקטער פון דער סיני־סצענע, ווען אַ גאַנץ פאָלק פאַרזאַמלט זיך צו הערן גאָטס וואָרט. מיר קענען דאָ רויק לאָזן אינגאַנצן אָן אַ זייט די פראַגע וועגן דעם היסטאָרישן ווערט פון דער געשיכטע פון מתן תורה. אַ סך וויכטיקער איז פאַר אונדז די פראַגע: וואָס איז דער זין פון דער סיני־געשיכטע, וואָס האָבן די ביבלישע דיכטער אונדז מיט דעם געוואָלט זאָגן? דער אויספירלעכער באַריכט אין שמות 19־24 לאָזט בנוגע דעם פונקט ניט איבער דעם מינדסטן ספק.

די געשיכטע פון מתן תורה הויבט זיך אָן מיט משהס מיטטיילונג צו די בני ישראל, אַז גאָט וויל מיט זיי שליסן אַ בונד. דערויף ענטפערט דאָס גאַנצע פאָלק: "אַלץ וואָס גאָט האָט געזאָגט וועלן מיר טאָן" (כל אשר דבר ה' נעשה, שמות 19). דאַן קומט דער צווייטער אַקט: משה גיט איבער דעם פאָלק אַלע געזעצן און מצוות, וואָס גאָט האָט געבאָטן און דאָס פאָלק ענטפערט ווידער "אַלע ווערטער, וואָס גאָט האָט גערעדט, וועלן מיר טאָן" (שמות 24, 3). נאָך אָט דער צווייטער דערקלערונג קומט די פייערלעכע צערעמאָניע פון שליסן דעם בונד צווישן גאָט און דאָס פאָלק ישראל. משה שרייבט אויף גאָטס ווערטער אויף אַ ספר, לאָזט בויען אַ מזבח און שטעלט אויף צוועלף שטיינער (אַלס עדות) אַנטקעגן די צוועלף שבטים פון ישראל. מע ברענגט דאַן קרבנות און באַלד נאָכדעם דערציילט דער באַריכט: און ער (משה) האָט גענומען דאָס בוך פון בונד (ספר הברית), און געלייענט אין די אויערן פון פאָלק, און זיי האָבן געזאָגט: אַלץ, וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן. און משה האָט גענומען דאָס בלוט און האָט געשפּריצט אויפן פאָלק און האָט געזאָגט: אָט איז דאָס בלוט פון דעם בונד וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט אייך אויף אַלע דידאָזיקע ווערטער (שמות 24, 4־8).

קיין שום אויסטייטשונגען זיינען דאָ ניט מעגלעך. עס האַנדלט זיך גאַנץ קלאָר וועגן אַ פּרייוויליקן בונד צווישן גאָט און פאָלק ישראל. אַזוי האָבן עס אָגב פאַרשטאַנען סיי די אַלטע יידישע מפרשים (אין תלמוד איז אפילו פאַראַן אַ אגדה, אַז אַלע יידן פון אַלע דורות זיינען געווען במעמד הר סיני און האָבן געזאָגט נעשה ונשמע), סיי די מאָדערנע תנ"ך־פאַרשער. אויב עס וואָלט נאָך געקענט בלייבן וואָסער ניט איז שפור פון אַ ספק, ווערט דאָס אויך באַזייטיקט דורך אַ פאַראַלעלן באַריכט אין יהושוע 24.

איך וואָלט געקענט ברענגען נאָך אַ גאַנצע ריי אַנדערע שטעלן (באַזונדערס פון חומש דברים). איך גלויב אָבער, אַז דאָס איז פולשטענדיק גענוג, כדי איינצוזען, אַז די אידייע פון אַ פּרייוויליקן בונד צווישן גאָט און ישראל באַהערשט די גאַנצע ביבלישע טראַדיציע. די רעליגיעזע דעמאָקראַטיע, די אידייע, אַז דאָס פאָלק אַליין באַשטימט "וועמען צו דינען" איז בלי ספק געווען פאַרבונדן מיט אַ ווירקלעכער דעמאָקראַטיע. אין ישראל און יהודה האָט קיין שום געזעץ ניט געקענט אַריינגיין אין קראַפט, אויב עס האָט ניט באַקומען דעם הסכם פון דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג. אויספירלעכער האָב איך וועגן דעם ענין געשריבן אין מיין אַרבעט "נביאים און פאָלקס־פאַרזאַמלונג" (יוואָ־בלעטער, אַפּריל־מאַי 1936). אין דער ביבלישער טראַדיציע פון מתן תורה שטעקט נאָך אַ מאָטיוו, וואָס האָט גאָר שטאַרק באַאיינפלוסט די אַנטוויקלונג פון רעליגיעזן געדאַנק ביי יידן.

דער גאָט פון ישראל איז ניט געווען קיין גאָט פון בלוט און באָדן. די אורעלטערן פון די יידן, ווערט דערציילט אין תנ"ך, האָבן "געדינט אַנדערע געטער". גאָט איז אויך ניט געווען דער גאָט פון לאַנד כנען, נאָר האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן צום פאָלק אין מדבר. יידן האָבן בכן באַקומען זייער גלויבן ניט

אויף אַ נאַטירלעכן אופן, ניט בירושה, נאָר דורך אַ בונד און ממילא איז דאָס פֿאַרהעלטעניש צווישן גאָט און פֿאָלק אויך דאָ געווען אַן אַנדערע ווי ביי די אַרומיקע פֿעלקער. אונדזער גלויבן האָט פֿון אָנהויב אַן געטראָגן אין זיך אַ אוניווערסאַלן און עטישן עלעמענט. לויט דער ביבלישער אורגעשיכטע שטאַמען כּידוע אַלע מענטשן פֿון אדם און חוה און זיי האָבן ביזן דור הפּלגה אַלע גערעדט "איין שפּראַך און די זעלביקע ווערטער". דערפֿאַר איז אויך דער היסטאָרישער גורל פֿון יידישן גלויבן געווען גאָר אַן אַנדערער ווי דער גורל פֿון די אַלטע נאַציאָנאַלע אמונות און די געטער פֿון "בלוט און באָדן".

די אידעע פֿון "פּריווילִיקייט" אין רעליגיעזן לעבן האָט אויך נאָך געווירקט שפּעטער אין דער צייט פֿון בית שני און אין דער תּלמודישער תּקופֿה. די פּרושים זיינען לכתּחילה געווען אַ רעליגיעזער אָרדן און אַ מיטגליד פֿון דעם פּרושים־קרייז (חבר) האָט אויף זיך געמוזט נעמען פֿליכטן (הבא לקבל דברי חבירות צריך לקבל בפני שלשה חברים). צו אָט די פֿליכטן האָט געהערט אין דער ערשטער שורה דאָס אָפּהיטן די דינים פֿון ריטועלער ריינקייט (לאכל חולין בטהרה). אויפֿן ערשטן בליק קען אויסוייזן, אַז דאָס איז ניט קיין באַזונדערס וויכטיקער אויפֿטו. אין אמתן האָט דערין געשטעקט אַ געוואַלדיקע גייסטיקע רעוואָלוציע. שוין אין אָנהויב פֿון דער תּקופֿה פֿון בית שני ווערט געפֿירט אַ קאַמף קעגן די כּהנים, וואָס האָבן געשטרעבט צו ווערן די איינציקע פֿירנדיקע שיכט אין יידישן לעבן. עס איז דערביי אין העכסטן גראַד כאַראַקטעריסטיש, וואָס די פֿירער פֿון דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג האָבן ניט געקעמפֿט דערפֿאַר, מע זאָל דאָס פֿאָלק באַפֿרייען פֿון מצוות, גראַד פֿאַרקערט: זיי האָבן געפּרײדיקט די דעמאָקראַטיע ניט פֿון פּריווילעגיעס, נאָר פֿון פֿליכטן: יעדער ייד דאַרף אויף זיך נעמען פּונקט אַזוי פֿיל מצוות ווי די כּהנים, ווייל יידן זיינען אַ "הייליק פֿאָלק". אין דער ביבלישער געשיכטע וועגן דעם אויפֿשטאַנד פֿון קרח און זיין געמיינדע (דער טעקסט פֿון פּרשה קרח געהערט צו אַ שפּעטערדיקער צייט און איז געשריבן פֿון אַן אָנהענגער פֿון די כּהנים) טענהן די אומצופֿרידענע צו משהן און אהרנען: "דען דאָס גאַנצע פֿאָלק זיינען אַלע הייליקע און צווישן זיי איז גאָט און פֿאַרוואָס טוט איר זיך גרויסהאַלטן איבער גאָטס פֿאָלק" (כּי כל העם כלם קדשים ובתוכם ה'). זיי פֿאַרלאַנגען דערפֿאַר, אַז אַלע זאָלן קענען צוגיין צום מזבח און ברענגען מתּנות פֿאַר גאָט. דער קאַמף קעגן די כּהנים האָט לסוף געפֿירט דערצו, וואָס עס איז געשאַפֿן געוואָרן דער בית מדרש, דאָס הייליקטום אָן קרבּנות, ווו די תּפֿילות האָבן פֿאַרביטן די קרבּנות אין בית המקדש. דעם טיפֿסטן און שטאַרקסטן אויסדרוק האָט די רעליגיעז־דעמאָקראַטישע באַוועגונג געפֿונען אין די געזאַנגען פֿון תּהילים, ווו די שוואַכע און אָרעמע ווערן תּמיד אידענטיפֿיצירט מיט די גערעכטע און פֿרומע. צווישן די זינגער פֿון תּהילים ווערן אגב אויך דערמאָנט די בני קרח. מיר קענען זיך היינט קוים פֿאָרשטעלן די געוואַלדיקע איבערקערעניש, וואָס דער בית מדרש, די תּהילים־געזאַנגען און די תּפֿילות האָבן אַריינגעבראַכט אין פֿאָלקס־לעבן. פֿון איצט אָן האָט יעדער ייד אָן דער פֿאַרמיטלונג פֿון דער רעליגיעזער

ביוראָקראַטיע געקענט דינען גאָט און זיך אַליין דורכריידן מיט זיין פאָטער אין הימל.

פאַר מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין חוש פאַר רעליגיעזע ענינים, איז דאָס נאַטירלעך אַלץ דברים בטלים. וואָרעם סוף כל סוף, וואָס איז דאָ דער גרויסער חילוק, צי מע האָט יע געדאַוונט אָדער ניט געדאַוונט ? דאָס איז דאָך אַלץ ניט מער ווי אָבערגלויבן. דער, וואָס פאַרשטייט אָבער, ווי שטאַרק עס איז געווען ביים מענטשן, ביים פשוטן יידן, דאָס שטרעבן צו דינען גאָט, צו געפינען גאָט, דער וואָס שפּירט, ווי שטאַרק מיר "זוכן" אויך נאָך היינט, אויף די פאַרשיידנסטע וועגן, גאָט, יענער וועט באַגרייפן, וואָס תהילים און תפילה האָבן באַדייט פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור... מיר זיינען אַ דור המדבר און מיר מוזן געפינען נייע וועגן און נייע פאָרמען פון קולטור־לעבן און אין דעם פּרט קענען מיר פון דער אַלטער יידישער טראַדיציע פון די נביאים ביז די פּרושים, די טראַדיציע פון רעליגיעזע אָרדנס און רעליגיעזע געמיינדעס, וואָס נעמען אויף זיך מצוות און שליסן אַ בונד מיט גאָט, גאָר אַ סך אָפּלערנען. דערפאַר האָבן יידן געקענט אָננעמען גרים און דערפאַר האָבן זיי אויך געקענט ווייטער פירן זייער קולטור־לעבן אין פרעמדע לענדער, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ העכערע אמונה, וואָס איז ניט געווען אויסשליסלעך פאַרבונדן מיט "בלוט און באָדן". עס איז בכן גאָרניט קיין וווּנדער, וואָס די היטלעריסטן פירן אַזאַ שאַרפן קאַמף קעגן אַלע "יידישע" איינפלוסן אויף דער אייראָפּעיִשער וועלט.

עס האַנדלט זיך אויך ניט וועגן אַ נייער רעפאָרם־יידישקייט. די רעפאָרם־יידישקייט איז אויפגעקומען אין דייטשלאַנד אונטער דער השפּעה פון דער "אויפגעקלערטער" און רעליגיעז אויסגעליידיקטער לוטעראַנישער קירך, וואָס האָט אפשר ניט קיין קליינע שולד אין דעם אויפקום פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם. דער קאַרדינאַלער פעלער פון לוטערס רעפאָרם איז געלעגן אין זיין עקסטרעם־פּוילינישער פיינטלעכער שטעלונג צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו פליכטן און מצוות. דער דייטשער פּראָטעסטאַנטיזם האָט אויך, לויט מיין מיינונג, געהאַט גאָר אַ שעדלעכן איינפלוס אויף דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. סאָציאַליסטישע מצוות האָט מען פאַרביטן מיט סאָציאַליסטישע מיטגלידס־קאַרטן, מיט אַ "גלויבן" אין סאָציאַליזם, וואָס האָט גאָר ווייניק געקאָסט און האָט דערפאַר אַזוי ווייניק געבראַכט.

קריסטלעכע פאָרשער אין ענגלאַנד און אַמעריקע, ווו עס זיינען נאָך פאַרבליבן רעשטלעך פון אַ לעבעדיקן גלויבן, פון אַ גלויבן, וואָס איז מחייב, האָבן רעהאַביליטירט די פּרושים. עס איז געקומען די צייט מיר זאָלן אויך אין אונדזער יידיש לעבן איבערקוקן דעם פּראָצעס קעגן דער אַלטער, קעגן דער שווערער יידישקייט.

...וואָס זיינען די טענות צו דער אַלטער יידישקייט ?

אין דער תורה ווערט געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן אייגענע און פרעמדע, ווי למשל צווישן עבד עברי און עבד כנעני, אין מיטלאַלטער האָבן יידישע קהילות

און חברות שטאַרק אָפּגעהיט דעם פּרינציפּ פון חזקה אאז״וו.

מע קען, אויב מע וויל שטאַרק, אין אַלץ געפינען חסרונות. קיין שלמות איז אויף דער וועלט ניטאָ. מיר משפטן אָבער מענטשן און באַוועגונגען ניט אַזוי לויט זייערע חסרונות, נאָר דער עיקר לויט זייערע מעלות. אויך אונדזערע דעמאָקראַ־טישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס מאַכן ניט זעלטן אַן אונטערשייד צווישן אייגענע און פרעמדע, און זיינען אָפּט די שאַרפסטע קעגנער פון פרייער אימיגראַציע. דער אמת איז, אַז גראָד די סאָציאַלע געזעצגעבונג פון חומש, אין דער ערשטער שורה די געזעצן לטובת די קנעכט, געהערן צו די שענסטע קאַפּיטלען פון דער סאָציאַלער געזעצגעבונג בכלל. מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן, אַז ערשט קוים מיט 80 יאָר צוריק האָט מען באַפרייט די פּויערים אין רוסלאַנד און די שקלאַפן אין אַמעריקע. אין אַלטן רוים האָט דער האַר אַליין געקענט באַשטימען איבערן לעבן און טויט (טאַקע פשוטו כמשמעו) פון זיין קנעכט. אין פרשה משפטים, אָבער, די עלטעסטע זאַמלונג פון די ביבלישע געזעצן, וואָס איז געשריבן געוואָרן בערך מיט 3000 יאָר צוריק, געפינען מיר צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע די פאָדערונג פון אַ אַפּרוטאָג פאַר אַלע אַרבעטנדיקע און דער עבד כנעני ווערט דערביי בפירוש דערמאָנט: ״זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין אַרבעט און דעם זיבנטן טאָג זאָלסטו רוען, כדי עס זאָל רוען דיין אָקס און דיין אייזל און עס זאָל אָפּאָטעמען דער זון פון דיין דינסט (בן אמתך, באַצייכענונג פאַרן עבד כנעני) און דער פרעמדער״. די סאָציאַלע פאָדערונגען פון חומש דברים גייען נאָך אַ סך ווייטער און אַלע שוץ־געזעצן לטובת די שוואַכע און די אָרעמע ווערן דאָ באַגרינדעט מיט די ווערטער: ״און איר זאָלט געדענקען, אַז איר זייט אַליין געווען קנעכט אין לאַנד מצרים״ (כי עבדים הייתם בארץ מצרים).

מען האָט אויך צו מיר טענות, פאַרוואָס איך ״אידעאַליזיר״ דעם בית־מדרש: עס איז ניט אמת, אַז דער בית־מדרש איז געווען אַ דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע. אויך דאָס איז ״אַ נאַיווע אידעאַליזירונג אָדער, גראָב געזאָגט, אַ היסטאָרישע פעלשונג. געווען איז אַ ״מזרח־וואַנט״ און אַ ״לעבן־אויוון״ אָדער ״לעבן־דער־טיר״. אויפן ערשטן בליק קען אוודאי אויסווייזן, אַז מיין קריטיקער איז גערעכט. פונדעסטוועגן וויל איך דאָ אויך בעטן אונדזערע פריידענקער אַ ביסעלע מער צו טראַכטן און פּרובירן מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן דעם אַלטן רעאַקציאָנערן בית־מדרש און אונדזערע מאָדערנע, פּראָגרעסיווע וועלטלעכע קולטור־אינסטיטוציעס.

אויך מיר, היינטוועלטיקע מענטשן, מאַכן פון צייט צו צייט שמחות און פאַרוויילונגען. מיר האָבן אונדזערע טעאַטערן, קאָנצערטזאַלן וכדומה. זיינען טאַקע ביי אונדז אָפן די טירן פאַר יעדערן, וואָס וויל געניסן פון קולטור? מיר איז עס לפּחות ניט באַקאַנט. אויף וויפל איך האָב געזען, שטייט אומעטום ביי דער טיר אַ שומר און פאַרלאַנגט אַ ״טיקעט״. דער וואָס קען באַצאָלן מער, קריגט אַ פּלאַץ ביי דער ״מזרח וואַנט״, דער, וואָס באַצאָלט ווייניקער, זיצט ״לעבן־טיר״ און יענע, וואָס קענען גאָרניט באַצאָלן, בלייבן אויף יענער זייט טיר. עס איז, אגב, כדאי צו באַמערקן, אַז אויך אין אונדזערע מאָדערנע סינאַגאָגעס מוז מען זיך באַזאָרגן

מיט אַ "טיקעט", אויב מע וויל ראש־השנה און יום־כיפור גיין דאַוונען. דער גרויסער חטא פון בית־מדרש איז בכן באַשטאַנען דערין, וואָס קיינער איז ניט געבליבן "הינטער דער טיר". דער אָרעמסטער ייד האָט געקענט גיין דאַוונען, האָט געקענט הערן אַ חזן אָדער אַ מגיד און אין צייטן פון נויט האָבן אים זיינע חברים פון בית־מדרש אַפילו אויסגעהאָלפן. אויב עס איז געקומען אַן אורח אין אַ פרעמדער שטאָט און האָט ניט געהאַט ווו צו נעכטיקן, איז ער אָפט געבליבן שלאָפן אין בית־מדרש. דאָ, אין בית־מדרש, האָבן יידן אויך גיזאָרגט, ער זאָל האָבן וואָס צו עסן. געוויס, דאָס איז צייטנווייז געמאַכט געוואָרן אויף אַן אופן, וואָס איז אונדז היינט ניט צום האַרצן. פאַר גבירים און לומדים האָט מען אויך געהאַט מער דרך־ארץ ווי פאַר פּראָסטע יידן. אָבער לאָמיר זיין אויפריכטיק, מאַכן מיר עס היינט בעסער? באַגייען מיר זיך אין אונדזערע סאַמע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אַן אַ מזרח־וואַנט?

געווען ביי אונדזערע טאַטעס און זיידעס אַ יום־טוב פסח. שוין אַ פּאָר וואָכן פאַר פסח פלעגן יידן זאָרגן, אַז יעדער אָרעמאַן זאָל האָבן מצות און וויין צום סדר. מע האָט עס אַ מאָל דורכגעפירט אויף אַ שענערן און אַ מאָל ניט אויף אַזאַ שיינעם אופן. דער פּרינציפּ פון סאָלידאַריטעט איז אָבער דורכגעפירט געוואָרן. ווען אַ ייד האָט זיך דאָן געזעצט ביים סדר צום טיש און האָט אָנגעהויבן די הגדה מיט די ווערטער "כל דכפין ייתי ויכול" (יעדערער, וואָס איז הונגעריק, זאָל קומען און עסן), האָט ער ניט געזאָגט קיין ליגן. אויף מעות־חטים האָט ער געגעבן און אַן אורח ביים טיש איז אויך געזעסן. מיר מאַכן אויך היינט באַנקעטן און אפילו אַ מאָל אַ דריטן סדר. טראַכטן מיר אַ סך וועגן די, וואָס קענען ניט קומען אויף אונדזערע שמחות? מיר, די פּראָגרעסיווע וועלטלעכע יידן, האַלטן פון אַן אַנדער כלל — כל המשלם ייתי ויכול, ווער עס באַצאָלט קען קומען עסן.

מע האָט ביי אונדז קריטיקירט דעם חדר און עס איז אוודאי געווען, וואָס צו קריטיקירן. מע טאָר אָבער דערביי ניט פאַרגעסן, אַז בעת מיר האָבן געהאַט דעם שלעכטן חדר, האָבן 90 פּראָצענט פון די אָרעמע ניט־יידישע קינדער בכלל קיין שול ניט באַזוכט. אפילו די העכערע בילדונג, דאָס לערנען אין ישיבות, איז געווען צוטריטלעך פאַר די אָרעמסטע יידישע קינדער. עס איז גאָרניט געווען קיין קלייניקייט, אין אַזעלכע שווערע פאַרהעלטענישן ווי יידן האָבן געלעבט, אויסצו־האַלטן שולן פאַר אַלע יידישע קינדער. און דאָס אַלץ איז געשען, מע מעג עס באַטאָנען און מע מעג אפילו זיין שטאָלץ מיט דעם, ווען אין אייראָפּע איז נאָך ניט געווען קיין שפור פון אַלגעמיינער פאָלקס־בילדונג.

מע האָט ביי אונדז געהאַט נאָך מער טענות צו די יידישע קהילה אָרגאַני־זאַציעס. אָבער אויך דאָ פאַרגעסט מען, אַז דער רעאַקציאָנערער כאַראַקטער פון די יידישע קהילות איז כמעט תמיד געווען אַ רעזולטאַט פון דרויסנדיקע אַריינמישונ־גען. אין גאָר אַ סך פאַלן האָבן די רעגירונגען באַשטימט די קאָנסטיטוציע און די קאָמפּעטענץ פון די יידישע קהילה־אָרגאַנען. און ווען מע ציילט אויף אַלע חטאים פון די יידישע קהילה־אָרגאַניזאַציעס, טאָרן פונדעסטוועגן אויך ניט פאַרשוויגן

ווערן זייערע פאַרדינסטן: אַלץ, וואָס איז ביי יידן געטאָן געוואָרן אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף און, באַזונדערס, וואָס יידישע קהילות האָבן געטאָן אין צייטן פון קאַטאַסטראָפעס. עס איז פאַראַן אַ הערלעכער קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע, זיין נאָמען איז — "פדיון שבויים", וואָס יידן האָבן אויפגעטאָן אויף ראַטעווען יידישע לעבנס און יידישע נשמות, שטייגט אַריבער אַלץ, וואָס אַ מענטשלעכע פאַנטאַזיע קען זיך פאַרשטעלן.

מע קען נישט שרייבן יידישע געשיכטע אָן אַ פאַרשטענדעניש פאַר יידיש לעבן און יידישע קולטור־ווערטן. דאָס האָט מיט ביליקער אַפּאָלאָגעטיק גאָרניט צו טאָן. אַן עכטער פאָרשער קען ניט זיין "אָביעקטיוו". אָן אַ שטאַרקן יצר־הרע, אָן אַ סך ליבע און אַ ביסל אינטואיציע קען מען אויך אין וויסנשאַפט גאָרניט אויפטאָן. דער מאָדערנער יידישער פאָרשער מוז טאָן דאָס, וואָס עס האָט אַמאָל געטאָן י.ל. פּרצעס ליטוואַק, ווען מע האָט אים דערציילט די וווּנדער פון דעם רבין ("אויב נאָר העכער"). אַז דער רבי איז דעם ערשטן טאָג סליחות ניט אַרויף אויפן הימל, האָט דער ליטוואַק גאַנץ גוט געוווּסט. פאַר אַ "פריידענקער" וואָלט עס געווען גענוג. ס'איז דאָך קלאָר, אַז דער רבי איז אַ שווינדלער. פּרצעס ליטוואַק איז אָבער געווען אַן עקשן און ער האָט זיך באַמיט אַליין צו זען, וווּהין דער רבי גייט אינדערפרי צו סליחות. אויך דער מאָדערנער יידישער היסטאָריקער מוז נאָכגיין דעם אַלטן ישראל טריט ביי טריט, עס וועט זיך דאַן פאַר אים אַנטפּלעקן אַ וועלט, וואָס ער האָט דערפון ניט געחלומט. דאָס איז דער איינציקער וועג פאַרן יידישן פאָרשער און פאַרן יידישן קולטורמענטש. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז משה האָט ניט געשריבן די תורה און אַז סיי אין תנ"ך, סיי אין תלמוד געפינען זיך אַ סך, אַ סך מענטשלעכע טעותן. אויב מע וועט אָבער ביי מיר היינט פרעגן: איז טאַקע די תורה מן השמים? האָב איך דערויף נאָר איין ענטפער — אויב ניט פון נאָך העכער.

אויגוסט, 1942

רעליגיע און יידישקייט

(פון אַ בריוו־אויסטויש מיט חיים גרינבערג)

...מיר דוכט, אַז דער אַלטער יוסף פלאַוויוס האָט אויף אַ באַזונדערס גליקלעכן אופן פאָרמולירט דעם עיקר חילוק צווישן "וועלטלעכער" בעלעטריס־טישער קולטור און תורה־קולטור. אין זיין פּאָלעמיק געגן אַפּיאָן שרייבט ער: "מיר יידן האָבן ניט אַזאַ אומענדלעכע צאָל ביכער, וואָס זאָלן איינע די אַנדערע אָפּלייקענען, ווי די גריכן. מיר האָבן בלויז 22 ספרים. און אַלע גלויבן מיר אין זייער הייליקייט... און יעדער ייד פון קליין ביז גרויס איז זיך גרייט מוסר נפש צו זיין פאַר די מצוות, וואָס זיינען דאָרט געשריבן. כ'ווייס אָבער, אַז ביי

די גריכן איז עס גאָר אַנדערש. קיינער פון זיי איז ניט גרייט צו ברענגען דעם מינדסטן קרבן פאַר זייער ליטעראַטור, און אויב אפילו מען זאָל ביי זיי אָװעק־ ־ויבן אַלע זייערע ביכער, וועט קיינער אפילו ניט אַ קלאַפּ טאָן אַ פינגער אָן אַ פינגער, וואָרים דאָס זיינען וואָכעדיקע ספרים".

אָבער דאָ הויבט זיך די פראַגע ערשט אָן: איז מעגלעך אַ רענעסאַנס פון אַ הלכה־יידישקייט? איז אונדזער דור נאָך געגוג שעפעריש, האָבן מיר נאָך אין זיך די כוחות צו אַנטפּלעקן פאַר די קומענדיקע דורות די הייליקע ווערטן, פאַר וועלכע עס לוינט צו לעבן ווי יידן און אפילו צו ליידן און שטאַרבן ווי יידן?

צו דעם נייעם דור האַלבע־יידן און פערטל־יידן וועלן מיר קענען צוקומען נאָר, אויב מיר וועלן זיי קענען ברענגען אַ גרויסע יידישע אידעע. אין משך פון די לעצטע 150 יאָר, זינט דעם אָנהויב פון דער השכלה און רעפאָרם־באַוועגונג אין דייטשלאַנד, איז יידיש לעבן און יידישע קולטור פון דור צו דור געוואָרן אַלץ מאָגערער און בלאַסער, פון דור צו דור זיינען מיר געוואָרן אַלץ שוואַכערע יידן. אין תוך גענומען איז די גאַנצע השכלה און רעפאָרם־באַוועגונג געווען אַ פּראָצעס פון לאַנגזאַמער אָבער זיכערער אַסימילאַציע, פון שמד אויף ראַטעס. עס איז געקומען די צייט צו פאַרקירעווען דעם וואָגן...

די פראַגן וואָס שטייען היינט פאַר דעם יונגן דור זיינען גאָר אַנדערע ווי די, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר אונדז מיט 25—30 יאָר צוריק. פאַרן היינטיקן דור שטעלט זיך דאָך אין איר פולער שאַרפקייט די פראַגע וועגן דעם עצם זין פון יידישן לעבן און יידישן ליידן. איז יידישקייט בכלל נאָך אַן ענין, פאַרוואָס עס איז כדאי צו קעמפן און ברענגען אַזויפיל קרבנות? עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס די ביכער פון שלום אַש האָבן אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם. וואָרים אויב קריסטנטום איז טאַקע די העכסטע מדרגה פון רעליגיעזער קולטור, וואָס די מענטשהייט האָט דערגרייכט, דאַן איז דאָך די גאַנצע געשיכטע פון צוויי טויזנט־יאָריקן יידישן גלות ניט מער ווי אַ טראַגישער טעות!...

די יידישע נביאים האָבן אַמאָל געפירט זייער פּראָפּאַגאַנדע אין נאָמען פון דעם לעבעדיקן גאָט (אל חי) קעגן די געטער פון שטיין און האָלץ, צו וועמען די וועלט האָט דאַן געדינט. און ווייל די נביאים האָבן געגלויבט אין דעם לעבעדיקן גאָט, האָבן זיי געקענט שאַפן די לעבעדיקע אמונה, וואָס האָט במשך פון צוויי טויזנט יאָר באַשטימט די רעליגיעזע אַנטוויקלונג אין דער מערב'דיקער וועלט. אויך דער עצם קיום פון יידישן פאָלק איז דאָך געווען אַ רעזולטאַט פון אָט דעם לעבעדיקן יידישן גלויבן. זיינען מיר נאָך היינט אַ לעבעדיק פאָלק און האָבן מיר נאָך היינט אַ פונק פון יענעם לעבעדיקן גלויבן, מיט וועלכן יחזקאל הנביא האָט אַמאָל, אין אַ צייט פון יאוש און חורבן ווי אונדזערע, באַוויזן אַריינצובלאָזן אַן אָטעם פון לעבן אין דעם טאָל פון אויסגעטריקנטע ביינער?

איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז מעגלעך און אַז דאָס איז נויטיק; איך האָב די פעסטע אמונה, אַז דאָס איז היינט ממש אַ לעבנס־פראַגע ניט נאָר פאַר אונדז, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט. אויב אונדזער מערב'דיקע קולטור־וועלט קען בכלל

נאָך גערעטעוועט ווערן, דאַן קען עס, לויט מיין מיינונג, נאָר געשען דורך אַ רענעסאַנס פון דער תנ״כ׳ישער און פרושישער רעליגיעזער קולטור. דאָס פּרינציפּיעל אָפּאָרטוניסטישע פּאָלינישע קריסטנטום, וואָס האָט זיך תמיד צוגעפּאַסט צו די שטאַרקערע און וואָס האָט געפונען זיין סאַמע קלאַסישן אויסדרוק אין לוטער׳ס פּראָטעסטאַנטיזם, איז דאָך אין דער גרעסטער מאָס שולדיק אין אונדזער היינטיקער קאַטאַסטראָפע.

פאַר אונדז יידן איז היינט צו טאָג פאַראַן נאָר איין וועג: צוריק צו דעם גייסט און צו דער תורה פון די נביאים און די פרושים. מיר מוזן האָבן דעם גייסטיקן מוט פון די נביאים און די געוואַלטיקע עקשנות פון די פרושים. די יידישע אידעע, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צוליבן שבת, אַז ער איז געקומען אויף דער וועלט כדי מקיים צו זיין די מצוות און צו דינען גאָט, איז גאָר ניט אין אַן ערך העכער ווי די פאַרשטעלונג, אַז דער שבת איז באַשאַפן געוואָרן צוליבן מענטשן. די פאַרגעטערונג פון מענטשן האָט ביסלעכוויז געפירט צו אַ נייער פאָרם פון געצנדינסט, צו דעם פירער־קולט, וואָס איז אין אונדזער דור געוואָרן די סאַנקציאָנירטע אמונה אין אַ האַלב אייראָפּע.

לעבעדיקע יידישקייט איז אַ יידישקייט, וואָס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך, אַ יידישקייט פון עקספּאַנסיע, אַ יידישקייט וואָס איז מסוגל צו געווינען די הערצער און די נשמות פון אונדזערע אָפּגעפרעמדטע און אָפּט שיער ניט אָפּטריניק געוואָרענע ברידער... די טיפערע סיבה פון אונדזער גייסטיקן קריזיס באַשטייט, דוכט מיר, דערין, וואָס מיר האָבן פאַרגעסן, אַז יידן קענען לעבן נאָר ווי אַ פאָלק, וואָס איז כסדר רעליגיעז־שעפעריש. די אַנהענגער פון נאַיוון גלויבן מיינען, אַז אַלץ איז פאַרענדיקט און אַז אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן; די נאַיווע אפיקורסים אנטקעגן גלויבן, אַז עס איז קיינמאָל גאָרניט געווען און עס איז קיינמאָל גאָרניט געזאָגט געוואָרן. די דאָזיקע צוויי עקסטרעמען קומען זיך צונויף אין דער גרונט־אידעע, אַז יידישקייט איז ניט מער ווי בלינדער גלויבן, פאָלגן וואָס טאַטע־מאַמע האָבן געזאָגט.

וויל איך לגמרי ניט לייקענען, אַז פאָלגן טאַטע־מאַמע איז גאָר אַ גרויסער ענין, און אפשר אפילו דער סאַמע יסוד פון דער מענטשלעכער קולטור. אָבער דאָס אַליין איז ווייניק. סוף כל סוף האָט דאָך אברהם אבינו זיין טאַטן ניט געפאָלגט. דער טיפערער זין פון דער יידישער אמונה איז באַשטאַנען ניט דערין, וואָס יידן האָבן מקיים געווען מצוות, נאָר וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען מצוות, קיימו וקבלו עליהם היהודים״. די פרושים האָבן באַזונדערס באַטאָנט די באַדייטונג פון נעמען אויף זיך מצוות. און אייגנטלעך האָט די אידעע פון נעמען אויף זיך אַ מצווה געלעבט און געווירקט אין דער יידישער וועלט נאָך ביז צו אונדזערע צייטן. איך וויל דאָ בלויז דערמאָנען די ווונדערבאַרע מעשה מג׳ אחים, ווו יעדער ברודער האָט אויף זיך גענומען שטרענג אָפּצוהיטן איין קליינע מצווה: איינער נטילת ידים, אַ צווייטער שלש סעודות און אַ דריטער מלווה מלכה. און בזכות

פון אַט די מצוות זײַנען זײ בײַגעקומען אַלע נסיונות און זײַנען ניצול געוואָרן פון אַלע צרות.

די לעבעדיקײט פון דער ייִדישער רעליגיעזער קולטור איז אױפגעהאַלטן געוואָרן דורכ דעם, וואָס צו דעם פּרינציפּ פון אָפּהיטן די טראַדיציעס פון טאַטע־מאַמע איז נאָך צוגעקומען דער פּרינציפּ פון רעליגיעזער שעפּערישקײט, פון אַרױסברענגען נײַע פאָרמען אין דינען גאָט און מקבל זײַן אױף זיך נײַע מצוות. די אידעע פון פרײַער בחירה איז תמיד געווען אַ דאָמינירנדיקער מאָטיוו אין ייִדישן רעליגיעזן געדאַנק. אין אונדזער תקופה, וואָס איז אַ סך ווײניקער טראַדיציאָנאַליסטיש, מוז אָט דער מאָטיוו פון בחירה פאַרנעמען נאָך אַ סך אַ גרעסערן פּלאַץ.

איך ווײס ניט ווי ווײַט מיר זײַנען נאָך פון משיח׳ס צײַטן. מיר לעבן אָבער בכל אופן שוין איבער די חבלי משיח און ווען איך וואָלט ניט מורא געהאַט פאַר דעם קריסטלעכן קלאַנג, וואָס די ווערטער פון ירמיה ל״א 22—32 האָבן באַקומען, וואָלט איך הײַנט רױיקער באַנוצט די פאָרמולירונג פון דעם נביא פון דער חורבן־תקופה וועגן די נױטן פון אונדזער צײַט. אונדזער דור נױטיקט זיך אין אַ נײַעם בונד מיט גאָט. ס׳וואָלט אפשר געווען ריכטיקער צו זאָגן אין אַ באַנײַונג פון דעם בונד מיט גאָט. מיר מוזן האָבן אַ תורה, וואָס זאָל לעבן אין אונדזער געוויסן און זאָל זײַן אָנגעשריבן אין אונדזער האַרץ: ״כי זאת הברית אשר אכרת את בית ישראל אחרי הימים ההם נאם ה׳ נתתי את תורתי בקרבם ועל לבם אכתבנה והייתי להם לאלהים והמה יהיו לי לעם״.

איז איצטער אונדזער אױפגאַבע צו פאַרשטײן די צײכנס פון אונדזער צײַט, צו זוכן גאָט׳ס וואָרט אין די בלאָנדזשענישן פון אונדזער פאָלק, וואָרים אױב ייִדן זײַנען ניט קײן נביאים, זײַנען זײ בני נביאים... און אין כלל פון ייִדישקײט מוז דערפאַר אַרײַנגײן אױך אַלץ וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט געשאַפן אין דער נײַעסטער צײַט...

מיר ייִדן זײַנען גאָר ניט לאַנג געווען אַ פאָלק מיט אַן אױסערגעוויינלעך רײַכער רעליגיעז־עטישער קולטור, און דאָס האָט אונדז אָפּט קאָמפּענסירט פאַר אונדזער מאַטעריעלער אָרעמקײט; הײַנט האָבן מיר זיך אין אַ רײ לענדער אַרױפגעאַרבעט צו דער מדרגה פון מאַטעריעלע אַלרײטניקעס און גײַסטיקע פּראָלעטאַריער. אָט דער מצב איז עלול צו ברענגען צו די גרעסטע סכנות סײ פון אינווײניק, סײ פון דרױסן.

די אױפגאַבע פון אַ רענעסאַנס פון ייִדיש לעבן און ייִדישער קולטור, וואָס איז הײַנט אַזױ דרינגנדיק, שטױסט זיך גראָד אין אונדזער צײַט אָן אױף די גרעסטע שוועריקײטן און אָט די ריזיקע אױפגאַבע איז אױסגעפאַלן אױף אַ דור, וואָס לעבט איבער דעם גרעסטן חורבן פון דער הורבן־רײַכער ייִדישער געשיכטע. אָבער: לא עליך המלאכה לגמור ולא אתה בן חורין להבטל ממנה.

*

פעברואַר, 1944

עס איז מיר אײנגאַנצן פֿרעמד דער געדאַנק צו באַנוצן רעליגיע ווי אַן אינסטרומענט אין דינסט פֿון קיום האומה. אויב עס וואָלט בכלל געווען באַרעכטיקט דאָ דורכצופֿירן דעם אונטערשייד צווישן מיטל און ציל, וואָלט איך גיכער געווען גענייגט צו באַטראַכטן דעם קיום האומה ווי אַ מיטל פֿאַר אַ מער געלייטערטן און העכערן ציל. אָבער דאָס וועט מסתמא פֿאַר אײַך קלינגען ווי אַ פּרווו אָפּצופֿרישן די אידעע פֿון יידישער מיסיע לויטן דרך פֿון אַ סך "חכמי ישראל" אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע. וועל איך דערפֿאַר דעם ענין מוזן באַהאַנדלען אַביסל אויספֿירלעכער.

מען דערציילט, אַז בעת דער "שאגת אריה" איז געווען אַמאָל רב אין אַ שטעטל אין פּוילן, האָבן אים די פּרנסים פֿון דער קהילה געבראַכט דעם פּנקס ער זאָל דאָרטן אַרײַנשרײַבן נײַע תקנות. דער "שאגת אריה" האָט ניט קיין סך טראַכטנדיק אַרײַנגעשריבן אין פּנקס די עשרת הדברות. איך האָב מיך פֿאַר די לעצטע פֿאַר צענדליק יאָר אַ סך אינטערעסירט מיט דער פֿראַגע: איז מען מקיים די מצוה פֿון סאָציאַליזם? איך האָב וועגן דעם ענין אַ סך געלייענט און האָב אויך אָפּט זיך באַטייליקט אין הייסע וויכוחים צווישן אָנהענגער און קעגנער פֿון דעם קלאַסישן "רעוואָלוציאָנערן" סאָציאַליזם. הײַנט דוכט מיר, אַז דער אַלטער "שאגת אריה" איז געווען גערעכט: מען מוז פֿונדאַסניי אָנהויבן פֿון די עשרת הדברות; פֿאַרן פּנקס אָדער "טשאַרטער" בלע"ז פֿון דער נײַער וועלט זע איך ניט קיין בעסערע תקנות.

קיינמאָל איז פֿאַר מיר די טראַגישע באַדײַטונג פֿון די ווערטער פֿון דעם ערשטן יידישן וואַנדערער, פֿון אונדזער עלטער־פֿאָטער אברהם: "רק אין יראת אלקים במקום הזה והרגוני", ניט געווען אַזוי קלאָר ווי אין די לעצטע יאָרן. ווער נאָך ווי מיר יידן קענען אַזוי טיף פֿילן די טראַגעדיע פֿון לעבן אין אַ "גאָטלאָזער וועלט", אין אַ וועלט, וווּ עס איז כמעט פֿאַרשוווּנדן יעדע שפּור פֿון הייליקייט און מורא־שמים, וווּ עס ערשט אומבאַגרענעצט דער קולט פֿון ברוטאַלער מאַכט? מיר קענען ערשט הײַנט פֿאַרשטיין און אָפּשאַצן וואָס פֿאַר אַ קאַלאָסאַלע ראָל עס האָבן פּאַקטיש געשפּילט אין לעבן די אַלטע בורזשואַז־אידעאַליסטישע "פֿאַראור־טיילן" וועגן מאָראַל און רעכט. אין יענע "רעאַקציאָנערע" צײַטן האָט מען זיך דאָך לפּחות געשעמט אָפֿן פֿאַר דער גאַנצער וועלט צו טרעטן מיט די פֿיס די הייליקסטע ווערטן און די פֿייערלעכסטע אָפּמאַכן. הײַנט האָבן מיר דאָך אפֿילו אין די דעמאָקראַטישע לענדער אויפֿגעהערט צו גלויבן אין דעם ווערט פֿון וואָסערע ניט איז אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס און אָפּמאַכן. די סיבה איז אַ פּשוטע: עס קענען ניט זײַן קיין הייליקע אָפּמאַכן און הייליקע התחייבות׳ן אין אַ וועלט, וווּ די עצם אידעע פֿון הייליקייט איז אָפּגעפֿרעגט.

מיר מוזן קודם כל ווידער זיך אויסלערנען צו פֿאַרשטיין דעם טייטש פֿון דעם וואָרט קדושה; מיר מוזן דאָן ווייטער פּרווון אַרײַנצובריינגען אַ ניצוץ פֿון קדושה אין אונדזער עולם הזהדיקער וועלט. די אויפֿגאַבע פֿון אונדזער דור באַשטייט, לויט מײַן מיינונג, דערין — ווידער אויפֿצוּוועקן דעם רעליגיעזן אור־

געפּיל, וואָס דרימלט אין יעדן מענטשן. מיר יידן האָבן דאָך אויך אין דעם פּרט באַזונדערע ביטערע דערפאַרונגען. ניט געקוקט דערויף, צווייפל איך היינט ניט, אַז עס איז ניט מעגלעך קיין "מענטשלעכקייט אָן קדושה, אַז אַלע אונדזערע פאַרשטעלונגען וועגן אמת און גערעכטיקייט האָבן זייער שורש אין דעם געטלעכן ניצוץ, וואָס לעבט און ווירקט אין אונדז.

איך באַוווּנדער וואָס ווייטער אַלץ מער די געשיכטע, וואָס ווערט דערציילט אין יהושע וועגן דעם בונד (ברית) צווישן די בני ישראל און די גבעונים. די יידן זיינען, לויט דער טראַדיציע, וואָס איז, אגב, אין דעם פאַל היסטאָריש זיכער ניט קאָרעקט, אריין אין כנען מיט דער כוונה צו דעראָבערן דאָס לאַנד און צו פאַר־טיליקן די גאַנצע באַפעלקערונג. זיינען געקומען די בני גבעון, האָבן אָפּגענאַרט די יידישע פירער און געשלאָסן אַ בונד מיט ישראל. עס האָט בכן ניט געפעלט קיין תירוץ צו דערקלערן דעם אָפּמאַך מיט די גבעונים פאַר אַ מקח־טעות. דער מחבר פון דעם באַריכט אין יהושע צווייפלט אָבער ניט איין מאָמענט אין דער הייליקייט פון דעם אָפּמאַך. און נאָך הונדערטער יאָרן שפּעטער איז דאָס יידישע פאָלקס־געוויסן געווען טיף דערשיטערט ווען דער בונד מיט די בני גבעון איז ניט אינגאַנצן אָפּגעהיט געוואָרן.

פון דעם הייליקן וואָרט וועלן מיר איבערגיין צו דעם הייליקן פּלאַץ, צו דעם מקום קדוש. איז עס אַ צופאַל, וואָס מיט דעם מקום קדוש איז פאַרבונדן די אידעע פון דעם מקום מקלט, דעם שוץ־פּלאַץ פאַר אַלע באַעוולטע און גערודפטע? און עס פרעגט זיך ניט ווילנדיק: ווי קומט עס, וואָס אין אונדזער גרויסער אויפגעקלערטער וועלט האָט זיך ניט געפונען קיין איין ווינקעלע, וואָס זאָל דינען ווי אַ מקום מקלט פאַר געיאָגטע און געפּלאָגטע?

אויך די אידעע פון דעם הייליקן טאָג, פון שבת קודש, איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַ סאָציאַלן אינהאַלט. שבת איז דער טאָג פון פרייהייט און אָפּרו פאַר אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן אויף גאָט׳ס וועלט. און מיט דער אידעע פון שבת קודש זיינען דאָך פאַרבונדן די אינסטיטוציעס פון שמיטה, יובל און אַזוי ווייטער.

אַז דער נביא זכריה האָט געדאַרפט האָבן אַן אויסדרוק פאַר "סאָציאַליזם", האָט ער באַנוצט דעם רעליגיעזן טערמין "קדש". אין זכריה י״ד, 21 לייענען מיר: "והיה כל סיר בירושלים וביהודה קדש לה׳ צבאות ובאו כל הזבחים ולקחו מהם ובשלו בהם ולא יהיה כנעני עוד בבית ה׳ צבאות ביום ההוא". די טעפּ אין ירושלים און יהודה וועלן זיין הייליק צו גאָט, ד.ה. זיי וועלן געהערן דעם כלל, איטלעכער וועט זיי קענען נעמען און באַנוצן און קיין הענדלער וועלן מער ניט זיין אין גאָט׳ס הויז.

איך וויל דאָ אָבער ווידער באַמערקן, אַז איך האַלט לחלוטין ניט פון דער שיטה, וואָס באַטראַכט די אמונה בלויז ווי אַ פונקציע פון סאָציאַלן לעבן. רעליגיע איז פאַר מיר פשוט רעליגיע. איך בין דאָ בלויז אויסן אָנצוווייזן אויף דעם שעפערישן כוח פון עכטער קדושה, וואָס שאַפט אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן גאַראַנטיעס פון גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט.

מיט הלכה האָב איך ניט געמיינט סתם טראַדיציעס און מנהגים, וואָס זאָלן העלפן אָפּהיטן די אידישע "אייגנאַרטיקייט", נאָר אַ סיסטעם פון מצוות, וואָס פירן אונדז צום שער הקדושה און העלפן אונדז הייליקן דאָס לעבן!

עבודת הבורא איז ניט מעגלעך אָן קרבנות. עכטע רעליגיע האָט תמיד געפאָדערט דינען גאָט שלא על מנת לקבל פרס, וואָרים דער שכר פון דער מצוה ליגט דאָך אין דער מצוה גופא. איך בין מיט אייך אינגאַנצן מסכים, אַז די "גזרות" און "חומרות" פון תלמוד און שולחן ערוך זיינען פאַר יידן ניט געווען קיין אָפּקומעניש, ווי עס האָבן נאַיוו געמיינט אַ סך פון אונדזערע משכילים. עס איז אָבער געווען אַ הנאה פון אַ גאַנץ באַזונדערן מין. עס איז די הנאה פון אַ פּיאָנער, פון אַ העלד, וואָס האָט גובר געווען אַלע מניעות און איז סוף כל סוף דערגאַנגען צום ציל. דערפאַר מוז מען אויפן וועג צו קדושה דורכגיין די עטאַפּן — אין דער אָדער יענער פאָרם — פון פּרישות און נזירות.

רעליגיע איז אָבער ווייט ניט קיין ענין פון יחיד. תפילה בצבור איז באמת אַ דבר גדול, און די שכינה בויטיקט זיך אין אַ מנין יידן. ווען איך רייד פון תפילה בצבור מיין איך דערמיט ניט בלויז די לעבעדיקע יידן, נאָר טאָקע 100 דורות יידן, אַלע יידן, וואָס זיינען געווען במעמד הר סיני. עס איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איך וואָלט אָנגערופן "אַקומולירטע" קדושה, הייליקייט וואָס ווערט אָנגעזאַמלט אין משך פון דורות. מיר איז אויסגעקומען צו אָבסערווירן באַזונדערס די לעצטע יאָרן, ווי אַ סך אַזוי גערופענע "ניט־רעליגיעזע" מענטשן האָבן ביטער געוויינט ביי די קלאַנגען פון "אל מלא רחמים" און "קדיש". מיר קענען, למשל, אויך ניט איינפאַך אַריבערטראָגן די אין משך פון דורות אָנגעקליבענע קדושה און נשמה־יתירה'דיקייט פון שבת אויף אַן אַנדער טאָג.

עס איז דערפאַר, לויט מיין מיינונג, פאַראַן אַ געוויסע שייכות צווישן יידישער טראַדיציע, יידישער רעליגיע און יידישן קיום. בפרט, אַז אין קיין שום אמונה איז, דוכט מיר, די אידעע פון קדושה ניט רעאַליזירט געוואָרן אין אַזאַ מאָס, ווי אין פּרושישן יידנטום. איך גלויב, אַז אין יידישן שבת איז קאָנצענטרירט אַ גרעסערער סכום קדושה ווי אין דעם קריסטלעכן זונטיק. דער דורכשניטלעכער ייד, דער יידישער בעל־מלאכה און דער יידישער קרעמער, איז בדרך כלל געווען מער פאַרנומען מיט עבודת הבורא ווי זיין קריסטלעכער שכן. איך גלויב אויך, אַז די תורה און דער שולחן־ערוך האָבן אין יידישן צבור־לעבן געשפּילט אַ גרעסערע ראָל ווי דער ברית החדשה אין דעם צבור־לעבן פון די קריסטלעכע פעלקער. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז מען קען אויך געפינען אַ היפּש ביסל שאָטן־זייטן אין דער יידישער רעליגיעזער קולטור. איך גלויב אָבער, אַז ידישקייט איז נאָך ביז צום היינטיקן טאָג איינע פון די פּראָדוקטיווסטע וואַריאַנטן פון רעליגיעזער יצירה.

דער עיקר מאָטיוו, וואָס שטויסט מיך באַזונדערס אין אונדזער צייט צו פאַרבינדן רעליגיע מיט קיום האומה, איז גאָר אַן אַנדערער.

רעליגיע איז פאַר מיר קודם כל דער חשבון צווישן דעם יחיד און דעם אין־סוף. איך האַלט דערפאַר אַן אַ שיעור פון אַזעלכע מנהגים ווי קדיש און יאָרצייט.

דער מענטש באַגעגנט זיך דאָ פּנים אל פּנים מיט דער מיסטעריע פֿון דורות, ער דערשפּירט זיין אחריות לגבי דעם עבר און הויבט אָן אַ מאָל זיך צו פֿאַרטראַכטן וועגן אחרית הימים. אין מדרש ווערט דערציילט: ווען גאָט ברוך הוא האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן צו משה׳ן, האָט ער צו זיך געזאָגט: ״זאָל איך צו אים ריידן מיט אַ שטאַרקן קול, וועט ער זיך דערשרעקן, זאָל איך צו אים ריידן מיט אַ שוואַכן קול, וועט עס אויף אים ניט ווירקן״. האָט גאָט ברוך הוא צו אים גערופֿן מיט זיין פֿאָטער׳ס שטים: ״משה, משה״. האָט משה געענטפֿערט: ״טאַטע, וואָס ווילסטו?״ האָט גאָט ברוך הוא צו אים געזאָגט: ״איך בין ניט דיין טאַטע, נאָר דער גאָט פֿון דיין טאַטן״. אייך איז זיכער אויך באַקאַנט די אגדה: ווען יוסף איז געשטאַנען פֿאַר אַ שווערן נסיון, האָט זיך אים באַוויזן די געשטאַלט פֿון זיין פֿאָטער (דמות דיוקנו של אביו) און ער האָט גובר געווען דעם יצר הרע.

עס איז מהאי טעמא פֿאַראַן גאָר אַ גרויסע שייכות צווישן דער מצוה פֿון ״אנכי ה׳ אלוקיך״ און ״כבד את אביך ואת אמך״. איך בין ווייט ניט קיין פּרווידיאַנער. איך גלויב אָבער, אַז זיין געדאַנק וועגן דעם שולד־געפֿיל בנוגע דעם פֿאַרשטאָר־בענעם פֿאָטער — ריכטיקער בנוגע נאָענטע פֿאַרשטאָרבענע בכלל — איז אַן עפּאָכע־מאַכנדיקע אַנטדעקונג. שולד־געפֿיל איז דאָך אייגנטלעך ניט קיין אַנדער זאַך ווי תשובה. און הרהורי תשובה קומעןביים מענטשן דאָך מייסטנס, ווען ער האָט אַ גרונד צו טראַכטן, אַז אפשר איז ער דעם נאָענטן פֿאַרשטאָרבענעם עפּעס געבליבן ״שולדיק״.

גיין, אויף וויפֿיל עס איז מעגלעך, אין טאַטע־מאַמע׳ס וועג, איז שוין פֿאַר זיך אַ גרויסע מצוה. דאָס איז, לויט מיין מיינונג, דער זין פֿון יידישן קולטור־נאַציאָנאַליזם אין זיינע פֿאַרשיידנסטע נוסחאות; וואָרים אפילו דער ראַדיקאַלסטער יידישיזם פּריידיקט דאָך אין תוך גענומען: רעדט די שפּראַך, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן גערעדט. פֿאַר מיר איז עס אָבער ניט סתם ״פֿאָלקסטימלעכע״ יידישקייט. איך גלויב, אַז דורך דעם טאַטנ׳ס שטימע רעדט צו אונדז אונדזער טאַטנ׳ס גאָט און ער רופֿט אונדז צו טאָן עפּעס מער און טיילווייז עפּעס אַנדערש, ווי אונדזער טאַטע האָט עס געטאָן.

אונדזער אויפֿגאַבע באַשטייט, דוכט מיר, דעריין, צו געפֿינען דעם האַרמאָנישן סינטעז צווישן טראַדיציע און לעבעדיקער שעפֿערישקייט. דעם ענטפֿער דערויף, גלויב איך, געפֿינען מיר אין דער רעליגיעזער חברה.

יידישקייט האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אידעע פֿון דעם פּריוויליקן בונד צווישן גאָט און דאָס פֿאָלק ישראל. שפּעטער האָבן זיך געבילדעט חברות ״יראי ה׳״, וואָס האָבן אויף זיך גענומען אָפּצוהיטן מצוות. דאָס איז דער זין פֿון ״חבר אני לכל אשר יראוך ולשומרי פקודיך״. די פּרושים האָבן שפּעטער געשאַפֿן די חברה אָדער דעם אָרדן פֿון ״חברים״. אויך אין גאַנצן מיטלאַלטער זיינען כסדר געשאַפֿן געוואָרן חברות, וואָס האָבן אויף זיך גענומען אָפּצוהיטן די אָדער יענע מצוה. די חברה איז געווען דער וויכטיקסטער פֿאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער רעליגיעזער קולטור. עס איז אַ סך גרינגער מקיים צו זיין אַ מצוה,

וואָס מען ווייס, אַז מען האָט עס אויף זיך אַליין גענומען. די חברה איז די פאָרם פון פרייוויליקער דיסציפּלין, פון רעליגיעזער דעמאָקראַטיע.

די חברים פון אַזאַ חברה אָדער אָרדן דאַרפן אויף זיך נעמען ווידער אויפצו־וועקן ביי זיך און ביי אַנדערע דאָס געפיל פון קדושה און לויטן ביישפּיל פון די פּרושים זיך אָנהויבן לערנען צו הייליקן דאָס לעבן. דער יחיד מוז אָנהויבן זיין טאָג מיט הייליקע און אין אונדזער פאַל איז עס כמעט תמיד "יידישע" פאַר מינוטן. דאָס איז דאָך דער זינען פון דער מצוה צו לייענען קריאת שמע, דאָס הייסט מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים און זיין גרייט אויף קידוש השם. איך בין אַזוי נאַיוו צו גלויבן, אַז אַפילו אַ יידישער פריידענקער קען אָנהויבן דעם טאָג מיט "שמע ישראל".

אַ "חבר" דאַרף נעמען אויף זיך די מצוה פון געבן מעשר, ווי עס פלעגן טאָן אַמאָל אַ סך פרומע יידן. ווען איך זאָג מעשר מיין איך ניט געגוי אַ צענטל. אַן אָרעמער ייד מיט אַ משפּחה מוז זיך באַנוגענען מיט ווייניקער, אַ פאַרמעגלעכער מעג געבן ביז אַ פינפטל און אפילו נאָך מער. פאַר מיר איז וויכטיק דער עצם פּרינציפּ, די אידעע, אַז יעדער ייד איז מחויב צו געבן אַ באַשטימטן טייל פון זיין הכנסה פאַר "גערעכטיקייט" ("צדקה" אין אַלט יידיש).

אַ "חבר" אפילו אַ "פריידענקער" מעג און דאַרף אָפּהיטן אַ פאָר שעה שבת. די פאָר שעה, ווען די פאַמיליע קלייבט זיך צונויף אין דער היים, דאַרפן זיין כולו שבת, אַזוי ווי טאַטע־מאַמע האָבן עס אָפּגעהיט. דאָס דאַרפן זיין יידישע שבת'דיקע שעה'ן, ווען מען פאַרגעסט אַלע ענינים פון דער וואָך און מען דערמאָנט זיך אַז מען איז אַ טייל פון כלל ישראל. אויב איינער קען דערגרייכן מער, איז אַוודאי גוט, וכל המרבה הרי זה משובח. מען מוז אויך אָנהויבן צו טראַכטן וועגן דעם, אַז אין יידישע אינסטיטוציעס און ביי יידישע אונטערנעמונגען זאָל דער טאָג שבת אַלץ מער אויסגעטיילט ווערן.

אַ "חבר" דאַרף זיין אַ "בר מצוה", ד. ה., ער דאַרף אויף זיך נעמען מקיים צו זיין געוויסע מצוות סיי בין אדם לחבירו, סיי בין אדם למקום, און אַ יידיש יינגל אָדער אַ יידישע מיידל דאַרפן טאַקע באמת צו אַ באַשטימטן עלטער ווערן "בר מצוה", און דאָס הייסט נעמען אויף זיך דעם עול פון יידישקייט. די חברה מוז האָבן אַ מקום קדוש, און דאָס איז ניט קיין סינאַגאָגע, אפילו ניט קיין בית הכנסת, נאָר דווקא אַ בית־המדרש אָדער גאָר אַ שטיבל. אַ בית המדרש מוז זיין אָפן יעדן טאָג פאַר לערנען תורה און עבודת הבורא. אין אַ בית מדרש מוזן זיך געפינען אַלע יידישע ספרים, אפילו ספרי חול. יעדער חבר איז מחוייב אין געוויסע צייטן צו קומען אין בית מדרש.

די חברה דאַרף קולטיווירן און הייליקן יידישע טראַדיציעס און מנהגים, וואָס זיינען אין די לעצטע דורות געוואָרן שטאַרק וואַכעדיק. עס זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס דער יחיד קען זיי ניט מקיים זיין, מוז די חברה זאָרגן דערפאַר, מען זאָל זיי קענען מקיים זיין בצבור. ניט יעדער ייד, למשל, איז בכוח צו מאַכן אַ סוכה.

מיר קענען אָבער האָבן חברה'שע סוכות, ווו יעדער חבר קומט לפחות איין מאָל מיט דער פאַמיליע פאַרברענגען.

די חברה דאַרף ווידער איינפירן דעם מנהג פון קביעות פאַר לערנען תורה און מוסר. די העכסטע מדרגה פון אַ חבר מוז זיין אַ קובע עתים לתורה.

צו די אויפגאַבן פון דער חברה געהערן אַחוץ תורה און עבודה נאָך גמילות חסדים, און גמילות חסדים מיין איך אין יענעם ברייטן זין, ווי עס האָבן דאָס פאַרשטאַנען אונדזערע עלטערן: גמילות חסדים עם החיים והמתים. אויך אָפּהיטן דעם זכרון און דעם כבוד פון פאַרשטאָרבענע חברים איז אַ גרויסע מצוה. אַמאָל פלעגן חברות מאַכן אַ מנין און לערנען אַ פּרק משניות פאַר דער נשמה פון פאַרשטאָרבענעם. דאָס איז, ווי מיר דוכט, באמת אַ דבר גדול, אַ סך אַ מער געלייטערטער אופן אָפּצוהיטן דעם כבוד פון פאַרשטאָרבענעם, ווי אונדזערע "וועלטלעכע" טרויער־אַוונטן, וועלכע מען מאַכט געוויינלעך בלויז צום אָנדענק פון אונדזערע "פירער".

ביי יעדן חבר אין שטוב מוז זיין אַ היימישער אָדער אַ "יידישער" ווינקל, ווו עס געפינען זיך ספרים, יידישע סימבאָלן (אַ מנורה וכדומה) און אַנדערע דברים שבקדושה.

איך האָב אָנגעצייכנט אייניקע ראשי פרקים. איך מיין ניט, אַז דאָס מוז זיין דווקא אזוי... מיר מוזן, אָנהויבנדיק על פי ערך קליין — גיין אַלץ מער באַרג אַרויף, ביסלעכווייז פאַרגרעסערן דעם תחום פון קדושה... וועלן מיר זיך בע"ה דערהויבן צו העכערע מדרגות פון יידישקייט.

יעדע טראַדיציע, אַפילו די סאַמע הייליקסטע, מוז מיט דער צייט אָפּגעפרישט ווערן. אויב ניט, ווערט עס אַ מצוה אנשים מלומדה. דאָס איז דער זין פון ירמיהס נבואה וועגן דעם נייעם בונד. מען מוז אָבער אויך כסדר האָבן אין זינען, אַז די מצוה באַקומט איר קדושה נאָר דורך דער סאַנקציע פון אַ צבור; עס מעג זיין דער כלל ישראל אָדער אַ חברה פון בני ישראל.

איר פרעגט מיך אָבער: אין נאָמען פון וועלכער אגדה, אָדער לאָמיר זאָגן פילאָזאָפיע, נעמען מיר אויף זיך מצוות, וואָס איז דער זין פון אונדזער הלכה?

איך פערזענלעך גלויב, אַז אמונה הויבט זיך אָן מיט הלכה און די אגדה קומט שפּעטער. די הלכה איז אַ רעזולטאַט פון יענעם רעליגיעזן אורגעפיל, וואָס ליגט אין יסוד פון אונדזער גאַנצער קולטור. איך גלויב אויך ניט, אַז מיר קענען געפינען די אגדה, וואָס זאָל מער אָדער ווייניקער באַפרידיקן אונדזער קרייז. מיר געהערן צו אַ פאָלק פון "כולנו חכמים". און ניט אומזיסט האָבן די בעלי התלמוד מתקן געווען, אַז ווען איינער זעט אַ גרויסע צאָל יידן (כל הרואה אוכלסי ישראל), דאַרף מאַכן אַ ברכה: "ברוך חכם הרזים שאין דעתם דומה זה לזה". מיר זיינען אָבער מער צוגעוווינט צו אַ געוויסער איינהייטלעכקייט בנוגע הלכה. און עס איז געוויס ניט קיין אומגליק, אויב מען וועט מצרף זיין צום מנין אַ יידן, וואָס איז גרייט צו לערנען תורה און היטן יידישקייט ניט צוליב רעליגיעזע טעמים, נאָר

צוליב קיום האומה. איך גלויב, אז מתוך שלא לשמה בא לשמה, איי אפשר מיינט ער עס טאָקע לשמה, נאָר ער האָט מורא ארויסצוזאָגן.

מיר האָבן היינט ניט קיין צייט צו וואַרטן, בפרט, ווען מיר, די ״גערעטעוועטע״ גליקלעכע יידן, ווערן כסדר געפלאָגט פון דעם שולד־געפיל. מיר האָבן דערלאָזט, אַז דער גרויסער אומגליק פון יידן אין אייראָפּע זאָל כמעט ניט דערגיין צו דער וועלט. מיר האָבן געשוויגן, ווייל מיר זיינען כסדר געווען פאַרנומען, סיי ביחידות, סיי בצבור, נאָר מיט עולם הזה, מיט ביזנעס און מיט פּאָליטיק, און עס איז אונדז ניט געבליבן קיין מינוט פאַר אַן אויפריכטיקן חשבון הנפש. מיר האָבן אַ סך געזינדיקט און מיר מוזן אַ סך תשובה טאָן. די זאָרג פאַרן קיום האומה איז דערפאַר היינט פאַר מיר קודם כל אַ הייליקע געטלעכע מצוה. פאַר אונדזערע אויגן מוזן כסדר שטיין די געשטאַלטן פון אונדזערע עלטערן און ס׳איז אונדזער הייליקער חוב אָט די געשטאַלטן פון אונדזערע קדושים אָפּצוהיטן פאַר די קומענדיקע דורות.

*

יוני, 1944

די ווייטערדיקע שורות זיינען ניט מער ווי אַ ריין פּערזענלעכער, סוביעקטי־ווער פּרווו. עס איז ווייניקער אַ אני מאמין, ווי אַ דערקלערונג, ווי אַזוי אַ וועלט־לעכער יידישער ראַדיקאַל האָט אָנגעהויבן צו זוכן דעם וועג צו תשובה. איך באַטאָן בפירוש דאָס וואָרט תשובה, הגם איך ווייס אויסגעצייכנט ווי ווייניק באַליבט עס איז ביי אונדז דאָס וואָרט תשובה און בעל תשובה. איר ווייסט דאָך מן הסתם ווי מען טייטשט ביי אונדז דעם באַקאַנטן מאמר ״במקום שבעלי תשובה עומדין״! מיר לעבן דאָך אין אַ דור פון לויטער צדיקים, פון לויטער מענטשן, וואָס וועלן קיינמאָל ניט מודה זיין, אַז זיי האָבן געזינדיקט אָדער אַז זיי האָבן געמאַכט אַ טעות. אָט די צדיקים, וואָס דאַרפן קיינמאָל קיין תשובה ניט טאָן, האָבן דאָך דאָס חרוב געמאַכט אונדזער וועלט. עס איז מחמת דעם געקומען די צייט צו זאָגן בקול רם, אַז אַן תשובה, אַן עכטער און שטאַרקער תשובה, אָן אַ טיפן געפיל פון שולד, וואָס זאָל אָפּרייניקן דעם געפערלעכן שטויב און דעם שימל, וואָס האָט זיך ביי אונדז אָנגעקליבן, איז גאָר ניט מעגלעך קיין רענעסאַנס פון אונדזער ציבור־לעבן. תשובה איז די גרעסטע און הייליקסטע דערגרייכונג אין מענטשלעכן קולטור־לעבן און ווי דעם דור, וואָס געפינט ניט דעם וועג צו תשובה!

כדי אויסצומיידן מיספאַרשטייעניש, אויף וועלכע עס איז מיר לעצטנס אויס־געקומען עפּטער זיך אָנצושטויסן, וויל איך גלייך פון פאַרויס באַמערקן, אַז מיינע ספקות אין דער דויערהאַפטיקייט פון אַ ריין סעקולערער קולטור זיינען לגמרי ניט קיין רעזולטאַט פון אַן אַנטוישונג אין דער וועלטלעכער יידישקייט. דער וועלטלעכער יידישיזם האָט ביי מיר קיינמאָל ניט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון מיין אַלטן גלויבן. דעם וועג צו תשובה האָב איך אָנגעהויבן זוכן נאָכן באַנקראָט פון וועלטלעכן, עולם־הזה׳דיקן סאָציאַליזם, וואָס האָט געפונען זיין קלאַסישן אידעאַלאָ־גישן אויסדרוק אין דער תורה פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם.

סאָציאַליזם איז פֿאַר מיר באמת געווען אַ נייער גלויבן און איך האָב זיך קיינמאָל ניט געפֿילט אַזוי עלנט און פֿאַרלאָזן, ווי ווען מיר איז אויסגעקומען איבער־צולעבן דעם מאָראַלישן באַנקראָט פֿון קאָמוניסטישן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד און פֿון רעפֿאָרמיסטיש־דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד. דער דורכפֿאַל פֿון דער "מאָדערנער" וועלטלעכער יידישקייט אין רוסלאנד, אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער איז, לויט מיין געפֿיל, אַ דירעקטער רעזולטאַט פֿון אַט דער ירידה פֿון וועלטלעכן סאָציאַליזם בפרט און פֿון אונדזער סעקולאַריזירטער אייראָפּעיש־אַמעריקאַנישער קולטור בכלל.

איך נעם זיך ניט אָן צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע פֿון דעם בראשית פֿון דער וועלט און פֿון די באַשעפֿענעשן, וואָס געפֿינען זיך אויף דער וועלט. עס איז אָבער ביי מיר ניט פֿאַראַן דער מינדסטער ספק, אַז דאָס באַשעפֿענעש, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט גיין אויף צוויי פֿיס, האָט באַקומען אַ מענטשלעכע נשמה און אַ צלם אלקים ערשט אין דעם מאָמענט, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו זוכן דעם וועג צו גאָט, ווען עס האָט אָנגעהויבן שפּירן אַ אַנונג פֿון אין סוף. זינט יענער צייט איז די גאַנצע געשיכטע פֿון אונדזער מענטשלעכן מין ניט מער ווי אַ געשיכטע פֿון זוכענעשן און בלאָנדזשענעשן, פֿון באַרג ארויף און באַרג אַראָפּ אויף דעם שיר ניט אומענדלעכן וועג צו מלכות שמים.

פֿאַר מיר איז אָט די אייביקע בייַנקענעש נאָך הייליקייט אָדער געטלעכקייט, וואָס באַהערשט אונדז אַלעמען, פּונקט אַזאַ זיכערער באַווייז, אַז הייליקייט און געטלעכקייט זיינען טאַקע אָביעקטיוו בנמצא, ווי דער וואַנדערער־דראַנג פֿון פֿאַרשיידענע מינים פֿויגלען איז אַ באַווייז, אַז עס זיינען טאַקע פֿאַראַן אַנדערע לענדער און קאָנטינענטן וווהין צו וואַנדערן. איך ווייס, אַז מען קען על פּי שכל געפֿינען פֿאַרשיידענע לאָגישע דערקלערונגען, ווי אַזוי די מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו גלויבן אין געטלעכע וועזנס. די פּראָבלעם איז אָבער לחלוטין ניט קיין ריין לאָגישע. מען קען זיך נאָך על פּי נויט פֿאָרשטעלן, ווי אַזוי די "פּרימיטיווע" מענטשן האָבן געקענט "אויסטראַכטן" דעם גלויבן אין גאָט; עס איז אָבער אַבסאָלוט אוממעגלעך צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי האָבן מענטשן געקענט שאַפֿן די גאַנצע קולטור פֿון קדושה, ווען מיר וואָלטן ניט געהאַט קיין פֿונק פֿון עכטער קדושה אין אונדזער האַרצן. עס איז ניטאָ קיין בריק, וואָס פֿירט פֿון עולם הזהדיקייט צו קדושה, פֿון עקאָנאָמישע אינטערעסן צו מסירת נפש און קידוש השם. מענטשן האָבן אויך געגלויבט אין טייוול און זיי האָבן אַ סך געהאַלטן פֿון כישוף. עס איז אָבער ניטאָ, ווי דאָס האָט אויסגעצייכנט באַמערקט עמיל דיורקהיים, קיין מאַגישע קירך. "צווישן דעם כישוף־מאַכער און די לייט, וואָס קומען צו אים איז ניטאָ די אינטימע פֿאַרבינדונג ווי צווישן די חברים פֿון איין רעליגיעזער עדה". אונדזערע "אויפֿגעקלערטע" משכילים און אונדזערע מאָדערנע היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן קענען ניט באַגרייפֿן דעם פֿונדאַמענטאַלן חילוק צווישן פֿאָרן צו אַ "זנאַכער" און פֿאָרן צום רבין. דער חסיד איז געפֿאָרן צום רבין, ווייל ער האָט געוואָלט פֿאַרברענגען אין דעם רבינס סביבה, זיין נענטער צו דעם מקור

פון הייליקייט און זיך אָנזאַפּן מיט קדושה. דאָס רוב חסידים זיינען געפאָרן צום רבין ניט צוליב עולם הזה, ניט צוליב פּרנסה און קינדער, נאָר גראָד פאַרקערט. מען האָט פאַרלאָזן די געשעפטן, מען האָט אָפּט איבערגעלאָזן ווייב און קינדער אויף גאָטס באַראַט און מען איז אָנטלאָפן צום רבין. דער זינגער פון תהילים האָט אָט די בייגקענעש נאָך הייליקייט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען: "עס לעכצט, עס גאַרט מיין זעל צו די הויפן פון גאָט, מיין האַרץ און מיין פליש טוען זינגען צו דעם לעבעדיקן גאָט". און פונקט אַזוי האָט געלעכצט און געגאַרט די זעל פון דעם חסידישן מענטשן צום רבינס טיש, צו הערן דעם רבינס תורה.

די קולטור פון קדושה, דאָס איז דער עצם מהות און דער זין פון רעליגיע. מיט מענטשן וואָס פילן ניט און פאַרשטייען ניט, וואָס איז אַזוינס קדושה און צו וואָס מען דאַרף עס, איז נאַטירלעך ווען דעם גאַנצן ענין רעליגיע ניט מעגלעך צו דיסקוטירן. קדושה אָבער ווערט אין מענטשלעכן לעבן רעאַליזירט אין עבודה, אין דעם, וואָס דער מענטש זאָגט זיך אָפּ פון זיך, וואָס ער ברענגט אַ קרבן, כדי צו דינען גאָט. רעליגיעזע צערעמאָניעס, סימבאָלן און מצוות, דאָס זיינען אונדזערע שוואַכע מענטשלעכע מיטלען, דורך וועלכע דער בשר ודם פאַרבינדט זיך מיטן אין סוף; דאָס איז די שפּראַך צווישן מענטש און גאָט. אין פּרינציפּ נאַטירלעך איז ניטאָ קיין חילוק אויף וועלכן אופן דער מענטש דינט גאָט און ווי ער דער־הויבט זיך צו דער מדרגה פון קדושה, פונקט ווי די מענטשן קענען באַנוצן פאַרשיידענע סימבאָלן און צייכנס כדי זיך צו פאַרשטענדיקן צווישן זיך. עס איז אָבער אַ גרויסער ספק, צי וואָלט עס באמת געווען געוווּנטשן אָפּצושאַפן אַלע נאַציאָנאַלע שפּראַכן און איינצופירן איין איינציקע וועלטשפּראַך, אפילו ווען דאָס וואָלט געווען מעגלעך. עס וואָלט אָבער באמת געווען אַ גרויסע קולטור־קאַטאַס־טראָפע, ווען עס וואָלט זיך איינגעגעבן איינצופירן אויף דער גאַנצער וועלט בלויז איין איינציקע אמונה. אַן אומגעהויערער פאַרמעגן פון פאַרשיידענע נוסחאות פון דורות אָנגעקליבענער קדושה וואָלט דורך דעם געגאַנגען פאַרלאָרן.

די פראַגע, וואָס שטעלט זיך פאַר אונז היינט, איז בכן די: האָט נאָך די דריי טויזנט יאָר אַלטע יידישע רעליגיעזע קולטור אַ זכות הקיום? אָדער אפשר וועט זיין ריכטיקער צו פאָרמולירן די פראַגע אויף דעם אופן: וועלכע עלעמענטן פון אונדזער אַלטער יידישקייט האָבן נאָך פאַר אונדז היינט צו טאָג סיי אַ יידישן, סיי אַן אַלגעמיינעם מענטשלעכן ווערט? און דערמיט אייגנטלעך קומען מיר ווידער צו דער פראַגע פון קיום האומה. אויב יידישקייט האָט נאָך אַ זכות הקיום, דאַן מוז מען דערצו האָבן דאָס יידישע פאָלק. די "גויים" ווילן נאָך אַלץ די תורה ניט אָננעמען, און עס איז אַפילו זייער שווער איינצורייידן די יידן זיך צו פרייען מיט דער תורה.

עס איז אויך אין אונדזערע יידישע קרייזן פאַרשפּרייט די פאַרשטעלונג, אַז בעת דאָס קריסטענטום איז אַן אוניווערסאַלע אמונה, איז דער גלויבן פון תנ"ך און פון די פּרושים אַ ריין נאַציאָנאַלע רעליגיעזע קולטור און ממילא איז, היסטאָריש גענומען, יידישקייט נאָר אַ מין פּרוזדור צו דער העכערער קריסטלעכער אמונה. ניט

זעלטן קומט אַפילו אויס צו הערן אַזעלכע געדאַנקען פון אָנגעזעענע יידישע שרייבער און דענקער. עס קען אָבער לויט מיין מיינונג ניט זיין קיין גרעסערער און געפערלעכערער טעות ווי צו באַצייכענען די פּרושישע יידישקייט ווי אַ נאַציאָנאַלע רעליגיע. דער גרונט־חילוק צווישן דעם יידיש־פּרושישן און דעם קריסטלעכען וועלטבאַנעם איז נאָך היינט דערזעלביקער ווי אַמאָל: עס איז די פראַגע פון גלויבן און מעשים. אויך די פּרושים האָבן זיך אַ סך פאַרנומען, און צייטנווייז אפילו מיט הצלחה, מיט רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע. אין דער גאַנצער אַלטער גריכיש־רוימישער וועלט זיינען געווען מיליאָנען פון גרים און האַלבע גרים. די פּרושים האָבן שוין פאָרמולירט דעם געדאַנק פון אַ פּראַקטישן אוניווער־סאַלן גלויבן אויפן יסוד פון די שבע מצוות בני נח. אין תלמוד ווערט אַגב בפירוש באַטאָנט אַז ״חסידי אומות העולם (ד. ה. די וואָס זיינען מקיים די שבע מצוות בני נח) יש להם חלק לעולם הבא״. אין דעם פּרט איז די יידישע ״אתה בחרתנו״ אמונה גאָר ניט אַן ערך ליבעראַלער ווי די קריסטלעכע. וואָרים לויט דער הערשנדיקער קריסטלעכער דאָגמע ווערן ניצול פון גיהנום נאָר יענע, וואָס גלויבן אין קריסטוסן און קיין שום מעשים טובים קענען די אומגליקלעכע, וואָס האָבן ניט געהאַט דעם מזל צו ווערן קריסטן, ניט ראַטעווען. צו אַט די אומגליקלעכע געהערן אַגב אויך יענע, וואָס האָבן געלעבט איידער קריסטוס איז געקומען אויף דער וועלט. די פּרושים האָבן אָבער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז עס איז ווייניק די פּראָפּאַגאַנדע אין דער ברייט, וואָס האָט געהאַט דער עיקר דעם צוועק בלויז צו ״ראַטעווען נשמות״ דורכן גלויבן. זיי האָבן געפּאָדערט א סך און דעריבער איז זייער פּראָפּאַגאַנדע געגאַנגען מער אין דער טיף. זייער ״אתה בחרתנו״ איז קיינמאָל ניט געווען קיין עקסקלוזיווער. יעדער ניט־איד האָט געקענט זיך מגייר זיין און ממילא זיך אָנשליסן אַן דעם פאָלק, וועמען גאָט ברוך הוא האָט מזכה געווען מיט מצוות און מעשים טובים. די מחלוקת צווישן די פּרושים און ישו הנוצרי בנוגע אָפּהיטן שבת איז ניט באַשטאַנען דערין, וואָס די פּרושים האָבן זיך איינגעקשנט און האָבן דווקא געוואָלט אָפּהיטן זייערע אַלטפּרענקישע צערעמאָניעס און ישו האָט פון שבת געוואָלט מאַכן אַן אַלגעמיין מענטשלעכן אָפּרו־טאָג. די מחלוקת איז געגאַנגען אַרום דער פּראַגע וועגן דעם גראַד פון קדושה, וואָס מוז זיין פאַרבונדן מיטן טאָג שבת. איז שבת אַ טאָג פון העכסטער הייליקייט אָדער אַ האַלב־וואָכעדיקער טאָג? אַז פּיקוח נפש איז דוחה שבת האָבן די פּרושים גאַנץ גוט געוווסט. די פראַגע איז אָבער געווען צי מעג מען אַוועקרוקן דעם שבת צוליב יעדן צופעליקן מענטשלעכן קאַפּריז?

און היינט, קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר נאָך יענער וועלט־געשיכטלעכער פלוגתא, שטייען מיר ווידער פאַר דערזעלביקער פּראָבלעם. דער פּרווו צו ראַטעווען די וועלט דורכן גלויבן איז דורכגעפאַלן. די ירידה פון דער אייראָפּעיש־אמעריקאַנישער קולטור־וועלט האָט דאָך עפּעס אַ שטיקל שייכות צום קריסטנטום, וואָס האָט דאָך במשך פון צענדליקער דורות כמעט אומבאַגרענעצט געהערשט! דער אמת איז דאָך, אַז אַפילו דער מאָדערנער וועלטלעכער סאָציאַליזם איז אין תוך געווען

אויפגעבויט אויפן פּאָליטישן פּרינציפּ פון גלויבן. מען האָט זיך אין אונדזער סאָציאַליסטישער וועלט כמעט ווי ניט פאַרנומען מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון אַ סאָציאַליסטישער הלכה און סאָציאַליסטישע מצוות. פאַר אַ סאָציאַליסט איז געווען געגנוג אַרויסצונעמען אַ סאָציאַליסטישע מיטגלידס־קאַרטע און שטימען פאַר סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן.

איך גלויב דעריבער, אַז אונדזער קולטור־וועלט קען ווידער קומען צו זיך נאָר דאַן, ווען זי וועט אין אַ גרעסערער מאָס ווערן דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון די נביאים און פון די פּרושים, מיטן גייסט פון תורה און הלכה, ווען מיר וועלן פאַרלאַנגען פון דעם יחיד ניט נאָר גלויבן, נאָר אויך מצוות און מעשים טובים, וואָס זאָלן רעאַליזירן די אידעע, אין וועלכער מען גלויבט. די פּרושישע הלכה, וואָס פאָדערט אגב ניט נאָר צו הייליקן דעם שבת, נאָר אויך, אויף ווי ווייט מעגלעך, צו הייליקן די וואָך, האָט מחמת דעם, אויב ניט אַלע מאָל לויט דער פאָרם, איז אָבער בכל אופן לויט דער אידעע, ניט נאָר אַ יידישן, נאָר אויך גאָר אַ גרויסן אַלגעמיין מענטשלעכן ווערט.

יידיש גלויבן אין אונדזער צייט

וואָס איז פאַר אונדז היינט יידישקייט? וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן פאַר אונדזער צייט די אידעען און די אידעאַלן פון אונדזער עבר? איז יידיש גלויבן נאָך אויך היינט אַ לעבעדיקער כוח, וואָס וואָלט אונדז געקענט העלפן געפינען אַן אויסוועג אין דעם שווערן קריזיס פון אונדזער צייט?

עס קען ניט געלייקנט ווערן, אַז פאַר אַ סך יידן פון אונדזער דור איז רעליגיע בכלל און יידיש גלויבן בפרט ניט מער ווי אַ ענין פון דער פאַרגאַנגענהייט. אמונה, עכטער גלויבן, שפּילט אין אונדזער צייט גאָר אַ באַשיידענע ראָל, און דער גאַנצער רעליגיעזער ריטואַל, אפילו די אידעישע יסודות פון רעליגיעזן לעבן, ווערן אָפט באַטראַכט ניט מער ווי רעשטלעך פון אַלטן אָבערגלויבן, וואָס האָבן פאַר אונדזער ״אויפגעקלערטן״ צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פאַרלאָרן יעדן זין. אונדזער אַזוי גערופענע מערב׳דיקע ציוויליזאַציע, אַליין אַ פּראָדוקט פון דעם סינטעז פון דער יידיש־ביבלישער און דער אַנטיקער גריכישער קולטור, האָט זינט דעם אָנהויב פון דער אויפקלערונגס־באַוועגונג אין אייראָפּע אין 18טן יאָר־הונדערט זיך אַלץ מער און מער עמאַנציפּירט פון דער ״יידישער״ ירושה, פון די יידיש־ביבלישע רעליגיעזע און עטישע ווערטן. די דאָזיקע וויטגייענדיקע סעקולאַריזירונגס־טענדענצן האָבן נאַטירלעך אויך ניט פאַרפעלט זייער ווירקונג אויפן יידישן לעבן, הגם מען וואָלט אפשר געקענט דערוואַרטן, אַז דאָס עם הספר זאָל אַרויסווייזן מער צוגעבונדנקייט צו די אידעען און טראַדיציעס פון דעם ספר הספרים. באַזונדערס אומגליקלעך איז אין דעם פּרט געווען, ווי מיר וועלן עס

ווייטער זען, דער דאָמינירנדיקער איינפלוס פון דער דייטשער קולטור אופן יידישן לעבן פאַר די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר. סיי די יידישע רפאָרם־באַוועגונג, סיי די השכלה, סיי די מאָדערנע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, זיינען אויפן שטאַרקסטן אופן אידעיש באַאיינפלוסט געוואָרן פון דייטשלאַנד, ווו ביטול און אָפּענע שנאה לגבי דער ביבליש־יידישער אידעען־וועלט איז קולטיווירט געוואָרן במשך פון דורות און דורות, אפילו אין די ליבעראַלע און רעליגיעזע קרייזן.

פאַר די לעצטע יאָרן איז אין דעם פּרט גראַד אין די קרייזן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ פאָרגעקומען אַ באַדייטנדע עוואָלוציע אין דער ריכטונג פון אַ נייעם צוגאַנג צו דער יידישער טראַדיציע בפרט און צום גאַנצן ענין רעליגיע בכלל. וואָס האָט די דאָזיקע "יידישקייט־זוכער" באַוויגן צו אַזאַ ראַדיקאַלער רעוויזיע פון דער יידישיסטיש־סאָציאַליסטישער וועלטלעכקייט־אידעאָלאָגיע? עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות אָנצונעמען, ווי אייניקע זיינען משער, אַז בלויז נאַציאָנאַלע מאָטיוון האָבן דאָ געשפּילט אַ ראָל. מיר ווילן דערמיט אבסאָלוט ניט לייקענען, אַז די קאַטאַסטראָפע אין אייראָפּע האָט אַרויסגערופן, און האָט געמוזט אַרויסרופן, שטימונגען פון חשבון הנפש ביי יידישע מענטשן. אָבער די נטיה צו אַ נייער אָפּשאַצונג און איבערשאַצונג פון אונדזערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַל־עטישע ווערטן האָט נאָך אַנדערע גרונדן. גראַד סאָציאַליסטיש דענקענדיקע מענטשן, וואָס האָבן אַזוי נאַיוו געגלויבט אין דעם פּראָגרעסיוון כוח פון דער מאָדערנער קולטור און וואָס האָבן געקוקט מיט אַזוי פיל האָפענונג אויף דער פאַרשפּרייטונג פון "וויסן" און וויסנשאַפט צווישן די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, זיינען געווען טיף דערשיטערט זעענדיק די רעזולטאַטן, וואָס דאָס "וויסן" האָט געבראַכט און צו וואָס פאַר אַ צוועקן די וויסנשאַפט איז אויסגענוצט געוואָרן. דער מענטש איז בטבע גוט — האָט דער סאָציאַליזם געלערנט — און אַלע אונדזערע צרות נעמען זיך פון דער הערשנדיקער אומגערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג. מוז מען בכן ענדערן דעם הערשנדיקן סדר העולם, וועלן ממילא די מענטשן ווערן בעסער און די וועלט גליקלעכער. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן אויך געהאַט אַ ביסל אַ טעות אין מענטשן. די צענטראַלע פּראָבלעם פון אונדזער צייט באַשטייט דאָך גראַד דערין, וואָס דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צו באַהערשן די כוחות פון דער נאַטור, אָבער ער איז נאָך גאַנץ ווייט פון צו קענען באַהערשן און קאָנטראָלירן די עקספּלאָזיווע כוחות, וועלכע לעבן און ווירקן אין אים. דער פאַקט, וואָס דער פּראָגרעס פון די עקזאַקטע וויסנשאַפטן האָט ווייט אַריבערגעיאָגט אונדזער מאָראַלישן פּראָגרעס, האָט געשאַפן אַ סיטואַציע, וואָס שטעלט אין סכנה דעם עצם קיום פון אונדזער גאַנצער קולטור. דער מאָדערנער מענטש האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין מאַכט, פאַר זיין צופיל וויסן, וואָס גיט אים די כלי זין חרוב צו מאַכן זיין אייגן וועלט. מיט אַ געפיל פון אומרו פרעגט זיך דער היינטיקער מענטש, פונקט ווי דאָס האָט געטאָן דער ביבלישער דענקער מיט יאָר־טויזנטער צוריק: איז דאָס געניסן פון דעם בוים פון וויסן געווען גליק פאַר אים?

אַ באַקאַנטער אייראָפּעישער שריפטשטעלער האָט קורץ כאַראַקטעריזירט דעם קריזיס פון אונדזער צייט בזה הלשון: דאָס ניינצענטע יאָרהונדערט האָט אונדז געשטעלט פאַר דער פראַגע — צי איז פאַראַן אַ גאָט? אונדזער יאָרהונדערט שטייט פאַר דער פראַגע — צי איז נאָך דאָ דער מענטש? עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז דער סדר פון די פראַגן איז ניט קיין צופעליקער. בכל אופן זעען מיר אַז דער גאַנצער ענין גייט ווייט אַרויס פון דעם תחום פון ריין יידיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. אין דער זעלביקער צייט טאָר מען אָבער אויך ניט פאַרלירן פון אויג דעם ספּעציפיש־יידישן אַספּעקט אין דעם מאָראַלישן קריזיס פון אונדזער דור.

"עס איז ניט קיין צופאַל — שרייבט דער שווייצאַרישער טעאָלאָג קאַרל באַרט, איינער פון די טיפסטע רעליגיעזע דענקער פון אונדזער צייט — וואָס היטלער האָט תמיד אָנגעוויזן אויף די יידן ווי די שטערונג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע אַספּיראַציעס. ניט ווילנדיק איז דער ייד אַן עדות פון דעם ביבלישן גלויבן, וואָס אַ דאַנק אים איז די מערבדיקע קולטור — ניט געקוקט אויף דעם צושטאַנד פון ירידה אין וועלכן זי געפינט זיך איצט — נאָך אַלץ אָפּגעטיילט ווי דורך אַ תהום פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער גאָטלאָזיקייט".
די געשעענישן פון דער לעצטער צייט האָבן באַזונדערס בולט אַרויסגעבראַכט די אוניווערסאַלע באַדייטונג פון דער יידישער רעליגיעז־עטישער קולטור. און דערביי האָבן מיר אין זינען ניט נאָר די עטיק פון דער תורה און די נביאים, נאָר אויך, און אין דער ערשטער שורה, די עטיק פון די פרושים און די בעלי התלמוד.

די פרושים האָט מען שאַרף קריטיקירט, מען האָט צו זיי געהאַט אַ סך טענות, אָבער מען האָט זיך גאָר ווייניק מטריח געווען צו פאַרשטיין, וואָס האָבן זיי אייגנטלעך געוואָלט. די פרושים האָבן געשאַפן די הלכה, דעם אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער פון נאָרמעס, געזעצן און מצוות, וואָס באַטראַכט דאָס מענטשלעכע לעבן ווי אַ הייליקע שליחות. האָבן די קעגנער פון די פרושים געטענהט, אַז דער דאָזיקער "לעגאַליזם", דאָס שטרענגע אָפּהיטן פון די מצוות, מוז אָפּטויטן דאָס רעליגיעזע געפיל: דאָס געשריבענע וואָרט איז טויט — זאָגט פּוילוס, דער אידעאָלאָג פון קריסטלעכן אַנטינאָמיאַניזם — און נאָר דער גייסט גיט לעבן. מענטשן ווערן גערעכטפערטיקט אין גאָט'ס אויגן, טענהט ווייטער פּוילוס, ניט דורך דער תורה פון מעשים, נאָר דורך דער תורה פון גלויבן. זינט פּוילוסעס פּאָלעמיק קעגן דער יידישער טראַדיציע, קעגן דעם גלויבן פון תורה און מצוות מעשיות, האָט די פּראָבלעם פון גלויבן אָדער מעשים פאַרנומען אַ צענטראַלן פּלאַץ אין דער קריסטלעכער געדאַנקען־וועלט. פאַר אונדז היינט האָט די דאָזיקע פראַגע גאָר אַ באַזונדערע, ממש גורלדיקע באַדייטונג. קענען מיר עפּעס לערנען פון די געשעענישן פון אונדזער צייט? וועלכע טענדענצן, וואָסערע אידעען האָבן אַמבעסטן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון דער געשיכטע?

ווי אַזוי איז דאָס געוואָרן מעגלעך? ווי אַזוי האָט אין האַרצן פון קריסטלעך־ציוויליזירטן אייראָפּע געקענט געשען אַזאַ שוידערלעכקייט, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער געשיכטע? ווער טראָגט אחריות פאַר דער קאַטאַסטראָפע?

אויף דער פראַגע מוז אונדזער דור זוכן און געפינען אַן ענטפער. דער שוין פריער ציטירטער שווייצאַרישער טעאָלאָג קאַרל באַרט האָט די פראַגע פאָרמולירט נאָך מער קאָנקרעט. אַליין אַ פּראָטעסטאַנט, האַלט ער פאַר זיין פליכט קודם־כל צו מאַכן דעם חשבון פאַר זיך:

"אין 16טן יאָרהונדערט — שרייבט קאַרל באַרט — האָט דער פּראָטעסטאַנ־טיזם איבערגענומען אַ גרויסע אחריות פאַרן גורל פון אייראָפּע. די פּראָטעסטאַנטישע וועלט האָט דערפאַר אַ גרונד זיך צו פרעגן: ווי אַזוי האָט עס געקענט פּאַסירן, אַז נאָך פיר הונדערט יאָר פּראָטעסטאַנטיזם האָט אייראָפּע געקענט געבראַכט ווערן צום סאַמע ברעג פון אָפּגרונט, ביי וועלכן זי געפינט זיך איצטער. און עס איז אַ מאָנומענטאַלע חרפה פאַרן גאַנצן פּראָטעסטאַנטיזם, וואָס די בעסטיע פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָט געקענט אויפגעהאָדעוועט ווערן אין דער וויגעלע פון דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג".

דיזעלביקע פראַגע וואָלט זיך אויך געמוזט שטעלן דער סאָציאַליסטיש־דענקענדיקער מענטש: ווי קומט עס, וואָס גראַד אין דעם קלאַסישן לאַנד פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין דעם לאַנד פון מאַרקס און לאַסאַל, פון בעבעל און ליבקנעכט האָט דער היטלעריזם באַוויזן צו פאַרכאַפּן אַזעלכע ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג? דורות סאָציאַליסטן האָבן געקוקט מיט באַוווּנדערונג אויף דער אַזוי מוסטערהאַפט אָרגאַניזירטער דייטשער אַרבעטער־שאַפט. ווו איז די דייטשע אַרבעטערשאַפט געווען אין דער שעה פון נסיון? איז עס אפשר ניט קיין צופאַל, וואָס דאָס אומגליק איז געקומען פון דייטשלאַנד? אפשר גיט אונדז טאַקע דייטשלאַנד דעם שליסל צו דער פּראָבלעם?

אין יענער צייט, ווען דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט אויף זיך גענומען די אחריות פאַרן גורל פון אייראָפּע, האָבן זיך אין דער פּראָטעסטאַנטישער וועלט אויסגעקריסטאַליזירט צוויי שאַרף אַנטקעגנדיקע ריכטונגען. מאַרטין לוטער האָט זיין אידעאָלאָגישן קאַמף געפירט דער עיקר קעגן די "יידישע" טענדענצן אין קריסטנטום. לוטער האָט דעם פּוילינישן אַנטינאָמיאַניזם, זיין אָפּאָזיציע קעגן דעם גאַנצן יידישן באַנעם פון רעליגיעזע פליכטן און מצוות, דערפירט ביז צו זיינע וויטסטע לאָגישע קאָנסעקווענצן. בעת די פּרושים באַטאָנען כסדר, אַז רעליגיע איז מחייב, אַז דער מענטש דאַרף דורך זיינע מעשים פאַרדינען גאָט'ס חסד, אַז דער גאַנצער זין פון מענטשלעכן לעבן באַשטייט דערין, צו נעמען אויף זיך דעם יאָך פון גאָט'ס ווילן און גאָט'ס מצוות, וועט לוטער קיינמאָל ניט מיד אין זיין פּאָלעמיק קעגן דעם יידישן "לעגאַליזם" און דעם יידישן קולט פון מעשים. דער מענטש ווערט גערעכטפערטיקט אין גאָט'ס אויגן, לערנט אונדז לוטער, פאָלגנדיק פּוילוסן, אויסשליסלעך דורך זיין גלויבן און בשום אופן ניט דורך זיינע אייגענע אָנשטרענגונגען און זיינע אייגענע דערגרייכונגען.

אויף קאַלווין, דער פראַנצויזיש־שווייצאַרישער רעפאָרמאַטאָר, האָט אין פּרינציפּ אָנגענומען די פּוילינישע טעאָלאָגיע. אין דער פּראַקטיק אָבער, אין זיינע רעליגיעז־עטישע פאָדערונגען צום גלויביקן, איז דער קאַלוויניסטישער פּראָטעס־

טאַנטיזם גאָר ניט אין אַן ערך מער אַקטיוויסטיש און ריגאָריסטיש ווי דער לוטעראַניזם. אין דעם פּרט איז ממש אַ תהום צווישן דעם קאַלוויניסטישן לעגאַליזם און דער לוטעראַנישער פּאַסיווקייט לגבי אַלע פראַגן פון רעליגיעז־עטישער דיסציפּלין. די פּוריטאַנער אין ענגלאַנד און אַמעריקע, וועלכע האָבן ווייטער אַנטוויקלט די קאַלוויניסטישע טעאָלאָגיע, האָבן אַריינגעטראָגן נאָך מער "יידישקייט" אין זייער גלויבן. די גאַנצע פּוריטאַנישע באַוועגונג שטייט אונטערן צייכן פון אינדיווידועלער, רעליגיעז־עטישער זעלבסט־דיסציפּלין. די אידעע פון רעליגיעז־עטישער דיסציפּלין קומט נאָך שאַרפער צום אויסדרוק אין דער סעקטאַנטישער באַוועגונג, וואָס איז אַזוי ביטער באַקעמפט געוואָרן פון לוטערן. דאָס עצם באַשטיין אויף דער פאָדערונג, אַז קריסטנטום מוז קומען צום אויסדרוק אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אין דער אויפפירונג פון דעם גלויביקן, האָט לויט לוטערס מיינונג געהייסן, אַז מען שטעלט דעם טראָפּ אויף די "מעשים" פון דעם מענטשן און ניט אויף גאָט'ס "חסד". עס איז כדאי אין דעם צוזאַמענהאַנג אַנצוווייזן אויף דעם גאַנץ אַנדערן צוגאַנג פון די פּרושים. אין מדרש איכה רבתי לערנען מיר: עס שטייט געשריבן: ואותי עזבו ואת תורתי לא שמרו (ירמיה טז), הלוואי וואָלטן זיי מיך פאַרלאָזן און מיין תורה געהיט, וואָרים דאָס ליכט פון דער תורה וואָלט זיי ווידער געבראַכט אויפן גוטן וועג (הלוואי אותי עזבו ותורתי שמרו. מתוך שהיו מתעסקין בה המאור שבה היה מחזירן למוטב).

לוטערס טעאָלאָגיע האָט געהאַט און האָט געמוזט האָבן אַ באַדייטנדיקע און ווייט ניט קיין גליקלעכע ווירקונג אויף דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג אין דייטש־לאַנד. בעת די קאַלוויניסטישע פּוריטאַנער האָבן געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן גאָט'ס ווילן, (ווי זיי האָבן עס פאַרשטאַנען) אויף דער ערד, האָט לוטער אין דעם פּרט איבערגעלאָזן די פולע איניציאַטיוו פאַר דער מלוכה. די פאַרגעטערונג פון מאַכט און מלוכה איז מיט דער צייט אַלץ מער געוואָרן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פון לוטעראַניזם. עס פעלט דאָ אינגאַנצן דער נביאיש־ביבלישער פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטער מלוכה, קעגן די זינדיקע הערשער. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין אויגוסבורגער פרידנס־אָפּמאַך (1555) איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן דער פּרינציפּ פון cuius regio eius religio: דער הערשער האָט דאָס רעכט צו באַשטימען דעם גלויבן פון זיינע אונטערטאַנען. ערנסט טרעלטש, איינער פון די באַדייטנדסטע טעאָלאָגן און היסטאָריקער, וואָס דאָס פאַר־נאַציסטישע דייטשלאַנד האָט אַרויסגעגעבן, ברענגט מיט קלאַסישער קלאָרקייט אַרויס דעם פונדאַמענטאַלן אונטערשייד צווישן דעם אינדיווידואַליסטיש־אַסקעטישן פּראָטעס־טאַנטיזם פון דער אַנגלאָ־סאַקסישער וועלט און דעם אַנטילעגאַליסטישן און סאָציאַל־עטיש פּאַסיוון פּראָטעסטאַנטיזם על פּי נוסח לוטער.

"אַזוי אַרום האָט די קריסטלעכע עטיק" — באַמערקט טרעלטש — "זיך אַנטוויקלט אין צוויי דיאַמעטראַל אַקעגנגעזעצטע ריכטונגען. אין דייטשן פּרייסן איז דער לוטעראַניזם געוואָרן די שטיצע פון דעם קאָנסערוואַטיוו־אַריסטאָקראַטישן, לעגאַל־פּאָזיטיוויסטישן... געזעלשאַפטלעכן סדר... אַקעגן דעם האָט דער

קאַלוויניזם פאַרשטאַרקט די אידעען פון דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם און האָט קולטיווירט די געפילן פון אומאָפּהענגיקייט, ליבע צו פרייהייט און מענטשנליבע".

בנוגע דער באַציונג פון לוטעראַניזם צו דער מלוכה־מאַכט שרייבט דער זעלביקער געלערנטער:

"די פּאַסיוויטעט פון לוטעראַניזם האָט אַנטוויקלט די רגילות צו אַקצעפּטירן יעדע מאַכט, וואָס געפינט זיך צופעליק ביים רודער...

"...דורך זיין אָפּזאָגן זיך פון דער קירכלעכער אומאָפּהענגיקייט, דורך זיין פאַרגעטערן די מלוכה און זיין לאַיאַלער פּאַסיוויטעט האָט דער לוטעראַניזם געשאַפן אַ באַזונדערס גינסטיקן באָדן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער טעריטאָריאַלער מלוכה... און האָט צוגעגרייט דעם וועג פאַרן טעריטאָריאַלן אַבסאָלוטיזם..."

איז דערפאַר טאַקע ניט קיין וואונדער, וואָס דער מאָראַלישער ווידערשטאַנד אַקעגן דער היטלער־מאַכט איז אין דייטשלאַנד געווען אַזוי קליין. דאָס געפיל פון פּערזענלעכער מאָראַלישער אחריות איז דאָ אין משך פון דורות כמעט ווי אינגאַנצן אָפּגעטעמפּט געוואָרן. און עס איז ווייטער ניט קיין חידוש, וואָס נאָך היינט פילן די דייטשן ניט קיין שום שולדגעפיל לגבי די שוידערלעכע פאַרברעכנס, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן. אפילו די דירעקט באַטייליקטע אין די שחיטות האָבן אַ תירוץ: זיי האָבן געהאַנדלט לויט אַ באַפעל. עס פעלט זיי ניט איין, אַז עס איז פאַראַן אַ העכערע מאָראַלישע אינסטאַנץ ווי ברוטאַלע מאַכט און אַז קיין שום באַפעל קען ניט באַפרייען דעם מענטשן פון זיין פּערזענלעכער מאָראַלישער אחריות.

עס ווייזט אויס, אַז כדי צוריק צו געפינען דעם מענטשן מוזן מיר פריער צוריק געפינען אונדזער גלויבן, אַ גלויבן, וואָס לערנט דעם מענטשן, ווי צו לעבן און ווי זיך אויפצופירן. עס וועט אונדז איצט אויך ניט זיין שווער זיך אָנצוּ־שטויסן פאַרוואָס די מעכטיקע דייטשע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אין דער שעה פון ניסיון אַרויסגעוויזן אַזוי אומבאַהאָלפן, אַזוי שוואַך, אַזוי מאָראַליש פּאַראַליזירט. דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם איז אין גאַר אַ באַדייטנדיקער מאָס געווען באַאיינפלוסט פון דער אידעען־וועלט פון דעם פּרייסיש־דייטשן פּראָטעסטאַנטיזם. קאַרל מאַרקס האָט דערפאַר ניט געקענט פאַרשטיין דעם "אויטאָפּישן" סאָציאַליזם פון די עלטערע ענגלישע און פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע דענקער, וואָס האָט קודם כל אַפּעלירט צום יחיד. מאַרקס האָט ניט געהאַלטן פון דער פּערזענלעכער איניציאַטיוו פון יחידים, וואָס ווערט סטימולירט דורך מאָראַלישע פאַקטאָרן. דער סאָציאַליזם וועט קומען מיטן "חסד" פון דער געשיכטע און דער איינצלנער אַרבעטער דאַרף גלויבן און וואַרטן. להיפּוך צום אוטאָפּישן סאָציאַליזם האָט דער מאָדערנער "וויסנשאַפטלעכער" סאָציאַליזם פון דעם איינ־צלנעם גאַרניט פאַרלאַנגט און האָט די גאַנצע איניציאַטיוו און אחריות איבערגעלאָזן פאַר דער פּאַרטיי און דער מלוכה. דער איינצלנער סאָציאַליסט האָט קיינמאָל ניט געוווּסט, וואָס ער אַליין דאַרף טאָן, כדי מקרב צו זיין די סאָציאַליסטישע גאולה. עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז סאָציאַליסטן דאַרפן אין זייער פּערזענלעכן

לעבן מקיים זיין די מצווה פון סאָציאַליזם און אָנהויבן די "רעוואָלוציע" ביי זיך אין דער היים, ווי דאָס האָבן פאַרלאַנגט פאַרשיידענע "אוטאָפּיסטן". דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם האָט דעם דאָזיקן אינדיווידואַליסטיש־עטישן צוגאַנג באַטראַכט ווי אַ שעדלעכע אוטאָפּיע. דערפאַר האָט די מאָדערנע סאָציאַליסטישע באַוועגונג זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן, ווען זי איז געשטעלט געוואָרן פאַרן נסיון פון דער מאַכט.

די יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, וואָס איז אין אַזאַ שטאַרקער מאָס געווען באַאיינפלוסט פון דער דייטשער קולטור, איז דערפאַר אויך אידעיש ווייט אַוועק פון דער יידישער טראַדיציע. אונדזער וועלטלעכע קולטור־באַוועגונג, וואָס האָט זיך דער עיקר אָנגעשפּאַרט אויף די סאָציאַליסטישע קרייזן, איז געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון אַ גרינגער יידישקייט, פון אַ יידישקייט, וואָס קאָסט קיין סך ניט, און איז ווייניק מחייב. די וועלטלעכע יידישקייט האָט צום איינצלנעם יידן ניט געשטעלט קיין שום פאָדערונגען, זי האָט אים ניט געזאָגט, וואָס אַ ייד דאַרף טאָן און ווי אַ ייד דאַרף לעבן. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַ יידישקייט, וואָס קאָסט ווייניק, איז נאָך ווייניקער ווערט. דער מעכאַנישער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון יידישן קולטור־לעבן איז אגב אָם ווייניקסטן צוגעפּאסט פאַר אַ פאָלק, וואָס האָט במשך פון זיין גאַנצער געשיכטע געמוזט פירן אַ מסירת־נפשדיקן קאַמף פאַר זיין קיום. און טראַכטנדיק וועגן דער פראַגע, וועגן דעם זין פון יידישקייט און וועגן דעם היסטאָרישן גורל פון אונדזער פאָלק, איז פאַר אַ טייל יידישע סאָציאַליסטן ווידער אויפגעשוווּמען דאָס בילד פון אַ גאַנצער און מאָנענדיקער יידישקייט, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט דאָס גליק אַליין צו זען און אַליין מיטצולעבן. עפּעס איז געווען אין יענער יידישקייט, וואָס האָט אונדז געהאָלפן צו געפינען דעם וועג אין לעבן און פורעמען אונדזער לעבן. מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די מאָראַלישע גרויסקייט פון דעם יידן, וואָס קומט מיט פאָדערונגען צו זיך און צו דער וועלט. מיר האָבן אָנגעהויבן בעסער צו פאַרשטיין דעם גרויסן מאָראַלישן ווערט פון יידישן צוגאַנג צום לעבן, צו די פּראָבלעמען פון יחיד און פון כלל. עס איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז יידישקייט איז ווייט ניט קיין ענין פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר גראָד פאַרקערט. אונדזער היינטיקע וועלט בכלל האָט גאָר אַ סך צו לערנען פון דער תורה פון די פּרושים, און מיר יידן אוודאי און אוודאי.

עכטער און שטאַרקער גלויבן איז, און מוז זיין, דינאַמיש און רעוואָלוציאָנעריש, ווייל דער זין פון גלויבן איז צו דערהויבן און צו לייטערן דעם מענטשן. היינט, ווען פאַר אונדז האָט זיך אַזוי מוראדיק אָנטפּלעקט דער דעסטרוקטיווער יצר הרע, וואָס לעבט און ווירקט אין מענטשן, ווערט אונדז אויך גרינגער אָפּצושאַצן די פּאָזיטיוו־שעפערישע ראָל, וואָס די רעליגיע האָט געשפּילט אין פּרט פון אַרויסברענגען און קולטיווירן די סאַמע עלעמענטאַרע פּרינציפּן פון אונדזער מאָראַל. די רעליגיע האָט געשאַפן שטרענגע נאָרמען פון פאַמיליע־לעבן און סאָציאַלן לעבן, טיילווייז אפילו פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט. אויסערגעוויינלעך אינסטרוקטיוו איז דער פאַקט, וואָס דאָס באַוועלען פון שוצלאָזע פרעמדע ווערט אין תנ"ך

באַטראַכט ווי איינע פון די שווערסטע פאַרברעכנס. דאָס זינדיקע סדום איז אונטערגעגאַנגען, ווייל מען האָט דאָרטן באַעוולט שוצלאָזע וואַנדערער. דער גאָט פון תנ״ך, דער גאָט פון ישראל איז דער גאָט פון די שוואַכע, דער ריכטער פון דער וועלט, און די תורה פון ישראל איז דאָס געזעץ פון דער וועלט. דערפאַר האָט די תורה, לויט דעם גלויבן פון די פּרושים, אַ סך מער ווי בלויז אַ נאַציאָנאַלע באַדייטונג. אַ תלמודישע טראַדיציע דערציילט: גאָט ברוך־הוא איז אַרומגעגאַנגען מיט דער תורה צו אַלע אומות העולם און זיי האָבן ניט געוואָלט אויף זיך נעמען דעם עול פון די מצוות, ביז ער איז געקומען צו די קינדער פון ישראל און זיי האָבן די תורה אָנגענומען. אַ צווייטע תלמודישע טראַדיציע דערציילט, אַז יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון גאָט׳ס מויל אויפן באַרג סיני, איז צעטיילט געוואָרן אויף זיבעציק לשונות (כל דבור ודבור שיצא מפי הקב״ה נחלק לשבעים לשונות, שבת פ״ח), אַזוי, אַז אַלע פעלקער פון דער ערד האָבן געהערט גאָט׳ס וואָרט.

עס האַנדלט זיך דאָ לחלוטין ניט וועגן סתם אגדות פון דעם מין פון דרוש וקבל שכר. די גאַנצע יידישע רעליגיעזע פילאָזאָפיע ווערט באַהערשט פון דער אידעע פון אַ מאָראַלישן וועלט־געזעץ, אַ מין וועלט־טשאַרטער, וועלכער רעגולירט דעם גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, וואָס דאָס דאָזיקע וועלטגעזעץ איז צושטאַנד געקומען ניט דורך אַ איינזייטיקן דעקרעט פון דעם בורא עולם, נאָר אויף דעם קאָנסטיטוציאָנעלן וועג פון אַ בונד (ברית), אַן אָפּמאַך צווישן גאָט און זיינע באַשעפענישן. עס איז אַ פרייוויליקער בונד, וואָס פאַרפליכטעט ביידע צדדים: אויך גאָט ברוך הוא האָט אויף זיך גענומען אָפּצוהיטן די תנאים פון זיין אָפּמאַך מיט די מענטשן. אָט די אידעע פון בונד גיט אונדז דעם שליסל צו דער אַזוי אייגנאַרטיק מערקווערדיקער געשיכטע פון רעליגיעזן געדאַנק ביי יידן.

שוין די באַציונגען צווישן דעם ערשטן מענטשן און דעם בורא זיינען געהייליקט געוואָרן דורך אַ בונד. דער ערשטער מענטש איז פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן, ווייל ער האָט ניט געהאַלטן די התחייבות׳ן, וואָס ער האָט אַליין אויף זיך גענומען. אַזוי, יעדנפאַלס, האָט עס פאַרשטאַנען דער נביא הושע (והמה כאדם עברו ברית). דאָס איז געווען די ערשטע און היסטאָריש אַזוי גורל׳דיקע זינד פון דעם מענטשן. דער צווייטער הייליקער אָפּמאַך צווישן גאָט און די מענטשן ווערט געשלאָסן נאָכן מבול. דער באַריכט וועגן דעם בונד מיט נח׳ן ווערט אין חומש באַשריבן מיט אַ באַזונדערער פייערלעכקייט. נאָכדעם ווי נח האָט געבראַכט זיין קרבן און האָט געדאַנקט דעם האַר פון דער וועלט פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מיט אים געטאָן, באַשליסט גאָט צו באַשטימען פעסטע און אייביקע געזעצן פאַר דער וועלט און פאַר אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד:

״און גאָט האָט געזאָגט אין זיין האַרצן: איך וועל מער ווידער ניט פאַרשילטן די ערד פון וועגן דעם מענטשן, וואָרים די טראַכטונג פון דעם מענטשנס האַרצן איז שלעכט פון זיין יוגנט אָן, און איך וועל מער ווידער ניט פאַרטיליקן אַלץ, וואָס לעבט, אַזוי ווי איך האָב געטאָן. אַזוי לאַנג ווי די טעג פון דער ערד, זאָל

זייונג און שניט און קעלט און היץ, און זומער און ווינטער און טאָג און נאַכט ניט אויפהערן".

נאָכדעם ווי עס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן די אייביקע געזעצן פאַר דער נאַטור, ווערן פעסטגעשטעלט די גרונטגעזעצן פון צוזאַמענלעבן פאַר אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד — מענטשן און בעלי־חיים:

"און גאָט האָט געבענטשט נח'ן און זיינע זין, און האָט צו זיי געזאָגט: פרוכפּערט אייך און מערט אייך, און פילט אָן די ערד, און אייער מורא און אייער שרעק זאָל זיין אויף יעטווידער חיה פון דער ערד, און אויף יעטווידער פויגל פון הימל, אויף אַלץ וואָס די ערד ווידמעט און אויף אַלע פישן פון ים. אין אייער האַנט זיינען זיי איבערגעגעבן, אַלץ וואָס באַוועגט זיך, וואָס לעבט, זאָל זיין פאַר אייך צום עסן; אַזוי ווי גרינע קרייטעכץ האָב איך אייך דאָס אַלץ געגעבן. נאָר פלייש מיט זיין לעבן, זיין בלוט, זאָלט איר ניט עסן".

דער מענטש ווערט באַשטימט פאַרן הערשער איבער אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד. עס ווערט אים אויך דערלויבט צו עסן דאָס פלייש פון די בעלי־חיים (אין דער צייט פון גן עדן האָט, לויט דער ביבלישער טראַדיציע, דער מענטש געלעבט נאָר פון די פּרוכט פון דער ערד), אָבער מיטן תנאי, אַז דאָס בלוט פון די בעל־חיים זאָל ניט געגעסן ווערן.

גאָר אַ באַזונדערן פּלאַץ פאַרנעמט אין דער נייער וועלט־קאָנסטיטוציע דער מענטש, די קרוין פון דעם באַשאַף:

"אָבער אייער בלוט, פון אייערע נפשות, וועל איך אויפמאָנען; פון דער האַנט פון איטלעכער חיה וועל איך עס אויפמאָנען, און פון דער האַנט פון דעם מענטשן... וועל איך אויפמאָנען דאָס לעבן פון אַ מענטשן. דער וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט פון אַ מענטשן, זאָל דורך אַ מענטשן זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן; וואָרים אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער געמאַכט דעם מענטשן...

"און גאָט האָט געזאָגט: דאָס איז דער צייכן פון דעם בונד וואָס איך גיב צווישן מיר און צווישן אייך, און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש, וואָס איז מיט אייך, אויף אייביקע דורות. מיין בויגן האָב איך אַריינגעטאָן אין וואָלקן, און ער וועט זיין פאַר אַ צייכן פון בונד... און איך וועל זיך דערמאָנען אָן מיין בונד צווישן מיר און צווישן אייך, און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש, און דאָס וואַסער וועט מער ניט ווערן קיין מבול אומצוברענגען אַלע באַשעפענישן".

דאָ האָבן מיר די גאַנץ קלאָרע אידעע פון אַ וועלטגעזעץ, וואָס פאַרפליכטעט אַלעמען. דער מענטש, באַשטימט צו זיין דער האַר פון דער וועלט, האָט געוויסע התחייבותן לגבי די בעלי חיים. באַזונדערס הייליק אָבער איז דאָס מענטשלעכע לעבן: אפילו די חיות ווערן באַשטראָפט, ווען זיי פאַרגיסן מענטשלעך בלוט: "פון דער האַנט פון איטלעכער חיה וועל איך עס אויפמאָנען, און פון דער האַנט פון דעם מענטשן וועל איך אויפמאָנען דאָס לעבן פון אַ מענטשן". אויך דער אַלמעכ־

טיקער באַשאַפער פון דער וועלט נעמט אויף זיך אַפּצוהיטן די אייביקע געזעצן פון דעם וועלטבונד. אין דעם נייעם בונד ווערט גאַראַנטירט דער קיום פון דער וועלט. מער וועט גאָט קיין מבול דער ערד ניט ברענגען. דער רעגנבויגן ווערט באַשטימט ווי דער צייכן פון דעם נייעם בונד און פון גאָטס פאַרפליכטונג לגבי זיינע באַשעפענעשן: "מיין בויגן האָב איך אַריינגעטאָן אין וואָלקן, און ער וועט זיין פאַר אַ צייכן פון בונד... און איך וועל זיך דערמאָנען אָן מיין בונד צווישן מיר און צווישן אייך, און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפענעש, און דאָס וואַסער וועט מער ניט ווערן קיין מבול אומברענגען אַלע באַשעפענעשן".

די תלמודישע טראַדיציע האָט אויסגעצייכנט אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון דעם "בונד"-געדאַנק אין תנ"ך. דער בונד מיט נח'ן ווערט באַטראַכט ווי די פּראָקלאַמירונג פון אַ נייעם וועלט-געזעץ, וואָס באַשטימט די פליכטן פון אַלע מענטשן און די עלעמענטאַרע יסודות פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. דאָס זיינען די "שבע מצוות בני נח" — די זיבן געבאָטן פאַר די קינדער פון נח'ן, וואָס אַלע מענטשן זיינען, לויטן תלמוד, מחוייב אָפּצוהיטן. פון גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר אונדז איז דער בונד, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן ביים באַרג סיני צווישן גאָט און דעם פאָלק ישראל. די גראַנדיעז-מאַיעסטעטישע סצענע ווי דער האַר פון דער וועלט באַוויזט זיך צום גאַנצן פאַרזאַמלטן פאָלק בקולות וברקים געהערט צו די ווונדערלעכסטע שילדערונגען וואָס מיר געפינען אין תנ"ך און איז איינציק-אַרטיק אין דער גאַנצער רעליגיעזער וועלט-ליטעראַטור. דער בונד צווישן גאָט און דאָס פאָלק ישראל איז דורכאויס אַ פּריוויליקער: איר — זאָגט משה צום פאָלק ישראל — האָט היינט אויסגעקליבן ה' פאַר אייער גאָט צו גיין אין זיינע וועגן און אָפּצוהיטן זיינע געבאָטן און געזעצן... און ה' האָט אייך אויסגעקליבן פאַר זיין אויסדערוויילט פאָלק, איר זאָלט היטן אַלע זיינע מצוות". און כדי פּייערלעך צו באַשטעטיקן דעם פּריוויליקן כאַראַקטער פון דעם בונד, ענטפערט דאָס גאַנצע פאָלק "נעשה ונשמע".

די נביאים האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן די גרויסע שוועריקייטן צו דערציִען דעם מענטשן אָפּצוהיטן דעם וועג פון דער תורה. די גאַנצע וועלט-געשיכטע איז איין כסדר'דיקער קאַמף פון דעם זינדיקן מענטשן קעגן גאָט'ס פּלאַן אויף דער וועלט. אויך דאָס פאָלק ישו'אל קען ניט אַלע מאָלביישטיין די נסיונות, פאַרלאָזט גאָט'ס וועג און איז בוגד אין דעם בונד, וואָס עס האָט געשלאָסן מיט גאָט. פון דאַנען שטאַמט די נביאיש-משיח'ישע אידעע וועגן דעם לעצטן בונד, וואָס גאָט וועט שליסן מיטן פאָלק ישראל און מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט, ווען "פיל אומות וועלן גיין און וועלן זאָגן: קומט און לאָמיר ארויפ-גיין צום באַרג פון גאָט, צום הויז פון דעם גאָט פון יעקב; און ער וועט אונדז לערנען פון זיינע וועגן, און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן; וואָרים פון ציון וועט ארויסגיין אַ תורה, און גאָטס וואָרט פון ירושלים". די משיחישע צייט וועט אויך ענדערן די אַזוי זינדיקע נאַטור פון דעם מענטשן:

זע, טעג וועלן קומען, זאָגט גאָט,
און איך וועל שליסן מיט דעם הויז פון ישראל,
און מיט דעם הויז פון יהודה,
אַ נייעם בונד;
ניט ווי דער בונד וואָס איך האָב געשלאָסן
מיט זייערע עלטערן
אין דעם טאָג וואָס איך האָב אַנגענומען זייער האַנט
זיי אַרויסצוציען פון לאַנד מצרים;
וואָרים זיי האָבן פאַרשטערט מיין בונד...
נייערט דאָס וועט זיין דער בונד וואָס איך וועל שליסן
מיט דעם הויז פון ישראל נאָך יענע טעג, זאָגט גאָט:
איך גיב אַריין מיין תורה אין זיי,
און אויף זייער האַרצן וועל איך זי אויפשרייבן
און איך וועל זיי זיין צום גאָט,
און זיי וועלן מיר זיין צום פאָלק. (ירמיה ל״א).

די תורה וועט ביי זיי זיין אינעווייניק, "אויף זייער האַרץ אַנגעשריבן", ממילא וועלן מער ניט זיין נויטיק די שטרענגע פאָדערונגען פון רעליגיעז־עטישער דיסציפּלין, וועט בכן דער מענטש אין משיח׳ס צייטן ווערן באַפרייט פון דעם יאָך פון די מצוות — מצוות בטלות לעתיד לבא. האָבן דערפאַר אַלע משיח׳ישע באַוועגונגען געפירט דעם קאַמף קעגן דער תורה פון מצוות און מעשים. מיטן אָנקומען פון משיח׳ן ווערט אָפּגעשאַפט די אַלטע תורה, די "תורה דבריאה" — ווי עס ווערט באַצייכנט אין דער טערמינאָלאָגיע פון די שבתי־צבי׳ניקעס — און עס ווערט איינגעפירט די "תורה דאצילות".

אויך אין דער טענדענץ פון אונדזער תקופה זיך צו באַפרייען פון דער רעליגיעז־עטישער דיסציפּלין, שפּילט דער משיח׳ישער גלויבן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָל: אין אונדזער היינטיקער צייט, גלויבט דער מאָדערנער מענטש, קענען מיר זיך שוין גאַנץ גוט באַגיין אָן מצוות און אָן אַ שטרענגער רעליגיעזער דיסציפּלין. גלויבן איז דאָך קודם כל אַן ענין פון האַרצן און פון געוויסן, פון גוטע כוונות און ריינע מחשבות.

משיח איז אָבער נאָך ניט געקומען און מיר זיינען נאָך ווייט ווייט פון דער צייט פון אחרית הימים. מער ווי ווען ניט איז פריער נויטיקן מיר זיך אין אַ גלויבן וואָס איז מחייב, אין אַ גלויבן וואָס פאָדערט און מאָנט, אין אַ תורה און מצוות.

מען באַגעגנט ניט זעלטן אויך יידישע מענטשן מיט אַ סענטימענט פאַר רעליגיע, וועלכע זאָגן פונדעסטוועגן אַרויס ספקות בנוגע דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן ווערט פון דער יידישער רעליגיעזער קולטור. דער עצם פאַקט, וואָס דאָס קריסטנ־

טום האָט זיך אַזוי פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, בעת די תּורה פֿון די פּרושים איז געבליבן די תּורה פֿון איין פֿאָלק, ווערט אויסגעטייטשט ווי אַ באַווייז פֿון יידישן רעליגיעזן פּאַרטיקולאַריזם. אויף געוויסע סענטימענטאַלע יידן מאַכט אָפּט אויך אַ שטאַרקן איינדרוק די קריסטלעכע פּראָפּאַגאַנדע וועגן דעם גלויבן פֿון ליבע, וואָס ווערט אַקעגנגעשטעלט דעם שטרענג יידישן גלויבן אין דעם "אל קנא", וואָס פֿאָדערט אַזוי פֿיל. איז נויטיק צו באַמערקן, אַז יידן האָבן אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז דער גאָט פֿון ישׂראל איז אַ שטרענגער גאָט, וואָס פֿאַרלאַנגט אַ סך:

...האָט יהושע געזאָגט צום פֿאָלק — לייענען מיר אין לעצטן קאַפּיטל פֿון יהושע — איר וועט ניט קענען דינען ה', ווארום א הייליקער גאָט איז ער, א צערנדיקער גאָט איז ער. ער וועט ניט פֿארגעבן אייערע שולדן און אייערע זינד... האָט דאָס פֿאָלק געזאָגט צו יהושע: ניין, נייערט ה' וועלן מיר דינען."

געוועזן שוין אין דער צייט פֿון יהושע בן נון, מער ווי טויזנט יאָר פֿאַר ישו הנוצרי, גרינגערע אמונות. אָבער יידן האָבן אויסגעקליבן צו דינען דעם שטרענגן גאָט, דעם הייליקן גאָט, ווייל זיי האָבן געהאַט די אַמביציע צו ווערן אַ הייליק פֿאָלק, אַ "ממלכת כהנים וגוי קדוש". הייליקייט פֿאָדערט, הייליקייט איז אַ שווערע שליחות און ניט אַלע זיינען גרייט צו נעמען אויף זיך דעם אחריות׳פֿולן יאָך פֿון קדושה. אויך די קריסטלעכע קירך האָט אין אמת׳ן ניט געקענט אָפּלייקענען דעם גרויסן ווערט פֿון רעליגיעז־עטישער דיסציפּלין, פֿון פֿאַרפּליכטונגען און מצוות. די מאָנאַכישע אָרדענס אין דער קאַטוילישער קירך פֿירן זיך, כידוע, לויט אַ שטרענגער דיסציפּלין: דאָס גאַנצע לעבן פֿון דעם מאָנאַך ווערט רעגולירט לויט סטאַטוטן און תּקנות וואָס זיינען אָנגענומען אין דעם געגעבענעם אָרדן. די פּרושים האָבן זיך אָבער געהאַלטן ביי אַן אַנדער פּרינציפּ — כי כל העדה כלם קדושים, אַלע אידן זיינען אין דער בחינה פֿון קדושים, די תּורה און די מצוות זיינען געגעבן געוואָרן פֿאַר כל ישׂראל.

די קריסטלעכע שטימונגען ביי אַ געוויסן, אמת גאַנץ קליינעם, טייל פֿון דער יידישער אינטעליגענץ זיינען אַמווייניקסטן פֿאַרשטענדלעך גראַד אין אונדזער צייט. עס איז שווער היינט צו זיין שטאָלץ מיט די "קריסטלעכע" פֿעלקער, און נאָך מער ווי פֿופֿצן־הונדערט יאָר קריסטנטום אין אייראָפּע וואָלט מען געדאַרפֿט דערוואַרטן גאָר אַנדערע רעזולטאַטן. מיר קענען היינט מיט אַ באַדייטנדיקן גראַד פֿון וואַרשיינלעכקייט פֿעסטשטעלן, אַז וואָס ווייטער אַ קריסטלעך פֿאָלק איז אַוועק פֿון דער יידיש־ביבלישער טראַדיציע, אַלץ ווייניקער האָט עס אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פֿון דער געשיכטע. דייטשלאַנד איז אין דעם פּרט דער בעסטער ביישפּיל. און עס איז ביז גאָר וואַרשיינלעך, ווי מיר האָבן עס שוין געזען, אַז די פּוריטאַנישע טראַדיציעס אין ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן געשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָל אין לעבן פֿון די אַנגלאָ־סאַקסישע פֿעלקער.

אַ ריי פֿאַרשער האָבן שוין אָנגעוויזן אויף דער גייסטיקער קרובֿהשאַפֿט צווישן דער פּוריטאַנישער באַוועגונג און די פּרושים (זע באַזונדערס די גרינטלעכע

מאַנאָגראַפיע וועגן די פּרושים פון לואי פינקעלשטיין). כאַראַקטעריסטיש איז באַזונדערס דער פאַקט, און דערויף לוינט זיך אָפּצושטעלן, מחמת דאָס איז ביז אַהער כמעט ווי ניט באַמערקט געוואָרן, אַז די פּוריטאַנער האָבן אויך איבערגענומען די ייִדישע אידעע פון בונד. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז די פראַגע וועגן בחירה און השגחה האָט געמאַטערט די רעליגיעזע דענקער פון מיטל־עלטער: אויב אַלץ ווערט באַשטימט מן השמים, וועלכע ראָל שפּילט דאַן דער מענטש, און וואָס איז דער זין פון אַלע זיינע אונטערנעמונגען? עס קומט נאָך צו, וואָס דער פּוריטאַניזם, באַקעמפנדיק די פאָרמען פון פּאָליטישער דיקטאַטור און אַליינהערשאַפט אין דער מלוכה, האָט אויך געמוזט זוכן פאָרמען פון קאָנסטיטו־ציאָנעלער גערעכטיקייט אין דעם פּלאַן פון דער השגחה. דער שטרענגער קאַלוויניזם מיט זיין פּרינציפּ פון פּרעדעסטינאַציע (די אידעע, אַז אַלץ איז באַשטימט פון פאָרויס דורך גאָט׳ס ווילן), וואָס איז אין תוך אַ וויטערדיקע לאָגישע אַנטוויקלונג פון דער פּאָלינישער טעאָלאָגיע, האָט מער ניט געקענט באַפרידיקן: „וועלכן זין האָט דען מתפּלל צו זיין, שטרעבן צו ענדערן דאָס לעבן, אָדער תשובה צו טאָן, אויב אַלץ איז באַשטימט דורך אַ ניט פאַרענדערלעכן דעקרעט, וואָס פאַר אַ האָפענונג איז דען נאָך פאַראַן?" עס האָט געמוזט געפונען ווערן אַ פאָרמולירונג וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו די רעליגיעז־עטישע פאַרשטעלונגען און פאָדערונגען פון דעם מאָדערנעם מענטשן. צו פאַרענטפערן די פראַגן האָט אויף זיך גענומען די טעאָלאָגישע שיטה פון דעם „בונד" "The Covenant Theology". לויט אָט דער טעאָריע זיינען די באַציונגען צווישן גאָט און מענטש פון אָנהויב אָן רעגולירט געוואָרן דורך אַן אָפּמאַך, וואָס פאַרפליכטעטביידע צדדים, סיי גאָט און סיי דעם מענטשן. אַזוי אַרום איז גאָט געוואָרן, לויטן אויסדרוק פון ראַלף באַרטאָן פּערי (זע זיין בוך „פּיוריטאַניזם ענד דעמאָקראַסי"), „ניט קיין גאָט פון קאַפּריזן, נאָר אַ קאָנסטיטוציאָנעלער הערשער". די נייע טעאָלאָגישע שיטה, וואָס איז אויפגעקו־מען סוף 16טן יאָרהונדערט אין אייראָפּע, האָט שפּעטער געהאַט גאָר אַ גרויסע השפּעה אויף דער ענטוויקלונג פון רעליגיעזן לעבן אין ניי־ענגלאַנד. ערשט אין די לעצטע יאָרן, דער עיקר אַ דאַנק די אַרבעטן פון דעם יינגערן געלערנטן, פּערי מיללער, איז קלאָר געוואָרן די באַדייטנדיקע ראָל, וואָס די בונד־טעאָלאָגיע האָט געשפּילט אין די פּוריטאַנישע קרייזן פון דער נייער וועלט. פּערי מיללער וויזט ריכטיק אָן, אַז די נייע טעאָלאָגיע דאַרף באַטראַכט ווערן אויפן פּאָן פון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט:

„דאָ איז געקומען צום אויסדרוק די טענדענץ פון דער שפּעטער רענעסאַנס־עפּאָכע, וואָס איז אידעיש אַלץ ווייטער אָוועק פון דעם פעאָדאַלן סדר, פון דעם גלויבן, אַז די געזעלשאַפט דאַרף זיין געבויט אויפן פּרינציפּ פון אַן אייביק פיקסירטער היעראַרכיע, צו דער טעאָריע פון קאָנסטיטוציאָנעלע באַגרענעצונגען און פּריוויליקע פאַרפליכטונגען. עס קען קיין ספק ניט זיין, אַז די דאָזיקע טעאָלאָגן האָבן אריבערגעטראָגן די אידעע פון בונד אין דעם עצם מהות פון דער געטלעכקייט און אַז זיי האָבן געענדערט די באַציונגען צווישן גאָט און מענטש

פון דעם פּרינציפּ פון צוואַנג צום פּרינציפּ פון אפּמאַך, ווייל די אידעע פון אפּמאַך, פון סאָציאַלן אפּמאַך, איז געוואָרן אַלץ מער היימישער אין דער תקופה בכלל און אין פּוריטאַניזם בפרט״.

״דער אַנטינאָמיאַנישער קולט פון הילפלאָזיקייט און בירגערלעכער אומפאַר־אַנטוואָרטלעכקייט — שרייבט דער האַרוואַרדער פּראָפעסאָר ראַלף באַרטאָן פּערי — האָט זיך ווייניק געגראָמט מיט דעם לעבנס־אימפּעט פון דער מאָדערנער וועלט און מיט דעם אינדיווידואַליסטיש־אָפּטימיסטישן גייסט פון די קאָלאָניסטן אין ניו־ענגלאַנד, וועלכע האָבן מיט אַ כסדר וואָקסנדיקן בטחון זיך גענומען בויען אַ נייע געזעלשאַפט. דורך דער בונד־טעאָלאָגיע זיינען די פּורטאַנער פון ניו־ענגלאַנד געוואָרן דורכגעדרונגען מיט דעם מער האַרמאָנישן גלויבן, אַז גאָט העלפט די, וועלכע העלפן זיך אַליין״.

עס וועט אפשר זיין ניט איבעריק צוצוגעבן, אַז כמעט דיזעלביקע פאָרמולירונג געפינען מיר אין תלמוד: כל הבא ליטהר מסייעין אותו.

אין וואָס באַשטייט די היסטאָרישע שליחות פון ביבלישן מאָנאָטעיזם און אין וואָס באַשטייט דער באַזונדערער אויפטו פון דער תלמודישער יידישקייט?

די רעליגיע איז קודם כל די דערציערין פון דעם מענטשן. זי האָט דעם מענטשן געלערנט ווי צו לעבן און ווי זיך אויפצופירן, זי זאָגט אים, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט. און ביז צום היינטיקן טאָג האָבן מיר ניט געפונען קיין אַנדער מיטל ווי צו רעגולירן דעם אָפט שטורמישן שטראָם פון דער מענטש־לעכער ענערגיע ווי דורך געבאָטן און פאַרבאָטן. באַזונדערס באַלערנדיק אין דעם פּרט זיינען די רעליגיעזע נאָרמען און באַגרענעצונגען אויפן געביט פון עראָטישן לעבן. ניט געקוקט אויף אַלע רעפאָרם־פּרוּוון האָבן מיר פונדעסטוועגן בדרך כלל זיך פּרינציפּיעל ניט אָפּגעזאָגט פון די אַלטע רעליגיעזע נאָרמעס בנוגע פאַמיליע־לעבן. און עס פּאַסירט אפילו ניט גאָר זעלטן, אַז ״פרייַדענקער״ מאַכן חתונה זייערע קינדער אויף אַ רעליגיעזן שטייגער. עס איז פאַקטיש אויך ניטאָ קיין לאַנד, למשל, וואָס האָט זיך אין פּרינציפּ אָפּגעזאָגט פון דער מאָנאָגאַמישער פאַמיליע, אָדער אַ געוויסן קאָנטראָל פון פאַמיליע־לעבן. דאָס איז אפילו ניט געשען אין רוסלאַנד. די סעקסועלע ״טאַבוס״, וועלכע באַהערשן נאָך דאָס לעבן פון מאָדערנעם מענטשן, זיינען בלי ספק פאַרבונדן מיט דעם פאַקט, וואָס אַ נאָרמירטער פאַמיליע־לעבן איז דער תנאי מוקדם פאַר אַ געזונטער און נאָרמאַלער דערציונג פון דעם קומענדיקן דור. און דאָס הייסט אייגנטלעך, אַז דאָס געפילס־לעבן פון מענטשן דאַרף ווערן באַשטימט ניט נאָר דורך זיינע מאָמענטאַלע ווונטשן און נייגונגען, נאָר עס מוזן אַ חוץ דעם גענומען ווערן אין באַטראַכט זיינע התחייבות׳ן לגבי די קומענדיקע דורות. ניט ווייניקער וויכטיק איז די דערציערישע פונקציע פון דער רעליגיע אין פּרט פון רעגולירן די התחייבותן פון די קינדער לגבי זייערע עלטערן. די מצווה פון כבוד אב ואם, סיי אין ענגערן זינען, סיי אין אַ מער פאַרברייטערטער אויסטייטשונג, ווען דאָס באַדייט אָפּהיטן די טראַדיציעס פון די פאַרגאַנגענע

דורות, פֿאַרנעמט אין רעליגיעזן לעבן אַ צענטראַלן פּלאַץ און איז אין אַ היפּשער מאָס פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם אָפּט קאָנסערוואַטיוון כאַראַקטער פֿון דער רעליגיעזער קולטור. דער רעליגיעזער מענטש באַטראַכט די וועלט און אויך דאָס לעבן פֿון דעם איינצלנעם אונטערן אַספּעקט פֿון אייביקייט.

דאָס איז אָבער נאָר איין עלעמענט פֿון רעליגיעזן לעבן. ניט ווייניקער וויכטיק איז דער צווייטער, דער מער דינאַמישער און אָפּט אפֿילו עקספּלאָזיווער עלעמענט אין דער רעליגיעזער קולטור. די השגחה האָט געבענטשט דעם מענטשן מיט גרויסע אַמביציעס. דער מענטש וויל זיין גלייך צו גאָט, אַ שותּף צום בורא, ווייל דער באַשעפֿער פֿון דער וועלט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן אין זיין פֿאָרם און זיין געשטאַלט. דאָס שטרעבן פֿון דעם מענטשן צו ווערן גלייך צו גאָט קען ווערן אַ מקור פֿון ברכה און קדושה, אָבער אויך, חס ושלום, אויב זיינע אַמביציעס פֿאַרפֿירן אים, אַ קוואַל פֿון רשעות אָן גרענעצן. צוויי וועגן זיינען אָפֿן פֿאַרן מענטשן: דער וועג פֿון שותּפֿות מיט גאָט דורך אָפּהיטן די תּורה און די מצוות, דעם בונד צווישן גאָט און די מענטשן; אָדער צו דערגרייכן אייביקייט קעגן גאָט. פֿון צייט צו צייט פּרוּווט דער מענטש רעוואָלטירן קעגן דער השגחה, פּרוּווט דער מענטש, פֿאַרשיכּורט פֿון מאַכט און גאווה, צו דערגרייכן זיין ציל זיך פֿאַרקויפֿנדיק דעם שטן. פֿאַראַן אַ גריכישע לעגענדע וועגן אַ העלד, העראָסטראַטאָס, וואָס האָט געפּרוּווט זיך צו פֿאַרזיכערן אייביקייט דורך אַ וואַנדאַלישן אַקט פֿון צעשטערונג, כּדי זיין נאָמען זאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן, האָט ער אונטערגעצונדן אַ באַרימטן טעמפּל. זיגמונד פֿרויד האָט פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט אָט דעם צעשטערערישן דעסטרוקטיוון יצר הרע, וואָס לויערט אין מענטשן. אונדזער דור איז געווען באַשערט צו זיין דער טרויעריקער עדות און טיילווייז אויך דער קרבן פֿון אָט דעם דעסטרוקטיוון יצר הרע, פֿון דעם טייוול בצורת מענטש, וואָס האָט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן דעם צלם אלקים.

די אַלטערנאַטיווע איז בכן ניט — שכל אָדער גלויבן, נאָר — גאָט אָדער דער שטן. די ייִדישע מיסטיק האָט עס ריכטיק פֿאָרמולירט: אין דעם גרויסן קאַמף, וואָס קומט פֿאָר אין דער וועלט צווישן די קליפּות פֿון טומאה און די ניצוצות פֿון קדושה, איז דער מענטש אַקטיוו מיטבאַטייליקט. ער קען דורך זיינע מעשׂים העלפֿן מתקן זיין די וועלט, העלפֿן אויסלייזן די פֿונקען פֿון קדושה און דערנענטערן די גאולה, אָדער, חס ושלום, דורך זיינע מעשׂים שטאַרקן די קליפּות און מעכּב זיין די גאולה. קיין שום זאַך, וואָס דער מענטש טוט, גייט ניט פֿאַרלאָרן און אַלע זיינע מעשׂים גייען אַריין אין חשבון, ווען עס ווערט באַשטימט דער גורל פֿון דער וועלט.

"קיין שום ייִד — לערנט אונדז ר' חיים וואָלאָזשינער, דער תּלמיד פֿון ווילנער גאון — זאָל חס ושלום ניט טראַכטן ביי זיך אין האַרצן, וואָס בין איך און וואָס איז מיין כּוח איך זאָל מיט מיינע קליינע מעשׂים קענען עפּעס משפּיע זיין אויף דער וועלט? נאָר ער מוז פֿאַרשטיין און וויסן, און פֿעסט באַשטימען אין זיין געדאַנק, אַז אַלע פּרטים פֿון זיינע מעשׂים, ווערטער און מחשבֿות, פֿון יעדער צייט און רגע, גייען, חס ושלום, ניט פֿאַרלאָרן. און ווי גרויס און וויכטיק זיינע מעשׂים

זייגען, וואָס יעדע פון זיי שטייגט אַרויף לויט איר שורש צו טאָן איר פּעולה אין די העכסטע הויכן און אין דער וועלט פון העכסטער ליכט״.

די יידישע מיסטיקער האָבן געוווסט, אַז די וועלט איז איינע, און אַלץ, וואָס יעדער יחיד טוט, ווי קליין און אומבאַדייטנד דאָס זאָל ניט אויסזען, ווערט פאַררעכנט אין דעם חשבון פון דער וועלט. דערפאַר די אומגעהויערע אחריות, וואָס יעדער יחיד טראָגט פאַרן גורל פון דער וועלט.

דעם עלעמענטאַרן כוח פון האַס, שנאה און צעשטערונג מוז אַקעגנגעשטעלט ווערן אַ ליידנשאַפטלעכער כוח פון אַ גרויסער, מסירת נפש׳דיקער ליבע. דער גרונטפאַקט פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן און פון אונדזער עקזיסטענץ בכלל באַשטייט אין דעם נאַטירלעכן דראַנג צו עקספּאַנסיע, זיך פאַנאַנדערצושפּרייטן אין צייט און אין רוים: מיר ווילן לעבן לענגער ווי עס איז דעם מענטשן באַשערט, און מיר ווילן, אַז אונדזער איך זאָל לעבן מער ווי אין אונדז. מיר ווילן ווערן אָנערקענט און באַרימט, הערשן איבער אַנדערע, אָדער ווערן געליבט פון אַנדערע. עס קען ניט זיין קיין גרעסערער אומגליק פאַר אַ מענטשן ווי זיין אַליין, אינגאַנצן אַליין, אַן אַ גאָט אין הימל, אָן אַ פריינד אויף דער ערד. מיר שטרעבן צום אין־סוף, צו ווערן אַ טייל פון אין־סוף. געפינט ניט דער מענטש דעם וועג פון קדושה, קען ער זיך ניט באַהעפטן מיטן אין־סוף דורך ליבע, דורך הייליקער מסירת נפש, דאַן פּרובירט ער דערגרייכן זיין ציל פון עקספּאַנסיע דורך דעם כוח פון טומאה. דורך געוואַלט, דורך אונטערדריקונג און דורך דעם סאַדיזם פון מאַכט.

דער גלויבן פון די נביאים און די פּרושים איז דער גלויבן פון קדושה: הייליק זאָלט איר זיין, וואָרים הייליק בין איך ה׳ אייער גאָט. און דערפאַר דאַרפן אַלע וואָס גלויבן אין גאָט, דעם באַשאַפער פון הימל און ערד, אָפּהיטן די געבאָטן פון הייליקייט. דאָס געפיל פון הייליקייט איז געוועזן יענער שעפערישער אור־כוח וואָס האָט אונדז געהאָלפן צו פורעמען אונדזער רעליגיעז לעבן און אונדזערע סאָציאַלע אינסטיטוציעס. דורך דער מידה פון קדושה פּרובירט דער מענטש זיך אויפצוהייבן, זיך צו באַפרייען פון דער קנעכטשאַפט פון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן און בויטן און זיך צו פאַרבינדן מיטן אין־סוף. הייליקייט פאָדערט ניט אומבאַדינגט דאָס געפיל פון ביטול היש אָבער בכל אופן, אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, פון ביטול ה־איך. אין מאָמענטן פון הייליקייט פאַרשווינדט דער גרענעץ צווישן איך און דו, דערשפּירט דער מענטש די רעאַליטעט פון דעם כלל און פון אין־סוף; אין אַזעלכע מאָמענטן ווערט דער מענטש געלייטערט און מסוגל צו מסירת נפש און קידוש השם.

און הייליקייט שאַפט גערעכטיקייט. דער הייליקער גאָט איז דער ריכטער פון דער וועלט און דער באַשיצער פון די שוואַכע; דער הייליקער טאָג איז דער טאָג פון אָפּרו און פרייהייט פאַר אַלעמען; און דער הייליקער פּלאַץ, דער מזבח, האָט געדינט ווי אַ מקום מקלט פאַר אַלע גערודפטע און פאַרפאָלגטע. נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג האָט פאַר אונדזער צייט דאָס הייליקע וואָרט. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אַלע אונדזערע אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן און גאַראַנטיעס אויב

קיינער פילט זיך ניט פאַרפליכטעט צו היטן זיין פייערלעכן צוזאָג. דער הייליקער בונד איז תמיד געלעגן אין יסוד פון אַלע אָפּמאַכן צווישן פעלקער און — לויט דער ביבלישער פאַרשטעלונג — אפילו אין יסוד פון די באַציונגען צווישן דעם בורא עולם און די מענטשן. דער גלויבן אין גאָט האָט אונדז געהאָלפן צו גלויבן אין מענטשן, צו גלויבן זיינע הייליקע צוזאָגן און זיינע הייליקע אָפּמאַכן.

דער וועג צו הייליקייט איז ניט קיין גרינגער, באַזונדערס אין אונדזער אַזוי וואַכעדיקער תקופה. גראָד דערפאַר נויטיקן מיר זיך היינט אין מער קדושה; פאָדערט זיך גראָד היינט, פאַר אונדזער דור פון מבול, אַ באַנייונג פון דעם בונד מיטן בורא עולם.

וואָס איז אייגנטלעך דער טיפערער זין פון דעם גאַנצן סיסטעם פון תורה און מצוות? דער ענטפער דערויף לאָזט זיך גאַנץ קורץ פאָרמולירן — שטענדיק דאַרף דער מענטש האָבן אין זינען זיין בונד מיט גאָט און דערפאַר מוז זיין גאַנץ לעבן, זיין שבת און זיין וואָך, זיין צייט פון אַרבעט און זיין צייט פון אָפּרו, דאָס פּערזענלעכע לעבן און דאָס ציבור לעבן ווערן דורכגעדרונגען מיט דער אידעע פון הייליקייט. די תורה שבעל פה, די משנה, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: מאימתי קורין את שמע — ווען קען מען אָנהויבן לייענען קריאת שמע. יידישקייט הויבט זיך אָן מיט שמע ישראל, מיט נעמען אויף זיך דעם יאָך פון מלכות שמים (קבלת עול מלכות שמים), מיט דער פייערלעכער פּראָקלאַמירונג פון לאָיאַליטעט צום בונד מיט גאָט. דערפאַר איז לייענען קריאת שמע געוואָרן דער יסוד פון דער גאַנצער אידישע עבודה. צוויי מאָל אין טאָג באַנייט דער ייד זיין בונד מיט גאָט, דעם בונד פון באַרג סיני. די איינפירונג פון תפילה אויפן אָרט פון קרבנות האָט רעוואָלוציאָניזירט דאָס ידישע רעליגיעזע לעבן און האָט פּאַקטיש אָפּגעשאַפט די פּריווילעגיע פון די כהנים ווי די פאַרמיטלער צווישן דעם מענטשן און דעם בורא. די תפילה האָט געשאַפן גאָר אַ נייע באַציונג צווישן גאָט און דעם גלויביקן. אין דער תפילה האָט דער פּשוטער ייד געקראָגן די מעגלעכקייט זיך דורכצוריידן אַזוי אינטים מיטן רבונו של עולם און אויסגיסן זיין האַרץ פאַרן טאַטן אין הימל. אַ טעות איז עס צו גלויבן, אַז דער רעליגיעזער מענטש גייט דער עיקר דאַוונען, כדי אויסצובעטן ביים רבונו של עולם געזונט און פּרנסה פאַר זיך און דער פאַמיליע. אוודאי זיינען געזונט און פּרנסה גאָר וויכטיקע ענינים. אָבער דער ייד קומט אין גאָט'ס הויז, ווייל עס ציט אים צו גאָט, ווייל ער גאַרט נאָך קדושה, ווייל אַליין איז ער עלנט און דער טאַטע אין הימל איז דער איינציקער פאַר וועמען מען קען זיך אויס'טענה'ן:

ווי אַ הינד לעכצט נאָך טייכן וואַסער,
אַזוי לעכצט מיין זעל נאָך דיר, גאָט.
מיין זעל טוט דאַרשטן נאָך גאָט,
נאָך דעם לעבעדיקן גאָט:

ווען וועל איך קומען,
און זיך ווייזן פאַר גאָט ?

(כאיל תערג על אפיקי מים כן נפשי תערג אליך ה׳. צמאה נפשי לאלהים לאל חי מתי אבוא ואראה פני אלהים).

מיר פאַרשטייען היינט בעסער די שפּראַך פון סימבאָלן, די צייכנס פון ריטואַל. מיר ווייסן, אַז הינטער די אויסערלעכע צערעמאָניעס איז פאַרבאָהאָלטן אַ וועלט פון געדאַנקען און איבערלעבונגען. די רעליגיעזע סימבאָלן און מצוות, דאָס איז די שפּראַך צווישן דעם מענטשן און דעם אין־סוף, דאָס זיינען די צייכנס פון בונד צווישן גאָט און דאָס פאָלק ישראל. ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם — צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז עס (שבת) אַ צייכן אויף אייביק. אויך די מצוות פון מילה, תפילין און מזוזה ווערן באַטראַכט ווי צייכנס, כדי כסדר זיך צו דערמאָנען גאָט׳ס תורה און זיינע געבאָטן.

צוליב וואָס דאַרף מען האָבן אַזוי פיל צייכנס ? ווייל דער מענטש איז אין זיין שוואַכקייט עלול כסדר צו פאַרגעסן זיינע פליכטן. און נאָך אַ טעם איז דאָ פאַראַן : דער מענטש מוז זיך צוגרייטן, מוז זיך הייליקן, מוז זיך באַמיען צו באַפרייען פון די מחשבות זרות, פון פערזענלעכע אַמביציעס און פּניות, כדי אַריינצוגיין אין דעם היכל פון הייליקייט. און אפילו נאָך אַלע צוגרייטונגען דערגרייכט מען ניט אַלע מאָל דעם ציל. עס קען ניט זיין קיין גרעסערער טעות ווי די פאַרשטעלונג, אַז רעליגיע און מאָראַל קומען פון זיך אַליין. ניין, הייליקייט דאַרף מען קולטיווירן, הייליקייט דערגרייכט מען דורך גרויסע אנשטרענגונגען. אַז מען מאַכט שבת, פּילט מען שבת׳דיקייט ; און ווען אַלע יידן צוזאַמען מאַכן שבת, איז די שבת׳דיקייט נאָך גרעסער. דערפאַר קען מען ניט מאַכן מיטוואָך שבת. און וואָס הייליקער עס איז דער שבת, אַלץ איז גרעסער דער עונג שבת.

עס איז אפשר אַ צייכן פון דער צייט, וואָס אַ צאָל קריסטלעכע פאַרשער האָבן לעצטנס אָנגעהויבן אָביעקטיווער צו באַטראַכטן און אָפּצושאַצן די ראָל פון די פּרושים און די אינסטיטוציעס וואָס זיי האָבן געשאַפן. מען פאַרשטייט היינט, אַז דער ריין פילאָזאָפישער גלויבן, די ״ספּיריטועלע״ רעליגיע איז ווייניק. גוטע כוונות זיינען אוודאי וויכטיק, אָבער, כדי צו דערציען דעם מענטשן, דאַרף מען האָבן מער ווי כוונות, דערצו זיינען נויטיק אינסטיטוציעס. אין אונדזער עולם המעשה מוזן אידעען און כוונות פאַרוואַנדלט ווערן אין מעשים, אין מצוות. אין זיין אינטערעסאַנטן בוך ״פאַונדעישאַנס פאַר די קאָנסטראַקשאַן״ שרייבט עלטאָן טרובלאַד וועגן דעם פערטן געבאָט פון די עשרת הדברות. דאָס געבאָט וועגן שבת, בזה הלשון : ״אַ סך מענטשן גלויבן באמת, אַז דאָס געבאָט וועגן שבת איז ווייניק וויכטיק און אַנאַכראָניסטיש... עס איז אפשר געווען ניצלעך אַמאָל, זאָגן זיי. אָבער איצט, אין אונדזער אויפגעקלערטער צייט, איז עס אינגאַנצן אַלטמאָדיש. ווייל עס איז ניט מער ווי צערעמאָניעל״... דער מחבר, אַן אָנגעזעענער רעליגיע־

זער דענקער אין אַמעריקע, רעדאַקטאָר פון דעם קוועיקער־זשורנאַל "דהי פרענד", ווייזט אַקעגן דעם ריכטיק אָן אויף דער געוואַלדיקער ראָל, וואָס שבת האָט געשפּילט אין דער יידישער געשיכטע און ער גיט דאָן צו: "וואָס מער מיר טראַכטן וועגן דעם ענין, אַלץ מער זעען מיר איין, אַז די אָנגענומענע מיינונג איז פאַלש און אונדזער ציוויליזאַציע קען ניט ווערן ווידער אויפגעבויט, אויב די אינסטיטוציאָנעלע רעליגיע וועט ניט ווערן ווידער אויפגעלעבט. דער עיקר־גרונט פאַר דעם איז די שוואַכקייט פון אונדזער מענטשלעכער נאַטור. מיר האָבן אויסגעצייכנטע כוונות, אָבער מיר פאַלן קלאָגעדיק דורך ווען עס קומט צום מקיים זיין. מיר נויטיקן זיך דערפאַר אין דרויסנדיקע אונטערשטיצונגען כדי צו שטאַרקן אונדזער שוואַכן ווילן..."

אין דער פּאָלעמיק צווישן די ערשטע קריסטן און די פּרושים פאַרנעמט אַ באַזונדערן פּלאַץ דער מנהג פון נטילת ידים, וואָשן די הענט פאַרן עסן. איינע פון די דריי פליכטן, וואָס אַ חבר, אַ מיטגליד פון דעם פּרושישן חברים־אָרדן, האָט אויף זיך געמוזט נעמען, איז געווען — צו עסן חולין בטהרה, ד. ה. אָפּצוהיטן ביים געוויינלעכן עסן דיזעלביקע כללים פון קולטישער ריינקייט, וואָס די כהנ'ים זיינען מחויב אָפּצוהיטן ביים עסן תרומה. דער זין פון נטילת ידים איז — הייליקן דאָס לעבן, דאָס וואָכעדיקע לעבן, דערהויבן צו דער מדרגה פון קדושה דאָס געוויינלעכע עסן. ווען דריי זיצן ביי איין טיש און ריידן דערביי דברי תורה — לערנט אונדז די משנה — איז דאָס געגליכן ווי זיי וואָלטן געגעסן ביים טיש פון גאָט ברוך הוא. דער טיש איז געגליכן צו אַ מזבח און די טאָג־טעגלעכע מאָל־צייט ווערט אַ — סעודת מצווה, אויב מען וואָשט די הענט פאַרן עסן, מען מאַכט אַ ברכה און מען בענטשט נאָכן עסן. און קומט נאָך אָן אורח ביים טיש איז עס געגליכן ווי די שכינה וואָלט געקומען: גדולה הכנסת אורחים מהקבלת פני השכינה.

די תלמוד'ישע הלכה איז געווען די שול פון הייליקער דיסציפּלין און מאָראַלישער אחריות. די הלכה איז אָבער פאַרן יידישן מענטשן נאָך אַ סך מער. זי איז דער אינסטרומענט פון תיקון ניט נאָר פון פאַרבעסערן דעם מענטשן, נאָר אויך פון מתקן זיין די וועלט. קולטור סטימולירט אַמביציעס, סטימולירט דעם יצר הרע. און וואָס מער דער מענטש דערגרייכט, אַלץ גרעסער ווערן זיינע אַפּעטיטן, אַלץ מער פאַרלאַנגט ער. אָבער וואָס קען, סוף כל סוף, אַ בשר ודם דערגרייכן אין זיין לעבן; און וואָס איז דאָס קורצע מענטשלעכע לעבן בכלל ווערט? אונדזערע אַמביציעס זיינען אַזוי גרויס און אונדזערע כוחות אַזוי שוואַך! דאָס איז אפשר די וויכטיקסטע סיבה פונ'ם מאָראַלישן קריזיס פון אונדזער צייט: אַ דור וואָס האָט פאַרלאָרן זיין גלויבן אין אייביקייט, און קלאַמערט זיך מיט אַלע כוחות אָן די לעצטע רעשטלעך פון אומשטערבלעכקייט וואָס זיינען אים פאַרבליבן. אויב מיר פאַרשטייען ניט די גבורה פון דעם בעל הלכה, וואָס באַצווינגט זיין יצר הרע, בלייבט אונדז נאָר איבער די ברירה צו פאַלן כורעים פאַר דער גבורה פון יצר הרע. קיינמאָל וועט דער מענטש ניט שלום מאַכן מיט געדאַנקען, אַז זיין קורץ לעבן פאַרענדיקט זיך מיטן אומקערן זיך צו דער ערד

פון וואַנען ער איז געקומען געוואָרן. און אויב דער מענטש קען מיט דעם גורל ניט שלום מאַכן, איז אַ סימן, אַז אין אים איז פאַראַן מער ווי ערד, אַז ער האָט אין זיך אויך אַ פונק פון הימל, וואָס לאָזט אים ניט רוען, וואָס צווינגט אים כסדר צו זוכן דעם וועג צו אייביקייט.

דאָס איז דער וועג צו לייטערן און סובלימירן דעם עלעמענטאַרן דראַנג אין מענטשן זיך אויפצוהויבן, צו שטייגן און צו גיין פאָרויס, מיטצוהעלפן שאַפן אַ שענערע וועלט, די וועלט פון תיקון. די תורה פון די פרושים האָט באַוויזן דעם ווונדער אונדז דורכצופירן דעם שווערן לאַנגן און אַזוי טראַגישן וועג פון דעם כמעט צוויי טויזנטיאָריקן גלות. און אויב מיר זיינען נאָך היינט מסוגל ווייטער צו בויען יידיש לעבן, און אויב נאָך אַזעלכע שווערע קאַטאַסטראָפעס איז אונדזער גלויבן ניט געבראָכן, האָט יידישקייט דעם עקזאַמען פון דער געשיכטע אויסגע־האַלטן. און אויף אונדזער דור ליגט די גרויסע היסטאָרישע אחריות אָפּצוהיטן און ווייטער צו קולטיווירן די ירושה פון אונדזער עבר. יחוס איז מחייב און יידישקייט איז אוודאי און אוודאי מחייב.

יידישקייט אדער קולטור

דאָס עצם וואָרט "יידישקייט" געהערט אייגנטלעך צום אוצר פון דער יידישער טראַדיציע. גאָר אַ לאַנגע צייט האָט מען אין אונדזערע ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע קרייזן בפירוש אויסגעמיטן צו באַנוצן דאָס דאָזיקע פילבאַדייטנדיקע יידישע וואָרט. מיר האָבן אַ סך דיסקוטירט וועגן קיום האומה, וועגן דעם מהות און דעם היסטאָרישן גורל פון יידישן פאָלק, דער ענין יידישקייט איז אָבער ניט אַריין אין דעם גדר פון אונדזערע קולטור־פּאָליטישע דיסקוסיעס. במשך פון די לעצטע עטלעכע יאָר אָבער האָבן אין אונדזערע ראַדיקאַלע קרייזן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן טענדענצן פון רעוויזיע און תשובה, און אָט די נייע שטימונגען האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין די זוכענישן און פּרווון ווידער אָנצופילן מיט אַן אינהאַלט דאָס אויסגעליידיקטע יידישע לעבן פון אונדזער דור. יידישקייט איז ווידער געוואָרן אַן ענין וועגן וועלכן מען טראַכט ביי אונדז. עס ווערט אַלץ מער קלאָר, אַז יידישע קולטור קען זיך מער ווייניקער נאָרמאַל אַנטוויקלען נאָר אויפן באָדן פון יידיש לעבן.

עס קען, אמת, קיין שום ספק ניט זיין, אַז אָט די אַזוי גערופענע תשובה־שטימונגען זיינען אין גאָר אַ באַדייטנדיקער מאָס אַרויסגערופן געוואָרן דורך די קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן, וואָס אונדז יידן איז די לעצטע יאָרן אויסגעקומען איבערצולעבן. עס וואָלט אָבער געווען אַ געפערלעכער טעות צו גלויבן, אַז דאָס איז די איינציקע סיבה. די טיפע אומרויקייט וואָס האָט לעצטנס פאַרכאַפּט באַדייטנדיקע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ, איז אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס אַ פועל יוצא פון אַן אויפריכטיקן חשבון־הנפש בנוגע די רעזולטאַטן פון

אונדזער קולטור־אַרבעט במשך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר. גראָד אונדזערע בעסטע און איבערגעגעבנסטע קולטור־טוער שטעלן זיך אָפּט די פראַגע: איז באמת אונדזער ביזהעריקער וועג, דער וועג פון אַ ריין וועלטלעכער ייִדישקייט, געווען דער ריכטיקער? האָט אונדזער אַרבעט געבראַכט מער ווייניקער ממשותדיקע רעזולטאַטן, וואָס זאָלן לפּחות באַרעכטיקן אונדזערע באַשיידנסטע דערוואַרטונגען? מיר וועלן היינט, דוכט מיר, געפינען גאָר ווייניק מענטשן, וואָס וועלן אויף אָט די פראַגן געבן אַ פּאָזיטיווע תשובה.

מיר האָבן געזייט און אַזוי ווייניק איז אויפגעגאַנגען, מיר האָבן געפלאַנצט און דער ווינט האָט עס אויסגעריסן! — דאָס זיינען אין תוך די שטימונגען, וואָס באַהערשן אַ גרויסן טייל פון די פּיאָנערן פון אונדזער מאָדערנער ייִדישער קולטור. מיט אַ באַזונדערס ערנסטער זאָרג קוקן מיר זיך צו צום יונגן ייִדישן דור אין אַמעריקע, וואָס איז אַזוי ווייט אַוועק פון אונדז. ווי קומט עס, וואָס אונדזער יאָרן־לאַנגע אַרבעט האָט געבראַכט אַזוי ווייניק פּרוכט?

דער ענטפער איז: קולטור איז ניט קיין ווילדע פלאַנץ, וואָס קען וואַקסן פון זיך אַליין. און דאָס איז באַזונדערס ריכטיק בנוגע דער קולטור פון אַ מינדערהייט־גרופּע, וואָס איז אַרומגערינגלט פון אַ פרעמדן רייכן קולטור־לעבן. דער גאָרטן פון דער ייִדישער קולטור איז אָבער געווען כמעט ווי איבערגעלאָזן אויף הפקר. קיינער האָט עס ניט אָפּגעהיט, קיינער האָט עס ניט אַרומגעצאַמט, און קיינער האָט ניט געזאָרגט אויסצורייסן די ווילדקרויט, וואָס האָט זיך דאָרטן אַזוי ברייט פאַנאַנדערגעוואַקסן. מיר האָבן רעדוצירט די פליכטן פון דעם ייִדישן מענטשן צום סאַמע מינימום. אַלע אונדזערע דיסקוסיעס האָבן אין תוך זיך געדרייט אַרום דער פראַגע — ווי אַזוי קען מען זיך עמאַנציפּירן פון דעם גרעסטן טייל פון דער ייִדישער טראַדיציע און דאָך נאָך בלייבן ייִדן? מיר האָבן בכוונה געזוכט אַ ייִדישקייט נאָר אויף יוצא זיין, אַ ייִדישע תורה און ייִדישע מצוות, וואָס מען זאָל קענען מקיים זיין על רגל אחת. מיר האָבן דערפאַר אַרויסגעוויזן אַזוי ווייניק אינטערעס פאַר אַ ייִדישן תוך און דער עיקר האָבן מיר זיך אינטערעסירט מי'טן ייִדישן לבוש, מיט דער ייִדישער פאָרם. דערפאַר האָט אין אונדזערע ייִדיש־וועלטלעכע קרייזן די שפּראַך פאַרנומען אַזאַ צענטראַלן פּלאַץ. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אָן ייִדישן אינהאַלט ווערט אַלץ שווערער איינצוהאַלטן דעם ייִדישן לבוש.

די עצם טענדענץ אַריינצוברענגען אין ייִדישן לעבן וואָס מער "וועלטלעכקייט" איז מיט אַ דור — מיט צוויי דורות צוריק — געווען אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות. דאָס ייִדישע שטעטל אין אַלטן רוסלאַנד און פּוילן איז דאָך נאָך דעמאָלט געווען הונדערט־פּראָצענטיק ייִדיש. אין משך פון דורות און דורות זיינען מיר געווען כמעט ווי הערמעטיש אָפּגעשלאָסן פון דער ניט־ייִדישער וועלט. די אַרומיקע וועלט גופא, אַגב, די קריסטלעכע פעלקער צווישן וועמען מיר האָבן געלעבט, זיינען אויך געוואָרן אַלץ מען "וועלטלעך". עס איז מחמת דעם געווען אינגאַנצן ריכטיק, ווען די "אויפגעקלערטע" יוגנט האָט עס באַטראַכט פאַר איר וויכטיקסטע

אויפגאַבע אַריינצוברענגען אין יידישן לעבן יענע עלעמענטן פון דער אַלגעמיינער קולטור, אָן וועלכע עס איז געוואָרן כמעט ווי אוממעגלעך אויסצוקומען. אין יענער צייט איז די פאָדערונג פון טאָג באמת געווען, וואָס ברייטער אויפצועפענען די טירן און פענצטער פון דער יידישער אָפּגעשלאָסנקייט, כדי אַריינצולאָזן וואָס מער לופט און ליכט פון דרויסן. מען האָט זיך דעמאָלט אָפטמאָל אַפילו געקענט דער־לויבן איבער׳צוכאַפּן די מאָס אין קנאות פאַר דער ״מאָדערנער״ קולטור. דאָס טיף איינגעוואָרצלטע יידישע טראַדיציאָנעלע לעבן האָט דעמאָלט געקענט פאַרטראָגן אַ סך שווערע דערשיטערונגען. סוף כל סוף האָט זיך ביי אונדז אויסגעאַרבעט אַ געוויסע פאַרטיילונג פון די פונקציעס. די טראַדיציאָנעלע קרייזן האָבן פאַקטיש געזאָרגט פאַר דער אויפהאַלטונג פון יידישקייט, און מיר, די ראַדיקאַלן, האָבן דערווייל געהאַט צייט צו עקספּערימענטירן מיט נייע פאָרמען פון יידישן קולטור־לעבן.

אין תוך גענומען זיינען מיר געווען אין דער בחינה פון יונגע אײדעמס אויף קעסט. די שווערע אחריות און דאגות פאַרן קיום פון יידן און יידישקייט האָבן געטראָגן די ״אַלטע״. דערפאַר האָט זיך תמיד געשפּירט אַ געוויסע לייכטקייט און אַפילו זאָרגלאָזיקייט אין אונדזערע קולטור־פילאָזאָפישע פאָרמולירונגען. דאָס איז לויט מיין געפיל באַזונדערס ריכטיק בנוגע דעם יידישיסטישן סעקטאָר. מיר זיינען געווען געוואַלטיק נאַיוו־אָפּטימיסטיש. עפענען טיר און פענצטער איז פאַר אונדז געווען וויכטיק. אין דער פרילינג־שטימונג פון השכלה און דעם יוגנטלעכן, משיחישן סאָציאַליזם האָבן מיר טיף געגלויבט, אַז מען קען זיך שוין בכלל באַגיין אָן יידישע מחיצות און אָן אַ יידישן דאַך איבערן קאָפּ; מען קען און מען מוז אַרויסגיין אויף דער ״פרייער״ לופט. מיר האָבן דערין אויך ניט געזען קיין סכנה פאַרן יידישן קיום. די דעמאָקראַטישע וועלט וועט דאָך אונדז אוודאי געבן די מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן יידישע שולן און יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס וועלן שוין ממילא זיכערן די עקזיסטענץ פון יידן ווי אַ פאָלק.

עס איז אין תוך גענומען געווען די אָפּטימיסטישע פילאָזאָפיע פון יונגע־לייט, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל ניט פאַרזוכט דעם טעם פון ״דאגות פרנסה״. מיר האָבן דערפאַר געקוקט מיט ביטול אויף די ״אַלטע״, וואָס האָבן אַזויפיל און אַזוי שווער אויף יידישקייט, אויף דער יידישער דערציונג פון זייערע קינדער.

במשך פון איין דור האָט זיך די סיטואַציע ראַדיקאַל געביטן. די קעסט האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט, דער נדן איז אויך שוין אויפגעגעסן, עס זיינען נאָר פאַרבליבן רעשטלעך פון דער אַלטער פאַרלאָזענער ירושה פון די עלטערן. יענע אַלטע סיסטעם פון קולטור און דערציונג — דער חדר, די ישיבה, דער בית־מדרש — וואָס האָט אויפגעהאָדעוועט דורות יידן, איז אַזוי גוט ווי פאַרשוווּנדן. די יידישע יוגנט בויטיקט זיך שוין היינט לחלוטין ניט אין אַ באַזונדערער ״וועלט־לעכער אויפקלערונג״. פאַר דעם זאָרגט די אַלגעמיינע שול. אַפילו אונדזערע ״ישיבה־באַיס״ קענען די ״שפת המדינה״ און עס איז פאַר זיי פריי דער צוגאַנג צו די רייכע קולטורן פון דער ניט־יידישער וועלט. אויב עס איז אונדז אַמאָל

אויסגעקומען צו ברענגען "וועלטלעכקייט" צו אַ יידישער יוגנט, וואָס איז דער־צויגן געוואָרן אין אַ הונדע־ט פּראָצענטיקער יידישער אַטמאָספער פון חדר און ישיבה, איז אונדזער היינטיקע שליחות גאָר אַן אַנדערע. היינט קומט אונדז אויס צו ברענגען יידישקייט צו אַ דור, וואָס איז דערצויגן געוואָרן בעיקר אין אַ ניט־יידישער אַטמאָספער, וואָס ווייס אויסערגעוויינלעך ווייניק פון יידישקייט און יידיש לעבן.

דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פילאָזאָפיע און די פּראַקטיק פון דער וועלט־לעכער יידישקייט אַרבעט ניט. עס אַרבעט ניט דערפאַר, ווייל דער יונגער דור פאַרשטייט ניט דעם זינען פון דער וועלטלעכער יידישקייט. צו וואָס דאַרף מען אַ יידישן לבוש אויב עס איז ניטאָ קיין יידישער אינהאַלט?

איז אָבער מעגלעך היינט צו באַנייען די פילאָזאָפיע און די פּראַקטיק פון אַ מצוות־יידישקייט? מיר גלויבן, אַז די פראַגע מוז געשטעלט ווערן אַסך ברייטער. ניט נאָר די יידן־פראַגע, נאָר אויך די יידישקייט־פראַגע איז היינט צו טאָג אַן אַלגעמיין מענטשלעכע פּראָבלעם.

אונדזער אַזוי גערופענע מערבדיקע ציוויליזאַציע איז אַ רעזולטאַט פון אַן אָרגאַנישער פאַרבינדונג צווישן צוויי קולטור־שטראָמען פון דער אַלטער וועלט, דער גריכישער און דער יידישער. זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך אין די קריסטלעכע לענדער אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון סעקולאַריזירונג, פון "פאַרוועלטלעכונג", וואָס באַטייט אייגנטלעך די כסדרדיקע עמאַנציפּאַציע פון דער אַלטער ביבליש־יידישער קולטור־ירושה. אַ לענגערע צייט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס פון סעקולאַריזירונג מאַכט פריי דעם וועג פאַר אַ בעסערן און גערעכטערן סדר העולם. אונדזער גאַנצע מאָדערנע קולטור שטייט אונטערן צייכן פון שיר ניט א משיחישן גלויבן אין מענטשן און אין מענטשלעכן שכל. די השכלה איז אייגנטלעך געווען די רעליגיע פו 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט. אויך די יידישע השכלה, ווי די מאָדערנע יידישע וועלטלעכ־קייט, איז אין תוך געווען אַ פּראָטעסט קעגן דער יידישער קולטור־ירושה.

דער אַני מאמין פון אַט־דער וועלטלעכער פילאָסאָפיע איז געווען — דער מענטש איז גוט און עס איז נאָר נויטיק צו באַזייטיקן די דרויסנדיקע שטערונגען, כדי די גוטע מידות און די מעלות פון דעם מענטשן זאָלן קומען צום פולן אויסדרוק. דערפאַר איז נויטיק צו "באַפרייען" דעם מענטשן פון אַלע "קייטן" פון טראַדיציע, וואָס האָבן אים דערשטיקט זיינע בעסטע געפילן און אַספּיראַציעס.

די אידעע, אַז דער מענטש איז בטבע כלו יצר טוב, האָט ממילא קאָנצענטרירט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון אונדזערע סאָציאַלע דענקער און רעפאָרמער אויף די טעכנישע און אָרגאַניזאַטאָרישע דעפעקטן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. די צענטראַלע אויפגאַבע, וואָס די פּראָגרעסיווע כוחות אין אונדזער מערבדיקער קולטור־וועלט האָבן זיך געשטעלט, איז ממילא געווען ניט צו ענדערן דעם מענטשן, נאָר צו ענדערן די וועלט. און דאָס האָט געמיינט בעיקר — פּראָגרעס פון דער טעכניק און רעפאָרמען אין דעם סיסטעם פון דער מלוכה און אין דער

אָרגאַניזאַציע פון דערווירטשאַפט. די טעכנישע אַנטוויקלונג פון אַ לאַנד און די פאַרשפרייטונג פון דער נעץ פון בילדונגס־אינסטיטוציעס איז פאַר אונדז געוואָרן דער איינציקער מעסטער פון פראָגרעס. וואָס איז דער חידוש, וואָס די ייִדישע רעליגיעז־עטישע פילאָזאָפיע איז וואָס ווייטער אַלץ מער באַטראַכט געוואָרן ווי אַ אַבן נגף אויפן וועג צום מענטשלעכן פראָגרעס. דעם קלאַסישן אויסדרוק האָט די דאָזיקע "וועלטלעכע" פילאָזאָפיע געפונען אין דייטשלאַנד, ווו סיי די ראַדיקאַלן פון רעכטס און סיי די ראַדיקאַלן פון לינקס האָבן זיך אנטשיידנדיק אָפּגעטרייסלט פון דער ביבליש־ייִדישער טראַדיציע. דאָס איז געוואָרן מעגלעך דערפאַר, ווייל דייטשלאַנד איז בכלל געווען אַם ווייניקסטן באַאיינפלוסט פון די ביבליש־ייִדישע קולטור־ווערטן. אין דעם פרט האָט דער לוטעראַנישער פּראָטעסטאַנטיזם געשפּילט אַ פאַטאַלע ראָל. דער דייטשישער פּראָטעסטאַנטיזם איז געווען יענע ריכטונג אין קריסטנטום, וואָס האָט אַם מייסטן זיך עמאַנציפּירט פון דער תנ"כישער און פרושישער מאָראַל. עס איז דערביי באַזונדערס וויכטיק צו באַמערקן, אַז אין קאַלוויניסטישן פּראָטעסטאַנטיזם, וואָס האָט בעיקר באַאיינפלוסט די אַנגלאָ־סאַקסישע וועלט, שפּילט דער ייִדישער עלעמענט גאָר ניט אין אַן ערך אַ גרעסערע ראָל. ניט אומזיסט האָט מען די ענגלישע פּוריטאַנער אָפט קריטיקירט פאַר זייערע "ייִדישע" דרכים, פאַר זייערע שטרענגע פאָדערונגען אָפּצוהיטן די פאַרשיידנסטע רעליגיעזע געבאָטן און פאַרבאָטן, און פאַר זייער "ייִדישן" צוגאַנג צום לעבן בכלל.

ווי קומט עס, פרעגט זיך, וואָס גראָד אין דייטשלאַנד, דעם לאַנד פון די דיכטער און דענקער, דעם לאַנד פון דער העכסטער טעכניק, דעם לאַנד פון די בעסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, פון וואַנען עס איז אַגב צו אונדז אויך געקומען די ייִדישע השכלה, האָט די עבודה זרה פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם געפונען אַזאַ שטאַרקן אָפּקלאַנג? אפשר לאָזט זיך עס דערקלערן מיט דעם, וואָס דאָ האָט מען גראָד אויפן גרינדלעכסטן אופן עלימינירט די "ייִדישע" באַשטאַנדטיילן פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע? אפשר איז אין היטלערס קאַמף קעגן דעם "ייִדישן גייסט" פאַראַן אַ טיפערער זינען, ווי מיר האָבן עס זיך אַליין פאָרגעשטעלט?

די פראַגע — וואָס איז ייִדישקייט? אָדער אפשר וועט זיין בעסער צו פאָרמולירן עס: וואָס איז דער זינען און דער ווערט פון ייִדישקייט פאַר אונדזער מאָדערנער וועלט? — האָט, ווי מיר זעען, גאָר אַ גרויסן אינטערעס אויך פאַר דער ניט־ייִדישער וועלט. און עס איז געקומען די צייט צו באַטראַכטן די דאָזיקע פראַגע ניט נאָר אין איר ריין ייִדיש־נאַציאָנאַלן, נאָר אויך אין איר אַלגעמיין מענטשלעכן אַספּעקט. וואָרעם אויב ייִדישקייט האָט אַן אַלגעמיין מענטשלעכן ווערט, דאַן האָט עס על אחת כמה וכמה אַ ווערט פאַר אונדז ייִדן.

אויך ערנסטע ניט־ייִדישע דענקער האָבן זיך לעצטנס אָנגעהויבן מער צו פאַרטראַכטן איבער דער פּראָבלעם, איבער דער פראַגע וועגן דער ראָל פון רעליגיע, און קודם כל פון דער רעליגיע פון די נביאים און די פרושים, פאַר אונדזער מאָדערנער ציוויליזאַציע. איז אפשר געקומען די צייט אַוועקצושטעלן אויפן ערשטן פּלאַץ ניט די פּראָבלעמען פון טעכניק און מלוכה־אָרגאַניזאַציע,

נאָר די פּראָבלעם וועגן די פליכטן פון דעם יחיד און דעם מאָראַלישן סדר פון דער וועלט? אויב יאָ, דאַן הייסט עס, אַז מיר מוזן זיך ווידער אומקערן אין דער אָדער יענער פאָרם צו די ביבליש־יידישע טראַדיציעס.

די גרונט־אידעע פון יידישקייט באַשטייט אין דעם, וואָס זי שטעלט באַזונדערס גרויסע פאָדערונגען צום יחיד, וואָס זי וויל בשום אופן ניט באַפרייען דעם איינצלנעם פון דער מאָראַלישער אַחריות פאַר זיינע מעשים. דאָס איז דער זינען פון מאָנאָטעיזם, פון דער פאָדערונג "לא יהיה לך אלהים אחרים". קיין שום מענטשלעכע אינסטיטוציע און קיין שום מענטשלעכע אויטאָריטעט קען ניט און טאָר ניט פאָדערן פון דעם יחיד זיך אָפּצוזאָגן פון זיין גלויבן און האַנדלען קעגן זיין מענטשלעכן געוויסן. די עבודה זרה פון דער מלוכה־דיקטאַטור איז מחמת דעם גאָר אָפּט די צווייטע זייט פון דער מטבע פון דעם אָפּזאָגן זיך פון דעם יידישן מאָנאָטעיסטישן געדאַנק. יידישקייט האָט געלערנט ניט נאָר די דעמאָקראַטיע פון רעכט, נאָר אויך די דעמאָקראַטיע פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער פּרינציפּ פון "כי כל העדה כלם קדושים ובתוכם ה׳", וואָס איז לכתחילה געווען בלויז אַ פאָדערונג פון בונטאַרן, איז שפּעטער געוואָרן דער עיקר כל העיקרים פון דער תורה פון די פּרושים. עס קען גאָר ניט געמאָלט זיין קיין עכטע דעמאָקראַטיע אויב דער יחיד ווערט ניט כסדר דערצויגן אין דעם גייסט, אַז קיינער קען אים ניט באַפרייען פון דער אַחריות פאַר זיינע מעשים. עס איז געווען דורך און דורך אַ "יידישער" אַרגומענט, ווען מאַרטין ניעמעלער, דער פירער פון דער אַנטי־היטלער אָפּאָזיציע אין דער פּראָטעסטאַנטישער קירך, איז, להיפוך צום נאַצישן פירער־קולט, אַרויס מיטן לאָזונג "גאָט איז מיין פירער". ליידער האָט דער דאָזיקער רוף אין דייטשלאַנד קיין שום אָפּקלאַנג ניט געפונען. די וועלט וואָלט היינט זיכער גאָר אַנדערש אויסגעזען, ווען אַ באַדייטנדיקער טייל פון דייטשישן פאָלק וואָלט געווען גרייט צו ברענגען קרבנות לפחות פאַר יענעם טייל פון דער ביבליש־יידישער ירושה, וואָס איז אויך אָקצעפּטירט געוואָרן פון דער קריסטלעכער וועלט.

דערציען דעם מענטשן צו אַחריות — דאָס איז דער זינען פון דער יידישער תורה און פון דער פּרושישער הלכה, דאָס איז דער זינען פון דער מצוות־יידישקייט. דער עיקר פון "כי כל העדה כלם קדושים" מיינט, אַז יעדער יחיד קען מיט זיינע מעשים ראַטעווען די וועלט אָדער חס וחלילה מעכב זיין די גאולה. דערפון נעמט זיך יענער טיף־ערנסטער יידישער צוגאַנג צום לעבן בכלל און לגבי די פליכטן פון דעם יחיד בפרט. דערמיט איז ווייטער פאַרבונדן די אידעע פון "כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא". מען פאַרזעט ביי אונדז אָפּט דעם אמת, אַז מענטשן קריגן זיך מער פאַר עולם הבא ווי פאַר עולם הזה, פאַר מאַכט און כבוד מערער ווי פאַר געלט און גשמיותדיקע פאַרגעניגענס. אין אונדזערע שטעט און שטעטלעך אין דער אַלטער היים פלעגן דאָס רוב מחלוקתן זיך פירן אַרום גבאות און עליות. און דאָס איז אַגב אין דער אָדער יענער פאָרם אויך ריכטיק בנוגע דער גרויסער וועלט. אַפילו פעלקער פירן גיכער מלחמות צוליב מאַכט און פּרעסטיזש־אַמביציעס

ווי צוליב עקאנאמישע אינטערעסן. די עקאנאמישע פראגע איז אוודאי געוואלטיק וויכטיק. עס וואלט אבער געווען די גרעסטע סכנה פאר אונדזער גאנצער מאָדער־נער קולטור צוליב דעם צו פארזען אלע אנדערע כוחות, וואס ווירקן אין לעבן פון יחיד און אין לעבן פון כלל און וואס זיינען עלול צו ברענגען צו די שווערסטע קאנפליקטן און קריזיסן. עס איז ווייניק צו באזארגן דעם מענטשן מיט ברויט צום לעבן, מען מוז אים אויך העלפן צו געפינען דעם זינען פון לעבן. אט דעם זינען פון לעבן געפינט דער מענטש אין זיין פארבינדונג מיט דער אייביקייט, אין זיין באהעפטונג מיטן אין סוף. אט די בענקענעש און זוכענעש נאך אייביקייט, וואס איז גארניט אין אן ערך רעאלער ווי א סך פון אונדזערע עולם הזהדיקע "רעאליטעטן", ליגט אין יסוד פון דער פאמיליע, פון דער נאציאנאלער קולטור און פון רעליגיעזן גלויבן. די פארלייקענונג פון די העכסטע רעליגיעזע ווערטן פירט מחמת דעם אומפארמיידלעך צו א געוואלטיקער פארשטארקונג פון די פערזענלעכע און נאציאנאלע אמביציעס און גאר אפט צו דער עבודה זרה פון נאציאנאליזם.

די גרויסע אידעע פון יידישקייט באשטייט אין דער דעמאקראטיזירונג פון די העכסטע סאמע געלייטערטסטע אויסדרוקן פון גייסטיקן לעבן. הייליקן דאס לעבן און הייליקן דעם מענטשן, ווארום אלע זיינען הייליק! (כי כל העדה כלם קדושים). א קלאסישן אויסדרוק האט די יידישע דעמאקראטיע געפונען אין דער אינסטיטוציע פון מנין. זיצן ניין יידן לומדים און זיי קענען ניט דאווגען בציבור, קומט אריין א פראסטער ייד, א בעל עגלה, א וואסערטרעגער, א צענטער צום מנין — איז די שכינה געקומען מיט אים און מען קען שוין דאווגען בציבור. יעדער ייד קען זיין א צענטער צום מנין, יעדער ייד קען מיטברענגען די שכינה — דאס איז דער זינען פון יידישקייט.

יידישקייט ביחידות און יידישקייט בציבור

(דעמאקראטיע אין קהילה־לעבן)

אויף דריי זיילן האלט זיך יידיש לעבן: אויף דער יידישער היים, אויף דער יידישער עדה און אויף דער יידישער גאס, און אט די דריי זיילן ווידער רוען אויף א סיסטעם פון מינהגים, אידעען און מידות, וואס מיר באצייכענען געווינט־לעך מיטן נאמען יידישקייט.

אין הסכם מיט דעם האבן מיר דריי צווייגן יידישקייט: די בית־מדרש־יידישקייט, וואס איז פארבונדן מיטן לעבן פון דער יידישער עדה, דער יידישער געמיינשאפט; די גאס־יידישקייט, וואס איז א פראדוקט פון יידישער קאנצענטראציע, פון יידישן מאסן־לעבן און האט אפילו אפט געוויסע עקאנאמישע פונקציעס; און אחרון אחרון חביב — יידישקייט אין דער היים.

עס זיינען געווען צייטן אין דער יידישער געשיכטע, ווען די יידישע גאס,

דער במקום פון דער יידישער טעריטאָריע, האָט געשפּילט לפי ערך גאָר אַ באַשיידענע ראָל אין יידישן לעבן. ניט אַלע מאָל האָבן יידן געלעבט קאָנצענטרירט אין גרויסע מאַסן. געווען אַ סך קהילות, וואָס האָבן געהאַט גאָר אַ קליינע צאָל יידישע משפּחות; ניט זעלטן פלעגט אַ יידישע פאַמיליע פאַרברענגען אַ גאַנץ לעבן אין אַ פרעמדער סביבה, ווי, למשל, די משפּחות פון די יידישע ישובניקעס אין די דערפער פון פּוילן און רוסלאַנד. יידיש לעבן האָט זיך דאָ געהאַלטן בעיקר אויף דער יידישער היים. די פאַרבינדונגען מיט דער יידישער עדה זיינען שוין געווען שוואַכער, ווארום אַ סך ישובניקעס פלעגן אפילו שבת און יום טוב ניט אַלע מאָל האָבן די געלעגנהייט צו דאַווענען מיט אַ מנין.

אין אונדזער מאָדערנעם יידישן לעבן, פאַרקערט, האָט די יידישע גאַס פאַר־נומען דעם צענטראַלן פּלאַץ. די יידישע שטעטל אין דער אַלטער היים איז געווען כמו אַ יידישע מלוכה, און דער שטעטלשער מאַרק איז אָפט געווען כמעט אַזוי יידיש ווי דער בית מדרש. די קאָנצענטראַציע פון גרויסע יידישע מאַסן אין די מיטעלערע און גרעסערע שטעט פון דער אַלטער און נייער היים האָט נאָך פאַרשטאַרקט דעם דאָזיקן מאַסן־אַספּעקט פון יידישן לעבן. מען האָט שוין ביי אונדז אָנגעוויזן, אַז אויב אין דער השכלה צייט האָט מען פאָרמולירט דעם כלל "זיי אַ ייד אין דער היים און אַ מענטש אין גאַס", האָט מען אין אונדזער מאָדערנער וועלט ניט זעלטן באַגעגנט מענטשן, וואָס זיינען געווען הייסע יידן אין גאַס און גויים ביי זיך אין דער היים. די גאַס־ און מאַסן־יידישקייט האָט באַזונדערס באַהערשט אונדזער יידיש־ראַדיקאַלע וועלט. דאָס האָט געהאַט לכתחילה אַ סך פּאָזיטיווע מאָמענטן, אָבער מיט דער צייט האָבן די חסרונות פון די מעכאַנישע פאָרמען פון דער מאַסנקולטור ווייט איבערגעוואויגן אירע מעלות.

עס איז פאַראַן גאָר אַ גרויסער חילוק צווישן פאָלקסקולטור און מאַסנקולטור. אין דער פאָלקסקולטור איז דער פּשוטער פאָלקסמענטש ניט נאָר אַ קאָנסומענט, ער איז אויך אַ שותף אין דעם פּראָצעס פון יצירה פון דער קולטור. די מאַסנקולטור אָקעגן איז על פּי רוב, ניט געקוקט אויף די בעסטע כוונות פון די פּרעדיקער פון מאַסנקולטור, נאָר אַ קולטור פאַר די מאַסן. עס זיינען, נאַטירלעך, פאַראַן אויסנאַמען, אָבער זיי ענדערן ניט דעם כלל.

אונטערן איינפלוס פון די אַלגעמיינע פילאָזאָפישע אידעען, וואָס האָבן געהערשט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, האָבן מיר אויך אין יידישן לעבן געלייגט צו פיל ווערט אויף עקאָנאָמישע און אָרגאַניזאַטאָרישע מאָמענטן. עס וואָלט דערפאַר געווען דער גרעסטער טעות, ווען מען זאָל דעם ענין וועגן דעמאָקראַטיזירן דאָס יידישע קהילה־לעבן אָוועקשטעלן בלויז ווי אַ פּראָבלעם פון אָרגאַניזאַציע. די פראַגע, וואָס שטייט פאַר אונדז היינט איז, דוכט מיר, ניט: ווי דאַרף מען דעמאָקראַטיזירן יידישע קהילות, נאָר: ווי געפינען מיר צוריק דעם וועג צו אַ דעמאָקראַטישער עכטער פאָלקסיידישקייט. מיר טאָרן איצט ניט איבערחזרן דעם טעות, וואָס מיר האָבן געמאַכט מיט אַ דור צוריק,

ווען מיר האָבן געפירט אַזאַ הייסע קנאַישע מלחמה פאַר יידיש אָדער העברעיש און מיר האָבן פאַרגעסן זיך צו פרעגען צוליב וואָס יידיש ? צוליב וואָס העברעיש ? אונדזער גאַנצע סיסטעם פון דערציונג איז געשטעלט געוואָרן אין דינסט פון אַ יידישן לשון און ניט פון אַ יידישן אינהאַלט. און אַט די עבודה זרה פון לשון איז א שיין ביסל שולדיק אין דעם שווערן גייסטיקן און מאָראַלישן קריזיס פון אונדזער יידישער וועלט. דאָס טאָרן מיר אויך איצט ניט פאַרגעסן, ווען מיר ריידן וועגן דעמאָקראַטישע יידישע קהילות.

דעמאָקראַטיע איז ניט בלויז אַ פּראָבלעם פון קאָנסטיטוציע און אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן אַ היפּש ביסל דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, ווו די רעכט פון די מיטגלידער זיינען, לכל הפחות קאָנסטיטוציאָנעל, באַזאָרגט אויפן בעסטן אופן. דאָס איז פונדעסטוועגן ווייט ניט געווען קיין סגולה אַפּצוהיטן באמת דעם פאָלקסטימלעכן און דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון דער געגעבענער אינסטי־טוציע. אונדזערע אַמאָליקע שתדלנים און גבאים, וועלכע מיר האָבן אַפּט אַזוי שאַרף קריטיקירט, וואָלטן אין הלכות דיקטאַטור אַפּט געמעגט גיין אין חדר ביי אַ סך פון אונדזערע דעמאָקראַטישע פירער.

דעמאָקראַטיע איז בלויז אַ פאָרם פונקט ווי שפּראַך איז ניט דער עיקר נאָר אַ אינסטרומענט. מען קען ניט קעמפן בלויז פאַר דעמאָקראַטישע קהילות, מען מוז זיך קודם כל אָפּגעבן אַ חשבון וועגן דעם אינהאַלט, כאַראַקטער און אויפגאַבן פון די קהילות. די געשיכטע לערנט אונדז, אגב, אַז עס קען אפילו געמאָלט זיין אַ פאָלקסטימלעכע, דעמאָקראַטישע יידישקייט אָן דעמאָקראַטישע יידישע קהילות. די זיכערסטע גאַראַנטיע פאַר אמתער דעמאָקראַטיע איז אַ גרויסע הייליקע אידעע. גרויסע אידעישע באַוועגונגען זיינען אָפּט געווען דעמאָקראַטיש, הגם זיי זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון קערפּערשאַפטן, וואָס זיינען ניט אויסגעקליבן געוואָרן לויט די כללים פון דעמאָקראַטיע. פאַרקערט, באַגעגענען מיר אָפּט פאַלן, ווען דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פאַרלירן זייער דעמאָקראַטישן כאַראַקטער טאַקע צוליב דעם, וואָס זיי האָבן שוין פריער פאַרלוירן זייער גלויבן, זייער נשמה.

די גבאים אין אונדזערע אַלטע יידישע בתי מדרשים זיינען אוודאי ניט געקליבן געוואָרן לויט די כללים פון מאָדערנער דעמאָקראַטיע. אין בית מדרש גופא האָבן זיך אָפּט געוואָרפן אין די אויגן גראָד יענע דערשיינונגען וואָס זיינען דער היפוך פון דעמאָקראַטיע : די מזרח־וואַנט פון איין זייט, די עזרת נשים פון דער צווייטער זייט. אויך ביי דער פאַרטיילונג פון עליות און כיבודים האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער אונטערשייד צווישן אָרעם און רייך, צווישן למדן און עם הארץ. און פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אויף אַט די אַלע חסרונות, וואָס מיר טאָרן געוויס ניט פאַרגעסן, איז דער בית מדרש ווי אַן אינסטיטוציע געווען און געבליבן די העכסטע דערגרייכונג פון דעם אידעאַל פון דעמאָקראַטיע.

דער יסוד פון דער בית־מדרש דעמאָקראַטיע האָט געווען אויפן פּרינציפּ פון מנין. אַ יידישע עדה דאַרף האָבן צען מענטשן. צען יידן וואָס דאַווענען צוזאַמען אָדער זיצן און לערנען תורה, רוט די שכינה צווישן זיי (שכינה שרויה ביניהם),

דאַוונען בציבור, זאָגן ברכו, קדושה און קדיש קען מען דערפאַר נאָר מיט אַ מנין. עס איז אָבער אבסאָלוט ניטאָ קיין חילוק וועך די צען יידן זיינען. ניין רבנים זיינען ניט קיין עדה און קענען ניט דאַוונען בציבור, אָבער צען וואַסערטרעגער זיינען אַ מנין און די שכינה רוט צווישן זיי. דער צווייטער וויכטיקער מאָמענט איז געווען טאַקע דער פאַקט, וואָס דער פשוטער ייד איז געקומען אין בית מדרש און ממילא האָט ער אויף דעם אָדער יענעם אופן געפונען אַ וועג ווי צו ברענגען צום אויסדרוק זיין ווילן און זיין פאַרלאַנג.

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע אינסטיטוציעס פון דער בית־מדרש־דעמאָק־ראַטיע איז געווען דער מנהג פון עיכוב הקריאה, ניט לאָזן לייענען די תורה. מיט דעם מיטל האָבן זיך באַדינט די אָרעמערע און שוואַכערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, באַזונדערס אָרעמע פרויען. יעדערער, וואָס איז נענטער באַקאַנט מיטן יידישן לעבן אין דער אַלטער היים, האָט פאַר זיינע אויגן אַזעלכע בילדער ווי אַ פשוטער אָרעמער ייד אָדער אַ באַוואַלטע אלמנה שטעלט זיך פאַרן ארון קודש און לאָזט ניט ״אויסנעמען״ ביז וואַנען קהל וועט זיך ניט אַריינמישן. אָפט פלעגט דער רב זיך באַנוצן מיטן מיטל פון עיכוב הקריאה, כדי צו צווינגען די רייכערע בעלי בתים צו געבן מער צדקה אָדער צו שאַפן געוויסע נויטיקע צדקה־אינסטיטוציעס. געווען אויך פאַלן, ווען אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט טענות צו זייערע בעלי בתים פלעגן קומען אין בית מדרש און ניט לאָזן ״אויסנעמען״. פון אַלטן יידישן לעבנסשטייגער איז אָט דער מנהג צו באַנוצן דעם בית מדרש ווי אַ פאָלקסטריבונע איבערגעגאַנגען צו דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. בעת דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1905—1906 און שפּעטער ביי פאַרשיידענע וואַל קאַמפּאַניעס פלעגט די בימה פון בית מדרש גאָר אָפט אויסגענוצט ווערן פאַר פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע.

דער בית מדרש האָט געקענט ווערן אַ פאָלקס־אינסטיטוציע צוליב אַ פשוטן טעם — ווייל דאָס פאָלק איז אַהין געקומען. דער מיטל פון עיכוב הקריאה וואָלט געהאַט גאָר אַ קנאַפּע פעולה אין אונדזער צייט, ווען מען קען זיך שוין באַגיין אָן תפילה און אָן קריאת התורה. אמתע דעמאָקראַטיע פאָדערט אַ כסדרדיקע אַקטיווע באַטייליקונג פון פאָלקס־מענטשן אין עפנטלעכן לעבן. דאָס איז גילטיק בנוגע דעמאָקראַטיע בכלל און דאָס איז נאָך מער ריכטיק בנוגע יידישע דעמאָקראַטיע.

צען יידן אין בית מדרש זיינען אַן עדה, אַ געמיינשאַפט: טויזנט יידן אויף אַ פאַרזאַמלונג אָדער אַפילו אין טעאַטער זיינען ניט מער ווי טויזנט איינצלנע יידן, וואָס האָבן איינע מיט די אַנדערע ניט קיין גרויסע שייכות. די עדה איז אַן אָרגאַנישע איינהייט, די מאַסע איז אַ צופעליקער קאָנגלאָמעראַט פון אַ גרעסערער אָדער קלענערער צאָל מענטשן. דער פירער פון דער עדה, ניט נאָר דער אַלטער רב, נאָר אַפילו דער מאָדערנער ראַבאַי, האָט אַ פערזענלעכן קאָנטאַקט מיט זיין געמיינדע; דער מאָדערנער יידישער שרייבער אָדער דער פּאָליטישער פירער האָט על פּי רוב ניט קיין שום פּערזענלעכע פאַרבינדונג מיט זיינע לייענער

אָדער צוהערער. דעם ״מעמבער״ פון אַ סינאַגאָג ווערט ניט מיאוס אין משך פון יאָרן צו הערן דעמזעלביקן ראַבאַי, פּאַר אַן אינטעליגענטן יידישן מענטשן איז עס אַפּט מער ווי געגנוג צו הערן איינמאָל אין יאָר דעמזעלביקן שרייבער.

א. צעדערבוים, וואָס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער קענער פון יידישן לעבן, שרייבט אין זיין בוך ״די געהיימניסע פון בערדיטשעוו״: ״דאַוונען אָוונטס און מאָרגענס בציבור ווי ניט איז. דאָס איז איינציקע געווען וואָס האָט קליינע געמיינדן צוזאַמענגעהאַלטן. יעדע קלויז האָט זאָגאַר געמעגט האָבן אַ וואוילטעטיקע חברה, וואָס האָט געזאָרגט און געלט געגעבן צו איין נוצלעכן רעליגיעזן צוועק״. ער באַקלאָגט זיך דאָן, ווי אַ סך אַנדערע משכילים פון זיין צייט, וואָס מען גייט ווייניק דאַוונען אין די גרויסע שולן, באַזונדערס אין די מאָדערניזירטע שולן: ״דעם חסיד איז גאַנץ געגנוג אַ קלייזל, ד׳ על ד׳, מעג עס אויסזען ווי שרעקלעך, אַבי ער קען דאָרט פּלעסקען און שפּרינגען... די ליידיקגייער און פּלאַסקעדריגעס האָבן נאָר אין זינען תיקון און נסים צו דערציילן! דערצו איז נאָר מסוגל אַן ענג שטיבל. דעריבער דאַוונען חסידים קיינמאָל ניט אין קיין גרויסער שול״.

די סיבה, וואָס חסידים, און אגב אויך פרומע מתנגדים, האָבן ניט שטאַרק געהאַלטן פון די גרויסע שולן, איז אַ סך אַ טיפערע. די גרויסע שול איז געווען אַ ״קאַלטע״ שול, ניט נאָר, ווייל מען פלעגט דאָרט ווינטער ניט הייצן, נאָר אויך דערפאַר, ווייל עס האָט דאָרטן געפעלט יענע יידישע וואַרעמקייט, וואָס איז מעגלעך נאָר אין דעם בית מדרש און אין דער שטיבל. די שכינה — האָט מורא פאַר מאַסן; זי קומט גיכער אין דער קליינער יידישער עדה, אין אַ מנין, אין אַ יידישער חברה.

דער כוח פון דער יידישער עדה שטעקט דערין, וואָס זי איז פאַרבונדן מיטן יידישן יחיד, מיט דער יידישער היים און מיט דער יידישער טראַדיציע. ווען דער טראַדיציאָנעלער ייד קען ניט דאַוונען בציבור, זאָגט ער דיזעלביקע תפילות ביחידות. ער קען אויך זאָגן זיין יום תהילים אָדער לערנען דעם פּרק משניות ביי זיך אין דער היים. אַ היינטוועלטיקער ייד, וואָס קען ניט גיין אויף יידישע פאַרזאַמלונגען, געפינט ניט קיין אופן ווי מקיים צו זיין די מצווה פון יידישקייט. אין אַלטען יידישן בית מדרש האָט דער למדן געקריגן ששי און דער פּשוטער ייד האָט באַקומען רביעי און חמישי. זיינען די בעלי מלאכות אַ מאָל געווען אומצו־פרידן, האָבן זיי געמאַכט אַ מנין פאַר זיך. הייַנט קען דאָך אַ פּשוטער ייד אָפּלעבן אַ גאַנץ לעבן און אפילו די תוכחה ניט קריגן. אונדזערע דעמאָקראַטישע רעדנער און פירער נעמען דאָך צו אלע עליות, און אַ גוטער רעדנער איז רעכט, ער זאָל קריגן ששי ביים ערשטן מנין, ביים צווייטן מנין און אפילו ביים דריטן מנין.

דער קריזיס אין יידישן ציבור לעבן נעמט זיך דערפון, וואָס די גאַס־יידישקייט האָט דאָ פאַרנומען אַזאַ גרויסן פּלאַץ. אפילו אונדזערע רביים זיינען דאָ אָפּט מער פּאָליטישע רעדנער ווי גייסטיקע פירער. אַ געוויסע צייט איז, פאַרקערט, גראָד ביי די יידישע פּאַרטייען — דער עיקר אין דער אַלטער היים —

געוועןָ גאָר אַ קענטיקער עלעמענט פון אַ אידעישער, שיער ניט רעליגיעזער יידישקייט. דער וועג פון ר׳ ישראל צו כלל ישראל איז אָבער ניט קיין דירעקטער. דער ערשטער וויכטיקער עטאַפּ איז די יידישע פאַמיליע. עס איז ווייט ניט קיין צופאַל, וואָס יידישקייט איצט האַלט זיך אין אַזאַ גרויסער מאָס אויף אבילות, פון איין זייט, און בר מצווה, פון דער צווייטער זייט. יידישקייט איז אין תוך געוומען די אחריות פון דעם יחיד לגבי די פאַרגאַנגענע ווי לגבי די קומענדיקע דורות. דערפאַר, ווען דער יידישער קולטור־בנין איז זיך צעפאַלן, איז פאַרבליבן בלויז דער אויסגעטריקנטער סקעלעט פון בר מצווה און יאָרצייט יידישקייט.

אָבער גראָד דערפאַר טאָרן מיר מיט די ענינים ניט מזלזל זיין. די אויסגע־טריקענטע ביינער קענען נאָך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ כוח פון לעבן. טאַקע כדי מקיים צו זיין די מצווה פון כיבוד אב ואם נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר מוז מען האָבן אַ יידישע עדה, אַ מנין. און פּונקט אַזוי מוז מען האָבן אַ יידישע עדה, אַ מנין פאַר בר מצווה. די יידישע עדה קען זיך אָבער ניט באַנוגענען בלויז מיט רעשטלעך פון דער אַלטער יידישקייט. די פראַגע, וואָס שטייט פאַר אונדז היינט איז בכן: ווי געפינען מיר דעם וועג צו אַ באַנייטער הייליקער יידישקייט, וואָס וועט ממילא ווערן דער יסוד פאַר אַ דעמאָקראַטיש יידיש קולטור־לעבן און דעמאָקראַטישע יידישע קהילות.

דער וועג צו יידישקייט

וואָס ווילן, אייגנטלעך, די גאָט־זוכער? וואָס פאַרלאַנגען פון אונדז די בעלי־תשובה? ווי קען מען ביי היינטיקן טאָג גאָר קומען מיט טענות צום פאָלק ישראל? אַזעלכע און ענלעכע פראַגן קומט אונדז אָפּט אויס צו הערן. און איך בין זיך מודה, אַז עס איז זייער שווער צו געבן דערויף אַ מער־ווייניקער באַפרידיקנדע תשובה. עס איז אין אונדזער טראַגישער צייט גאָרניט אַזוי פשוט צו רופן יידן זיך שלאָגן ״על חטא״; יידן וואָלטן היינט, אין די טעג פון חשבון און תשובה, גיכער געקענט קומען מיט טענות צום רבונו של עולם. האָבן מיר דען געזינדיקט מערער ווי אַנדערע, ווי אַנדערע פעלקער, וואָס אויף אונדז האָט זיך אויסגעגאָסן דער גאַנצער צאָרן פון דער השגחה? מיר האָבן אַ סך מער רעכט צו קומען מיט טענות קעגן דעם סדר העולם ווי איוב בשעתו, וואָרים מיר זיינען נאָך ווייניקער שולדיק און זיינען אַ סך מער באַשטראָפט געוואָרן. אויב דער נביא ירמיה האָט גערופן דעם רבונו של עולם צו אַ משפט, און אויב דער נביא חבקוק האָט פאַרלאַנגט פון גאָט אַן ענטפער אויף זיינע טענות, מעגן יידן היינט אַוודאי האָבן אַ דין־תורה מיט דער וועלט און מיט דער השגחה. איז טאַקע לית דין ולית דיין? ניטאָ מער קיין ריכטער און ניטאָ קיין גערעכטיקייט אויף אונדזער זינדיקער ערד?

דאָס זיינען האַרבע טענות און גערעכטע טענות. און קיין צופרידנשטעלנדיקן

ענטפער וועלן מיר ניט קריגן, ווי עס האָבן אויך ניט געקראָגן אונדזערע אַלטע נביאים אין זייערע וויכוחים מיט דער השגחה. און דאָך איז תשובה און חשבון הנפש דער ריכטיקער וועג און דער איינציקער וועג פאַר אונדז יידן און פאַר דער וועלט בכלל.

דער וועג פון דעם מאָדערנעם יידן צו יידישקייט איז אַ שווערער וועג. מיר זיינען ניט אין דער גליקלעכער סיטואַציע פון די פריערדיקע דורות מיט זייער תמימותדיק שטאַרקן גלויבן. מיר פּרוּוון זיך דערשלאָגן צו אַ נייעם נוסח פון אַ מער ראַפינירטער און אפשר אפילו מער געלייטערטער אמונה דורך ספקות, דורך ניט־פאַרענטפערטע ספקות. אָבער דאָס איז דאָך אין תוך גענומען אויך געווען דער וועג פון די נביאים, וועלכע זיינען אפשר געווען די ערשטע צווייפלער און זוכער! דאָס איז בכל אופן געווען דער וועג פון דעם דיכטער פון דער איוב־געשיכטע.

עס איז אַחוץ דעם פאַראַן נאָך אַ חשבון — דער חשבון מיט זיך אַליין. און דאָס איז שייך אַלעמען. די יידן וואָס זיינען ניצול געוואָרן, און קודם־כל די יידן אין אַמעריקע. מיר, די גליקלעכע, האָבן שוין יאָ פאַרוואָס זיך צו שלאָגן על־חטא; מיר האָבן יאָ געזינדיקט, סיי לגבי דעם יידישן כלל, סיי לגבי אונדזערע ברידער אין איירָאָפּע.

די גאַנצע וועלט איז סאַמע אמונה — זאָגט יוחנן מלמד ביי פּרצן — און קען דען אַנדערש זיין?...

— נישט מער, נאָר וואָס יעדערער האָט זיך זיין רבין, זיין אמונה, כמעט — זיין עבודה־זרה׳לע!...

— איך האָב אפילו די העזה צו זאָגן — טענעט ווייטער יוחנן מלמד — אַז צווישן דעם גאַנצן עולם משכילים איז נישטאָ איינער, וואָס זאָל האָבן זיין אייגענעם שגיט, וואָס זאָל האָבן זיין אייגענע שיטה, זיין אייגענעם דרך... די גאַנצע חברה משכילים זיינען ניט ווערט, זאָג איך אייך, קיין אויסגעבלאָזן איי! זיי זיינען אויך חסידים, נאָר אַנדערע חסידים! זיי גלויבן אין זייער רבין! און זיי הענגען אין זייער גדול־הדור, פּונקט ווי מיר אין אונדזער גדול־הדור! —

יוחנן מלמד איז ווייט ניט געווען אַזוי אומגערעכט, ווי עס ווייזט אפשר אויס אַ סך פון אונדזערע היינטיקע משכילים; וואָס איז שייך אונדז, יידן, זיינען אפשר פאַראַן יידישע אפּיקורסים, עס זיינען אָבער ניטאָ קיין אפּיקורסים יידן. אַ ייד מוז זיין אַ מאמין! אָן אמונה, אָן שטאַרקע אמונה, קען ניט געמאָלט זיין קיין יידיש לעבן...

עס קען אָבער זיין אמתע אמונה, געלייטערטע אמונה, און, להבדיל, דער גלויבן אין עבודה זרה. דאָס איז די פּראָבלעם פון אונדזער צייט...

...די פראַגע איז ניט משה אָדער דאַרווין! די דאָזיקע אַלטערנאַטיוו איז געווען פאַלש, דערצו נאָך פּרימיטיוו און אויבערפלעכלעך פאָרמולירט, שוין דעמאָלט ווען פּראָפּ. דאדעל האָט זיין בראָשור געשריבן. גיבן זיך דען אָפּ מענטשן

אַ חשבון וועגן דעם, אַז דער גאַנצער כלומרשט פילאָזאָפישער פילפּול וועגן משה און דאַרווין איז ניט מער ווי בטלנות? וואָס זאָגט, למשל, דאַרווין וועגן די עשרת הדברות, וועגן לא תרצח און לא תגנוב און לא תחמוד? וואָס לערנט אונדז, אַ שטייגער, די "נאַטורוויסנשאַפטלעכע" וועלט־אַנשויונג וועגן דעמאָקראַטיע, גערעכטיקייט וכדומה? די גאַנצע אַנטקעגנשטעלונג פון רעליגיע אָדער וויסנשאַפט, שׂכל אָדער אמונה, האָט ניט קיין שום יסוד. די אמתע אַלטערנאַטיוו איז, לײַדער — משה אָדער, חס ושלום, להבדיל אלפי הבדלות היטלער ימח שמו! די פראַגע איז: געלײַטערטע אמונה, ווי דאָס איז געלערנט געוואָרן פון משה און די נביאים, אָדער די פּרימיטיווע עבודה זרה לויטן נאַציסטישן נוסח מיט דער פאַרהייליקונג פון די ווילדסטע אינסטינקטן פון דער אור־חיה, וואָס לעבט נאָך אין מענטשן, אין נאָמען פון דער נאַטור?...

אויב מיר האָבן נאָך ניט פאַרלאָרן אונדזער אמונה אין אַ גליקלעכערער און אַ בעסערער וועלט, איז עס נאָר דערפאַר, ווײַל מיר פילן און גלויבן, אַז עס איז פאַראַן נאָך אַ כוח, וואָס ווירקט אין דער געשיכטע. דאָס איז דער כוח פון קדושה, וואָס איז דער מקור פון אונדזער מאָראַל און פון אַלע אונדזערע ריינסטע און לויטערסטע געפילן.

אויב דאַרווין און זײַנע תלמידים האָבן אונדז טיילווייז אַנטפּלעקט דעם סוד פונם לעבן פון די בעלי־חיים — און אויף אַ סך ענינים קוקט די מאָדערנע וויסנשאַפט הײַנט אַנדערש ווי דאַרווין בשעתו — האָט משה מיט מער ווי דרײַ טויזנט יאָר צוריק פאַר אונדז אַנטפּלעקט דעם סוד, ווי עס דאַרפן לעבן מענטשן, וואָס זײַנען באַשאַפן געוואָרן מיטן צלם אלקים אויף זייער פּנים. עס איז געווען אַ וועלט־היסטאָרישע געשעעניש, ווען משה איז געקומען צוריק קיין מצרים מיט דער געטלעכער שליחות צו באַפרייען זײַנע ברידער, די קנעכט, וואָס האָבן געזיפצט אונטערן יאָך פון פּרעה. צום ערשטן מאָל האָט זיך דער גאָט פון די שוואַכע אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט אין זײַן פולער מאַיעסטעט...

דער גורל־שווערער קולטור־מאָראַלישער קריזיס פון אונדזער צײַט באַשטייט דערין, וואָס בעת מיר זײַנען אַוועק געוואַלדיק פאָרויס אין פּרט פון באַהערשן די נאַטור, זײַנען מיר געבליבן געוואַלדיק הינטערשטעליק אין פּרט פון באַהערשן דעם מענטשן. גראָד אין אונדזער שטאָלצער "אַטאָמישער תקופה" שפּירן מיר באַזונדערס ווייטאָקדיק אונדזער מאָראַלישע שוואַכקייט. די שווערע מרה שחורה, וואָס דריקט אַזוי הײַנט צו טאָג אויף דער גאַנצער וועלט, איז דאָך די מורא פאַר אונדזער וויסן. מיר האָבן געגעסן פון עץ הדעת, אָבער מיר פילן זיך ווייט ניט גליקלעך!

עס איז ניט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אונדזער קולטור, ווען דער מענטש גייט אַרום אַ דערשראָקענער פאַר זײַן אייגענעם כוח. אונדזערע אור־עלטערן האָבן גאָר אַ סך פילאָזאָפירט וועגן דעם ווערט פון אַזעלכע דערפינדונגען, ווי די קונסט צו מאַכן פײַער, די חכמה צו שמעלצן און שמידן מעטאַלן וכדומה. איז עס געווען אַ ברכה אָדער, חס ושלום, גאָר אַ קללה פאַרן מענטשלעכן מין?

יעדע מענטשלעכע דערגרייכונג האָט איר טאָפּלטן אַספּעקט. און יעדע נייע דער־פינדונג רופט אַרויס אַ ויתרוצצו צווישן די ניצוצות פון קדושה און די קליפות פון דער טומאה. צווישן דער וועלט פון חסד און דער סטרא אחרא. אַנטפּלעקן דעם סוד פון אַטאָם איז אוודאי אַ געוואַלדיקער אויפטו, אָבער נאָך אַ גרעסערער אויפטו וועט עס זיין, אויב מיר וועלן באַוויזן צו געפינען דעם וועג ווי צו פאַרוואַנדלען דעם סוד פון אַטאָם אין אַ ברכה און ניט אין קיין קללה פאַרן מענטשלעכן מין.

דער איינציקער וועג איז — מיר מוזן דערגיין צו אַ העכערער מדרגה פון מוסר און קדושה. דאָס איז דער מוסר השכל פון דער גאַנצער געשיכטע פון אונדזער מענטשלעכער קולטור. מיר מוזן פאַרשטיין, אַז מאָראַל, עכטע און ערלעכע מאָראַל, איז ניט קיין ענין פון פּראַקטישקייט, נאָר פון הייליקייט. די יידישע אידעע האָט געפונען איר בעסטן אויסדרוק אין דער תורה פון תיקון. יעדע מצווה, וואָס דער יחיד איז מקיים, ווערט צוגערעכנט צום חשבון פון דער וועלט און אַזוי אַרום קען יעדער מענטש מיט זיינע מעשים מקרב זיין אָדער, חס ושלום, מעכב זיין די גאולה.

אין אַנבליק פון דער נייער עבודה זרה פון מלוכה, מאַכט און עולם הזה, וואָס ווערט אַלץ מער דער גלויבן פון אונדזער סעקולאַריזירטער וועלט, מוז ווידער אויפגעהויבן ווערן די פאָן פון אַ באַנייטער קולטור פון קדושה, וואָס זאָל זיין מסוגל צו דערהויבן אונדזער דור און אויסצולערנען די מענטשן צו ווערן די בעלי בתים איבער זיך און איבער זייער יצר הרע. הייליקע טעג, הייליקע פּלעצער און הייליקע מעשים — דאָס זיינען די פּאָזיציעס פון קדושה. זיי גיבן אונדז די מעגלעכקייט זיך פון צייט צו צייט צו באַפרייען פון עולם הזהדיקע זאָרגן און תאוות...

די יידישע טראַדיציע, אין דער פאָרם ווי זי איז צו אונדז דערגאַנגען, האָט אוודאי נאָך ניט דערגרייכט די מדרגה פון אַבסאָלוטער שלמות. די גאַנצע געשיכטע פון דער יידישער אמונה איז איין לאַנגע קייט פון תקנות און רעפאָרמעס, וועלכע האָבן געהאָט דעם צוועק צוצופּאַסן די טראַדיציע צו די פאָדערונגען פון דער צייט. געווען צייטן ווען דאָס פאָלק האָט אויף זיך גענומען אַלץ מער נייע מצוות, און געווען, פאַרקערט, צייטן ווען מען האָט געזוכט וועגן כדי גרינגער צו מאַכן דעם עול פון די מצוות...

מוזן מיר זיך קודם־כל היטן פון דער עקסטרעמער פאָרמולירונג — אַלץ אָדער גאָרנישט! פון זיך קען מען אוודאי פאַרלאַנגען אַלץ, אויב מען האָט נאָר דעם כוח עס מקיים צו זיין. אַנדערש איז עס מיטן ציבור. דאָ מוזן מיר זיך האַלטן ביים כלל — "אין גוזרין גזרה על הציבור אלא אם כן רוב הציבור יכולין לעמוד בה". ביי היינטיקן טאָג איז די גרעסטע מצווה זיך צו באַהעפטן מיטן כלל ישראל און אפילו אַ מאָל צווינדיקן צוזאַמען מיטן כלל ישראל. אַט איז, למשל, לחלוטין ניט קיין צביעות, ווען אפילו אַ הונדערט־פּראָצענטיקער אפיקורס וועט ראש־השנה און יום־כיפור קומען אין שול דאַווענען צוזאַמען מיט כל ישראל, כדי זיך מצרף צו זיין צום יידישן כלל. אויב פרומע יידן מעגן אָנהויבן די יום־כיפורדיקע תפילות

מיט די ווערטער: „על דעת המקום ועל דעת הקהל אנו מתירין להתפלל עם העבריינים", מעגן די בעלי־עבירות זיך אַוודאי און אַוודאי דערלויבן צו דאַווענען צוזאַמען מיט פרומע יידן. בפרט אַז עס איז היינט אַזוי שווער צו וויסן, ווער עס זיינען די עבריינים און ווער עס געהערט ניט צו די עבריינים די גאַנצע יידישע טראַדיציע, די תורה און די מצוות, זיינען פאַרן רוב פון ידישן פאָלק אין דער בחינה פון „אלו דברים שאין להם שיעור"; מיר ווייסן היינט ניט דעם שיעור פון די מצוות, מיר האָבן ניט דעם כוח מקיים צו זיין אַלץ, מיר האָבן אָבער ניט דאָס רעכט זיך צו באַפרייען פון אַלץ. יעדערער פון אונדז דאַרף זיך באַמיען מקיים צו זיין, וויפיל ער קען, און ווי ער קען. און דער עיקר מוז מען האָבן אין זינען צו זיין כסדר באַהעפט מיטן יידישן כלל, וואָס איז פאַר אונדז דער איינציקער מקור פון קדושה. מיטן ידישן כלל מיינט אויך מיט הונדערט דוורות יידן אין אַלע צייטן און אין גאַר דער וועלט. דאָס איז די כנסת ישראל. עס קענען ניט זיין קיין יידן אָן יידישקייט, עס קען אָבער אויך ניט זיין קיין יידישקייט אָן יידן. איז דערפאַר היינט, אין אונדזער שווערער צייט, די גרעסטע מצווה — צוזאַמען מיטן כלל ישראל.